STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08957

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט־טייל

מ. סטבטיין

אַ זעקסטער וועלט-טייל

ראָמאַן

פֿאַרלאַג מ. גראָהאַר
פּאַריז

1950

M. SAMBATYON: A ZEKSTER WELT-TEYL - ROMAN
UN SIXIÈME CONTINENT — A SIXTH CONTINENT

IV

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרווערט

*

ÉDITIONS GROHAR ET RUDETZKI
SOCIÉTÉ D. O. R. A. - PARIS
COPYRIGHT BY M. SAMBATYON - PARIS

הויפּט-פאַרקויף פאַר איראָפּע און ישראל:
ÉDITIONS U.P.J. - 10bis, RUE ELZÉVIR, PARIS III.

*

הילע און שער-בלאַט געצייכנט פון אַ. קאַלניק

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט
אויף פּאַפּיר HELIO, געבונדן אין לייוונט
און געחתמעט פונעם מחבר

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS-X°

פערטער באַנד:

פאַרלאָשענע שייַטערס

ערשטער טייל

קאפיטל ו

דאס ווארשעווער פענצטער האט געפינקלט מיט די געשליפענע שויבן. אויפן פערסישן טעפיך, וואס איז געווען צעשפרייט אין דער מיט פונעם צימער, האבן זיך די וונשטראלן געבאלעוועט און זיך געשפילט אין באהעלטעניש. דער טעלעפאן־אפאראט איז שיר נישט צעשפרונגען געווארן קלינגענדיק. דער גאנץ גרויסער, גרויסארטיק מעבלירטער קאבינעט האט זיך געהוידעט, געווען פול מיט קולות־שפליטערן. אבער איסאק אבראמאוויטש האט דערויף קיין מינדסטן אכט נישט געלייגט.

איסאק אבראמאוויטש שטיינבערג, דירעקטאר פון דער קיעווער ברייט צעצווייגטער האנדלס־נעץ פון „טארגסין", האט געהאלטן ארייננגעשטעקט זיינע צוויי בינטלעך לענגלעכע געקאליעטע פינגער אין דער גערדיכטער סמאלע־שווארצער שעוועליורע. פאר אים איז געלעגן צעעפנט א בייכיקער פרייז־קוראנטנבוך פון די מעבל, מאנופאקטור און צירונג־מאגאזינען פון דער טארגסין־סיסטעם. אויף זיין הויכן געווינקלטן שטערן האבן אן אויפהער זיך געכוואליעט קנייטשן. ווידער האט זיך דאס טעלעפאן־גלעקעלע צעשאטן איבערן צימער מיט א פריילעך טענצעלע. דער דירעקטאר האט ווי פריער, פון צייט צו צייט, זיך אראפגעצייכנט אין נאטיץ־ביכל אריין: אייניקע מינים פונעם פרייז־קוראנט, און דאס קלינגעריי, האט זיך געקענט דאכטן, אפילו נישט געהערט.

אין עטלעכע מינוט ארום האט זיך ווידער דערהערט א קורצער קלונג און זיך גלייך אפגעהאקט. דאן האט זיך אין קאבינעט צעגאסן א געדיכטע שטילקייט, וועלכע פלעגט נאר איבערגעריסן ווערן פון א קריץ מיט דער פען אדער פון אן אומפארזיכטיקן דראפע מיטן נאגל אין טיש־געוואנט.

מען האט נישט דרייסט אנגעקלאפט אין דער טיר. איסאק אבראמאוויטש האט צעשפרייט די צייטונג אויפן בוך און געבעטן אריינקומען. אויף דער שוועל האט זיך באוויזן די סעקרעטארן, א יונגע, א שעמעוודיקע. פון איסאק אבראמאוויטשעס שטארן קוק איז זי געווען אין פארלעגנהייט:

— איך האב אייך געשטערט?

— כ'הער אייך!

— מען האט געקלונגען... שוין דאס דריטע מאל...

— פון וואנען?

— פון אבלפארטקאם —

— וואס האבן זיי געוואלט?

— אין דריי טעג ארום וועט זיין א זיצונג וועגן די פערספעקטיוון פון אויספילן דעם פלאן אויפן דריטן קווארטאל. האבן זיי געהייסן צוגרייטן אלע נייטיקע מאטעריאלן.

— האט איר זיי געענטפערט —

— אז אלץ וועט זיין צוגעגרייט.

— ווער נאָך האָט געקלונגען?

— די טראַנספּאָרטנע קאָנטאָר פון נאַרקאָמכאָז האָט זיך אָנגעפרעגט, ווען וועט זי באַקומען די צוגעזאָגטע פינף טויזנט זעק.

— מער האָב איך גאָרנישט אויפן קאָפּ... ווער נאָך האָט געקלונגען?

— קלאַרא מאַיסיעיעוונא...

— פון דערויף האָט איר געדאַרפט אָנהייבן!

— זי האָט זיך ביי מיר אָנגעפרעגט, פאַר וואָס איר ענטפערט ניט...

— וואָס זשע האָט איר געזאָגט?

— זי וואַרט ביים טעלעפאָן אויף ענטפער...

— אַך, ליובאַ יעפימאָוונאַ, זענט איר נאָך אַ ציגל... ווער לאָזט עס אַ מענטשן וואַרטן ביים טעלעפאָן, ביז איר וועט אָפּגעבן דעם גאַנצן ראַפּאָרט... טוט מען יאָ אַזוי, האַ? וואָס שווייגט איר? גייט שוין, גייט, און שליסט איר איין מיין טעלעפאָן.

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט זיך גלייך איבערגעביטן אויפן פּנים. אַ זיס שמייכעלע האָט מילדער געמאַכט די שטרענגע קאַרבן אויף זיין ענער־גישן געזיכט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל, אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש אַרונטער און מיט אַ צעפּעסטעטער שטימע געפרעגט:

— ס'איז דו, קלאַרוסיאַ? פאַר וואָס איך האָב נישט געענטפערט? אויב איך זאָל וועלן יעדן איינעם ענטפערן, וואָלט די חתונה געדאַרפט אָפּגעלייגט ווערן נאָך אויף אַ חודש. איך בין דאָך נישט קיין נביא, אַז דו קלינגסט עס... קלאַרוניאַ, איך קען זיך אַלץ קיין עצה נישט געבן מיט די מתנות. דאָס צעטל זאַכן, וואָס מיר האָבן אין דער היים צונויפגעשטעלט, אַז מען פירט עס איבער אויף ציפערן — מאַמעלעך מיינע!... באַקומט זיך, ווייסטו וויפל? פרעג גאָרנישט! מיר קענען אָט דעם דרשה־געשאַנק אויף לאַנג האָבן צו געדענקען. וואָס, וואָס? דאָס ווייס איך אַליין... איך זאָג, דאָס ווייס איך... שאַ, ווייסטו וואָס, טייערע? קום אַרויף צו מיר... נעם אַ טאַקסי, ווייל איך אייל מיך... ניין, סעמיאָן איז נישטאָ, ער האָט זיך נאָך נישט צוריקגעקערט פון דאַרניצע. וואַרט איך, הייסט עס... גוט, גוט...

ווען איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט דערקענט קלאַרעס טריט אויפן קאָרי־דאָר, איז ער איר אַקעגנגעגאַנגען, איר געעפנט די טיר און זי צוגעכאַפּט הינטער איר. גלייך אויף דער שוועל האָט ער אַרויסגעפּאָליעט ווי אַ פאַרליבטער בחור:

— קלאַרוסיאַ, וואָס איז מיטן צוגעקלעמטן פינגער, ער טוט נאָך וויי?

— איך געדענק שוין נישט, אויף וועלכער האַנט דאָס איז געווען...

— איז דאָך גוט, אויב דו געדענקסט נישט. קעצעלע מיינס!...

איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט אַרומגעכאַפּט זיין פרוי אַרום דער טאַליע און זיך מיט איר דורכגעטאַנצט איבערן קאַבינעט.

מידע און שיינענדיקע האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין די שטולן ביים טיש. קלאַרא מאַיסיעיעוונאַ איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס צעטל

חפצים, וואָס איר מאַן האָט ביי זיך פאַרנאָטירט, איסאַק אַבראַמאָוויטש האָט נייגעריק געשפּירט נאָכן אויסדרוק פון איר פּנים. ווען זי האָט דאָס ציעטל צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש, האָט ער זי צערטלעך אָנגענומען ביי דער האַנט:

— נו, קלאַרקאַ, ביסטו צופרידן מיט מיין געשמאַק?

— אין אַלגעמיין — יאָ, אָבער עס פעלן נאָך איינציקע זאַכן... אויב גיין אַ קאָן, איז מיט אַלע קאַרטן...

אויף איסאַק אַבראַמאָוויטשעס פּנים האָט זיך פאַרקליבן אַ לייכט וואָלקנדל. שוין אַ ביסל געלאַשענער האָט ער געפרעגט:

— וואָס זשע פאַר אַ זאַכן פעלן נאָך?

— עס פעלן אין צעטל: עסלעפל און טיילעפעלעך. עס פעלן אַ פּאָר טיולענע פאַרהאַנגען, עס פעלט אַ טישלאָמפּ, עס פעלט אַ וואַנטזייגער, נאָך איינציקע קלייניקייטן...

— ליבע מיינע, ס'איז נישט אַ ביסל צו פיל?... מיר זענען דאָך... מיט אַ פּוסט בייטעלע... און אפילו אויף דערויף, וואָס איך האָב אָנגע־צייכנט, האָב איך שוין דען יאָ?

— אָט דאָס זאָג איך דאָך אויך... דו האָסט דאָך במילא דערוויל קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט, איז גאַרנישט; דאַרט, ווו דו וועסט זוכן אַזוי פיל, וועסטו שוין זוכן נאָך אַ ביסל...

— יאָ, כייקעלע־פּייקעלע, אָבער אַז מען באָרגט, דאַרף מען דאָך דער־נאָך אָפּגעבן, שענקען וועט דאָך מיר קיינער נישט...

— מען דאַרף דאָך אָבער וויסן, איציקל־שמיציקל, אַז וויערא האָט נישט אַלע מאָל התונה... ס'איז דאָך נאָר איין מאָל אין לעבן... ווער דען זאָל איר אויסשטאַטן די וווינונג, אויב נישט אַן עלטערע שוועסטער? איזיאַ אפשר, פון זיין שלאָסעריי? זיי זענען דאָך ביידע נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט... זייער גאַנצע האָפענונג איז דאָך נאָר אויף אונדז, מיר הייסן דאָך די נגידים אין דער משפּחה, אַ סימן: אַז מען האָט אַן עסק מיט אַזוי פיל געלד און דאָלאַרן... דעם אמת, אַז מיר זענען קבצנים, טאָר מען קיינעם נישט אויסזאָגן, ווייל אַלץ אײנעם וועט מען אונדז נישט גלייבן... ווי זאָגט מען אַ ווערטל: אַ קניפּ אין דער באַק, אַז די פאַרב זאָל שטיין...

— מילאַ, לעבן מיינס, מיר דאַרפסטו דאָך נישט איינרעדן, מיר וועלן שוין איינקויפן אַלץ, וואָס דו רעכנסט אויס, און זאָל דערנאָך זיין, וואָס עס וויל זיך...

— איצעלע, אפשר זאָלן מיר אָט די איבעריקע זאַכן איינקויפן ערגעץ פאַר געוויינלעך געלט, וועט קאָסטן ביליקער...

— ניין, דאָס נישט! דערויף בין איך שוין אַ פאַרשייטער קבצן... אויב שוין יאָ געבן — איז דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

— דו האָסט שוין געפּרוווט ערגעץ אַ טאָפּ טון אין וואָגן מכח קריגן דאָס געלט?

— איך האָב נאָך אין ערגעץ נישט געפּרוווט, אָבער איך האָב איינעם אויפן אויג —

— איסאַק, דו מוזסט זיין זייער פאָרזיכטיק. באַהיט גאָט, טאָמער טרעפסטו אָן אויף אַ באַרימער, וועט ער עס גלייך צעפּויקן אויף דער גאַנצער שטאָט און דאַן זענען מיר פאַרפאַלענע.

— קלאָרוסיא, פאַרלאָז זיך אויף מיר... איך ווייס אויך, ווו איין און ווו אויס... אויב מיר וועט זיך איינגעבן צו אַנטלייען ביי דעם, וואָס איך טראַכט, וועט קיין בן־אדם דערפון נישט וויסן.

— און דער, וואָס דו טראַכסט, פאַרמאָגט דען אויסצולייען אויף אַ לענגערער צייט אזא היפשע סומע?

— אָט־אָ־דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! אָט אין דעם טאַקע בין איך נישט זיכער...

— איז אפשר גאָרנישט כדאי צו פּרוּוון? נאָך וואָס זאָל אָן איבער־ריקער מענטש גאָר וויסן דערפון?

— אָט דאָס טראַכט איך טאַקע... אַ טאַפּ טון ביי אים דעם דופק, צי אויף ספק איז נישט כדאי. כאָטש אַז מען וויל ווידער צוריק, קען זיין, אַז ער פאַרמאָגט יאָ, ער האָט לעבן אונדז אין די לעצטע פאָר וואָכן פאַרדינט אַ שיינע מטבע.

— ווער איז ער, דער דאָזיקער —?

— דו קענסט אים נישט.

— נישט דאָס פרומע בחורל, וואָס האָט אייך אָוואַנסירט אויף דער מעל?

— אַך, טאַקע! כ׳האָב גאָר פאַרגעסן... דו האָסט דאָך אים געזען ביי מיר אין קאַבינעט... דער זעלבער... דער זעלבער...

— מיר איז ער זייער געפעלן. ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ העכסט אָנשטענדיקן מענטשן...

— מיט נישט קיין אָנשטענדיקע וואָלט איך נישט געגאַנגען אַזעלכע עסקים מאַכן. ער איז זייער אַ האַרציקער בחור... ווען ער איז נאָר אַ ביסל ווייניקער פאַנאַטיש...

— וואָס האָסטו געזען פון אים פאַנאַטישקייט?

— אוי, פרעג נישט, ס׳איז אַ שרעק! קיין גלעזל וויין טרינקט ער נישט — ס׳איז נסך! שבת קומט ער נישט אין געשעפט אריין, דו מעגסט אים אפילו אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד. קומט די צייט פון דאַווענען מנחה, יאָגט ער אונדז אַלע ארויס פונעם קאַבינעט און שטעלט זיך שמונה־עשרה. פון פאַרזוכן עפעס אין אַ רעסטאָראַן רעדט מען שוין נישט... אַז איך זאָג דיר פאַנאַטיש —

— און מיר, איסאַק, געפעלט ער דערפאַר נאָך בעסער... דו גיב נאָר אַ טראַכט, מען דאַרף דאָך האָבן אין זיך אַ זעלטענע שטאַרקייט נישט בטל צו ווערן פאַר קיינעם...

— נו, דאָס אודאי... עמעצער זאָגט דען אויף אים עפּעס שלעכטס? כ'האָב אים אַליין אויך ליב ס'לעבן...

— ווען זשע קענסטו אים זען? מיר האָבן דאָך אין גאַנצן צוויי טעג —

— איך האָב זיין אַדרעס, וועל איך צושיקן נאָך אים. סעמיאָן דאַרף זיך שוין באַלד אומקערן.

— ער וועט זיך נישט באַליידיקן, וואָס מען רופט אים צוליב אַזאַ זאַך? דער כּלל איז דאָך: אַז מען דאַרף צום רבין — פאָרט מען...

— ער וועט זיך נישט באַליידיקן. ער איז אַן אייגענער מענטש און אַ גוט ברודערל.

— אפשר וועט ער נאָך היינט גראָד אַליין קומען נאָך עפּעס...

— ניין. ער וועט זיכער נישט קומען. די פּראָדוקטן־קלייט איז פּוסט אין דערצו איז ער פאַרנומען, ער שרייבט עפּעס...

— וואָס שרייבט ער אַזוינס?

— ווער ווייסט אים? מן הסתם סתרי־תורה. וואָס דען קען אַזאַ סאָרט מענטש שרייבן?

— וועסטו נאָך היינט צושיקן נאָך אים?

— נישט היינט, נאָר טאָקע באַלד. אָט וועט נאָר סעמיאָן אַנלויפן מיט מיין אויטאָ. גיי אַהיים, קלאַרוסיאַ, איך וועל היינט קומען שפּעט. מען דרייט מיר אַ קאָפּ פונעם אָבלפּאַרטקאָם. כ'זאָל אַזוי וויסן פון בייז, ווי כ'ווייס, וואָס יענע ליידיקגייערס ווילן פון מיר האָבן. און פאַר נאַכט מוז איך זיך צוכאַפּן קיין וואַסילקאָוו. מען האָט דאָרט בטעות אויסגעלאָדן אונדזערע צוויי וואַגאָן קאָנסערוון. גיי, ליבע מיינע, קוש די קינדערלעך.

דער טעלעפאָן האָט זיך אויף דאָס ניי צעקלונגען. דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך ארומגענומען און קלאַראַ מאָיסייעוונאַ איז אַרויסגעגאַנגען.

קאפיטל II

מיטוואך ביי טאג איז צוגעפארן אן אויטא צו אפרים־אהרונס שטוב. שלמה האט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש און איז צוגעגאנגען צום פענצטער. פון דעם אויטא איז ארויסגעגאנגען דער שאפער פון דער טארגסין־פארוואלטונג. א פארוואונדערטער ביז גאר, האט אים שלמה געעפנט די טיר. יענער האט זיך געגריסט מיט אים און גלייך פון דער שוועל געמאלדן:

— סאלאמאן אראנאוויטש, דער דירעקטאר האט אייך זייער געבעטן מיט מיר צופארן באלד צו אים.

— עס האט עפעס געטראפן, סעמיאן?

— דאכט זיך גארנישט, קיין באזונדערס. איך ווייס נישט, צו וואס ער דארף אייך. נאר געבעטן האט ער, איר זאלט אומבאדינגט שוין צו־קומען.

שלמה האט פארשלאסן אין שופלאד דעם העפט און גענומען אויף זיך דעם מאנטל. א ביסל א צערודערטער איז ער אראפגעלאפן פון די טרעפ און האט זיך געזעצט אין אויטא.

— פיל געשעצטער סאלאמאן אראנאוויטש — האט זיך געווענדעט צו אים דער דירעקטאר, ווען שלמה האט פארמאכט הינטער זיך די טיר פון קאבינעט — אנטשולדיקט מיר, וואס איך האב געשיקט נאך אייך, ביי א געלעגנהייט וועל איך אייך אפטון א טובה.

— ע, ס'איז נישט כדאי צו רעדן דערפון, איך בין נאר זייער נייגעריק —

— די זאך באשטייט אט אין וואס: איך האב צו אייך א גרויסע ביטע, א פריוואטע ביטע.

— איר דארפט נישט קיין הקדמות, איסאק אבראמאוויטש. וואס איך וועל נאר קענען, וועל איך מיט גרויס פארגעניגן טון פאר אייך.

— מארגן אדער איבערמארגן האט חתונה מיין ווייבס א שוועסטער. איך מיט קלארא מאיסעיעוונע האבן איר צוגעזאגט אויסמעבלירן דאס נייע צימער און בכלל צונויפשטעלן דאס ביסל באלעבאטישקייט. קיין מזומן געלט האב איך צופעליק נישט אצינד. וויל איך ביי אייך אנטלייען א פריוואטן גמילות־חסד, פון צוויי הונדערט זיבעציק דאלאר. פונקט אזוי פיל באטרעפט דאס צעטל מתנות, וואס איך האב פאר אירעטוועגן צונויפגעשטעלט. זאגט דעם אמת, שעמט זיך נישט, אזא סומע איז נישט א ביסל צופיל פאר אייך?

— פאר וואס האט איר וועגן דעם גלייך נישט אנגעשריבן מיט סע־מיאנען, וואלט איך געוועזן מיטגענומען דאס געלט מיט זיך.

— א גרויסן דאנק אייך, טייערער. נאר געדענקט, איך וויל, אז עס זאל זיין — קאנספיראטיוו. אנדערש... איר פארשטייט דאך... עס פאסט נישט...

— א־הא, גוט! איך פאר שוין צו אהיים און ברענג עס אייך.

— און ביי דער ערשטער פארטיע מעל, וואס וועט נאר אנקומען, וועל איך מיך מיט אייך קוויטירן. איר קענט שלאפן רואיק.

— מיך קימערט דאָס גאַנץ ווייניק. זאָל זיין די חתונה אין אַ גוטער שעה און מיט פיל מזל.

זיי האָבן זיך פריינדלעך געדריקט די הענט, איסאַק אַבראַמאָוויטש איז געבליבן וואַרטן אויפן גלעט און שלמה איז אַרויס פונעם קאַבינעט.

ווען שלמה האָט דאָס צווייטע מאָל זיך געזעגנט מיטן דירעקטאָר, איבערלאָזנדיק אים די צוויי הונדערט זיבעציק דאָלאַר און איז אַרויס אויף דער גאַס, איז שוין געווען באַלד זעקס נאָך מיטאָג. דאָס וועטער איז געווען זייער פריש און ער האָט זיך נישט געאיילט, געלאָזט גיין צו פוס אַהיים. זיך ווידער נעמען צום שרייבן האָט זיך אים שוין היינט עפּעס נישט גע־גלוסט. גיין ערגעץ — אויך נישט. ער איז געגאַנגען מיט אַ לויז גענגעלע, נישט טראַכטנדיק וועגן קיין זאַך. אויפן ראָג פון בולוואַר שעווטשענקאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן נאָז אין נאָז מיט ניסן פייגנבוים.

— וווהין לויפסטו עס אַזוי, ניסן? דו ביסט מיר שיר נישט אַרויף אויפן קאָפּ.

— וואָס פרעגסטו אַזעלכע זאַכן? עס איז געבליבן קוים אַ האַלבע שעה צום צוג. דו האָסט דאָ נישט געזען טאַניען מיט גאָרדאָנען?

— איך האָב נישט געזען קיינעם און ווייס נישט וואָס פאַר אַ צוג.

— דער צוג קיין כאַרקאָוו. אָדעס־מאָסקווע, דורך קיעוו־כאַרקאָוו.

— ווער־זשע פאָרט דען?

— אַ שיינער קאַוואַליער, מען קען נישט זאָגן. דו ווייסט נישט, ווער עס פאָרט? רייזל פאָרט דאָך היינט אַוועק.

— אַלע דריי — קיין פּאָלטאַווע?

— ניין, היינט נאָר זי אַליין. דער מאָסקווער ברודער איז נאָך מאָנטיק ביי נאַכט אַוועקגעפאָרן, באַלד נאָכן שטעלן די מצבה. מען האָט אים טעלע־גראַפיש אַרויסגערופן. דער עלטערער ברודער דאַרף דאָ נאָך עפּעס דערליי־דיקן, וועט ער פאָרן נאָך שבת, אָבער זי מוז היינט פאָרן, ווייל דער פאָטער איז דאָרט געבליבן איינער אַליין, אַ קראַנקער מענטש, ווייסט נישט? האָסטו נישט באַגעגנט טאַניען מיט יוספן?

— ניין, איך האָב זיי נישט געזען.

— נו, איך לויף, זיי מוזן שוין זיין דאָרטן. די ליבערמאַנס מיט פריד־מאַנען שטייען שוין פון לאַנג אין דער ריי נאָך אַ בילעט.

ניסן איז אַוועק און שלמה איז געשטאַנען און האָט אים שטאַר נאָכגע־קוקט: אַך, ווי שנעל ער גייט... אַ גאַנץ פיינער בחור, אָט דער ניסן... אָט פאַר־קירעוועט ער אויף בעזאָקאָווסקע... ער וועט זיכער אין פופצן מינוט אַרום שוין זיין אויפן וואָקזאַל... און פאָרן, הייסט עס, פאָרט אַוועק רייזל, רייזל ליבערמאַן...

און עס כאַפּט אים אָן אַזאַ בענקעניש נאָך אָט דער רייזלען, נאָך אָט דער שטאָלצער אָדלערין, וואָס האָט פאַר אים אַראָפּגעלאָזט אירע פליגל. ער פילט זיך אַזוי שולדיק קעגן אָט דעם שיינעם הייליקן מלאך, קעגן אָט דער באַליידיקטער שוועסטער. ניין, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, ער מוז זי נאָך

א מאָל זען. ער וועט, פאַרשטייט זיך, נישט צוגיין נאָענט, כדי נישט צו פאַרסמען איר די לעצטע מינוטן פאַרן פאָרן, נאָר זען מוז ער זי, אַנדערש קען נישט זיין, ער וועט פון קיין רו נישט וויסן, אויב ער וועט נישט נאָך א מאָל, כאָטש נאָך איין מאָל זען רייזלען... אָט די בילד־שיינע רייזל...

שלמה פרוווט אָפּשטעלן אַן אויטאָ, אָבער ווי אויף צו להכעיס: אַלע אויטאָס זענען פאַרנומען און פאַרנומען, ווי צונויפגערעדט זיך. ער דער־נערוועוועט זיך שטאַרק: כאָטש נישט פאַרשפּעטיקן! ענדלעך שטעלט ער אָפּ א לאַסט־מאַשין, הייסט זיך צופירן צום דריטן אַריינגאַנג אויפן עק פּעראָן. ער כאַפּט א קוק אויפן פאָר־פּלאַן: אָ־אָ! ס'איז נאָך דאָ צוואַנציק מינוט ביזן אָפּגאַנג פונעם צוג. אויף גיך באַצאָלט דעם שאָפער, לאָזט ער זיך פאַרזיכטיק אויפן פּעראָן אַרויס.

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען: הרב ליבערמאַנס ברילן. די גאַנצע זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי. ער איז געשטאַנען אין א זייט און האָט עפּעס געשמועסט מיט רייזלען. איר פּנים האָט שלמה נישט געזען, זי איז געשטאַנען צו אים מיטן רוקן. ווייטער א ביסל, ביים סאַמע וואַגאָן, זענען געשטאַנען: ניסן, גאָרדאָן און מלכה פייגנבוים, ביים צווייטן פענצטער — פרידמאַן מיט טאַנין. שלמהן צו באַמערקן איז אוממעגלעך געווען. ערשטנס זענען זיי געשטאַנען היפּשלעך ווייט פון אים און צווייטנס האָט ער זיך פאַרהייעט הינטער א זייל, פאַר־שטעלט זיך דאָס פּנים מיט א צייטונג און גיי זיי א נביא, ווער דאָס איז.

די ליבערמאַנס שמועסן נאָך. וואָס שמועסן זיי אַזוי לאַנג? אָט ליגט דער ברודער אַרויף א האַנט איר אויפן אַקסל, גלעט זי איבער די האָר. שלמהן נעמט אָן ביים האַרצן: עפּעס טרייסט ער זי... ווען וועט זי זיך שוין אויסדרייען? ער וויל אומבאַדינגט זען איר געזיכט. אָ, געלויבט דער אייבערשטער, גאָרדאָן רופט אָפּ איר ברודער און רייזל דרייט זיך אויס גלייך צו אים מיטן פּנים.

א נס, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן זיך צו פאַרשטעלן, זי האָט אים לייכט געקענט באַמערקן. שלמה קוקט דורך דעם לעכל, וואָס ער האָט גע־מאַכט אין דער צייטונג, אויף רייזלס פּנים. אַך, רייזל, ליבע רייזל! וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? ווער איז שולדיק דערינען? דיין געשטאָרבענע מוטער צי איך? ניין, זי איז טאַקע שטאַרק אומעטיק, ער זעט דאָס, ער פילט דאָס. דאָס האַרץ זיינס בלוטיקט שרעקלעך.

עס גייט פאַרביי א טרעגער מיט א נומער. בליץ־שנעל לויפט דורך שלמהן א נייער געדאַנק. נישט לאַנג געקלערט רופט ער צו מיטן ווונק דעם טרעגער, גיט אים א צען־רובל־שטיק און הייסט זיך ברענגען א בילעט ביז פּאָלטאַווע.

באַקומען דעם בילעט מיטן אויסגאַב, כאַפּט ער זיך אַריין אין לעצטן וואַגאָן. „זיי" דאָרטן, שטייען ביים זעקסטן, גענוג ווייט.

צום אָפּגאַנג זענען פאַרבליבן נאָך פיר מינוט. ער זעט, ווי רייזל הייבט זיך אָן געזעגענען. זי קושט זיך מיט די מיידלעך, דריקט די הענט

די יינגלעך. צוגעקומען צום ברודער פאַלט זי אים אַרויף אויפן האַלדז. דער ברודער ווישט אָפּ די באַק, ווייזט אויס, זי וויינט אויך... אַלע נעמען דאָס אָן אויפן חשבון פון דער פרישער מצבה, אויפגערודערטע וווייטיקן... ער פאַרשטייט עס אַנדערש... זי שטייט אויפן טרעפּל, דריקט יעדן דאָס לעצטע מאָל די האַנט. אַ טרייסל, דער צוג האָט גערירט. זי שטייט אין דער אָפענער טיר, פאָכעט צו זיי מיטן טיכעלע. זיי שטייען אָפּ פון איר וואַגאָן. שלמה דרייט זיך שנעל אויס מיטן פנים אין וואַגאָן אַריין, מען זאָל אים נישט באַמערקן. עס שווימט דורך סאַלאָמינקע, דערנאָך די־מייעווקע. אָט זעט מען שוין אַרויס פעטשערסק...

דער צוג הייבט אָן גיין לאַנגזאַמער. אונטן שפּילט זיך דער דניעפּר מיט דער זון. נאָך פינף מינוט — און דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין דאַר־ניצע: דער פאַרפאַסטן פון קיעוו אויף יענער זייט דניעפּר. דער צוג שטייט דאָ צוויי מינוט. שלמה באַווייזט אַראָפּצושפּרינגען פון די טרעפּלעך און ווען דער צוג גייט שוין, שפּרינגט ער אַרויף אויף דעם גאַניקל פון דעם זעקסטן וואַגאָן. ער אָטעמט אָפּ פונעם לויפן, נעמט זיך אָן מיט מוט, גרייט צו אַ פאַרטיק שמייכעלע אויף די ליפּן און עפנט די טיר אין וואַגאָן אַריין.

איין קופּע, די צווייטע, די דריטע: רייזל זיצט ביים סאַמע פענצטער און קוקט טרויעריק אַרויס אויף די פאַרנאַכטיקע גרינע פעלדער. זי באַ־מערקט אים נישט. אין קופּע זיצט נאָך אַן אַלט פּאָרפאָלק און אַ מיליטער־מאַן. שלמה אַנטשולדיקט זיך פאַר זיי און פאַרנעמט אַן אָרט לעבן רייזלען. ביי איר פון דער טאַש שטעקט אַרויס אַ פרישער זשורנאַל.

— איר וועט נישט דערלויבן איבערצוקוקן?

קאפיטל III

רייזל דרייט אוים דאָס פּנים פון פענצטער, גיט זיך אַ כאַפּ ביים הארצן, לאָזט שיר נישט אַרוים קיין געשריי פאַר איבערראַשונג. נאָר שלמה לייגט ווייך אַרויף זיין האַנט אויף אירער און זאָגט בעטנדיק:

— באַרואיקט אייך, רייזל, דאָ זיצן דאָך פרעמדע מענטשן...

רייזל קען נאָך נישט קומען צו זיך, איר דאַכט זיך אַלץ, אַז עס איז אַ חלום. זי קוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אָטעמט נישט.

— רייזל, חברטע ליבערמאַן, וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי פאַרוואונדערט, איר קענט מיך דען נישט? פאָלגט מיך, לאָמיר איצט פאַרגעסן אין זיך. קוקט בעסער, וואָס פאַר אַ גאָלדענע וועלט דער בורא־עולם האָט פאַר אונדז אָנגעגרייט. גאָט מיינער! פאַר וואָס זענען מענטשן נישט אַזוי ריין, אַזוי הייליק ווי די נאַטור? באַטראַכט דעם וואַלד, דאָס גליצקייט פון די ביימער, דעם וואונדערלעכן געפלעכט פון די שאָטנס אין וואַלד. וואָס איז דאָס? אַ סטאַיע טויבן? אָ, וואָס פאַר אַ שיינקייט! פון וואַנען נעמען זיך אַהער טויבן? אַ־האַ, דאָס קערן זיין דאָרנקיצער טויבן, אַ גאַנצע עס־קאַדריליע. מען קען נישט זאָגן, ווייטלעך פאַרפלויגן. וועדליג פאַר טויבן — ווייטלעך. רייזל, גיט נאָר אַ קוק אויף די צוויי טויבן וואָס אויפן טעלעגראַפן־סלופּ, קוקט ווי זיי קושן זיך... די אייגעלעך צו, די פּיסעלעך צוזאַמענגעדריקט, די גאַנצע נשמה זייערע האָט זיך איצט פאַרקליבן אין די געשניצטע שנאָבעלעך. און אָט איז אַ טייכל. אַך, וואָס פאַר אַ גן־עדן! דאָס רואיקייט פון דעם וואַסער, דאָס ווייסקייט פון דעם זאַמד ביים ברעג... ניין, אפשר?

רייזל קומט ביסלעכווייז צו זיך, די אַנטרונענע פאַרב קערט זיך אום און טרעט איר לאַנגזאַם אַרוים אויף די באַקן. די אויגן צינדן זיך ביי איר צוריק אָן מיט זייער שטענדיקן פייער. זי דרייט אוים צו אים דאָס פּנים:

— וווהין פאָרט איר?

שלמה דערלאַנגט איר אָן ווערטער זיין בילעט.

זי גיט אַזש אַ שפּרונג אונטער:

— וואָס באַטייט עס, איר האָט דאָרט עמעצן?

שלמה ווייזט שווייגנדיק אָן אויף איר.

זי מינעט זיך אין פּנים און קען נישט איינזיצן.

— איר וועט אפשר זיין אַזוי פיל גוט האַלטן די רמזים אויף אַן אַנדער מאָל און זאָגן מיט ווערטער?...

— יאָ, נאָר אַז איר וועט זיך באַרואיקן. איך קען נישט צוקוקן, רייזל, ווי איר דענערווירט זיך.

רייזל האָט געשוויגן און שלמה האָט אויסערלעך רואיק פאַרגעזעצט:

— אַ האַלבע שעה פאַר אונדזער איצטיקער באַגעגעניש האָב איך זיך דערוווסט פון אייער אָפּפאָרן. זיך געזעגענען מיט אייך גלייך מיט

אַלעמען, ביים טירל פון וואַגאָן, איז מיר קאַרג געווען, האָב איך גענומען אַ בילעט ביז אייער שטאָט און אָט זיץ איך לעבן אייך.

רייזל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר שלמה האָט זי נישט געלאָזט אויסרעדן:

— וואַרט, איך האָב נאָך נישט געענדיקט. זעענדיק ווי אייך מאַטערט מיין געזעלשאַפט, קען איך אייך פאַרזיכערן: איר דאַרפט נאָר איין וואָרט זאָגן, אַז אייער רצון איז, איך זאָל באַפרייען דעם וואַגאָן, און איך גיי אַראָפּ פונעם צוג אויף דער ערשטער סטאַנציע.

רייזל האָט שווער געשוויגן. נאָך די אָנגעצויגענע מוסקולן פון איר פּנים און לויט דעם נערוועזן ציטערן פון אירע שפּיץ פינגער איז געווען צו זען, אַז דאָס מיידל שטייט אויס אַ קאַמף אין זיך.

פאַראיבער עטלעכע מינוט. דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. מען איז צוגעפאָרן צו אַ סטאַנציע. שלמה האָט זיך אויפגעהויבן:

— נו, שתיקה כהודאה דמיא. אייער שווייגן באַטייט, איך זאָל מיך פאַרנעמען פון דאַנען. זייט געזונט, רייזל...

זי האָט זיך אַ ריס געטון פון איר אָרט און אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— ווי וואָגט איר אַזוי צו זאָגן, אַז איך וויל, איר זאָלט אַוועקגיין? איר קענט אייך דען פאָרשטעלן, ווי גליקלעך איך בין, ווען איר געפינט זיך מיט מיר? אָך, וואָס רעד איך פאַר אַ נאַרישקייטן? אַלע מאָל אַזוי, ווייסט עס דער רוח, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר!...

מיט פולע אויגן ליבע האָט שלמה איר פאַרשטעלט דאָס מויל:

— רייזל, טייערע שוועסטער מיינע, לאָמיר בעסער גאָרנישט רעדן איצט. קומט אַרויס אויף דער פּלאַטשאַדקע* און מיר וועלן שטיל צוקוקן דעם זונען־פאַרגאַנג. נאָר צוויי ווערטער וויל איך זאָגן: איר מעגט מיר גלייבן, אַז בעמקא דליבא האָב איך געוווּסט, אַז מיר וועלן צוריק געפינען אַ בשותפותדיקע שפּראַך.

— הלמאי זאָל איך זאָגן, מיט עטלעכע מינוט צוריק האָב איך דאָס נישט געוווּסט...

— זעט איר דאָך, איר נישט און איך — דוקא יאָ... די וועלט זאָגט אַ ווערטל: יעדער פאַרפאַלק, באַלד נאָך דער חתונה, וויל זיך עס גט'ן. ביידע צדדים זענען אַנטוישט. ער טראַכט: „וועמען האָב איך דאָ גענומען? אַזוי האָט זי דען אויסגעזען כלהוויז?“ דאָס נעמלעכע טראַכט זי: „וועמען האָב איך זיך אָפּגעגעבן? האָב איך דען נישט קיין שענערס פון אים געיאָגט פון זיך?“ אָט אַזעלכע און ענלעכע מחשבות קומען צו אַלע יונגעלייט נאָך דער חתונה און דער שטן רעדט זיי אָן זיך צו גט'ן. נאָר וואָס דען, קלוגע מענטשן לאָזן דורך די עצות רעות פאַרביי די אויערן, מען ליידט צו אַ ביסל ביז מען געוווינט זיך צו איינער צום צווייטן און אַלץ ווערט גוט. נאַראָנים אָבער, נעמען אָן דעם געדאַנק וועגן גט פאַר גוט געלט און מאַכן דערפון אַ גאַנצע געשיכטע... איר, רייזל, זענט דאָך

* דאָס פאָדער־קאָרידאָרל ביים אַריינגאַנג אין וואַגאָן.

קיין מאָל נישט געווען פון די נאַראָנים... מירביידע טאָרן נישט זיין צעקריגט... אונדזערע נשמות באַהעפט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר טאָרן נישט צערייסן, אויב מיר ווילן נישט גיין קעגן די כוחות העליונים... וואָס שווייגסטו איר?...

זיי זענען געשטאַנען האַרט ביי די טרעפּ, זיך געהאַלטן ביי די הענט און צוזאַמען געקוקט. געפינענדיק זיך פּנים אל פּנים מיט דער פאַרשיידנפאַרביקער אוקראַיִנישער לאַנדשאַפט האָט זיך די ביז אַהער אָנגעלאָדענע אַטמאָספער, צעגאַנגען ווי רויך. די שטימונג ביי ביידע יונגע קינדער איז געוואָרן אַ יום־טובדיקע, אַ פייערלעכע. זיי האָבן ביידע געשוויגן צו דער זעט, זיך געקוויקט מיט דער שלוהדיקער שטילקייט, ווי מיט אַ בארויקנדיקן געטראַנק. ביידע האָבן געפילט, אַז ווערטער וואָלטן נאָר קאַליע געמאַכט דאָס בילד, וואָס טראָגט זיך פאַר זייערע אויגן. זיי האָבן נאָך פעסטער צוזאַמענגעדריקט זייערע פינגער און אַלץ עקשנותדיק געשוויגן. נישט ווייט פון דער באַן־ליניע האָט אַ פּאַסטעך געטריבן אַ טשערעדע אַהיים. די קי האָט מען נאָך אַרויסגעזען, אָבער די שאָף — שוין נישט: אַזוי הויך איז שוין געווען דער קאָרן. נאָר דאָס מעקען און דער וואָלקן שטויב, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, האָבן דערציילט פון די שאָף. אָט פאָרט אַ וואָגן פון דאָרף, פונקט אַנטקעגן דער טשערעדע; אינטערעסאַנט, ווער וועט וועמען אָפּטרעטן דעם וועג... די טשערעדע וואַרט נישט אויף קיין באַפעל און צעשפּרייט זיך אין ביידע זייטן, צווישן די זאַנגען. דער לאָקאָמאָטיוו שענקט זיי אַלעמען בשותפות אַ וואָלקן רויך און זיי פאַרשווינדן...

אַ שטיקל פון דעם זון־קײַלעך שטעקט שוין הינטערן וועלדל. דאָס וועלדל איז שיטער, דאָס וועלדל שטייט אין פלאַמען, אַלע בלעטער זענען פון ריין גאָלד... פון יענער זייט וועלדל זעט זיך אַ טייכל. נישט קיין טייך, ניין — אַ ים פון בלוט, דער וואַלד — אין פייער, דער טייך — אין בלוט...

זיי געבן זיך ביידע אינסטינקטיוו אַ קער אויף מזרח, דאָרט איז שוין קיין סימן פון קיין לעבן נישטאָ. אַן אַשיקער בין־השמשות האָט אײַנגעשלונגען אַלץ צוזאַמען און אין נעפּל אײַנגעהילט. זיי פירן איבער די אויגן פון דער זייט צוג אויף יענער און צוריק. דאַכט זיך, איין וועלט — און פאָרט נישט איין וועלט. אויף מערב גוססט נאָך דער טאָג. אַלץ איז נאָך מיט רויטן פאַרפאַרבט און אויף מזרח איז שוין שטאָק־נאַכט. אין דער פרי ווידער, וועט זיין דער היפך...

שלמה שטייט הינטער רײזלען, זי איז לייכט אָנגעשפּאַרט אין אים. ער פילט מיט דעם גאַנצן יונגן בלוט זיינעם די פאָרמען פון איר גליענדיקן מיידלשן קערפּער. יעדער אָטעם אירער דריקט זיך אָפּ אויף זיין ברוסט, ווירקט פאַרשכורנדיק און רויבט צו די בחירה. ער דערפילט, זי האָט אַ ציטער געטון. פלינק נעמט ער אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל און וואַרפט אים אַרויף אויף אירע אַקסלען. זי וויל פּראָטעסטירן, נאָר ער פאַרשטעלט איר דאָס מויל. ער הילט זי איין אין זיין מאַנטל ווי אַ קליין קינד,

די הענט אויך פאַרוויקלט. עס באַקומט זיך, אַז זי איז שוין אין גאַנצן אין זיינע אָרעמס.

מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט ער זי איצט צוגעדריקט צו זיין האַרצן, שטאַרק, שטאַרק! אַז עס זאָל ווערן שווער צו אָטעמען, אַז די אויגן זאָלן אויפהערן צו זען... זיין געדאַנק גיט זיך איבער רייזלען, ער זעט ווי אירע אויגן מאַכן זיך צו. די ליפּן — האַלב אָפן; זי איז אין גאַנצן אין זיינע אָרעמס. דער קאָפּ פאַלט שוואַך אום אויף זיין אַקסל ווי אין אַ לייכטער חלשות. ער גיט זיך אַ וואַקל אויף די פיס, די כוחות פאַרלאָזן אים. ער ציט אויס די פינגער,אַט־אַט כאַפּט ער זי אַרום, זיין רייזלען, און אַלץ וועט פאַרשווינדן, דער צוג און די פעלדער, קיעוו און פּאָלטאַווע, גאָרנישט וועט מער נישט בלייבן, בלויז ער און רייזל, רייזל און ער. ער מאַכט אַ באַוועגונג, אים דאַכט זיך: עס איז שוין געשען! דער כח הדם האָט גובר געווען, נאָר אַ פאַרבאָרגענער כח כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט, אין דער לעצטער רגע:

— שלמה, פאַרגעס זיך נישט. ס׳איז נישט אַבי ווער, עס איז רייזל, רייזל ליבערמאַן!...

ער דערשטיקט אַ קרעכץ און גלייכט זיך אויס. רייזל איז בלייך, די אויגן אויסגעלאָשן, אומגליקלעך...

— קומט אַריין אין וואַגאָן, עס איז שוין טונקל.

ער גייט איר נאָך אַ דערשלאָגענער, אָן אויסגעשעפּטער. זיי פאַרנעמען די פריערדיקע ערטער. אין וואַגאָן ברענט שוין די עלעקטריע. אין עקסטן ווינקל פונעם וואַגאָן שפּילט אַ פּאַטעפאָן. די קופּע איז ליידיק, אַלע זענען ביים פּאַטעפאָן. שלמה גיט אַ קוק אויף רייזלען, זי זיצט איינגעניורעט אין ווינקל, איין האַנט — מאַכטלאָז אויסגעצויגן אויף דער קני, די צווייטע — אויף די אויגן.

— דער שלימזל גייט מיר נאָך פּוסטריט — טראַכט ער זיך — איך האָב געמיינט איר פרייליכער צו מאַכן דעם וועג און עס האָט זיך, דאַכט זיך, באַקומען דער היפך, כאָטש נעם צעריים זיך...

פּלוצלינג קומט אין אים אויף אַ ווייטיקלעכער געפיל:

— שוין זשע בין איך טאַקע אַזוי פיל שולדיק? בין איך דען גליקלעכער פון איר?...

ער דערפילט אַ רחמנות צו זיך אַליין און האַלט קוים איין די טרערן. מיט פלאַקערנדיקע אויגן נעמט ער רייזלס האַנט. רייזל עפנט די אויגן, זיי זענען פייכט.

עטלעכע מינוט שווייגן זיי ביידע. מען לייענט איינער ביים צווייטן אין די אויגן די פריערדיקע געדאַנקען. שלמה גלעט זי צאַרט איבער דער האַנט:

— רייזל, זאָגט מיר אויפריכטיק, די תורה איז געגעבן געוואָרן בלויז פאַר מאַנסבילן צי אויך פאַר פרויען?

— קעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

— ענטפערט מיר, איך בעט אייך.

— פאַראַן מצוות, אי אַזעלכע, אי אַנדערע.

— וועלכע איז די גרעסטע מצוה פון דער תורה?

— ווייסט מען דאָך, ואהבת לרעך כמוך...

— אַט די, אַט די מצוה מיין איך, איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלעמען, צי ניין?

— זיכער יאָ, וואָס פאַר אַ פראַגע?

— נו, אַט ווי רעכנט איר, איר זענט די מצוה מקיים, צי ניין?

— איך ווייס נישט... איך ווייס נישט, וואָס איך צו ענטפערן... קעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

— קעגן וואָס איך פרעג דאָס? באַלד וועל איך אייך דערקלערן.

שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך פלייסיק באַמיט אויסצורייניקן אַ פלעק פון די הויזן. רייזל האָט געוואַרט.

— אַט, אַ שטייגער, פאַרט איר איצט אַוועק. ס'איז צוועלף טעג, אַז איר קענט מיך. איר האָט מיך פאַר דער צייט אי געזען, אי מן הסתם געהערט וועגן מיר און אַליין פיל גערעדט מיט מיר און פירט געווים אַוועק אַ מיינונג וועגן מיר, ווי פון אַ זייער שטאַרקן און מעכטיקן מענטשן. געלט פאַרדינט ער אַ סך אויף אַ בריהשן אופן. ער קען זיך פאַרגינען אויסהאַלטן אַ תלמוד־תורה און אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס. אַ קענער פון העברעאיש און יידיש. מן הסתם האָט מען מיך אויך פאַרמסרט, אַז איך האַלט אין ענדיקן אַ גרויסן ראָמאַן, און דאָס איז בפירוש אמת, דאָס בוך וועט, דאַכט זיך, זיין זייער אַ געלונגענס. אַזוי דאַכט מיר, אפשר האָב איך אַ טעות? ווי דאָס בוך וועט נאָר דערשיינען, גלייך ווער איך אַ געזעצלעכער מיטגליד פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַריין, דאָס איז עפּעס מער פון אַ אינזשיניער דאָרטן, צי פון אַ דאָקטערל. איך קען מיך אויך נישט קלאָגן אויף מיינע קרובים און חברים, אַלע האָבן מיך ליב, שטאַרק ליב, פיל מער ווי איך האָב די ווערט. מיט איין וואָרט — אַ גליקלעכער מענטש. גאָרנישט פעלט אים נישט, איאָ אַזוי?

שלמה פאַרקוקט איר אין די אויגן, זיי ברענען פיבערדיק, נאָר די ליפּן זענען צו. זי ענטפערט נישט.

— אייך קען גאָרנישט איינפאַלן, אַז אַט דער בר־מזל, פון וועלכן מיר האָבן דאָ ערשט גערעדט, זאָל זיין שטאַרק אומגליקלעך, אַזוי אומגליקלעך, אַז...

שלמה שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, שטילט איין דעם שטורעם, וואָס האָט זיך פון די ווערטער אויפגעהויבן אין אים, ער זוכט אַ וואָרט, קען נישט געפינען דאָס נויטיקע, און גיט צו, שוין אַ ביסל געלאַסענער:

— עס איז זייער, זייער טרויעריק, די לאַגע ביי אים... און אַלס יידיש קינד, אַלס שוועסטער, אפילו נאָר אַלס חברטע איז אויף אייך חל דאָס צו וויסן, דאָס איבערצולייענען אין זיינע אויגן, מיטפילן, העלפן מיט אַ וואַרעם וואָרט, מיט אַ טרייסטנדיקן קוק, דאָס איז דער חוב פון ואהבת לרעך כמוך... וואָס איז שייך צו אייך אויך...

דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן אין דער נאַכט אריין. די ליניעס האָבן געקרעכצט אונטער דער שווערקייט פון דער משא. דורכן אָפענעם פענצטער האָט דער חושכדיקער רחבות אריינגעשמעקט מיט פייכטן גרינעם, מיט רויך און מיט נאַכטיקן שווידער.

ביידע האָבן געשוויגן, נישט רייזל האָט געענטפערט, נישט שלמה האָט געוואַרט אויפן ענטפער. זייערע הענט זענען צוזאַמענגעפלאָכטענע געלעגן אויף אירע קני. דאָס ליכט האָט שוואַך באַלויכטן דעם וואַגאָן. אין קופע איז אַלץ קיינער נישט געווען. דער פּאַטעפאָן האָט אויף אַ גרילצנדיקן פּאַלצעט גע־שפּילט עפּעס אַ טרויעריקע מעלאָדיע. פינצטערע דערפלעך האָבן פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער און זיך אָפּגערוקט. אָט טראָגט זיך דער צוג אין אַ וואַלד, די פינצטערניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן, דער לאָקאָמאָטיוו סאַפּעט שווערער, די רעדער קלאַפּן הילכיקער אין וואַלד, די שנעלקייט איז פיל פאַרקלענערט, אַ פנים באַרג־אַרויף. דער פּאַטעפאָן זינגט אַ ניי לידל:

Мы сидели с тобой,
У засухшей реки,
Тихо поплыли
Домой рыбаки...*

דער צוג נעמט צוריק אָן גיכקייט. דער וואַלד רייסט זיך, אָט פאָרט ער צוריק און אָט ווערט ער אין גאַנצן נישט. דאָס ליכט אין וואַגאָן ווערט וואָס אַ מאָל שיינענדיקער, דער ריטם פון די רעדער ווערט רעגלמעסיקער, טשיק־טשיק־טשאַק, טשיק־טשיק־טשאַק. אין וואַגאָן איז טויטרשטיל, נאָר דער פּאַטעפאָן פאַרגיסט זיך אין ביטערן יאָמער:

Волны шумели
У подножия утес
А ты мне ничего
Не сказал... **

די רעדער שטימען איין:
— טשיק־טשיק־טשאַק: אמת טאַקע!
— טשיק־טשיק־טשאַק: Ничего не сказал... ***

---

* מיר זענען געזעסן מיט דיר
ביים אויסגעטרוקנטן טייך,
שטיל זענען דורכגעשווומען
די פישערס, אַהיים...

** כוואַליעס האָבן גערוישט
צופוסנס ביי די פעלזן
און דו האָסט מיר גאָרנישט
נישט געזאָגט...

*** „גאָרנישט נישט געזאָגט".

קאפיטל IV

קיינער פון זיי געדענקט נישט, ווי אזוי דאָס איז געשען. נאָר ווען דורכן פענצטער זענען אָנגעשווימען נאָך ליניעס, גאַנצע עשאַלאָנען מיט נאַפּט־ציסטערנעס, הויכע געביידעס און קאָלירטע לעמפּעלעך פון די סעמאַפאָרן, איז רייזל אין גאַנצן געווען איינגעשפּאַרט אין שלמהס אָרעמס. איר שטערן האָט אונטערגעשפּאַרט זיין באַק. מיט דער לינקער האַנט האָט שלמה גע־האַלטן צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין האַרצן. די אויגן בייביידן פאַרמאַכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די צוויי נפשות אָטעמען נישט...

ווען דער ערשטער סעמאַפאָר האָט זיך גאַסטפריינדלעך א נויג געטון און א זאָג געטון אין פענצטער אריין: „א גוטן אָוונט, ברוכים־הבאים!" האָט שלמה דער ערשטער געעפנט די אויגן. ער איז דערציטערט געוואָרן פון דעם בילד: רייזל איז רואיק געשלאָפן אויף זיינע הענט. איר פּנים האָט געלויכטן מיט אַן אומשולדיקן און רייצנדיקן חן, ווי ביי א קינד, וואָס האָט געוויינט, געוויינט, נאָר ענדלעך איז עס איינגעשלאָפן מיט א גליקלעך שמייכעלע אויף די ליפּן. אירע וויעס האָבן קוים־קוים פאַרשטעלט די אויגן, ווי זי זאָל זיך זשמורען אויף עפּעס. די האַלב־אָפענע ליפּן האָבן געפלאַמט. צווישן זיי האָבן זיך געפּערלט קליינע, ווייסע ציינדעלעך ווי ביי א קליין קינד. איר ברוסט האָט זיך רואיק געהויבן. זי איז געשלאָפן, נישט חושד זייענדיק גאָרנישט, ווי ביי א מוטער אויף דער שויס.

שלמה האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון:

— גוואַלד, ווי אזוי האָב איך מיר דערלויבט אַזוינס און נאָך מיט רייזלען, מיטן פּאָלטאָווער רבס מיידל!

יענערס רואיקער שלאָף האָט אים נאָך מער אַרויסגעבראַכט פון זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט, שולדיק איז נאָר ער... אָבער ער ווייסט דאָך אויך פון גאָרנישט. דאָס איז דאָך דער ריינער אמת. וואַכנדיקערהייט וואָלט ער זיך דען דערלויבט אַזעלכעס?... אָבער איצט, וואָס טוט מען? זיין פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. איר פּנים האָט אים באַצויבערט, די אָנגענעמע משא האָט אים געבריט דאָס לייב, איר אָטעמען, יעדע מינדסטע באַוועגונג האָט אים צוגעשלאָגן צום מח ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, אָבער דאָס געוויסן האָט אים נישט גע־לאָזט צו רו:

— וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן און דערזען, וואָס דו האָסט געטון מיט איר? וואָס וועט זיין?

די וואַגאָנען האָבן גענומען אונטערשפּרינגען, ציטערן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

רייזל האָט אָנגעהויבן ווישן די אויגן און שטיל א פרעג געטון:

— מיט וואָס קלאַפּט מען דאָס?

— מיר געפינען זיך אויף א סטאַנציע. באַלד וועל איך א קוק טון ווי מען רופט זי.

רייזל האָט ברייט צעעפנט די אויגן, געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט, נישט געקענט זיך דערמאָנען, ווי קומט ער אהער. אירע אויגן זענען נאָך געווען פאַרנעפּלט פונעם שלאָף. מיט אַ מאָל האָט זי אַ שפּרונג געטון ווי פון אַ ביס. דערשראָקן האָט זי געקוקט אויף שלמהן און ער — אויף איר, די מיילער צעעפנט, נאָר קיין ווערטער זענען נישט געווען. ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן און פאַרשעמט אַראָפּגעקוקט.

רייזל האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב אייך, דאַכט זיך, געשטערט דעם שלאָף?

— דאַכט זיך, אַז איך — אייך...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. די אָנגעצויגנקייט איז גלייך פאַרשוווּנדן. דער שלאָף — ווי מיט די הענט צוגענומען. זיי האָבן זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער. די נאַכט איז געווען אַ קילע. אַ ציטער האָט זיי דורכגענומען. זייער וואַגאָן איז געווען פון די לעצטע. די שטאָט האָט געדרימלט ערגעץ ווייט אין טאָל און האָט אַרויסגעשטעלט היטן די נאַכט, דאָס ערשט־אויסגעפאַרבטע וואָקזאַל־מויערל מיט די דערבייאיקע געביידעס. אויפן פּאָן פון דער שטאָק־פינצטערער נאַכט האָבן די עלעקטרישע פונקטן אויסגעזען, ווי לעבעלעך קעגן דער זון אין אַ שוואַרצן געוואַנטענעם בגד. די שטילקייט האָט געשטאָכן די אויערן. קיינער איז נישט אויסגעשטיגן, קיינער איז נישט איינגעשטיגן, נאָר ביים לאָקאָמאָטיוו איז געשטאַנען דער דעזשורנע פונעם וואָקזאַל אין אַ רויט היטל און האָט עפּעס גערעדט מיטן מאַשיניסט. מיט גרויסע מילכיקע לעמפּעלעך האָט געלויכטן דער נאָמען פון דער סטאַנציע: ראָמאָדאַן.

— אַך, גאָט מיינער, איך בין שוין באַלד אין דער היים.

— וויפל גייט דען דער צוג פון דאַנען ביז פּאָלטאַווע?

— דאַכט זיך, אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט...

— נישט מער? — האָט שלמה אויסגעשריגן, און זיך פאַרהאַקט.

זיי זענען ביידע געשטאַנען אין דער שמאָלער ראַם פונעם אָפענעם פענצטער. קיין הימל האָט מען נישט אַרויסגעזען. זעלטן ווען האָט אַ פאַר־שייט שטערנדל בגנבה אַ ווונק געטון און איז צוריק איינגעשלאָפן. אויפן פּעראָן האָבן זיך באַוויזן ערשט אָנגעקומענע פאַרשוינען, מיט טשעמאָדאַנעם און מיט בעטגעוואַנט און געוואַרט, אַז מען זאָל זיי אַרויסטראָגן די בילעטן. איינער מיט אַ לאַמטערן אין דער לינקער האַנט און מיט אַ לאַנג העמערל אין דער רעכטער, האָט זיך אָנגעבויגן צו די רעדער.

— חבר, וויפל איז נאָך דאָ קילאָמעטער ביז פּאָלטאַווע?

— עס וועט זיין אַ וועלכע דרייסיק. אויב דער וועג איז שוין פריי, וועט איר דאָרטן זיין אין אַ שעה מיט עפּעס.

שלמה האָט געוואָלט איבערפרעגן, וואָס עס הייסט „אויב דער וועג איז פריי“, נאָר דאָס העמערל האָט שוין געהילכט ביי די ווייטערדיקע וואַגאָנען. ער האָט פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף רייזלען.

רייזל האָט אַ שטוינענדיקע געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— מן הסתם האָט ער עפּעס אַנדערש געמיינט צו זאָגן.

דריי מעשענע קלונג האָבן אָנגעזאָגט דער נאַכט, אַז זי זאָל צוריק צונעמען אירע געסט. דער פייף מיטן טרייסל האָבן זיך דערהערט גלייכ־צייטיק. די וואַגאָנען זענען שלעפעריק דורכגעשוווּמען פאַרביי דער האַלב־טונקעלער סטאַנציע און די פינצטערניש האָט ווידער באַהערשט דאָס פענצ־טער. זיי האָבן זיך געזעצט אויף זייערע ערטער. שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז רייזלען איז קיל. ער האָט איר געוואָלט געבן זיין מאַנטל, נאָר זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען.

— אפשר פאַרמאַכן דאָס פענצטער, אויב איר ווילט נישט נעמען דעם מאַנטל?

— וואָס זאָרגט איר אייך? איך בין נישט אַזאַ קאַלטע.

— איר זענט שטאַרק צופרידן, וואָס איר זענט שוין אַזוי נאָענט צו אייער שטוב?

— אַזוי צו זאָגן, אי יאָ, אי ניין. אָבער מער, פאַרשטייט זיך — יאָ.

— און ווער איז דער שולדיקער אין דעם שטיקעלע „ניין"?

— איך ווייס? פּשוט אַזוי. וויפל קען איצט זיין דער זייגער?

— מיינער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווייס איך נישט.

— פאַרגעסן אָנציען, צי קאַליע געוואָרן?

— נישט דאָס און נישט יענץ, פּשוט ער האָט זיך באַליידיקט. ער ווייסט, אַז גליקלעכע קוקן נישט אויף קיין זייגער...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט און אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן.

— ווי אַזוי זשע פאָרט איר אַהיים פון דער סטאַנציע, רייזל?

— פונעם וואָקזאַל אין שטאָט אַריין זענען דאָ פינף קילאָמעטער. איז אויב עס איז דאָ אַן אויטאָ, פאָרט מען באַלד, און אויב נישט, וואַרט מען ביז אין דער פרי, ווי אַ מאָל עס געראָט.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— און איר צוריק קיין קיעוו האָט ערשט אַ צוג 7 מיט 30 אין דער פרי.

— מילא, איך איל מיך נישט אין ערגעץ. רייזל, דערציילט עפּעס. אָט צעשיידן מיר זיך, ווער ווייסט, ווען מיר קענען זיך נאָך אַ מאָל טרעפן און צי וועלן מיר זיך בכלל ווען עס איז טרעפן. דערציילט עפּעס וועגן זיך, עס זאָל זיין וואָס צו געדענקען און אין וואָס זיך צו דערמאָנען.

רייזל לאָזט טרויעריק אַראָפּ דעם קאָפּ, און ענטפערט קוים מיטן אויער צו כאַפּן:

— וואָס האָב איך צו דערציילן? מיין קורצע ביאָגראַפיע האָב איך אייך שוין דערציילט אין פּושטשע־וואָדיצע. וואָס האָב איך דען צו דער־ציילן? אָט, איר, איז עפּעס אַנדערש... איצט פאָר איך צוריק אַהיים, נאָך צוויי וואָכן קיעוו... באַקענט זיך... געוווּן צוזאַמען מיט חברים... עס וועט זיך שטאַרק בענקען... ביי אונדז איז אַ ביסל אומעטיק... דער טאַטע זאָל לעבן, ליגט דאָס רוב... מענטשן קומען זעלטן אַריין. צו אַ רב, היינטיקע יאָרן, פּאַסט נישט... נאָך קיעוו וועט אודאי שווער זיין... זייער שווער...

איר קול האָט זיך פאַרדעכטיק פאַרשפּיצט און האָט זיך אָפּגעריסן. שלמה האָט זיך צוגערוקט צו איר נאָענט, גענומען איר קאַלט הענטל אין זיינע ביידע הענט און צאַרט אַרויסגעשעפּטשעט:

— נו, מען דאַרף נישט מער דערציילן. אַיידער אַזוי טרויעריק — שוין בעסער גאָרנישט.

זיי האָבן געשוויגן, יעדער פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. פּלוצלינג גיט זי שלמה אַ פרעג:

— רייזל, אַט דאָס קלייד האָט איר געקויפט אַ גרייטס, צי אויפגענייט?

— וואָס איז דען? עס געפעלט אייך אפשר נישט? — פרעגט רייזל שמייכלענדיק, און ציט עס אויס אויף די קני.

— אדרבה, עס געפעלט מיר זייער, זייער. דאָס איז עפּעס אַ מין סימבאָל: שוואַרצער פליוש מיט אַ רויטן בליץ. קוקט ווי שיין עס זעט אויס! אָך, דאָס דאַרף מען פאַרשטיין.

רייזל קוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן:

— וואָס זשע אַזוינס איז דאָ צו פאַרשטיין?

— אוי, רייזל, איך קען דאָס מיט קיין ווערטער נישט אַרויסגעבן.

— פון דעסט וועגן פּרוווט; אַז איר ווילט אַ מאָל — קענט איר.

— איר פאַרשטייט? ווי אַזוי זאָגט מען דאָס? טרעפט זיך אַ מענטש בלאָנדזשעט אין דער פינצטער. עלנט, איינזאַם, און דערצו נאָך אין דער פינצטער... דאָס מוז נישט זיין דוקא אין אַ מדבר און נישט דוקא ביי נאַכט, דאָס קען אויך טרעפן צווישן פיל מענטשן, אַלערליי מענטשן, און אין מיטן העלן טאָג — און דאָך איז אים ווייסט אויף דער נשמה. ער איז דורכגעווייקט מיט עלנטקייט און עס איז אים חושך, חושך ואפלה, אָט ווי דער שוואַרצער פליוש... טרעפט אָבער אַ מאָל, אַז אויך דער אומגליקלעכער, אָט דער פאַרשטויסענער, וואָס איז שוין לכל־הדעות פאַראורטיילט אויף אייביקער עלנטקייט און בענקשאַפט, באַגעגנט אַ נשמה... זי גיט אים אַ שיין אין האַרצן אַריין מיט אַ געטלעכער ליכטיקייט. ער גיט זיך אַ ציִ צום ליכט און נעמט אָן פולע הויפנס מיט פינצטערניש, מיט פוסטקייט. אַ בליץ דויערט נישט לאַנג... ער האָט דאָס נישט געוווסט, דער אומגליקלעכער... און ווידער צאַנקט זיין נשמה אין בענקעניש נאָך שיין... מיר איז שווער צו רעדן דערפון, דאָס איז זייער ווייטיקלעך...

רייזל האַלט דאָס פנים אין דער פינצטער און הערט נישט, אַז שלמה איז אַנטשוויגן געוואָרן. שלמה האָט שוין חרטה אויפן גאַנצן שמועס. ער וויל אַראָפּנעמען אירע הענט פונעם פנים, זי לאָזט נישט.

— רייזל, גוואַלד, וואָס וויינט איר?

— ווער וויינט? עס האָט מיר פון לאַקאַמאַטיוו געטראָפן אַ קוילעכל אין אויג אַריין, נאָר עס איז שוין אַרויס, אָט באַלד וועט אַלץ איבערגיין.

שלמה שטעלט זיך ביים פענצטער, לעבערט די פינצטערניש מיט זיינע בליקן, אָבער אַלץ איינס זעט מען גאָרנישט, נאָר אַ געדיכטע שוואַרצע מאַסע און אַ פּאָר צענדליק ליכטיקע פענצטער־קוואַדראַטן לויפן נאָך דעם

צוג... רייזל רירט זיך נישט פון אָרט. די אויגן זענען שוין באַפרייט און זי קוקט שטאַר אויף דער קעגנאיבערדיקער פּאָליצע.

ווי אַזוי האָט עס אים אַזאַ וואָרף געטון? ער האָט זיך, דאַכט זיך, גוט געהאַלטן פאַר דער ראָש. נאָר אַז דער צוג האָט זיך פּיבערדיק אַ וואָרף געטון אויף צוריק און אָנגעהויבן ציטערן מיט אַלע אברים, איז שלמה אומ־געפאַלן אויף רייזלס קני און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן.

פון דער אייבערשטער פּאָליצע זענען מיט אַ שרעקלעכן הארמידער אַראָפּגעפלויגן טשעמאָדאַנעס און דעם סאָלדאַטס הארמאָשקע. די נאָדלען פון דעם פּאַטעפאָן האָבן זיך אויסגעשאָטן מיט אַ שטאָלענעם קלונג. אין וואַגאָן האָט זיך אויפגעהויבן אַ מהומה. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צום אַרויסגאַנג.

— רייזל, איך האָב אייך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון?

ער האָט איר געגלעט דעם שטערן, די באַקן, פאַרנומען די האָר פון די אויערן.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, קיין מינדסטן קלאַפּ נישט געטון. איך האָב מיך נאָר אַ ביסל דערשראָקן, וואָס קען דאָס טאַקע זיין?

— אפשר איז דאָס שוין פּאָלטאַווע?

— און אַז פּאָלטאַווע, הייסט עס, דאַרף אַזוי דונערן? ניין, פּאָלטאַווע איז דאָס נישט: נאָך צו פרי און עפּעס איז צו שטיל אַרום און אַרום.

און מערקווירדיק, נאָכן גרויסן רעש איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עס האָט אַזש געקלונגען אין די אויערן. פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן קולות, עמעצער האָט וועמען הויך געזידלט. פיל מענטשן זענען אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָנען און געלאָפן אין דער ריכטונג פון דעם לאָקאָמאָטיוו. שלמה האָט זיך אַרויסגעבויגן און געפרעגט ביי אַ דורכגייענדיקן:

— וואָס האָט געטראָפן? האַ, חבר? פאַר וואָס פאָרן מיר נישט?

— גיי, ווייסט געוויר ווערן, ברענג אים די אינפאָרמאַציע אין שטוב אַריין, דעם פּריץ — האָט יענער אַ בורטשע געטון און איז פאַרשוואונדן.

— איך וועל גיין געבן אַ קוק, וואָס איז דאָרט.

— וואַרט, שלמה, איך וועל אויך גיין מיט אייך. איין רגעלע, אַט כּוּ איך זיך נאָר אָן דעם מאַנטל, פּאַרטיק — קומט!

קאפיטל V

דער צוג איז געשטאַנען אין מיטן פעלד. נישט קיין הייזל, נישט קיין ליכט, נאָר ביים לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך געהערט קולות פון מענטשן.

שלמה איז אַראָפּגעשפּרונגען. די פּלאַטשטשאַדקע איז געווען זייער הויך פון דער ערד. דאָס הילצערנע טרעפּל איז ווייט געהאַנגען איבערן משופּע־דיקן אַנשיט. ער האָט געוואָלט רייזלען אַראָפּטראָגן אויף די הענט, נאָר זי האָט נישט געלאָזט. דאַן איז ער צוריק אַרויפגעקראָכן, פאַרזיכטיק, ווי אַ קליין קינד, זי אַראָפּגעלאָזט און אַליין אויך אַראָפּ. האַלטנדיק זיך פאַר די הענט און גליטשנדיק זיך אויף די קליינע פלאַטשיקע שטיינדעלעך האָבן זיי זיך דערקליבן צום רעדנדיקן רעדל מענטשן.

לאָזט זיך אויס אַזאַ מעשה: תחילת נאַכט האָט דאָ אַ לאַסטצוג געליטן אַ קאַטאַסטראָפע. דריי וואַגאָנען זענען געלעגן צעשמעטערטע אויף פּיצלעך. אַ גרופּע באַן־אַרבעטער האָט געאַרבעט אויף אויפצורוימען און פאַרריכטן דעם וועג, נאָר געזען האָט מען, אַז עס איז אַ מעשה נישט אויף אַזוי גיך. די פּאַסאַזשירן האָבן געזידלט אַלץ און אַלעמען:

— ראַמאַדאַן האָט ביי אַזאַ צופאַל נישט געטאָרט אָפּשיקן דעם צוג, וואָלט מען כאָטש געשטאַנען אויף אַ סטאַנציע, אין דער ליכטיק, נישט אין מיטן פעלד!...

— פּאָלטאַווע איז קליין אַרויסצושיקן פינף בריגאַדעס אויף צו ליקווידירן די קאַטאַסטראָפע, נישט אַ הייפל מענטשן, וואָס דרייען זיך אַהין און אַהער און ווייסן נישט צו וואָס זיך צו נעמען, און דו שטיי און וואַרט אין מיטן פעלד אויפן נעכטיקן טאָג!...

שלמה מיט רייזלען גייען צו צו דער רעמאָנטירנדיקער בריגאַדע און ער פרעגט ביים עלטסטן:

— חבר, ווען וועט מען קענען פאָרן ווייטער?

— נישט פריער, ווי ניין אין דער פרי.

— און אַלע וועלן וואַרטן אַזוי לאַנג?

— אויב זיי האָבן אַ ברירה, זאָלן זיי נישט וואַרטן.

— וויפל קען זיין פון דאַנען קיין פּאָלטאַווע?

— מיטן צוג איז דריי און צוואַנציק קילאָמעטער. אָבער מיט יענעם וועג, וואָס גייט ביי דער זייט, איר זעט דאָרטן, רעכטס? — איז נאָר זעכצן, זיבעצן קילאָמעטער. אי דאָס, דאַרף איין דאַרף אויס. אַזעלכע יונגע מענטשן ווי איר קענען נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און —

— דער וועג מיט די דערפער איז אַ גלייכער? מען דאַרף נישט פרעגן?

— אַ גליי—כער, ביז אין סאַמע צענטער שטאָט אַריין.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, חבר. רייזל, קומט, מיר וועלן גיין.

— שלמה, איר ווייסט, וואָס איר רעדט? זיבעצן קילאָמעטער ביי נאַכט אַליין...

— פאַר וואָס עפּעס אַליין? ואיך מיט אייך און איר מיט מיר, איז שוין נישט אַליין. צי איר האָט מורא, אַז עס וועלן אונדז נישט סטאַיען קיין דבורים אויף אַזאַ לאַנגן וועג? היידאַ — רייזל! מיר זענען דאָך עפּעס נאָך אויך קינדער, צי ניין?

ער האָט זי לייכט אַרומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע און זיי האָבן זיך צוזאַמען אַראָפּגעגליטשט פונעם באַן־אַנשיט. הינטער זיי האָט זיך נאָכגע־יאָגט אַ האָגל פון דריבנע אָפּגעשליפענע ים־שטיינדעלעך. געבראַכט די קליידער אין אָרדענונג, זענען זיי אַ פּופּציק מעטער געגאַנגען צווישן דער תבואה. די פייכטקייט האָט זיי אַדורכגענומען. דערנאָך זענען זיי אַריבער־געשפּרונגען איבער אַ סאַזשעלקע און זיי האָבן פאַר זיך געטראָפן אַן אויס־געפאָרענעם וועג פון וואַגנס און פון אויטאָס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען, אָפּטרייסלען פון זיך דעם שטויב.

דער צוג מיט די ליכטיקע פענצטער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרכישופ־טער פּאַלאַץ ערגעץ ווייט־ווייט אויפן האָריזאָנט. די קולות פון די פּאַסאַ־זשירן, פון די רעמאָנטירנדיקע האָבן אָהער נישט דערגרייכט און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דער גאַנצער צופאַל מיט דער קאַטאַסטראָפע איז גאָר אַ מעשהלע, וואָס נאָר זיי ביידע, שלמה און רייזל, באַטייליקן זיך אין דעם, ווייטער איז אַלץ אַ חלום: די שוואַרצע פינצטערניש, דער קליינינקער בלישטשענדיקער צוג, די אומענדלעכע פעלדער און דאָס שטיקל גראָער שליאַך, וואָס פאַרלירט זיך צווישן די זאַנגען עטלעכע טריט פון זיי.

— קומט, רייזל, — געגאַנגען!

— קומט, קומט, נו־נו אַן אויפטו! עס האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט! אונטערן אָרעם מעג מען אייך נעמען, יונגערמאַן?

— ניין, עס איז שטרענג פאַרבאָטן — האָט שלמה געלאַכט, און זי גענומען אונטערן אָרעם.

— איצט, דערציילט מיר וועגן זיך, — רופט זיך אָן רייזל און שפּאַרט זיך אָן פעסט אין אים.

— אַנדערש ווילט איר נישט?

— ניין, אַנדערש וויל איך נישט.

— און ווי וואָלט געווען, ווען דער צוג ברענגט אייך אין אַ שעה אַרום אַהיים?

— זעט איר דאָך, אַז די השגחה האָט דאָס אויך באַוואָרנט.

— אוי, רייזל, איר ווייסט גאָר אַליין נישט, וואָס פאַר אַן אַנטיק איר זענט.

— קענן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

— קעגן דעם, וואָס איך האָב זיך פריער גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז איר קענט זיין אַזעלכע, ווי איר זענט אין דער ווירקלעכקייט. מיט אַזאַ גע־טרייער חברטע — אפילו אויף ראָבינזאָנס אינדזל קען אויך נישט זיין אומעטיק. יאָ, און וועגן דערציילן — טאָ דערציילט איר בעסער.

— איר זענט נישט קיין קליינער עגאָיסט, חבר פּיאַטיגאָרסקי! ווייל

איר ווייסט, אַז איר דערציילט זייער אָנגענעם און זייער אינטערעסאַנט, ווילט איר, מען זאָל אייך בעטן עטלעכע מאָל.

— רייזל, וואָס רעדט איר? איך — אַן עגאָיסט? און נאָך דערצו — קעגן אייך? איך האָב פּשוט נאָך אויף מיין לעבן נישט געפּרוווט דערציילן מיין אייגענע ביאָגראַפיע און ווייס נישט, ווי אַזוי מען קריכט אַריין אין דעם. באמת, איך שטעל זיך נישט פֿאַר.

— אָט אַזוי ווי איר האָט זיך געלאָזט פונעם צוג אַהער... אַראָפּגעקייקלט זיך אויף הפקר — און עס באַקומט זיך גוט!...

שלמה האָט אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ, צוגעדריקט אים צו זיך און איז גלייך אָפּגעלאָפֿן צום צווייטן זייט שליאַך.

— דאָן מוזט איר מיר געבן צייט, כדי זיך אַריבערטראָגן אין מיין קינדהייט.

זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט אויף ביידע זייטן וועג און האָבן געשוויגן.

נאָך היפּשע עטלעכע מינוט האָט שלמה אין אַ שפּאַסיקן טאָן אָנגעהויבן:

— געבוירן איז דער העלד פון דער געשיכטע אין יאָר 1910, צוויי טעג נאָך תשעה־באב, אין די גרעסטע היצן, הייסט עס. טאַקע דערפאַר, אַ פּנים, פּירט ער אַזאַ משוגע לעבן, איז אַן אויסנאַם פון אַלע זיינע חברים. זיין געבורטסשטאָט איז אויך זיין מוטערס געבורטסשטאָט. פון נאָך זייער חתונה האָבן זיינע עלטערן דאָרטן געוווינט, דאָס הייסט אין פּיאַטער. אויף רוסיש הייסט עס: Пятигоры, ווייל עס שטייט צווישן פינף גרויסע בערג. איאָ, רייזל, איך דערצייל שוין באַלד אַזוי פּינקטלעך ווי בשעת דעם צונויפשטעלן אַן אַנקעטע. איך האָב דאָך פריער געזאָגט, אַז איך קען נישט...

— נישקשה, אין משך פון דעם דערציילן וועט איר געפינען אייער שפּראַך. באַלשעוויקעס ענדערן זייער טעמפּאָ אין גאַנג.

— מען זאָגט, אַז קליינערהייט איז אונדזער העלד געווען אַ שיינער פּעמפּיק און אַ גרויסער שאָדנמאַכער. וואָס עס איז נאָר שלעכט געלעגן, האָט ער דאָס פלינק מקבר געווען. וואָס מער די עלטערן האָבן געגעבן שמייז, אַלץ מער האָט ער געזען „איינצואָרדענען", וואָס עס איז נאָר געווען אין שטוב. נאָר דאָס דערציילט מען; ער אַליין, פאַרשטייט זיך, געדענקט דאָס אַלץ נישט. זיין געדענקען עפּעס הייבט זיך ערשט אָן פון פיר יאָר אָן. ער ביי זיך איז דווקא זיכער, אַז ער געדענקט זאַכן אויך פון דריי יאָר, נאָר מען לאַכט זיך אויס פון אים, זאָגט ער שוין דאָס נישט.

זיין טאַטע האָט אין דעם שטעטל געהאַט אַ גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט, געהאַלטן עטלעכע מיטהעלפער און די מאַמע זיינע האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט איר תכשיט. שפּעטער — מיט די יינגערע קינדער. זיין מאַמעס פאָטער, דער זיידע יעקב־יוסף, איז געווען אַ שיינער ייד, געהאַט אַ צורה פון אַ כהן־גדול און איז געווען אַ „שרעקלעכער" מיוחס; דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל פון זיבעטן דור. דאָס יינגעלע, וועגן וועלכן עס גייט דער שמועס איז שוין דער נייַנטער דור און ער איז געווען דער

זיבעטער. דער זיידע האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער, יינגלעך מיט מיידלעך. היינט איז דער עלטסטער איידעם אַ רב אין פילאַדעלפיע און אַלע איבעריקע — גרויסע אינזשיניערן אין מאָסקווע און אויף אוראַל.

דעם יינגלס טאַטע אַליין איז אַ פאַרברענטער סקווירער חסיד. מן הסתם האָט איר געהערט אַ מאָל סקווירע? ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעליערס איינינקלעך, איז ער אַ דאָרטיקער חסיד, גאָר־גאָר פון די ערשטע, אַ חסיד בן חסיד, ווייל דער זיידע שלום, זיין פאָטער, איז אויך אַלע יאָרן ביז דער רעוואָלוציע איבערגעלעגן ביים רבין. חוץ דעם, איז ווּנדזער העלדס פאָטער אַ שטאַרקער מעורב עם הבריות...*

— אַנטשולדיקט, שלמה, וועגן אייער פאָטער האָב איך אויך פיל געהערט ביי די פייגנבוימס, אַז ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין שטאָט. חוץ דעם דערציילט מען, אַז ער איז ממש אַ קראַסאַוויעץ...

— מען האָט אייך קיין ליגן נישט דערציילט.

— עס איז מיר זייער אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען.

— עס איז מיר אויך אַ שאָד.

— נו, דערציילט, דערציילט, איך וועל אייך מער נישט איבערשלאָגן.

— דאָס שטעטעלע פיאַטער איז געווען מלא־חן. שטעלט אייך פאָר, אַ גרויסער־גרויסער קלויסטער, אפשר מיט צוואַנציק ביישטיבלעך, אַ בלאָער קופּאָל, אפשר צען גאָלדענע צלמים, ווייסע ווענט און אַ הויכער, שטיינערנער, ווייסער פּלויט. אַרום אים אַ גרויסער שטח כמו אַ הויף, איינגעטונקען אין גרינעם גראָז. ביי דער טיר — אַ קליין, איינגעהויקערט וועכטערל, ווי אויף צו להכעיס: — דו, קלויסטער, ריים זיך צו די וואָלקנס, און איך — צו דער מאמע ערד... און אַרום דעם קלויסטער — די ערשטע גרעסטע גאַס אין שטעטל, כמעט דאָס גאַנצע שטעטל.

עס איז לעבערלעך, פאַר וואָס ער רעדט אַזוי פיל פונעם קלויסטער, נאָר איר ווייסט נישט? ביי אַ קינד בלייבט אין זכרון, אַז ווען מען פלעגט אָנהייבן צו קלינגען מיט זיינע שווערע קופּערנע גלאָקן, פלעגט ציטערן דאָס גאַנצע שטעטל, ווי ביי אַן ערד־ציטערניש. עס האָט אויסגעזען, ווי גאַנץ פיאַטער וואָלט געזעסן אויפן קלויסטער־דאַך און זיך געהוידעט צוזאַמען מיט די גלאָקן... קינדערשע פאַנטאַזיעס...

די חדרים זענען געווען לעבן די קוזניעס. נישט ווייניק קינדער האָבן זומער, גייענדיק באָרוועס, געכאַפּט זייער פסק, זיך אויסגעברענט לעבער אין די פיס פון דעם ברענענדיקן קוילן־אָפּפאַל... מיט אים האָט דאָס נישט געטראָפן, ער איז געווען אַ גביריש קינד, קיין מאָל באָרוועס נישט געגאַנגען, אָבער מיט זיינע חברים איז אַזאַ פאַל אַ סך מאָל געשען.

נאָך די קוזניעס איז געווען די באָד. אַ פּאַרצייטישע באָד מיט צוויי מקוהס. איינע אַן אָנגעגאָסענע, די צווייטע — אַ קוואַל־מקוה. פון יענער

---

* געמיינט — באַליבט פון דער געזעלשאַפט. אָנערקענט פון איר.

זייט באַד האָט זיך געצויגן אַ בלאָטיק פעלד, ווו עס פלעגט וואַקסן לעפּוכע *. גרינס אויף שבועות, און אויך כדי צו באַשמעקן דאָס וואַסער, פרייטיק בשעת דעם צוואָגן די מיידלעך. אויפן צווייטן זייט שטעטל, איז געווען דאָס שפּיטאָל און די פּאָסט.

ס'איז שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע, ווען איז פּיאַטער געווען אינטערעסאַנטער זומער צי ווינטער? זומער איז דאָס געווען איינגעטונקען אין גרינעם. אויף יענער זייט שטעטל — בלויז סעדער מיט גערטנער. און וואָס פאַר אַ טייך און וועלכע פיש פלעגן דאָרט זיין! און וואָס פאַר אַ מיל איז דאָרט געשטאַנען! און איבערן טייך אַ בריק. אַ ברייטע, אַ שיינע בריק. שבת נאָכן עסן איז דאָרט געווען דאָס גאַנצע שטעטל. די חברה האָט גע־וויזן קונצן, פלעגט איבערשווימען דעם טייך אין דער ברייט. הינטער דער מיל איז געווען אַ גרויסער באַשטאַן: קאַוועגעס מיט דיניעס און סאַניעשניקעס ביי די זייטן. האָבן שוין ווייסע־חברהניקעס געהאַט, וואָס צו טון. נישט גע־קוקט אויף שבת פלעגן זיי זיך אונטעררגנבענען, אונטערהאַקן אַ קאַווען פון אַ האַלבן פוד אָדער אַ האַלבן צענדליק סאַניעשניקעס — און היידאַ אויפן בריק מיט אַ גדולה. דאָרטן צעטיילט די מציאה צווישן זיך מיט די מיידלעך, אויפגענאַשט, און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע.

ווינטער האָט דאָס שטעטל געזונקען אין שניי. עס פלעגט טרעפן, אַז אַ מענטש איז געגאַנגען אויף דער סטעזשקע און פון דעם פענצטער האָט מען אים נישט אַרויסגעזען, דער שניי איז געווען העכער פון אים. די זון פלעגט באַגילדן דעם שניי און דאָס שטעטל האָט ממש געברענט מיט אַ העליש פייער. באַזונדערס איז דאָס שטעטל געווען מלא־טעם ערב־פּסח... אַז עס פלעגן זיך אויסשיילן די ערשטע טרוקענע שטעגעלעך. דאָס יינגעלע פלעגט לויפן ערב פּסח צום סטעלמאַך אָפּהובליעווען די קאַטשערעס מיט די לאָפּעטעס, טובלען די כלים און אַלץ אַליין — ווי אַ גרויסער. ער פלעגט נישט קענען פאַרטראָגן, אַז מען זאָל מיט אים מיטגיין. היינט, שבועות... היינט, די סדר־נעכט... היינט, ימים־נוראים... ל"ג־בעומר... תשעה־באב... וויים איך, קינדערשע זאַכן, יעדער האָט זיי, וואָס פאַר אַ רבותא איז דערביי?...

אין חדר אַריין האָט מען אים געטראָגן ביי דריי יאָר אין אַ טלית איינגעהילט. געוואָרפן קאָנפעקטן פון דער סטעליע, צוגעזאָגט וויזן דעם מלאך, אויב ער וועט נאָר גוט לערנען. אַ הארץ האָט ער געהאַט זייער אַ ווייכס, ווערליק מען דערציילט. קיין מינדסטע גראָבקייט האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן. ביי פיר יאָר, איז ער איין מאָל ווינטער אין אַ שטאַרקן פראָסט געגאַנגען אהיים מיטן סידור אונטערן אָרעם, דערזעט ער אַן אָרע־מאַן, הייבט ער אָן שרייען צו אים:

— זיידעשי, זיידעשי, קומט אַהער!

---

* לעפּוכע — אַזעלכע לאַנגע געוויקסן מיט שאַרפע ברעגן, וואָס האָבן זייער אַ גוטן ריח.

דער אָרעמאַן קומט צו, בייגט זיך אָן:

וואָס איז, יינגעלע? האָסט פאַרבלאָנדזשעט?

— פאַר וואָס עפּעס פאַרבלאָנדזשעט? איך וויל אייך געבן אַ נדבה. איך האָב אַ סך, אַ סך חנוכה־געלט... איאָ, מען מעג געבן?

— פאַר וואָס זאָל מען נישט טאָרן? ס׳איז דאָך אַ מצוה...

— טאָ האַלט זשע מיר, זייט מוחל, דעם סידור, אויף דער ערד טאָר מען אים נישט לייגן.

דער אָרעמאַן נעמט דעם סידור.

— אַצינד בינדט מיר אויף דאָס פּאַלטאָכל, איך קען נישט אַליין.

דער אָרעמאַן צעגאַרטלט אים, ער באַקומט אַרויס דאָס בייטעלע, ציילט אָפּ דעם פאַרוואונדערטן אָרעמאַן אַ העלפט פון זיינע גלאַנצנדיקע מטבעות, לייגט אַריין צוריק דאָס בייטעלע:

— אַצינד טוט מיך אָן אַזוי ווי פריער.

אַלע קרעמערס קוקן צו פון דער ווייטנס און שטוינען.

איין מאָל האָט אים די מוטער געשיקט צום שוחט מיט אַ האָן. דער שוחט האָט צוגענומען די מטבע, אַ פיר געטון מיטן חלף און אַרויסגע־וואָרפן דאָס עוף דורכן פענצטער. דאָס יינגעלע לויפט צו, דערזעט בלוט, לאָזט ער זיך לויפן אַהיים מיט קולי־קולות: „מאַמע! דער שוחט האָט געלאָזט בלוט דעם האָן!...“ וואָס מען גיט אים נישט פאַר אַ מתנות, דאָס קינד הערט נישט אויף צו וויינען: „דעם האָן גייט בלוט! אים קער שטאַרק ווי טון!... זאָל מען שיקן נאָכן דאָקטער...

ביי נאַכט האָט ער געוויינט פונעם שלאָף: „דער האָן! דער האָן!“

קאפיטל VI

ווען ער איז געגאנגען אויף דעם פינפטן יאר, איז דער סקווירער רבי, ר' דודל ז"ל, געקומען קיין פיאטער. די וואך, וואס ער האט פארבראכט אין שטעטל האט געלאזט א טיפן איינדרוק אין זיין קינדעריש הערצל. דער רבי — דאס איז א ייד, וואס דער טאטע אליין זאגט אויף אים, אז ער איז א מלאך, נישט קיין מענטש. א לאנגע, זיידענע זשיפעצע און א שטריימל מיט דרייצן שפיצן, דאס אלץ איז ביי אים געווען ניי. היינט, די הונדערטער חסידים פון פיאטער גופא און פון די ארומיקע שטעטלעך. מען פירט שבת דעם רבין אין שול אריין: די פנימער שיינען, די פיס טאנצן אונטער פאר פרייד. דאס גאנצע שטעטל לויפט ארויס קוקן. אלע חברים קוקן מיט קנאה, ווי דאס שלמהלע שפאנט ווי א גרויסער צווישן רבין און זיין טאטן. איין מאל האט אים דער רבי אפילו א גלעט געטון ביים בעקל און א פרעג געטון:

— וועסט מקיים זיין, וואס גאט הייסט?

א לאנגע צייט נאך דעם פלעגט ער אלע מאל זיך טאפן ביים בעקל, אויף דעם ארט, וווּ דער רבי האט זיך צוגערירט. א קלייניקייט! אז א מלאך רירט זיך צו צו דיר?... דערנאך, דעם זעלבן שבת, צו שלש־סעודות. דער פאטער האט אים נישט געוואלט מיטנעמען, נאר ער איז הינטן נאכ־געלאפן. און עד־היום געדענקט ער:

א לאנגער טיש און א פולער צימער מיט יידן. עס איז שוין כמעט פינצטער. דער פאטער זיינער זיצט ערגעץ לעבן רבין און ער שטייט אקעגן — מורא געהאט, דער טאטע זאל אים נישט דערזען און אפשיקן אהיים און אפשר נאך אויספאטשן אויך... אלעמענס אויגן זענען געווענדעט אין דער ריכטונג, וווּ דער רבי געפינט זיך, און עס איז שווידערלעך שטיל, ווי דא וואלטן נישט געשטאנען קיין לעבעדיקע מענטשן, נאר מתים. נאר אט דערהערט זיך א דין, טרויעריק, בעטנדיק קול:

— ותיק, יהמו נא רחמיך, וחוסה נא על בן אהובך...

דאס קליינע שלמהלע, כאטש ער פארשטייט נישט, וואס דאס הייסט, דאך פארקלעמט אים ביים הערצל. ער פילט, אז דא רעדט זיך וועגן עפעס זייער וויכטיקס, אז דאס האט א שייכות צו יעדן איינציקן פון די פאר־זאמלטע, און זיין נשמהלע פלאטערט צוזאמען מיט די גרויסע, בעת דער רבי פארענדיקט מיט א וויינענדיק ווייט קול:

— וחוסה נא ואל תתעלם...

דער עולם זאגט נאך דעם רבין פסוק נאך פסוק און דאס ייִנגעלע זאגט אויך נאך האלבע ווערטער, וויפל ער קען פארכאפן. ווידער ווערט שטיל. פון יענער זייט לאדנס דערהערט זיך א פארטויבנדיקער: באם־בים־באם, באם־בים־באם... נאך עד היום ווארפט מיך אריין אין א גרויל יענער

אומברחמנותדיקער מעשענער הלל, יענץ אני־ואפסידיק* מעכטיק קלונגען: באם־בים־באם, גלין־גלין־גלאן... דאס איז דער קלויסטער ימח־שמו, ער ווייסט גארנישט קיין דרך־ארץ ווען יא און ווען נישט. אין דער ערד זאל ער גאר אריין!... און ווידער ציטערט אויף דעם רבינס קול, נישט קיין קול, נאר א זיפץ אזעלכער, ער זיפצט אוים:

— אל מסתתר בשפריר חביון...**

און עס צעפליען זיך מלאכים אין אלע ווינקעלעך, יעדער מלאך איז אן אות, יעדער פון זיי שעפטשעט נאך: „אל מסתתר, אל מסתתר"... דער רבי ציט ווייטער דעם הייליקן ניגון, און דער עולם מיט שלמהלען צוזאמען חזרן איבער מיט א גליענדיקן ציטער. אט פארגייט זיך דער רבי אויף דער העכסטער אקטאווע:

— יה, זכות אבות יגן עלינו...

שלמה מעג שווערן, אז דער רבי וויינט. און אז א רבי וויינט, ווי אזוי זאל ער נישט וויינען?... דער עולם חזרט שוין איבער און ער ווישט נאך אלץ א טרער נאך א טרער, נישט וויסנדיק, פאר וואס ער וויינט.

פאר הבדלה דערזעט אים דער פאטער:

— ביסט גאר אויך דא? ס'איז מיט נסים, וואס מען האט דיך אין דעם געדראנג נישט צעקוועטשט!

דינסטיק איז דער רבי אוועקגעפארן. אך, וואס פאר א פאראד מען האט אים געמאכט דאמאלסט. העכער צען פאעטאנען מיט פארשווינגען זענען געפארן באגלייטן דעם רבין ביז דענעכיוועקע, דאס איז א צוועלף קילאמעטער פון פיאטער. דאס מאל האט אים דער פאטער שוין אליין מיטגענומען. חסידים זענען געלאפן אין מקוה אריין פארן געזעגענען זיך מיטן רבין. יאגנדיק זיך מיט די נאסע פיאות, אין די סאמעטענע קאפאטעס, מיט די זיידענע גארטלען, האט מען זיך אנגעהאנגען אין א שפיץ פון א וואגן, אבי מיטצופארן. פיל פון זיי זענען מיטגעגאנגען צו פוס. דאס גאנצע שטעטל איז נאכגעגאנגען ביז אויף יענער זייט בריק, מיט געזאנג און מיט ריקודים. קרעמערס האבן צוגעשפארט די געוועלבער, מלמדים — צעלאזט די חדרים, עס איז געווען א יום־טוב ביים גאנצן שטעטל, ששון ושמחה!

אויפן וועג זענען די בעלי־עגלהס ארייגעפארן אין טייך אריין, אנטרינקען די פערד. אלע מיטפארנדיקע און מיטגייענדיקע האבן אראפגעטראגן דעם רבין פון זיין ארט און צוזאמען מיט אים געגאנגען א ריקוד אויף דער גרינער לאנקע. אלע פויערים מיט די פויערטעס, וואס האבן זיך דאמאלסט געפונען אויף די פעלדער, זענען זיך צונויפגעלאפן קוקן, זיי האבן געפליעסקעט און חסידים האבן געטאנצט און געזונגען. נאך דעם דאס געזעגענען זיך... דער רבי האט זיך געווענדעט צום פאטער:

---

* געמיינט — חוץ מיר עקזיסטירט נישט קיינער.

** גאט, וואס האלט זיך פארבארגן אין באהאלטענע ווינקלעך. א תפילה, וואס מען זאגט ביים שלש-סעודות.

— אפרים־אהרון, אַז דו וועסט פאָרן אם־ירצה־השם אויף ימים־נוראים, נעם אים מיט, דעם קליינעם, ס׳איז קענטיק, אַז עס ציט אים צו אַ רבין...

שלמה האָט געוואָלט אים אַרומכאַפּן קושן פאַר די ווערטער, נאָר ווי אַזוי קושט מען עס אַ מלאך?

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געווינט מיט דעם נייעם: דאָס קליינע שלמהלע איז פאַרבעטן צום רבין אויף ימים־נוראים! צו די ערשטע סליחות איז ער טאַקע מיטגעפאָרן. עד־היום דאַכט זיך אים, אַז ער לעבט נאָך מיט דער קדושה, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאַמאָלסט אין יענעם ראש־השנה און יום־כפור. קומענדיק מיטן פאָטער אַהיים אויף סוכות, האָט ער זיך געפילט ווי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען פאַרשיכורט. ער איז גאָרנישט געווען אויף דעם עולם. מילא, די סליחות רעדט מען נישט... „זכור ברית“... נאָך דעם האָט דער זיידע שלום געדאַוונט פאַרן עמוד די לעצטע מנחה פונעם יאָר. נאָך דעם האָט דער רבי אַליין געזאָגט „אחות קטנה“ * פאַרן עמוד. אפילו נאָר זיין „מתי תעלה בתך מבור“ ** — דאָס לאָזט זיך דען איבערגעבן?... פונעם דאַווענען שמועסט מען נישט... טויזנטער יידן מיט טליתים און גאַרטלען, די עטרות אַריבערגעוואָרפן איבער די קעפּ... ווער — עסן? וואָס — עסן? באַלד נאָך „אנעים זמירות“ האָט מען שוין געזאָגט „קטורת“. אָפּגעדאַוונט מנחה, האָט גאַנץ סקווירע, קינד און קייט, זיך געלאָזט גיין צו „תשליך“. דער וועג צום טייכל האָט געהאַלטן אפשר צוויי קילאָמעטער מיט גאָלע וואַלד... און נאָך „תשליך“ — די טענץ אַרום דעם רבין איבער דעם גאַנצן וועג ביזן שטאָט אַריין; ווייס איך, מיט ווערטער קען מען אַזעלכע זאַכן נישט אויסמאָלן. צי למשל, די „שלש עשרה מדות“, וואָס דער רבי אַליין האָט געזאָגט פאַרן עמוד. זיין טיילן לעקאַך ערב יום־כפור נאָכן דאַווענען. דערנאָך די אימה מיטן פחד: מען גייט דעם רבין שלאָגן „מלקות“... זיין „התרת נדרים“... און בכלל: אַזאַ מעת־לעת זיך נישט צוזעצן, מיט זיין שוואַכן געזונט... הייגט, די „עבודה“!... אפילו זיין „קידוש לבנה“ נאָכן יום־הקדוש... ניין, ניין, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, נאָר איך בין שטאַרק דאַנקבאַר מיין טאַטן, פאַר זיין מיטנעמען מיך צום רבין...

און נאָך אַ קורצער פּויזע:

— רייזל, זאָגט דעם אמת, עס איז אייך נאָך נישט נמאס? איך האָב דאָך פריער געוווסט, אַז איך וועל אַריין, וועט מיר זיין שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן...

אינסטינקטיוו זענען זיי זיך צונויפגעגאַנגען. זייערע הענט האָבן זיך באַלד איינגעקלאַמערט איינע אין דער צווייטער. די פינצטערניש האָט נישט דערלאָזט זען איינער דעם צווייטן.

---

* אַ תפילה, וואָס אייניקע קהילות זענען זיך נוהג צו זאָגן ערב ראש-השנה צווישן מנחה און מעריב.

** ווען וועט דיין טאָכטער שוין אַרויסקריכן פונעם גרוב פון דער אויבנדערמאָנטער תפילה.

— שלמה, איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי מיר איז אינטערע־סאַנט אַט דאָס אַלץ, וואָס איר דערציילט. דעם אמת געזאָגט, בין איך דאָך אויך פון אַ חסידישער שטוב. לכאורה, זענט איר דאָך גאָרנישט מחדש. דאָס התרוממות־הנפש פון חסידים אין דער קעגנוואָרט פון זייער רבין איז דאָך שוין אַזוי פיל באַזונגען געוואָרן, אָבער דאָך אין אייער מויל איז דער גאַנ־צער ענין פושט צורה, ולובש צורה...* בפועל ממש, ער טוט זיך אָן אין נייע אותיות... דו באַמערקסט אַליין נישט, ווען דו האָסט אריבערגע־שפּרייזט די גרענעץ פון דער ווירקלעכקייט, ווען דו ביסט מגולגל געוואָרן אין אַ סביבה פון פּאַרצייטישע יידן און דו ביסט שוין צוגעקניפּט צו זיי, נפש אחת, און דו פילסט זיי מיט אַלע חושים און די הערסט זיי מיט אַלע אויערן און דו זעסט זיי מיט אַלע אויגן און... וכלהון מתעטרין בנשמתין חדתין **...

— רייזל, איר באַנוצט זיך מיט אַזאַ עכט חסידישער טערמינאָלאָגיע, אַז איך ווער דערשטוינט... פון אַ מיידלס מויל... פושט צורה, ולובש צורה... מתלבש באותיות ***... ווערטער פון „כגונא“... ממש, לא יאומן כי יסופר...

— איי, שלאָגט מיר נישט איבער. אייער התפעלות איז נישט קיין ערנסטע, ווען נישט — וואָלטן זייער פיל זאַכן אַנדערש אויסגעזען... וועגן וואָס זשע האָבן מיר גערעדט? — יאָ, אַז איר דערציילט זייער בילדער־ריש. דער צוהערער ווערט מיטגעכאַפּט און אָפּגעטראָגן „אַהין“, אין אייער אויסגעטרוימטן ערגעץ־לאַנד. אַט מיר אַליין דאַכט זיך, אַז איך בין אַליין ערשט געקומען פון סקווירע. רוט זיך אָפּ אַ ביסל און דערציילט ווייטער.

— אָפּרוען זיך? פאַר אייך וואָלט איך געקענט זיבן מעת־לעת נאָך אַנאַנד דערציילן און נישט ווערן מיד. יאָ, ווו זשע האַלטן מיר?

ווידער גייט שלמה אויף איין זייט וועג און רייזל אויף דער צווייטער זייט. ער זעט זי נישט, זי זעט אים נישט, און דערפון באַקומט זיך זיין קול נאָך בולטער, דייטלעכער, ווי די פינצטערניש זאָל דערציילן. שלמה שווייגט אַ פּאָר מינוט און הייבט ווידער אָן:

— ביי זעקס יאָר האָב איך געלערנט חומש מיט רש“י. ביי אַכט יאָר האָב איך שוין געקענט דעם גאַנצן תהילים אויף אויסנווייניק און כמעט דעם ערשטן פרק פון „ברכות“ מיטן „אלפס“, אויך אויף אויסנווייניק. חוץ דעם, אויך לשון־קודש, דקדוק און שרייבן... אַלע האָבן באַוווּנדערט מיין זכרון און מיין תפיסה.

פון דעם ערשטן מאָל, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט, וואָס עס הייסט

---

* געמיינט — ביים דעם אויסזען. ווערט ניי. פון חסידישן לעקסיקאָן.

** און אַלע קרוינען זיך אָן מיט נייע נשמות.

*** אויך אַן אויסדרוק אין חסידות. געמיינט — ווערט דערציילט מיט נייע ווערטער.

אזוינס ציון, האָב איך דערפילט אַ ברענענדיקע ליבע צו דעם לאַנד, אפילו בלויז צו דעם נאָמען. פון זינט איך האָב נאָר געוווסט פירוש המילות אין דער שמונה־עשרה, פלעג איך שטענדיק ביי „תקע בשופר גדול לחרותנו", ביי „ותחזינה עינינו" פאַרקוועטשן דעם קולאַק ביז ווייטיק און מיט טרערן אין די אויגן בעטן זיך ביי גאָט:

— ברענג מיך טאַקע אהין, נישט גלאַט גערעדט...

נאָך דעם אָפּלערנען תהילים, ישעיהו, שיר־השירים, בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער. צו מיין גרויסער באַוווּנדערונג האָב איך געזען פיל־פיל יידן, דאַכט זיך, ערלעכע יידן, און איך האָב נאָך איין מאָל נישט געהערט, אַז עמעצער פון זיי זאָל אַ קרעכץ טון: „גוואַלד, ווען פאָרן מיר שוין קיין ארץ־ישראל!" מיין מח האָט נישט געקענט מסכים זיין דערמיט, אַז די אַלע תפילות וועגן ציון, אַז דער גאַנצער השתפכות־הנפש, וואָס ברויזט אין תהילים בנוגע צו ציון, איז ביי זיי נישט מער ווי אַ קאַטאַוועס, אַ פּלאַפּלעריי.

פיל מאָל האָב איך מיך געקליבן פרעגן ביי מיין טאַטן: „טאַטע, צי ווילסטו גאָרנישט קומען „לארץ ירדן וחרמונים", אין לאַנד „שעיני ד' בה, מראשית השנה ועד אחריתה"?"... ס'איז מיר שוין וויפל מאָל געלעגן אויף דער צונג די דאָזיקע פראַגע, נאָר אַלע מאָל, צוזעענדיק, ווי מיין טאַטע זיצט פאַרמחט איבער די חשבונות: געלט און סחורה, סחורה און געלט, דאַן פלעג איך אוועקגיין מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם פלעג איך אַרויסגיין הינטער דער שטוב, דאָרט איז געשטאַנען אַ חורבה. איך פלעג זיך פאַרקלייבן אויפן בוידעם פון דער חורבה, כדי עס זאָל מיך קיינער נישט פאַקן ביי דער האַנט, פאַלן כורעים פאַר גאָטס הימל און וויינען מיט ביטערע טרערן: „גוואַלד, טאַטע אין הימל! איך וויל קיין ציון. עס איז מיר דאָ ענג, איך האָב דאָ נישט קיין לופט צו אָטעמען. דעם טאַטן האָב איך מורא צו זאָגן, זאָג איך דיר"...

אזוי פלעג איך אָפּוויינען אַ שעה, צוויי און אַ מאָל אַ גאַנצן אויפדערנאַכט. ביי אונדז זענען שוין צו יענער צייט געווען נאָך צוויי, דריי קינדערלעך. מען האָט מיר שוין אזוי נישט נאָכגעשפּירט אויף יעדן טריט ווי פריער. נאָך שיינע עטלעכע שעה אויסטענהן זיך מיטן הימל, פלעג איך זיך אַריינגנבענען דורך דער הינטערטיר ערגעץ אין אַן אַלקער און דאָרט אַנטשלאָפן ווערן. דערנאָך פלעגט ווערן אַ רעש, אַ געפּילדער:

— זע נאָר, זע, ווי דאָס קינד איז נעבעך אוועקגעפאַלן...

אָפּט מאָל פלעגט מיר דורכפליען אין קאָפּ אַ שרעקלעכער געדאַנק:

— און פאַר וואָס פאָרט דער רבי נישט?

באַלד אָבער פלעג איך זיך אַליין פירוואַרפן:

— אויף אַ מלאך פרעגסטו קשיות? ביי אים איז שייך יאָ ארץ־ישראל, נישט ארץ־ישראל? אָט איז ער דאָ, אָט איז ער דאָרט. פאַר אים זענען שייך גרענעצן?

קאפיטל VII

נאָך אלס קינד, ביי זעקס יאָר, אָדער ביי זיבן, האָב איך ביי מיר אין הארצן אָפּגעזונדערט א ווינקעלע, וועלכעס מיר זענען היינט געוווינט אָנצו־רופן מיט דעם שרייענדיקן נאָמען: „שער חשבון הנפש". איך האָב געהאַט געהערט נאָכזאָגן פון א רבין בדרך הלצה: „ויהי מקץ — וואָס וועט זיין דעם סוף, שנתים ימים — וואָס מען פארשלאָפט די טעג" *... דאָס כלומר־שטע גלייכווערטל איז מיר טיף אריין אין הארצן און איך האָב זיך געהיט ווי פאר פייער, פון דורכלאָזן מיטן ווינט מיינע יאָרן און טעג...

ביז צען יאָר, פון זינט איך געדענק זיך, פלעג איך שלאָפן מיט מיין טאַטן אין איין בעט. איצט, שטעלט אייך פאָר אזא בילד: אלול־צייט. אין דרויסן רעגנט, מעשה אסיען. פריציייטיק האָבן זיך אויפגעכאַפּט די באַרימטע קליינשטעטלדיקע בלאָטעס. איך ליג ביים פענצטער איינגעהילט אין דער קאָלדרע און שלאָף. פלוצלינג ציטערט אויף דאָס גאַנצע הייזל פון א קלאַפּ מיט א שטעקן אין גאַנעק און נאָכן קלאַפּ דאָס הייזעריקע באַסאָווע קול פון בערל דעם שמש: א ייד א ניינציקער, וואָס איז כל־ימיו געווען א שמש און וויל אויף דער עלטער אויך קיינעם נישט צולאָזן צו דער עבודה. דאָס וועקט ער צו סליחות. זיין קול סקריפּעט ווי א פאַר־זשאַווערטע קייט ביים ברונעם, נאָר עס נעמט אָן ביים הארצן סיי דער ניגון, סיי די ווערטער:

איי, שטייט אויף,
איי, שטייט אויף,
איי, שטייט אויף,
צו עבודת הבורא!
אדם דואג על איבוד דמיו,
ואינו דואג על איבוד ימיו.
דמיו אינם עוזרים,
וימיו אינם חוזרים. **
שטייט גיך אויף צו סליחות!

נאָך א זעץ מיטן שטעקן אין גאַנעק און מען הערט ווי ער קוואַטשעט די בלאָטע אין דער ריכטונג צו דער צווייטער שטוב צו. ווידער דאָס באַ־

---

* א ווערטער שפּיל — אין חומש, פון וואַנען די ווערטער זענען ארויסגע־נומען, איז די טייטש — שנתים ימים — צוויי יאָר. שנה איז אָבער אויך די טייטש — שלאָפן.

** א מענטש זאָרגט זיך ווען ער פּטרט זיין געלט,
און קימערט זיך גאָר נישט וואָס ער פּטרט זיינע יאָרן.
זיין געלט קען במילא גאָרנישט העלפן,
אָבער די יאָרן קערן זיך שוין מער קיין מאָל נישט אום אויף צוריק.

קאַנטע הארציקע ניגונדל, ווידער די זעלבע צוויי קלעפּ, איינעם פריער, און איינעם — נאָך דעם, אַ האָר נישט געמינערט. דערנאָך הערט מען שוין שוואַך זיין קול, דאָס זינגט ער שוין ערגעץ ווייטלעך. ער וועט נישט אוועקגיין אין שול אריין, ביז ער וועט נישט אויפהייבן דאָס גאַנצע שטעטל אויף די פיס.

אין דער פינצטערניש זעט מען שלעפּן זיך שוין יידן מיט ווייבער, מיט לעמפּלעך, מיט לאַמטערנעס אָדער גאָר פּשוט מיט ליכט צווישן די פינגער, מען קנעט די בלאָטע גאַנץ געשמאַק, נאָר מען לויפט אין שול אריין אויסבעטן אַ סליחה... דער טאַטע מיט דער מאַמען טוען זיך אָן אין דער שטיל, דאָס קינד זאָל חלילה נישט דערהערן. ער זאָל זיך נישט צושעפּען, אַז ער וויל אויך מיטגיין... דער טאַטע רופט זיך אָן צו דער מאַמען:

— קענסט נישט שלמהן, ער וועט זיך אויפכאַפּן און דערזען, אַז מיר זענען נישטאָ, קען ער קומען צו לויפן אין שול אריין. נעם, פאַרשליס זיינע שיכלעך אין שאַפע און דעם שליסל נעם מיט זיך.

וואָס קען ער העלפן? ער האָט בפירוש געקלערט אַזוי צו טון, נו, האָט דער טאַטע דאָס אויך באַוואָרנט... ער מאַכט זיך, ווי ער הערט גאָרנישט. אָט מאַכט זיך צו די טיר הינטער זיי, אַ דריי מיטן שליסל, אויף יענער זייט שוועל צעקושן זיך די קאַלאָשן מיט אַ קאַליוזשע, אַ פּאָר שווערע שפּאַן אין דער בלאָטע און ווידער הערשט אַ שטילקייט אין שטוב. אין שלאָפצימער צאַנקט דאָס איינגעדרייטע קנייטל. שלמה שפּרינגט אַראָפּ פון בעט ווי אַן אָפּגעבריטער. עס קלינגט אים אין די אויערן דעם אַלטן בערלס שטימע: „ימיו אינם חוזרים"... ער גיסט זיך שנעל אָפּ נעגלוואַסער, טוט זיך שטיל אָן, חלילה נישט אויפצוּוועקן די קינדער. אַנשטאָט די פאַרשלאָסענע שיך נעמט ער אויף די פיס אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס, שטעלט אוועק דאָס לעמפּל אויף אַ טאַבורעטקע און זעצט זיך אַליין אויפן פּאָל. ער עפנט אויף דעם סידור און מישט אויף „תיקון חצות". מיט אַ מאָל דערמאָנט ער זיך אין עפּעס, הייבט זיך אויף, גייט צו צום אויוון, שיט זיך אָן אַש אויפן קאָפּ, וויקלט זיך אַרום מיט אַ זאַק, וואָס ער געפינט אין פאָדערהויז, דרייט אַרויס דאָס לעמפּל, זעצט זיך אויף דער ערד און אין שטוב צעגיסט זיך אַ קינדעריש קולכל, אַ זיבניעריק קינד קלאָגט אויפן חורבן ירושלים. זודיקע טראָפּנדלעך קאַפּען אים פון די אויגן, ער פאַר־קוועטשט מיט די הענט די אויגן און כליפּעט. דאָס קינדערישע הערצעלע צערייסט זיך אויף שטיקער: יתומים היינו ואין אב... ער קוקט נישט מער אין סידור, ער זאָגט תהילים אויף אויסנווייניק און באַוואַשט זיך מיט טרערן:

— מתי אבוא ואראה פני אלהים... תמכור עמך בלא הון*... עם, שפכו לפניו לבבכם**...

* דו פאַרקויפסט דיין פאָלק אָן אַ פּרייז. פון תהילים.

** דו, פאָלק, גיס אויס פאַר גאָט דיין האַרץ. פון תהילים.

ווען דער פרימאָרגן שיינט שוין שטאַרק אריין אין פענצטער, שטעלט ער צוריק אַוועק דאָס לעמפל אויפן אָרט, פאַרווישט אַלע שפּורן פון זיין „עבודה", טוט זיך אויס אויף גיך און וויקלט זיך איין אין דער קאָלדרע...

ביים טיש זאָגט די מאַמע צום טאַטן:

— מיר האָבן פאַר טאָג אריינגעלאָזט אַ קאַץ אין שטוב. זי איז געווען אין אויוון, געזוכט דאָרט עסן...

— גיי, ווייס, געווען געדאַרפט טאַקע עפּעס איבערלאָזן, אַ צער־בעלי־חיים!

קומט סוכות, מען זאָגט „הלל", אַלע לולבים אין שול מאַכן נענועים. שטיל טראָגט זיך אַ האַרציק ניגונדל איבערן בית־מדרש און שלמהן דאַכט זיך, אַז דאָס איז ער גאָר אין לבנון. דער ווינט שאָקלט די צווייגן, דאָס זאָגן זיי „שירה" צו זייער באַשעפער. דער עולם גיט אַ געשריי: הודו לד' כי טוב... שלמה כאַפּט זיך אויף און פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי ער קומט אַהער? נאָך וואָס האָט מען אים געדאַרפט ברענגען אַהער? נאָך וואָס? קומט ער אין סוכה, גייט אים נאָך ארץ־ישראל... פאַרברענגט מען שמחת בית־השואבה, טראָגט ער זיך אין האַרצן אַריבער קיין ארץ־ישראל... גייט מען אויף דער „לעוואָדע" אַנרייסן „הושענות", ווייעט אויף אים מיט ארץ־ישראל... טאַנצט מען ביי הקפות, ליגט ער געצע אין גראָז און באַוויינט זיין נישט קענען קומען קיין ארץ־ישראל... שטענדיג און אומעטום אַזוי... צי ער זעצט זיך צו אין אַ ווינטער־אָוונט צו די עשרה בטלנים אין בית־המדרש הינטער דער הרובע, צי ער זיצט אין דער היים ביים פענצטער פורימדיקן טאָג און קוקט אַרויס ווי עס לויפן אום די יינגעלעך מיט די צוגעדרעקטע טעלערלעך, די פורים־שפּילערס אין דער באַגלייטונג פון אַ היפּשער מחנה קליינוואַרג, די חברות צדקה־קלייבערס, סתם עניים ואביונים און צו לעצט די משנה־לשנהדיקע סגי־נהורס, די נמושי בתר נמושי, וואָס אַ גאַנץ יאָר וועלן זיי נישט אויסשטרעקן קיין האַנט, חס וחלילה! אָבער פורים איז מען זיך מתיר נדר און מען גייט זיך דורך צום נגיד אויף קידוש... אויף וואָס ער זאָל נישט קוקן און וואָס ער זאָל נישט טון, טראַכט ער נאָר וועגן ארץ־ישראל, וועגן דעם, אַז די יאָרן לויפן און דער מרחק אהינצו ווערט נישט קלענער, זיין קליין נשמהלע קלאָגט נעבעך ביטער: חבל על דאבדין...

פּסח נאָכן סדר, פאַרטיק געוואָרן מיטן שיר־השירים, כאַפּט זיך שלמה אַרויס פון שטוב, קלעטערט אַרויף אויף זיין חורבה, פרעגט זיך ביי די שטערן, ביי דער לבנה, וויפל איז פון דאַנען קיין באר־שבע? צי איז געקומען עמעצער אויף יום־טוב צו דער מוטער רחל צו גאַסט? און ווי אַזוי דער ירדן, ער בענקט נישט נאָך אים? אוי, בענקט ער נאָכן ירדן, ממש דאָס חיות גייט אים אויס, גאַרנישט גייט אים נישט איין...

אונטן שרייט דער טאַטע:

— שלמה! שלמה! וווהין איז ער אהינגעקומען? צפורה, כאַפּ נאָר אַ קוק, אפשר איז ער גאָר אין שטוב? שלמה! שלמה!...

שלמה זיצט אויפֿן בוידעם און פֿילט נישט קיין מינדסטן חשק אָראָפּ־צוגיין אין שטוב אַריין. דאָ רעדט ער זיך אָראָפּ פֿונעם האַרצן. כאָטש עס ווערט אים דערפֿון נישט גרינגער אָבער דאָך...

שפּעטער כאַפּט ער אַ פּסק פֿונעם טאַטן:

— ווײסטו וויסן אַ צוויט מאָל זיך שפּילן מיטן טאַטן אין באַהעל־טעניש!

אַט אַזוי לעבט זיך דאָס זיבן־אַכט־יעריקע ייִנגעלע אין אַ דאָפּלטער וועלט. די רעאַלע: דאָס זענען די עלטערן, ברידער און שוועסטער, דער רבי, חברים, די שול, די יידן. די נישט רעאַלע: גאָט, ציון און ער. נאָר זיי, אין דרייען. חוץ זיי, ווערט קיינער נישט אַרײַנגענומען אין דעם וועלטל אַרײַן.

צו צוועלף יאָר, פּאַקט ער שוין ערגעץ „זכרונות לבית דוד" פֿון א. ש. פֿרידבערג, „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" מאַפּוס און „כל שירי ביאַליק". דאָס קינד שווימט נאָך מער אָפּ פֿון די רעאַלע ענינים פֿון לעבן. ציון, דאָס איז איצט זײַן לופֿט, מיט וועלכער ער אָטעמט. ביאַליקס „אם יש את נפשך לדעת" חלומט זיך אים אין שלאָף... ער קלײַבט זיך שוין נישט פֿרעגן ביי קיינעם, פֿאַר וואָס מען פֿאָרט נישט קיין ארץ־ישראל. ער ווייסט, אַז אַלעמענס הערצער, אַפֿילו זײַן טאַטנס און זײַן זיידנס, זענען מיט אַש פֿאַרשאָטן. ער זוכט שוין נישט קיין מיטגעפֿיל. ער וואַרט נאָר, ווען וועט ער שוין זײַן אַ גרויסער, ער זאָל קענען אַליין זיך אַוועק־לאָזן אַהין, אַהין אין „מקום שם ארזים"... צו פֿוס? זאָל זײַן צו פֿוס, אַ דאגה אים, און אַז ער וועט גיין צוויי יאָר, איז דען שלעכט? דער עיקר — אַבי גיין און דערגיין. ער קען זיך נישט רעכענען מיט טאַטע־מאַמע. זיי רעכענען זיך מיט אים אַ סך? זיי אינטערעסירן זיך, וואָס אים פֿעלט? אַבי מען מאַכט אים נאָך אַן אַנצוג און נאָך אַן אַנצוג. זיי פֿעלן אים די אַנצוגן ווי צײַנווייטיק. ניין, ניין! בעסער וועט ער זײַן אַ גוטער זון פֿון דער ווייטנס איידער אַ שלעכטער זון פֿון דער נאָענט...

שלמהס ברענענדיקע אויגן שטעכן דורך די פֿינצטערניש און דערטאַפּן רייזלס שאָטן. ער מאַכט אַ טריט אין איר זייט און זאָגט מיט אַן ערנסטן געבעט:

— רייזל, האָט אויף זיך רחמנות, און הייסט מיר אַנטשווייגן ווערן. וואָס דול איך אייך אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטן?

זיי שטעלן זיך אָפּ איינער קעגן צווייטן. די נאַכט איז שוואַרץ ווי טינט, אָבער די אויגן זעען זיך, ברען זיך איינער אין צווייטנס פֿייער. רייזל וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי קען גאָרנישט אַרויסברענגען. קוים־באַוועגנ־דיק די ליפּן שעפּטשעט זי אים:

— דערציילט, שלמה, איך בעט אייך...

איר האַנט פֿאַרבלאָנדזשעט אויף זײַן באַק און זי וויל זי צוכאַפּן, נאָר שלמה כאַפּט זי אָן און פֿאַרקוועטשט זײַנע אויגן מיט איר. נאָך אַ

מינוט און שלמה, א באַרואיקטער א ביסל, זאָגט שטיל, נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט פון זיינער:

— גוט, איך וועל ווייטער דערציילן, נאָר מיר גייען אצינד הינטער א דאָרף, וועלן מיר שווייגן, כדי נישט אויפצוּוועקן די הינט.

פון רייזלס האַנט שלאָגט א מעכטיקער עלעקטרישער שטראָם, איר אָטעם — פריסעק, אירע אויגן — ווערזוּח, איר גאַנצער קערפּער — אַן עמוד האש. שלמה פילט, אַז איר נאָענטקייט באַרוישט אים, פאַרגוואַל־דיקט אים, אָבער ער קען זיך נישט באַהערשן, אַלע כוחות־עליונים שטויסן אים צו איר, אין אירע אָרעמס. שלמה פאַרגעסט דעם עולם ומלואו, ער נעמט אַרום איר טאַליע, זי הענגט אין גאַנצן אויף אים. נישט זי גייט, נאָר ער טראָגט זי. זייערע הערצער קלאַפּן אין איין טאַקט, איין האַרץ...

— שלמה — שעפּטשעט רייזל — איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? איך האָב דעם איינדרוק, אַז אייער דערציילונג האָב איך נישט געהערט, נאָר ערשט געזען מיט די אויגן אָדער גאָר אַליין אַלץ איבערגע־לעבט. אַליין צום רבין געפאָרן, אַליין „חצות" געפּראַוועט, אַליין אויפן בוידעמל געליגן. מיט איין וואָרט: איר זענט א גרויסער מייסטער...

רייזלס רייד קערן אים אום צו דערווירקלעכקייט. א פאַרשעמטער לאָזט ער זי אָפּ און לאָזט זי אויף א ווײַלע גיין פאַרויס. זיי מיידן דאָס דאָרף, גייען דורך איבער א האַלב־צעוואַלגערט בריקל, און טרעטן אַריין אין א געדיכטן וואַלד. די שטילקייט איז דאָ נאָך פייערלעכער. זייערע טריט הילכן שוואַך אָפּ צווישן די ביימער. איבערן קאָפּ — א טונקעלער פּרוכת מיט דימענטן באַזעצט. זיי זענען פאַרכאַפּט פון דער הייליקייט, וואָס הערשט דאָ אין וואַלד. זיי דערפילן זיך פרישער, מונטערער, גליקלעכער. עס ווילט זיך זיי איצט נישט דערמאָנען אין דעם, אַז חוץ זיי ביידן דאָ אין וואַלד איז ערגעץ דאָ נאָך א וועלט און זיי מוזן זיך אומקערן צו איר. ער כאַפּט א קוק אויף רייזלען, זי — אויף אים. אויף זייערע געזיכטער איז אָנגעשריבן אַזוי פיל געטריישאַפט, אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט פון איינעם צום צווייטן, אַז רייד זענען גאָר איבעריק. רייד זענען א וואָכעדיקער מיטל אויף אויסצודריקן וואָכעדיקע געדאַנקען. אָבער זיי, געפינענדיק זיך איינע אַליין אין דער דאָזיקער בשופדיקער נאַכט אין אַזא טיפן אוראַלטן וואַלד, איז זיי אַזוי יום־טובדיק אויפן האַרצן, אַזוי גרינג, אַזוי גוט, אַז מען דאַרף גאָרנישט רעדן וועגן דעם. זיי גייען פּאַמעלעך — וואָס האָבן זיי זיך צו אײַלן? אַזעלכע נעכט טרעפן זיך דען א סך מאָל אין לעבן? זיי האַלטן די אויגן אָפן אָדער פאַרמאַכט — אַלץ איינס איז פינצטער. און וואָס מאַכט עס זיי אויס, וואָס אין דרויסן איז פינצטער, אַבי אויף דער נשמה איז ליכטיק!

עפּעס א באַשעפעניש לויפט זיי איבער דעם וועג. רייזל גיט א ציטער מיטן גאַנצן קערפּער און מאַכט א פּאָר טריט צוריק. שלמה צעלאַכט זיך אויפן קול:

— רייזל, פע, שעמט אייך! פאַר אַן איבערגעשראָקענעם האָז האָט איר זיך דערשראָקן?

— איך בין געגאַנגען פאַרטראַכט און ער איז אַרויס עפּעס אַזוי אומ־געריכט...

— אַ־האַ! דאָס הייסט, ער האָט געדאַרפט פריער אָנקלאַפּן, צי מען קען... כאַ־כאַ־כאַ!... טאַקע זייער נישט קולטורעל פון זיין זייט, אונטערלויפן צו אַ פּרויענצימער אומגעפרעגט...

זיין קול האָט אַזוי קינדעריש און זאַרגלאָז געקלונגען איבערן וואַלד, אַז רייזל האָט מיט קנאה אַ קוק געטון אויף איר באַגלייטער. שלמה האָט איר דערלאַנגט אַ שנאָל אין דער נאָז און זי צוגעצויגן צו זיך:

— רייזעלע, רייזל ליבערמאַן! אייך פעלט נישט איין, אַז היינטיקע נאַכט, וואָס איז אַ קאָמבינאַציע פון בלויז צופאַלן, — אָנהייבנדיק פון מיין צופעליק באַגעגענען ניסן פייגנבוים, ביז אונדזער איצטיקן שפּאַציר אין דעם געבענטשטן וואַלד, — איז זייער אַ ליכטיקער שטראַל אין אונדזער לעבן און פּאָעטן האָבן אַ געוווינהייט דאָס אָנצורופן שיר־שיר נישט מיטן נאָמען: גליק?...

— וואָס אַמבאַלאַנגט צו מיר, איז דאָס זיכער אַזוי... — האָט רייזל שטיל געענטפערט.

— און איך — רעכנט איר — האָב אַנדערע גליקן אין מיין לעבן?

— אַלנפאַלס מעגט איר רעכענען, אַז מער פון מיר.

— אָך, רייזל, יענעמס לעבן איז אַ פינצטערער וואַלד. מען קען קיין מאָל נישט דורכדרינגען אין די טיפענישן פון יענעמס נשמה. קיין גליק האָב איך נאָך קיין מאָל נישט פאַרזוכט. דאָס איז פאַר מיר אַ פאַנטאַסטי־שער נאָמען...

רייזל האָט גאָרנישט געענטפערט, זי איז נאָר אָפּגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט. דאָס האָט געהייסן אויף שטום־לשון: דערציילט ווייטער!

שלמה האָט עטלעכע מינוט געשוויגן, געציילט די אייגענע טריט. דאַן האָט ער אויפגעהויבן אַ צווייגל פון וועג און שטיל פאַרגעזעצט זיין דער־ציילן:

קאפיטל VIII

— צו זיבן יאָר פון מיין לעבן האָבן די רויטע איבערגענומען די מאַכט און באַלד נאָך דעם האָבן זיך איבער אוקראַינע צעהוליעט פאַרשידענע אַטאַמאַנישע באַנדעס. די אומרועז האָבן פון טאָג צו טאָג אַנגענומען אַלץ אַ געפערלעכערן פאַרנעם, פאַרפלייצט אַלץ גרעסערע שטחים, ביז זיי זענען אויסגעוואַקסן אין אַ מבול. אפשר האָט איר געהערט אַ מאָל אַזאַ נאָמען פון אַ שטעטל — טעטיעוו ? עס איז דאָ אַ באַזונדער בוך „חורבן טעטיעוו", געפינט זיך דאָס שטעטל אין אונדזער קאַנט, זיבעצן קילאָמעטער פון אונדז. דערפון קען מען לייכט פאַרשטיין, וואָס ביי אונדז האָט זיך אָפּגעטון אין די עטלעכע יאָרן : 1918, 1919 און 1920. כמעט טאָג־טעגלעך איז אונדז אויסגעקומען צו לויפן אויפן דאָרף, זיך צו באַהאַלטן ביי אַ גוי אין אַ סקירדע שטרוי, אָדער ערגעץ אַנדערש ווו. פיל מאָל זענען מיר געשטאַנען אונטער דער ביקס און געקוקט דעם טויט גלייך אין די אויגן אריין. אין יענע יאָרן האָב איך צום ערשטע מאָל דערזען טויטע מענטשן; קערפּערס אָן קעפּ; קעפּ אָן קערפּערס. געהערט האַרצרייסנדיקע קולות פון געשלאָגענע קינדער, פאַרגוואַלדיקטע מיידלעך און גוססנדיקע זקנים...

דאָס לערנען אין די חדרים האָט מען פאַרוואָרפן. צוליב וואָס איז נייטיק דאָס לערנען, אַז מען איז נישט זיכער מיטן לעבן ? אפילו דער ראָמאַן מיט ציון האָט פאַר מיר אויך פאַרלוירן זיין שאַרפקייט קעגן דער רעאַלער טויטשרעק, קעגן דער טאָג־טעגלעכער לעבנס געפאַר. חול־המועד פסח, אין יאָר 1920, האָט מען אונדזער גאַנצע משפחה און נאָך פיל הונדערטער מענטשן פאַר־טריבן אין בית־מדרש אריין און באַוואָרפן מיט באָמבעס. מיין זיידע יעקב־יוסף און אַן עלטער מומע זענען דאָמאָלסט צעריסן געוואָרן אויף פיצלעך. מיין מאַמע, איך און מיינס אַ קלענער ברודערל — וואָס איז טאַקע נאָך אַ יאָר מוטשען זיך געשטאָרבן — זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אויף די סאַמע געפערלעכסטע אופנים. דאָס פייער פונעם באַנדיטיזם האָט געהאַלטן אין איין בושעווען און מען האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַ נאָענט שטעטל אין אַ שפּיטאָל. קאַרגע צען יאָר בין איך אַלט געווען צום ערשטן „לך־לך" און פון דאָמאָלסט אָן האָב איך, דאַכט זיך, נישט אַזוי פיל האָר אויפן קאָפּ, וויפל „ראַדינעס" * איך האָב שוין געהאַט.

איך געדענק, בעת מען האָט מיך אויף די הענט אַרויסגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויף דער פור מיט קישנס, כדי צו פאָרן אין שפּיטאָל אריין אין צווייטן שטעטל, האָב איך אַזוי געוויינט, אַזוי געוויינט... געבעטן מיך דורכצופירן איבער דעם גאַנצן שטעטל, דורך יעדן געסעלע. דאָס קינדערשע הערצל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס זעט ער זיין געבורטס־שטעטל צום לעצטן מאָל, און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. דערמאָנענדיק זיך איצט אין יענע טעג, שווימען אַרויס פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פיל שפּי־טאָלן, פיל כירורגן. אייניקע פון זיי האָבן געזאָגט, אַז מען וועט מיר נאָר

* ראַדינאַ — פאַטערלאַנד.

דאַרפן אראָפּנעמען דעם פּוס ביז צו דער קני, און אויף קוליעס וועל איך קענען גיין. נאָר אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז אפילו דאָס אַראָפּנעמען דעם גאַנצן פוס וועט אויך נישט העלפן. נאָך די דריי און צוואַנציק באַמבע־שפּליטערן, וואָס מען האָט ביי מיר אַרויסגענומען פון דער וואונד, מוז זיך נאָך באַקומען אַ בלוט־פאַרגיפטונג, און דאָס וועט שוין זיין דער סוף...

געטראָפן האָבן זיי קיינס נישט, די השגחה האָט געהאַט דערביי אירע חשבונות. מיט מיינע פיס יאָג איך נאָך אריבער אויף ספּאָרטסמענער, נאָר דאָס איז שוין נישט שייך אַהערצו. אין משך פון זעקס חדשים האָב איך איבערגעטראָגן דריי אָפּעראַציעס. מען האָט מיך געשניטן און געבראָקט אַזוי ווי קרעפּל־פלייש — און דאָך איז נאָך מיר אויך עפּעס פאַרבליבן. איך און די שפּיטאָלן איז מיר פיל מאָל אויסגעקומען צו זען באַנדיטן מיט אַנגעלאָדענע ביקסן זיך צילן אין מיר. מיין מאַמע, מיט אַ קערפּער, געלע־בערט ווי אַ רעשעטע, האָט מיך געטראָגן עטלעכע מעת־לעת אויף די פּליי־צעס צו פוס אַן ערך פון העכער פופציק קילאָמעטער איבער פעלדער און וועלדער, אונטער אַ האָגל שטיינער פון פאַסטעכער, געיאָגטע פון אַנגע־רייצטע הינט. כ׳ווייס, וואָס נאָך? געגנעבטיקט אַ וואָך צייט כמעט אַן עסן אונטערן פרייען הימל... ווייס איך, ס׳איז טויזנט און איין נאַכט. איך אַליין בין שוין אויך נוטה צו גלייבן, אַז דאָס אַלץ האָב איך ערגעץ אַרויסגעלייענט פון אַ ביכל... עס גלייבט זיך גאָר הייגט נישט, אַז אַ צעניעריק קינד זאָל אַזוי פיל קענען אַריבערטראָגן.

צום סוף פון יאָר 1920 בין איך אָנגעקומען אין מיין טאַטנס געבורטס־שטאָט: כמעלניק, אומאַנער קרייז. פון אָנהייב איז מיר אפילו שווער געווען אויסצורעדן ריכטיק דעם נאָמען פונעם שטעטל, נאָר אין אַ יאָר אַרום איז דאָס געוואָרן מיין צווייט פאָטערלאַנד. פיל גוטס און פיל שלעכטס האָב איך דאָרט איבערגעלעבט. דאָס שטעטל איז פאַרבליבן ווי אַ הייליקטום אין מיין זכרון. דאָרט האָב איך פאַרבראַכט פון 1925 ביז 1929, די בעסטע פינף יאָר פון מיין יוגנט. אויב אין מיין לעבן איז פון דעסט וועגן יאָ געווען עפּעס גליק, איז דאָס געווען נאָר אין יענעם קליינעם שטעטל מיט די געציילטע דריי הונדערט הייזלעך...

אָבער אין יאָר 1920 בלייבן דאָרט איז געווען אוממעגלעך. די אומרוען האָבן זיך דערקייקלט פון אונדזערע מקומות אויך אַהין און פון דאָרטן האָט זיך אויך אָנגעהויבן דאָס לויפעניש... די „וועלט“ איז געלאָפן קיין אַמעריקע אָדער אין די גרויסע שטעט. אָבער מיר, קראַנקע קאַליקעס, האָבן נישט געקענט ווייט לויפן, מיר זענען גערן געווען זיך צו פאַרשלעפּן קיין זוועני־גאָראָדקע, צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון דאָרטן. און איך איז נישט אויסגע־קומען צו הערן אַזאַ נאָמען ווי זווענינאָראָדקע?

— פאַר וואָס עפּעס ניין? זווענינאָראָדקע איז דאָך אַ כרך... אַן עיר ואם בישראל... אַמאָל, דערציילט מען, זענען דאָרט געווען היפּשע ישיבות, באַרימטע רבנים און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, — אפילו אַ גוטער־ייִד...

— איז אַט אין דעם כרך זענען מיר מגולגל געוואָרן אין באַרימטן יאָר 1920. אין יענעם אומגליקלעכן צוואַנציקסטן יאָר, ווען אַלע אוקראַינישע ייִדן זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, איז אויך דער הייליקער־הייליקער ר׳ דודל סקווירער — אַ מלאך, נישט קיין מענטש — אויסגעגאַנגען פון הונגער אין קיעוו, וווהין עס האָט אים פאַרוואָרפן די בהלה. נאָך עד־היום, אַז איך גיב אַ קוק אויף זיין געטלעכער צורה — איך האָב אַ פּאָרטרעט זיינעם — קען איך נישט פאַרגעסן זיין „חוסה נא ואל תתעלם“, זיין „מדת הרחמים עלינו התגלגלי“, זיין „מתי תעלה בתך מבור“... ער לעבט ביי מיר אין האַרצן און גיט, דאַכט זיך, אויף מיר אַכטונג.

ערשט אין זוועניגאָראָדקע האָט צום ערשטן מאָל געזען מיין פּוס אַן אמתער קאָנסיליום פּראָפעסאָרן און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס גאַנצע שניידעניש מיטן בראָקעניש ביז אהער איז געווען אומזיסט. אין מיין פּוס פעלט אוים האַלב מארך. און מען האָט באַשלאָסן פון וואַנען צו נעמען ביי מיר מאַרך אויף צו פאַרלייגן דעם לאָך. עס איז געווען זייער אַן ערנסטע אָפּעראַציע, נאָר דער פּוס איז געראַטעוועט געוואָרן. נאָך זיבן חדשים זיין צוגעקאָוועט צום שפּיטאָל־בעט בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף גאָטס וועלטל, ווי נייגעבוירן. צו עלף יאָר האָב איך קוים געדענקט, ווי אַזוי צו דאַווענען.

מיין טאַטע האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט מאַנופאַקטור בשותפות מיט זיינע עלטערן טאַקע אין כמעלניק, אָבער געוווינט האָבן מיר אין זוועניגאָראָדקע. איך בין אָנגעקומען צו זייער אַ גוטן מלמד, ביי וועלכן איך האָב אָן איבעררייס געלערנט ביזן אָנהייב פון יאָר 1925. אַלץ וואָס איך קען, איז נאָר פון די עטלעכע יאָר, ווייל פון דאַמאָלסט אָן האָב איך שוין מער קיין מאָל נישט געלערנט. אין דעם פאַרגעסענעם האָב איך זיך גרינג דערמאָנט און איך האָב שטאַרק מצליח געווען אין מיין לערנען. צו יענער צייט זענען שוין ביי אונדז געווען זעקס קינדער, די זעלבע, וואָס מיר זענען אַצינד, ווייל יענץ פאַרוואונדעטע ברודערל איז טאַקע געשטאָרבן. איך האָב געלערנט בלויז גפ״ת * און די קלענערע קינדער זענען געגאַנגען אין דער יידישער שול.

אין זוועניגאָראָדקע האָב איך מיך גאַנץ טיף אַריינגעטון אין השכלה־ספרים. אַליין אויך נישט שלעכט געשריבן. אויף העברעאיש, פאַרשטייט זיך. מיין פאָטער האָט געהאָרעוועט אויף אַכט פאַרשוין, דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות; פלעגט ער מוזן אָנקומען אויך צו דער מאַמעס הילף, זי זאָל מיטפאָרן מיט אים אויף די יאַרידים, איז טאַקע פון דער שטוב געוואָרן אַ חורבן. ביז ענדלעך, אין יאָר 1925 האָט מיין טאַטע באַשלאָסן אַריבערפירן זיין משפחה קיין כמעלניק און זיך אָפּטיילן פון זיינע עלטערן. דאָס האָט ענדגילטיק באַשטימט דעם גורל פון מיין ווייטערדיקן לעבן. אָנשטאָט דעם, וואָס אין זוועניגאָראָדקע האָט מען אויף מיר נביאות געזאָגט, אַז איך וועל מיט דער צייט ווערן אַ גרויסער רב, בין איך אין כמעלניק געוואָרן, פון אָנהייב אויף קאַטאָוועס, דערנאָך אויף אַן אמת, — אַ סאַמע פּראָסטער יאַרידניק.

* ראשי־תיבות פון — גמרא מיטן פירוש : תוספת.

פון דאַמאָלסט אָן האָב איך שוין מער קיין ספר נישט אויפגעעפנט, נישט געהאַט די מעגלעכקייט. בלויז ביכער האָב איך געלייענט... ביכער פון דער וועלט!... איך בין קיין מאָל אין ערגעץ נישט געגאַנגען, אין ערגעץ נישט געפאָרן אָן א ביכל אין קעשענע. מן הסתם האָט איר געהערט, אַז איך זינדיק א ביסל מיט דער פען, גוט צו שלעכט, נאָר מענטשן לייענען. דאָס איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אין די טעג און אין די נעכט פאָרנדיק אויף די יאַרידים. דאָס האָב איך אַ מתנה פון דער נאַטור. אַזעלכע מתנות ווערן צוגעטיילט נאָר די סאַמע נאָענטסטע מקורבים און איך בין אירער א גרויסער מקורב. קוקט זיך צו וועט איר זען, אַז קיין זאך רופט נישט אַרויס ביים מענטשן אַזוי פיל דערהויבענע געפילן, אַזוי פיל השתפכות־הנפש, וויפל די נאַטור אַליין. איך האָב איבערגעלעבט אַזוי פיל מאָל: זונען־אויפגאַנגען, שקיעות, אַזוי פיל געשפּאַנט איבער וועלדער און פעלדער, בערג און טייכן, אַז איך וואָלט, דאַכט זיך, נישט געקענט נישט שרייבן...

מיט לופטיקע שפּאַן דערנעענטערט זיך שלמה צו רייזלען און נעמט זי אָן צאַרט ביי דער האַנט. רייזל דרייט אַוועק דעם קאָפּ און ווערט זיך:

— גייט, גייט אויף אייער אָרט... איר זענט אַצינד אַזוי צעגליט, אַז ס'ווערט מיר אַזש הייס... ס'איז ביי אייך נישט קיין האַנט, נאָר אַ האָלעוועשקע...

שלמה קערוועט אוים איר פנים צו זיך און מיט א ברענענדיקן פליסטער שעפּטשעט ער איר גלייך אין אויער אַריין:

— רייזל, איך שווער אייך ביי וואָס מיר הייליק איז, אַז צורירנדיק זיך צו אייך מיט אַ מינדסטן פינגער, בין איך בעת־מעשה נישט קיין מאַנסביל. איך פיל צו אייך די סאַמע הייליקסטע ליבע, די ליבע פון א ברודער צו אַ שוועסטער. איר זענט פאַר מיר הייליק ווי אַ ספר תורה. איך וואָלט געוועזן איבערגליקלעך, ווען איך וויים, אַז אויך אייערע געפילן צו מיר, זענען נישט קעלטער... ניין, ניין, מען דאַרף נישט ענטפערן, איך האָב נישט געזאָגט, כדי צו באַקומען אַן ענטפער... דאָס דאָזיקע געפיל לייגט זיך נישט אַריין אין קיין ווערטער... יאָ, קענן וואָס זאָג איך דאָס אַלץ? כ'וויים אַליין נישט, קענן וואָס איך האָב דאָס אַלץ גערעדט. איך האָב גאָר, דאַכט זיך, גערעדט וועגן דעם, אַז בלויז די נאַטור האָט אין מיר אויסגעשמידט דעם מייסטער פון וואָרט, דעם אַלץ־פילנדיקן צוקוקער און צוהערער. נו, קוקט אַליין און זאָגט, בין איך גערעכט צי ניין? אָט קומט, לאָמיר בשותפות מיט איינע אויגן און מיט איין האַרץ אַ קוק טון אויף גאָטס וועלטל און פרווט זאָגט, אַז עס איז אפשר נישט אַזוי...

אינסטינקטיוו האָבן זיי זיך אַרומגענומען און זענען שטיין געבליבן. דאָס פינצטערניש צווישן דיביימער איז ווי פריער געווען אי דריקנדיק, אי היימיש. דאָס יונגע פּאָרל האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי בשעת מען קלייבט זיך אַריין ביי לית־ברירה, אין אַ שלעכטער דירה און דערנאָך, ווען מען ווערט שוין צו איר צוגעוווינט, גלוסט זיך מיט איר נישט שיידן... אויף דעם שמאָלן פּאַס הימל, וואָס איז געהאַנגען איבער דעם שליאַך, האָט דאָס

חשכות קענטיק אָנגעהויבן שיטערער צו ווערן, זיך צוריק באַהאַלטן איבערן טאָג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ פאַרבאָרגענע האַנט קערט צו דעם הימל פאַר דעם קומענדיקן פרימאָרגן. אַש־קאָלירענע פאַסמעס זענען געווען צע־שאָטן איבערן גאַנצן הימלפלאַך. דער מאָרגנשטערן האָט ווי אַ לייכט־טורעם שניידנדיק געלויכטן איבער זייערע קעפּ. זיי זענען געשטאַנען ביי אַ נאַקעט שטיק פעלד אין מיטן וואַלד. לינקס איז געווען אַ בערגל. אויף דעם בערגל האָבן זיך אויסגעצויגן צוויי טאָפּאָלן. גלייכע ווי סטרונעס האָבן זיי זיך געצויגן אין הימל אַריין. מער איז אויף דעם וואַלדיקן פעלד קיין סימן פון קיין בוים נישט געווען. עס איז געווען אָנגענעם צו טראַכטן, אַז דאָס האָט אַ פאַרליבט פּאָרפאָלק געמוזט אין טאָג פון זייער חתונה פלאַנצן אָט די צוויי ביימער און דערפאַר זענען זיי אַליין. פון אָט דער השערה איז דאָס בערגל געוואָרן טייערער און היימישער. אַרום באַרג, אויפן גאַנצן שטח פרייען פעלד, האָט זיך געשפרייט אַ טעפּיך פון סאַמעטענעם גראָז, באַ־שפּרענקלט מיט אַלערליי ווילדע רויזן און אַנדערע קווייטן.

פון ערגעץ נישט ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ שטילער גערויש. שלמהס אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ מורמלען פון וואַסער. ער האָט אויף אַ ווײַלע צוגע־לייגט אַן אויער צו דער ערד, באַלד אויפגעשפּרונגען און אַן ווערטער אַ צי געטון רייזלען פאַרן אַרבל. זיי זענען געגאַנגען אויף לינקס, אין דער טיפע־ניש פונעם וואַלד. אין רעכטן מיטן וואַלד איז נאָך געווען אַ געדיכטע פינצ־טערניש. שלמה האָט רייזלען פעסט געהאַלטן פאַרן עלנבויגן און, ווי איינ־הערנדיק זיך אין עפּעס, געגאַנגען מיט איר פאָרויס. אַ מינוט פופצן זענען זיי אַזוי שווייגנדיק געגאַנגען. שלמה איז געווען קאָנצענטרירט אין זיך און האָט אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט אַ פאַרחידושטער געקוקט אין אַלע זייטן, געוואונדערט זיך. ווידער אַ מאָל האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, צוגעלייגט אַן אויער, ווי ער זאָל דאָרטן האָבן אַ אָן־דראָטיקן טעלעפאָן. מיט אַ מאָל איז ער פריילעך אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטון רייזלען פאַר דער האַנט:

— קומט, ס'איז שוין זייער נאָענט!

ווער — נאָענט, וואָס — נאָענט, האָט זי נישט איבערגעפרעגט. זי איז אים נאָכגעלאָפן ווי אַ קליין מיידעלע. ס'איז איר געווען אַזוי אָנגענעם צו פילן דאָס אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, צו פילן זיך באַשיצט פון דעם ריז, וואָס שפּרייזט פאַר איר און שלעפּט זי פאַר דער האַנט. ער איז געווען גע־רעכט. זיי האָבן קוים באַוויזן אָפּצוגיין אַ הונדערט טריט, ווי די ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן צערוקן, אַלץ שיטערער און שיטערער ווערן. מיט אַ מאָל האָט צעשפּאַלטן די פאַרטאָגיקע שטילקייט און זיך הייזעריק צעשאָטן:

— קו־קאַ־רי־קו!

שלמה האָט טריאומפירנדיק אַ קוק געטון אויף רייזלען. אינסטינקטיוו האָט זיך איר איבערגעגעבן זיין פרייד. זיי האָבן זיך צעלאָזט לויפן אויפן קריי פון דעם האָן. שלמה האָט געלאָזט רייזלען איבעריאָגן אים, דאַן האָט ער מיט צוויי שפּרונג זי איבערגעלאָזט הינטער זיך און איז נעלם געוואָרן.

עס האָט זיך נאָר געהערט אַ ברעכן פון צווייגן און נאָך דעם איז דאָס אויך שטיל געוואָרן.

רייזל האָט זיך פארלוירן אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. נישט וועלנדיק זיך אונטערגעבן, האָט זי זיך אַליין אונטערגעגעבן מוט און איז געגאַנגען פאָרויס. באַלד אָבער האָט זיך איר געגומען דאַכטן, אַז זי פארגייט אויף רעכטס. אָפגעשטעלט זיך, ארומגעקוקט זיך — און זיך אַ נעם געטון אויף לינקס. זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט, אָבער ערשט דאַן האָט זיך איר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זי גייט גאָר אויף צוריק. זי האָט אַ צערייצטע זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן:

— ווו האָט זיך דאָ שלמה באַהאַלטן?

אַלץ ארום איז געווען שטיל, שטיל און האַלב־טונקל, ווי אין אַ שלאָפ־צימער ביי אַ נאַכטלעמפּל. וווהין גייט מען? רופן שלמהן איז איר געווען אַ בזיון, ס'איז איר נישט אָנגעשטאַנען ארויסצווייזן פאַר אים איר שוואַכ־קייט. ס'איז אויף איר מיט אַ מאָל אָנגעפאַלן אַ זיסע מידקייט. די פיס האָבן גענומען איבערציילן די דורכגעמאַכטע קילאָמעטרס. זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דעם גראָז, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין אַ בוים און צוגעמאַכט די אויגן. איר גאַנצער קערפּער האָט אַזש אַ צאַפּל געטון פאַר שלעפעריקייט און זי האָט זיך אומבאַוווסטזיניק איינגעקאָרטשעט. מיט אַ מאָל האָט זיך פון אַ זייט דערטראָגן אַ ווייט האַווקען פון אַ הונט. רייזל האָט דערשראָקן געעפנט די אויגן. אירע ליפּן האָבן געמורמלט פאַר זיך:

— וווהין איז דאָס שלמה אהינגעקומען?

זי האָט אָנגעהויבן אָפּגיין צוריק צו דעם וועג, פון וועלכן זיי זענען אָנגעקומען. דאָס האַווקען האָט זיך אַלץ דערנענטערט, פארשטאַרקט. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ בוים, אויפגעהויבן פון דער ערד אַ צווייג און זיך געגרייט צום פארטיידיקן. מיט אַ מאָל האָט עפּעס אַ פלי געטון איבער איר קאָפּ און איז אַראָפּגעפאַלן גלייך צו אירע פיס.

— מאַמע! — האָט זי ווילד אַ געשריי געטון און זיך אַ וואָרף געטון פאָרויס.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך שלמה געקאַטשעט פאַר געלעכטער. זי האָט געטראָפן גלייך אין זיינע אָרעמס און אַזוי צוגעפּרעסט צו אים געבליבן שטיין מיט דעם צווייג אין דער האַנט.

— ווי אַזוי איז אייך קיין בזיון נישט געווען מורא צו האָבן פאַר אַ הונט? צי איך מאַך דאָס טאַקע נאָך אַזוי נאַטירלעך?

— דאָס האָט איר גאָר נאָכגעמאַכט?

— כאַ־כאַ־כאַ!... און איר האָט געמיינט, אַז דאָס איז טאַקע אַן אמתער הונט? האָב איך דאָך אייך טאַקע איבערגעשראָקן... אַנטשולדיקט, אויב אַזוי, רייזעלע...

ער האָט איר געגלעט דאָס פּנים, די האָר. זי האָט זיך ווי אַ קליין, שוואַך קינד אין גאַנצן אָפּגעגעבן אין זיין רשות.

האַלטנדיק זיך פאַר די הענט האָבן זיי זיך געלאָזט וויי‍טער גיין.

קאפיטל IX

פאר זייערע אויגן האט זיך באוויזן א רוישיק טייכל, וואס האט זיך מיט א בייזער געטראגן צווישן דיביימער און פארטרונקען זייערע ווארצלען. דא האט שוין אויף אן אמת געשאריעט אויף טאג. דער מזרח האט זיך אנגעהויבן אויפדעקן. שטיקלעך כמארעס, גרויסע און קליינע, זענען אפגע־ווארפן געווארן אראפ — אראפ אויף מערב, כדי דער קומענדיקער טאג זאל נישט טרעפן קיין שטרויכלונגען, ער זאל נישט באמערקן קיין שפורן פון דעם, וואס ביי נאכט האט זיך דא אפגעטון. א לייכטער דורכזיכטיקער נעפל איז געהאנגען איבער די ביימער, איבער דעם טייכל. הארט ביים וואסער איז געשטאנען א הייזל. אין א פענצטער האט זיך העל געלויכטן. דאס הייזל איז געווען ארומגענומען מיט א פלויט, וואס איז געווען אויסגע־פלאכטן פון ארומגעשניצטע צווייגן. אין א ווינקל — א היפשע שטאל, פון וואנען עס האט זיך דערטראגן א מהוקען פון א קו. דאס רופט די מוטער איר קינד, זיך אנזויגן פאר א גאנצער נאכט. אויפן פלויט, מיטן פנים צום באלויכטענעם פענצטער, שטייט א געלער האן מיט טונקל־ברוינע פליגל, און קרייעט מיט אזא צארן, ווי ער זאל שרייען:

— נארישע מענטשן וואס איר זענט! לעשט שוין אויס דעם לאמפ, איר זעט דען נישט, אז עס איז שוין טאג? ווי איז אייך נישט מיאוס צו קוקן אויף דער רויטער שיין, בעת אין דרויסן קומט אן אזא פרעכטיקער פרימארגן... קוקאריקו! — קומט ארויס!... קוקאריקו!... פארשלאפט נישט דעם זונען־אויפגאנג...

די נידעריקע וואנטלעך פונעם הייזל האבן מיט זייער ווייסקייט גע־בלענדעט דאס אויג. דאס בלאע רויכל, וואס האט לאנגזאם זיך געצויגן פון דעם ציגלנעם רויטן קוימען, האט זיך ווייך פארלוירן אין נעפל. דאס וואסער אין טייכל האט פארכלינענדיק זיך געזונגען זיין אייביקן מזמור:

— איר מענטשן קענט אייך שלאפן אדער אויפשטיין. פארן צו גיין. מיך גייט עס נישט אן. איך ווייס מיר איינס... איך אייל מיך, נישטא קיין צייט...

א ווייסע קו מיט א רויטן פלעק אויפן שטערן האט תמימותדיק ארויס־געשטעקט דעם קאפ פון שטאל און ארויסגעלאזט א פארבענקטן: מ־הו... אויסגעווארט א ווילע און זעענדיק, אז קיינער קומט נישט, האט זי ארויס־געכריפעט מיט א טיפן יאוש נאך א האלבן מ־הו און דער קאפ איז צוריק פארשוואונדן אין שטאל. שלמה האט באגייסטערט א קוק געטון אויף זיין באגלייטערין. פאר אנטציקונג האט ער א ווארט נישט געקענט ארויסרעדן און רייזל האט לייכט א שאקל געטון מיטן קאפ:

— אמת, אמת, עס איז אלץ זייער שיין!...

זיי האבן זיך געלאזט גיין צום טירל, וואס פירט אין הויף אריין, נאר א קודלאטער הונט מיט א לאנגן ווייסן עק האט זיך א ריס געטון זיי

אנטקעגן. דערפילנדיק דאָס שטאָלענע רייפל אויף זיין האַלדז האָט ער זיך מיט אַ דערשטיקט ברומען אָנגעהויבן אַרומדרייען אַרום זיין ביידל. פון שטוב איז אַרויס דער וואַלד־שומר, אַ סימפּאַטישער רוס פון אַ יאָר פופציק, מיט גרוילעכע וואָנסן. ער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף די פרעמדע געסט און נאָסטפרײנדלעך אַ זאָג געטון:

— האָט נישט קיין מורא, דער הונט איז גוט צוגעבונדן. קומט אַריין!

זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ גרויסן צימער. אַ גרויסער בליצלאָמפּ האָט העל באַלויכטן אַלץ אַרום און נישט געלאָזט די טאָגשיין אַריינדרינגען אין שטוב אַריין. די ווענט זענען געווען אויסגעמאָלט מיט קאָלירטע קווייטן, מיט הענדעלעך און פייגעלעך אויפן אוקראַאיניש שטייגער. אין ווינקל האָט געהאָנגען אַ יעגערישע ביקס מיט אַ פּאַטראָנען־טאַש. אין אויוון האָבן פרײלעך געפלאַקערט טרוקענע צווייגן. אויפן טיש — אַ ווייסער טישטעך, אויך מיט רויטע האָנען אויסגענייט. ביים דאָרפישן אײנגעמײנער איז דער האָן אַ גאַנצער בן־בית, זיין לעבעדיקער זייגער. ליינקס איז געווען אָפן אַ פענצטער אין אַ גאָרטן אַריין. שלמה האָט באַלד באַמערקט, אַז דאָרט וואַקסן בלויז יונגע ציבעלעס מיט רעטעכלעך. אויף יענער זייט גערטנדל האָט אַן אַרבל פון דעם טייכל רואיק געזשומעט. ביים טיש איז געזעסן די בעל־הביתטע און האָט עפּעס גענייט אויף אַ מאַשין. זי איז געווען אין אַן אונטערשט קליידל מיט אַ שאַל אויף די אַקסלען. אַ יינגעלע פון אַ יאָר צוועלף האָט עפּעס איבערגעשריבן פון אַ ביכל. אויפן בעט איז געלעגן אַ טאָכטער פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק און געלייענט אַ בוך. ביי דער טיר, אויף אַ קליין בענקעלע, איז געלעגן אַ האַלב־פאַרטיק זאָקל מיט אַ נאָדל אַריינגעשטאָכן — אַ פּנים, איבערגעשלאָגן דעם בעל־הבית אין מיטן דער אַרבעט.

אויף אַלץ אין שטוב איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ רואיקייט, אַזאַ פרידלעכקייט, אַז שלמה האָט נישט אויסגעהאַלטן און נאָך דער ערשטער באַגריסונג מיט קנאה אַ זאָג געטון צו די באַלעבאַטים:

— איר האָט גאָר קיין השגה נישט, ווי גוט ביי אייך איז.

— פאַר וואָס רעכנט איר, אַז מיר האָבן קיין השגה נישט? — האָט די באַלעבאָסטע מיט אַן אָנגענעם שמייכעלע געפרעגט.

— ווייל אַזוי איז דאָס שוין פון אייביק אָן. דאָס, וואָס אַ מענטש האָט צו דער זעט, איז ביי אים נישט אָנגעלייגט. אָט מיר, גרויסשטעטישע איינוווינער פון די הויכע מויערן, פאַר אונדז איז אַזאַ הייפל ווי ביי אייך, מיט אַ טייך ביי דער זייט, מיט אַ וואַלד אַרומגענומען, אַ גאַנצער גן־עדן...

— מיר ווייסן דאָס גאַנץ גוט, ווייל מיר וווינען דאָ ערשט אַנדערטהאַלבן יאָר. פריער האָבן מיר געוווינט אין כאַרקאָוו און דער מאַן האָט געאַרבעט אַלס רימער ביי די פייערלעשער. מיין טאָכטער — אָט די, וואָס לייענט — לערנט נאָך הייַנט אויך אויפן דריטן קורס פון אינסטיטוט אין כאַרקאָוו. זי איז ערשט יענע וואָך געקומען אויף קאַניקולן.

שלמה האָט זיי אין געציילטע ווערטער דערציילט ווי אַרום זיי קומען

אהער און איז געוואָרן גערוויר, אַז אויב גיין מיטן וואַלד אין אַלכסון, איז אין גאַנצן געבליבן קיין פּאַלטאַוועס אַ מהלך פון אַ וועלכע צען קילאָמעטער.

— אַזוינע יונגע מענטשן ווי איר וועט נאָך דעם איבערבייסן מיט פרישע כוחות אָנקומען אַהין אין קאַרגע צוויי שעה — האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו שלמהן — און אַצינד, נעם דיין ווייב און גייט זיך ביידע אַרומוואַשן. מיר וועלן באַלד אַלע צוזאַמען פרישטיקן.

— אָט דאָס פרייליין איז נישט מיין ווייב.

— אַנטשולדיקט, איך האָב געמיינט, אַז יאָ. אַלץ איינס, וואַשט זיך אַרום און קומט עסן.

— גוטער מענטש, מיר זענען דיר זייער דאַנקבאַר פאַר דיין איינ־לאַדונג, נאָר מיר זענען נישט הונגעריק. אין צוג אויף דער סטאַנציע ראַמאַדאַן האָבן מיר איבערגעביסן.

— דאָס גייט מיך נישט אָן, יונגעלייט וועלן אָפּזוכן אַן אָרט אויף נאָך אַן איבערבייסן. מיר האָבן אייערנעכטן געקוילעט אַ חזיר, זענען ביי אונדז דאָ אַזוינע גריוון, וואָס איר האָט נאָך אַזעלכע אין אייער לעבן נישט געגעסן.

— חוץ דעם, וואָס מיר זענען נישט הונגעריק, זענען מיר נאָך רעלי־גיעזע מענטשן און עסן נאָר כשרס.

אַלע שטוב־מענטשן האָבן פאַרוואונדערט באַטראַכט שלמהן מיט רייזלען.

— איר ווילט אייך פשוט אָפּטשעפּען, צי איר מיינט דאָס אויף אַן אמת ?

— ערנוואָרט, אַז דאָס איז לויטער אמת !

— אויב אַזוי, זענט איר זייער ווילע מענטשן. איך אַליין בין אויך אַ גלויביקער...

און ביי די ווערטער האָט ער צעשפּיליעט דאָס העמד, און זיי געוויזן אַ גאָלדן צלמל.

— אויב דו ביסט אַ גלויביקער, ווו זשע זענען דיינע איקאָנעס ? — האָט שלמה מיט אַ שמייכל געפרעגט.

די בעל־הביתטע האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צו אַן אויסגע־נייטן פאָרהאַנג, פאַרהויבן אים און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טיפע נישע אין דער וואַנט, ווו עס זענען געהאַנגען פיל איקאָנעס, באַ־לויכטן פון אַ ברענענדיק קאַהאַניצל.

שלמה מיט רייזלען האָבן זיך פילדייטיק איבערגעקוקט. די באַלעבאָסטע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם פאָרהאַנג און דער בעל־הבית האָט שטאַמלענדיק געגעבן זיי צו פאַרשטיין :

— עס זענען אַזוינע יאָרן אָנגעקומען... מען דאַרף זיך באַהאַלטן מיט דעם, וואָס דיר איז הייליק... איך בין דאָך אַן אָנגעשטעלטער... נאַטשאַל־סטוועס קומט אָפט אַראָפּ, פּאַסט נישט... וואָס זאָל מען טון ? עס איז דען דאָ אַ ברירה ?

שלמה האָט אַרויפגעלייגט די האַנט דעם באַלעבאָס אויפן אַקסל :

— וועגן באַהאַלטן זיך דאַרפט איר מיר נישט דערציילן, איך וויים דאָס נישט ערגער פון אייך. און אַצינד וויל איך מיך אויסבאָדן אין טייכל, אין קיעוו געפינט זיך נישט אַלע מאָל צייט דערויף...

— איר ווינט דאָך אין פּאָלטאַווע, וואָס זשע זאָגט איר קיעוו?

— אין פּאָלטאַווע ווינט נאָר אָט דאָס מיידל, און איך — אין קיעוו.

— א־הא! זי פאַרט, הייסט עס, אַהיים און איר באַגלייט זי.

— עס הייסט כמעט אַזוי. פון וועלכן אָרט איז באַקוועמער אַראָפּצוגיין אין טייכל אַריין?

— אָט נעם איך א האַנטעך מיט זייף און גיי שוין אויך מיט אייך. דאָרט זענען דאָ טיפע ערטער, מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

שלמה האָט פרעגנדיק א קוק געטון אויף רייזלען:

— און איר, וואָס?

רייזל האָט פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט:

— אין „ספירה" — זיך באָדן?

— אין דער וואָך פון „מלכות"* איז מען שוין מקיל... איר וואָלט אויך געדאַרפט עמעצן בעטן, מען זאָל אייך אָנווייזן. נאָך אַזאַ „דורכגאַנג" זיך א פּליוסקע טון אין קאַלט וואַסער — אַה, ס'איז א מחיה!...

נאָר רייזל האָט פאַרשפּאָרט צו ענטפערן. דעם באַלעבאָס מיידל האָט זיך צו זיי אָנגערופן:

— זייט אַזוי פיל גוט זיך אויסדרייען אויף איין מינוט, וועל איך מיך אָנטון און מיר וועלן גיין מיט דער חברטע זיך באָדן.

— נאַטאַליע, דו גיי מיט איר צום זאַמדיקן ברעג, ביי דער גרויסער אָסינע**.

— איך וויים אַליין, טאַטע, דו האָב נישט קיין מורא.

צוריקגעקומען פונעם באָדן זיך זענען זיי דערפרישטע, אין א מונטערער שטימונג.

— נו, איצט זייט אַזוי פיל גוט און ווייזט אונדז, ווי אַרום דאַרפן מיר גיין דורכן וואַלד?

— וואָס, איר ווילט שוין גיין? אָפּגעבאָדן זיך און נישט נעמען עפּעס אין מויל אַריין?

שלמה האָט א טראַכט געטון און געזאָגט:

— פרישע אייער אויב איר האָט און אויב איר ווילט מעלקן די קו פאַר אונדז אין די אויגן, קענען מיר די צוויי זאַכן געניסן ביי אייך.

— אָט אַזוי זשע רעדט! נאַטאַליע, כאַפּ א קוק ביי די הינער, און דו — האָט דער באַלעבאָס זיך געווענדעט צו זיין פרוי — פיר אַרויס „מאַשען" אַהער קעגן דעם פענצטער און מעלק זי אויס.

די סטודענטקע איז שוין געווען אויף צוריק:

---

* די לעצטע וואָך פון ספירה.

** אַזאַ מין בוים.

— טאטע, אין גאנצן אכט אייער, מער איז נישטאָ...

— וואָס רעדט איר — האָט שלמה לאַכנדיק צענומען די הענט — מיר וועלן דען אזוי פיל אויפעסן?

עס האָט נישט געהאָלפן קיין אָפּזאָגן זיך. מען האָט געמוזט אויסזופּן צו פיר אייער און פאַרטרינקען צו עטלעכע קוואָרט וואַרעמע מילך, גלייך פון אונטער דער קו. בשעת דעם טרינקען האָט שלמה באַמערקט, ווי דאָס יינגעלע האָט פונעם טיש גענומען דאָס מעסער און פאַרשניצט אַ בליישטיפט.

— זאָג נאָר, יינגל, דו האָסט נישט קיין באַזונדער מעסער אויף צו פאַרשניצן אַ בליישטיפט? — האָט שלמה אַ פרעג געטון.

דאָס יינגל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

שלמה האָט אַרויסגענומען אַ קליין ביינערן מעסערל מיט דריי קלינגלעך:

— אָט דאָס נעם דיר, פאַר אַן אָנדענק פון אונדזער באַזוך ביי אייך.

דאָס יינגל האָט פאַרלוירן געקוקט אויף די עלטערן און נישט גענומען.

— וואָס פאַלט אייך איין! מתנות גאָר? — האָט זיך דער פאָטער געקאָכט — אַ חפץ, וואָס מוז קאָסטן אודאי הונדערט רובל, גאָר אַוועקשענקען!

— איר באַליידיקט מיך, באַלעבאָס, אויב איר לאָזט נישט אייער יינגל דאָס צו נעמען ביי מיר. באַרעכנט נאָר, מיר האָבן אייך אזוי פיל אָנדערקוטשעט, געגעסן און געטרונקען, און איר דערלויבט מיר נישט אים צו לאָזן אַ קליינעם אָנדענק. דאָס איז זייער נישט העפלעך פון אייער זייט...

שלמה האָט דאָס מעסערל אַריינגעשטעקט דעם יינגל אין די הענט, זיך וואַרעם געזעגנט מיט אַלע בני־בית און נעמענדיק רייזלען פאַר אַ האַנט זיך געלאָזט אַרויסגיין אין דער באַגלייטונג פונעם באַלעבאָס.

די שטראַלן פון דער זון האָבן שוין אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט, אַז די קעניגין קומט באַלד. דער וואַלד איז געווען פול מיט אַ סווישטשעריי פון פייגעלעך. אויף אַלערליי קולות האָבן זיי באַזונגען דאָס אָנקומען פון דעם נייעם טאָג.

דער וואַלד־שומר האָט זיי געפירט דורך אַ טאָל. פון דער ווייטנס, צופוסנס פון אַ באַרג, האָט זיך געזען אַ סמאָלע־זאַוואָד מיט פאַרהאַקטע טיר און טויער. זייערע טריט האָבן געזונקען אין פייכטן גראָז און איבערגעשראָקן אַן אַ שיעור קליינע חיהלעך, וועלכע זענען זיך אין שרעק צעלאָפן אין אַלע זייטן.

— זאָגט איר, הייסט עס, — האָט דער וואַלד־שומר כיטרע אַ שמייכל געטון — אַז אָט דאָס מיידל איז נישט אייער פרוי אָדער אַ כלה?

— ניין, נישט דאָס און נישט יענץ.

— אַ שאָד, אייך וואָלט אַזוי געפּאַסט צו זיין מאַן און ווייב. ביידע שוואַרצע, ביידע הויכע און ביידע... בכלל שיינע...

רייזל האָט אָפּגעקערעוועט איר פּנים אין אַ זייט, נישט געוואָלט שלמה זאָל זען, ווי זי איז רויט געוואָרן פֿון יענעמס רייד.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ וואַלד־שטעג. עס איז געווען קענטיק, אַז דאָ גייט מען זייער זעלטן.

— אָט דאָ וועט איר גיין גלייך־גלייך, ביז איר וועט קומען צו אַ בוים, צעשפּאָלטן אויף צווייען פֿון אַ דונער. דאַן פֿאַרנעמט איר זיך אויף רעכטס. דאָרטן גייט אַ סטעזשקעלע, וועלכעס ברענגט אייך גלייך צו דער דריטער מיל אין פּאַלטאַווע.

זיי האָבן אים געדאַנקט, זיך געזעגנט ביי די הענט און זיך צעגאַנגען.

קאפיטל X

ביידע האָבן געשוויגן, נישט געוווסט וואָס צו רעדן. ענדלעך האָט זיך שלמה אָנגערופן:

— איר האָט מיר, דאַכט זיך, נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע.

— איך געדענק נישט, וואָס האָט איר דען געפרעגט, שלמה?

— צי גלייבט איר אַצינד, אַז דאָס צונויפלעבן זיך מיט דער נאַטור טראָגט אַריין אין מענטשנס נשמה אַ סך פּאָעטישע געפילן און באַרייכערט זיין פאַנטאַזיע?

רייזל האָט אים, אָנשטאָט אַן ענטפער, געשענקט אַזאַ חנעוודיק שמייכעלע, אַז ווערטער זענען שוין געווען איבעריק. שלמה האָט אַן אַנטציקטער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר פרישן פּנים, אויף אירע פלאַמענדיקע באַקן, און אויף אירע צעפּ, וועלכע האָבן נאָך געגלאַנצט מיט פייכטקייט פונעם באָדן זיך. אירע פלאַטערנדיקע וויעס האָבן געהאַלטן אין איין אויסבאַהאַלטן עפּעס אַ מיידלשן סוד, אַ תהום פון נישט אויסגעפירטע באַגערן, פון דערשטיקטע געפילן נאָך פאַר זייער אויפבראַזן. שלמהס אויגן זענען מיט אַן אומבאַגרייפלעכן כח געווען צוגעשמידט צו דעם צוויבערנדיקן פּנימל, ער האָט בשום אופן נישט געקענט אָפּווענדן זיין בליק פון דעם. רייזל, דאַקעגן איז געגאַנגען די אויגן אַראָפּגעלאָזט. די גערדיכטע קויל־שוואַרצע ברעמען האָבן געטריי פאַרשטעלט אירע „פענצטערלעך פון דער נשמה", נישט דערלאָזט, אַז אַ פרעמדער אויג זאָל פאַרקוקן אין זיי, געוויר ווערן זייער הייליקן סוד. זי איז געגאַנגען טריט ביי טריט און האָט זיך באַמיט אין עפּעס צו דערמאָנען.

— איר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם, אַז דאָס אַרומפאָרן איבער די יארידים האָט אין גאַנצן פאַרשלונגען אייער צייט און נאָר ביכער פלעגט איר באַוויזן צו לייענען.

— וואָס? איר ווילט זיך נאָך אומקערן צו מיין דערציילונג?

— ווי דען אַנדערש? אודאי וויל איך!

— רייזל, הערט שוין אויף, איך וועל מער נישט דערציילן.

— שלמה, פאַר וואָס? — האָט רייזל נייגעריק געפרעגט.

— איך ווייס, פאַר וואָס? איך האָב דאָס פון אָנהייב אָן געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט, נאָר מילא, דאַמאָלסט איז נאָך געווען פינצטער. אין דער פינצטער טוט אַ מענטש אַ פּאָל נאַרישקייטן... מילא, זעט קאָטש קיינער נישט. אָבער איצט איז מיר אַ בזיון פאַר דער זון, פאַר זיך אַליין אפילו, ווער שמועסט פאַר אייך, נעמען דערציילן גאָר אַזוינע פּוסטע מעשות... ניין, עס וועט זיין גענוג!

רייזל האָט אים געלאָזט ענדיקן, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען נעענטער, געמאַכט אַ שריט פאָרויס און אָפּגעשטעלט זיך אַנטקעגן אים פּנים אל פּנים. זי האָט בעטנדיק געקוקט אויף אים, בעטנדיק און באַפעלנדיק:

— און דאָך וועט איר דערציילן, נישט אמת? איר ווייסט אַליין אויך

זייער גוט, אַז דאָס זענען נישט קיין פּוסטע מעשות... איר זאָגט נאָר אומיסטן אַזוי...

איר טאָן איז געווען פול מיט עקשנות און גלייכצייטיק מיט אַזאַ קינדעריש געבעט, אַז שלמה האָט זיך תיכף אונטערגעגעבן און אָן איבעריקע רייד גלייך אָנגעהויבן דערציילן:

— פון שבת ביז שבת בין איך אַרומגעפאָרן איבער די יאַרידים, מיטן טאַטן אַדער אָן אים. אַזוי ביזן יאָר 1928, ביז דער ענדגילטיקער ליקווי־דאַציע פון „נעפּ". אויך די פּאָר יאָר איז מיר אויסגעקומען גענוג איבער־צולעבן. די וועגן זענען געווען געפערלעך, פיל מאָל האָט מען אונדז באַ־רויבט, געשלאָגן מיט די רעוואָלווערן אין קאָפּ אַריין. עטלעכע מאָל האָבן באַנדיטן אונדז אַראָפּגעפירט פון שליאַך אין וואַלד אַריין, אָנגעשטעלט די ביקסן אין פּלייצע... נאָר דאָך זענען מיר געבליבן לעבן. יעדעס מאָל דורך אַן אַנדער נס. ווי איר זעט האָט מיך דער רוח נישט גענומען. ווייזט אויס, אַז עס געפינט זיך ערגעץ אויף דעם עולם עפּעס אַזוינס, וואָס איך דאַרף נאָך מתקן זיין.

ווען מען האָט דעם „נעפּ" ליקווידירט, האָבן מיר געפירט אַלערליי געשעפטן. פאַרשידענע עבודה־זרות געדינט: אי אוטיל, אי וועבעריי, אי אַן איינפאַרהויז געהאַלטן, אי מיט שאַלעכלעך געמסחרט, אי אין מאָלדאַוויע געאַרבעט, אי ספרים פאַרן עקספּאָרט איינגעקויפט. וואָס האָט איר צו קלערן, אַ גוטן גלגול־מחילות האָב איך געהאַט, ביז איך בין ענדלעך אָנגע־קומען אין „פּאַנטאָפּל". דאָרט האָב איך געאַרבעט בערך צוויי יאָר, זיך באַקענט מיט דער גאַנצער חבריא, זיך צונויפגעלעבט מיט אַלעמען, מיט די פייגנבוימס. נישט מער, זיי זענען מלא טענות צו מיר, אַז איך בין נישט אין גאַנצן זייערער, איך פאַרפרעמד מיך אַ ביסל... איך קען נישט זאָגן, אַז זיי טראַכטן דאָס אוים אויף מיר, אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל, פילט זיך נישט פון מויל. נו, וואָס קען איך העלפן?

וואָס נאָך? איך ווייס, אַז איר ווייסט, אַז היינטיקן שבת האָב איך קיין שום היץ נישט געהאַט, כ'וויים... נו, אַזוי בין איך שוין!... איך נאָר אָפּ די גאַנצע וועלט — און זיך נאָך מער פון יעדן. עס געפינען זיך אפילו גוטע פריינט, וואָס דאָקטערן מיך, ווילן מיך אויסהיילן, איז אָבער ביי מיר אַזאַ פאַרשאָלטענער אָרגאַניזם, אַז עס העלפט גאָרנישט, אַ ראַק — און שוין! אין „פּאַנטאָפּל" בין איך מיך שטאַרק צונויפגעגאַנגען מיט משה פרידמאַן. זיין געלאַסנקייט, מיט מיין הייסן טעמפּעראַמענט אָקאָמפּאַנירן זיך נישט שלעכט... איך בין ווייניק געצוימט, ער — צו פיל, ס'איז אַ זיווג מן השמים! פון אים האָב איך געהערט פון איינער... וועגן דעם פאָלטאַוועער רבֿס אַ מיידל... די וועלט לויבט זי שטאַרק, הייבט זי ביז צום זיבעטן הימל... נאָר מיר דאַכט, אַז די אַלע, וואָס לויבן זי אַזוי שטאַרק, קענען זי נאָך גאַנץ ווייניק... איך מיין, אַז זיי קענען נישט דעם עיקר אין איר... זי איז פיל העכער פון זייער השגה... על כל פנים — איך האָב אַזוי תופס געווען... און ווידער, יעדער האָט זיין געשמאַק, מיט זיין פאַרשטאַנד... נו, וואָס נאָך?

נאָך אין אַנאַניעוו, ווו איך האָב געאַרבעט שאַלעכלעך, האָב איך אָנ־געהויבן צו שרייבן אַ גרויס בוך. איצט האַלט איך ביים ענדיקן אים. היינטיקע וואָך, למשל, בין איך נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב. נעכטן איז ביי מיר געווען אַ צופאַל. דאָס בוך איז ביי מיר איצט דאָס גאַנצע לעבן, איך לייג אין אים אריין מיין גאַנצע נשמה. דאָס איז נישט צוליב געלט אָדער כבוד. דאָס איז, ווייל אַנדערש קען איך נישט. כאָטש אַז מען וויל ווידער צוריק, איז דאָס אַ ביסל נישט אמת אויך. אין מיין בוך האָב איך אפילו יאָ אַ שטיקל פניה. איך וואַרעם אין האַרצן אַ האָפענונג, אַז נאָכן אָפּדרוקן דאָס בוך וועט מען מיך אַריינגעמען אין שרייבער־פאַריין. אפשר וועט זיך מיר איינגעבן אויסצוכיטרעווען אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין אויסלאַנד אַלס טוריסט. און דאָרט וואָלט איך שוין מיט עטלעכע רובל, וואָס איך קלייב ספּעציעל צוליב דעם צוועק, זיך געקענט אַריבערכאַפּן קיין ארץ־ישראל. קושן איר ערד, אַרומנעמען אירע ביימער, אויסגיסן מיין אָנגעווייטיקטע נשמה ביי דער וואַנט, וווהין עס גיסן זיך צונויף אַלע יידישע טרערן...

און אויף וואָס צו וויינען האָב איך אַ סך, אַ סך. מיינע ליידן האָבן נישט קיין ברעג... דאָרט אפשר וואָלט איך געקענט מיך איבעראַנדערשן, בייטן מיין גאַנג אין לעבן. אָן דער האָפענונג צו קומען נאָך אַ מאָל קיין ארץ־ישראל, וואָלט מיין לעבן קיין מינדסטן ווערט נישט געהאַט. וואָלט איך זיך אַליין נמאס געוואָרן ווי דער טויט. איר געדענקט, איך האָב אייך נעכטן אויף דער נאַכט דערציילט פון אַ יינגעלע פון אַכט יאָר, וואָס פלעגט אויפן בוידעם וויינען פאַרן רבונו־של־עולם, קלאַפּן זיך קאָפּ אין וואַנט און בעטן, אַז ער זאָל זוכה זיין קומען לארץ אבות, איצט איז שוין דאָס קינד באַלד אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר. אָבער זיין בענקעניש נאָך ציון איז פאַר דער צייט נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, שטאַרק, שטאַרק אויסגעוואַקסן, זיך טיפער באַזעצט אין דער נשמה, אין אַלע זייטן צעלאָזט וואַרצלען.

איך זיץ צווישן חברה, פאַרבערענג... און אין האַרצן נאָגט אַ וואָרעמל: „שלמה, שלמה... די יאָרן לויפן פאַרביי און צו דיין ציל דערנענטערסטו זיך נישט...“ איך זיץ אין קינאָ, צי אין טעאַטער — און בפירוש נישט אַליין... אַלע אַרום זענען אַנטציקט, פאַרכאַפּט און איך אויך מיט זיי. נאָר אין איין ווינקעלע פונעם האַרצן צאַנקט אַ גראַשנדיק ליכטעלע, דאָרט זיצט אַ ייד אין אַ צעפּליקט רעקל, מיט אַ באָרד פול מיט דערנער און שעפּטשעט צו מיר: „איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר?...“ עס פאַרקלעמט מיך ביים האַרצן, עס דערפילט זיך אַ שטעכיקער ווייטיק. דער בחור — ווי איר קוקט אים אָן — אַנטשולדיקט ער זיך פאַר זיין באַגלייטערין, גייט אַרויס אין גאָרטן, פאַלט אַוועק אויף אַ באַנק אָדער כאַפּט אַרום אַ בוים, שטעכט אַריין די נעגל אין דער קאָרע ביז ווייטיק און דאָס האַרץ יאָמערט און... טאָמער מיינט איר, אַז וויינען ביי אַזאַ דערוואַקסענעם מענטשן איז שוין אַזאַ זעלטענע זאַך? — האָט איר מחילה אַ גרויסן טעות. וויפל מאָל אָט דער „קאַוואַליער“ קומט צוריק אין לאָזשע אַריין, מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען, און דאַרף נאָך צוקלערן תירוצים...

עס טרעפט, ער גייט אַרויס אַליין אין אַ פרילינגסנאַכט, בלייבט מיט דער לבנה אויג אויף אויג, דאַן גיט זי אים אַ שעפּטשע:

— איך האָב פאַר דיר אַ גרוס פון דעם עמק השרון... דאָרט וואַרט מען אויף דיר.

אָדער אין אַ פּראַסטיקער ווינטערנאַכט, ער לויפט אַהיים וואָס גיכער זיך אָנוואַרעמען. גיט אים אַ שטערנדל אַ ווונק:

— איך האָב אַנומלטן זיך אָפּגערוט אין צפורי. הערסטו, איז דאָרט אַ חיות... אַ גרויס נאַרישקייט פון דיר, וואָס דו ביסט דאָ אַריינגעטון אין אַזעלכע הבלים... איי, איי, איי, אַן עבירה, אַן עבירה...

נאָך אַזאַ באַגעגעניש ליגט אָפּ דער בחור ערגעץ אין אַ לאָך, אין אַ פּאַראַדנע אָדער אין אַ קוילנגרוב און באַוואַשט זיך מיט טרערן, שפּייט אויס די נשמה כליפּענדיק: „גוואַלד, עד מתי? עד מתי?"

אינסטינקטיוו הייבט שלמה אויף די אויגן אויף זיין באַגלייטערין און ווערט אַזש דערציטערט:

— וואָס איז, רייזל? וואָס פאַר אַ וויינען אין מיטן דרינען?

רייזל ענטפערט נישט. זי האַלט אין איין ווישן די אויגן, נאָר די טרערן הערן נישט אויף צו קאַפּען איבער די באַקן, אויפן מאַנטל.

— נו, בין איך נישט געווען גערעכט, ווען איך האָב מער נישט גע־וואָלט דערציילן... זיך געלאָזט איינרעדן, אוי... איך וואָלט זיך אַליין אויף שטיקער צעריסן...

רייזל ווייזט אים מיט דער האַנט, אַז באַלד וועט אַלץ זיין גוט. באַלד וועט זי זיך באַרואיקן. עס גייען אַוועק עטלעכע שטומע מינוטן. רייזל וויינט שוין נישט. זי קוקט אים נאָך נישט גלייך אין די אויגן, נאָר זי איז שוין פיל רואיקער. ענדלעך גיט זי אַ שמייכל:

— שלמה, לייגט נישט קיין אַכט אויף מיר. דאָס איז אַ שוואַכקייט. ס'איז דאָך אַ באַוווסטע זאַך: נשים — דמעתן מצויה*... נאָר עס איז שוין פאַריבער. כ'וועל שוין מער נישט. איר דערציילט, דערציילט אַלץ...

— שוין, איך האָב שוין מער נישט וואָס צו דערציילן!

— שלמה, נו, איך בעט אייך...

— רייזל, באמת איך האָב שוין געענדיקט.

— ניין, איר האָט נאָך נישט געענדיקט... איר האָט נאָך נישט אָנגע־הויבן... איך וויל וויסן אַלץ, אַלץ!...

שלמה קוקט אויף איר, לייענט איבער אויף איר פּנים איר פאַרלאַנג און איר קען איר נישט אָפּזאָגן. אַ היפּשן זמן גייט ער פאַרזונקען אין שווערע געדאַנקען. סוף כל סוף הייבט ער אויף די אויגן אויף איר. אויף זייער אָפּ־גרונט ליגט אַ האָפענונגסלאָזע בקשה. זיין קוק באַדייט:

— אפשר דאַרף מען נישט? פאָלג מיך!...

נאָר רייזלס געזיכט איז אומברחמנותדיק גרייט צו הערן. שלמה גיט אַ לייכטן זיפץ און הייבט אָן:

— „זי" האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען צו עלף יאָר...

* ביי פרויען זענען טרערן אַן אָפטע דערשיינונג.

קאפּיטל XI

די זון שטייט שוין גאַנץ הויך. ס'איז שוין אודאי די זיבעטע שעה. דער וואַלד רוישט מיט הונדערטער פאַרבאַרגענע קולות. ערגעץ פון דער ווייט דערטראָגט זיך דאָס סאָפּען פון אַ טראַקטאָר. אין וואַלד איז קיל — אַ מחיה. די זון וועבט פון צווישן די בלעטער פאַנטאַסטישע געמעלן.

שלמה טראָגט זיך אין גאַנצן איבער אין זיין יוגנט און מיט אים שוועבט רייזל... ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן אויס שטעט און מענטשן, גע־שעענישן און איבערלעבענישן. אָט זיצט דאָס ייִנגעלע איבער דער גמרא, די אותיות טאַנצן אים פאַר די אויגן. ער קען בשום־אופן נישט פאַרשטיין גאָרנישט, וואָס דאָ שטייט געשריבן. פון זיינע אויגן טרעט נישט אָפּ דאָס בילד פון דעם שיינעם מיידעלע, וואָס זיין דינה האָט געבראַכט צו זיי אין שטוב אַריין...

פאַריבער אַ יאָר, צוויי און דריי. דאָס קינד איז שוין אַ גאַנצע „באַ־רישניע", טראָגט אַ קאָקעטיש סטודענטן־אַנצוגל מיט אַ שיינעם לעדער־נעם פאַרטפעל. דאָס ייִנגל איז פאַרבליבן, ווי ביי עלף, אַזוי ביי פערצן — דאָס זעלבע ישיבה־בחורל, וואָס איז געווען, מיט די פּיאהקעלעך, מיטן ארבע־כנפותל. אַלע לויבן אים אין טאָג אַריין פאַר זיין קעפּל, פאַר זיין התמדה, פאַר זיין ערנסטקייט. נאָר די אייגעלעך ברענען עפּעס זייער פיבערדיק. אַ פרעמד פייערל פלאַקערט דאָרט אָן אַן אויפהער. קיינער קוקט נישט אַריין אין זיין נשמהלע, וואָס עס פרעסט אים דאָרט, וואָס אַזוינס עס קלעמט זיין שוואַך הערצעלע. באַהיט גאָט, אַז עמעצן זאָל גאָר איינפאַלן, אַז אין אָט דעם קינדערישן הערצעלע האָט דער שטן שוין באַוויזן אַריינ־צושטעקן זיינע שפּיציקע נעגל, און צאַפּט שוין פון דאָרט דאָס בלוט אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן...

שפּעטע ווינטער־אָוונטן. דאָס בחורל גייט אַהיים מיט דער גמרא אונטער דער האַנט. די שפּיץ נאָז, די אויערן, די פינגער פאַלן שיר נישט אָפּ פאַר קעלט. די גאַסן זענען אויסגעקערט, מען זעט נישט קיין משוגענעם הונט. אַלע איינוווינער זענען זיך צעלאָפן איבער די היימען, נאָר ער איינער לויפט נישט אַהיים. ער שטעלט זיך אָפּ אונטערן פענצטער, ווו דאָס מיי־דעלע וווינט און לעכערט מיט די שוואַרצע אייגעלעך די פאַרהענגלעך. ווי נאָר עס באַווייזט זיך עמעצנס אַ שאָטן אויף דער געפרוירענער שויב, אַזוי גיט ער אַזש אַ צאַפּל: „דאָס איז נישט זי? דאָס איז נישט זי?" ביי יאַנין אין שטוב איז גוט אָנגעהייצט. פון אויבן זענען די שויבן אָפּגעגאַנגען. די גלעז־זערנע לאַטעס זעען אויס אין דער גראָער פראָסטיקער נאַכט ווי אַ קאַ־ליוזשקעלע קעגן דער זון אויף אַ פאַרפרוירענעם טייך. אָבער ווי קומט מען אַהין? ס'איז דען פאַר אים צו דערלאַנגען? ער בעט ביי דער הייליקער גמרא מחילה פאַר דעם אומכבוד, לייגט זי אַוועק אויפן שניי און אַליין שטעלט ער זיך איין און דראַפּעט זיך אַרויף צום פענצטער. ער וויל זי

אָן שום תירוץ זען. די פינגער פאַלן אים שיר נישט אָפּ פאַר קעלט און אָנשטרענגונג, אָבער ער ציט אויס דאָס העלדזועלע, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער — אָט, ברוך־השם, ער האָט מצליח געווען. ער זעט זי. ס׳איז אים סאַמע גוט! אָט זיצט זי ביי דער טיי מיט אַ ביכל אין דער האַנט, די בת־מלכה. זיין שולמית. אויף איר קאָפּ זיצט חנעוודיק אַ נאַכט־טשיפּיקל, אויף די אַקסלען — אַ סעקעלע. ביי דער זייט זיצט דער פאָטער און רעכנט עפּעס. אַך, ווי שיין זי איז!... אביגיל, אסתר, יהודית, מרים החשמונאית! וויים איך וואָס, ס׳איז נאָך אַלץ נישט דאָס...

די אָפּגעפרוירענע פינגערלעך האַלטן נישט אויס, — ער גיט אַ פאַל אַראָפּ. פאַלנדיק פאַרטשעפּעט ער זיך ביים לאָדן און טרעפט מיט דער קני אין דער שויב אַריין. ווי אַן אָפּגעבריטער שפּרינגט ער אויף, כאַפּט די גמרא, לויפט איבער אַ דריי הייזער. קוים וואָס ער באַוויזט אַריין אין אַ הויף, ווי עס לויפן אַרויס פון שטוב אירע טאַטע־מאַמע מיט אַ גוואַלד. אויף דער גאַס איז אָבער קיינער נישטאָ. עס לויפן אַרויס נאָך שכנים פון די דערבייאיקע הייזער. דאָס בחור׳ל שטייט הינטער אַ בוים און הערט, ווי זיי חידושן זיך: ווער האָט דאָס געקענט זיין? ניט שוין זשע אַ קאַץ? ניין, אויפן שניי איז צו זען מענטשישע טריט און אויף דער פריזבע — אויך... שאַ! אָט דאָ איז געשטאַנען אַ טשעמאָדאַן, מען זעט דייטלעך אויפן פרישן שניי דעם שפּור פון אַ לענגלעכן טשעמאָדאַן. יאָ, בלי שום ספק, דאָס איז געווען אַ גנב. ער האָט געמיינט, אַז דער לאָמפּ ברענט, נאָר אַלע שלאָפן.

עמעצער בייגט זיך אָן אויפן שניי, קוקט זיך איין און גיט אַ געשריי: — בלוט! אָט גיט אַ קוק, וויפל טראָפּן בלוט. פון וואַנען איז דאָס? איינקע זאָגן, אפשר איז דאָס גאָר טינט? נאָר מען גיט אַ קוק אויף דער צעבראָכע־נער שויב: יאָ, בלוט. ער האָט זיך ערגעץ צעשניטן, דער גנב. אָבער וווהין האָט ער זיך אַזוי געשווינד געקענט אַהינטון?

שלמה הערט יעדעס וואָרט און האָט מורא אָן אָטעם טון. ער באַקוקט די הענט — גאַנץ. ער גיט אַ טאַפּ די קני — עפּעס אַ וואַרעמע פייכטקייט קלעפּט צו די פינגער. ער כאַפּט אַ קוק: אַך, פאַרקילט בלוט!... ווי אַזוי האָט ער בשעת מעשה נישט געפילט? אפשר וועט ער ערשט שפּעטער דער־פילן? וואָס טוט מען? ער הערט, עס זענען שוין דאָרטן דאָ אַ סך מענטשן. דעם מיידעלעס פאָטער רייסט זיך גיין זוכן דעם גנב אין די הויפן: — „ער האָט ער בשעת מעשה נישט געפילט? אפשר וועט ער ערשט שפּעטער דער־אים צו. זי לאָזט אים נישט גיין: „דו וועסט אים פּאַקן און ער וועט דיר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען“... אוי, אַ געזונט אויף איר, אויף דער אסתר, זי האָט זיך ממש קונה עולם־הבא געווען... ער וואָלט פאַר בושה פאַרברענט גע־וואָרן...

דער טומל דויערט לאַנג, נאָר ביסלעכווייז הייבט זיך אָן דער עולם צעגיין. דאָס יינגעלע, קוים וואָס ער שטייט שוין אויף די פיס. די הענט פאַלן אים אָפּ האַלטנדיק די גמרא. ענדלעך ווערט שטיל, קיינעם הערט מען נישט מער. ער כאַפּט בגנבה אַ קוק דורך אַ שפּאַלט: די גאַס איז פּוסט,

אזוי ווי פאר זיין קריכן אויפן פענצטער. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און גייט ארויס פון זיין באהעלטעניש — קיינער יאָגט זיך נאָך אים נישט. נאָך א מינוט — און ער דערפילט אַן אוממענטשלעכן ווייטיק אין דעם לינקן פוס, ס'איז נישט מעגלעך צו גיין. ער זעצט זיך צו אויפן שניי. ס'איז האַלבע נאכט, פאַר קעלט רינען ביי אים טרערן פון די אויגן. וואָס טוט מען? ער שטייט אויף, פרווט גיין, — א נעכטיקער טאָג! ער פאַלט אום, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. ער נעמט אַראָפּ דעם רימען פון די הויזן, בינדט צו די גמרא צו זיך, האַלט זיך צו מיט ביידע הענט פאַר די פּלויטן און שפרינגט מיט איין פוס. ביי איין פלויט דערזעט ער א שטאַכעט, וואָס האַלט זיך שוואַך. ער רייסט אים אָפּ מיט די לעצטע כוחות און זיך באַנוצנדיק מיט אים, ווי מיט א קוליע, דערהינקט ער פאַר א שעה צייט, ביז צו דער שטוב.

אויפגעוועקט די בני־בית, ווערט אין שטוב א רעש, א געפילדער: א שיכור האָט שלמהן צעקלאַפּט. מען קאָכט אויף הייס וואַסער, מען וואַשט ארום די ווונד, מען טוט אים אויס, און מען לייגט אים אריין אין בעט אריין. פון גיין אין חדר איז אָפּגערעדט.

אויף מאָרגן קומט זיין שוועסטער דינה פון דער שול מיט דער חברטע... שלמה קוקט אויף איר פונעם בעט אַראָפּ: א רואיק, שיין פּנים, די שכינה רוט אויף איר א קיילעכדיקן מעת־לעת. עס זאָל זי אפילו אָנהייבן צו אַרן, וואָס ער האָט זיך צעקאַליעטשעט דעם פוס איבער איר...

נאָך א יאָר... עס פאַרשווינדעט זוועניגאָראָדקע און עס דערשיינט כמעל־ניק... שמאָלער די ראַם, בולטער די פאַרבן. שלמה גייט אויס נאָך פאַלין און קיינער ווייסט אפילו נישט דערפון און וויניקער פון אַלע — זי אַליין... עס שיידן זיך פונאַנדער די צוויי הייזער: די רייכע, די זאַטע, יאַני דעם מילנערס משפחה — און די אָרעמע, די פאַריאָגטע, שטענדיק נע־ונדנע — אפרים־אהרון דעם יארידניקס. פאַלי לעבט ווי א פרינצעסין, שלמה ווי א שלעפּער. האָרעוועט ווי אַן עבד כנעני... זי לייענט אָן אויפהער רוסישע ליטעראַטור, לערנט אַלגעמיינע לימודים. שלמה — דערנערט זיך בלויז מיט העברעאישע ביכער.

דער אָפּגרונט צווישן זיי וואַקסט פון טאָג צו טאָג...

נאָר דאָס האָט נישט צו שלמהס פאַנטאַזיעס. די ווירקלעכקייט — איז ביי אים א חלום, חלומות — די ווירקלעכקייט. ער פאַרגעטערט זי. זעט ער זי דורכגיין אין גאַס, האָט ער שוין צוויי וואָכן פון וואָס צו טראַכטן. ער זעט זי שטיין אין פענצטער און פילט, אַז עס איז אים שוין גוט. פאַר זיינעט וועגן, צי נישט פאַר זיינעט וועגן — אבי זי לעבט און איז געזונט. ער איז שוין גליקלעך דערמיט, וואָס אַזאַ בילד־שיינע פרוי עקזיסטירט בכלל און וואָס ער, שלמה, האָט נאָך דעם זכות פון צייט צו צייט אויף איר א קוק צו טון...

עס לויפן דערווייל די יאָרן, עס מישט זיך איבער נאָך א בלעטל אין זיין געשיכטע און ווידער א מאָל שווימט ארויס אויפן אויבערפלאַך —

זוועניגאָראָדקע... ער — אַן אַגענט פֿון „גאָסטאָרג“ פֿאָרט אַרום און חלומט און זי דערווײַל — „פֿאָרט“ קיין אַמעריקע... זי איז אין כערסאָן, ער — אין אַנאַניעוו...

שלמה גיט אַ ריר רייזלען ביים אַקסל:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מויער דאָרט פֿון ווייטנס? דאָס איז צופֿעליק נישט די מיל, וואָס דער וואַלד־שומר האָט געזאָגט?

רייזל קוקט אויף אים צעטראָגן, פֿאַרשטייט נישט, וווהין איז ער פֿאַרקראָכן? מיט אַ מאָל וואַכט זי אויף, וואַרפֿט אַ בליק אין דער ריכטונג פֿון זיין האַנט:

— דאָס איז דאָך די שטאָט!... אָט איז די מיל און דאָס איז די „זיבעצנטע שול“ און דאָרטן ווייט זעט מען אַ גרינעם דאַך, דאָס איז דער גאַרניזאָן־שפּיטאָל, און דאָרטן לינקס זעט איר אַ טראַקט? — דאָרט ווו עס פֿאָרט אַ רייטער — דאָס איז דער וועג צום וואָקזאַל.

— רייזל, איך וועל אין שטאָט נישט אַריינגיין. כאָטש איך האָב דאָרטן נישט קיין באַקאַנטע, אָבער אייך קען אַ מאָל זיין נישט באַקוועם.

— שלמה, — רייזל נעמט אים ביי דער האַנט, איר האַנט פֿלאַמט ווי אַ האָלאָוועשקע, — שלמה, צו וואָס זאָגט איר מיר דאָס? מיר שיידן זיך שוין דען? איך בעט אייך, זעצט פֿאָר אייער דערציילונג און דערמאָנט מיר נישט, אַז עס איז שוין פּאָלטאַווע... קומט, מיר וועלן פֿאַרקערעווען אָט צו יענער לאָנקע. דער וועג איז דער זעלבער, נאָר אַ ביסעלע היימלעכער... איך ווייס נישט ווי אַזוי איר, א י ך האָב ליב ווערבעס... „על ערבים בתוכה, תלינו כנורותינו“ *... קום איך צווישן זיי, אַזוי גיט אויף מיר אַן אָטעם מיט יידישער גבורה, מיט מסירת־נפש פֿאַר אַן אידיאַל... קומט, נו וואָס האָט איר דאָ צו טראַכטן אַזוי לאַנג? קוקט נישט אויף דער מיל, זאָל זיך אייך דאַכטן עלעהיי אין שטאָט אַריין זענען נאָך דאָ זיבן מייל... אָט אַזוי! איצט, דערציילט ווייטער...

זיי נעמען זיך אין אַ זייט. די זון שטייט שוין זייער הויך. אַרום דער מיל, פֿון ווייטנס, זעט מען פֿאָרן מאַשינען אויף און אָפּ. אַרום זיי פֿאַרשפּרייטן זיך אומענדלעכע תבואה־פֿעלדער. בלויז פֿון ווייטנס ווינקען צו זיי עטלעכע גרינע בעריאָזעס און — נישט דערגרייכנדיק זיי אפֿילו ביז צום גאַרטל — עטלעכע הויקערדיקע, וויינענדיקע ווערבעס. זייערע נאַקעטע שאַרבנס מיט די אויף הפקר צעלאָזטע הושענות־האָר, דערמאַנען אינם חומש־ניגון מיט דעם סגנון ווי מען פֿלעגט לערנען די פּרשה פֿון „סוטה“:

— „והעמיד — און ער זאָל אַוועקשטעלן, הכהן — דער כהן, ופרע — און ער זאָל אַנטפּלעקן, את — און, ראש — דעם קאָפּ, האשה — פֿון דער אשה... שטייט אין פּסוק „ופרע“ און ער זאָל אַנטפּלעקן, וואָס מיינט מען

---

* „אויף זייערע ווערבעס האָבן מיר אויפֿגעהאַנגען אונדזערע פֿידלען“. אַ פּסוק פֿון „על נהרות בבל“.

דאָס: אַנטפּלעקן? — מאַכט רש״י: ער זאָל צעוואַלגערן איר געפּלאָכ־טענעם קובלעק, עס זאָלן זיך צעשיטן די האָר, כדי זי מבזה צו זיין״...

די „צעוואַלגערטע קובלעקעס״ פון די נעבעכדיקע ווערבעס, גיסן זיך צונויף מיט די אומענדלעכע, פון ווינט געוויגטע, כוואַליעס שמעקנדיקער פּאַשע, וואָס וואַקסט צופוסנס פון די ביימער. אָט דאָס איז די לאָנקע. אַהין גייען זיי. צי דער וועג איז טאַקע דאָרט אַרומער, צי ניין? וואָס איז שלמהס עסק? רייזל וויל אַזוי, גייט מען דאָרט אַרומער. רייזל וויל ער זאָל פאַרזעצן זיין דערציילונג, און ער פאָלגט זי.

ווידער וויקלט זיך פונאַנדער שלמהס ספר־החיים. דאָס לעצטע זייטל פון זיין לעבן. עס לעבן אויף די קיעווער באַציאונגען צווישן אים מיט פאָלין, יאַנים אָנקומען, זייערע אָפטע שפּאַצירן, די קוזינעס פון „קאָנטי־נענטאַל״...

— און אָט אַזוי, רייזל, איז דאָס היינט צו טאָג... פאָלי איז מיין קרענק. אַ צעניעריקע קרענק, איך ווייס דאָס בעסער פון יעדן איינעם. די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „פרעגט נישט דעם דאָקטער, נאָר דעם חולה״... און איך פיל גוט, ווי די מכה שמערצט מיר... אוי, שמערצט זי... פון טאָג צו טאָג ערגער. עס ווייסט דערפון נישט קיינער, נאָר וויפל מאָל איך האָב שוין געשפּיגן מיט בלוט פון איר... ווייסט נאָר גאָט און מיין טאַשנטיכעלע. נאָר באַפרייען קען איך זיך נישט, איך בין איר שקלאַף. איך פיל דאָס, איך פיל דעם ווייטיק פון אַזאַ לאַגע און קען זיך גאָרנישט העלפן. בעסער שוין וואָלט זי מיך פיינט געהאַט, וואָלט איך אפשר געהאָלפן געוואָרן. ס'איז בלתי ספק, ווען איך זאָל כאָטש נאָר כאַפּן אַ רמז פון שנאה צו מיר אָדער פון ליבע צו אַ צווייטן מאַן, וואָלט איך תיכף ומיד באַפרייט געוואָרן פון איר כשוף. נאָר צו מיין גרויסן אומגליק האָט מיך דאָס מיידל באמת ליב. זי אַליין אפשר ווייסט דערפון נישט אַזוי גוט ווי איך. אויף מיר קען מען זיך פאַרלאָזן מיט אַזאַ אַנאַליז. אַלאַ נישט, וואָס דען פאַר אַ שרייבער וואָלט איך געווען? אַזוי איז דאָס, אַזוי לאַנג, ווי איך בין לעבן איר, קען זי מיר זאָגן אַלערליי שטעכווערטלעך, אַריינשפּריצן גיפט גלייך אין דער נשמה אַריין, נאָר קוים באַוויז איך נאָר אַוועקצוגיין, באַקומט זי באַלד חרטה אויף דעם אַלעמען און איז גרייט מיט טרערן אויסצוקויפן איר שולד. זי איז אַן אַכזריטע, דאָס איז אמת, אָבער דערצו אויך זייער אַ פילנדיקע נשמה. מיט דער נאָז דערשמעקט זי, וואָס פאַר אַ שטימונג ביי מיר איז. אָן מיר איז איר לאַנגווייליק און אומעטיק. ניין, ניין, זי איז גאָר־גאָר נישט גלייכ־גילטיק צו מיר און דוקא דאָס פטרט מיר אַוועק מיינע יונגע יאָרן און טעג. ווען דאָס מיידל וואָלט גאָרנישט געפילט צו מיר, צוליב וואָס זשע וואָלט זי געגאַנגען שטענדיק און אומעטום נאָר מיט מיר איינעם? זי אַרבעט אין אַ פאַבריק פון הונדערטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. און דאָס קען דאָך קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז זי איז אויסערגעוויינלעך שיין און קען האָבן דערפאָלג. צי זי גייט אין גאַס, צי זי זיצט אין טעאַטער, אומעטום רופט זי

אַרויס אַנטציקונג און מען קוקט איר נאָך. — פון דעסט וועגן האָט זי זיך קיין אַנדערן נישט אָפּגעזוכט.

וואָס איך האָב אויסצושטיין צוליב איר פון מיינע עלטערן, פון די קרובים, פון די חברים, פון אַלע יעניקע וועמען מיינע אַנגסטן טוען ווי — פרעגט שוין גאָר נישט! כ'האָב ברוך־השם קאַלטס און וואַרעמס. ווילט איר פאַראַכטונג — איז פאַראַכטונג! ווילט איר שנאה — איז שנאה! הייגט רכילות און לשון־הרע און — וואָס נישט?... אחרון של פסח פראַוועז מיר די בעל־שם־סעודה. אַ מסורה מדור דור, פאַרפעלט מען נישט. הייג־טיקן אחרון של פסח האָט דער עולם שטאַרק געטאַנצט, האָב איך אויך געטאַנצט... אַ קאָזאַקל... נאָכן טאַנצן גייט צו מיר צו מיין זיידע: — „שלמה, איך האָב געזען דיין טאַנצן, זייער פיין. אָבער כ'ווייס נישט: „כיצד מרקדין — ל פ נ י הכלה“ *... איר זענט אַ מבין אויף אַ שפּילקעלע? מלא חן און פול מיט אייטער! ער האָט צו מיר טענות, דער זיידע. באשר בכן, איך בין ביי אים דאָס עלטסטע אייניקל, וויל ער דערלעבן מיין חתונה... ע ר וויל און איך, הייסט עס, וויל נישט? וואָס זאָל איך אים ענטפערן? אַז ער איז אַ: „שר בשירים על לב רע“? וועל איך אים אַזוי נישט ענט־פערן... דאָס וואָלט ער געמענט אַליין פאַרשטיין... אי ער, אי אַלע איבעריקע. מה נאמר ומה נדבר? אודאי, אודאי, ווען איך זאָל זיין אַן ערלעכער ייִד כדבעי, אַ ייִד וואָס אפילו נאָר אַ חשש פון אַ חילול־השם דערלאַנגט אים ביז אין דער זיבעטער ריפּ, אַ ייִד אָן טענות ומענות כהלכות גוברין יהודאין, וואָלט איך געדאַרפט אַ שפּיי טון אויפן גאַנצן ענין אך ורק כדי להוציא מלבן של צדוקים **... די היינט וועלטיקע טייטלען דאָך אויף מיר מיט די פינגער: אָט האָסטו דיר אַ ייִדישן יונגנמאַן, אַ גאַנצן מר־בר־רב־אשי און אַז עס קומט צו עפּעס, איז ער דיר גרייט צוליב אַ שיין פּנימל פאַרקויפן די תורה מיטן ייִדישקייט מיט גאָט אַליין פאַר אַ צולאָג... אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דער שכל־הישר איז דאָ, אויב איך האָב נישט אויף זיך די שליטה, זיך צו פירן על פי שכל...

ווייטער: די קרובים אירע לייגן איין די וועלט, אַז זי זאָל מיך אָוועק־טרייבן, און זי הערט זיי אויס און טוט זיך דאָס איריקע. מיט וואָס קען מען פאַרענטפערן אָט די אַלע פראַגן? נאָר דערמיט, וואָס דאָס מיידל ווייסט אַליין נישט, ווי טיף איך זיץ ביי איר אין האַרצן, אָבער א י ך ווייס עס גוט. עס טרעפט אַ מאָל — און באַזונדערס די לעצטע צייט — אַז איך שטעל פאַר איר די פראַגע קאַטעגאָריש: יאָ אָדער ניין? אָבער קיין אַנטשיידענעם ענטפער באַקום איך פון דעסט וועגן נישט... עס איז איר אויך נישט גרינג. עס איז אויף איר אַ פּחד אַנצוקומען אין אַ נייער וועלט.

---

* אַ משנה. דער ריכטיקער פשט — „ווי אַזוי טאַנצט מען קעגן דער כלה?“ דאָ, אין אַ וויץ, געמיינט — „ווי אַזוי קען מען דאָס טאַנצן, א י י ד ע ר מען האָט אַ כלה“?

** דאָ די כונה — פאַרשטאָפּן די מיילער פון די פריידענקער.

אַ וועלט מיט באַגרעניצונגען, ווו דאָס טאָר מען נישט, יענץ טאָר מען נישט. אָנקומענדיק צו מיר דאַרף זי קודם־כל היטן שבת און זי קען גאָרנישט פאַר־שטיין, ווי אַזוי אַרבעט מען נישט אויף קיין שטעלע? ווי קויפט מען דאָס נישט אויף איבערבייסן קיין ווורשט? ווי באַגייט מען זיך דאָס שבת אָן אַ גלאָז טיי און אָן אַ הייסן מיטאָג? זי וויל ערשט ווערן אַ אינזשיניער. כאָטש איך בין שטאַרק מסופק, צי זי וועט דאָס ווערן, נאָר זי וויל און טרעט אַריין הײַ־יאָר אין אַ אינסטיטוט.

מיינט נישט, אַז זי האָט אַ פאַרדאָרבענע נאַטור. אדרבה, צײַטנווײַז בין איך זייער איבעראַשט פון איר איידלקייט, פון איר אייגפאַכקייט. אָט, למשל, היינטיקן ל״ג־בעומר האָט זי זיך געלאַשטשעט צו מיר ווי אַ קעצל. זי האָט מיך גענדאַרפט איבערבעטן, איך האָב מיך פון עפעס געפילט באַליידיקט... און מיט אַ מאָל רופט זי זיך אָן צו מיר:

— שלמה, איך ווייס, אַז איך בין דיין מלאך־המות, דו האָסט פון מיר געברענטע ליידן. צו וואָס טויג דיר זיך מוטשען מיט מיר און ווער ווייסט, צי עס וועט עפעס דערפון אַרויסקומען, אָט, רייזל, איז פאַר דיר אַ מיידל, אָט דאָס איז באמת די ריכטיקע העלפט פון דיין נשמה. שלמה, פאָלג מיך...

און דאָס מיידל האָט דאָס געזאָגט פונעם גאַנצן האַרצן, איך האָב דאָס גוט געזען, מיך נאַרט מען נישט אָפּ. און ווען איך האָב איר דערויף געענטפערט, אַז ווען איך זאָל נישט קענען זי, וואָלט איך אפשר טאַקע געטראַכט דערפון, נאָר אַצינד איז שוין שפּעט, — האָט זי שיר נישט געטאַנצט פאַר פרייד. זי וואָלט לאַנג געוויינט, ווען איך פאַרלאָז זי פלוצלינג און פון דעסט וועגן האָט זי מיר שוין פאַר דער לעצטער וואָך געגעבן אָנצוהערן, אַז איך זאָל מיך האַלטן ביי מיין קלאַס, וועל איך גליקלעך זיין, — דאָס מיינט זי אייך...

אָט אַזאַ מיידל איז זי, אי פייער, אי וואַסער. אי ווילד, אי מילד. און וואָס עס וועט זיין מיט מיר, ווייס איך נישט. גאַנץ אָפט טרעפט, אַז קוים וואָס איך פלאָנטער מיט די פיס פאַר צרות. צײַטנווײַז טוט מיר אַזוי ווי דאָס האַרץ, אַז די עלטערן שלעפּן מיך צו דאָקטוירים. איך גיי נישט, פאַר־שטייט זיך, — וואָס וועלן זיי מיר העלפן? דאָס האַרץ טוישן?... דעם אמת געזעדט: פילן פיל איך, מיין רוח־הקודש, וואָס יעדער ייד פאַרמאָגט, זאָגט מיר אונטער, אַז ביי מיר מיט פאָלין, וועט גאָרנישט זיין. די גסיסה קען דויערן נאָך אַ יאָר, נאָך דריי און אפשר אפילו נאָך אַכט, אָבער צו קיין טאָלק מיט איר, וועל איך נישט קומען. און כאָטש אין ראָמאַנס זינגט זיך:

В любви не надо ждать
Огней заката.

דאָך קען איך דעם ערשטן שריט נישט מאַכן. אַזוי לאַנג, ווי זי לעבט און מען רופט זי נאָך טולטשינסקי, קען איך זיך גאָרנישט העלפן.

---

* אין ליבע דאַרף מען נישט וואַרטן
אויף די שקיעה־פייערן.

אוי, דאס איז נאך נישט אלץ... א פנים, אז מיין כוס־התרעלה האט נאך נישט דעם כשרן שיעור... די לעצטע פאר וואכן איז מיר נאך פיל ערגער געווארן. עס איז היינט, דאכט זיך, פונקט צוויי וואכן, זייט קיין קיעוו איז געקומען א מיידל... א מיידל... מיט איין ווארט, אן אמתער קאנטראסט פון יענער. אזא מיידל האב איך נאך נישט באגעגנט אין ערגעץ און איך בין זיכער, אז איך וועל שוין מער נישט באגעגענען... אזוינע מענטשן טרעפן זיך זעלטן, זיי גיבן א בליץ — און ווערן נישט. דאס מיידל איז אויסגעוואקסן אין די זעלבע וויקעלעך וואס איך. דאס, וואס ביי מיר איז הייליק, איז אויך ביי איר טייער.ביידע האבן מיר אין לעבן איינע און די זעלבע אינטערעסן. די זעלבע שטרעבונגען, די זעלבע טרוימען — אלץ דאס זעלבע. דאס וואס ביי פאלין איז אזוי שרעקלעך זיך פארצושטעלן, איז ביי דער — אזוי נאטירלעך, אזוי דרך־הטבעדיק...

און דאס איז נאך אויך נישט אלץ... דאס מיידל איז ווי אויף צו להכעיס א שיינהייט, אן אידעאלע יידישע שיינהייט, וועלכע דערמאנט אזוי שטארק אין די לעגענדארע בנות ציון... — שלמהס קול רייסט זיך איבער אויף א מינוט, — און וואלט איך כאטש נישט געוווסט, אז דאס מיידל האט מיך אויך באמערקט, וואלט מיר פיל גרינגער געווען, וואלט איך מיר איינגע־רעדט, אז עס איז נישט פאר מיינע כוחות צו דערגרייכן אזוי הויך, אז ס'איז נישט מיין גליקן. האט זיך אבער אויך פון דער זייט גענומען צו מיר דאס מזל מיינס און איך בין צופעליק געוווּר געווארן, פון איר אליין טאקע, אז עס איז נישט אזוי... אז... אז מיין גליק איז אזוי מעגלעך... און פון יענער מינוט אן ווייס איך נישט פון קיין רו. איך פיל, אז איך בין א מאבד את עצמו לדעת... איך פיל, אז איך וועל יארנלאנג באוויינען מיין איצטיקע אומבאשלאסנקייט... איך פיל... אז די דורות, וואס דארפן פון מיר ארויס־קומען — אויב איך וועל זיי בכלל דערלעבן — וועלן מיר דאס נישט מוחל זיין, נאר איך קען זיך מיט גארנישט העלפן... שווערע קייטן הענגען אויף מיינע הענט און פיס, נאר איין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבן!...

מיט א מאל האט זיך די גאנצע וועלט א דריי געטון פאר זיינע אויגן. די זון האט זיך אויסגעלאשן, דער הימל איז פארשוואונדן, די ערד איז ערגעץ ווו איינגעזונקען געווארן, קיין זאך איז נישט געווען צו באמערקן, נאר רייזל, רייזל ליבערמאן, די שטאלצע אדלערין, איז געלעגן ביי זיינע פיס, מיט ביידע הענט האט זי ארומגעכאפט זיינע קני, באגאסן זיי מיט הייסע, זודיקע טרערן:

— שלמה, שלמהלע, ליבער, טייערער שלמה, האב רחמנות אויף מיינע יונגע יארן און צעשייד אונדז נישט, איך וועל דאס נישט איבערטראגן... איך וויל ליבערשט זיך איבערקלייבן צו מיין מאמען איידער דיך פארלירן אויף אייביק...

— רייזל, גאט איז מיט אייך, שטייט אויף!

— שוויגט, שוויגט שלמה! נעמט זיך אין די הענט! איר זענט

אומגליקלעך פארליבט, איך בין אומגליקלעך פארליבט. אָבער ווי אַזוי קענען אָט די צוויי אומגליקלעכע זיין איבערגליקלעך... שלמה!...

— רייזל, שטייט אויף! וואָס טוט איר? גוואַלד!

רייזל קלאַפּט זיך מיטן קאָפּ אין זיינע קניען, כאַפּט אַרום און קושט די פיס, די הענט, וואָס ווילן זי אויפשטעלן.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט זיין געטרייסט און באַלוינט פאַר אַלע אייערע ליידן ביז אַהער... איר וועט זיי ביי מיר גיך פאַרגעסן... איר קענט מיך נאָך נישט... זי איז נישט פאַר אייך, זי וועט אייך דערפירן ביז צום גרוב... אויב איר וועט, חלילה, זיך נאָר אָנהייבן ערנסט דער־נעענטערן צו איר, וועט איר גלייך דערפילן ווי גערעכט איך בין געווען... איר וועט זיך גיך איבערצייגן, אַז מיט איר איז: „לפתח — חטאת רובץ". פאַלגט מיך, האַקט אָפּ מיט איין מאָל... בחור לו מיתה יפה... שלמה, און מיר וועלן אָפּפאָרן מיט אונדזערע עלטערן קיין ארץ־ישראל, זיך באַזעצן אין אַ קליין דערפעלע ביים ירדן. שלמה, זאָגט איין וואָרט... האָט רחמנות אויף זיך... אויף זיך און אויף מיר...

שלמה לאָזט זיך אויך אַראָפּ אויף די קני, ער איז טויט־בלאַס. אין די אויגן — אַ פיבערדיקער פייער. ער לייגט איר אַרויף די הענט אויף די אַקסלען, שטעכט אַריין אין איר זיינע בליקן:

— רייזל, אייך קומט אַ מאַן, וואָס זאָל זיין אין גאַנצן אייערער — און איך... אויף מיר ליגט אַ קללה... איך בין געבוירן אונטער אַן אומגליק־לעכן שטערן... ווענען איך זאָל נישט נעמען, וועל איך במילא אַלע מאָל קלערן פון איר, מיטן געדאַנק זיין מיט איר, אייך דאָס צו טון — קען איך נישט...

— שלמה, עס איז אַן איינרעדעניש, שלמה, גלייבט מיר! עס וועט איבערגיין! איר וועט אייך נאָך דעם אַליין נישט גלייבן, ווי גרינג איר האָט זי פאַרגעסן. שלמה, איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איר האָט מיך ליב... צערייסט נישט דאָס, וואָס גאָט האָט פאַרבונדן...

— רייזל... טייערע שוועסטער מיינע...

— ניין, נישט שוועסטער, זאָגט אַן אַנדער וואָרט!...

— רייזל... גוואַלד... איך...

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים האַרצן און זיך שטאַרק פאַרהוסט. הוסטנדיק, איז עפּעס אַ טונקעלע מאַסע אַרויסגעפּלויגן פון זיין מויל. די ערשטע מינוט נאָך דעם ווי דער הוסט האָט אים אָפּגעלאָזט, איז ער געשטאַנען ווי פריער אויף די קני, מיט די הענט האָט ער זיך צוגעהאַלטן ביים האַרצן, ווי ער זאָל מורא האָבן, עס זאָל נישט אַרויספליען, די אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן — פעסט צוזאַמענגעשנורעוועט. אַלץ אין אים האָט געזאָגט פאַר אויפרעגונג. נאָך דעם האָט ער געעפנט די אויגן, אָנגענומען רייזלען ביי דער האַנט און מיט אַ בעטנדיקן טאָן אַרויסגעשעפּטשעט:

— רייזל, איר וועט מיר דאָך גלייבן, דאָס ווייס איך... איך שווער... פּלוצלינג האָט ער אָפּגעהאַקט אין מיטן רעדן. זיין פּנים איז נאָך

בלאָסער געוואָרן. א ווײַלע האָט ער געקוקט פאַרשטײנערט אין א זייט. דאַן האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון די קני, געמאַכט א פּאָר טריט, זיך אָנגעבויגן און עפּעס אויפגעהויבן פון דער ערד. רייזל האָט זיך מאָמענטאַל אויך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען. שלמה האָט געהאַלטן א גרודקעלע ערד און דערויף איז געווען עפּעס א רויטע פייכטקייט, ווי א שטיק לעבער. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז און וואָס האָט דאָ שלמהן פּאַראינטערעסירט, נאָר א קוק טוענדיק אויף זיין פּנים האָט זי זיך באַגעגנט מיט זיינע בליקן, און איבערגעלייענט אין זיי דעם באַטייט. זי האָט א ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער. זי האָט נאָך אַמאָל א קוק געטאָן אויף אים, און זיך טיפער אָנגעבויגן איבערן גרודקעלע...

זי האָט נישט באַוויזן זיך איינצוקוקן, ווי דאָס גרודקעלע ערד איז אַרויסגעפאַלן פון שלמהס הענט. מיטביידע הענט האָט ער זי צוגעדריקט צו זיין האַרצן, איר קאָפּ צו זיין ברוסט און מיט איין אויגנבליק שפּעטער איז ער שוין לעבן איר נישט געווען. ער איז געלאָפן פייל־אויסן בויגן צום וואָקזאַל צו. געלאָפן ווי פון א שׂרפה, נישט אומקוקנדיק זיך...

רייזל איז געשטאַנען א פאַרשטיינערטע. זי האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען חוץ דער פיגור, וואָס לויפט, לויפט און לויפט... די כּוחות האָבן זיך איר אויסגעלאָזט, די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון האַלטן זי. זי איז אָבער אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט... מען האָט שוין שלמהן קוים געקענט באַמערקן צווישן דער תּבֿואה. זיין ווייס היטל איז אָט דורכגעשוואומען צווישן די זאַנגען, אָט פאַרשוווּנדן און זי האָט זיך נאָך אַלץ אפילו קיין ריר נישט געטאָן...

ווען ער איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, האָט זי שווער אָפּגעזיפצט און א קרומען שמייכל געטאָן:

— אַלץ!...

זי האָט זיך מעכאַניש אַרומגעטרייסלט און געמאַכט דעם ערשטן שפּאַן. פּלוצלינג האָט זי באַמערקט לעבן זיך יענץ גרודקעלע ערד, אָנגעבויגן זיך און עס אויפגעהויבן. א מינוט האָט זי געקוקט אויף דעם שטיקל בלוט, וואָס איז א טייל פון שלמהן. דערנאָך האָט זי אויפגעעפנט איר פּאָרטפעל, אַרויסגענומען א ראָזע באַטיסטן נאָזטיכעלע, אָפּגעווישט מיט דעם דאָס בלוט, פאָרזיכטיק עס צונויפגעלייגט און אַריינגעלייגט צוריק. נאָך אַמאָל האָט זי זיך, אַן אומגליקלעכע, אַרומגעקוקט, אין גאַנצן אַרום איז קיינער נישט געווען. זי האָט נאָך אַמאָל א זיפץ געטאָן און זיך שוואַך אַוועקגעשלעפּט אין שטאָט אַריין.

קאפיטל XII

דער פרילינג איז אין קיעוו געווארן דער שטאָט־באַלעבאָס. אין אַלע קלייטן, אויף אַלע ראָגן האָט מען פאַרקויפט קלובניק, קאַרשן און מאַט־ראָזע פּערעשקעס. יונגוואַרג האָט שוין פון ערגעץ דערטאַפּט גרינע עפּעלעך, האַרט ווי די שטיינדלעך, און איז אַרומגעגאַנגען מיט אָנגעבלאָזענע בייכער. די מעדיצינישע אַנשטאַלטן האָבן גאַנצע טעג געוואָרנט דורך דעם ראַדיאָ, מען זאָל זיך היטן פון נישט צייטיקע פּרוכטן, ווייל דאָס איז אַ זיכערע כאָליערע, עס זענען שוין געווען פאַלן פון טויט. אין די טראַמוויי־וואַגאָנען זענען חשיבותדיק געהאַנגען בוקעטן מיט קוויטן און מיט פיאָלעטן בעז. טרעפט זיך אַ באַקאַנטער פון דער קאָנדוקטאָרשע, קויפט ער איר אַ בוקעט: דער דרויסן איז אַזוי שיין, די זון אַזוי מילד און אויפן האַרצן אַזוי יום־טובדיק, נאָר די קאָנדוקטאָרשע זיצט נעבעך פאַרשפּאַרט אַכט שעה אין וואַגאָן און זעט נישט די ליכטיקע שיין. פאַר וואָס טאַקע נישט דערפרייען זי אַ ביסל מיט אַ שקאַרמוצל קאַרשן אָדער מיט אַ בוקעט רויזן? די יונגע קאָנדוקטאָרשע רויטלט זיך, קווענקלט זיך, נאָר זאָגט זיך נישט אָפּ. זי נעמט און הענגט אויף די מתנות לעבן יעדן פענצטער: זאָלן אַלע, די גאַנצע באַפעלקערונג הנאה האָבן. און אַלע ווערן טאַקע, קוקנדיק דערויף, מילדער, העפלעכער. דערזעען דורכגייער די באַקווייטלטע וואַגאָנען און גיבן אַ שמייכל. דערזעט דאָס פאַבריק־מיידל דורכן פענצטער די טראַמוויי־בוקעטן און איר האַרץ צאַפּלט אַזש אויף פאַר פרייד. זיי דערמאַנען איר אין דעם, אַז ערשט פאַר אַ יאָרן אין דער צייט, האָט זי א י ם נאָך אפילו נישט געקענט, ביידע האָבן זיי זיך עלנטע אַרומגעבלאָנקעט אין דער פרעמדער, גרויסער שטאָט און היינט... אַ גליקלעכע גייט זי אַ טראַכט, אַז דער זעלבער טראַמוויי־וואַגאָן גייט אויך פאַרביי די פענצטער פון יענעם צעך, וווּ איר האַרצפרייַנט אַרבעט און אַז ער האָט, בלתי ספק, אויך באַמערקט די רייצנדיקע בלומען און אַז זיכער פילט ער אויך דאָס זעלבע וואָס זי און נאָך טראַכט זי, אַז קיינער האָט נישט אַזעלכע רעכט אויפן פרילינג ווי זי, זי מיט איר הייסגע־ליבטן חתן און אַז די לאַנגדערוואַרטעטע וועסנע, וועט זיך היי־יאָר מער נישט איבערחזרן און אַז זייער אייגענע וועסנע איז אויך מן הסתם נישט קיין אייביקע און דערפאַר טאָר מען נישט שלאָפן: עס זענען דאָ הונדער־טער ערטער, וווהין מען קען נאָך דער אַרבעט גיין אויסבאַהאַלטן זייער גרויס גליק פון מענטשנס, נישט־פאַרגינערישע בליקן, וווּ מען קען צו דער זעט אייַנזאַפּן אין זיך אַלע תענוגים פון דעם געטלעכן פרילינג, פון זייער פרילינג.

דער שטאָק־אַלטער דניעפּר גרייט זיך היי־יאָר אויף גאָר אַ גרויסן יאַריד. ער ווייסט שוין אַלע סמנים און פילט, אַז דער היינטיקער זומער וועט זיין אַ הייסער, גאָר־גאָר אַ הייסער. ער קאָקעטירט מיטן הימל און קנייטשט זיך פאַר הנאה... די כוואַליעכלעך סודען זיך: ער זאָגט, דער

אַלטער, אַז הײַ־יאָר וועט אַ האַלבע שטאָט זיך אַרויסקלײַבן אויפֿן ברעג, מענטשן וועלן חלשן פֿאַר אונדז: וואַש מיך אָפּ, קיל מיך אָפּ... אַזוי זאָגט ער, דער דניעפּר. און ער, אַז ער זאָגט, ווײסט ער... אַלטיטשקע זיצן אויף די גאַנקעס און קוויקן זיך: אוי, זומער־לעב, אוי זומער־לעב... קינדער האָבן פֿאַרוואָרפֿן די ביכער מיט די העפֿטן: נידער מיט די לימודים! איצט דאַרף מען זיך אָננעמען מיט זון און מיט זאַפֿט אויף אַ קײַלעכדיק יאָר, אויף דעם גאַנצן לעבן. די גאַנצע שטאָט לעבט איצט מיט די בײַנאַכטיקע שפּאַצירן. נאָר איין אומגליק: צו קורצע נעכט! ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, אַז די לאַנגע טבֿת־נעכט זאָלן זיך אַריבערקלײַבן אויף פֿרילינג?...

יאַני פֿאָרט ספּעציעל צו אין שול אַרײַן צום דריטן מנין און פֿרעגט אפֿרים־אַהרונען:

— פֿאַר וואָס זעט מען עפּעס נישט שלמהן? שוין העכער אַ וואָך, אַז ער איז נישט געווען בײַ אונדז!

— וואָס הייסט? איר ווייסט פֿון גאָרנישט?

— ניין, פֿרעגט מיך בחרם, איך ווייס פֿון גאָרנישט. — ענטפֿערט יאַני מיט אַ ציטער אין קול.

— עס איז שוין ברוך־השם. געמיינט... קיין שום שונא וואָלט איך דאָס נישט געווונטשן, פֿאַר וואָס מיר האָבן זיך געשראָקן.

— וואָס זשע האָט אַזוינס געטראָפֿן, זאָגט שוין גיכער, דאָס האַרץ פֿליט מיר אַרויס פֿאַר פּחד.

— — זאָג איך דאָך אײַך, אַז עס איז שוין ברוך־השם. נאָר יענע וואָך, דינסטיק אָדער מיטוואָך, איך געדענק שוין נישט אויף זיכער, דאַכט זיך, מיטוואָך, יאָ, יאָ, מיטוואָך איז דאָס געווען! שלמה זיצט און שרײַבט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער נאָר געהאַלטן אין איין שרײַבן. מיט אַ מאָל — עס פֿאָרט צו אַן אויטאָ צו דער שטוב. איך האָב מיך גאָר דערשראָקן. בקיצור, וואָס איז? דער דירעקטאָר פֿון טאָרגסין רופֿט אים. איך האָב גאָר געקלערט אים נישט לאָזן, נאָר שלמה הערט דען, וואָס מען זאָגט אים? ער איז אַוועק. נאָך דעם איז ער דווקא צוריקגעקומען און איז ווידער אַוועק. איך האָב אים שוין גאָרנישט געפֿרעגט וווהין. איך זע, אַז עס איז ברוך־השם בשלום, מײַן זאַך? — ער גייט, גייט ער... נו, נו, איז ער ערשט געקומען צוריק דעם צווייטן פֿאַרנאַכט, מיט אַ פּנים... אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַרײַן!... מאָלט אײַך, אַז ער אַליין האָט שוין געהייסן ברענגען אַ דאָקטער... אַז יענער קען גאָר אפֿילו דעם נאָמען נישט הערן... לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז דער דירעקטאָר האָט אים ערגעץ צוגעשיקט אין אַן אָרט. וווהין — קען ער נישט זאָגן, עס איז אַ סוד. און דאָרט האָט ער זיך פֿאַרקילט. נאָר אַליין הייסט פֿאַרקילט? דער דאָקטער האָט אים עטלעכע אײַנשפּריצונגען געמאַכט. בײַ מיר בלוט געגומען פֿאַר זײַנעט וועגן. איר מעגט אונדז מקנא זײַן. נאָר איצט איז שוין ברוך־השם. אין דער פֿרי האָט ער זיך אָנגעטון און איז אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל אויפֿן גאַנעק. ווײַט לאָזן מיר אים נאָך נישט גיין.

אין עטלעכע טעג ארום, צווישן איין אקט און צווייטן פון „אינטריגע און ליבע“, וועגדעט זיך פאלי צו שלמהן:

— שלמה, אפשר וועט איר מיר זאגן, ווו האט איר זיך דאמאלסט אזוי שטארק פארקילט? איך רעכן, אז דער טארגסין איז נאר אן אנשטעל...

שלמה לאזט אראפ דעם קאפ, קוקט אין א זייט און ענטפערט נישט.

— אז מען וויל נישט ענטפערן — דארף מען אויך זאגן.

— פאלי, איר ווייסט דאך גוט, אז איר זענט פאר מיר נישט דאס וואס אלע. אייך נארן קען איך נישט, און דעם אמת זאגן קען איך אויך נישט...

— זאל איך אזוי טאקע פארפיקסירן: דער ערשטער סוד פאר מיר?

— זאל זיין אזוי, ווי איר ווילט אייך.

— מילא, אז איר קענט נישט, דארף מען נישט. מיר וועלן מער דערפון נישט רעדן.

— דאס איז איצט נישט די איינציקע זאך, וואס עס טרעפט ביי אונדז צום ערשטן מאל...

— וואס נאך אזוינס? — פרעגט פאלי פארטראכט.

— אז מיר זאלן זיך צוויי וואכן נאך אנאנד נישט זען, ווי דאס איצטיקע מאל האט נאך, זינט מיר זענען אין קיעוו, נישט געטראפן.

— איך האב וועגן דעם באלד געמאכט א באמערקונג, ווי נאר איר זענט צו אונדז אריינגעקומען.

— אך, יא, געמאכט, כ'האב גאר פארגעסן.

— איר ווייזט מיר אוים נאך אלץ עפעס נישט דער, וואס געווען...

— ניין, פאר וואס? און ווידער, איך ווייס? אפשר יא, אויף זיך זע איך נישט.

— נו, און וואס מאכט אייער בוך?

— אז איך בין נישט מיט אלעמען, גייט אים אויך נישט וואזשנע.

— אבער בכלל, גייט עס עפעס נישקשה?

— בכלל האב איך מורא צו גלייבן צו פיל אין זיך, נאר דאס וועט זיין א שעדעווער.

— נו, נו, אדרבה, ווייזט דער וועלט, אויף וואס איר זענט פעאיק...

— איך טו דאס נישט צוליב כבוד, איר ווייסט דאס גאנץ גוט.

— צוליב וואס דען?

— איך האב דאך אייך שוין נישט איין מאל געזאגט, מיין גאנצע האפענונג איז, אז מיין בוך, אין וועלכן איך לייג אריין דאס גאנצע הארץ, זאל מיר מיט דער צייט עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל.

— און אייך וועט נישט זיין א שאד אוועקצופארן אליין קיין ארץ־ישראל?

— דאס איז נישט קיין קלוגע פראגע, פאלי, נאר קוים האט איר זי שוין פארגעבן, וועל איך אייך אויף איר ענטפערן. אויב ביז דאמאלסט וועט איר זיך נישט באשליסן אויף אונדזער שידוך, וועט מיר נישט זיין

א שאד אוועקצופארן. דאס איז די בעסטע פראבע. אזוי צי אזוי, אבער אפזאגן זיך פון מיין אידייע קען איך נישט, ווייל ארץ־ישראל איז דער מקור פון מיין לעבן.

פאלי לאזט אראפ אירע שיינע ברעמען און פארבייסט א ליפ.

— פאלי, דערציילט, ווו זענט איר געווען פאר די צוויי וואכן? וואס האט איר אזוינס געזען?

— כ'בין כמעט אין ערגעץ נישט געגאנגען און גארנישט געזען.

— ווי קומט דאס? איר זענט דאך געווען אין גאנצן פריי...

— סתם אזוי... עס האט זיך נישט געוואלט...

— פון ווען אן איז שוין „סתם" געווארן א ווארט? עפעס געדענק איך נישט ביי אייך אזא אויסדרוק...

— נו, וואס דען זאל איך אייך ענטפערן?

— דעם אמת ענטפערט. שטענדיק מוזט איר דאך אויסקלייבן צווישן מיר און מאר... און דא זענט איר אויף גאנצע צוויי וואכן אויפגעבונדן געווארן...

— איר ווילט, אז איך זאל זיך פאר אייך מודה זיין, אז ווען איר זענט נישטא, איז נישט געשמאק צו גיין אפילו מיט עמעצן אנדערש... יא? דאס ווילט איר?

שלמהס בלייכע באקן האבן זיך א שווענק געטון אין רויטן:

— און אז כ'וויל, וואס קומט ארויס?

אין פאלים שטימע האבן געציטערט טרערן:

— ווייל איר ווילט, וועל איך אייך דאס נישט זאגן...

— איר האט שוין אלץ איינס געזאגט...

— נישט אמת... כ'האב געזאגט... כ'האב געזאגט... פארקערט...

— מילא, אז איר ווילט אזוי שטארק כאפן אויף צוריק, לאז איך אייך ארויס פונעם ווארט... געגוג צו חקרענען זיך.

א היפשע ווײלע זענען זיי געזעסן שווייגנדיק.

— און ווי אזוי גייט אייך עפעס מיטן לערנען?

— נישטא מיט וואס זיך צו בארימען. זייער לאנגווייליק.

— ווי אזוי קען דאס זיין? איר האט דאך אזוי לאנג גאט געבעטן —

— נישט אלץ, וואס גלאנצט פון דער וויטנס, גלאנצט אויך ווען מען גייט צו פון דער נאענט.

— נו, און דער עולם? עפעס א פיינער קאלעקטיוו?

— וויים איך, שאנטראפא*, נישטא פון וועמען צו רעדן.

— איך האב דאס אלץ פריער זיך פינקטלעך פארגעשטעלט.

פאלי, צערייצט:

— אזא חכם זענט איר?

— חס־ושלום, מען דארף דערויף קיין נביא נישט זיין און קיין חכם

---

* ערב־רב. פראסטער עולם.

אויך נישט. דאָס איז דאָך אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז מען קומט אָן ביי צוואַנציק יאָר אין חדר אַריין...

— איז וואָס דען, לויט אייער מיינונג, דאַרף איך טון?

— דאָס, וואָס דאָס דייטשע שפּריכוואָרט זאָגט: „לעבן אונד לעבן לאַססען“.

— קיינער נייט אייך דאָך נישט הענגען איבער מיין קאָפּ און זאָגן, אַז איך לאָז אייך נישט לעבן...

— ווער זאָגט אייך, אַז מען נייט מיך נישט? מען נייט מיך יאָ...

— ווער איז?

— מיין שלימזל נייט מיך און איך קען אים נישט בייקומען, ער איז פיל שטאַרקער פאַר מיר.

— האָט זשע טענות צו אייער שלימזל, נישט צו מיר... איך האַלט אייך נישט צו...

— איר האָט דאָך פריער אַליין געזאָגט, אַז ס'איז נאָר דאַמאָלסט גוט צו טאַנצן אויף אַלע חתונות, ווען איר ווייסט, אַז אין דער היים וואַרט אויף אייך שלמה...

— דאָס האָט א י ר געזאָגט...

— מיט אייער מויל...

— האָב איך געזאָגט... האָב איך חרטה... קענט איר מיך רופן קנאַקניסל, שוין גוט?

— פּאָלי, איר זענט היינט צו גאַליק...

— דערפאַר זענט איר צוקער־זיס...

— איך בין שטענדיק אַלץ איינס...

— און איך אויך, נאָר איר צעקאָכט מיך מיט אייערע אָנצוהערענישן... אָן עק, לאָמיר צוריק שלום ווערן. נאָך צוויי וואָכן נישט זען זיך — זיך שוין צעקריגן?...

זי נעמט זיין האַנט אין אירער און דריקט צונויף די פינגער.ביידע שווייגן אַ מינוט, פאַרטיפט יעדער אין זיינע געדאַנקען. שלמה גיט אַ ביטערן שמייכל:

— ערשט נישט לאַנג האָט מיר עמעצער געזאָגט וועגן אייך: „וואָס זי טרעט מיט די פיס, וואָלט אַ צווייטער געטראָגן אויפן קאָפּ“...

פּאָלי, מיט פאַרדרוס:

— דעם „עמעצער“ ווילט איר מיט זיין נאָמען נישט אָנרופן?

— דאָס איז נישט וויכטיק.

— אָבער אויב איך וויל דווקא וויסן?

— איר קענט פרעגן אפילו ביי הונדערט מענטשן, וועלן אייך אַלע הונדערט איבערחזרן דאָס זעלבע.

— אַזוי רעכנט איר?

— אפילו איר רעכנט אויך אַזוי.

— אָ־אָ! איר זענט נישט קיין קליינער עגאָאיסט, הלמאי זאָל איך זאָגן!...

— וואָלט דאָס געווען מיין איינציקער חסרון, וואָלט שוין געווען צו דערליידן.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן פרעגט שלמה:

— פאַר וואָס זשע, פון דעסט וועגן, געפעלט אייך נישט דאָס לערנען?

— איך ווייס אַליין נישט. דאָס האַרץ ציט מיך נישט. דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש האָט מיר צוגעזאָגט, מיך איינצואָרדנען אין אינדוסטריעלן אינסטיטוט. דאָרט איז גאָר עפעס אַנדערש. אַנדערע מענטשן.

— אומעטום זענען די זעלבע מענטשן, נאַרט זיך אַליין נישט אָפּ — האָט שלמה גלאַט אין דער וועלט אַריין אַ זאָג געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פּאָלי גיט אים אַ ריר ביי דער האַנט:

— איר ווייסט, וועמען איך האָב יענע וואָך באַגעגנט.

— מאַלע וועמען איר קענט באַגעגענען.

— ניין, פּרווט — טרעפט!...

— דעם כמעלניקער בעדער אָדער דעם זוועניגאָראָדקער משומד?

— איי, גייט אייך, איך רעד ערנסט און איר מאַכט אַ שפּאַס...

— נו, פּאָלי, ווי אַזוי קען איך טרעפן? קיעוו האָט אַנדערטהאַלבן מיליאָן איינוווינער חוץ די פּערעפּעריעס, היינט, גיי טרעף...

— איך האָב אויף קרעשטשאַטיק באַגעגנט גאָרדאָנען און שטעלט אייך פאָר, ער האָט מיך דערקענט. די האַנט דערלאַנגט, מיין נאָמען געדענקט.

— אייך איז נישט שווער צו דערקענען. אַזוינע שיינע פרויען זענען נישטאָ קיין סך.

— איר ווייסט גאָר וויצלען זיך, איך רעד ערנסט.

— און איך רעד אויך ערנסט. וועגן וואָס זשע האָט איר געשמועסט?

— וועגן גאָרנישט. גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אפשר אַ האַלבע שעה זענען מיר אָפּגעשטאַנען און גערעדט.

— גאָרדאָן איז זייער אַ האַרציקער בחור. פון וואָס זשע פאָרט האָט איר אַזוינס געקענט שמועסן?

— פון וואָס קען איך מיט אים שמועסן, אויב נישט פון אייך?

— אַ שיינע טעמע זיך אָפּגעזוכט.

— מיר האָבן געשמועסט וועגן אייער שפּילן אין פּושטשע־וואָדיצע.

— נישט געהאַט, הייסט עס, פון וואָס צו רעדן?

— וואָס רעדט איר עפּעס? די חברים אייערע פאַרגעטערן אייך ממש צוליב אייער מוזיק. ער זאָגט, גאָרדאָן, אַז עד־היום קלינגט אים נאָך אין די אויערן אייער שפּילן... שלמה, איאָ, צווישן פרעמדע וואָלט איר נישט געקענט אַזוי גוט שפּילן?... גאָרדאָן איז מיט מיר נישט מסכים...

— עס קען זיין, אַז איר זענט גערעכט, געוויס אַזוי.

— ווייטער האָט ער דערציילט, אַז רייזל איז שוין אַוועקגעפאָרן אהיים.
— שוין אַוועקגעפאָרן?
— איר האָט זיך מיט איר גאָר נישט געזעגנט?
— כמעט נישט געזעגנט...
— זייער נישט איידל פון אייער זייט, איר האָט ל"ג־בעומר מיט איר אַזוי פריינטלעך שפּאַצירט...
— טאַקע, ווייל אַזוי...
— אָט וואָס! הייסט עס, איר האָט מורא געהאַט נאָך פריינטלעכער צו ווערן מיט איר?
— ווער זאָגט דאָס?
— איר אַליין האָט דאָך ערשט אַזוי געזאָגט.
— אַזוי גאָר? איך געדענק גאָרנישט. מילא, קוים האָב איך אַזוי געזאָגט, מן הסתם איז דאָס אַזוי...
— איר זענט עפּעס אַזוי ווי נישט אויף דעם עולם.
— דאָס האָט „אינטריגע און ליבע" אויף מיר אַזוי געווירקט.
— דאָס וועט איר איינרעדן אייער באָבען!
צוקומענדיק צו דער שטוב ווענדעט זיך פאָלי צו אים:
— שלמה, קומט אַריין אַ ביסל...
— אַזוי שפּעט צו גאַסט?
— דער טאַטע האָט אייך נאָך נישט געזען נאָך דער „נסיעה פונעם טאָרגסין"...
— וואָס זשע איז דער אומגליק, אַז ער האָט מיך נישט געזען?
— וועט ער אויף מיר בייז זיין, פאַר וואָס איך האָב אייך נישט געבראַכט מיט זיך. איר ווייסט דאָך, אַז ער איז אין אייך פאַרליבט...
— נישט קענען נאַכט דערמאָנענדיק, נישט פאַר אייך געדאַכט.
יאַני האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט שלמהן, אַז ער האָט אים אַזש אַ קוש געטון פאַר התפעלות. ווער עס איז שוין געשלאָפן, האָט זיך צוריק אָנגעטון. אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן פּרוכטן.
אין שטוב האָט זיך שלמה ווי איבערגעביטן. אויף יענער זייט שוועל האָט ער פאַרלוירן דעם מעלאַנכאָלישן טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט אַ גאַנצן אויפדערנאַכט. ער האָט דערציילט זייער אינטערעסאַנטע זאַכן, פון וועלכע מען האָט פיל געלאַכט, מען איז זיך שפּעט פאַרזעסן, און אַלע האָבן בכלל שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין וויזיט.
— שלמה, דו וועסט מיך פאָלגן? — האָט זיך יאַני צו אים גע־ווענדעט — נעכטיק היינט ביי אונדז, דו וועסט שלאָפן מיט אַוראַמען.
— נאָך וואָס רעדט איר אַזוינע זאַכן? זיי וועלן אין דער היים פון זינען אַראָפּ.
— וואָס דען, ביי נאַכט גיין אַליין אַזוי שפּעט? וויפל איז דען בכלל נאָך געבליבן צו שלאָפן? פאָלג מיך...

פאַלי האָט געקוקט שלמהן גלייך אין פנים אריין:

— טאַטע, פאַר וואָס רעדסטו אים צו? דו ווילסט, אַז אפרים־אהרון זאָל אין מיטן דער נאַכט לויפן צום דירעקטאָר פונעם טאָרגסין זיך נאָכ־פרעגן אויף זיין זון?

שלמה האָט אויסגעהאַלטן איר איראָנישן בליק און באַהאַלטן אַ שוואַך שמייכעלע אין די ליפּן־ווינקלען:

— איר זענט שוין אויסגעוועפּט געוואָרן, יאַני... אַזאַ פּשוטע זאַך נישט פאַרשטיין... אָט איז פאַלי האָט זיך גלייך געכאַפּט...

מען האָט זיך זייער וואָרעם געזעגנט און שלמה איז אַוועקגעגאַנגען.

— פון דעסט וועגן — האָט ער, גייענדיק געטראַכט ביי זיך — וואָלט יעדער איינציקער אויף מיין אָרט געטון דאָס זעלבע וואָס איך. צוליב אַזאַ קייזערין מעג מען אַ ביסל צולײדן... אפילו מיט בלוט שפּייען — אַלץ כדאי... ווי זאָגט דאָס ווערטל: אָדער — צעזאָר, אָדער — גאָרנישט!

קאפיטל XIII

נישט אומזיסט זאגט מען: ווו מען איז איין מאל, מוז מען זיין נאך א מאל. ווייניקער ווי אין צוויי וואכן נאך שלמהס קומען פון פאלטאווע איז ער ווידער געפארן אויף דעם זעלבן וועג, נאר האס מאל — ווייטער א ביסל.

די מעשה דערפון איז אזוי געווען:

נחום אדלער האט געבראכט צו שלמהן אן עלטערן יידן פון לאזאוואיא. דאס איז א גרויסע סטאנציע און א קליין שטעטל צווישן כארקאוו און ראסטאוו. דער ייד האט אזוי דערציילט:

— אין לאזאוואיא וווינט שוין פון כמה וכמה יארן א פארפאלק מיט צוויי יינגעלעך און איין מיידעלע. דאס עלטסטע קינד איז אלט עלף יאר. דער יונגערמאן איז א גאנץ פראסטער חי־וקים. יידישקייט — אויפן שפיץ מעסער. זי אבער איז געווען זייער א כשרע נשמה, אן עכטע יידישע טאכ־טער. און געשטאמט האט זי אויך פון סאמע כלי־קודש: דיינים, שמשים, באהעלפערס און סתם קהל־מענטשן. אזוי ווי איך דערצייל אייך, קיין איין „אוק" נישט געהאט אין דער משפחה —

— אנטשולדיקט, פעטער, קיין איין — וואס?

— קיין איין „אוק". „אוק" ווייסט איר נישט וואס מען מיינט? בעלי מלאכות: שניידערוק, שוסטערוק, באנדערוק, קאוועליוק און אזוי עד גמירא...

— אך, דאס מיינט איר? נו־נו, דערציילט ווייטער.

— איך זאל אייך לאנג נישט ברייען, דאס איז געווען איינע פון די נשים צדקניות. שטעלט אייך פאר, אז פאר די יינגעלעך האט זי ביי היינ־טיקע יארן געהאלטן א מלמד. פונעם מויל אפגעריסן און דעם מלמד גע־צאלט. און די יינגעלעך זענען זייער ווווילינקע. יענעם חנוכה, צום זעקסטן ליכטל, קילט זי זיך צו און מאכט אויף א מינוטקעלע א שטארב. נו, פאר־שטייט איר דאך, אז עס איז געווארן אויס מלמד, אויס לערנען. אלצדינג וואס איז איר מיט בלוט אנגעקומען, איז אוועק מיטן רויך. איצט האלט דער אלמן ביי חתונה האבן. איז אבער די נייע כלה זיינע נישט מסכים צו גיין אויף דריי קינדער. מילא, דאס מיידעלע — איז זי נאך מסכים: פארט א פיצל; אבער די צוויי בנים — בשום־אופן נישט. ער זאל זיי נאר ערגעץ אהינטון, אז זי זאל אפילו זייער פנים נישט אנקוקן. דערציילט ער מיר יענע וואך, דער פאטער, אז ער קען שוין נישט אויסהאלטן ווי די שטוב גייט צו גרונט, און האט באשלאסן אפגעבן די יינגלעך אין א קינדערהיים. מיך האט זייער פארקלעמט ביים הארצן. די מוטער איז געווען א צדיקת און דער „דער רוח ווייסט וואס" וויל זיי אפגעבן צו דער שמד. האב איך געגומען ביי אים דאס ווארט, אז ער זאל אויסווארטן מיטן אפגעבן די קינדער ביז מיין צוריקקומען פון קיעוו, אפשר איז דא פאראן עפעס אן אנדער דרך. פוסט און פאס קענען זיי דאך אויך נישט ארומגיין, טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו... הא, וואס זאגט איר?

— איך זאָג, ווי אַזוי איז זיין אַדרעס?
שלמה האַלט אַ נאָטיצבוך און וואַרט.
— ער וווינט אַקעגן מיר, עטוואָס העכער...
— אַ גאַס, אַ גאַס און אַ נומער און אַ פאַמיליע־נאָמען.

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, מיט דעם זעלבן צוג וואָס דאַמאָלסט, איז שלמה אָפּגעפאָרן קיין לאָזאַוואַיאַ. די גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן. דער ווינט האָט צערייצט געשויבערט זיין פריזור, אָבער ער איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם אָפענעם פענצטער. צווישן ראַמאַדאַן און פאָלטאַווע זענען נאָך געלעגן רעשטלעך פון דער דאַמאָלסטדיקער קאַטאַסטראָפע. אויף איין אויגנבליק האָט שלמה ביי דעם לבנה־שיין אפילו באַמערקט דעם שליאַך, מיט וועלכן זיי זענען דאַמאָלסט אַוועקגעגאַנגען.

פון זינט ער איז אַרויפגעטראָטן אויפן טרעפּל פון צוג, האָט אים נישט פאַרלאָזט דער געדאַנק וועגן רייזלען. איר בילד האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן. ער האָט זי געזען אין זיינע אָרעמס, אַ דערשראָקענע מיט אַ צווייגל אין דער האַנט. ער האָט זי געזען אַ קניענדיקע, אַרומכאַפּנדיק זיינע פיס און קלאַפּנדיק זיך מיטן קאָפּ אין זיינע קניען.

— איך בין אַ רוצח און מער גאָרנישט. אַ פשוטער הורג נפשות... וואָס טוט זי אַצינד? זי טרויערט נאָך אַלץ, צי אפשר האָט זי שוין גאָר פאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע?

שלמה איז גלייך פונעם צוג פאַרפאָרן צום פאָטער פון די יינגעלעך, זיך פאַרגעשטעלט און פרטיותדיק אים אויסגעמאָלט, וווהין ער וויל ביי אים צונעמען די קינדערלעך, און וואָס זיי דערוואַרט ביי אים. יענער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט. בעסער וואָלט אפילו זייער מוטער אויך זיך נישט געוווּנטשן.

— און איר מיינט, — גיט צו דער פאָטער פון די יינגעלעך — אַז זיי זענען אין קיעוו אין גאַנצן עלענט? — דווקא נישט! זיי האָבן דאָרט אַ קוזין, דאָס הייסט, דער מוטערס אַ קוזין, אַ לייבלעכער קוזין, וועל איך אים אויך שרייבן וועגן זיי.

— ווער איז ער און וווּ וווינט ער?

— איך קען אים מסתמא נישט, ער איז פאַרוואַלטער פון דער סטאָלאָווע אין דער טיטון־פאַבריק. אַ גאַנצער קנאַקער!

— נאָך עפּעס אַ יידישער יונגערמאַן?

— הם מלהזכיר! * אַ שיינע מעשה! יענער איז אין דער פאַרטיי פון יאָר 1922. נאָך זיין טאַטע האָט געהאַט אין מאָסקווע אַ קאַזאַטשקע...

— אויב אַזוי, דאַרפט איר אים גאָרנישט שרייבן. גלייכער, אַז די קינדער זאָלן זיך מיט דעם תכשיט אפילו נישט באַגעגענען.

— פאַר וואָס? איך מיין, אַז עס האָט נישט איינס צום צווייטן. ער

---

* דערמאָנט אפילו נישט.

איז דאָך פּאָרט זייער מוטערס אַ געשוועסטערקינד... טאָמער וועלן זיי גאָר לערנען ביי אייך און וווינען ביי אים. ער קער האָבן אַ גרוימע דירה.

— מיר וועלן זיך ווי עס איז באַגיין אָן זיין וווינונג אויך. פּאָלגט מיך, ס'איז גלייכער, אַז ער זאָל אפילו גאָרנישט וויסן.

— מילא, ניין דאַרף מען נישט. מן הסתם פאַרשטייט איר בעסער.

מען האָט אויף גיך צוגעגרייט די יינגלעך אין וועג אריין און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז שלמה מיט די צוויי נייע תלמידימלעך אָפּגעפאָרן. ביים געזעגענען זיך האָט דער פאָטער גענומען ביי שלמהן זיין אדרעס, טאָמער קומט אים אוים צו זיין אין קיעוו, זאָל ער זיך קענען זען מיט די קינדער.

קומענדיק מיט זיי קיין קיעוו איז נישט געווען באַלד קיין דירה פאַר זיי און שלמה האָט זיי אריינגענומען אויף דער ערשטער צייט צו זיך און אליין געפירט זיי עטלעכע מאָל אויף פּאַדאָל אין חדר אריין, כדי זיי זאָלן גוט וויסן דעם וועג. די קינדער האָבן נאָך אַ ביסל געדענקט די פריערדיקע תורה און געגעבן גוטע האָפענונגען.

*

דער זומער האָט אָנגעהויבן זיך נוקם זיין אין די קיעווער איינוווינער. די היצן זענען געוואָרן אומדערטרעגלעך. אַלץ איז געפאַלן פון די הענט. ווער עס האָט נאָר געקענט, איז אַנטלאָפן פונעם שטיינערנעם גיהנום, די איבעריקע האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פליאַזשע. די גאַסן האָבן זיך קענטיק אויסגעליידיקט. ביי טאָג איז געווען זעלטן צו זען אַ דורכגייער, ביי נאַכט — אָן ענגשאַפט.

אָנהייב תמוז איז געקומען וווינען קיין קיעוו די גאַנצע אַנאַניעווער משפחה, מיט זיי אויך די מומע טייבל מיטן פעטער גרשון, אויך רחלע. באַגעגענען זיי אויפן וואָקזאַל זענען געגאַנגען שלמה, מיכאל, מנשה מיט די שוועסטער און יחיאל. יחיאל איז געקומען מיט אַ חודש פריער און טאָקע ער האָט זיי אַרויסגערופן קיין קיעוו. ווען די מומע טייבל האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונעם וואַגאָן, איז שלמהן פינצטער געוואָרן אין די אויגן:

— וואָס פון אַ מענטשן קען ווערן!... וווהין איז אַהינגעקומען דאָס פייער פון אירע אויגן? די פאַרב פון איר פנים? און בכלל, דאָס לעבן, וואָס האָט געשפּריצט פון איר יעדן וואָרט און פון איר יעדער עובדה?

די מומע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים. געזאָגט אים, אַז ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן, אַ גאַנצער פאַרשוין!... שלמה האָט באַקוקט די אָנגעקומענע. דער פעטער גרשון איז אויך געוואָרן אַן אַלטער ייד, קיין איין שוואַרצע האָר נישט אין דער באָרד, נאָר פּאָרט נישט דאָס וואָס די מומע טייבל. רחלע איז געוואָרן פיל שענער ווי זי איז געווען, און איז אָנגעטון גרויסשטעטיש, באַשיידן נאָר מיט געשמאַק. פון איר געזיכט איז פאַרשוונדן יענער קינדערישער קאַפּריז, וואָס האָט געהערשט אויף אים,

ווען ער איז געווען ביי זיי. פאַר אים איז געשטאַנען אַ שיין, עלעגאַנט מיידל מיט בנימוסדיקע מאַניערן.

— וואָס אַ גרויסע שטאָט קען... אַדעס איז אַ פּנים נישט אַנאַניעוו...

שלמה האָט געטראָגן די טשעמאָדאַנעס צו דער מאַשין. פון דער זייט האָט ער נאָך אַ מאָל באַקוקט דעם עולם און געטראַכט: דאַכט זיך, אַלע, ברוך השם, גאַנץ, אָבער פון דעסט וועגן, פאַרט נישט די מלוכה, וואָס אין אַנאַניעוו. הרוב געמאַכט אַ וועלט! און באַזונדערס די מומע טייבל. אוי, די מומע טייבל, די מומע טייבל!

— איז מיט וואָס, אַ שטייגער, האָב איך מיך געביטן, מומע?

— כ'וויים דיר נישט ווי אַזוי צו זאָגן, נאָר ביי אונדז ביסטו דאָך נאָך געווען אַ קינד, און איצט — גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש... און וואָס איז דער חידוש? שוין טאַקע באַלד צוויי יאָר, פאַוואָלינקע. שלום האָט אונדז געשריבן קיין אַדעס, אַז דו ביסט היינט אין קיעוו אַ גאַנצער שטאָט־בעל־הבית... אַן אָנגעזעענער!...

— מומע, דאָס האָט ער חוזק געמאַכט, אויף מיין וואָרט.

— גיי שוין גיי, דיין זיידע איז עפּעס אַ ייד פון חוזק מאַכן? ווי שעמסטו זיך נישט אַזוי צו זאָגן?

— זאָגט מיר בעסער, מומע, פאַר וואָס זענט איר געוואָרן אַזוי?...

— ווי אַזוי בין איך דען געוואָרן?

— איר האָט זיך שטאַרק געעלטערט, נישט צו דערקענען.

— נו, וואָס ווילסטו, וואָס? מיר גייען דאָך עפּעס נישט צו דער וויג, נאָר צו דער גרוב, איך בין שוין נישט קיין מיידעלע...

— יאָ, אָבער ערשט פאַר צוויי יאָרן האָט מען אויף אייך געקענט מיינען, אַז איר זענט אַלט דרייסיק — און איצט... איר זענט חלילה נישט קראַנק?

— אַזוי זיך, אי יאָ, אי ניין... פון אַנאַניעוו אַן מאַכט זיך דאָס האַרץ אַ ביסל נאַריש. נאָר וויים איך, נאַרישקייטן! נו, און טאַקע אַ ביסל צרות מיט רחלען, שוין אַ מיידל צו לייטן, זעסט דאָך...

— זייער אַ שיין מיידל!

— וואָס קומט אָבער אַרויס? זי איז שוין גאָרנישט דאָס, וואָס מען דאַרף. פון זינט זי איז אין אַדעס אַנגעקומען אויף אַן אַרבעט, האָט זי זיך ווי איבערגעביטן. עס איז שוין געווען אין אַדעס אַ מעשה מיט אַ קאָמ־סאָמאָליעץ... פרעג נישט, קוים מיט צרות אויסגעוויינט, אַז זי זאָל אים אָפּזאָגן... אַזוי איז דאָס, צרות איז מען נישט זשעדנע...

די מומע מיטן פעטער זענען פאַרפאָרן אויף דימייעווקע צו אַנאַניע־ווער באַקאַנטע און זייער עלטערער זון האָט שוין געהאַט אַ דירה. טאַקע אויף סאָלאָמינקע האָט יחיאל פאַר אים געדונגען אַ צימערל מיט אַ קיכל.

שלמה האָט כמעט קיין איין טאָג נישט דורכגעלאָזט, אַז ער זאָל נישט זיין ביי דער מומע טייבל. ער האָט שטענדיק געפונען וועגן וואָס צו רעדן מיט איר, שטענדיק האָבן זיי געהאַלטן אין אַ מיט שמועס. דער זיידע,

מנשה, האָבן שוין געוווּסט, אַז אַ פרישן גרוס פון טייבלען קען מען שטענ־
דיק אָפּנעמען ביי שלמהן.

שלמה האָט זי בגוואַלד פאַרשריבן אויף אַ וויזיט צום גרעסטן פּראָפעסאָר
אין קיעוו — סטראַזשעסקאָ. ער, מיט רחלען, זענען געפאָרן מיט איר.
אריינגעגאַנגען אין קאַבינעט איז מיט איר נאָר רחלע. נאָך שפּעטער, אויף
איבערשמועסן מיטן פּראָפעסאָר, האָט זי אַריינגערופן שלמהן. עס האָט
זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מומע האָט טאַקע געהאַט אַ שוואַך האַרץ און נאָך
עטלעכע חולאתן. דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זען אויס־
צומיידן אַלערליי זאָרגן. זי טאָר זיך נישט אויפרעגן, דאַרף לעבן רואיק,
אין גאַנצן רואיק. ער האָט איר פאַרשריבן אַ גאַנצע ריי רפואות. רפואות
אויף אַהיים, רפואות און אין קליניק אַריין.

אַרויסגייענדיק פונעם פּראָפעסאָר איז די מומע אָנגעפאַלן אויף
שלמהן:

— האָב איך דיר דען נישט געזאָגט, אַז ער וועט מיר גאָרנישט אויפ־
טון? אַבי געלט אַרויסגעוואָרפן!

— מומע, וואָס האָט איר געוואָלט, זאָל ער אייך טון? אַ ניי האַרץ
אַריינשטעלן? קיין גאָט איז ער נישט, נאָר איר מוזט אים פּינקטלעך
פאָלגן, וועט אַלץ זיין גוט.

— ווייס איך, דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן. אָט פאַרגייען שוין בע־
סער באַלד די דריי וואָכן און איך האָב שטאַרק מורא, אַז איך וועל נישט
קענען פאַסטן שבעה־עשר בתמוז... פאַר אַ יאָרן שוין אויך נישט געפאַסט...
וויי צו מיינע יאָרן!...

קאפיטל XIV

א שווערער תמוז איז געהאנגען איבער קיעוו. די שרעקלעכע היצן האבן ממש אוועקגעהרגעט די שטאט. אלץ האט זיך געשמאלצן. דער אס־פאלט אויף די טראטוארן איז געווארן לויז און קלעפיק ווי צעלאזענער קליי. די אפצאסן האבן זיך אפט געריסן. דאס סאדע־וואסער אין קלייטל האט געהאט א טעם ווי אפגעקילטע טיי. די טעאטערס, די קינאס האבן געפוסטעוועט. ווער וועט זיך דאס גיין פארשפארן אין א געביידע, וווּ מען קען דערשטיקט ווערן? קוים וואס מען דערלעבט דאס שטיקל אויפדער־נאכט, מען זאל פטור ווערן פון דער ברענענדיקער זון און מען זאל קענען אפאטעמען.

ביי יאנין האט מען צוגערוקט דעם טיש צום פענצטער און געטרונקען טיי, — דאס בעסטע מיטל קעגן דער היץ. פאלי האט אן חשק געבלעטערט די פאליט־עקאנאמיע און מן הצד געכאפט אלע ווײַלע א קוק אויף שלמהן. עפעס איז ער געווען נישט אויפגעלייגט. פרעגן אים, אין אזוינע פאלן, איז געווען אומזיסט די ארבעט, סיידן, אויב ער וויל אליין דערציילן. יאני האט צונויפגערעכנט דאס געלט, וואס ער האט פארן טאג צונויפגענומען, צונויפגעלייגט לויט דער גרייס פון די אסיגנאציעס, קאפ צו קאפ, — אנדערש נעמט מען אין באנק נישט צו. שוין וויפל מאל האט שלמה א פרעג געטון פאלין, צי זי וועט היינט ערגעץ גיין און זי האט אלץ איין ענטפער געגעבן:

— וווהין וועלן מיר גיין אין אזא דושנעקייט? לאמיר א ביסל זיצן אין שטוב. שפעטער, אז עס וועט נאך א ביסל קילער ווערן, וועלן מיר גלאט אזוי א ביסל ארויסגיין...

פאלי האט מיט אפענער שנאה געקוקט אין דער פאליט־עקאנאמיע. איר קאפ האט בשום־אופן נישט געוואלט פארגעדענקען אפילו קיין איין פארמולע. זי קייעט די נודנע ווערטער ווי א שטיק גומי. דער מח איז ווי אטראפירט, נאר די ליפן מעלה־גרהן צום הונדערטסטן מאל איינע און די זעלבע ווערטער. שוין, דאכט זיך, גוט פארקריצט אין זכרון און אין א מינוט ארום — א פוסט ארט. שלמה איז נאך אלץ געזעסן טרויעריק פאר־זונקען אין די געדאנקען. ווי א טעלעגראמען־סטענגע ארויפלויפנדיק פונעם אפאראט האט זיך זיין ביטל צרות אליין פירגעלייענט:

— דער דווארניק האט נעכטן צום לעצטן מאל געווארנט, אז מען זאל צונעמען ביי אים פונעם הויף דעם חדר און אויב מען פאלגט אים נישט אויך דאס מאל, ווייסט ער שוין דוקא וואס צו טון... מען האט גע־פרוווט אים ווייכער מאכן מיט געלט, — איין מאל ניין! ער האט מורא — און שוין! דאס לעבן איז ביי אים טייערער! ער האט א ווייב און קינדער און וויל נישט פוילן אין טורמע. וואס טוט מען? ער, שלמה, מיט דער גאנצער חברה, האבן שוין איבערגעזופט די גאנצע שטאט: רעד צום

לאָמפּ! — קיינער וויל נישט אריינלאָזן. פאַר קיין שום געלט נישט! עס איז קיין עין־הרע אַ כאַליאַסטרע! מען דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען און טאַקע איינשטעלן דעם קאָפּ און אויף אַזוינע זאַכן זענען היינט דאָ וויניק בעלנים... יענע וואָך האָט אין מקוה געפּלאַצט אַ רער, פּאַרטרונקען דעם גאַנצן הויף, ס'איז שיר קיין אומגליק נישט געוועזן, מען האָט געוואָלט די מי־ליץ רופן... דאָס שרייבן זיינס שלעפּט זיך ווי מיט אָקסן. די פּאַרנאַכטן זיצט ער איבער דאָ. און וואָס? עס איז נאָר אַ האַרצווייטיק! זי האָט זיך אַריינ־געלאָזן אין די ביכלעך, אַז נישט, איז זי אין „קאָנטינענטאַל". אַ נאַכט מיט אים און אַ נאַכט מיט מאַרוסיאַן. באמת, איז אים שוין דאָס האַרץ אַזוי פאַרשטיינערט, אַז עס אַרט אים שוין גאָר וויניק. זי גייט מיט איר? כאַפּט עס דער רוח! זאָל זי גיין מיט איר! יאָ, נאָר וואָלט ער כאָטש גע־קענט זיצן רואיק און שרייבן, ניין — הייבט עס אים פון בענקל. ווי עס קומט נאָר פינף פאַר נאַכט, ווען זי קומט פון די קורסן, קען ער שוין נישט איינזיצן: טאָמער פּונקט וואַרט זי אויף אים. ווער ווייסט, צי עס איז היינט זיין טאָג צי נישט זיינער? אַזוי גייט ער כמעט אַלע טאָג. צי ער טרעפט צי ניין, אָבער שרייבן שרייבט ער שוין דערווייל נישט. און וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית?...

ענדלעך האָט יאַני אַריינגעלייגט דאָס געלט אין פּאַרטפעל אַריין, פריילעך אַ רייב געטון אַ האַנט אין אַ האַנט און אַ געשריי געטון:

— פאַר וואָס האָט איר אַלע אַראָפּגעלאָזט די נעזער? אַ שטילקייט אַ ביסל ווי אין אַ מדבר! שלמה, וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי לאַ־עליכמדיק? די קינדער האָבן דיך באַזעצט, צי די שיפן דיינע זענען דיר אונטערגע־גאַנגען?

שלמה, מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— עס ווייזט זיך אייך אויס. פּשוט אַזוי, כ'האָב מיך עפּעס פאַר־טראַכט.

— טאַטע, זאָל ער דיר נישט דערציילן קיין באָבע־מעשׂות, מען זעט דען נישט? ער איז עפּעס שטאַרק צערודערט.

— פאָלי, וואָס טראַכט איר אויס אויף מיר? און איר האָט דען נישט געשוויגן גלייך מיט מיר?

— עס איז גאָר קיין משל נישט. מיר האָט דאָך גאָט געגעבן אַ פּאָ־ליט־עקאָנאָמיע. איז אָדער איך וועל זי מוזן פאַרברענגען, אָדער... מוזן אויס־לערנען...

— איר האָט אייער פּאָליט־עקאָנאָמיע אין די הענט, איך האָב מיינע — אין קאָפּ. דערפון טרעפט זיך, וואָס מען פאַרטראַכט זיך אַ מאָל.

— אין קאָפּ האָט יעדער זיינס...

— איך וואָלט דאָס נישט געזאָגט... נישט יעדער...

— אַן עק, הערט זיך שוין אויף צו קריגן: יאָ ביי יעדן, נישט ביי יעדן, — שלמה, דו ווייסט בעסער, איך האָב דיך היינט געזען און דו מיך — נישט.

— איך אייך, טאַקע נישט. ווו האָט איר מיך דאָס געזען?

— אין אוניווערמאַג* אויפן סקלאַד, אָפּקלייבן העמדעלעך מיט היטע־לעך.

— אַ־האַ, ריכטיק!...

— פאַר וועמען האָסטו דאָס גענומען אַזוי פיל?

— זאָרגט זיך נישט. קיין אייגענע קינדער האָב איך נאָך נישט. מיינע ווייבער זענען נאָך עקרות...

— שלמה, וואָס טוט זיך עס היינט מיט דיר? פאַלי איז דאָך שוין באַלד געראַכט... איך פרעג סתם, אויס נייגעריקייט, טאָמער איז אַ סוד — זאָג נישט.

— פאַר וואָס עפּעס אַ סוד? סודות גאָר! עס איז פאַר דער תּלמוד־תּורה.

— שטילער אַ ביסל, ביים אָפענעם פענצטער איז נישט כדאי אַזאַ נאָמען צו דערמאָנען!

שלמה צעלאַכט זיך ביטער. ער לאַכט לאַנג, נערוועז.

יאַני מיט פאַלין קוקן זיך פאַרשטייענדיק איבער.

— וואָס האָסטו געלאַכט?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי, עס איז מיר פריילעך — לאַך איך.

יאַני מאַכט צו דאָס פענצטער און זעצט זיך אַוועק ביים טיש. ער קנאַקט אויס אַלע פינגער און פרעגט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— שלמה, דו ביסט כאָטש פאָרזיכטיק מיט אַזוינע זאַכן?

— איר ווייסט, יאַני, אַנשטאָט צו פאַרמאַכן דאָס פענצטער, וואָלט איר בעסער געדאַרפט אויף שטענדיק פאַרמאַכן פאַר מיר די טיר.

— שלמה, וואָס רעדסטו?

— איך רעד דאָס, וואָס איך טראַכט. זייט זיכער, איך ווייס, וואָס איך זאָג און פאַרשטיי גאַנץ גוט די כונה פון אייער פילדייטיקער פראַגע: דער שלמה מיט זיינע מצוות זאָל כאָטש אַהער נישט פאַרשלעפּן עפּעס קיין אומגליק.

— שלמה, ערנוואָרט, איך בין אויסער זיך פון דיר! איך פרעג דיך ווי אַ געטרייער פאָטער, צי ביסטו גענוג פאָרזיכטיק... מען דאַרף דאָך וויסן, ווו מען געפינט זיך און ווען...

— צו וואָס דאַרף מען אַזוי שטאַרק דאָס וויסן, ווו און ווען?

— וואָס הייסט, צו וואָס? דו ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט היינ־טיקע צייטן, ווען מען זאָל חלילה־וחס געוואויר ווערן, וועט עס פאַרנעמט זיך מיט אַזוינע זאַכן?

— מיט וואָס שמעקט עס?

— מיט וואָס, פרעגסטו? עס קען זיין, אַז מיט פינף יאָר.

— אויף מער האָט איר קיין השגה נישט?

---

* פאַרקירצט פון — אוניווערסאַלער מאַגאַזין.

— הערסט א מעשה? נאך מער זאגסטו? דארף מען דאך אודאי און אודאי זיין פארזיכטיק.

— צו וואס זשע דארף מען דאס זיין אזוי פארזיכטיק?

— נאך א מאל צו וואס? מען זאל חלילה נישט ארייננפאלן.

— אט דאס איז אין גאנצן? איך האב געמיינט, — איך וויים וואס?

— שלמה, וואס איז היינט מיט דיר?

— און אז מען פאלט אריין, איז וואס? אזא מציאה איז דאס לעבן, מען זאל איבער דעם אזוי פלאטערן?

יאני שפרינגט אויף פונעם בענקל:

— ניין, קינדער, גייט זיך שוין בעסער א ביסל דורך, איך קען אזעלכע דיבורים נישט אויסהערן רואיק.

— יאני, באקלערט זיך גוט, איידער איר הייסט פאלין גיין מיט מיר. ווי א זאך מאכט זיך, טאמער קוקט מען מיר נאך און פאלי פאלט אויך אריין אין חשד, אז זי העלפט זארגן פאר די קינדער פון דער תלמוד־תורה.

יאני איז געשטאנען אן לשון. פאלי האט אנגענומען שלמהן פאר דער האנט און אים ארויסגעשלעפט אין גאס אריין.

קאפיטל XV

אראפלאזנדיק זיך אויף קרעשטשאטיק נעמט זי אים אונטער דעם ארעם און זאגט אים שטיל:

— היינט איז אייך געווען שרעקלעך צו הערן, שלמה.

— כ'ווייס, איר מיינט, אז איך ווייס נישט? עס איז מיר שטארק נישט אנגענעם פאר אייער טאטן, נאר וואס האב איך געקענט העלפן? עס זיצט אין מיר היינט עפעס א דיבוק...

— איך פארשטיי אייך...

— וואס פארשטייט איר?

— אז נישט פון ווילטאג זענט איר היינט אזוי...

עס איז שוין געווען שפעט. שטארק פינצטער. די עלעקטריע האט מיד באלויכטן נאר נאענט ארום זיך. א צונויפגעפרעסטע דושנעקייט האט גע־האנגען פון די ביימער, פון די פענצטער.

מיט א מאל האט זיך דערטראגן פונעם ווייטן חושך:

— חבר... חבר!...

שלמה האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן, קיינעם נישט געזען און איז ווייטער געגאנגען.

— חבר... חבר!

שלמה האט זיך ווידער אפגעשטעלט. דאס קול האט אים אויסגעוויזן צו זיין באקאנט. פאלי האט אים א שלעפ געטון:

— קומט, מען מיינט נישט אייך...

זיי האבן געמאכט נאך עטלעכע טריט.

— חבר... חבר פייגנבוים!

פון דער פינצטערניש האבן זיך דערטראגן גיכע טריט. עמעצער האט זיי דעריאגט.

— אנטשולדיקט, איך האב פארגעסן אייער אייגענעם נאמען, האב איך אייך אומיסטן אנגערופן פייגנבוים, כדי דערמיט צו ווענדן אויף זיך אייער אויפמערקזאמקייט.

שלמה האט זיך איינגעקוקט אין דער פינצטער:

— אך, מר ליבערמאן! שלום־עליכם, כאטש דעם נאמען פיאטיגאר־סקי האט איר פארגעסן, דאך האט איר א תביעת־עין פון א תלמיד־חכם. איין מאל אין גאנצן מיך געזען און גלייך דערקענט אין דער פינצטער...

— אייך נישט דערקענען? עס האט א שיינעם פנים.

— זייט באקאנט, דאס איז מיינע א קוזינע און דער דאזיקער חבר, פאלי, איז רייזלס א ברודער.

ליבערמאן האט זיך א נויג געטון:

— זייער אנגענעם צו זיין באקאנט.

— איצט זאגט מיר, מר ליבערמאן, איר זענט שוין לאנג אין קיעוו?

— ערשט היינט געקומען און איך דארף שוין אוועקפאָרן.
— פאַר וואָס אַזוי גיך?
— מיינע גוטע געשעפטן טרייבן מיך אַזוי שנעל.
— וואָס זשע האָט געטראָפן, מר ליבערמאַן?
— אַלץ מיט רייזלען.
— וואָס איז דען מיט רייזלען?
— איר האָט גאָרנישט געהערט ביי די פייגנבוימס?
— איך בין שוין דאָרט לאַנג נישט געווען.
— אוי, רייזל איז געפערלעך, געפערלעך קראַנק!
— וואָס איז איר דען? — האָט שלמה אויסערלעך קאַלט געפרעגט.
— עס איז ביי איר שלעכט מיטן הארצן. אויף איר לעבן איז זי נישט קראַנק געווען, ווער שמועסט אויפן הארצן גאָר? קיין מאָל נישט געוווּסט דערפון. און פון זינט זי איז געקומען פון קיעוו... אַז איך בין דאַמאָלסט געקומען אַהיים, באַלד נאָך איר, האָב איך זי שוין געטראָפן אין בעט און פון דאַמאָלסט אָן פון טאָג צו טאָג איז אַלץ ערגער און ערגער. זי צאַנקט ווי אַ ליכט. איר זאָלט אויף איר אַ קוק טון, וואָלט איר זי זיכער נישט דער־קענט... עס איז ביי איר איבערגעביטן געוואָרן דאָס פּנים. איי, וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? מען דאַרף פיל רחמים! איר זענט דאָך עפּעס אַ בעל־שמסקע אייניקל, ווינטשט איר אַ רפואה. זי דאַרף נאָך לעבן, זי האָט נאָך נישט טועם געווען פון דער וועלט...
— גוט, גוט, איך וועל שוין ווינטשן... איז וואָס זשע טוט איר אין קיעוו?
— מיר האָבן זיך אין פּאַלטאַווע צונויפגעלייגט דריי מענטשן, צו־נויפגעשטעלט אַ היפּשע סומע און אַראָפּגעבראַכט פון כאַרקאָוו דעם גרעסטן הארץ־דאָקטער, אפשר האָט איר געהערט, אַנטאָקאָלסקי? האָט ער זי אָנגענומען פאַר זייער אַ שווערן חולה, זייער אַ שווערן... נישט נאָר מיטן הארצן... הלואי, זאָגט ער, עס זאָל זיין אַזוי גוט, ווי עס איז דער־ווייל נישט גוט... ער האָט אויסגעשריבן אַ מיקסטור און געזאָגט, אַז נאָר די איינציקע רפואה קען ראַטעווען איר לעבן. דערצו דאַרף מען די אויס־געשריבענע דאָזע איבערחזרן דריי מאָל, דאַן קען אפשר ווערן גוט. ער האָט מיר באַלד געזאָגט, אַז עס וועט מיר שטאַרק שווער זיין די רפואה צו קריגן. שטעלט אייך פאָר, אַז אפילו אין כאַרקאָוו איז עס נישטאָ. דאָס קען מען קריגן נאָר אין קיעוו אָדער אין מאָסקווע, אי דאָס — מיט גרויסע פּראָטעקציעס. חוץ דעם האָט ער איר אָנגעמערקט אַזאַ דערנערונג, אַז מען דאַרף זיין אַ ראָטשילד! נאָר דאָס ערשטע איז דאָך די מיקסטור. האָב איך באַלד געקלונגען צו מיין ברודער קיין מאָסקווע, איבערגעגעבן אים דעם אינהאַלט פונעם רעצעפּט, איז ער אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט ווי אַ משוגענער און אומעטום האָט מען אים געענטפערט, ער זאָל זיך מטריח זיין דורכפאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט איז דאָס מין שכיח... פון דעסט וועגן, האָט ער מיר געזאָגט, אויב אין קיעוו וועט זיך אויך אויסלאָזן אַ בוידעם,

זאָל איך יאָ צופאָרן קיין מאָסקווע. מען האָט אים דאָרט דערציילט, איש מפּי איש, אַז אויב מען דערשלאָגט זיך צו מאַקסים גאָרקי, קען מען גע־האָלפן ווערן. ער איז זייער אַן איידעלער מענטש און האָט ליב אַ טובה טון. טאָמער וועלן מיר זיך מיט זיין הילף דערשלאָגן צום נאַרקאָם *, מיר וועלן ווײַנען פאַר אים, אפשר וועט עפּעס העלפן. ער קער דאָס יאָ האָבן, וואָרעם אויב נישט ער, ווער דען? איז פאַר איך, אם־ירצה־השם, מאָרגן. איר קערט אודאי ווייסן, ווען האָב איך אַ צוג?

— פון וואַנען זענט איר דאָס געגאַנגען אַצינד?

— וואָס פרעגט איר? טאַני פייגנבוים איז מיט מיר היינט אַרומגע־לאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט, ווו ערגעץ אַן אַפּטייק, ווו ערגעץ אַ פּרי־וואַטער הענדלער פון מעדיקאַמענטן און אַלץ אָן דערפאָלג. טאַני האָט באַקאַנטשאַפט אין פיל שפּיטאָלן, זענען מיר אַהין געגאַנגען, ווייס איך? זיי לאַכן גאָר. זיי זאָגן: ווען מיר האָבן אַזוינע מעדיקאַמענטן, וואָלטן גאָר קיין מענטשן פון קיין האַרצקרענק נישט געשטאָרבן... מיר זענען געווען אין דער אַפּטייק פון דער געפּעאו, האָט מען דאָרט אויך געענטפערט, אַז עס איז נישטאָ. פון דעסט וועגן האָב איך נאָך געוואָלט אַליין בעטן ביים הויפּט־נאַטשאַלניק, ער האָט היינט דיזשור ביי נאַכט. בין איך איצט אומיסטן צוגעגאַנגען, גערעדט מיט אים — ס'איז חלומות! דער גרעסטער נאַטשאַלניק אפילו, זאָגט ער, זאָל דאָס דאַרפן, איז דאָס אויך נישט בנמצא. דאָס קען מען קריגן נאָר אין מאָסקווע, אין קרעמלישן שפּיטאָל... נו, איך וועל גיין. אייער געלט, חבר פּיאַטיגאָרסקי, איז אַוועקגעגאַנגען, וווהין מען דאַרף. אַ גוטע נאַכט!

— איר האָט דעם רעצעפּט ביי זיך?

— אודאי, וואָס איז דען?

— זייט אַזוי פיל גוט און קומט מיט מיר אַריין דאָ נאָענט אין אַ שטוב.

— איך האָב מורא, מען וועט זיך לייגן שלאָפן ביי די פייגנבוימס.

— עס מאַכט נישט אויס, קומט, קומט!

שלמה נעמט פאַלין אונטער דעם אָרעם, אים — אונטער דעם צווייטן און זיי גייען צוריק צו יאַנין אין שטוב אַריין.

— ר' שלמה, איר לייענט דען לאַטיין?

— שווערלעך. און רופן רופט מען מיך נישט ר' שלמה, נאָר שלמה.

אַריינגעקומען צו יאַנין רופט שלמה אַוועק יאַנין אין אַ ווינקל:

— ווען עפנט זיך אין דער פרי די גאָסבאַנק? **

— פּינקטלעך צען אַ זייגער.

— אויסגעצייכנט! איצט, וויפל האָט איר היינט געלט איינקאַסירט?

— אַכט טויזנט דריי הונדערט רובל.

* פאָלקס־קאָמיסאַר, איצט — מיניסטער.

** מלוכה־באַנק.

— גיט זיי מיר און מאָרגן דריי פערטל אויף צען האָט איר דאָס געלט בשלימות צוריק.

— אָבער, שלמה, עס זאָל חלילה נישט זיין קיין מניעה...

— דאָס אַלץ האָב איך באַרעכנט, איידער איך האָב אייך געזאָגט.

— ביטע, נעם עס דיר.

— איצט אָט וואָס: אָט דער יונגערמאַן איז דער פּאָלטאַווער רב. זייט אים מכבד און גיט אים אַ מעגלעכקייט זיך צוצושפּאָרן, ער דאַרף מאָרגן פאָרן אַ גאַנצן טאָג.

— ער בלייבט, הייסט עס, ביי אונדז נעכטיקן?

— דאָס ווייס איך נאָך נישט, דערווייל בלייבט ער.

— ווייזט נאָר דעם רעצעפּט, זייט זשע מוחל — ווענדעט זיך שלמה צו ליבערמאַנען.

יענער דערלאַנגט אים אַ פּאַפּירל. שלמה באַטראַכט עס אַ ווײַלע און לייגט עס אַריין אין בוזעם-קעשענע.

— איר טוט זיך אויס און פּילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. איך גיי אַוועק און איר דאַרפט אויף מיר דאָ וואַרטן.

— וווהין קען איך דען גיין אָן דעם רעצעפּט?

— און איר, פּאָלי, טוט אייך אויס. אונדזער שפּאַציר אויף היינט ווערט אָפּגעשאַפט.

פּאָלי רופט אים אָפּ אין אַ זייט, רעדט שטיל:

— שלמה, איך האָב צו אייך אַ ביטע, נעמט מיך מיט.

— צו וואָס נוצט דאָס אייך, פּאָלי? איך ווייס נאָך אַליין נישט, וווהין איך גיי.

— שלמה, וואָס אַרט אייך? איך וועל אייך מיט גאַרנישט שטערן. איך בעט אייך! נו, טוט דאָס מיר.

— אַז איר ווילט אַזוי שטאַרק, — קומט!

זי גיט אים אַ דריק ביי דער האַנט און זיי גייען אַרויס.

קאפיטל XVI

עס איז די צוועלפטע שעה. קיין מינדסט ווינטעלע. די פינצטערניש אָטעמט אין פּנים אריין מיט צעגליטן פּריסעק. אַלע אברים ווערן לייַמיק ווי נאָך אַ ווארעמען קאַמפּרעס.

שלמה מיט פּאָלין שניידן דורך די צענטראַלע מאַגיסטראַל אין דער ברייט און פּארנעמען זיך אויף לינקס. נאָך אַ פּאָר מינוט — און שלמה מיט פּאָלין גייען אריין אין דעם ווייך־באַלויכטענעם סאַלאָן פון דער גע̇פּעאו־אַפּטייק. דער פּראָוויזאָר ווענדעט זיך צו שלמהן:

— וואָס פארלאַנגט איר, חבר?

— איך דאַרף צו אייער נאַטשאַלניק.

— ער איז איצט פארנומען. ער האָט געהייסן קיינעם נישט אריינלאָזן.

— פאַר מיר וועט ער מאַכן אַן אויסנאַם.

— אויב אַזוי, רוף איך אים שוין ארויס.

— באַמיט אייך נישט. איך וועל ליבערשט אריינגיין צו אים.

שלמה עפנט קאַלטבלוטיק דאָס טירל אין דער לאַבאָראַטאָריע און לאָזט זיך, נישט געאיילט, אין קאַבינעט צום נאַטשאַלניק פון דער אַפּטייק.

— און איר וווהין גייט, חברטע? אַ מינוטקעלע...

— זי גייט מיט מיר, לאָזט זי דורך.

דער פּראָוויזאָר שטייט פארלוירן, קוקט זיי נאָך אָן לשון.

אויף שלמהס קלאַפּ אין טיר ענטפערט אַן אָנגענעמע, באַסאָווע שטימע:

— אריין!

זיי קומען אריין און בלייבן שטיין ביי דער טיר.

דאָס גאַנצע צימער איז פארשפּרייט מיט איין גרויסן, פּערסישן טעפּיך. אויף די ווענט — גרויסע בילדער. פון דער סטעליע הענגט אראָפּ איבערן טיש אַ קרישטאָלענער קאַנדעלאַבער. ער צעוואָרפט פונקען אין אַלע זייטן: רויטע, בלויע, גרינע... ביי אַ גרויסן טיש זיצט אַן עלטערער מאַן פון איבער די זעכציק. אַ היפּשע האַלב־קייַלעכדיקע ליסינע ארומגע־זוימט מיט אַ גרוי, שמאָל קרענצל פּעדערדיקע הערעלעך, וואָס שפּאַרט אונטער מיט די שפּיצן, העט העכער פון די שלייפן, זיין הויכן בולטן שטערן — מער זעט מען נישט. ער איז פארטיפט אין שרייבן עפּעס. דער טישלאָמפּ מיטן בלויען אַבאַזשור לאָזן נאָר באַמערקן אַ גראָבע פליישיקע נאָז, איינגעפּאַסט אין גאָלדענע פּענסנע. ער טראָגט אַן אוניפאָרם פון גרי־נעם גענעראַלסקן געוואַנט, ערשט פון דער נאָדל ארויס.

אַ פּאָר סעקונדן הייבט ער נישט אויף דעם קאָפּ. מען הערט נאָר אַ רואיק סקריפּען מיט דער פּען. ס'איז שטיל געוואָרן:

— וואָס וועט איר זאָגן? גייט צו נעענטער.

זיי דערנעענטערן זיך. שלמה צעשפּרייט פאַר אים דעם רעצעפּט:

— איך בעט ביי אייך, מיר געבן אָט די מיקסטור.

דער נאַטשאַלניק נעמט מיט צוויי פינגער דאָס פּאַפּירל, טראָגט עס צו נאָענט צו די אויגן און מאַכט אַ פאַרוווּנדערט פּנים:

— וואָס איז דאָס? מיט דעם פּאַפּירל איז מען דאָך שוין היינט געווען ביי מיר.

— ריכטיק, נישט מער ווי מיט אַ שעה צוריק.

— ווייסט איר, הייסט עס? היינט, נאָך וואָס זשע זענט איר ווידער געקומען?

— מיין נויט, חבר נאַטשאַלניק!...

— אָבער איך קען דאָך אייך גאָרנישט העלפן. אַזוינע מיקסטורעס שרייבט מען גלאַט אין דער וועלט אַריין, דאָס באַקומט מען נישט...

שלמהס היפּנאָטיזירנדיקע אויגן — צוויי שאַרפע שפּיזן. ער נעמט זיי נישט אַראָפּ פון דעם נאַטשאַלניקס פּנים.

— אַך, ווען איר זאָלט וויסן, ווער דער חולה איז, דאָס איז אַזאַ מענטש...

— חבר, איר זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען, און איר ווילט נישט הערן, וואָס איך זאָג אייך. היינט צו טאָג איז דאָס אַ לעגענדע, נישט קיין מיקסטור.

דער נאַטשאַלניק נעמט זיך פאַר דער פען. שלמה מאַכט אַ באַוועגונג. עלאַסטיש ווערן אָוועקגעלייגט אויפן טיש פינף פאַרפּאַקטע פּעקלעך צו טויזנט רובל אין יעדן. די פעדער פאַלט אַרויס ביים נאַטשאַלניק פון דער האַנט. ער נעמט לאַנגזאַם אַראָפּ די פענסנע, זיינע רויטע אויגן זענען ברייט צעעפנט. אַ ווײַלע איז אין צימער טויט־שטיל. שלמה און דער נאַטשאַלניק נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג איינער פונעם צווייטן. דער אויגן־דועל ענדיקט זיך מיט אַ פאַרשטיקטן כריפּ:

— וואָס איז דאָס?

שלמה ענטפערט געלאַסן, נאָר מיט אַ האַרציקער שטים, וואָס גייט גלייך אין דער נשמה אַריין:

— דאָס איז פאַר אייך. פינף טויזנטער, אַלס דאַנק פאַר דעם, וואָס איר וועט ראַטעווען מיין שוועסטער דאָס לעבן. איר זענט דאָך אויך נאָר אַ אָנגעשטעלטער, מיט אַ געציילטער פּרוטה. די סומע וועט אייך צו נוץ קומען.

— ווי וואַגט איר, אַ פרעמדער מענטש, מיר פאָרלייגן צו באַגיין אַ פאַרברעכן?

— ראַטעווען אַ יונג קינד קען נישט זיין קיין פאַרברעכן...

— איך פרעג אייך, ווי וואַגט איר מיר, מאַיאָר פון מעדיצינישער דינסט פאָרלייגן כאַבאַר? דאָס איז נידערטרעכטיק, דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע!...

שלמהס פּנים האָט אויסגעדריקט טיפע שמערצן. ער האָט זיך אומבאַהאָלפן אומגעקוקט אויף פּאָלין און ווידער איבערגעפירט זיין גליענדיקן בליק אויף דעם מאַיאָר. מיט אַ מאָל האָט ער זיך האַסטיק אַ קער געטון,

איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, איבערגעדרייט דעם שליסל און אים ארייננגעלייגט צו זיך אין טאַש. דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, נישט פאַר־שטאַנען, וואָס וויל דאָ טון אָט דער קאַלטבלוטיקער יונגערמאַן. פּלוצלינג האָט ער זיך א כאַפּ געטון פאַר דער הינטער־קעשענע. אין דער רעכטער האַנט האָט ביי אים א פינקל געטון א נאַגאַן. ער האָט אים אָנגעשטעלט אויף שלמהן און מיט דער לינקער גענומען דאָס טרייבל:

— האַללאָ, גיט מיר...

אין אָנבליק פון דעם אָנגעצילטן געווער איז דאָס בלוט מאָמענטאַל אָפּגעפלאָסן פון שלמהס פּנים. אויף איין אויגנבליק איז ער פאַרגליווערט געוואָרן, ווי פון פּאַראַליטש געטראָפן. אין שטאָלענעם אייגל איז געלעגן א כח ווי א מאַגנעט. די פאַרלוירנקייט האָט אָבער נאָר געדויערט א רגע כמימרא. ער האָט זיך גלייך באַהערשט. ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה דערפילט, אַז איצט אָפּשטעלן זיך הייסט פאַרשפּילן דעם דועל... און אין קאַן שטייט רייזלס לעבן... און דאָס האָט ער זי אונטערגעשניטן... ער, מיט זיין שטיינערנעם הארצן... ניין! ער זאָל אפילו וויסן באַצאָלן מיט זיין אייגענעם לעבן... זיינע באַוועגונגען זענען מיט א מאָל געוואָרן מעטאַ־דיש ווי א מעכאַניזם. מיט א קאַלטער אַנטשלאָסנקייט האָט ער אויסגע־שטרעקט די האַנט.

— האַללאָ, גיט מיר...

דער מאַיאָר האָט נישט דערזאָגט, וואָס מען זאָל אים געבן. שלמה האָט, נישט געבנדיק מער אפילו קיין בליק אויפן נאַגאַן, אַרויסגעשלעפּט דעם שטעפּסל * פון דעם טעלעפאָן און מיט דער צווייטער האָט ער רואיק גע־נומען צעשפּיליען זיך דאָס אייבערשטע העמד.

אין צימער האָט געהערשט א שרעקלעכע שטילקייט. פּאָלי איז גע־שטאַנען בלאַס ווי די וואַנט. זי האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר, נאָר די אויגן זענען געווען צוגעשמידט צום פינצטערן לעכל פונעם נאַגאַן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף שלמהס שלייף. דער טעלעפאָן־שנור האָט אין אָנמאַכט זיך געוואַלגערט אויפן טעפּיך. עס האָט געהייסן: אפילו איך שווייג שוין אויך...

דער נאַטשאַלניק איז געשטאַנען מיטן פינגער אויף דעם צינגל פונעם נאַגאַן און מיט שפּאַנונג צוגעקוקט, וואָס עס טוט אָט דער מאָדנער מענטש. שלמה האָט פאַמעלעך צעשפּיליעט דאָס העמד, אָפּגעלאָזט א ביסל דעם רימען פון די הויזן און פאַרזיכטיק אויסגעטון פון זיך א גרויסן וואָלענעם טלית־קטן. ער האָט אים אָנגענומען אין דער מיט און פאָכענדיק מיט די ציצית אין דער לופטן, זיך געווענדעט צום נאַטשאַלניק:

— איר ווייסט, וואָס דאָס איז?

יענער איז געווען געפּלעפּט. ער איז געשטאַנען מיטן נאַגאַן און גע־שוויגן. שלמה האָט מיט פאַרחלומטע אויגן פאַרגעזעצט:

---

* דאָס געפּעלע, וואָס מאַכט דעם קאָנטאַקט.

— אָט די פּאַן, וואָס איך האַלט אין דער האַנט, איז דער עמבלעם פון מיין גלויבן, פון יידישן גלויבן. איר זעט אָט די פּאַדעם?

שלמה האָט אים אריינגעלייגט די ציצית אין דער פרייער האַנט. דער נאַטשאַלניק האָט איבערראַשט אַראָפּגעלאָזט דעם נאַגאַן אויפן טיש און ווי פאַרכשופט געקוקט אויף שלמהן, וועלכער האָט אין דער מינוט אויסגעזען, ווי אַ ווילדער פאַנאַטיק.

— איר זעט אָט די פּאָדעם? זיי דאַרפן זיין בלוי, נאָר אין גלות האָבן מיר פאַרלוירן די ריכטיקע פאַרב. ווען מיר וועלן זיך צוריק אומקערן אין אונדזער לאַנד, וועלן זיי ווידער בלוי זיין. דער בלויער קאָליר דערמאָנט דעם ים, דער ים דערמאָנט אין דער הימל און דער הימל דערמאָנט שוין אין דער קייזערלעכער שטול, אין דעם אַלמעכטיקן גאָט, וואָס גיט אַכטונג אויף אונדז אַלע און וואָס קוקט איצט צו, וואָס דאָ קומט פאָר ביי אייך אין קאַבינעט. איר זענט אַן עלטערער מענטש, וועט איר מיר גלייבן אויף אַזאַ שבועה — שלמהן באַהערשט אַ התלהבות — איך שווער אייך ביי אָט דעם עמבלעם, וואָס דערמאָנט מיך אין גאָט, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָוואָקאַציע. גאָט באַהיט! קיינער איז אייך דאָ נישט אויסן צו פּראָוואָצירן... איך וויל נאָר ראַטעווען דאָס לעבן פון יענער יונגער פרוי. זי איז נישט מיין לייבלעכע שוועסטער, זי איז נאָר מיין שוועסטער לויטן פאָלק. נאָר דאָס איז אַזאַ זעלטענער מענטש, אַזאַ הייליקע נשמה, אַז פאַר איר איז יעדער איינער מחויב אפילו זיך מוסר־נפש צו זיין. טוט דאָס מיר, איך בעט אייך. איך שווער אייך פאַר זיך און פאַר מיין כלה — שלמה לייגט אַרויף די האַנט אויף פּאָלים אַקסל — אַז קיין בן־אדם, קיי—נער, וועט נישט וויסן פון דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

שלמהס אויגן שיסן מיט פייער, ער פילט, אַז איצט איז דער קריזיס. אין אָט דער איצטיקער מינוט איז געווענדט, צי רייזל זאָל זיך אויפהייבן פון בעט... ער שטייט אַנגעשפּאַרט אין טיש, אין זיין פּנים איז קיין טראָפּן בלוט נישטאָ. ער שווייגט... ער וואַרט...

דער נאַטשאַלניק קומט ביסלעכוויז צו זיך. ער לייגט אַריין דעם נאַגאַן צוריק אין דער הינטערטאַש. די אויגן הייבט ער נישט אויף. ער רוקט אָפּ דאָס געלט, שטעלט אוועק דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט אויף זיין פריערדיקן אָרט. פון זיינע לאַנגזאַמע באַוועגונגען איז צו זען, אַז ער הערט זיך איין אין דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס קומט אין אים פאָר. אויף איין אויגנבליק באַהאַלט ער דאָס פּנים אין די דלאָניעס, נאָר באַלד נעמט ער זיי צו. ער דערזעט דעם רעצעפּט, טוט אָן די פּענסנע, קוקט אין אים לאַנג, ווישט אָפּ דעם שטערן, שפּיליעט אויף דעם קראַגן און נישט אויפהייבנדיק די אויגן אויף שלמהן, גיט ער אַ ברום:

— נעמט זיך שטולן און זעצט זיך.

— נישקשה, מיר קענען שטיין.

ווידער לייענט ער דעם רעצעפּט, קוקט אויף דער לינקער זייט, דאָרט איז ריין, דאַן דרייט ער אים אום נאָך אַ מאָל אויף דער רעכטער...

— אָבער איר פאַרשטייט, וואָס דאָ טוט זיך? אזא מיקסטור איז פאַרבאָטן ארויסצוגעבן אָן א סאַנקציע פון נאַטשאַלניק פון קיעווער אָפּ־טיילונג געפּעאו: קאָמקאָר* ליעווטשענקאָ...

— איר וועט זיך שוין אָן עצה געבן. גאָט וועט נישט דערלאָזן, אַז איר זאָלט האָבן עפּעס א מכשול דורך דעם מיידל.

דער נאַטשאַלניק הייבט זיך אויף א פּאַרטראַכטער פון זיין שטול, גייט צו צו שלמהן און קוקט אים פריינטלעך אין די אויגן. שלמה נעמט אים צאַרט אָן פאַר דער האַנט:

— איר זענט א גוטער מענטש. איך זע, אז איך האָב געפעלט.

פּאָלי, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען ווי פאַרשטיינערט, האָט ערשט איצט באַנומען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי באַהאַלט דאָס פּנים אין טיכעלע און בליבט שטיל.

שלמה חזרט איבער מיט א ציטערנדיקער שטימע:

— אייערע אויגן, חבר נאַטשאַלניק, זאָגן מיר, אז עס וועט זיין גוט...

דער נאַטשאַלניק ווערט רויט, לייגט אים ארויף ביידע הענט אויף די אַקסלען, און זאָגט פייערלעך, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— יונגערמאַן, איר באַקומט דאָס, וואָס איר האָט געבעטן, ווייל... ווייל איר געפעלט מיר. אין אייערע קייזערלעכע שטולן גלייב איך ווייניק וואָס, אָבער אין אייך אַליין גלייב איך יאָ. איך בין אַליין א סאָלדאַט און האָב ליב דרייסטע, געוואָגטע מענטשן, וואָס גייען מיט נאַקעטע הענט קעגן שטאָל. איר זענט א בראַוווער יונג... חבֿרטע! איר ווייסט גאָרנישט די ווערט פון אייער חתן, מאָלאָדיעץ!

ער זעצט זיך צוריק אויף זיין שטול, נעמט דעם רעצעפּט און רעכנט עפּעס.

— גייט אין קאַסע און באַצאָלט דריי רובל מיט זיבן און אכציק קאָ־פּיקעס און דעם קוויט ברענגט מיר. פּאַרטיק וועט דאָס ערשט ווערן מאָרגן נאָכמיטאָג. נו, זענט איר צופרידן?

שלמה רויטלט זיך. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ — צופרידן, הייסט עס, נאָר מען זעט, אז עפּעס ליגט אים נאָך אויף דער צונג... דער נאַטשאַל־ניק זשמורעט פריינטלעך מיט די אויגן:

— וואָס איז שוין ווידער? זאָג, זאָג, שעם זיך נישט.

— איך שעם מיך אָבער יאָ, עס איז מיר שווער...

— זאָג, איך הייס דאָך דיר, וואָס נאָך פעלט דיר?

שלמה באַשליסט זיך. ער נעמט אָן א פולע ברוסט מיט לופט:

— איך בין אויף מיין לעבן נישט געווען קיין נאַבאַל, נאָר דאָ גייט אין א לעבן...

דער נאַטשאַלניק קוקט אויף אים שווייגנדיק און וואַרט.

— דער דאָקטער, וואָס האָט אויסגעשריבן די רפואה, האָט געהייסן

---

* קאָמאַנדיר פון א קאָרפּוס.

איבערחזרן דריי מאָל די פאַרשריבענע דאָזע, ערשט דאַמאָלסט, וועט דער חולה געהאָלפן ווערן. וו וועל איך שוין געפינען נאָך אזא גוטן מלאך ווי איר? איר האָט שוין אָנגעהויבן — ענדיקט...

— ווָרוו־וואָס?

דער מאַיאָר שטייט אויף פון דעם שטול. דאָס פנים ווערט ביי אים רויט פאַר אויפרעגונג:

— איר ווייסט, וואָס איר האָט ערשט געזאָגט?

— איך האָב דאָך באַלד געזאָגט, אַז עס איז אַן אומזין און אַן אכזריות צו בעטן ביי אַ פרעמדן מענטשן אַ דרייפאַכיקע דאָזע, אין דער צייט, וואָס יענער שטעלט אפשר איין זיין קאַריערע געבנדיק אפילו איין דאָזע... איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט. טאַקע דערפאַר האָב איך מיך נישט געקענט באַשליסן דאָס צו בעטן, אָבער אַז מען וויל ווידער צוריק אַ קלער טון...

שלמהס קול איז געוואָרן אַזוי ווייך, דער טאָן — אַזא בעטנדיקער:

— איך האָב ערשט געזאָגט: „פרעמדער". עס איז דאָך אָבער אַ גראָבער ליגן. פון דער מינוט אָן, וואָס איר האָט גענומען די פען אין האַנט, אויף אָנצושרייבן דעם פרייז פון דער מיקסטור, זענט איר נישט מער דעם מיידל קיין פרעמדער, נאָר אַן אייגענער פאָטער. ביי איר איצטיקער געפערלעכער לאַגע האָבן זיך די פאַרדינסטן פון אירע פריערדיקע עלטערן געענדיקט. איצט ווערט איר איר פאָטער און איר מוטער צוזאַמען. היינט וואָס וועט זיין, אויב פון דער ערשטער דאָזע וועט זי טאַקע נישט געזונט ווערן, בלייבט דאָך אייער גוטסקייט אַרויסגעוואָרפן... און דאָס מיידל איז אַזא גאָלדן קינד... אַזא זעלטנהייט! אפשר איז פּאַרט מעגלעך געבן אַ דריי־פאַכע דאָזע, גאָט וועט אייך אַזוי באַלוינען... אַזוינע זאַכן גייען נישט פאַר־לוירן... האָט רחמנות!... און אָט דאָס איז גלאַט אַזוי...

ואויפן טיש האָבן זיך באַוויזן נאָך דריי טויזנטער.

דער נאַטשאַלניק באַטראַכט די פרישע דריי טויזנטער און גיט אַ שמייכל:

— ווייזט נאָר דעם רעצעפּט...

ער לייענט אים נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אין דעם פּרעפּאַראַט גייען אַריין אַזעלכע צוויי מינים, וואָס איך בין גאָר נישט זיכער, צי מיר האָבן זיי גענוג אויף אַ דרייפאַכיקער דאָזע. שטייט נאָר אַ ווײַלע...

ער גייט צו צו אַ שראַנק, שליסט אים אויף, נעמט אַרויס אַ גראָבן בוך, זעצט זיך אין דער שטול, זוכט לאַנג. ער גייט נאָך אַ צווייטן בוך. ענדלעך געפינט ער דעם מין. ער קוקט אויף שלמהן פאַרוואונדערט, זיינע אויגן שמייכלען. ער שרייבט עפּעס אַראָפּ צו זיך אין נאָטיצביכל.

— איר זענט אַ מאַגיק, נאָר איר געפעלט מיר... איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך. איין מין פון די אָנגערופענע איז דאָ פּונקט וויפל איר דאַרפט, פון דעם צווייטן בלייבט מיר איבער זעקס גראַם. מילא,

וואָס עס וועט זיין, וועט זיין. גייט באַצאָלט עלף רובל מיט איין און זעכ־ציק קאָפּיקעס.

שלמה דריקט זיך אָן ווערטער צו, מיט זיין באַק צו יענעמס פּלייצע און לויפט צו צו דער טיר. די טיר איז פאַרשלאָסן. ער בלייבט שטיין פאַר־וואונדערט. באַלד אָבער דערמאָנט ער זיך, כאַפּט אַרום דעם שליסל, שליסט אויף און לויפט אַרויס. כהרף עין איז ער דאָ צוריק מיט אַ קוויט. דער נאַטשאַלניק נעמט די קוויטאַנציע און לייענט הויך:

— עלף רובל מיט איין און זעכציק קאָפּיקעס, ריכטיק. אַלץ איז אין אָרדענונג. נו, צופרידן, צי נאָך עפּעס?

— נאָך עפּעס — זאָגט שלמה לאַכנדיק.

— נאָך אַלץ נישט גוט? וואָס נאָך?

— ווען איך וואָלט שוין אַזוי ווי איר אָפּגעטון אַזאַ גוטע זאַך, וואָלט איך געוואָלט זי ענדיקן מיט אַלע פּישטשעווקעס...

די ברעמען ביים נאַטשאַלניק זענען געווען אויפגעהויבן, די נאָזלע־כער האָבן עטוואָס געציטערט, ער האָט געשוויגן.

— איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט מיך מיט אַזאַ געפערלעכן חולה נישט געשפּילט. יעדער מינוט, קען זיין, איז טייער. איך וואָלט אפילו אַלע פאַר־מאַצעווטן אַראָפּגענומען פון אַנדערע אַרבעטן און אָוועקגעשטעלט ספּעציעל אויף מאַכן די מיקסטור, כדי מען זאָל קענען אָפּפירן די רפואה מיטן ערשטן צוג...

— גוואַלד! איר זענט דאָך אַן אומדערטרעגלעכער מענטש, אַן אמתער אַגרעסאָר. חברטע! באַהיט אייך גאָט, איר זאָלט חתונה האָבן מיט אָט דעם מענטשן. ער וועט אייך אויפפרעסן, צעגלידערן און אויפפרעסן.

און שוין אַ ביסל געלאַסענער, צו שלמהן:

— ווען גייט דען אייער ערשטער צוג?

— דאָס קענען מיר שוין וויסן.

ער נעמט אַראָפּ דאָס טרייבל, דערמאָנט זיך אין עפּעס, גיט אַ שמייכל, בויגט זיך אָן, הייבט אויף דעם שנור און שטעקט אים אַריין אין דער ראָזעטקע.

— האַללאָ, איך בעט דעם וואָקזאַל. — וואָקזאַל? זייט אַזוי גוט, און זאָגט מיר, ווען גייט אָפּ דער ערשטער צוג אין דער ריכטונג פון פּאָלטאַווע? ווען, ווען? 4,25? דאָס הייסט אין עטלעכע שעה אַרום, פאַר טאָג? אַ גרויסן דאַנק! וואָס? וואָס?

אין קאַבינעט האָט הייזעריק געכאָרכלט אַ פאַרדומפּן קול:

— איך זאָג דאָך אייך, 4,25 אויף מאָסקווער צייט גייט אָפּ דער שנעלצוג קיעוו־באַקו, דורך כאַרקאָוו. קענט איר מיט אים פאָרן ביז פּאָל־טאַווע. אַלץ פאַרשטאַנען?

— אַלץ, אַלץ, אַ גרויסן דאַנק!

שלמה האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל:

— נו, אַט, אויב די מיקסטור וועט זיין גרייט אויף פיר ביי נאַכט, וועט מען נאָך באַווייזן זי אָפּפירן... מאַכט, אַז עס זאָל זיין אַזוי...

דער נאַטשאַלניק גייט אַרום פון הינטער דעם טיש, רייבט גוטמוטיק אַ האַנט אין אַ האַנט:

— איר קענט קומען אפילו מיט אַ האַלבער שעה פריער. האַלב פיר וועט אַלץ זיין פאַרטיק.

— נו, אַ גוטע נאַכט דערוויל, חבר נאַטשאַלניק, איך נעם מיך נישט אונטער אייך אָפּצודאַנקען, דאָס איז נישט מיין אַרבעט, דערויף איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט...

— אַ גוטע נאַכט, יונגערמאַן, קיין דאַנק דאַרף מען נישט. וואַרט, וואַרט אויס אַ ווײַלע, אַנטלויפט נישט!

ער קלייבט צונויף די אַכט טויזנטער פונעם טיש, גלייכט אויס די פּעקעלעך און נעמט זיי שטופּן צו שלמהן אין טאַש אַריין.

שלמה שפּרינגט אָפּ, ווי פון אַ ביס:

— וואָס טוט איר? פאַר קיין פאַל נישט!

דער נאַטשאַלניק לאַכט:

— וואָס ערגערט איר זיך? לאָזט מיך זיי אַריינלייגן.

— וואָס הייסט — אַריינלייגן? דאָס האָב איך... איך האָב דאָס...

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, אַזעלכע זאַכן טוען זיך נישט פאַר קיין געלט. פאַר הונדערט טויזנט רובל קריגט איר אויך נישט דאָס, וואָס איך גיב אייך. אָבער איך דאַרף קיין פּרוטה נישט.

— אָבער מיט וועלכע רעכט? מיט וועלכע רעכט? איך קען דאָס נישט דערלאָזן.

— וואָס הייסט, מיט וועלכע רעכט? מיט די זעלבע רעכט וואָס איר. איר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז איר טוט דאָס בלויז אויס מענטשנליבע, פאַר וואָס טאָר איך דען נישט טון דאָס זעלבע וואָס איר?

ביי שלמהן אין די אויגן זענען געשטאַנען טרערן פון דאַנקבאַרקייט און אַנטציקונג. דער נאַטשאַלניק האָט אים אַריינגערוקט דאָס געלט אין טאַש און אָנגענומען פאַר דער פּלייצע:

— אַצינד גייט שוין, גייט שוין, איך דאַרף איבערגעבן דעם רעצעפּט אין לאַבאָראַטאָריע אַריין.

שלמה האָט אָן לשון אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ ווונק געטון פּאָלין:

— קום.

ביי דער טיר האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך אומגעקערט צום טיש.

— נו, וואָס נאָך? אַ פּערטע דאָזע? — האָט דער נאַטשאַלניק ניי־געריק געפרעגט.

— ניין, דאָס מאָל בלויז אַ פראַגע. אַרבעטנדיק אַלס נאַטשאַלניק פון

אַזאַ ווייכטיקער אַפּעטייק, מוזט איר אודאי עפּעס האָבן אַן אַנונג אין מעדי־צין אויך.

— איך בין לויט מיין פּראָפעסיע אַ פּאָלק־דאָקטער.

— אָ, איז דאָך אודאי גוט! זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַ מענטש מיט אַזאַ האַרצקרענק, ווי די, וואָס מען שרייבט איר אויס אַזעלכע רפואות, וואָס דאַרף זי עסן, כדי זי זאָל צוריק געפינען אירע פאַרלוירענע כוחות?

— וויפל איז זי אַלט, אָט דאָס מיידל?

— אַרום צוואַנציק.

דער נאַטשאַלניק פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע:

— ווייסן וויין, רויטן וויין, ליקער, ראָם, אַלערליי פּרוכטווייַנען, קאָמפּאָטן פון גוטע פּירות, פּוטער, שאָקאָלאַד, קאַקאַאָ מיט מילך מעג זי אויך, נאָך אַזוינע זאַכן... זי וועט פון דער מיקסטור באַקומען אויך אַפּעטיט.

— אַ גרויסן דאַנק אייך, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ! אַ גוטע נאַכט!

קאַפּיטל XVII

אַרויסגייענדיק פון אַפּטייק ווענדעט זיך שלמה צו פּאַלין:

— עס איז שוין אודאי נאָך צוועלף, איך דאַרף נאָך ערגעץ צוגיין. צום אַלעם ערשטן וועל איך אייך צופירן אַהיים.

פּאַלי פּרעסט זיך צו צו זיין האַנט:

— איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן. איך וויל זיין מיט אייך אַ גאַנצע נאַכט. אַלץ איינס וועל איך שוין היינטיקע נאַכט נישט שלאָפן. עס איז היינט אַזאַ נאַכט, אַזאַ נאַכט!... גוט? מסכים? נו, וואָס אַרט אייך? כ'האָב אייך דען געשטערט? זאָגט אומיסטן, כאָטש מיט איין וואָרט זיך אַריינגעמישט?

— מיט איין באַדינג קען איך איינגיין אויף אייער פאָרשלאָג.

— זאָגט! וואָס איר ווילט, וועט איר ביי מיר אַצינד פועלן.

— מיר זאָלן היינט שפּילן אין שווייגעניש, גאָרנישט רעדן.

— גאָרנישט? קיין איין וואָרט אפילו נישט?

— סיידן, שוין גאָר־גאָר אַ נייטיקס, דאַן מעג מען.

— זאָל זיין אַזוי, אַבי נעמט מיך מיט.

שלמה האָט זי אין עקסטאַז אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך, נאָר באַלד — ווי עמעצער וואָלט אויסגעוואַקסן צווישן זיי, — זי אָפּגעלאָזט. ער איז געווען אי דערשראָקן, אי פאַרשעמט, ווי עמעצער וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גנבה.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דיזשורנע אוניווערמאַג. דאָרט איז געווען האַלב־ליידיק. די לאָמפּן האָבן בלענדנדיק געשיינט. די גרויסע שפּיגלען האָבן זיך גערייצט מיט די פלעשער ווייַן אין פּאָליצע: אַנו, ווער גלאַנצט בעסער? די פאַרקויפערינס האָבן שטייענדיק אין אַ רעדל פון עפּעס הילכיק געלאַכט. דערזען שלמהן מיט פּאָלין האָבן זיי זיך אָפּגעהאַקט. אַנטציקטע, האָבן זיי נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון פּאָלין און מיט קנאה זיך איבערגעקוקט.

— ווי רעכנט איר — פרעגט שלמה ביי פּאָלין — איצ אין פּאָלטאַווע קערן נישט זיין אַזוינע קלייטן מיט אַל דאָס גוטס?

— איך מיין אויך אַזוי. קיעוו איז דאָך עפּעס אַ הויפּטשטאָט.

שלמה גייט צו, פרעגט ביי די פאַרקויפערינס:

— ווו איז דאָ אייער דירעקטאָר?

— צו וואָס דאַרפט איר דווקא דעם דירעקטאָר?

— דאָס איז מיין זאַך.

— אָ־אָ, נאָך אַזאַ יונגער און שוין אַזאַ שטרענגער!

— ווילט איר, הייסט עס, נישט זאָגן?

— ווער וויל נישט? אָט דאָרטן אַנטקעגן, ווו דאָס בלויע לעמפּעלע ברענט, דאָרט איז זיין קאָנטאָרקע.

די פּאַרקויפערינס האָבן זיי שווייגנדיק באַגלייט מיט די אויגן, ביז די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט.

דער דירעקטאָר האָט צורוקנדיק שטולן העפלעך געפרעגט:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— איך וויל מאַכן ביי אייך אַ גרויסע קניה פון אַלערליי פּראָדוקטן, נאָר מיט איין באַדינג: אויב איר קענט דאָס איינפּאַקן אַזוי, מען זאָל דאָס קענען פירן אין צוג און נישט מורא האָבן, אַז עס זאָל זיך צעשיטן.

— מיטן גרעסטן כבוד, אפילו קיין אַמעריקע פירן וועט דאָס אויך בלייבן גאַנץ. וואָס ווילט איר קויפן?

— וויין, שאָקאָלאַד, ראָזשינקעס, פייגן, געטריקנטן אוריוק*. פראַנצויזישע פלוימען האָט איר?

— ערשט היינט באַקומען.

— אויסגעצייכנט! נו, און די בעסטע פּוטער אַ דריי קעסטלעך, קאַקאַאָ, לימענעס, מאַראַנצן. ניס־כאַלוואַ, שאָקאָלאַד־כאַלוואַ — האָט איר?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אַלץ האָבן מיר!

— נו, אָט, צייכנט זשע אויף: ליקערן, ראָם, קאָניאַק, שאַמפּאַניער, אַ פינף טאָרטן, אַ מאה מאַנדל־בייגעלעך. מיט איין וואָרט — אַ גרויסן אַסאָרטימענט. נאָר עס זאָל זיין פּערפעקט גוט און עלעגאַנט.

— איך אַליין וועל אַכטונג געבן ביים איינפּאַקן.

— און דערצו נאָך מוז עס געמאַכט ווערן זייער שנעל.

— ווי שנעל עס איז נאָר מעגלעך.

— איצט גיט מיר אַ בלייַשטיפט מיט אַ נאָטיצביכל, וועל איך זיך דורכגיין איבערן מאַגאַזין און געניי אויפצייכענען וויפל און וואָס מיר איינצופּאַקן. אַ דאַנק! פאַלי, קומט!

ביי דער טיר האָט ער זיך דערמאָנט:

— ביז איך וועל אייך מאַכן דאָס צעטל, זייט אַזוי פיל גוט מיר אַרויסרופן אַ טאַקסי.

— וויַיט דאַרפט איר דאָס פירן?

— אויפן וואָקזאַל.

— איך וועל אייך געבן מיין מאַגאַזין־אויטאָ. ער דאַרף אָנקומען אהער אין צוואַנציק מינוט אַרום.

— אַ גרויסן דאַנק.

אָפּגעצאָלט אין קאַסע קאַרגע דריי טויזנט רובל האָבן שלמה און פאַלי געגומען די גרינגע פּעקלעך און זענען אַרויס צום אויטאָ, וווּ דער מאַגאַזין־אַרבעטער האָט אויפגעלאָדן די שווערערע זאַכן.

אויפן וואָקזאַל האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם גאַנצן געפּעק אין דער קאַמער פאַר האַנטבאַגאַזש און זענען אַוועק צו דער קאַסע פון בילעטן. עס איז שוין געווען באַלד צוויי נאָך האַלבער נאַכט. ביי דער קאַסע אויף באַקו

* אַזיאַטישע פּערשקעס.

איז געשטאַנען אַ גוואַלדיקע ריי. קיין בילעטן זענען שוין נישט געווען. שלמהן האָט אַזש פאַרקלעמט ביי דער נשמה. ער האָט געפּרוווט בעטן אַ טרעגער צו קריגן פאַר אים אַ בילעט, פאַרגעלייגט אים אַ סך געלט — אַלץ אומזיסט: עס זענען נישטאָ קיין ערטער, כאָטש צערייס זיך.

שלמה איז געווען אויסער זיך. פאַלי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— נעמט זיך נישט אַזוי צום האַרצן, וואָס קען מען העלפן? וועט ער פאָרן מיט אַ צווייטן צוג...

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ ווילדן קוק און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט שלמהן באַשיינט אַן אידייע. ער האָט געקויפט צוויי פּעראָן־בילעטן און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צום צוג. שלמה האָט זיך דערפּרעגט צום הויפּט־קאָנדוקטאָר, און איז אַרייַנגעגאַנגען מיט פאַלין אין זיין וואַגאָן.

דער וואַגאָן איז געווען אַ ווייכער, העל באַלויכטן און בכלל זייער אַ באַקוועמער. שלמה האָט זיך דערפילט מיד. אַך, ווי ער וואָלט זיך איצט אויסגעצויגן אויף אַזאַ סאָפע און געשלאָפן אַן חשבון.

דער הויפּט־קאָנדוקטאָר האָט זיי קאַלט באַגעגנט:

— וואָס דאַרפט איר דאָ?

— עס איז אַזוי די זאַך, חבר. מיינער אַ גוטער ברודער דאַרף פאָרן בלויז ביז פּאָלטאַווע, דאָס הייסט, עטלעכע שעה אין גאַנצן.

— צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן? דאָ איז נישט קיין קאַסע. פאַרלאָזט דעם וואַגאָן! גאָר די מינוט!

— אַנטשולדיקט, חבר! איך האָב נאָך נישט געענדיקט. אַז דאָ איז נישט קיין קאַסע, דאָס ווייס איך אַליין. דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס אַנדערש. דער מענטש מוז פאָרן. פּאָלטאַווע איז נישט ווייט, ווייסט איר דאָך. זענען אָבער קיין בילעטן נישטאָ, איז ער גרייט צו געבן, פאַר נעמען אים אַ בילעט, דריי פלאַש שאַמפּאַניער. ער האָט זיי דאָ ביי זיך אויפן וואָקזאַל. אַלזאָ האָב איך גערעכנט —

דעם הויפּט־קאָנדוקטאָרס אויגן האָבן זיך צעלויכטן מיט אַ פריילעך פייערל.

שלמה האָט קאַלטבלוטיק פאַרגעזעצט:

— אַלזאָ האָב איך גערעכנט, אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין... פּאָלטאַווע איז דאָך נישט ווייט, ביז באַקו וועט איר זיך נאָך אויסשלאָפן...

— גוט, ס'איז געמאַכט! ווייזט אַהער געלט אויף אַ בילעט. ער וועט שלאָפן אויף מיין דיוואַן. און ווען ברענגט איר דעם וויין?

— וואָס הייסט גאָר, ווען? איר גייט נאָכן בילעט און איך נאָכן וויין. ביי מיר — זאָגן און טון איז איין זאַך.

— געגאַנגען זאָל ווערן!...

אַרויסגעגאַנגען פונעם וואַגאָן כאַפּט פאַלי אָן שלמהן:

— אוי, שלמה, עס איז גאָר אויף אייך קיין מבין נישטאָ...

— און דער קלענסטער פון אַלע — זענט איר אַליין...

זי פאַרשטעלט אים דאָס מויל מיט דער האַנט:

— איי, רעדט נישט אַזוי...
— אָבער דאָס איז דאָך דער ריינער אמת...
— נישט אַלע מאָל איז אָנגענעם צו הערן דעם ריינעם אמת...
אַ ווײַלע גייען זיי שטיל. פלוצלינג גיט פאַלי אַ זאָג:
— שלמה, און וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל מאָרגן מאַכן אַ „פראַגול” אין אינסטיטוט און מיר זאָלן גאָר צופאָרן זאַלבעצווייט צו מבקר־חולה זיין?
— דאָס וואָלט זי צום איבעריקן דערהרגעט...
— האַ? וואָס האָט איר געזאָגט? צום אי־בע־רי־קן? וואָס הייסט, צום איבעריקן?...
— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז עס איז שפּעט, איר זאָלט גיין אַהיים. ווייסט עס דער רוח! דאַכט זיך, גוט אָפּגערעדט מיר זאָלן היינט שווייגן...
אַ נערוועזער האָט שלמה זיך געמאַטערט, מיט אַ געפונען שטיקל אייזן, אויפצועפענען דאָס קעסטל ווײַן, וואָס איז ווירקלעך געווען פאַרפאַקט „כאָטש שיק עס קיין אַמעריקע”. ער האָט צעבלוטיקט אַ פינגער, אים פאַרבונדן מיט אַ טיכעלע און ווײַטער זיך געבריהט עפענען.
פאַלי איז געשטאַנען פון דער ווײַטנס. זי האָט געקוקט אויף שלמהן מיט אַנדערע אויגן. זי האָט געקוקט און געקוקט און גאָרנישט געקענט אַראָפּנעמען פון אים די אויגן. מיט אומגעזעענע געפעלעך האָט זי געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיין געזיכט דעם תמצית פון זיינע רייד, דעם פאַרבאָרגענעם מיין, דאָס נישט דערזאָגטע. עס האָבן זיך פאַר איר מיט אַ מאָל אַנטדעקט גאַנצע וועלטן... זי האָט אים אין דעם נייעם ליכט געזען צום ערשטן מאָל... איר פרויענהאַרץ האָט אינסטינקטיוו דערפילט אַלץ, וואָס צווישן שלמהן מיט רייזלען איז פאָרגעקומען. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אין וואָס פאַר אַ קאָמאַנדיראָווקע* ער איז געווען, אין יענער טאָרגסינער נאַכט... זי האָט מיט אַ מאָל פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון זיין „כמעט נישט געזעגנט”.
— ער איז גערעכט — האָט זי שטיל צו זיך געשעפּטשעט — ווייניקער פון אַלע ווייס איך אַליין, די גאַנצע שולדיקע, וויפל דער מענטש ליידט דורך מיר. ניין, עס מוז נעמען אַן עק! איך מוז מיך באַשליסן אַהער אָדער אַהין. מער אַזוי קען דאָס נישט גיין...
שלמה האָט אומגעקערט דאָס קעסטל ווײַן צוריק אין קאַמער און זיי זענען ביידע אַוועק צום הויפּט־קאָנדוקטאָר. באַקומען דעם בילעט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ. עס איז שוין געווען נאָך דריי אַ זייגער. שלמה האָט געדונגען אַן אויטאָ אויף אַ גאַנצער שעה.
ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַפּטייק, האָט מען זיי געזאָגט, אַז די מיקסטור איז שוין פאַרטיק, נאָר זי געפינט זיך ביים נאַטשאַלניק אין קאַבינעט.

* אַ שליחות פון אַ מלוכה־אַנשטאַלט.

— איך האָב זי דערפאַר גענומען צו זיך — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, גייענדיק גאַסטפריינטלעך זיי אַקעגן — ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז איר קענט אוועקגיין אָן אַ זיי־געזונט...

— ווי אַזוי האָט איר אַזוינס געקענט אויף אונדז קלערן? מיר זענען ביידע גרייט אויף וואָס איר ווילט, אַבי איך מיט עפּעס קענען אָפּדינען.

דער נאַטשאַלניק האָט גוטמוטיק געשמייכלט דורך די פּענסנע:

— איך ווייס, איך דיר גראָד קען מען גלייבן, אַז דו ביסט פּעאיק אויף אַלץ. וויפל ביסטו אַלט?

— איין און צוואַנציק יאָר.

— אַזוי יונג און אַזוי ערנסט, דאָס איז היינט אַן אויסנאַם.

— די צייט, די צייט, טייערער חבר מאַיאָר, מאַכט ערנסט.

— און יענע, די קראַנקע זאָגסטו, איז דיר אין גאַנצן אַ פרעמדע?

— אין גאַנצן אַ פרעמדע, עס הייסט, נאָר אַ באַקאַנטע.

— און אָט די חברטע איז דיין כלה?

— מחם...

— פאַר וואָס זשע נאָר אַ כלה?

שלמה האָט אַ קוק געטון אויפן וואַנטזייגער. דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— אָך, איר האָט דאָך אַ צוג. אַ בילעט האָט איר שוין?

שלמה האָט געוויזן דעם בילעט.

— נו, פאָרט זשע מיר געזונט און זאָל אייער חולה האָבן אַ רפואה, אַז עס זאָל נישט זיין אַרויסגעוואָרפן אייער מי. איר זענט אַ העלד, אויף מיין וואָרט, אַ העלד!

— וואָס רעדט איר פון מיין גראָשנדיקער העלדישקייט? איר זענט זיך מיט מיר באַגאַנגען ווי אַ מלאך, אַ גוטער מלאך פון הימל.

— ווער פון אייך פאָרט אָפּפירן דעם רעצעפּט, דו צי זי?

— איך פאָר. זייט מיר געזונט, און דאַנקען — קען איך נישט. פאַר נאַרישקייטן — קען איך, פאַר ראַטעווען אַ לעבן — נישט.

מיט אַ מאָל דערמאָנט זיך שלמה אין עפּעס:

— און דעם רעצעפּט גיט איר מיר נישט?

— דו האָסט דאָך שוין אַלע דריי דאָזעס. צו וואָס זשע נוצט ער דיר?

— אויב איר מוזט אים נישט האָבן אַלס דאָקומענט, קערט אים מיר אום. ער וועט מיר דינען פאַר אַ טאַליסמאַן, פאַר אַ זכר פון אייך, פון היינטיקער אומפאַרגעסלעכער נאַכט...

— אַלס דאָקומענט איז דאָס אַ צו שוואַכער אַרגומענט...

דער מאַיאָר צעלאַכט זיך פונעם אומגעריכטן גראַם:

— אַלס דאָקומענט, פריינט מיינער, איז דאָס גאָרנישט קיין אַרגומענט... איך וועל שוין די מעדיצין אַראָפּשרייבן אויף דער קאָנטע פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל נומער 138. מען וועט דאַרפן איבערשמועסן מיט דעם גאַרניזאָנישן הויפּט־דאָקטאָר, חבר קאַראַס. איר קענט אים נעמען

פאַר אַן אָנדענק, אייער טאַליסמאַן. נעמט אים אַרויס פונעם קלעמער, איך דאַרף אים נישט.

זיי האָבן אים וואַרעם געדריקט די הענט און זענען אַרויסגעגאַנגען.

זעצנדיק זיך אין אויטאָ האָט שלמה געזאָגט צום שאָפער:

— אויף אוריצקע 21.

און צו פּאָלין:

— איר וועט מיר אַרויסשיקן ליבערמאַנען און אַליין זיך לייגן שלאָפן. איר דאַרפט שוין באַלד אויפשטיין צו גיין אין אינסטיטוט אַריין.

— פאַר וואָס טרייבט איר מיך פון זיך, שלמה? ניט שוין זשע איז אייך אַזוי שווער מיט מיר?

— וואָס רעדט איר, פּאָלי? איך טרייב אייך גאָר? ביטע, איר ווילט פאָרן צוריק אויפן וואָקזאַל?

— איך וויל זיין מיט אייך אַזוי לאַנג, ביז איר וועט גיין אַהיים.

— און ווען ווער איך שוין פּטור פון אָט דעם אומדערטערגלעכן „ביז“?

— שלמהקע, אַ סך, אַ סך פריער, ווי איר שטעלט זיך פאָר... דאָס מאָל קענט איר מיר גלייבן... נישט אַלע מאָל זענען ווערטער — בלויז ווערטער...

— פּאָלי, ערנוואָרט, איך בין היינט אויף דער נאַכט גערירט פון אייער מיטגעפיל צו מיר.

פּאָלי האָט שטאַרק צונויפגעדריקט זיין האַנט, אָנשטאָט אַן ענטפער.

קאפיטל XVIII

שלמה האט אנגעקלאפט אין טיר און פאלי איז געשטאנען פון דער ווייטנס, אין שאטן פון קעגנאיבערדיקן ווינקל, כדי עס זאל גאר קיין רייד נישט זיין פון בלייבן אין דער היים. אלע זענען געשמאק געשלאפן. דאס צווייטע מאל אנקלאפן האט אויך קיינעם נישט אויפגעוועקט. דער זייגער אויף שלמהס האנט האט אומברחמנותדיק געטיקעט, אין די שלייפן האט אומאויפהערלעך געקלאפט א העמערל: דער צוג וועט נישט ווארטן... וואס טוט מען? שלמה קוקט זיך אומבאהאלפן אום אויף פאלין, יענע ווייזט אים מיטן קולאק אויף דער טיר: זעץ! וואס קלערסטו?

שלמה דערלאנגט עטלעכע מעכטיקע קלעפ אין דער טיר און באלד טאקע דערהערט ער: עמעצער גייט. עס עפנט סאנקע, אין איין העמד. אלע שלאפן, ליבערמאן אויך.

— אוי, דאס זענט איר גאר, שלמה? און איך האב געמיינט, ס'איז פאלי. שלמה, איך בין נאקעט, ווארט א ווײלע... איך וועל באלד —

— ניין, ווארט דו א ווײלע, איך האב ווייניקער צייט פון דיר.

און נישט אומקוקנדיק זיך מער אויף סאנקען, האט ער זיך גלייך גע־לאזט גיין צו אווראמס געלעגער, אויף וועלכן ליבערמאן איז געשלאפן אין די מלבושים.

— און פאלי ווו איז, שלמה?

— זי נעכטיקט ביי א חברטע. מר ליבערמאן, מר ליבערמאן, שטייט אויף!

יענער עפנט א פאר פארשלאפענע אויגן און וויל זיך ערשט איבער־דרייען אויף דער צווייטער זייט, נאר שלמה טרייסלט אים:

— מר ליבערמאן, איין ווארט!

דער יונגערמאן זעצט זיך אויף, ווייסט נישט, ווו ער איז אין דער וועלט. מיט א מאל דערקענט ער שלמהן, ער גיט זיך א כאפ:

— הא, איר זענט שוין דא? איי, איי, איי! אויף אזוי לאנג גייט מען אוועק?

שלמה ווינקט אים, ער זאל רעדן שטילער, ער קען נאך אויפוועקן די בני־בית. ליבערמאן פרעגט שעפטשענדיק ביי שלמהן, וויפל איז איצט דער זייגער.

— מר ליבערמאן! אויף איין ווײלינקע, קומט ארויס אין קארידאר. גאר שטילער, וואס שטילער! סאנקע! פארשליס די טיר און א גוטע נאכט, צי א גוטן טאג, כ'ווייס דארטן, ווי מען דארף שוין זאגן.

ליבערמאן איז נאך אלץ פארשלאפן, ער רעאגירט כמעט נישט אויף שלמהס רייד, ער זעט נישט דעם וועג. פאלי, וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען פארשטעלט אין טונקעלן ווינקל און צוגעהערט אלץ וואס אויף יענער זייט אפענער טיר איז גערעדט געווארן, נעמט אים אן ביי אן ארבל

און פירט אים אַרויס אויף דער גאַס. שלמה דעריאָגט זיי, עפנט אויף דאָס טירל פון דעם אויטאָ און אַלע זעצן זיך אַריין.

— אויפן וואָקזאַל! — רוימט איין שלמה דעם שאָפער.

דער אויטאָ טראָגט זיך אַוועק פייל אויסן בויגן. ליבערמאַן קען זיך גאָרנישט באַרואיקן:

— אַך, עס איז מיר אַזוי נישט אָנגענעם צו קלאַפּן אַזוי שפּעט צו די פּייגנבוימס. עס קער שוין זיין אודאי נאָך צוועלף?

— געוויס נאָך צוועלף.

— נו, וואָס זאָגט איר דערויף? וואָס זאָגט איר דערויף? איך קען זיך עס אַליין גאָר נישט מוחל זיין.

— עס מאַכט נישט אויס, זיי זענען לייטישע מענטשן, קיין פּאַראיבל האָבן זיי קיין מאָל נישט.

— אַז זיי זענען לייטישע מענטשן, דאָס ווייס איך אַליין. אָבער, פון דעסט וועגן...

דער שאָפער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו שלמהן:

— וווהין אייך צופירן?

— צו דער קאַמער פון האַנטבאַגאַזש. און נאָך דעם, צום אַרויסגאַנג אויפן פּעראָן.

— פון וואָס רעדט איר עס, ר׳ שלמה? שלמה מיין איך...

— איר וועט עלטער ווערן, וועט איר אַלץ וויסן.

שלמה שפּרינגט אַרויס פון דעם אויטאָ, צעצאָלט זיך אין קאַסע און הייבט אָן טראָגן די פּעקלעך אין קאַבינע אַריין. ליבערמאַן שטוינט:

— ווו זענען מיר דאָס? עפּעס אַזוי ווי אויפן וואָקזאַל גאָר?

— איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איר האָט אַ טביעת־עין פון אַ תלמיד־חכם.

— אָבער וואָס קומט דאָ דען פּאָר, אויף דעם וואָקזאַל מיין איך?

— פון דאַנען האָבן צוגן אַ טבע אָפּצוגיין.

— ווער זשע פאָרט דען? עפּעס זע איך נישט, וועמען איר באַגלייט דאָ?

— דאָס וועט איר באַלד דערזען. דערווייל נעמט, זייט מוחל, איין פּעקל, פּאָלי נעמט אויך איינס און איך נעם צוויי.

שלמה בלייבט, באַצאָלן דעם שאָפער, און יאָגט זיי אָן ביים וואַגאָן. דער הויפּט־קאָנדוקטאָר שליסט זיי אויף זיין פּערזענלעכע קופּע און דרייט אויף די עלעקטריע.

— אָט אויף דעם דיוואַן קענט איר זיך צעלייגן, ווי ביים טאַטן אין ווייננאָרטן. ווער פון אייך פאָרט?

— אָט דער חבר.

ליבערמאַן שפּרינגט אַזש אונטער, ער בייגט זיך אָן צו פּאָלין:

— וואָס פּראַוועט ער פאַר אַ קאַטאָוועסן מיטן קאָנדוקטאָר?

פּאָלי קוועטשט מיט די אַקסלען:

— כ׳ווייס נישט.

דער קאָנדוקטאָר לאָזט זיי איבער אַליין. ליבערמאַן גיט זיך אַ פּאַטש אין שטערן:

— אַך, וואָס פאַר אַ קאָפּ ביי מיר, שיר נישט פאַרגעסן! דער רע־צעפּט איז דאָך ביי אייך?

— ריכטיק, ריכטיק, אָט האָט איר אים.

ליבערמאַן באַקוקט אים אויפמערקזאַם פון אַלע זייטן, ווי אַ בריליאַנט, און באַהאַלט אים אין אַ לעדערן בייטעלע.

— איצט האָב איך צו אייך אַ בקשה, מר ליבערמאַן.

— אויב איך וועל נאָר קענען...

— עס וועט אייך, רעכן איך, אפילו אָנקומען שווער, נאָר איר וועט קענען...

— אדרבה, זאָגט, לאָמיך הערן. פון אייערט וועגן — וואָס פרעגט איר?

— דער זייגער איז 4,05. צום אָפּגאַנג זענען געבליבן פונקט צוואַנציק מינוט.

— ווער זשע פאָרט רעדן?

— שלאָגט נישט איבער. מיט די דאָזיקע צוואַנציק מינוט צעטיילן מיר זיך אויף גלייך. צען מינוט וועל איך רעדן, זאָלט איר שווייגן. נאָך דעם וועט איר רעדן און איך וועל שווייגן. מסכים?

— נו, נו, זאָל זיין אַזוי. וואָס אַרט מיך דען?

— געדענקט זשע אונדזער תנאי, איך הייב אָן: דער דאָזיקער צוג גייט דורך פּאָלטאַווע און איר פאָרט מיט אים צו זיך אַהיים, דאָ האָט איר אייער בילעט...

ליבערמאַן גיט זיך אַ ריס, נאָר שלמה לייגט צו אַ פינגער צום מויל: מען טאָר נישט אויסרעדן, אַ תנאי איז אַ תנאי...

— נאָט אייך די פלאַש, האַלט זי פאַרזיכטיק. דאָס איז פאַר רייזלען די מיקסטור. אַלע דריי דאָזעס, וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט פאַרשריבן.

דאָ האָט שוין ליבערמאַן נישט אויסגעהאַלטן. ער איז צוגעלאָפן צו שלמהן מיט דער פלאַש אין דער האַנט, אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער מיט אַ געשריי:

— איר לאַכט פון מיר? פון מיר גיסט זיך דאָס בלוט...

שלמה האָט אים אָנגענומען ביי דער באָרד און צוגעצויגן זיין פּנים צו זיך:

— טייערער חבר ליבערמאַן, פון מיר גיסט זיך אויך דאָס בלוט. איך לאָך נישט פון אייך. בעת איך לאַך, דערקענט מען אויף מיין פּנים. אַלזאָ, האָט איר דאָ פאַר רייזלען אַלע דריי פּאַרציעס פון דער מיקסטור, וואָס זי דאַרף. ווייטער, אָט די פיר פעקלעך זענען פון אירעט וועגן: נאַשערייען. זייט פאַרזיכטיק מיטן טראָגן, דאָ איז דאָ גלאָזוואַרג. ווייטער: אָט אין דער צייטונג איינגעוויקלט האָט איר פינף טויזנט רובל, כדי צו שטעלן רייזלען אויף די פיס. ניין, ניין, איר דאַרפט נאָך שווייגן. עס זענען נאָך נישט

פאַריבער קיין צען מינוט. ביי די פייגנבוימס וועל איך אליין זיין אין א פּאָר שעה אַרום און אָפּגעבן א גרוס פון אייך. טאָמער האָט איר אייערע זאַכן ביי זיי, וועט מען שוין ווי עס איז, געפינען א מעגלעכקייט, זיי אָפּצו־שיקן אייך אהיים... האָבן מיר שוין, דאַכט זיך, אָפּגערעדט פון אַלצדינג, איצט — וואָס נאָך?

שלמהס קול האָט זיך אָפּגעהאַקט. א קליינע טייל פון א רגע האָט אין קופּע געהערשט א שטילקייט. זיין אויסגעמאַטערט געזיכט האָט דערציילט, אַז ער זוכט א פאַרלוירענעם געדאַנק. גיכער מיטן רעיון ווי מיטן די ליפּן האָט ער פאַר זיך אַליין געשעפּטשעט: „וואָס נאָך“? „וואָס נאָך“?

— וואָס נאָך? אַ־האַ!

שלמהס קול האָט א ציטער געטון און זיך איבערגעריסן. א לאַנג־דויערנדיקע מינוט האָט געהערשט א שטילשווייגן.

— איר האָט געבעטן מיינע א ברכה פאַר רייזלען, ווי פון א בעל־שמסקע אייניקל...

ווידער איז שלמה געשטאַנען מיט א פאַרביסענער ליפּ, געהאַלטן צו־געמאַכט די אויגן און געוועזן זייער בלייך.

— איך בין מעיד אויף זיך הימל און ערד און דעם קומענדיקן פרי־מאָרגן, אַז איך בעט ביי מיין הייליקן זיידן, דעם בעל־שם־טוב, ער זאָל פועלן ביי דעם וואָס לעבט אייביק, מען זאָל ביי מיר צונעמען אַלע זכותים, וואָס איך האָב פון געבוירן אָן, אַבי איר געבן א רפואה שלמה. זי זאָל נאָך זיין א מאָל גליקלעך אין איר לעבן...

שלמה האָט זיך האַסטיק א קער געטון צום פענצטער, זיך דאָרט שטאַרק איינגעקוקט און זיך לאַנג אָפּגעפּאַכעט מיטן טיכעלע.

— און נאָך איין זאַך — האָט ער שוין רואיקער א ביסל געזאָגט — איר גיט מיר באַלד אייער הייליק וואָרט, אַז רייזל אַליין וועט אפילו נישט וויסן, אַז איר האָט מיך געזען אַצינד, זייענדיק אין קיעוו, נישט נאָר, אַז איך האָב עפּעס געטון פאַר אייך... איצט איז געקומען אייער ריי, מר ליבער־מאַן, איר קענט פרעגן, וואָס איר ווילט.

— פון אָנהייב האָב איך געהאַט א באַרג מיט קשיות, אַצינד האָב איך שוין עפּעס געאַרנישט וואָס צו פרעגן. איין זאַך נאָר זע איך, אַז אייך איז באַשערט צו זיין דער מלאך־הגואל פון אונדזער שטוב. גאָט —

— די צייט איז קורץ. אפשר ווילט איר עפּעס פרעגן?

— איין פראַגע וויל איך פון דעסט וועגן יאָ פרעגן.

— ביטע, פרעגט.

— פאַר וואָס ווילט איר, אַז רייזל זאָל נישט וויסן, ווער עס איז איר מלאך־רפאל? זי האָט דאָך וועגן אייך אַזאַ געהויבענע מיינונג. אנומלט האָט מען גערעדט וועגן אייך, זאָלט איר געוועזן הערן —

— מר ליבערמאַן — האָט שלמה אים שטרענג איבערגעשלאָגן — איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַן איידלמאַן, ווי איר זעט אויס, און איר באַמיט זיך מיר צו דערווייזן דאָס פאַרקערטע. איך האָב אייך געבעטן, איר

זאָלט מיר צוזאָגן נישט צו דערציילן, דאַרפט איר אַזוי טון און פאַר וואָס, פאַר וועמען — מוז איך אייך נישט אינפאָרמירן.

— מר פּיאַטיגאָרסקי, אַנטשולדיקט, איך האָב נישט געמיינט אייך צו דערצערענען, דאָס איז נאָר פון נייגעריקייט. איך גיב אייך מיין הייליק וואָרט, אַז פון מיר וועט זי אַ וואָרט נישט הערן וועגן אייך. קיינער וועט אייך נישט דאַנקען, קיינער איז נישט אימשטאַנד אייך אָפּצודאַנקען, נאָר גאָט אין הימל, וואָס זעט אַלץ —

דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך דערטראָגן דאָס מעכטיקע קול פונעם דיקטאָר:

— עס גייט אָפּ דער צוג נומער 34: קיעוו—באַקו, דורך כאַרקאָוו—ראָסטאָוו, מינוואָדע. איך חזר איבער —

— נו, מר ליבערמאַן, פאָרט געזונט און ברענגט רייזלען די גאַנצע רפואה. אַ גרוס אייער פאָטער אומבאַקאַנט.

זיי האָבן זיך היים געדריקט די הענט. ליבערמאַן האָט אָפּגעווישט אַ טרער, נאָך איינע און נאָך איינע...

שלמה, נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, איז אַרויסגעשפרונגען פונעם וואַגאָן.

פּאַלי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו ליבערמאַן:

— פאָרט געזונט און ווינטשט רייזלען אין מיין נאָמען אַ רפואה שלימה!

— פון וועמענס נאָמען זאָל איך איר זאָגן?

— זי קען מיך נישט. איך זי — יאָ. זי מיך — נישט. נו, אַ גליקלעכע רייזע.

דער צוג איז שוין געגאַנגען. שלמה האָט זי אויף די הענט אַראָפּגענו־מען פון וואַגאָן. ליבערמאַן איז געשטאַנען אין פענצטער און האָט געמאַכט מיט דער האַנט. זיי האָבן אים נאָכגעפאָכעט מיט די טיכעלעך. אויף דעם פּלאַץ, וווּ דער צוג איז ערשט געשטאַנען, האָט זיך באַוויזן אַ פּלאַט־פייערדיקער עפּל אויפן האָריזאָנט. אַ פרישער טאָג האָט געוועקט קיעוו.

אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ איז אַלץ געווען אויסגעשטאָרבן, נישט קיין אויטאָ, נישט קיין דראָזשקע. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען צו פוס. אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קוואַרטאַלן זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין באָטאַנישן גאָרטן, וואָס שניידט דורך דעם גאַנצן צענטער־שטאָט לארכה ולרחבה, פון אָנהייב יעוובאַז ביז קרעשטשאַטיק. אין דעם דאָזיקן היפּשן טייל שטאָט איז דער אַריינקום פאַר דעם גרויסשטאָטישן אימפּעט אפילו אין מיטן העלן טאָג געווען פאַר־ווערט. אַלע הבלי עולם־הזה האָבן אהערצו קיין שליטה נישט געהאַט: דאָ איז געווען די ממשלה פון געוויקסן. פונעם אַריינגאַנג ביזן אַרויסגאַנג האָט דאָס אויג אָנגעטראָפן נאָר אויף גרינוואַרג. אַ קליינע אויטאָנאָמיע האָבן דאָרט אויך געהאַט פיש און פייגל. די פייגל האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן, אַלע אייבערשטע צווייגן און גאַלערייעס, און די פיש — דעם סאַמע נידער־ריקסטן אָרט — דעם דנאָ. אין ריזיקע באַסיינען פון ווייסן מאַרמאָר, אַרומ־

גענומען מיט באַריערן פון קאַלירטן גראַניט, זענען אַרומגעשווומען גאָל־דענע פישעלעך. די פריש אויפגייענדיקע זון דערלאַנגט זיי אַריבער אין וואַסערשפּיגל אַריין עטלעכע דינע גאָלדענע שטראַלעכלעך, די פישעלעך שלינגען זיי איין דורך די גרינבלעכע גאַזלעכער און ווערן נאָך גאָלדענער. אין די טראָפּישע אַלייען, וואָס זענען געקראָכן באַרג־אַרויף צו דעם, אַזוי גע־רופענעם : „באַנאַנען־וועלדל", איז געהאָנגען אַ ריח פון ביטערלעכן בעקמעס* און פון צעפּאַרעטער דופטיקער קאַרע. די משונה־לאַנגע טאַפּאַלן האָבן מיט אייביקער סבלנות זיך צוגעקוקט צו דער טאָג־טעגלעכער באַנייאונג פון מעשה־בראשית. אין די פּלאַכע, אָנגעגלאָזטע אָראַנזשערייען האָבן זיך בשלוהדיק געוואַקסן פאַרשידענע פּירות מכל פּנות העולם. די קרישלע הרודקעלעך ערד אונטער די פיס האָבן קמצנותדיק געציילט די טריט פון די דורכגייער. פון יעדן ווינקעלע האָט אַרויסגעקוקט די מנוחה פונעם בורא־עולם. שבת שבתון ! די דיקלעכע שאָטענס פון די נאַקעטע שטאַמען פון די קיפּאַריסן מיט די געדיכטע רונדיקע קרוינען האָבן זיך ווי לופטיקע רעלסן געלייגט איבער די טאָלן, אויסגעצויגן איבער די בערגלעך און צע־פּאַסעוועט דאָס גראָז ווי די פעל פון אַ לעאָפּאַרד. דער טאָג האָט אַלץ דרייסטער אָנגעגריפן די וועלט. פּאַרטיפטע אין זיך האָבן זיי פּאַמעלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געשפּאַנט איבער די לאַנגע אַלייען שמעקנדיקע רויזן, שטאָלצע פּיקוסן און ברייטע ליליעס. די פרימאָרגנדיקע וואָלקנדלעך, אָנגעצונדענע ביי די ברעגן, האָבן זיך הינטערוויילעכטס געהאַלטן אין איין אָפּרוקן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער הימל וואָלט געשפּריט קרענץ פון פייערדיקע בלומען אונטער די פיס פון דער אויפגייענדיקער זון. אויף הונ־דערטער קולות האָבן די פייגעלעך באַגריסט דעם אָנקומענדיקן טאָג. שלמה האָט זיך דערמאָנט דעם פרימאָרגן אין וואַלד מיט רייזלען. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף פאַלין. זי האָט דאָס אינסטינקטיוו דערפילט. אין דער זעל־בער מינוט האָט אויך פאַלי אַ קוק געטון אויף אים. זיי האָבן אַ פּאָר מינוט געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט באַ־געגנט נאָכן אָנקומען פון באַזונדערע צוויי וועלטן.

— וואָס טראַכט זי אַצינד וועגן מיר ? — האָט ער געקלערט.

— וואָס טראַכט ער אַצינד וועגן מיר ? — האָט זי געקלערט.

נאָר קיינער פון זיי האָט נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט ביז אין שטוב אַריין. יעדער באַזונדער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע מחשבות.

שלמה האָט זי אַריינגעפירט אין קאָרידאָר. כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען גרויסער טאָג, נאָר קיעוו איז נאָך געשלאָפן. דאָס אינדערפריענדיקע ווינטעלע האָט געשמאַק געשלעפערט, זיך באַמיט צו באַלוינען דעם אויס־געמאַטערטן קיעווער איינוווינער פאַר די אויסערגעוויינלעכע היצן.

— נו, איר זעגט שוין אין דער היים — האָט שלמה מיט אַ מידן שמייכל געזאָגט צו פאַלין, שטייענדיק אין האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, —

* אַזאַ מאַליאַס. ביליקער האָניק פון קאַליע געוואָרענע פרוכטן.

איצט וועל איך אויך גיין אהיים. קומענדיק האָב איך געזאָגט: אַ גוטן־אָונט, אָוועקגייענדיק זאָג איך: אַ גוטן טאָג. וואָס קוקט איר אזוי אויף מיר? איר זעט מיך דען צום ערשטן מאָל?

— די גאַנצע היינטיקע נאַכט האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך זע אייך צום ערשטן מאָל... אין אַ נייעם שיין האָב איך אייך דערזען...

— דאָס איז גאָרנישט אַזאַ מעלה פאַר מיר...

— פאַר וואָס?

— דערפאַר, אַ פּנים, טרעפט אָפט מאָל, אַז איר דערקענט מיך נישט, ווייל אַלע מאָל זעט איר מיך צום ערשטן מאָל...

— שלמה, מיר גייען אַצינד נישט קיין גלייכווערטלעך אין קאָפּ אַריין. איך האָב היינטיקע נאַכט פיל געטראַכט וועגן אונדזער צוקונפט...

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט געזאָגט „אונדזער" און נישט „מיין"...

— שלמה, ווען איר פּאַטשט מיך גוט־גוט אויס, וואָלט איך אייך גע־קושט די הענט דערפאַר... איך בין דאָך אַזוי זינדיק קעגן אייך, איך האָב דאָך נישט די ווערט אייער... אייער... אייערע טריט...

— פּאָלי, נאָך וואָס רעדט איר אַזוינע נאַרישקייטן? איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אַלץ, וואָס איך טו, אַלץ, וואָס מיר געלינגט, איז דאָך נאָר מיט דעם כּוח פון מיינע געפילן צו אייך... צו וואָס וואָלט איך דען געטויגט, ווען איך האָב נישט די מעגלעכקייט אייך אָפט צו זען? ווער שמועסט נאָך, אַז איר זאָגט מיר, אַז איר טראַכט אַ מאָל פון אונדזער צוקונפט...

— שלמה, ליבער...

פּאָלי איז אין גאַנצן געהאַנגען אויף זיין האַלדז און האָט זיך איינגע־זויגן מיט אירע ליפּן אין זיינע.

וויפל דאָס האָט געדויערט, האָט שלמה נישט געקענט וויסן. ביי אים האָט דאָס געדויערט אַן אייביקייט. ער געדענקט נאָר, אַז מיט אַ מאָל האָט זי אים אָנגענומען פאַר די פּלייצעס, אַרויסגעשטופּט פון קאָרידאָר און פאַרוואָרפן דאָס קייטל.

די שטאָט האָט אָנגעהויבן אויפוואַכן. שלמה האָט געטראָגן מיט זיך אַהיים דעם טעם פון פּאָלים ערשטן קוש, ווי איינער טראָגט אַ פיינגעלע אין בוזעם: אי עס גלעט, אי עס דראַפּעט, אי עס קיצלט, אי עס איז אַ געפאַר, עס זאָל חלילה נישט אַרויספליען.

קאַפּיטל XIX

מיט די ליכטיקסטע געדאַנקען איז שלמה אין דעם זעלבן טאָג פאַר־נאַכט געגאַנגען צו יאַנין. אין האַרצן האָט ביי אים געזונגען אַ סאָלאָווײ. אַן אינעווייניקסטע קול האָט אים אונטערגעזאָגט:

— נו, שלמה, דאַכט זיך, אַז עס נעמט אַן עק צו דיינע צרות, עס שאַ־ריעט אויף טאָג!... און ס'איז שוין טאָקע צייט אויך, שוין לאַנג צייט!

ביים טיש, צעלייגט ווי שבת נאָכן קוגל איז געזעסן מאַרוסיאַ. דערזען שלמהן האָט זי אַ שפּריץ געטון מיט אַ געלעכטער און פאַרדרייט דעם קאָפּ. פאָלי האָט אויף איר צאַרטנדיק אַ קוק געטון און זיך געווענדעט צו שלמהן:

— זיצט, שלמה...

— אַ דאַנק, איך בין נישט געקומען אויף לאַנג... אָווראַם, וואָס לייענסטו?

שלמה האָט געזען, אַז פאָלי געפינט זיך קיין אָרט נישט. זי איז געווען אָנגעטון אין יענעם זיידענעם אָליוון קלייד מיט די געלע פייגעלעך, וואָס האָט איר אַזוי געפּאַסט צום פּנים. שלמהן האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פיס פאַר ווייטיק. קיין מאָל האָט זי אים נאָך נישט אויסגעזען אַזוי שיין ווי דאָס מאָל. נאָר דאָס שיינקייט איז איצט נישט פאַר אים. ער פילט, אַז מאַרוסיאַ איז געקומען נאָך איר נשמה און פאָלי, גלייך ווי עס וואָלט צווישן זיי גאָרנישט געשען, גיט זי איר אָפּ. אַלאַ נישט, וואָס דען איז זי אַזוי אויסגעפּוצט? זיכער גייען זיי ערגעץ. שלמה דערמאָנט זיך אין דער אינ־דערפריענדיקער סצענע אין קאָרידאָר און עס באַהערשט אים אַן עקלדיק גע־פיל, ענלעך צו דעם, ווי אין כמעלניק, בעת ער פלעגט נעמען מיט די הוילע הענט די פרישע ביינער, פון וועלכע עס האָט נאָך גערונען דער אייטער... אַ בושה און אַ חרפּה, זיך קושן מיט אַ פרעמד מיידל, אַ ווילד־פרעמדע! נאָך ערגער ווי אַ פרעמדע!...

פון דער זייט זעט ער, ווי מאַרוסיאַ ווינקט צו איר: גיכער, גיכער... פאָלי מאַכט די לעצטע הכנות און כאַפּט בגנבה אַלע ווײַלע אַ קוק אויף אים. ער שטייט שטאַרק פאַרטיפט אין אָווראַמס ביכל. אין האַנט האַלט ער אין קעשענע, דאָס פּנים איז רואיק, לחלוטין רואיק, נאָר זי פילט דעם ריכטיקן טייטש פון דער דאָזיקער רואיקייט...

די קינדער זענען געזעסן ביים טיש און האָבן געגרייט די לעקציעס. גלייך נאָך מאַרוסיאַס אַריינקומען האָבן זיי אינסטינקטיוו דערפילט פאָלס בין המצרים. זיי האָבן געהאַט אַ שאַרפן חוש־הריח, אָפט מאָל ריכטיקער פון זייער עלטערער שוועסטער אַליין, זיך פונאַנדערגעקליבן אין אירע שטימונ־גען. נאָר איין אסתר איז ווי אַ נעכטיקע, געשטאַנען אויסגעדרייט צום טאַפּ־טשאַן און געקנעטן טייגלעך. איר פּנים איז געווען פאַרחושכט, פאַר־צאַרנט, — מן הסתם האָט איר יאַני באַצאָלט דאָס צעטל שוין פאַר פאָלין אויך, אויסלאָזנדיק די פאַרציע מוסר מיט זיין אייביקן אויספיר:

— וואָס איז דאָס חידוש? אַז ס'איז פון אַ קאַץ — מוז דאָס מיאוו־קען! באַנדער, בלייבט באַנדער, כאַמה — כבתה!...

אסתר, אין זיין קענגוואַרט, פלעגט מכלומרשט, גלייכגילטיק אויפנעמען זיינע „קאָמפּלימענטן“ און נאָר, ערשט בלייבנדיק אַליין ביים טעפּל אָדער ביים לאָקשנברעט — זיך געשמאַק אויסוויינען אויף איר פינצטערן גורל.

פּאָלי, לחלוטין אַ אַנגעטונענע, שטייט אַ פאַרלוירענע, ווייסט זיך נישט וווהין אַהינצוטון. קעגן איר געוווינהייט, נעמט זי מיט אַ מאָל אַפּרוימען פונעם טיש. זי טראָגט אָפּ די טעלער, שטעלט זיי אַוועק אויפן טאַפּטשאַן און פאַרדרייט דאָס פּנים פון איר מוטערס שטויגענדיקן בליק. זי טראָגט אָפּ דאָס טיי־געשיר אין שאַפע אַריין, נעמט דעם פאַרצעלייענעם פיש־פּאָלומיסעק מיט די רעשטלעך פונעם פּאַרשמאַק*, פאַרטשעפּעט זיך אין אַ בענקל און... קאָלירטע שערבעלעך צעטאַנצן זיך איבער דער שטוב מיט אַ לוסטיקן זילבערנעם געבראַזג.

פּאָלי, בלאַס ווערנדיק, צעלאַכט זיך:

— גאָט מייַנער! עפּעס אַ אַנשיקעניש היינט אויף מיר... באַרעכן נאָר, ווי עס גייט מיר היינט דורך טיר און דורך טויער...

און צו די זיצנדיקע ביים טיש:

— נו, ווי געפעלט אייך מיין ספּאָרט? אַזוי קענט איר אויך, מסתמא?

די מוטער דרייט זיך ראַש אויס. דערזען דעם שאָדן פאַרבייסט זי די ליפּן ביז ווייטיק און בלייבט שטיין אַנגעשפּאַרט אין טאַפּטשאַן. זי שמייכלט אויך. אמת, איר שמייכל איז מיט גרינע יאַשטשערקעס, אָבער זי שמייכלט. עס איז קענטיק אויף איר, אַז זי מאַכט איבער זיך אַ אַנשטרענגונג, אַז איר צאָרן זאָל נישט אויסשיסן. פאַרקערט די מעשה, זי זאָגט גאָר גאַנץ ליבלעך:

— דווקא אַ טייערע כלי געוועזן, אַ מתנה פון דער רעדאַקטאָרשע צום מאַטנס אימענינעס, נאָר כאַפּט זי דער רוח! זאָל זי זיין אַ שיינע, ריינע כפרה פאַר אונדז אַלע און פאַר כל ישראל... נישט מער, איך פאַרשטיי נישט, טאָכטער, וואָס פאַר אַ מזל־טוב אויף דיר אין מיטן מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס?

פּאָלים פּנים פלאַמט, ווי ביי אַ כלה צום באַדעקנס:

— מזל־טוב איז אַלע מאָל גוט...

אויף דער מוטערס ווונק נעמט סאָנקע אויפרוימען פונעם פּאָל דעם פּאַרשמאַק מיט די שערבלעך און פּאָלי, אַ באַרואיקטע אַ ביסל, נעמט דעם גראַפין פונעם טיש זיך אָנצוגיסן אַ גלאָז וואַסער. זי באַוויזט נאָך נישט צוטראָגן דעם גראַפין צו דער גלאָז, ווי אַ נערוועזער קראַמף גיט אַ טרייסל איר האַנט. זי לאָזט אַרויס אַ פאַרצווייפלטן קוויטש און נאָך איידער עמעצער דערהערט איר רוף, מיט אַ מאָל — טראַך! דער גראַפין צעשפּריינגט זיך אויף פיץ־פּיצלעך. אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער. פּאָלי איז בלייך ווי די וואַנט.

— וואָס טוט זיך עס מיט דיר, פּאָלי? — פּלאַצט אַרויס די מוטער, זי נעמט אַליין דעם בעזעם און קערט צו די שטיקלעך — עפּעס אַ ברעכעניש היינט ביי דיר. איז אַריינגעקומען מאַרוסיאַ, האָסטו צעבראָכן אַ טעלער.

* איינגעהאַקטער הערינג מיט ציבעלעס.

איצט איז אַריינגעגאַנגען שלמה, ווייזסטו, אַז דו קענסט ברעכן גראַפּינען מיט פּאָלומיסקעס, גיב נאָר גוט אַ זוך, אין שאַפע קער נאָך עפּעס שטייען... נו־נו, נאַ דיר גאָר אַזוינס, עפּעס היינט אַ טאָג פון מזל־טובס!... וואָס האָסטו דאָרטן געטון ביי דער חברטע אַ גאַנצע נאַכט? אין קאָרטן געשפּילט, צי וואָס? אפשר האָסטו זיך נישט אויסגעשלאָפן? — טאָ גיי לייג זיך צו אַ ביסל. נאַ דיר אַ ברעכעניש... מאַכט מיך גאָר פאַר אויס בעל־הביתטע...

פּאָלי ענטפערט גאָרנישט, נאָר זי שמייכלט. שלמה זעט, אַז קוים וואָס זי האַלט איין די טרערן. זי גייט צו צו אים און נעמט אים ביי דער האַנט:

— אויף איין מינוט, זייט אַזוי פיל גוט.

זיי גייען אַרויס אויף די טרעפּ. פאַרבייגייענדיק וואַרפט שלמה אַ קוק אויף דעם ווינקל, וווּ אין דער פרי איז זי געהאַנגען אויף זיין האַלדז. פּאָלי כאַפּט איבער זיין קוק און לאָזט אַראָפּ די אויגן:

— שלמה, זי האָט מיר געבראַכט אַ בילעט אין דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, וואָס עצהט איר מיך צו טון?

שלמה ענטפערט קאַלט ווי אייז:

— לויט מיין שוואַכן שכל קומט אויס, אַז אַט דער טואַלעט אייערער, איז שוין אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

פּאָלי קנייטשט די הענטשקעס אויף אַלע זייטן.

— זאָגט איר אַליין, ווי אַזוי האָב איך איר געקענט פּלוצלינג אָפּזאָגן? אַלע גייען זיי היינט, נישט נאָר זי. זיי באַציִען זיך צו מיר אַזוי גוט און דאָס וואָלט באַטייט אַ שפּיי אין פּנים.

— אודאי אַזוי...

— אייך איז גרינג צו איראָניזירן. איר וואָלט געדאַרפט איצט זיין אין מיין לאַגע, וואָלט איר דאַמאָלסט געזען.

— פּאָלי, איך באַשולדיק אייך דען אין עפּעס? וואָס האַלט איר זיך אין איין פאַרענטפערן?... גייט געזונטערהייט און פאַרברענגט פריילעך...

— איר רעדט מיט גאַל... איר מיינט איך פיל נישט?

— פּאָלי, וואָס וואָלט איר געוואָלט, איך זאָל גיין אַ קאַזאַקל לכבוד מאַרוסיעס וויזיט? גייט און זאָרגט זיך נישט פאַר מיר...

— און איר וואָס וועט טון?

— שוין זשע וועט מיר אַוודאי נישט דערלויבן מיט אים צוזאַמען לייענען דאָס בוך?...

— שלמה, איך זע, אַז עס פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגן מיך צו מוטשען. שלמה, איר וועט מאָרגן נישט קומען?

— אויב איך וועל נישט שרייבן, אפשר יאָ...

פון קאָרידאָר איז געגאַנגען מאַרוסיאַ, אַן אָנגעבלאָזענע. זי האָט אויף זיי ביידן נישט געקוקט, בלויז אין דער לופט אַריין האָט זי אַ וואָרף געטון:

— איך גיי. דו, זע איך, ביזסט דאָך פאַרנומען!...

— וואַרט, איך גיי מיט דיר! שלמה, — צום ווידערזען!

זי האָט געכאַפּט זיין האַנט און זי אַ טרייסל געטון. זי איז געווען קאַלט ווי אייז.

נישט אומקערנדיק זיך אין שטוב אריין איז ער אַוועק אַהיים. ער איז געגאַנגען, און אַ ווערעמל האָט אים שטיל געגעסן:

— און רייזל איז אַזוי געפערלעך שלאָף... ווי אַזוי האָט ער געזאָגט, דער ברודער אירער: זי דאַרף נאָך לעבן, זי האָט נאָך גאָר נישט טועם געווען פון ד ע ר וועלט... און איך האָב יאָ טועם געווען? ווען? אפשר שוין רעכענען דאָס, וואָס זי האָט מיך אין דער פרי חמצדיק געמאַכט? ווי אַזוי האָט רייזל געשריגן? „איר זענט אומגליקלעך פאַרליבט, איך בין אומגליק־לעך פאַרליבט, אָבער ווי אַזוי וואָלטן געקענט אָט די צוויי אומגליקלעכע זיין איבערגליקלעך?“. אַך, גאָלדענע ווערטער! אַך, רייזל, רייזל! נאָך וואָס האָב איך געדאַרפט דערקענען זוועניגאָראָדקע און כמעלניק? און טאַקע מיין מלאך־המות אויך? ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך זאָל קיין מאָל איר פּרצוף נישט געווען אָנקוקן! נאָר מה שעבר — אין! אַצינד איז מיר געבליבן נאָר שרייבן, שרייבן, וואָס מער און וואָס גיכער. און אפשר וועט ציון סוף־כל־סוף געפינען אַ באַלזאַם צו מיין קראַנקן האַרץ, צו מיין אויסגעמוטשעטער נשמה.

*

אַלץ איז ווידער געגאַנגען אויפן אַלטן שטייגער. שלמה פלעגט גיין מיט פאָלין, אויב די „קאָנטינענטאַלצעס“ האָבן זי נישט פאַרכאַפּט. מאַרו־סיאַ פלעגט גיין מיט איר, אויב שלמה האָט זי נישט פאַרכאַפּט. די כאַדראָ־ראָווס האָבן פאָלין נישט געקענט מוחל זיין איר פאַראַט, דאָס, וואָס זי האָט ל״ג־בעומר דערציילט שלמהן, וועגן זייער צוגעטראַכטן לעניגראַדער חתן און אין גאַנצן איבערגעריסן מיט די טולטשינסקעס.

יחיאל האָט געאַרבעט אין אַ וועבער־פאַבריק און ביי נאַכט געלערנט אין אַ טעכניקום. אַ מאָל אין אַ יובל פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו יאַניִן, אַ דאָס אויף געציילטע מינוטן.

רחלע דער מומע טייבלס, האָט זיך גאָר צונויפגעחברט מיט דינה כאַדראָ־ראָוו. זיי זענען ממש געוואָרן נפש־אחת. רחלע פלעגט דאָרטן איבערליגן גאַנצע טעג. געאַרבעט האָט זי נאָך נישט, פלעגט זי אויף קיילעכדיקע וואָכן פאַרפאַלן ווערן אויף סאָלאָמינקע. די טעג ביי די כאַדראָווס און שלאָפן ביים עלטערן ברודער. דער זיידע שלום האָט אַ קלער געטון, אפשר וואָלט רחלע גענומען מנשהן:

— ער איז טאַקע עלטער אַ ביסל, אָבער פאַרט מנשה! אייגן בלוט און פלייש און האָט געמאַכט שיינע עטלעכע רובל ביים טאָרגסין. וואָס איז? ווייניק מאָל פאַסירן אַזוינע פאַלן און מען לעבט זיך זייער שיין אויס די יאָרן. זי לעבט אפילו לענגער אַ ביסל, נו, איז מה רעש? מען מעסט עפּעס אָפּ אַזאַ זאַך מיטן מעטער?

ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט אין דער פראַגע, ביז ער האָט וועגן דעם

גענזאָגט טייבלען. יענע האָט עפּעס אַ שמוצער געטון מיט די ליפּן און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— וואָס רעדסטו, שלום? ער איז דאָך צוויי מאָל אַזוי פיל אַלט... דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ ברכה לבטלה!...

און דאָך האָט זי דערפון געזאָגט רחלען. יענע, דערהערנדיק פון דער נייער המצאה, האָט אויפגעהויבן אַ געוויין:

— נעמען אַ פּאָטער פאַר אַ מאַן?... און בכלל, ווער רעדט היינט פון אַ רב?

ווען דער פעטער גרשון איז געוואָרן פון שלומס איינפאַל, האָט ער זיך געוואָרפן אויפן ווייב מיט די קולאַקעס, ער האָט צעבראָכן אַלץ, וואָס עס איז אים געקומען אונטער די הענט:

— בעסער, פאַר אַ מומר־להכעיס, איידער צו אַזאַ זקן מופלג!...

רחלע האָט אויפגעהערט גיין צו די כאָדראָוס. זי האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן דעם אומעט אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט, זי האָט ווידער אָנגעהויבן גיין אַהין, נאָר פון דאַמאָלסט אָן געקוקט אויף מנשהן ווי ראַבטשיק אויפן רבין, כאָטש מנשה האָט נישט געוווּסט פון קיין פּותר און פון קיין חלום.

שלמהס שוועסטער דינה איז געוואָרן זייער אַ שיין מיידל און איז אַריבערגעגאַנגען אויפן צווייטן קורס אין אינסטיטוט. אין דעם זעלבן אינ־סטיטוט איז אַוראַם געגאַנגען אויפן ערשטן קורס. שלמה אַליין, חוץ דעם וואָס ער פלעגט צופאָרן אין טאָרגסין אַריין, בעת דאָרטן האָט געלוינט וואָס צו קויפן, — פלעגט ער כמעט נישט אַרויסגיין פון שטוב. די לאָזאָוואיער יינגלעך האָבן שוין פון לאַנג געוווינט אויף פּאָדאָל, נאָענט צום חדר, וועל־כער איז פון דעסט וועגן פאַרבליבן אויפן אַלטן אָרט.

די מוזע איז נישט אַרויסגעטרעטן פון שלמהס צימער. דאָ האָבן זיך געשאַפן וועלטן און זענען צוריק חרוב געוואָרן. נשמות האָבן זיך אָנגע־צונדן און אויסגעלאָשן. דאָס ווערק איז געגאַנגען פאָרויס מיט גיגאַנטישע שפּאַן. שלמהן האָט זיך אַלע טאָג געדאַכט, אַז ער האָט נאָך אויף צוויי טאָג אַרבעט. נאָך די צוויי טעג האָט ער געזען, אַז עס איז געבליבן נאָך אויף דריי. און אַז די דריי האָבן זיך געענדיקט, האָט ער ערשט מורא באַ־קומען, אַז עס איז אַ מעשה נאָך אויף אַ וואָך.

פון מאָסקווער פאַרלאַג האָט מען אים געשריבן, אַז ער זאָל דאָס ווערק וואָס גיכער צושיקן. עס פעלט זיך פּונקט אַ מאַנגל אין אַ גוטן ראָמאַן. אייגנטלעך האָט ער אים געקענט דרוקן אויך אין קיעוו, נאָר ער האָט געוואָלט זיין אַריינגענומען ליבערשט אין מאָסקווער אָפּטיילונג פון שריי־בער־פאַריין: עס קען אַ מאָל צו נויץ קומען, פּאַרט מאָסקווע! עס קען אפשר גרינגער אָנקומען די קאָמאַנדיראָווקע „אַהין“...

ער שרייבט און פאַר זיינע אויגן שוועבט אַ שיף. זי גייט קיין יפו, און ער שטייט אויפן שפּיץ פונעם דעק און זוכט מיט די אויגן אויפן האָריזאָנט: נאָך נישט דער ברעג? נאָך נישט דער ברעג?...

פאַלי האָט זיך ערנסטער גענומען צום לערנען. עס זענען געבליבן אין גאַנצן אַ פּאָר חדשים ביז צו די עקזאַמענס. נישט אויסהאַלטן איז פּשוט אַ בזיון פאַר דער וועלט. פיל מאָל האָט שלמה באַקומען פון איר צעטעלעך דורך סאָנין אָדער דורך זיין רבקהן: פאַר וואָס זעט מען אייך נישט? פאַר וואָס קומט איר נישט? קומט דאָמאָלסט, קומט דאָמאָלסט. שלמה פלעגט גיין און דערנאָך ווידער פאַרפאַלן ווערן ביי זיך אין צימער אויף טעג און וואָכן.

ביי די פייגנבוימס האָט מען שוין געוווּסט, אַז שלמה, אויב ער קומט שבת ביי טאָג אויף צוויי שעה, איז דאָס שוין אויך אַ סך. נאָר מיט דער תלמוד־תורה און מיט אַלע אַנדערע קהלישע ענינים האָט ער זיך נאָך אָפּ־געגעבן, מיט דעם זעלבן ברען וואָס פריער. שטענדיק גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואַסער פאַר יעדער מינדסטער זאַך, וואָס האָט אַ שייכות צו חיזוק־הדת. גאָרדאָן מיט אַדלערן זענען נאָך אַלץ געווען „אופּראַוודאַ־מען", געווען פאַרטאַראַראַמט טאָג און נאַכט. פרידמאַן און קלאַדניצקי האָבן נאָך אַלץ געאַרבעט ביי אוטיל, קיין בעסערס האָט זיך נישט געוויזן. נאָר איין מאיר סעגאַל האָט געלעבט פון סודות. קיינער האָט זיך ביי אים נישט געקענט דערוויסן, וואָס ער טוט. און וועמען איז דאָס געלעגן דערין, געוואויר צו ווערן דאָס, וואָס ער וויל נישט, מען זאָל וויסן? פרוי פייגנבוים איז געלעגן האַלב פּאַראַליזירט, אַזוי — אַ נאָרמאַלער מענטש, נאָר רירן מיט אַן אבר — דאָס נישט! פון זייער משפחה האָט געאַרבעט נאָר איין זעליק. ער איז געווען געהילף פון דירעקטאָר אין אַ היטלפאַבריק. און כאָטש ער האָט געהאַט זיין אייגענע פאַמיליע, האָבן אַלע פייגנבוימס געלעבט פון זיין פאַרדינסט.

דער ייִדישע שלום איז געוואָרן אין קיעוו פון די סאַמע אָנגעזעענסטע בעלי־בתים. אין תהילים זאָגן האָט ער זיך שוין נישט געקענט אַזוי אַריינ־לאָזן ווי אין במעלניק. מען האָט אים צעריסן אויף שטיקלעך: ר' שלום אהער, ר' שלום אהין. קהלישע געשעפטן זענען דאָ גענוג.

מנשה פלעגט גאַנצע טעג זיצן איבערן ספר, קייען די שפּיץ באָרד און זיך אונטערברומען. אַלע פאַרנאַכט פלעגט ער גיין נאָך אַ צייטונג, חוק ולא יעבור! אַלע אינדערפרי — אין מקוה פאַרן דאַוונען. קיין שידוכים האָבן זיך אים נישט געטראָפן און ער האָט נישט זייער נאָכגעזוכט. מיכאל מיט אברהם שאַרפשטיין האָבן עפּעס געדרייט גרויסע געשעפטן. דערווייל האָבן זיי אַריינגעלייגט אין זיי דאָס גאַנצע ביסל מזומנים, אַלץ מיט דער האָפע־נונג, אַז עס וועט אַ מאָל זיין גוט.

די היצן זענען געווען געפערלעכע, נאָר מען האָט זיי אויפגעהערט צו פילן. שוין צוגעוווינט זיך. ערדפרוכטן און בוימפרוכטן זענען געווען בזיל־הזול, ממש אומזיסט.

דער דניעפּר איז פון באַגינען ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט געווען שוואַרץ פון מענטשן.

קאפיטל XX

די שאָטנס זענען געקראָכן איבער דער ערד פון אַלע זייטן.

אַזוי ווי אַן אַלטיטשקע פרוי טאַפּט איבער מיט אירע שלאַבעריקע פינגער די מטבעות, וואָס מען האָט איר געשאָנקען, אַזוי האָט די ביןהשמשותדיקע זון מיט אירע אָפּגעשוואַכטע שטראַלן איבערגעטאַפּט יעדן חפץ, יעדע געביידע, יעדעס געוויקס, איידער זיי גייען אַרויס פון אונטער איר השגחה און פאַרשווינדן אין שאָטן. דער גאַנצער הימלדעק איז שוין געווען גרין־בלוי און האָט געקוויקט דאָס אויג מיט זיין דורכזיכטיקייט און צוטריטלעכקייט.

סאָלאָמינקע האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ קליין שטעטל. דער קילער פאַרנאַכט האָט אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס קינד און קייט. די גאַנקעס, די פריזבעס און אַפילו די ראַנדן פון די טראָטואַרן, וואָס זענען אויס ווי לאַנגע טרעפּ, — אַלץ איז באַזעצט פון די דערבייאיקע איינוווינער. ערטערווייז איז אַפילו צו זען פּאָר אַן אָפּענער טיר אַ סערווירט טישל, אַרום וועלכן עס זיצט אַן אַרבעטער־פאַמיליע און מיטאָגט. די זומערנאַכט האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעדרוקט מיט אַלע אירע תנועות: אין פּאַרק, וואָס לעבן דעם מיליציע־הויף, גיט מען אַן עסטראַדע־פאַרשטעלונג. דער בלאָז־אָרקעסטער פאַרלייגט ממש די אויערן, דאָס רופט ער אַזוי צונויף דעם עולם. ס'איז בסך־הכל געבליבן אַ האַלבע שעה צום אָנהייב און ס'איז נאָך קיין מנין מענטשן נישטאָ. האַרט ביי דער הויפּט־דעפּאָ זענען דאָ צוויי קינאָטעאַטערס, איינער קעגן דעם אַנדערן. די גרעסערע קינאָ איז אַ שטאָטישע, אַ מלוכהשע, די קלענערע איז אַן אייזנבאַנישע. איר באַלעבאָס איז די אָנפירונג פון Ю. Ж. З. Д. * אין ביידע קינאָס זענען צעעפנט די טירן, אין ביידע זענען די זאַלן פּוסט, פּאַריתומט, יונגוואַרג גייט ליבערשט אין שטאָט אַריין זען אַ וועלט און זיך אַליין באַווייזן. אָבער דער פאַרשעמטער פאַרוואַלטער איז זיך נישט מיאש, ער הייסט קלינגען אָן אויפהער און עס קלינגט איין גלעקעלע און פּונקט אַקעגנאַיבער קלינגט דאָס צווייטע. דאָס קלינגעריי מישט זיך צונויף, כפּלט זיך, פּילט אָן די סאָלאָמינקער לופט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון איר, יאָגט נאָך דעם איינוווינער אין חדרי־חדרים ווי דער רויש פון די כוואַליעס דעם שיף־פּאַסאַזשיר.

דער קיעווער ריזיקער וואָקזאַל שטייט מיטן רוקן צו סאָלאָמינקע און דער רוקן איז אָנטבלויזט, נאַקעט און געפינט זיך אויף אַ באַרג. זעט טאַקע סאָלאָמינקע ווי אויף אַ סצענע אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ביי די פּופּצן, צוואַנציק צוגן, וואָס קיעוו שיקט אָפּ אַלע פאַרנאַכט. מען זעט דייטלעך די פּריילעכע קאָמפּאַניעס ספּאָרט־מענער, אַלפּיניסטן, עקסקורסאַנטן און סתם טוריסטן. מען זעט די איבערגעפּרעסענע „קאָמאַנדיראָוואָטשנע" מיט זיי־

---

* ראשי תיבות פון — דרום-מערבדיקע אייזנבאַן-ליניע.

ערע לעדערנע וואַליזעס, ווי זיי שטייען ביי די פּעראָנע בופעטן אין זויפן פון כל טוב. מען הערט פריידיקע אויסגעשרייען און געוויינען פון די זיך שיידנדיקע.

פון סאַלאָמינקע זעט מען אַלע „סודות“, וואָס אַ צוג פירט אַוועק מיט זיך. מען זעט זיך אַריינכאַפּן אויף דער „הינטער־טיר“ דעם פּאַסאַזשיר פון „פּערטן“ קלאַס, דאָס הייסט: דעם, וואָס „בלאַטעוועט“ דעם קאָנדוקטאָר און פּאַרט מיט אים אויף זיין אחריות; מען זעט אַריינקריכן דורכן פענסטער דעם פּאַסאַזשיר פון „פינפטן“ קלאַס, דאָס מיינט: דעם יעניקן, וואָס פייפט אָן דעם קאָנדוקטאָר אויך... מען זעט ווייבער מיט קלימקעס זיצן אויף אַ היפּשער שטרעקע פון די אָפּגייענדיקע צוגן און וואַרטן אויף אַ סיגנאַל. דאָס זענען די ווייבער פון די קאָנדוקטאָרן מיט דעם ביסל קאָנטראַ־באַנדע, וואָס דער קאָנדוקטאָר נעמט מיט זיך מיט אין ווייטן וועג אַריין, אויף צו פאַרקויפן די פּאַסאַזשירן און אויף אויסצובייטן אויף די מערק. די זעלנער פון דער געפּעאו, וועלכע באַגלייטן דעם צוג און פּאַטרולירן פון אַלע זייטן, באַמערקן דאָס אַלץ, אָבער זיי מאַכן זיך נישט זעענדיק. פאַר־קערט, זיי זענען דאָס גאָר זייער גערן: עס וועט זיין אַרבעט, מען וועט שוין מאַכן אַ כוסה. די קאָנדוקטאָרס ווייסן פון פריער, אַז די „אָפּעראַטיווע גרופּע“ האָט הונדערט פּאָר אויגן, מען וועט מוזן געבן רח"ש און זיי נעמען דאָס שוין אָן פאַר ליב.

צוגן קומען אָן און צוגן גייען אָפּ. איידער מען באַוויזט זיך אומצו־קוקן, שטייט שוין אָן אַנדער צוג אויפן פּעראָן. די אַלטע איינוווינער פון סאַלאָמינקע ווייסן שוין אפילו די שטימונג, וואָס באַגלייט יעדן צוג באַ־זונדער. למשל: מיטן צוג אָדעס—מאָסקווע, פאָרן אַממערסטן גרוזינער, טיורקן און אַנדערע פאַרשטייער פון די קאַווקאַזער שבטים, וועלכע קומען אָן מיט דער שיף פון באַטום, פּאָטי, סוכום, טואַפּסע און אַנדערע פּאָרטן אויפן שוואַרצן ים. עס טרעפן אויך אויסלענדער, געקומענע דורך טערקיי. מיטן צוג שעפּעטאָווקאַ—באַקו דורך מינעראַלנע־וואָדע פאָרן דאָך רוב: קוראָרטניקעס, לעזשניקעס * מיט בייכיקע רוקזעק אויף די פּלייצעס, וואָס ציען זיך פון אַלע עקן לאַנד צום עלברוס, צום קאַזבעק, קאָזאַקן און קאַ־זאַטשקעס פונעם דאָן און קובאַן **, וועלכע מען האָט געשיקט פון די סטאַניצעס, פון די פערמעס, אָנקוקן דעם בליענדיקן כרך קיעוו. דאַקעגן מיט דעם צוג, וואָס גייט קיין באַקו דורך דניעפּראָפּעטראָווסק און שניידט דורך דעם גאַנצן דאָניעצקי באַסיין מיט זיינע טויזנטער שאַכטעס און הונדערטער מעטאַלורגישע גיגאַנטן, פאָרן שוין ס'רוב טרויעריקע פּנימער: אַרבעטסלאָזע קאָלכאָזניקעס און שטאָטישע איינוווינער, געטריבן פון דער נויט. דאָס פאָרן זיי זיך מאַכן אַ לעבן אין דעם רויכיקן מאַקייעווקע, אין כמורנעם זוויערעוואָ, אין רוישיקן סטאַלינאָ. דאָ באַגעגנט מען פויערטעס

---

* ספּאָרטמענער מיט שניי-ברעטלעך.

** צוויי באַוווסטע טייכן אין דרום-רוסלאַנד, וואָס פאַלן אַריין אין אַזאָווער ים.

מיט קינדער פארן צו זייערע מענער און פאטערס, וועלכע גראבן ערגעץ קוילן אדער גיסן שטאל. אזעלכע פאסאזשירקעס פארהילכן דעם פעראן מיט זייערע גוואלדן ביים געזעגענען זיך מיט זייערע קרובים. קיין איין אוקראינער שיידט זיך נישט מיט זיין „כאטע“ אן טרערן. דאס אייגענע הייפל איז ביי אים טייערער פונעם גאנצן לאנד און נאר ביי לית ברירה פארלאזט ער עס. נאך טרויעריקער איז אפט מאל ביים צוג זנאמיענקא— קאמיניעץ־פאדאלסק: דער דאזיקער צוג גייט דורך וויניצע, דארט געפינט זיך א בארימט משוגעים־הויז און די, וואס פארן אהין באזוכן זייערע קרובים, הייבן אן צו וויינען פון קיעוו אן. דאקעגן די פארשוינען אויף די צוויי אומאנער צוגן, איינער גייט דורך צוויטקאוו—כריסטינאווקע, דער צווייטער דורך וואפניארקע—זנאמיענקע, זענען זייער לוסטיקע. דאס זענען כמעט אלע פראווינציאלן, וואס האבן נישט־ווילנדיק פארבראכט אין דער גרויסער שטאט א שטיקל צייט און פארן טאנצנדיק אין זייערע מלא־חנעוודיקע שטעט און דערפלעך, וווּ עס ווארטן אויף זיי זייערע נאענטע, זייערע אייגענע בעטן, זייערע געליבטע פעלדער און וועלדער, גערטנער און טייכן. אט אזוי האט זיך יעדער אפגייענדיקער צוג זיין כאראקטערנעם טיפּ פארשוינען און געבוירענע סאלאמינקער איינוווינער, זיצנדיק ביי די טישלעך פאר די טירן אין די קילע פארנאכטן, פרווון זיך אפילו גיין אין געוועט, אויף וועלכן צוג דער אדער יענער פאסאזשיר דארף האבן.

*

אפרים־אהרונס שטוב איז געווען סגור ומסוגר. די פאראדנע טיר, די הינטערטיר — פעסט פארשלאסן, אויף די פענצטער — אראפגעלאזט די פארהענגלעך, די עלעקטריע — נישט אויפגעמאכט. דאס גאנצע הויז האט אויסגעזען ווי א בלינדע קו, וועלכע מען האט ארויסגעפירט אויף דער טארהאוויצע און זי ארייַנגעשטעלט צווישן א גאנצער ריי זעענדיקע.

אין זיין קאבינעט, ביי פארמאכטע לאדנס, איז שלמה געזעסן אנגעשפארט דעם קאפ אויף די הענט און זיך באמיט פארצושטעלן אין דמיון דאס בילד, וועלכעס ער האט גראד געהאלטן אין באשרייבן. אין זיין ווערק האט ער איצט געגעבן א פארצייטישע, חסידיש־נגידישע חתונה. שוין עטלעכע שעה, ווי ער שוועבט אזוי אין יענער סביבה. ער זעט שוין פאר זיך אלץ ווי לעבעדיק, כאטש אין לעבן האט ער אזא חתונה קיין מאל נישט ביייגעווינט. ער זעט די גרויסע שול, ווו די חתונה קומט פאר, ער זעט די כלה מיטן פרוכת אויפן קאפ, ער זעט דעם חתן מיטן געלן שיטערן בערדעלע און מיט א „קנאפער“ ווי א פלוים די גריים, ער זעט די באשטריימלטע „צדדים“: חתנס צד, כלהס צד, די פרומע מחותנתטעס מיט די שייטלען טיף פאררוקט אויפן שטערן, די כשרע גבאיטעס און סתם נשים־צדקניות, וואס לאזן נישט דורך קיין איין „הכנסת־כלה“. ער זעט יונגע ווייבעלעך — דער כלהס חברטעס — מיט אן אפשיין פון אפגענארטע האפענונגען אין די אויגן, ווייסטע אלמנות מיט פארגליווערטן עלנט אויף די פנימער, ער זעט

דעם מאגערן בדחן מיט די טרערנדיקע אייגעלעך, ווי ער טענהט צו דער כלה און ווינקט בעת־מעשה צו די ווייבער, אז זיי זאָלן שטאַרקער וויינען. ער קוקט זיך איין אין די שטרענגע פּנימער פון די קלעזמער. ער הערט דעם רעש, זעט די בהלהדיקע פרייד, קוקט צו די צו־להכעיסדיקע טענצלעך. ער דערפילט גלייך מיט אַלע חושים דעם הייליקן ציטער, וואָס דער עולם טוט, ווען דער מחותן פון חתנס צד נעמט אָן איין עק פון דער אויסגעשטרעקטער פאַטשיילע, די שעמעוודיקע כלה — דעם צווייטן און די קאַפּעלע שפּילט צו צום כשרן טאַנץ. אַלץ איז שוין אין אים, ער האָט דאָס פאַר די פאַר שעה בפועל ממש איבערגעלעבט, אָבער... עפּעס פעלט אים נאָך. ער האָט שוין צענדליקער מאָל אַראָפּגעלאָזט די פעדער און נאָך קיין איין אות נישט אָנגעשריבן... עס פאַרשטייט זיך, זיין פאַנטאַזיע איז נישט אָרעם, ער קען צוטראַכטן פאַרשידנס, אָבער זיין נשמה לאָזט אים נישט פעלשן. אַ העכערער כח פון זיין השגה לאָזט נישט גיין זיין פעדער, אַזוי ווי אַ מאָל — בלעמס אייזל. דאָס בילד דאַרף אַ תיקון, מען דאַרף עס מקשר זיין מיטן אמתן מקור, אָבער ווו נעמט מען אים? ווו נעמט מען אים?

ואויפן גאַנעק האָט עמעצער אַ שלעפּ געטון די טיר. שלמה האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטון. ס׳איז שוין היינט פאַרנאַכט נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז מען קלאַפּט, אָבער ער גייט נישט עפענען. עלעהיי ער איז נישטאָ אין שטוב! און אַזוי טאַקע האָט ער געזאָגט צו דער מוטער: „דו זאָלסט נישט מיינען, אַז איך בלייב דאָ איבער פאַר אַ שווייצער ביי דער טיר, מען מעג אפילו צענעמען די שטוב, איז נישט מיין עסק״. מען האָט נאָך אַ מאָל אַ פּרווו געטון די קליאַמקע פון דער טיר און ס׳האָבן זיך דערטראָגן טריט. מען איז לאַנגזאַם געגאַנגען פון די טרעפּ. „אוועקגעגאַנגען — האָט שלמה אַ טראַכט געטון — ברוך שפּטרני! נאַ דיר געסט אויף מיין קאָפּ״... די טריט האָבן אָבער נאָך נישט באַוויזן זיך צו דערווייטערן, ווי שלמה איז אומגעריכט פאַר זיך אַליין אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ווי אַ צוגעפעסטיקטע פרוזשינע, וואָס רייסט איבער דעם געפּלאָנטער פון די פאָדעם און טרייסלט זיך אָפּ פון אַלע מניעות. עפּעס האָט אים אַ צי געטון אַ קוק טון, ווער האָט דאָס געקלאַפּט.

פונעם זאַל־פענצטער האָט ער אין שפּיץ טיכל און אין דעם עטוואָס אונטערגעהייבענעם אַקסל גלייך דערקענט די מומע טייבל. זיין רוף האָט זי דעריאָגט און זי האָט זיך אַ דערפרייטע געלאָזט גיין אין שטוב אַריין:

— זע נאָר, ביסטו גאָר יאָ דאָ אין שטוב? פאַר וואָס זשע איז די טיר געווען פאַרשלאָסן?

שלמה האָט אַ דערשטוינטער געקוקט אויף זיין באַליבטער מומען. אַ מאָדנע מומע ביי אים! פון מאָל צו מאָל איז זי נישט מעגלעך צו דערקענען. ווען זי איז אָנגעקומען פון אָדעס, האָט זי אויסגעזען אַזוי אַלט, אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט, ער האָט זיך דאַמאָלסט איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, אַז ער זאָל זיך נישט צעוויינען אויף איר קוקנדיק. און איצט זעט זי

אוים נאָך יונגער ווי אין אנאַניעוו — אַ יונג ווייבעלע: הויך ווי אַ טאָפּאָל, שיין, רירעוודיק און דער עיקר — די אויגן...

— וואָס קוקסטו מיך אָן ווי אַ נעבעכטיקער? האָסט מיך נישט דערקענט?

שלמה האָט זי אַרײַנגעבעטן אין זײַן קאַבינעט, זי געצוואונגען זיך זעצן אויף זײַן געבעטער שטול און אַליין זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער אויף דעם באַנקבעטל. זי האָט מיט אַ קוק פון אַ געניטער באַלעבאָסטע באַקוקט דאָס צימער, דאָס מעבל, אויף איין אויגנבליק האָט זיך איר אויפמערקזאַמקייט פאַרהאַלטן אויף די נישט פאַרענדיקטע צייכענונגען, וואָס זענען געהאַנגען אויף דער וואַנט. זי האָט געמאַכט אַ גרימאַסע און אַ פרעג געטון:

— ס'איז דײַן אַרבעט?

— מיינע.

זי האָט פאַרקרימט די נאָז און מיט אַ לייכטן ביטול איבערגעפירט די בליקן אויף עפּעס אַנדערש. נאָכן באַטראַכטן דאָס גאַנצע צימער האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין די צעעפנטע העפטן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן טיש.

— שטער איך דיר צו דער אַרבעט? אויב אַזוי גיי איך שוין.

— מומע, וואָס רעדט איר? איר הייבט מיר אפילו נישט אָן צו שטערן. איך בין אַזוי צופרידן אײַך האָבן פאַר אַ גאַסט, אַז איר קענט זיך דאָס גאָר נישט פאָרשטעלן...

— און ווו זענען עפּעס די בני־בית? דער טאַטע, די מאַמע?

— מען איז זיך צעגאַנגען, איר ווייסט נישט? דער אַהער, דער אַהין...

— און דאָס קליינע ייִנגעלע, הייסט עס, געלאָזט אין דער היים?...

שלמה, שמייכלענדיק:

— אַזוי קומט אוים... נו און איר, מומע, ווי קומט איר איצט אַהער אויף סאָלאָמינקע?

— די קינדער זענען נעכטן געווען ביי אונז און זענען צוגעשטאַנען אַלע אין איין קול: נ אָ ר מיר זאָלן הײַנט תחילת־נאַכט קומען צו זיי. אויף וואָס, אויף ווען — ווילן זיי נישט זאָגן, אָבער ס'איז נייטיק שבנייטיק — שידער־געלויף!... פאַרשטייסטו דאָך שוין, אַזוי ווי רחלע איז אַרײַנגעקומען פון דער אַרבעט — ווער עסן? ווער אָפּרוען זיך? — האָט זי אונדז אַ כאַפּ געטון, מיך מיט גרשונען, ווי אַ רוח אַ מלמד און היידאַ! — אויף סאָלאָמינקע! געקומען אַהער — אַלע בייזע, וויסטע חלומות... עס זאָל זיי נאָר נישט גערעכנט ווערן מיין צער. אפילו מנחה נישט באַוויזן אין דער היים אָפּצודאַווענען, נאָר ערשט ביי זיי, נאָך זייער אַוועקגיין. שאַ! און דו האָסט שוין געדאַוונט מנחה?

— איידער איך נעם זיך צו דער אַרבעט, דאַוון איך שטענדיק אָפּ מנחה, כדי זיך נישט צו פאַרגעסן. איז אויף וואָס זשע האָבן זיי אײַך געדאַרפט אַזוי דרינגנדיק?

— איי, פרעג גאר נישט... ס׳איז א בזיון צו דערציילן, וואס פאר א ווילדע טפשים מיינע קינדער זענען... איך האב גאר אליין אויף אזוי פיל נישט געוווסט...

— וואס זשע פארט?

— עפעס איז געקומען פון מאסקווע א יידיש טעאטער, — קאמעדי־אנטן פעלן מיר צו מיינע צרות — און שפילן וועגן איינער א מינדל צי א זיסל, כ׳זאל אזוי וויסן פון בייז —

— אפשר „מירעלע אפרת"?

— אט־אט־א... אזוי ווי געוועזן דערביי... טאקע מירעלע, נישט מינדל... איז בין איך, הייסט עס, מיט גרשונען, מחויב צו גיין זען אט דעם פארשפיל.

— מומע, ס׳איז גאר נישט אזא קרומער געדאנק ווי איר מיינט. פונקט אט די דראמע האט איר דוקא געמעגט גיין זען. א מעשה מיט א מוטער און מיט קינדער, מען זעט דארט אויך אן אמאליקע חתונה, מיכאעלס אליין איז דער מחותן און זוסקין —

— צו וואס טויג מיר אט דער גאנצער פזמון? איך זע, אז דו ביסט נישט בעסער פון זיי... אבער אז ס׳איז אזוי לעילא־ולעילאדיק, ווי דו זאגסט, פאר וואס גייסטו אליין נישט?

— קודם האב איך עס שוין א מאל געזען, נאך אין אומאן...

— גייט מען זען נאך א מאל... אז ס׳איז אזוי גוט, איז דען שייך א שיעור?

— והשנית, ארבעט איך דאך... צי עס גייט ביי מיר, צי עס גייט נישט, אבער קיין פועל־בטל בין איך נישט...

— וואס זשע ארבעטסטו? הא, דאס מיינסטו דאס שרייבן? דאס הייסט אויך געארבעט?...

אין צימער איז היפשע עטלעכע מינוט געווען שטיל. שלמה האט אבער נישט געוואלט, אז זיין גאסט זאל אזוי גיך אוועקגיין, האט ער אויף יוצא־זיין א פרעג געטון:

— ווו זשע איז דער פעטער גרשון, וואס איר גייט ארום אליין?

— הערסט, דער סוף איז גוט. דערצייל איך דאך דיר, אז אים האבן זיי טאקע יא פארשלעפט...

— אזוי די מעשה?... א שאד... א שאד...

— אלץ הייסט א שאד... א ייד מיט א גראער באָרד, א בן־הרב...

— ניין, כ׳זאג: ס׳איז א שאד, וואס זיי האבן אייך אויך נישט איבערגערעדט...

— גיי, דו רעדסט נארישקייטן. טעאטערס פעלן מיר, חוץ דעם פעלט מיר שוין גארנישט.

ווי אויפן עקראן בייטן זיך די בילדער, אזוי געשווינד בייט זיך ביי דער מומע טייבלען דער אויסזען. א פנים, אז די פארב, וואס האט געשפילט אין אירע באקן ביים אנקומען, איז נאר געווען אן אנגעלאפענע. איצט איז דאס פנים ווידער מאט־געל, שטרוי־קאליר, און אפילו די אויגן, אירע

שטענדיק שטראַלנדיקע אויגן, זענען עפּעס אויך אַנטרונענע געוואָרן פונעם פּנים און געלאָזט פון זיך נאָר טונקעלע אויגנלעכער. ס׳איז קענטיק, אַז אומעטיקע געדאַנקען באַהאַלטן זיך אונטער איר גערונצלטן שטערן. נאָך אַ היפּשער פּויזע פרעגט זי שלמה מיט מיטלייד:

— מומע, עפּעס ווייזט מיר אויס, אַז איר זענט באַטריבט, האַ?

— וואָס נאָך ווערסטו אויף מיר אויסטראַכטן? מער קיין בלבולים האָסטו נישט?

— פאַר וואָס דען זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן?

— וואָס זשע, כ׳האָב מיך דען אַנגערונגען צו רעדן אָן אָן אויפהער? און גלייך טאַקע:

— ווו זשע איז דער טאַטע?

— אַוועקגעפאָרן אין קופּעטשעסקע־שול צו מנחה־מעריב.

— ס׳איז דען אויף סאָלאָמינקע נישטאָ קיין מנין?

— פאַר וואָס עפּעס איז נישטאָ? ס׳איז יאָ דאָ, נאָר ער האָט במילא געדאַרפט האָבן אין שטאָט אַריין.

— און די מאַמע ווו איז?

— אויף אַ חתונה אַוועקגעגאַנגען. מיין רבקהס אַ חברטעס אַ שוועסטער האָט חתונה, האָט מען אונדז אַלע פאַרבעטן.

די מומע מינעט זיך אויפן פּנים. טאָ גיט אַ זעץ אין פּנים אַריין די פאַרב, טאָ ווערט עס נאָך בלייכער. זעענדיק, אַז שלמה לייענט אַראָפּ פון איר פּנים, וואָס עס קומט פאָר אין איר, האָט זי שטאַמלענדיק זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן:

— אָט די חתונות... דער מאָסקוואער מירלס און ביי דיין רבקהס חברטע האָבן מיר דערמאָנט, אַז איך בין גאָר היינט אויך אַ שטיקל... אַ שטיקל מחותנתטע... מאָרגן אויף דער נאַכט איז ביי מיר אַ מין ל״ג־בעומר...

— נאָך שבועות — ל״ג־בעומר?

— ביסט אַ נאַרעלע... איך מיין דריי און דרייסיק יאָר פון אונדזער חתונה... אַזוי ווי ערשט נעכטן געווען...

— זענט איר גאָר אַ בעל־שמחה? דאַרף מען דאָך אייך אָפּגעבן —

די מומע טייבל מעסט אים אָפּ מיט אַ טרויעריקן בליק. זי זאָגט גאָר־נישט, נאָר שלמה פאַרשטייט זיך אויף אויגן־שפּראַך:

— וואָס דאַרף מען מיר אָפּגעבן? וואָס, נאַרעלע?

שלמה רוקט זיך צו נעענטער צו איר, זיינע ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן ווערן נאָך פלאַמענדיקער:

— מומע, דערציילט עפּעס פון אייער יום־החופה...

— וואָס האָב איך צו דערציילן? דו מיינסט, אַז אַ יונג מיידל פון זיבעצן יאָר, ווי איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען, איז באותה שעה ביים קלאָרן זינען? שוטה, וואָס דו ביסט! מען איז דאַמאָלסט ווי אין אַ טשאַד,

ערגעץ טומלט זיך, ערגעץ קערט זיך די וועלט און דו אליין ביסט גארנישט אויף דעם עולם... האסט אין זינען שטותים...

— ס'איז עפעס שווער צו גלייבן, אז איר זאלט אין אזא הייליקן אוונט אין זינען האבן שטותים...

— עס רעדט זיך נאר אזוי, שטותים... אין אמת גערעדט, האבן מיך דאמאלסט אט די „שטותים“ פיל, פיל געזונט געקאסט...

שלמה האט אינסטינקטיוו דערפילט, אז ער טאר איר איצט נישט דער־מאנען אין זיך: זי איז אין גאנצן ארייגעטון אין זיך און ער דארף שווייגן. ער האט אויגנבליקלעך אויפגעמאכט דאס ראזע נאכטלעמפעלע און אויס־געלאשן דעם גרויסן טישלאמפ. די מומע טייבל האט געהאלטן די אויגן צוגעמאכט און ווען זי האט זיי געעפנט און געטראפן דאס צימער איינגע־טונקען אין שוואכער פרימארגן־שיין, האט זי דאס געפינען פאר גאנץ נאטירלעך און נישט שענקענדיק אין שלמהס זייט קיין איין בליק, האט זי אנגעהויבן צו רעדן מיט א פארדומפן קול:

קאפיטל XXI

— מיר זענען געווען זיבן שוועסטער. פון זיי, בין איך געווען די יינגסטע, די מיזינקע. אין אומאַן, וווּ מיר האָבן געוווינט, האָבן די עלטערן, לשלום, געהאַט אַ היפּשע שניטקראָם. די מאַמע מיט די שוועסטער האָבן געפירט דעם מסחר, דיין זיידע שלום פלעגט איבערלעגן די יאָרן־טעג אין סקווירע ביים רבין און דער טאַטע, עליו השלום, פלעגט אַ מאָל, אַ מאָל זיך אַריינכאַפּן אין קלייט אַריין, די איבעריקע צייט פלעגט ער זיין אָדער אין בית־מדרש אָדער אין ישיבה ביי איין טיש מיט די בחורים. אין אומאַן איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסע ישיבה, גאָר אַ גרויסע. פון אַלע עקן לאַנד פלעגן עלטערן אַפּשיקן זייערע קינדער קיין אומאַן. מיר דאַכט, — שלום מוז געדענקען אויף זיכער — אַז ראָטשילד אַליין פלעגט אויסהאַלטן די ישיבה... עס זענען אפילו געווען אויך אַ פּאָר יינגערע כתות, אָבער ס׳רוב האָבן דאָרטן געלערנט דערוואַקסענע בחורים, יינגלעך צו לייטן... מיך האָט מען אין קלייט אַריין נישט גענומען — נאָך צו יונג געווען און איך האָב טאַקע נישט געטויגט צו דער מלאכה. פון שטענדיק אָן האָב איך געפילט אַ שטאַרקע שנאה צו דער קראָם און צום גאַנצן משא ומתן. בין איך געווען די באַלעבאָסטע אין שטוב, געראַמט, געקאָכט, פאַרריכט — עס האָט זיך שוין אָפּגעזוכט אַרבעט... פון דער ישיבה פלעגט צו אונדז צוויי מאָל אין וואָך אַריינקומען אַ בחור עסן... זונטיק און מיטוואָך... קיין נפקא־מינה, וועלכע טעג איז נישט קיין גרויסע, נאָר פּשוט, ווייל איך געדענק, זאָג איך... דעם בחור האָט מען גערופן לייבל גאַיסינער, פון גאַיסין איז ער געווען. דאָרט האָט ער דוקא געהאַט עלטערן, אָבער ער פלעגט קיין מאָל אַהיים נישט פאָרן: נישט מחמת ער האָט נישט געהאַט אויף הוצאות, דערויף פלעגט די הנהלה געבן יעדן פרעמדן בחור צוויי מאָל אין יאָר, נאָר פּשוט ס׳האָט אים אַ פּנים נישט געצויגן אַהין... זיין פאָטער איז געווען אַ קצב און די מוטער פלעגט אָנפילן דאַרע קישקעס און זיי פאַרקויפן אויפן מאַרק. די עלטערן זיינע האָבן געהאַט חוץ אים נאָך עלף קינדער און האָבן זיך ווייניק וואָס גענומען צום האַרצן דערפון, וואָס זייער לייבל קומט נישט יאָרנוויז אַהיים. ער האָט דאָס, ווייזט אויס, גוט געפילט און האָט כמעט פאַרגעסן, אַז ער האָט ערגעץ עלטערן. אויף לייבלען אַליין איז דעם קצב גאָרנישט געווען צו דערקענען. דאָס איז געווען אַן איידעלע נשמה, די צורה — אַ מלכותדיקע, ווי זאָגט דאָרטן דער „צאינה וראינה" ביי יוספן: יפה תאר ויפה מראה. ער האָט, זאָג איך דיר, געשיינט ווי דער מאָרגנ־שטערן און חוץ דעם אַלעמען איז ער געווען איינער פון די בעסטע תלמידים אין ישיבה. דער ראש־ישיבה, וואָס פלעגט אַלע שבת אַריינקומען צו אונדז אויף קידוש, פלעגט זיך באַרימען מיט אים: „מיין לייבל", „מיין לייבל"... ער האָט געדאַרפט זיין עלטער פון מיר מיט גאַנצע צוויי יאָר, ווייל ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פופצן, האָבן זיך שוין ביי אים אויסגעשאָטן

וואַנסעלעך. ווען ער פלעגט אריינקומען עסן, פלעגט ער ס׳רוב טרעפן נאָר מיך אַליין אין שטוב... מיטוואָך — שמועסט מען נישט, מיטוואָך איז געווען יאריד... האַלב פון דעם, וואָס איך פלעג אים דערלאַנגען צום טיש, פלעגט ער איבערלאָזן... ער פלעגט מער נישט טון ווי אויפהייבן די אויגן און אַראָפּלאָזן, נאָך אַ מאָל אויפהייבן און זיי ווידער אַראָפּלאָזן און אַזוי פונעם אריינקומען ביזן אוועקגיין... איין מאָל האָב איך אים געזאָגט: „לייבל, אויב איר וועט נאָך איין מאָל איבערלאָזן אין טעלער דעם גאַנצן אָנבייסן, וועל איך אוועקגיין אין קלייט אריין און שיקן צו אייך די מאמע"... האָט ער מיר געענטפערט... איך געדענק שוין נישט, וואָס ער האָט מיר געענטפערט... מיר דאַכט, אַז ער האָט גאָרנישט געענטפערט... ער פלעגט אויך ווייטער מער קוקן אויף מיר ווי אין טעלער אריין און איך — האָב מיין וואָרט נישט געהאַלטן, אין קלייט נישט געגאַנגען און די מאַמע נישט געשיקט...

אַזוי איז געגאַנגען די צייט...

איין מאָל האָט ער זיך פאַרקילט און נישט געקענט קומען עסן. ס׳איז געווען ווינטער. געוווינט האָט ער מיט נאָך עטלעכע בחורים אויפן הויף פון דער ישיבה אין אַ האַלב־חרוב שטיבל. אַז איך האָב געזען, ס׳איז שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי ער קומט נישט, האָב איך אים אָפּגעטראָגן עסן צו אים „אהיים". ס׳איז געווען מיטאָג־צייט, ווען אַלע ישיבה־בחורים גייען עסן „טעג". פון זיינע חברים איז קיינער נישט געווען, נאָר ער איינער איז אַ בלייכער געזעסן אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, איינגעדעקט מיט אַ צע־פליקטער קאָלדרע און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ווען איך האָב אים אָנגערופן ביים נאָמען: „לייבל, איך האָב אייך געבראַכט מיטאָג", האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַזאַ געוויין, אַז איך האָב קוים געפונען די טיר אויף צו אַנטלויפן...

דער מומעס קול האָט זיך פאַרדעכטיק איבערגעריסן. די שוואַכע ראָזע שיין אין צימער, די אומגעלומפּערטע עסקיזן אויף די ווענט, דער מומעס פיגור, וואָס האָט זיך צונויפגעקנוילט אין דרייען — אַלץ האָט דערמאָנט אין דעם געוויין פון יענעם אומגליקלעך־פאַרליבטן ישיבה־בחור. דער וואַנט־זייגער אין זאַל האָט נודנע געטיקעט. די מומע איז אין גאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אירע זכרונות און האָט לחלוטין פאַרגעסן אין שלמהן. אָבער ער האָט זי לייכט אַ ריר געטון:

— נו, מומע, וואָס זשע איז געוואָרן דער סוף?

די מומע האָט אויף אים אויפגעהויבן אַ פּאָר פאַרנעפּלטע אויגן:

— וועלכער סוף? דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב, נישט דער סוף... אויף דער צווייטער וואָך איז ער אוועקגעפאַלן אויף לונגען־אָנציני־דונג... דער טאַטע האָט אים אריבערגעפירט צו אונדז אין שטוב אריין... ער איז געווען ביי אַלע לעצט, אָבער צום קריזיס — זיך אַרויסגעדרייט... קאַרגע דריי חדשים איז ער אָפּגעווען ביי אונדז אין שטוב, ביז ער איז אין גאַנצן אַ געזונטער אוועקגעגאַנגען אין זיין אַלטער דירה... געקומען

אום ווינטער און אָוועקגעגאַנגען זומער. יענעם טאָג, וואָס ער האָט שוין געדאַרפט זיך אומקערן אין זיין אַלטער היים, וועל איך אייביק נישט פאַר־געסן... יום־כפור איז נישט שכיח... און וואָס איז דאָס חידוש? אַלע דריי חדשים פון זיין קראַנק זיין האָב איך איינע אַליין געפּאַראַדקעוועט אַרום אים... דער טאַטע, לשלום, איז ווי פריער געווען אין בית מדרש אָדער אין ישיבה די מאַמע מיט די נישט־אויסגעגעבענע קינדער אין קלייט און איך איינע אַליין ביים חולה... די גאַנצע צייט האָב איך פאַר די בני־בית געצי־טערט אימת־מות. פון היץ פלעגט ער שרייען: „טייבל! טייבל!“... אַ נס, וואָס דעם ראָש־ישיבהס ווייב האָט אויך געהייסן טייבל, האָט מען געמיינט, אַז דאָס רופט ער זי. זיי האָבן געוווינט אויף דעם זעלבן הויף... בקיצור, ער איז געזונט געוואָרן און האָט זיך געמוזט אומקערן „אהיים“...

— מומע, נו און איר אַליין האָט אים אויך שטאַרק ליב געהאַט, לייבלען?

— פע! וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים? וואָס בין איך, אַ חוצפּה־ניצע, אַז איך זאָל ברענגען אַזעלכע ווערטער פאַרן מויל? עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען נישט קרום... איך זאָג נישט, אַז איך בין שוין אין גאַנצן געווען... כ'בין דאָך נישט קיין שטיין.

— נו, און איר האָט נישט געפּרוווט זאָגן דעם טאַטן, צי דער מאַמען?

— איך זאָל זיי גאָר זאָגן? גאָט באַהיט! פאַר וועמען האָלטסטו מיך? נאָר פון דעסט וועגן, אַז כ'האָב געכאַפּט אַ צונג, אַז דער טאַטע, לשלום, האָט זיך אין „הויף“ באַקענט מיטן אַנאַניעוווער דיין און יענער האָט אים דערציילט, אַז דער דאָרטיקער רב האָט אַ בחורל... האָב איך זיך בגוואַלד אויסגעריסן פון דער היים און בין אַוועקגעפאָרן קיין כמעלניק צו מיין אייניציקן ברודער, צו שלומען, זאָל לעבן. כ'האָב דאָרט פאַר אים אויס־געגאָסן מיין גאַנץ ביטער האַרץ... ער האָט לייבלען גוט געקענט... בקיצור, ער האָט אַוועקגעוואָרפן הכל כאשר לכל און איז אַוועקגעפאָרן מיט מיר צוזאַמען קיין אומאַן... וויפל ער האָט אַריינגעלייגט רייד אין דעם טאַטן, לשלום, פרעג גאָר נישט... ער און איך אַליין שוין אויך, מיט שלומען ביי דער זייט, האָב איך זיך געפילט שטאַרקער. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ס'איז שוין געווען צו שפּעט... מען האָט זיך שוין געהאַט אָנגעפרעגט ביים רבין און דער רבי האָט געענטפערט מיט אַ „מזל טוב“...

דער מומעס קינבאַקן האָבן קאָנוווּלסיוו אַ ציטער געטון, זי האָט אַריינ־געכאַפּט די אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין און נערוועז גענומען צופּן דאָס נאָזטיכעלע. פון שלמהס אויגן איז נישט פאַרהוילן געוואָרן קיין איין מינדסטע באַוועגונג אירע. זיין בליק איז געווען צוגעשמידט צו זיין אומ־גליקלעכער מומען. עס האָט גענומען אַ היפשע ווילע ביז זי האָט געעפנט די אויגן און זיך דערמאַנט ווו זי געפינט זיך. מיט מוטנע אויגן האָט זי באַטראַכט איר ברודערס אייניקל און מיט אַ קראַנקן שמייכל געפרעגט:

— דו ווייסט דאָך שוין אַלץ, אויף וואָס נאָך וואַרטסטו?

שלמה האָט געשוויגן און זי האָט ווי צו זיך גערעדט:

— אזוי, אזוי... אין אונזערע יאָרן האָט מען נישט געוווּסט, וואָס הייסט מורד זיין אין אַ טאַטן, אים גאָר זאָגן אַ דעה: „דעם וויל איך", „דעם וויל איך נישט", מאַן דבר שמיה! * דאָס איז היינט אַזאַ מאָדע געוואָרן, אַז בחורים, בני־תורה, זאָלן זיך גאָר אַליין שדכענען אַ כלה... אַמאָל האָט מען געוווּסט, אַז אַ קינד איז דעם פאָטערס אַ קנין, וואָס ער האַלט פאַר גלייך, דאָס טוט ער מיט דעם און דאָס קינד דאַרף אַלץ אָננעמען פאַר ליב, נישט וואָגן עפענען דאָס מויל...

שלמה דערנענטערט זיין פנים צו איר און שטעכט זי דורך מיט די אויגן:

— איז דען אַזוי געווען גוט, מומע? האַ?

די מומע האָט אַלץ געצופּט דאָס טוכעלע, געפינטלט מיט די אויגן און שווער געשוויגן.

— מומע, איך וויל וויסן אַלץ ביזן סוף...

— וואָס פאַר אַ סוף, נאַרעלע? דער סוף איז געווען אַזוי ווי ביי אַלע יידן... דעם רבינס אַ וואָרט איז תורת־משה און דער שידוך איז געוואָרן...

— אָבער פאָרט, ווי אַזוי, וואָס?

— וואָס — ווי אַזוי? עולם כמנהגו נוהג און שוין! מילא, דאָס קנס־מאָל איז כאָטש געווען אין אַנאַניעוו... ווייט פון די אויגן... אָבער די חתונה, כנהוג, האָט מען געפּראַוועט ביי דער כלה אין אומאַן... ס'איז געווען אַ האַלבע שטאָט... אַ נאָדל נישט אַדורכצוואַרפן... ס'איז געווען איינגעלאַדן אויף אַלע שבעת־ימי־המשתה אשר סאָקאָליוּוקער מיט זיין גרויסער קאַפּעלע, מען האָט אַראָפּגעבראַכט די בארימטע אויף דער גאַנצער וועלט דודל שפּאָלער און עזריאל טאַראַשטשער מיט זייערע פידעלעך, יענע, אַז זיי פּלעגן נעמען שפּילן, האָט מען פון דער לכתחילה צוגעגרייט געזונטע חברה־לייט, אַז זיי זאָלן אַרויסטראָגן די חלשנדיקע... וואָס איז שייך מאריך צו זיין — קענסט זיין זיכער, אַז ס'איז געווען אַ חתונה כיד המלך, די שטאָט האָט זי לאַנג, לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן... ס'איז אויך געווען די גאַנצע ישיבה... און צווישן הונדערטער מענטשן האָב איך אים גלייך באַמערקט... אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף זיין פנים, איז מיר געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן — אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין... אַ פנים, אַז איך האָב זיך אויך שטאַרק אָנגעהייבן צו בייטן אויפן פנים, ווייל ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען, נאָך פאַר דער חופּה־וועטשערע... ווייזט אויס, נישט געקענט פאַרליידן מיין עגמת־נפש... כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען איין איידעלע נאַטור, אַזעלכעס טרעפט זעלטן... וויפל איך האָב דאַמאָלסט געוויינט, די ערשטע טעג, ווייסט נאָר איין גאָט און מיין קישן... מער האָב איך אים שוין נישט געזען... דער ראש־ישיבה האָט אים פאַרקנסט קיין באַלטע פאַר אַ שוחטס אַ מיידל, ער האָט געהאַט מיט איר עטלעכע קינדערלעך און איז יונג אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט... אַלע יאָרן האָט ער

---

* געמיינט — ווער האָט אפילו געוואָגט אַזאַ זאַך צו דערמאַנען?!

געטריקנט, געצאַנקט... דער שווער זיינער האָט זיך ממש אוועקגעלייגט, געשיקט אים אויף דאַטשעס, איבערגעוועזן מיט אים ביי די גרעסטע פּראָ־פעסאָרן, און וואָס איז די רבותא? ווער וויל עס פאַרשפּילן אַזאַ תכשיט אַן איידעם? אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט... בלע המות לנצח... דאָס אַלץ האָט מיר שוין דערנאָך דערציילט דעם אומאַנער ראש־ישיבהס טאָכטער, זי האָט אויך שפּעטער געוווינט אין אַנאַניעוו... וויי, וויי, אַזוי ווי ערשט נעכטן געווען און שוין דריי און דרייסיק יאָר איבערגעפלויגן... עס גלייבט זיך ממש נישט, טאַקע אַזוי ווי אַ חלום... אַך, מה אנו, מה חיינו...

די מומע טייבל האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די דלאָניעס און איז אַ פאַרשטאַרטע זיצן געבליבן. שלמה איז אויך געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות. דאָס מאָל האָט זי אים שוין אַ טאַרקע געטון:

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, וואָס? ביי ענין זיווג העלפט נישט קיין טראַכטן. דאָס איז אַ באַשערטע זאַך: אין עצה ואין חכמה ואין גבורה נגד ד'... זאָג מיר, שלמה, וואָס הענגט דאָס ביי דיר אין ווינקל אויף דער וואַנט? אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דאָס נישט אַ פידל?

— ס'איז יאָ אַ פידל, מיין פידל.

— ווען איך וויים, אַז ס'איז ביי דיר נישט קיין גרויסע טרחה, וואָלט איך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר שפּילן עפּעס אַ יידישע זאַך... די וועלט דערציילט דאָך פון דיין שפּילן נסים ונפלאות, נאָר איך אַליינע האָב נאָך נישט געהאַט די זכיה... וואָס זאָגסטו? פאַרשטייסט דאָך, ספּעציעל וואָלט איך מן הסתם נישט געקומען דיך הערן שפּילן, נאָר אַז עס האָט זיך שוין געמאַכט אַזאַ שעת־הכושר...

— מומע, וואָס פאַרענטפערט איר זיך? איך וועל אייך שפּילן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן נישט איין שטיקל, נאָר אַפילו צען. אָבער זאָגט מיר גענוי — וואָס וואָלט איר געוואָלט הערן?

— ס'איז דאָך נישט קיין תחינה, וואָס איך קען דיר אויפמישן אין „קרבן־מנחה" און אָנווייזן: אָט דאָ זאָג! שפּיל וואָס דו פאַרשטייסט אַליין. דער עיקר, עס זאָל מעורר זיין די יונגע יאָרן... ווי מען פלעגט שפּילן אויף די חתונות אין אונדזערע צייטן, אַ ווייגענדיקס אַזאַ, ווייסט נישט?

שלמה האָט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט אַראָפּגענומען דעם פידל פון דער וואַנט און גענומען אונטערציען די סטרונעס. ער האָט געפילט, אַז ער מוז אויסשפּילן דאָס געהערטע און איבערגעלעבטע פאַר הייינטיקן אָוונט, אַנדערש, וועט ער עס נישט קענען אַרויפנעמען אויף פּאַפּיר כּדבעי. און אַמבעסטן וועט ער קענען אויסדריקן זיינע געפילן אין קלאַנגען אין דער קעגנוואַרט פון זיין צעבראָכענער מומע טייבלען.

עטלעכע פּאָר מיטן סמיטשיק און פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן מחותנים מיט מחותנתטעס. דאָס פידעלע האָט גערופן צום „באַדעקנס" און דער עולם ווייבער האָט געגאָסן מיט טרערן. שלמה איז געשטאַנען ביים פאַרמאַכטן לאָדן, די אויגן האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז נישט ע ר שפּילט דאָס, דאָס הערט

ער גאָר עמעצן שפּילן און גאָרנישט שפּילן, נאָר כליפּען, יאָמערן... אָט דערקענט ער דייטלעך רייזלס געוויין צווישן די ווערבעס קעגנאיבער פּאָל־טאַווער מיל... געשיקט זיך, אַז רייזל ליבערמאַן, דאָס אַזוי אויסגעשפּילטע רבנישע בת־יחידהקעלע, די שטאָלצע אָדלערין, זאָל אַזוי האַרצרייסנדיק וויינען? און אָט ברייט אָפּ זיין פּנים אַ הייסער אָטעם. ער ווערט צוגעצויגן צו דער ערד פון אַן אָנגענעמער משא. דאָס איז פּאַלים ערשטער קוש, דער ערשטער און דער לעצטער... שלמה גיט אַ ציטער: עס עקלט אים פון יענעם קוש, דאָס איז געווען אַ קוש — אַ ממזר, אַ נישט־געזעצלעך געבוירענער, אַן מאַרוסיאַס ווּיסן... פּע! ער האָט פיינט געגנבעטע גליק, גליק, וואָס טאָר נישט זען די ליכטיקע שיין... און ווער איז יענץ בלייבע בחורל מיט די פאַר־וויינטע אויגן? אָט דאָס זאָל זיין לייבל דעם קצבס פון גאָיסין? צו וואָס זשע דאַרף ער וויינען באַזונדער און רייזל באַזונדער? קענען זיי דאָך ביידע וויינען צוזאַמען, אָדער גאָר אויפהערן וויינען צוזאַמען...

נישט שלמה, נישט די מומע טייבל, האָבן נישט באַמערקט, ווען דער זיידע שלום איז אויסגעוואַקסן אויף דער שוועל און איז אַ פאַרוווּנדערטער שטיין געבליבן. ווען שלמה האָט געמאַכט אַ פּויזע, האָט יענער נישט הויך אַ פרעג געטון:

— וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ קאָנצערט אין מיטן דרינען?

די מומע מיטן פלימעניק האָבן אַזש אַ ציטער געטון פאַר אומגעריכט־קייט. שלמה האָט נישט פאַרשטאַנען:

— זיידע, ווי אַזוי זענט איר אַריינגעגאַנגען?

— וואָס הייסט — ווי אַזוי? מיט די פיס...

— ס'איז דען געווען אָפן די טיר?

— משמעות, אַז אָפן. וואָס דען מיינסטו, כ'האָב זי אויפגעבראָכן?

די מומע דערמאָנט זיך:

— כ'האָב דיר טאַקע געוואָלט זאָגן, שלמה, אַז דו האָסט אַריינלאָזנ־דיק מיך, פאַר גרוים התפעלות, פאַרגעסן צושליסן די טיר. זיץ, שלום, וואָס שטייסטו? שלמה איז מיך מכבד מיט אַ פּאָר יידישע טענץ. שפּיל נאָך עפּעס, שפּיל, שלמה...

— האָט נישט קיין פאַראיבל, זיידע, נאָך איין זאַך וויל איך שפּילן דער מומען. זייער, זייער אַ וואַזשנע מאָטיוו. זעצט זיך צו, ס'איז נישט אויף לאַנג, איר מעגט אויך הערן...

און צו דער מומען:

— אָט דאָס „שטיקעלע", וואָס איך גיי אייך איצט שפּילן, רופט מען * «Плачь Израеля», דאָס הייסט: „דאָס געוויין פונעם יידישן פאָלק". איר מעגט עס הערן, די מעלאָדיע רייסט פון דער נשמה לעבעדיקע שטיקער...

ברודער און שוועסטער האָבן פאַרדרייט די קעפּ איינער פונעם אַנ־דערן. יעדער פון זיי האָט זיך געשעמט מיט די טרערן, וואָס זענען אומגע־פרעגטערהייט געלאָפן איבער די באַקן. שלמה האָט דאָס מאָל אַריינגעלייגט אין פידל זיין גאַנצע נשמה. יעדער קרעכץ האָט דערמאָנט אַ ווונד, יעדער

תנועהלע אַן אויסגעלאָשענע האָפענונג. דער חלל פונעם צימער איז געווען אָנגעפילט מיט צעקאַליעטשעטע נשמות.

אין מיטן שפּילן האָט זיך טייבל אָנגעבויגן צום ברודערס אויער און שעפּטשענדיק געפרעגט:

— שלום, דו געדענקסט נאָך לייבל גאַיסינער?

דעם ־זיידנס כמעט־צונויפגעוואַקסענע ברעמען האָבן זיך דראָענדיק אויפגעהויבן:

— ווע—מען?

ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ ייִנגעלע, צוגעלאָפן צו שלמהן און האַס־טיק אָפּגעשטעלט דעם סמיטשיק:

— עס וועט זיין געוווג געשפּילט!... לאָז איבער אויף נאָך אַ מאָל... און צו טייבלען, אַ ברוגזער:

— קום, איך וועל דיך אָפּפירן אהיים... טאָמער וואָלט שלמה עפּעס געווען געלערנט, האָט אים גאָט געגעבן אַ פידל, פאַרשפּאָרט ער שוין צו עפענען אַ ספר... נו, נו, אַן אמתער: „עשוני בניך ככנור"... קום שוין, קום...

הערנדיק, אַז זיי זענען שוין אַראָפּגעגאַנגען פונעם גאַנעק, האָט שלמה אויפגעעפנט דעם לאָדן און מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ נאָכגעקוקט דעם אַלטן פאָרפּאָלק: דער זיידע האָט עפּעס געטענהט מיט די הענט און מיט די אַקסלען און די מומע איז ווי אַן אויסגעפּאַטשטע קוים נאָכגעגאַנגען.

די לבנה האָט זיי נייגעריק נאָכגעקוקט און זיי נישט פאַרלוירן פונעם אויג, ביז זיי זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן בריק.

קאפיטל XXII

זאכאר אסיפאוויטש שטייט אנגעשפארט אין גראניטענעם באריער פון דניעפּר. מיט נישט זעענדיקע אויגן קוקט ער, ווי א לאסטשיף דערנענטערט זיך צום ברעג שלעפנדיק אויפן בוקסיר* א בארזשע מיט קרויט און מיט בורעקעס.

ער איז א מענטש פון א יאר זעקס און דרייסיק, אכט און דרייסיק, מיטל־וווקסיק, ברייטביינערדיק און מיט א רונדיקער גלאנצנדיקער ליסענע אויפן קאפ. זיינע גרין־גרויע אויגן שפיגלען אפ מיט א געלן בליאסק. ער פארמאגט רויטע פוכקע בעקעלעך ווי א קליין יינגעלע און גראבע לײדנ־שאפטלעכע ליפן. די אונטערשטע ליפ הענגט ביי אים אראפ ווי ביי א קליין קינד, ווען עס ברוגזט זיך אן. ער טראגט בלויע הויזן גאליפע, אריינגעלאזט וווילונגעריש אין פראנטישע שטיוועלעך. אויף א שניי־ווייס העמד, אויסגעגנייט מיט בלאע וויינטרויבן, ווי אן עכטער אוקראינער, טראגט ער א גרינעם פרענטש מיט אפגעגילדעטע קנעפ. דער פרענטש ליגט אויף אים ווי אויסגעגאסן און אין גאנצן זעט ער אוים ווי א טיפישער סאוויעטישער שטאט־בעל־הבית.

פון דער נאטור איז ער זייער א פריילעכער און שמט אין זיינע קרייזן אלס אן ערשטקלאסיקער הוליאקע און טענצער. אבער אצינד איז אין אים שווער צו געפינען די שפורן פון אזא פריילעכער נשמה, ווי ער איז. ער שטייט, די הענט פארלייגט ארונטער, און די פינגער רוען נישט. זיי מאכן אלערליי פיגורן און געפלעכטן. דאס איז שוין זיין טבע: טאמער איז ער נערוועז אדער ער האט עפעס אן ערגערניש, אזוי רוען נישט זיינע פינגער. און ער איז טאקע דאס מאל זייער־זייער צערודערט. מען קען זאגן אפילו נידערגעשלאגן. און וואס איז דאס חידוש? ווער אויף זיין ארט וואלט נישט געווען צערודערט? אז א מענטש זעט, ווי אין איין וואך ווערט חרוב אלץ, וואס ער האט אויסגעבויט אין משך פון אזוי פיל יארן, אזא קראך! ממש חורבן ירושלים! מען דארף טאקע זיין פון אייזן: פון דער פארטיי — וואן! פון דער ארבעט — וואן! פון דער דירה — וואן! פון דער געזעלשאפט, וווּ ער קאכט זיך שוין באלד ניין יאר — וואן! פון אומעטום — וואן, וואן און וואן!... כאטש ווארף זיך אראפ אט פון דעם באריער אין דניעפּר אריין, מיט א שטיין אויפן האלדז.

און וויסן ווייסט ער, אז אין אלע אומגליקן איז קיינער נישט שולדיק נאר איין אראנטשיק, אט דער ממזר מיט די שטענדיקע קאנפעקטן אין די קעשענעס, מיטן פלעשל פארפום אויף יעדן פאל. נאר נישקשה, ער וועט זיך נישט אראפוווארפן אין דניעפּר אריין. ער איז שוין אויף זיין לעבן געווען פיל מאל אויפן פערד און אונטערן פערד. ער מוז זיך דאס מאל אויך

---

* געמיינט — צוגעבונדן מיט אייזערנע קאנאטן.

אַרויספּלאָנטערן. ער מוז נאָך אָט דעם אַראָנטשיקן אַזוי אַנלערנען, אַזוי אַנלערנען... יאָ, אָבער וואָס קומט אַרויס? דערווייל איז ביטער און פינצטער און ער ווייסט גאָרנישט, פון וואנען קען ער געהאָלפן ווערן? אַז אַלץ איז קעגן אים... אַך, פון אַזאַ נאַרישער געשיכטע זאָל אַרויס אַזאַ קראַך, אַזאַ בראָך...

און ער דערמאָנט זיך אין דעם, ווי אַזוי ער איז אין יאָר 1922 אָנגעקומען פון דער אַרמיי און אויף דער טאַנץ־פּלאַטשפּלאַטשאַדקע זיך באַקענט מיט ליזען און טאַקע באַלד איבערגעגאַנגען צו איר וווינען. אָט דאַמאָלסט האָט אים טאַקע באמת גאָרנישט געפעלט. מען האָט אים באַלד אָנגענומען אין דער פּאַרטיי און באַקומענדיק דאָס רויטע ביכעלע אין טאַש האָט ער זיך פּאַוואַליטשקע צוגעזוכט אַ פעט ערטעלע. אים דאַרף מען קיין אַלף אין סידור נישט ווייזן. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ביי פּאַפּיראָסן איז זיך קראַנט צו דרייען און איז אָנגעקומען אין דער טיטון־פאַבריק, אַלס פּראָפ. אָרגאַניזאַטאָר *.

נאָך זעקס חדשים, זעענדיק, אַז דאָס איז אַ מאָגערע קו, נאָר מען שרייבט און מען שרייבט און אין האַלדז איז איבערגעטרוקנט, האָט ער אַ פּאָכע געטון מיט זיין רויט ביכעלע און איז באַלד געוואָרן אַן עקספּעדיטאָר אין דער זעלבער פאַבריק. דאָ האָט מען זיך שוין אָפּטער געזען מיט אַ קאָפּיקע, אָבער נאָך אַלץ נישט דאָס, וואָס אים האָט זיך געגלוסט. דאַן האָט ער נאָך אַ שטאַרקערן פּאָכע געטון מיט דעם ביכעלע און, ווי אין אַ כישוף מעשהלע, איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון דער סטאָלאָווע, וווּ עס עסן דרייצן הונדערט מענטשן אין משך פוןביידע וואָכטעג.

און עס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן אַ לעבן טאַקע ווי גאָט אין אָדעס. שוין זיבן מיט אַ האַלבן יאָר, אַז ער איז אויף דער אַרבעט און זיי זענען אַזוי ווי איין טאָג איבערגעפלויגן. גוטע יאָרן לויפן גיך. אין יאָר 1925, אַז די פאַבריק האָט פאַרענדיקט בויען איר הויז, האָט מען אים געגעבן איינע פון די בעסטע וווינונגען. וואָרעם ווער ווערט דאָס גיין קעגן אַ מענטשן, וואָס דיין מאָגן איז ביי אים אין די הענט? גיט ער אַ ווונק, וואַקסט אויס אויפן טיש אַ האַלב עוף, אַ געבראָטנס, נאָך מיט אַ גלעזל רויטן ווייַן דערצו. וויל ער נישט, ווערט דערלאַנגט אַביסל שיטערע זופּ מיט פאַרעיפּוטשן קרויט — און גיי לאָד מיך צום ונתנה־תוקף...

מיט איין וואָרט, וואָס איז דאָ צו רעדן? עס איז אַזוי, ווי מען זינגט אין לידל: „ווו זענען מיינע גוטע זיבן יאָר"?

אין יאָר 1926 איז אָנגעקומען אַראָנטשיק קעסלמאַן אַרבעטן אַלס אַגענט אויף איינקויפן פּראָדוקטן אין סטאָלאָווע אַריין. פון אָנהייב האָט זיך אים, זאַכאַרן, גאָר געדאַכט, אַז ער איז אַ גוטער חבר און מען וועט קענען מיט אים זיין גוטע ברודער. וויפל מאָל האָט ער אים גערופן צו זיך,

---

* אַזעלכער, וואָס אַגיטירט די מאַסע, מען זאָל ווערן מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

צוזאַמען פאַרבראַכט, אים איבערגעלאָזט נעכטיקן ביי זיך. נאָר מיט אַ מאָל איז אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן דער טאָן, מיט וועלכן דער אַראָנטשיק רעדט צו ליזען. עפּעס צו אויפגעבויגן איז געווען זיין צונג, צו אָפט פלעגט זיך רויטלען איר פּנים. פון דעסט וועגן האָט ער די ערשטע צייט געמאַכט אַ שווייג. מאַלע, וואָס אַ מענטשן קען זיך אויסוויזן...

איין מאָל איז ער צופעליק אַריינגעקומען ביי טאָג צו זיך אַהיים און האָט דאָרט געטראָפן אַראָנטשיקן זיצן צעלייגט אויף דער סאָפע, מעשה בעל־הבית. אַן אומדייטלעך געפיל האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט אים דווקא אַ פרעג געטון:

— ווי קומסטו אַהער אין מיטן טאָג?

יענער האָט אָבער אפילו מיט קיין אויג קיין פינטל נישט געטון, נאָר גלייך געענטפערט:

— איך האָב דאָ נישט ווייט געדאַרפט אָנשרייבן עפּעס אַ פּאַפּירל און נישט געהאַט ווו, בין איך אַריינגעקומען צו דיר. אויף דיין שרייבטיש איז זייער באַקוועם. אפשר טאָר מען נישט?

— פאַר וואָס עפּעס טאָר מען נישט? ביטע!

ליזע, ווי נאָר זי האָט דערזען אים אַריינקומען, האָט זי זיך מיט אַ נישטיקן אויסרייד באַלד אַרויסגעגליטשט פון צימער. אים איז איר אַנט־לויפן נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט איר שוין געוומען מער נאָכקוקן. נאָר וואָס האָט ער געקענט וויסן פון זייערע פּלענער? וויפל מאָל פלעגט ער קומען ביי טאָג און טרעפן פאַרשלאָסן די טיר? גיי, זיי אַ נביא און טרעף: צי איז זי טאַקע נישטאָ אין דער היים, צי זי וויל פשוט נישט עפענען? ווער קען דאָס וויסן?

איין מאָל, פאַרנאַכטלעך, האָט ער געדאַרפט האָבן אין דער באָד אויף פּאַדאָל מכח פעסלעך פון ביר, וואָס די באָד האָט ביי אים געליגן. און דאָ האָט ער באַמערקט, ווי אַראָנטשיק שטייט נאָך אַ בילעט אויף אַ קאַבינע. ער, זאַכאַר, האָט אפילו אַ טראַכט געטון:

— אַ גאַנצער פּריץ געוואָרן ביי זיך. אין דער אַלגעמיינער ערשטער קלאַס איז אים קאַרג. ער מוז נאָר אַ באַזונדערע קאַבינע, אַנדערש איז ער נישט געוווינט געוואָרן ביי זיין טאַטן.

ער קומט אַהיים, ליזע איז נישטאָ. ער פרעגט ביי אַ שכנטע, אפשר ווייסט זי, וווהין איז אַוועקגעגאַנגען ליזע? זי ווייסט נישט; פון וואַנען זאָל זי וויסן? זי האָט נאָר ערשט נישט לאַנג געזען זי אַוועקגיין מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם. ערשט אַרום האַלבע נאַכט: מען קלאַפּט. ברוך־הבא, ליזע איז דאָ! אין היטעלע און אין מאַנטל, פאַררויטלט, אַ מחיה צו קוקן.

— פון וואַנען איז, ליזעטשקע?

— אין באָד געווען, אַזוי גוט זיך אויסגעבאָדן.

עס גיט אים אַ טראָג אין דער לופטן. ערשט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז אַראָנטשיק האָט געהאַלטן אַ מאַנטל אויף דער האַנט. ער מעג שווערן,

אַז דאָס איז דער זעלבער מאַנטל, וואָס זי טוט איצט אויס. ער ציטערט אַזש פאַר אויפרעגונג, נאָר ער פרעגט רויִק:
— פאַר וואָס זשע אַזוי שפּעט?
— דאָס הייסט שפּעט? עס איז נאָך אַפילו נישטאָ קיין צוועלף.
— אָבער דאָס באַד מאַכט זיך דאָך צו ניין אַ זייגער.
— איך בין פון דאָרט אַרײַנגעגאַנגען אין קינאָ.
— אַליין?
— און אַז אַליין, וועט מען מיך אויסכאַפּן? און בכלל, זאָג מיר נאָר, וואָס דערפרעגסטו זיך אַזוי אויספירלעך? איך נעם ביי דיר אויך אָפּ חשבון פון יעדער שעה?
ער ווערט אַנטשוויגן. און באמת, וואָס? ער איז לייטישער פון איר? ער נוצט נישט אויס אַלע מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט נאָר, אויף הנאה צו האָבן פון דער וועלט? נישט מער, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז עפּעס אַנדערש און זי איז ווידער עפּעס אַנדערש... צום סוף זעט ער, אַז זי קלערט נישט אַזוי. וואָס קען ער טון?
נאָר סוף כל סוף האָט טאַקע דער בלאָטער געפּלאַצט. ער קומט צו גיין איין מאָל פאַר נאַכט, דער שליסל איז ביי דער שכנטע, ליזע איז נישטאָ. ער פרעגט ביי דער שכנטע, יענע ווייסט נישט, וווהין זי האָט געקענט אַוועקגיין. „אָבער אייער קינד איז דאָך דאָ ביי דער דוואָרניטשקע, פרעגט ביי איר".
ער לויפט אַראָפּ צום דוואָרניק. זיין מיידעלע שפּילט זיך מיט יענעמס קינדער. ער נעמט זי אַהיים.
— בעטיטשקע, וווּ איז די מאַמע?
— אַוועקגעגאַנגען.
— שוין לאַנג?
— באַלד ווי דער פעטער אַראַנטשיק איז געקומען.
— וווהין זענען זיי אַוועקגעגאַנגען?
— זיי האָבן נישט געזאָגט. די מאַמע האָט נאָר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט מיר געבן עסן און לייגן שלאָפן. יאָ, טאַטע! — דערמאָנט זיך דאָס מיידעלע מיט קוראַזש — דו זאָלסט געווען זען, ווי דער דיאַדיאַ אַראַנטשיק האָט געבראַכט אַ פלאַש אַרעקאַלאָן, אַזאַ שטאַרקן, שטאַרקן. ער האָט אָנגעגאָסן דער מאַמען אויפן קאָפּ, איז איר פאַרגאַנגען אין די אויגן, האָט זי געוויינט... אוי, האָבן מיר געלאַכט... אַזאַ גרויסע און וויינט... מיר האָט ער אויך באַגאָסן די האָר, נאַ, גיב אַ שמעק אומיסטן, איאַ עס שמעקט? זעסט? אָבער איך האָב נישט געוויינט... איך בין שוין אַ גרויסע און די מאַמע איז שוין אַ קליינע... כאַ־כאַ־כאַ! אַ מאַמע, אַ קליינע...
שפּעט־שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַריין ליזען, אַ צעקנייטשטע, אַ האַלב שכורע, קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. נישט אומקוקנדיק זיך אויף זאַכאַרן האָט זי אויף גיך זיך אויסגעטון און איז אַריין אין בעט אַריין. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין

געשלאָפן ווי א געהרגעטע. אין דער פרי האָט זי זאַכאַר קאַלטבלוטיק א פרעג געטון, ווו איז זי דאָס געווען נעכטן? דערויף האָט זי געענטפערט, אז אראָנטשיק איז געווען פארבעטן אויף אימעניגעס צו א חבר. עס איז אים געווען נישט אָנגענעם צו גיין אהין אַן א דאַמע און אזוי ווי קיין אייגענע האָט ער דאָך נישט, האָט ער ביי איר געבעטן, זי זאָל אים דאָס מאָל פארבייטן אַן אייגענע... זי האָט אים נישט געקענט אָפזאָגן, א היימישער מענטש...

— איז עפּעס געווען פריילעך דאָרטן?

— זייער פריילעך. איך האָב שוין לאַנג אזא הנאה נישט געהאַט.

זאַכאַר האָט איר מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר קומענדיק אויף דער פאַבריק, האָט ער אָפּגערופן אראָנטשיקן אויף א זייט און אים געלאַסן געמאָלדן:

— טאָמער וועסטו נאָך איין מאָל כאָטש זיך באַווייזן אויף מיין שוועל, וועל איך דיר גאַנץ פשוט איבערהאַקן די פּיס.

אראָנטשיק האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיינע רייד, דערציילט פאַר יעדן, אז זאַכאַר אייפערט זיין ווייב צו אים. נאָך א קאָמוניסט אויך צו די צרות. וויל ערשט איינפירן א פאַראַנדזשאַ * פאַר פרויען. אָבער פון דעסט וועגן האָט ער שוין מורא געהאַט מער צו קומען אין שטוב אריין. זייערע באַגעגענישן האָבן אויך דאַמאָלסט נישט אויפגעהערט, זיי האָבן שוין געהאַט זייערע ערטעלעך. נאָר וואָס האָט ער געקענט דערצו העלפן?

---

* א דעקטוך איבערן פּנים, ווי עס טראָגן נאָך טייל פרויען פון די מזרח-פעלקער.

קאפיטל XXIII

צו יענער צייט, ווען קלארא איז אנגעקומען ארבעטן אלס בופעטשיצע צו אים אין סטאלאווע, האט שוין ליזע געשוואנגערט מיטן דריטן קינד. ווען ער האט דאס ערשטע מאל נאר א קוק געטון אויף קלאראן, איז ער באלד צוגעשמידט געווארן צו איר. אט אזוי גרינג איז אים אנגעקומען ווערן היימיש מיט אט דער קלאראן? אז בסך־הכל איז זי נאך גאר געווען א מיידל... און אזא הייליקע — ממש נישט צו צוטרעטן צו איר! ער האט זיך אויסגעבראכט, געקויפט איר א צימער אויף קארלענקא־גאס, איבערגע־טראגן צו איר אן עשרות, ביז זי האט זיך צוגעוווינט צו אים... ליזען האבן גוטע ברידער באלד צוגעטראגן וועגן זאכארס נייעם נצחון, אבער זי האט אים אפילו איין מאל נישט פירגעהאלטן. דערפאר האט ער אויך אויפגעהערט איר נאכצוקוקן. זאל זי טון, וואס איר הארץ גלוסט. מיט וואס איז זי ער־גער פון אים? א פיש זוכט ווו טיפער, א מענטש זוכט פאר זיך ווי באקווע־מער. זי פלאנטערט זיך מיט ארנטשיקן? זאל איר זיין צו געזונט! אבי זי לאזט אים צו רו, פארגינט ער איר דאס גליק מיטן גאנצן הארצן...

אזוי איז דאס געגאנגען. ביז קלארא איז אוועק אין שפיטאל געבוירן. ער האט איר אפילו ביי צייטנס געזאגט, זי זאל זוכן עצות, אזוי ווי די גאנצע וועלט טוט, נאר זי האט אפילו נישט געוואלט הערן.

— ערשטנס — האט זי געטענהט — איז איר נאך טייער דאס לעבן. פארוואס זאל זי ריזיקירן מיט דעם? צווייטנס, האט זי סתם ליב קליינע קינדער און אויב אים וועט נישט געפעלן, וועט ער א ברירה האבן צו איר מער נישט קומען...

א חודש נאך איר אומקערן זיך פון שפיטאל ברענגט מען אים אויף דער ארבעט אן אויפפאדערונג אין געריכט וועגן דעם ענין פון אלימענטן... ער ווערט צערודערט, לויפט צו צום בופעט, רופט צו קלאראן און פרעגט ביי איר:

— עס פעלט דיר עפעס? קארג ברענג איך דיר? פאר וואס קומט מיר דער בזיון?

קלארא ענטפערט אים רואיק:

— מיין טייערער! א ביסל ביסטו גערעכט און א ביסל — נישט. איצט טאקע גיסטו מיר גענוג, אבער מארגן קענסטו אויפהערן. צו וואס דארף איך כסדר זיין אפהענגיק פון דיין גוטן ווילן, אז איך קען האבן סטא־בילע דרייסיק פראצענט פון דיין פארדינסט...

שפעטער, אז ליזע איז געוויר געווארן, אז זי האט שוין א געזעצ־לעכע שותפטע צו איר מאן, האט זי אנגעהויבן צוקלערן פארשידענע רדיפות קעגן אים. אייגנטלעך, וואס האט זי אים דען געקענט טון? און פאר וואס עפעס זאל זי אים טון? וואס איז, זי איז דען לייטישער פון אים? אין קלא־ראס קינד איז ער כאטש זיכער, אז עס איז ווירקלעך זיינס, און אירע

דריי — ווייסט ער נישט. ער וויל זיך גארנישט אפנארן. און בכלל, וואס
קען זי אים טון?...

נאר פון דעסט וועגן האט זי אים יא געטון. און שטארק געטון. דער
קאפ האט איר נישט אויסגעטריקנט. זי פלעגט שוין וויסן, מיט וואס מען
קען אים דערגיין די יארן.

ער קומט אהיים, דערלאנגט זי אים קאטלעטן פון שווארץ פלייש, מיט
צוגעפרעגלטע ציבעלקעלעך. ער האט פון קינדווייז אן שטארק ליב דאס
מאכל, ווארפט ער זיך ארויף אויף דעם און עסט אויף אפשר דריי פערטל
פונעם דערלאנגטן אין איין אטעם. צום לעצט, אז ער עסט שוין געלאסע־
נער, געפינט ער צווישן די ציבעלקעלעך אן א שיעור פליגן, א פנים, געסמטע,
איינגעפרעגלטע גאנצערהייט מיט די קעפעלעך, מיט די פיסעלעך. עס ווערט
אים שלעכט אויפן הארצן און ער גיט א פליוך אויס אלץ, וואס ער האט
געגעסן מיט א וואך צוריק... דאס טוט זי אים, ווייל זי ווייסט, אז פון דער
נאטור איז ער א פיינשמעקער. ער קען נישט פארטראגן קיינע מיאוסקייטן.

א צווייטן מאל הייסט ער זיך אויפוועקן גאנץ פרי. ער דארף זיין
אויפן וואקזאל צום אראפנעמען באגאזש, איידער מען עפנט נאך די קאמער.
א גאנצן איינדערפרי ארומלויפנדיק אהין און אהער, פילט ער, ווי עס
קוועטשט אים דער רעכטער שוך, נאר ער האט אלץ קיין צייט נישט א
קוק צו טון, וואס עס איז דארטן. ערשט זייגער עלף, ווען ער האט זיך בא־
פרייט פון דער נייטיקסטער ארבעט, נעמט ער, אין סטאלאווע טאקע, און
טוט אויס דעם שוך און שארט ארויס מיט דער האנט, אנו, זייט א חכם
און טרעפט וואס? א פיצעלע־פיצעלע צעקוועטשט מייזעלע. — א נפלע
א פנים. דער רוח ווייסט די נשמה אירע, ווו זי זוכט אויס די מיאוסקייטן —
די אייגעלעך האלט עס אפן, דאס צינגעלע צווישן די ציינדעלעך. ער האט
פולע הענט מיט קישקעלעך. עפעס א גרינע פליסיקייט — א פנים די גאל,
רינט אים צווישן די פינגער. עס פארדרייט זיך אים דער קאפ, ער לאזט
ארויס א ווילדן קוויטש און פאלט אראפ פונעם בענקל. וואס דאמאלסט האט
זיך אפגעטון!... מען האט ארויסגערופן אן אויטא פון „גיכער הילף“, מען
האט אים איינגעשפריצט קאמפאר, די דאקטוירים האבן נאר געמיינט, אז
עס וועלן זיך אים איבערדרייען די קישקעס... דאכט זיך, עס ווערט אים
שוין גוט, אן עק, פטור געווארן. פלוצלינג גיט ער זיך א דערמאן אין די
אייגעלעך מיט די וואנסעלעך, ווי זיין האנט איז אים געווען איינגעשמירט
אין בלוט — און ער באקומט ווידער דעם אנפאל...

אין זיבן טעג ארום ברענגט מען אים אהיים פון שפיטאל, געל ווי
וואקס, מיט פארלאשענע אויגן. ליזע זאל זיך עס מיט עפעס אויסגעבן.
חס־ושלום! זי ווייסט דען פון עפעס? גאט די נשמה שולדיק!... זי גיט
זיך אפ גאנצע טעג מיט די קינדערלעך. גייט נישט אין ערגעץ. עס ווייזט
אויס, אז אראנטשיק האט זי אים שוין צוגעווארפן — זיך צוגעגעסן. ווי
דען, ער האט פריער נישט פארשטאנען? יענער ימח־שמוניק האט זי נאר
אזוי לאנג אויסגענוצט, ווי לאנג זי איז געווען פאר אים נישט צוטריטלעך.

און אַז מען האָט זי אים צוגעלאָזט — ווייל ער שוין נישט... אַלע אויס־וואָרפן טוען אַזוי...

אַז נישט, פאַלט זי גאָר אויף אַזאַ המצאה: ער פאָרט אויף דער אַרבעט. אין טראַמוויי איז אַ דערשטיקעניש: מענטשן — ווי הערינג אין אַ פעסל. ער קומט אַריין אין דער קאָנטאָר פון דער פאַבריק, געדאַרפט עפּעס דער־ליידיקן. פרעגט ביי אים די נייע בוכהאַלטערשע:

— ווער האָט עס אייך אָפּגעשפּריצט די הויזן מיט אַכרע? *

ער גיט זיך אַ כאַפּ, ער האָט שיר נישט באַקומען דעם זעלבן אָנפאַל ווי דאַמאָלסט בשעת ער האָט דערזען דאָס מייזל. בסך־הכל ליגן אין די הינטערשטע קעשענעס פונעם פרענטש פיר אייער. עס הייסט, ליגן ליגט שוין נאָר די שאָלעכץ, וואָרום די אייער רינען איבערן גאַנצן אָנצוג און פאַרעיפּושן דעם זאָל. טוכלע אייער געווען. נאָר אַלץ הייסט טוכלע — פון כמעלניצקים יאָרן! אַ ווייבל זאָל דיר ספּעציעל אָפּזוכן טוכלע אייער — און אַ שד וואָלט דאָס יאָ צוגעטראַכט? — אסור אויב יאָ.

די פּלאַנאָוויטשקע זאָגט אים העפלעך מיט אַ שמייכעלע:

— זאַכאַר אָסיפּאָוויטש, האָט נישט קיין פּאַראַיבל, נאָר איר וועט אַריינקומען נאָך דעם, ווי איר וועט זיך איבערטון. איך האָב אַזוי אויך אַ קאַטאַר...

נאָך די רעכטע קאַטאַסטראָפע האָט ערשט געטראָפן מיט אַ חודש צוריק. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט קומט ער צו גיין אַהיים שרעקלעך מיד, זיך אָנגעהאָרעוועט ווי אַ פערד און אויך געווען ביי קלאַראַן. ער וואַרפט זיך אַריין אין בעט אַריין און ווערט באַלד אַנטשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. אין שלאָף פילט ער, אַז עמעצער פאַרעט זיך מיט אים, קיצלט אים, בייסט אים... ער גיט מיט דער האַנט אַ פיר איבערן לייב און עס פאַרגייט אים אין דער נאַז, חלשות! ער גיט אַ וואָרף די קאָלדרע פון זיך, כאַפּט אַ קוק און עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן: די האַנט איז פול מיט וואַנצנבלוט. דאָס גאַנצע געלעגער — אָפּגעשיט אַזוי ווי מיט מאָן... ער לויפט אַראָפּ ווי אַן אָפּגעבריטער, שפּרינגט צו צו ליזען, און — טראַך אין די ציין אַריין! זי כאַפּט זיך פאַר אַ באַק, און ער — אין דער צווייטער! זי האַלט זיך ביי ביידע, ער — אין דער זייט אַריין! זי מאַכט קולות און ער שמייסט, וו עס טרעפט זיך, און פילט, אַז עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט. עס ווערט אים לייכטער אויף דער נשמה. ער האָט שוין נקמה גענומען פאַר אַלע אירע שפּיצלעך. און פון דאַמאָלסט אָן איז אַוועק אַ סדרה — פעטש. טאָמער עפּעס וואָס, ער שלאָגט און הרגעט, מיט פאַרמאַכטע אויגן ממיתט ער זי. זי פלעגט שרייען, נאָר סוף כל סוף אָפּווישן די ליפּן און מאַכן אַ שווייג. עס איז איר גאָר געווען אַ בזיון צו דערציילן פאַר פרעמדע.

נאָר יענע וואָך האָט אַראָנטשיק זי געטראָפן אויפן פאַבריק־הויף. ער, זאַכאַר, האָט דאָס געזען פון זיין קאַבינעט. אַראָנטשיק האָט איר אָנגעוויזן

---

* ביליקע געלע פאַרב.

אויף די אונטערגעשלאָגענע אויגן און מיט איר עפּעס שטאַרק איינגעטענהט. און באַלד טאַקע אויף צומאָרגנס האָט מען אים אַרויסגערופן אין ווייקאָם-פּאַרטיע* אויף אַ ביוראָ**. דאָרט האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען קיינע תירוצים און מען האָט אַרויסגעהאַנגען אויפן פאַבריק-הויף אַ מעל-דונג, אַז מאָרגן וועט אין קלוב פאַרקומען אַן אָפענע פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג וועגן דעם משפחה-לעבן פון איינעם אַ פּאַרטיי-מיטגליד.

אַראָנטשיק, ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט ער נאָך צעבלאָזן דאָס פייער. עך, ער מוז אים, אָט דעם מנוול, נאָך פּאַקן און אָפּדרייען דעם קאָפּ. ער מוז זיך אין אים נוקם זיין! ער זאָל אפילו וויסן דערפאַר אין טורמע אוועקגיין, נאָר אים מוז ער מאַכן דעם טויט! אַז נישט, ווייסט ער דען נישט, פאַר וואָס דער אַראָנטשיק גראָבט אויף אים? זי האָט אים דען נישט דערציילט, קלאַראַ? שוין פון אַ צייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צושטיין צו איר און וויל גאָרנישט אָפּטרעטן. ער דערגייט איר די יאָרן: — „מיט וואָס בין איך ערגער פון זאַכאַרן?" — טענהט ער. און אַזוי ווי זי לאָזט אים אפילו נישט אויף דער שוועל, צאָלט ער אים פאַר איר...

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען געבראַכט ליזען אויך. עס זענען גע-ווען אַזוינע געלעכטערס, בעת ער האָט דערציילט וועגן די פליגן, וועגן די אייער און נאָך אַזוינע פיינע המצאות פון איר זייט... נו, אַן אַנדער ברירה האָט ער געהאַט? ער האָט דאָך געמוזט מיט עפּעס מאָטיווירן זיין שלאָגן זי. בקיצור, עס האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק, ביז נאָך האַלבער נאַכט, און עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, נישט זיין סטאַזש, נישט דאָס זיין אַ פּראָנטאָוויק. מען האָט אים מיט אַ גרויסער פּאָמפּע אויסגע-שלאָסן פון די רייען פון ק.פּ.ב.***. ער איז אַרויס פון זאַל אונטער אַ רוי-שיקן פליעסקען פון זיינע שונאים.

אין צוויי טעג אַרום האָט אים אַריינגערופן דער פאַבריק-דירעקטאָר צו זיך אין קאַבינעט און קאַלט געמאָלדן:

— זאַכאַר אָסיפּאָוויטש! מיר איז זייער נישט אָנגענעם, נאָר פליכט איז נישט חברשאַפט. איר זאָלט צוגרייטן אַלע פּאַפּירן, כדי אויף מאָרגן איבערגעבן די סטאָלאָווע דעם חבר קעסלמאַן. אַזאַ פּאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן קען פאַרנעמען נאָר אַ קאָמוניסט.

אייערנעכטן גייט צו אים אַריין דער קאָמענדאַנט פון זייער הויז און מעלדעט אים טרוקן:

— זאַכאַר אָסיפּאָוויטש! אין פינף טעג אַרום דאַרף זיין באַפרייט די דירה. דאָס איז אַ פאַבריק-הויז און די דירה געהערט נאָר צום דירעקטאָר פון דער סטאָלאָווע. ביז איצט — איר, אַצינד — קעסלמאַן, אַזוי איז דאָס... ווען ליזע האָט דערהערט, אַז עס האַלט ביי אָפּרייניקן די דירה, האָט

---

* ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

** געמיינט — אַ זיצונג פון דעם ביוראָ.

*** קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס).

זי שוין דווקא חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער חתונה, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. וואָס מען פאַרפירט מיט דער פּען, קען מען נישט אַרויס־פירן מיט קיין אַקס... און וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טון? וואָלט דאָ געווען זיין מומע חנה אָדער איר טאָכטער דבורה, וואָלט ער זיי געבעטן זאָגן פאַר אים אַ קאַפּיטל תהילים, אפשר וואָלט דאָס געהאָלפן... כאָטש ער גלייבט נישט דערין, נאָר זיי גלייבן דאָך יאָ, גאָטס ווייבער. זענען זיי שוין אָבער ביידע נישטאָ. די מומע איז געשטאָרבן אין גאָמעל און דבורה אין לאַזאָוואיאַ. זייער אַ ווילע געווען און אַזוי יונג געשטאָרבן.

ערגעץ דאַרפן גאָר זיין אירע יאַטלעך אין קיעוו. ערשט נישט לאַנג האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דבורהס מאַן, מיט אַן אַדרעס, וווּ זיי צו זוכן. נאָר מער האָט ער נישט וואָס צו טון, הייסט עס, נאָר קריכן ערגעץ זוכן קרובים. ער האָט דעם בריוו אין יענעם טאָג, געדענקט ער, אויסגענוצט אויף אַ נייטיקער זאַך. און די חברה־לייט אירע מוזן דווקא זיין די רעכטע חברה־לייט. פאַר צוויי יאָרן איז ער געפאָרן קיין קיסלאָוואָדסק, און איז אויף אַ טאָג אָפּגעטרעטן אין לאַזאָוואיאַ, ביי דער קוזינע. דאַמאָלסט האָט ער זיי געזען. טאַקע גאָר פיינע יינגלעך. קערן שוין אודאי זיין אין קאָמסאָמאָל...

יאָ, אָבער וואָס טוט מען איצט? וווּ זאָל ער נעמען אַן אַנדער דירה? היינט, דער ווייטיק? אריינלאָזן אראַנטשיקן אַלס באַלעבאָס צו זיך אין שטוב אריין? יענער האָט זיך נישט לאַנג פאַרשריבן מיט איינער, עפּעס אַ קינאָ־אַרטיסטקע, און ווערט שוין אַ בעל־הבית פון אַ דירה אויך... נישט דערלעבן זאָל ער דאָס!... און וווּהין טוט מען זיך טאַקע אַהין מיט פינף מענטשן? קלאַראַ וועט דען אריינלאָזן צו זיך? משוגע דאַרף זי זיין!... יענע האָט אָפּגעגעבן דאָס קינד אין יאַסלע* און גייט ערשט אין ראַבפאַק... דאָס גאַנצע לעבן אירס — זאָגט זי — איז נאָך אין דער צוקונפט... זי וועט נאָך דאָס, זי וועט נאָך יענץ. זי וועט נאָך איבערקערן אַ וועלט! זי וועט נאָך ווערן נאַרקאָם אויך! עס מאַכט נישט אויס — זאָגט זי — וואָס זי האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע פון אַ בופעטשיצע. קאַלינין איז אויך געווען אַ פּראָסטער שלאָסער און בודיאָנע — אַ פּאַסטעך... מילא, כאַפּט זי דער רוח, זאָל זי זיך אפילו הענגען... אָבער, דערווייל, דערווייל... גוואַלד, וואָס זשע טוט מען טאַקע?

* אַ היים פאַר קינדער ביז אַ יאָר.

קאפיטל XXIV

זאכאר אסיפאוויטש קוקט אויף די קנוילן זשאווערדיקן רויך, וואס דער קוימען פון דער לאקאמאטיוו שפייט אין הימל אריין. די בארזשע איז שוין האלב אויסגעלאדן. ווייטער א ביסל טוען זיך אן צוויי יינגעלעך. זייער אנטון ליגט אויף א שיפל, זיי אליין שטייען נאך מיט די פיס אין וואסער און טוען זיך אן די אויבערהעמדער... דאכט זיך, באקאנטע פנימלעך... ווו האט ער זיי געקענט זען? ניין, מן הסתם דאכט זיך אים. אויף דער פליאזשע פון יענער זייט דניעפר פאטאגראפירט מען א גרופע מענטשן אין טוניקעס. אך, מענטשן לאזן זיך נאך וווילגיין. זיי, א פנים, ווארפט מען נישט ארויס פון די דירות... וואס וועט טאקע זיין? וווהין וועט ער זיך אריבערקלייבן? באץ! אריינגעפאלן א קויש בורעקעס אין דניעפר!... מאמע מיינע, וואס דארטן טוט זיך, הימל עפן זיך! וויפל קאסט דען א קויש בורעקעס? און די יינגעלעך זעען אים פארט אויס אזוינע קענטלעכע... ווער קענען זיי זיין? מען דארף א קוק טון! שוין זשע דאכט זיך אים נאר?...

ער גייט צו נאענט צו זיי און איז אין ספק, צי האט ער געטראפן, צי נישט. מילא, וואס שטעלט ער דא איין?

— יינגעלעך, איר זענט נישט פון לאזאוויאַ?

— יא, פון לאזאוויאַ.

— אייער מוטער האט געהייסן דבורה?

— יא, און ווער זענט איר דאס?

— איר האט נישט געהערט א מאל, אז אין קיעוו האט אייער מוטער א קוזין?

— וואס הייסט נישט געהערט? אודאי געהערט.

— דאס בין איך...

— זכריה, דעם פעטער יוסלס?

— יא, יא, זכריה דעם פעטער יאסלס. לאזט, לאמיך אייך א קוש טון.

ער צעקושט זיך מיט זיי און זיי לאזן זיך צוזאמען שפאצירן לענג-אויס דעם ברעג.

דאס עלטערע בחורל קען נישט פארשטיין:

— ווי אזוי זשע האט איר אונדז דערקענט?

— וואס הייסט ווי אזוי? מיט די אויגן! דערזען און דערקענט.

— פון ווען געדענקט איר אונדז דען?

— פון פאר צוויי יארן. וואס איז, איר געדענקט דען נישט, אז איך בין ביי אייך געווען צו גאסט?

— ניין... ס'הייסט יא, פאר וואס זאלן מיר נישט געדענקען?

— איך געדענק אפילו, אז ביי אייערן א שכן איז דאמאלסט א מיידעלע אראפגעפאלן פונעם גאניק און זיך צעבראכן א פיסל, ריכטיק?

— מיר געדענקען, מיר געדענקען...

זאַכאַר, אונטערן דרוק פון זכרונות:

— איך געדענק אפילו, אז קענגאיבער אייער שטוב האָט געוווינט א מאָדיסטקע... א שיינע אזא... איר ווייסט נישט וועמען איך מיין? א פריי־לעכע אזא, פלעגט שטענדיק שמייכלען...

די יינגעלעך ווערן רויט איבער די אויערן און דער עלטערער ענטפערט שטאַמלענדיק:

— איך ווייס נישט... אפשר האָט געוווינט...

זאַכאַר כאַפּט זיך דערויף, אז די לעצטע ווערטער האָט ער נישט גע־דאַרפט זאָגן פאַר זיינע יונגע קרובימלעך און בייט גלייך איבער דעם שמועס:

— דערציילט זשע מיר עפּעס. פון וואָס איז די מאַמע געשטאָרבן?

— זי האָט זיך פארקילט און באַקומען א לונגען־אָנצינדונג.

— זי האָט געמוזט מער נישט אַלט זיין ווי א יאָר פערציק, צוויי און פערציק.

— דוקא נאָר ניין און דרייסיק.

— ניין און דרייסיק? — יאָ, יאָ, אזוי איז דאָס, טאַקע מער נישט. אָך, א שאָד, א שאָד... איז וואָס זשע טוט איר דאָ?

— מיר לערנען זיך.

— איז אין לאַזאָוואַיאַ קיין שול נישטאָ? צוליב דעם דאַרף מען פאָרן אזש קיין קיעוו?

— דער טאַטע גייט חתונה האָבן, וויל „זי" נישט, אז מיר זאָלן דאָרטן זיין.

— נו,נו, נאַ דיר גאָר אזא מרשעת!... איז וווּ זשע וווינט איר?

— אזוי...

— אָבער וווּ שלאָפט איר?

— וווּ עס איז נישט איז, מען מוטשעט זיך.

— וואָס זשע, מען קען אייך נישט ארייננעמען אין א אינטערנאַט?

— ווייס איך, עס איז א קלייניקייט, זומער...

— וואָס הייסט, א קלייניקייט? פאַר וואָס זאָלט איר אָפּקומען?

— מיר קומען נישט אָפּ, ס'איז אונדז גאַנץ גוט.

— שוין לאַנג, אז איר זענט דאָ?

— שוין העכער א חודש צייט...

— העכער א חודש? אָך, יאָ! דער טאַטע אייערער האָט טאַקע גע־שריבן. שוין טאַקע היפּשע עטלעכע וואָכן... גערעכט...

— אונדזער טאַטע האָט אייך געשריבן?

— יאָ.

— וואָס נאָך האָט ער געשריבן?

— מער גאָרנישט. שאַט, חברה, מיר איז אייננעפאַלן אַן אידייע. איך האָב א באַקאַנטן דירעקטאָר פון א אינטערנאַט. מיר וועט ער נישט

אפזאגן. פון אונטער דער ערד וועט ער קריגן ערטער פאר אייך. איך וויל כאטש עפעס טון פאר מיין געשטארבענער קוזינע.

— ניין, מען דארף נישט.

— וואס הייסט עפעס, מען דארף נישט? וואס שעמט איר זיך? איך בין אייך עפעס א פרעמדער, צי וואס?

— נישט דערפאר... ווער שעמט זיך דען?

— איי, הערט שוין אויף! צייגעניש, אז איר זענט שילערס, האט איר?

— ניין, נאר מען דארף נישט.

— מען דארף יא, נארישע קינדער. איך ווייס בעסער פאר אייך. וועלכן נומער טראגט אייער שול?

ביידע יינגעלעך קוקן זיך איבער און שווייגן.

— פאר וואס ענטפערט איר נישט?

ביידע האלטן די אויגן אראפגעלאזט אויף דער ערד און מען שווייגט.

זאכאר אסיפאוויטש איז אויסער זיך פאר איבערראשונג. וואס טוט זיך עס מיט די קינדער?! ערשט האבן זיי גערעדט און פלוצלינג פאר־לוירן דאס לשון... וואס שטעקט דא אזוינס? מיט א מאל באמערקט ער. פונעם קלענערנס הויזנלאך שטעקט ארויס א ציצה. לכתחילה האט ער גאר־נישט געלייגט קיין אכט דערויף, נאר לויטן כאפ, וואס דאס קינד האט זיך געגעבן ביים ארייגשטעקן די ציצה, נאך דעם אימפעט פון דעם פארשפי־ליען די קנעפלעך, האט ער זיך אנגעהויבן צו ביסלעך אנשטויסן, וואס דא קומט פאר. שפעטער, ווען ער האט באמערקט, אז אפגעשוירן זענען זיי אויך נישט גלייך מיט אלע קינדער, האט ער שוין אלץ פארשטאנען.

מיט דער ביטערקייט פון א פוקס, בייט ער איבער דעם אויסדרוק פונעם פנים. די אראפגעלאזטע ליפ באקומט א פרידלעכן אויסדרוק. ער זאגט זיי:

— קומט א ביסל, וואס שטייט איר? איר פארשטייט? ווען נישט דאס, וואס מען ווארפט מיך אצינד ארויס פון דער דירה, וואלט איך אייך נישט גענומען צו זיך וווינען? ווי פארשטייט איר? און אזוי האב איך טאקע געשריבן דעם טאטן אויך... יא, איך האב גאר פארגעסן פרעגן, דער טאטע שרייבט מיר, אז איר זענט שוין גמרא־יינגלעך, עס איז טאקע אמת?

די קינדער כאפן זיך נישט אויף דער פלוצימדיקער ענדערונג. דער עלטערער ענטפערט שעמעוודיק:

— דאס האט ער זיך נאר בארימט. עס איז נישט אמת.

— פאר וואס זשע איז דאס נישט אמת?

— ווייל מיר קענען נאך נישט. ער לערנט ערשט חומש און איך הייב שוין אן רש"י.

— אבער דער רבי איז כאטש א לייטישער מלמד?

— גאר א ווויילער.

— ער שלאגט נישט?

— קיין מאָל נישט!

— און ער איז טאַקע אַליין דער גאַנצער בעל־הבית?

— וואָס איז עפּעס ער? און ווו איז שלמה? שלמה איז גרעסער פון אים!

— נו, עס פאַרשטייט זיך, אַז שלמה האָט מער דעה. ער איז פּשוט עלטער אויך פונעם רבין...

— כאַ־כאַ־כאַ! שלמה איז עלטער פון דעם רבין? פון וועלכן שלמהן רעדט איר? איך מיין דעם, וואָס האָט אונדז געבראַכט פון לאַזאָוואַיאַ...

— אַך, יענעם מיינט איר? וואָס איז געפאָרן נאָך אייך? יענער איז אודאי יינגער!

— אַ סך יינגער.

— קומט אַריין, חברה, אין רעסטאָראַן אַריין, וועלן מיר עפּעס איבער־כאַפּן. נאָכן באָדן זיך קערט איר זיין גוט הונגעריק.

— אַ דאַנק, מיר ווילן נישט.

— קומט, וואָס שעמט איר זיך? איך בין דאָך אייך נישט קיין פרעמ־דער. און קיין טריפה זאַכן עס איך אַליין אויך נישט.

אין רעסטאָראַן האָט זאַכאַר געגומען אַ באַזונדער צימער, געהייסן דערלאַנגען עטלעכע פלעשלעך קרעם־סאָדע מיט געבעקס און אַ חוץ דעם, עטלעכע פּליטקעס שאָקאָלאַד. דערזעענדיק שאָקאָלאַד האָבן זיך ביי די יינגעלעך צעפלאַקערט די אייגעלעך. זאַכאַר האָט אַ שמייכל געטון:

— עסט, וואָס קוקט איר? ביי מיר שאָקאָלאַד איז אַזוי ווי ברויט.

— אַזאַ רייכער זענט איר?

— רייך, צי נישט רייך, נאָר עס איז ברוך־השם דאָ, אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט...

— איר זאָגט דאָך, אַז מען וואַרפט אייך אַרויס פון דער דירה?

— נישט מען וואַרפט מיך אַרויס, נאָר מען שטעלט זיך זי רעמאָנ־טירן.

— און אַן אויטאָ האָט איר אויך אַן אייגענעם?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? וואָס דען, קיין אויטאָ נישט האָבן?

— און איר וואָלט אונדז געקענט אַ ביסל אַרומפירן איבער דער שטאָט?

— מיטן גרעסטן כבוד, פאַר וואָס עפּעס נישט? נאָר פונקט אַצינד איז ער ערגעץ אַוועקגעפאָרן, וועט שוין זיין מאָרגן. יאָ, זאָגט מיר, חברה, אַזאַ מין זאַך, איך וואָלט געוואָלט מיין חברה־מאַן אויך אָפּגעבן אין חדר...

— איר האָט דאָך גאָר אַ מיידעלע, האָט איר, דאַכט זיך, געזאָגט דאַ־מאָלסט ביי אונדז?

— אַ מיידעלע אויך. אַ יינגעלע אַ חוץ און אַ מיידעלע אַ חוץ.

— נו, פאַר וואָס נישט? ער קען שוין עפּעס?

— וואָס פרעגט איר אַזעלכע נאַרישקייטן? יענער לערנט שוין אָפּ אַליין אַ בלאַט גמרא, אַז עס גייט אַזש אַ רויך.

— אויב אזוי, וועט מען אים געווים אריינגעמען, עס איז גאָר קיין ספק נישט.

— דאָס פאַרשטיי איך אַליין אויך. נאָר דער עיקר, צי לערנט מען ביי אייך ווי עס באַדאַרף צו זיין ?

— וואָס דען מיינט איר, ניין ? און ווידער, פאַר וואָס נעמט איר אים אָפּ ביים פריערדיקן מלמד ?

— ער איז נעבעך געשטאָרבן פאַר צוויי וואָכן.

— אַהאַ, דאָס מיינט איר ר׳ גדליהן פון שוליאַוועקע ? שוין דריי וואָכן, נישט קיין צוויי.

— אָט־אָט־אָ, ר׳ גדליה לשלום, איז טאַקע געווען זיין רבי. אַ געהויבע־נער ייד געווען. שוין גאַנצע דריי וואָכן ? יאָ, טאַקע גערעכט. טאַקע דריי וואָכן. איי, איי, איי, לויפן זיי, די וואָכן און די יאָרן... איז וואָס זשע זאָגט איר, איז דאָרט נישט ענג ?

— וואָס הייסט, ענג ? עס זענען דאָך דאָ כתות.

— דאָס פאַרשטייט מען. אָבער איך מיין, אויב אין אַ כתה זענען דאָ אוועלכע פופצן, צוואַנציק ייִנגלעך, הייסט עס טאַקע ענג.

— חס־ושלום, עס זענען דווקא מער נישטאָ ווי צוועלף ייִנגלעך אין אַ כתה, און אין דער כיתה פון שאָרפן שיעור נאָר אַכט. בלויז ביי אונדזער חומש־טיש זעצן זיך אַכצן ייִנגלעך, אָבער ביי גמרא איז פיל שיטערער...

— און דאָס אַלץ ליגט נעבעך אויף צוויי מלמדים בסך־הכל ?

— פאַר וואָס, אויף צוויי ? און ווו איז ר׳ שלום און ר׳ נפתלי ? הייִנט, דער פאַרהערער ? הייִנט, דער משגיח ? איר האָט נישט וואָס צו קלערן, ווו אַלע לערנען, וועט ער אויך לערנען.

— נו, אַז איר רעדט מיך אַזוי צו, גיב איך אים אָפּ אפילו מאָרגנדיקן טאָג. איך וויל נאָר פריער איבערשמועסן מיט שלמהן, ער וווינט דאָך טאַקע אויף פּאָדאָל ?

— ווער, שלמה ? גאָט איז מיט אייך, איר זענט שכור פון דער קרעמ־סאָדע, צי וואָס ?

— וואָס דערציילט איר מיר — ראַנגלט זיך זאַבאַר און ווישט זיך אָפּ דעם שוויים — אַז איך זאָג אויף פּאָדאָל, ווייס איך, וואָס איך זאָג... אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן...

— וואָס איז מיט אייך ? ער וווינט דאָך גאָר אויף סאָלאָמינקע, ער און דער פאָטער און אַלע...

— אוי, גערעכט ! אמת טאַקע, די לעצטע צייט וווינען זיי אויף סאָלאָ־מינקע. פריער האָבן זיי געוווינט אויף פּאָדאָל, דערנאָך האָבן זיי זיך אריבערגעצויגן אויף סאָלאָמינקע. דאַרף מען צופאָרן אויף סאָלאָמינקע, איבערשמועסן מיט שלמהן און אָפּשיקן דאָס קינד אין ישיבה...

— נאָך וואָס טויג אייך שמועסן מיט שלמהן ? איר קענט גלייך מיט אים קומען צו אונדז, וועט מען אים פאַרהערן און דאָס הייסט צוגענומען.

— ניין, עס פירט זיך נישט אַזוי. אַ קינד, וואָס האָט דאַנקען גאָט אַ

טאַטן, גייט נישט אַזוי פּשוט אַריין אין חדר. דער פֿאָטער שמועסט פֿריער אָפּ מיטן ראש־ישיבה, וועגן דעם, וועגן יענעם... אַזוי פֿירט זיך די וועלט פֿון קדמונים, אַזוי וועל איך אויך טון... נאָר איר ווייסט, וואָס איך האָב באַטראַכט? איידער איך זאָל אַליין פֿאָרן אויף סאַלאָמינקע, און דאַרפֿן דאָרטן זוכן...

— וואָס איז דאָרטן דאָ צו זוכן? עס איז דאָך באַלד פֿון יענער זייט בריק...

— דאָס ווייס איך, אַז עס איז נישט ווייט פֿון דער בריק, נאָר אַזוי ווי איר ווילט זיך במילא אַ ביסל דורכפֿאָרן מיטן אויטאָ, קענען מיר אָפּ־רעדן אויף אַ צייט און צופֿאָרן צוזאַמען צו שלמהן.

— מען וואָלט געקענט אַפֿילו שוין, ווען דער אויטאָ איז דאָ.

— ניין, אַצינד איז דער אויטאָ נישטאָ. מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף מאָרגן. יאָ, אַמבעסטן וועט זיין מאָרגן.

— אויב מאָרגן, איז ערשט נאָך פֿאַר נאַכט, נאָכן לערנען.

— ווען הייסט נאָכן לערנען?

— אַרום זעקס אַ זייגער.

— טאַקע סאַמע גוט. דאַמאָלסט בין איך אויך פֿריי.

— ווו זשע וועלן מיר אייך אָפּזוכן?

— קומט, אַט דאָ נישט ווייט וווין איך, וועט איר אַריינקומען צו מיר אַהיים מאָרגן זעקס פֿאַר נאַכט און איך וועל שוין אויף אייך וואַרטן מיטן אויטאָ.

— גוט.

— איין זאַך נאָר וואָלט איך אייך געבעטן. איך בין אַ מאָל געווען מיט שלמהן צעקריגט, ווייס איך נאָך נישט, ווי אַזוי מיר וועלן זיך צונויפֿ־שמועסן, איז ביז עפּעס וואָס, טאָמער ווערט נאָך ביי אונדז גאָרנישט, וואָלט איך געבעטן ביי אייך, אַז קיינער זאָל דערווייל פֿון דעם אַלעמען גאָרנישט וויסן.

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אַז איר זאָגט ניין, איז ניין.

— אַט אַזוי האָב איך ליב. נו, געגאַנגען חברה, קומט!

זאַכאַר אָסיפּאָוויטש האָט זיי געוויזן זיין פֿאַראַדנע טיר, אויסגעמאָלט ווי אַזוי אַריינצוגיין און אַ קלאַפּ טוענדיק זיי אין די פּלייצעס זיך וואָרעם מיט זיי געזעגנט.

קאפיטל XXV

אריינקומענדיק צו זיך האט זאכאר אסיפאוויטש אריינגעלייגט דעם קאפ אין די הענט און זיך שטארק פארטראכט. פילן האט ער געפילט, אז ער האט אין די הענט א וויכטיקן סוד, א פיל שטארקער מיטל פון א רויט ביכעלע און פון הונדערט רויטע ביכעלעך, נאר קיין פארטיקן פלאן, וואס ער האט צו טון, האט ער נאך נישט געהאט. נאך בעת ער האט דערזען, ווי דאס יינגעלע באהאלט די ציצה, האט אים א שלאג געטון א געדאנק: — „זאכאר, א קרענק וועט אראנטשיק וווינען אין דיין דירה!" — אבער ווי אזוי מאכט מען דאס אלץ?

צען אויף דער נאכט האט ער אנגעקלאפט אין טיר צום נאטשאלניק פון דער אבל־געפעאו. יענער האט געהאלטן אין מיטן שרייבן און נישט אויפהייבנדיק די אויגן, גראב געפרעגט:

— וואס וועט איר זאגן?

— אז איר וועט ענדיקן שרייבן, וועל איך דאמאלסט זאגן.

דער נאטשאלניק האט אויפגעהויבן א פאר פארוואונדערטע אויגן. אזא דרייסטן טאן איז אים נישט אפט אויסגעקומען צו הערן.

זאכאר האט אויסגעהאלטן זיין קוק און נישט ארפגעלאזט די אויגן. דער נאטשאלניק האט א טראכט געטון און געזאגט:

— גוט, ווארט אויס.

פארענדיקט דאס שרייבן האט ער דעם בויגן פאפיר צונויפגעלייגט אין פירען, פארזיגלט אין א קאנווערט און א קוועטש געטון א קנאפקע. אויף דער שוועל האט זיך באוויזן אן ארדינארעץ *.

— אפטראגן לויטן אדרעס, נאר די רגע.

די טיר האט זיך פארמאכט. דער נאטשאלניק האט זיך געווענדעט צו זאכארן:

— איצט הער איך אייך.

זאכאר האט זיך איבערגעזעצט נעענטער און ארויפגעווארפן זיינע בליקן אויפן נאטשאלניקס פנים:

— איך האב היינט אויפגעדעקט א גרויסע אונטערערדישע ארגאני־זאציע.

— רעדט!

זאכאר האט אים מיט אלע פרטים איבערגעגעבן זיין שמועס מיט די יינגלעך און אויסגעפירט מיט די ווערטער:

— לויט מיין אפשאצונג מוזן לערנען אין דעם אנשטאלט מינדעסטנס פופציק קינדער. מיט זיי לערנען און פירן אן איבער צען עלטערע מענטשן, מיט דעם שלמהן אין דער שפיץ. ער, ווייזט אויס, איז דער גענעראל פון

---

* א באדינער ביי מיליטער־לייט, אויף שליחותן.

דעם אָרדען און דערפאַר קומט ביי מיר אויס, אַז נעמען אים איז וויכטי־קער פון אַרעסטירן דעם חדר.

— פּאָלקאָם ריכטיק. ער איז וויכטיקער. אַז ער וועט זיין ביי אונדז אין די הענט, וועט ער די איבעריקע אויך געבן. און אויב איר וועט מאָרגן הייסן די קינדער זיך פירן אין חדר אריין, קען זיך שלמה דערוויל אַרויס־גליטשן פון אונדזערע הענט. ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַן אופנים פון איבערגעגעבן ידיעות יענע נוצן זיך.

— האָב איך, הייסט עס, ריכטיק געטון, וואָס איך האָב אָפּגערעדט מיט די קינדער אויף מאָרגן פאָרן צו שלמהן?

— ריכטיקער קען גאָר נישט זיין.

— אויף צו אַרעסטירן שלמהן דאַרף איך האָבן אייער הילף.

— דערפון פאַרשפּאַרט איר רעדן. איר האָט צוגעזאָגט די קינדער אַן אויטאָ?

— אויף זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט.

— צען מינוט פאַר זעקס וועט שטיין אַ פּרייער אויטאָ פאַר אייער פּאַראַדנע און וואַרטן אויף אייך. פּונקט מעטער ווייטער וועט שטיין נאָך אַן אויטאָ מיט פינף מיינע מענטשן. צוויי פון זיי וועלן נאָר זיין אין אוני־פאָרם, די איבעריקע דריי וועלן זיין אין ציווילן. איר ווייסט נישט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער מוז מען אָנגיין אַלס אַ צופעליקער צושויער. אָנ־פירן מיט דער אָפּעראַציע, וועל איך שיקן מיין אַדיוטאַנט מאַסקאַליענקאָ. ער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף אַזוינע אונטערנעמונגען. ער וועט שוין האָבן ביי זיך אויך אַן אָרדער אויף אַרעסטירן, ווען מען דאַרף. איר מיט די יינגלעך וועט פאָרן פאָרויס און זיי וועלן אייך נאָכפאָרן הינטן. אויף סאָלאָמינקע זאָלט איר נישט אַרויספאָרן מיטן אויטאָ, עס איז אַ דאָרף, מען קען אָנמאַכן אַ רעש און דאָס קען אַלנפאַלס קיין נוצן נישט ברענגען. איר זאָלט זיך אָפּשטעלן אויף דער זייט בריק, און פון דאָרט גיין צו פוס...

— און די יינגלעך —

— וועט איר זאָגן, אַז דער אויטאָ איז קאַליע געוואָרן.

— איצט, נאָך אַ פּאָר ווערטער.

— ביטע.

— איך דאַרף פון אייך אויך אַ שטיקל טובה.

— זאָגט, אויב עס איז מעגלעך, וועל איך טון.

— איך אַרבעט אַלס דירעקטאָר פון סטאַלאָווע אויף דער טיטון־פאַבריק, שוין ניין יאָר, און בין אַ גוטער אַרבעטער.

— איר דאַרפט נישט אַזוי מאַריך זיין, זאָגט קורץ.

— נישט לאַנג האָב איך זיך צעוועטלט מיט מיין ווייב און ווי עס טרעפט זיך... פאַרשטייט זיך, כ'בין מודה, אַז עס איז געווען אַן עולה פון מיר... בקיצור, איך האָב זי אַ ביסל צעקלאַפּט, די אויגן הייסט עס... האָט דער ראַי־קאָם־פּאַרטיע יענע וואָך געמאַכט דערפון אַ גאַנצע מאַני־פעסטאַציע, מיך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, אָפּגענומען מיין פּאָסטן

און איצט גייט מען מיך אויך ארויסווארפן פון דער דירה... איך רעכן, אז מיין מארגנדיקע אפעראציע האט די ווערט... און בכלל, קען איך אייך צונויפקומען אומעטום...

— פארשטאנען.

דער נאטשאלניק האט אראפגענומען דאס טרייבל און מיט א שמיכל באס געזאגט:

— גיט מיר דעם אבל־קאם־פארטיע. אבלקאם? ווער רעדט? שליסט מיך איין צום ערשטן סעקרעטאר. — יא, יא, ווער איז? אילאין? זדראוו!* דאס רעדט סאקאלאוו. הער, ברודערקע, אט וואס. יענע וואך האט מען אויפן דירעקטאר פון דער סטאלאווע אין דער טיטון־פאבריק געמאכט א גאנצן פראצעס, אויסגעשלאסן פון דער פארטיי, אראפגענומען פון דער ארבעט און מען נעמט ביי אים צו אויך די וווינונג. וואס? וואס? ווייזט אויס, א פאבריק־הויז, אזוי ווייזט אויס. אלזא, איז אזוי די זאך: דער מענטש...

צו זאכארן:

— ווי איז אייער פאמיליע־נאמען?

— שטיין.

— דער חבר שטיין איז אונדזערער א מענטש, פארשטאנען? זייער א נוצלעכער מענטש. מארגן אין דער פרי זאלסטו צושיקן א פאראָרדענונג אויף דער פאבריק, אז זייער אורטייל ווערט אנולירט, דער חבר שטיין בלייבט אויף דער ארבעט, אין דער פארטיי און, פארשטייט זיך, אויך אין דער וווינונג. וועסטו שוין נישט פארגעסן? — גוט, גוט, שיק איך אים מארגן צו דער ארבעט. נו, א גוטן! ווען זעען מיר זיך? גוט, גוט, איך בין אלע מאל דא. ביטע, ביטע, א גוטן!

אפגערוקט פון זיך דעם טעלעפאן־אפאראט, פרעגט ער זאכארן:

— נו, חבר שטיין, זענט איר צופרידן?

— א גרויסן דאנק, איר וועט פון מיר אויך זיין צופרידן.

— אנדערש טאר עס נישט זיין. זייט מיר געזונט.

זיי געזעגענען זיך ווארעם און זאכאר גייט ארויס.

*

זאכאר מיטביידע יינגעלעך האבן נאך נישט באוויזן צומאכן הינטער זיך די טיר, ווי נאך זיי זענען אריינגעקומען נאך פינף יונגע מענטשן, צוויי — אין בלויע היטלען מיט רויטע פאסן, און דריי — ציווילע. אלע זענען א מינוט געשטאנען שטיל. ביים טיש איז געזעסן אפרים־אהרון און האט אריינגעקוקט אין א ספר. צפורה, האט איינגעהאקט פיש און יונהלע מיט שיינדעלען האבן געגרייט די לעקציעס. אלע שטויבקע זענען געבליבן זיצן געפלעפט פון דער כאליאסטרע.

---

* זיי געזונט. א באגריסונג ביים באגעגענען זיך.

מאסקאליענקא האט געמאכט א טריט פאראויס:

— זיצן — און זיך נישט רירן פון ארט!

זאכארן האט ער א ווונק געטון אויף די קינדער.

— דאס איז שלמה? — האט זאכאר געפרעגט ביי זיי.

די קינדער האבן דערשראקן געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין.

— ווער דען איז דאס?

— שלמהס טאטע.

מאסקאליענקא איז צוגעגאנגען צו אפרים־אהרונען:

— אויפשטיין, אז דער נאטשאלניק רעדט צו דיר!

אפרים־אהרון האט זיך געלאסן אויפגעהויבן. דאס פנים איז ביי אים געווען ווייס ווי קאלך, נאר רואיק.

— שלמה איז דיין זון?

— מיינער.

— ווו איז ער?

— פון וואנען זאל איך וויסן?

— ווער דען ווייסט? איך?

אפרים־אהרון האט גארנישט געענטפערט.

— וווהין איז ער אוועקגעגאנגען?

— ער גיט מיר נישט אפ קיין באריכט פון זיינע גענג.

מאסקאליענקא האט אנגעכאפט אפרים־אהרונען פאר דער ברוסט:

— דו וועסט ענטפערן, ווי עס דארף צו זיין?

די ייִנגעלעך, שיינדעלע און יוכלע האבן אויפגעהויבן א געשריי. די פיר אגענטן האבן ארויסגעכאפט רעוואלווערן:

— שטיל זאל זיין!

מאסקאליענקא האט געקריצט מיט די ציין:

— דו וועסט ענטפערן, צי ניין?

— איך האב ביז אהער אויך געענטפערט, חבר נאטשאלניק...

— שווייגן! וואס פאר א חבר בין איך דיר? זאג, ווען איז שלמה אוועקגעגאנגען?

— נעכטן פאר מיטאג.

— נעכטן?

— יא, נעכטן. ער איז נישט געקומען נעכטיקן.

— עס טרעפט אפט, אז ער קומט נישט נעכטיקן?

— ווען עס פארגלוסט זיך אים.

— ווו זשע נעכטיקט ער דאמאלסט, ווען ער קומט נישט?

— וועגן דעם דערציילט ער מיר נישט.

— ווי קען דאס זיין? ער איז דאך א גאנצער הייליקער.

— איך ווייס דערפון נישט, ער זאל זיין א הייליקער.

— און וווהין איז ער איצט אוועקגעגאנגען?

— איך האב שוין געזאגט, אז דאס ווייס איך נישט.

— דו האסט שוין געזאגט, זאגסטו? — ניין, דו וועסט ערשט זאגן.
ער דרייט זיך אוים צו זיינע אגענטן:
— א טרייסל טון די שטוב!
און אליין זאגט ער צו צפורהן:
— זעץ דיך ביים טיש לעבן מאן און זיצט ביידע שטיל און רואיק. טאמער קומט עמעצער אריין און איר גיט אפילו א פיפס, זעט איר אט דאס־א? — ער טראגט איר אונטער זיין נאגאן — אזוי שיס איך אייך אויפן ארט ווי די הינט.
אין שטוב איז אן איבערקערעניש, עס פליען שופלאדן, קעסטלעך, קליידער און ביכער, וועש און העפטן...
איינער דערלאנגט מאסקאליענקען אן אלבאם מיט פאטאגראפיעס און גיט בעת מעשה א פילדייטיקן ווונק אויף די קינדער. מאסקאליענקא עפנט דעם אלבאם און רופט צו די יינגעלעך:
— דערקענט, וועלכער איז דא שלמה?
זיי הייבן אן צו וויינען:
— מיר האבן נישט געמיינט... מיר וועלן שוין מער נישט...
מאסקאליענקא גיט דעם עלטערן א קוועטש ביים האלדז:
— מיט אייך וועלן מיר זיך אויך דינגען?
דער קלענערער גיט א קוויטש און ווייזט אן:
— אט דער!
אויף גיך ווערן אויסגעקליבן אלע פאטאגראפיעס פון שלמהן פונעם אלבאם און פארשווונדן אין מאסקאליענקאס בוזעמטאש.
אין א מינוט ארום רופט ער צו איינעם פון זיינע חברים, בייגט זיך אן צו יענעמס אויער:
— איך קלער, אז די יינגעלעך קענען מיר דא נאר שטערן. שלמהן דערקענען וועל איך שוין אן זיי, זיינע פאטאגראפיעס זענען ביי מיר, וויל איך זיי ארויסשיקן אין קעגנאיבערדיקן סקווערי קל מיט איינעם פון אונדזז. אויב איך וועל ווי דארפן, וועל איך זיי א רוף טון. ווי מיינסטו?
— און טאמער זעט זיי עמצער און פארשטייט עפעס?
— וואס וועט יענער זען? א ציווילן מענטשן?
— נו, איך וויים? טו, ווי דו פארשטייסט. מיר דאכט זיך אויך, אז עס איז נישט קיין קרומער געדאנק.
ביידע יינגעלעך, אין דער באגלייטונג פון א געפוצטן גייען אוועק אין סקווער. די רעוויזיע איז געענדיקט, מען האט גארנישט געפונען קיין פארדעכטיקס. נאר מען זיצט און מעןווארט אויף שלמהן.

קאפיטל XXVI

נאָך אין טראַמוויי זיצנדיק האָט דינה דערקענט אין די ייִנגעלעך, וואָס זיצן אין סקווער, אַז דאָס זענען די זעלבע, וואָס האָבן אַ מאָל ביי זיי געווינט. איר אויפמערקזאַמקייט איז צוגעצויגן געוואָרן פון זייערע שטאַרק באַטריבטע פּנימלעך און בלייכע בעקעלעך. און ווער זיצט דאָס לעבן זיי? עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן. אַ מינוט האָט זי זיך פאַרקלערט וועגן דעם און נאָך דעם באַשלאָסן, אַז עס האָט נישט צו איר: פרעמדע ייִנגעלעך, ווייסט זיי דער גוטער יאָר, וואָס זיי שלעפּן זיך אַרום איבער די סקווערן. אפשר לערנען זיי שוין גאָרנישט?

ווען זי האָט געעפנט די טיר און אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי באַלד אויף די עלטערנס געזיכטער איבערגעלייענט אַלץ, וואָס דאָ טוט זיך, ווער די געסט זענען און וואָס די ייִנגעלעך טוען אויף סאַלאַמינקע. זי האָט זיך אויף קיין איין רגע נישט פאַרלוירן. מיט אַן אָנגענעם קול האָט זי זיך געוווּנדערט צום פאָטער און ביז גאָר אַ פאַרוווּנדערטע, געפרעגט:

— אייער דינה איז אַזוי שפּעט נאָך נישטאָ פון אינסטיטוט?

— ניין, זי איז נאָך נישט געקומען, — האָט אפרים־אהרון קאַלט געענטפערט.

— בירגערין, מאַכט צו די טיר און קומט אַריין — האָט מאַסקאַליענקאָ שטרענג געזאָגט.

דינה איז רואיק צוגעגאַנגען צום טיש און פרעגנדיק געקוקט אויף מאַסקאַליענקאָן.

— אויף וועמען האָט איר זיך דאָ נאָכגעפרעגט?

— אויף דינה פּיאַטיגאָרסקי, מיין חברטע פון אינסטיטוט.

— איר לערנט מיט איר צוזאַמען?

— אויף איין פּאַרטע.

— איר גייט אָפט אַריין אַהער?

— כּמעט יעדן טאָג.

— שלמהן קענט איר?

— כ'האָב אים געזען עטלעכע מאָל.

— איר שפּאַצירט מיט אים אַ מאָל?

— מיט אים? שפּאַצירן? אויך מיר אַ קאַוואַליער...

— מיט וואָס זשע איז ער אַ שלעכטער קאַוואַליער?

— איך זאָג נישט, אַז אַ שלעכטער, נאָר מיר געפעלט ער נישט.

— אפשר ווייסט איר, וווּ ער קען אַצינד זיין?

— ווי אַזוי קען איך דאָס וויסן?

— ווי מיינט איר, עס קען אפשר געמאָלט זיין, ער זאָל אַצינד פּונקט זיין אין ישיבה?

— אין — וואָס?

— אין ישיבה...

— אין ישיבה? וואס איז דאס, א צעך אזוינער?

— יא, א צעך.

— איך קען אייך נישט זאגן, איך ווייס נישט. אפשר אין צעך...

— חברטע, גייט אהיים און חברט זיך וואס ווייניקער מיט דער שטוב, עס איז אן אומריינע שטוב.

— אנטשולדיקט, איך חבר מיך מיט דינהן און נישט מיט דער שטוב און זי איז זייער א פיין קינד.

— רעדט ווייניקער, וועט זיין געזונטער פאר אייך און טאמער באַגעגנט איר שלמהן, זאגט אים גארנישט...

— א געשעפט האב איך מיט אים.

זי האט צוגעמאכט הינטער זיך די טיר, און דאן ערשט איז זי בלייך געווארן. יעדע מינוט איז טייער, מען טאר נישט שלאפן, — האט זי געטראכט — וואס טוט מען? וואס טוט מען?

קודם־כל איז זי אראפגעגאנגען די גאס ביז צו ענדע, טאמער קוקט מען איר נאך. זעענדיק, אז קיינער האט זי נישט אין זינען, האט זי פייל אויסן בויגן פארקערעוועט צו די כאדאראוום. זי איז אריינגעפאלן צו זיי אין שטוב אריין נישט טויט, נישט לעבעדיק:

— הערט און פאלגט! ביי אונדז אין שטוב זיצט די געפעאו. מען ווארט אויף שלמהן. דער חדר האט זיך פארשיט. גאלדע, גיך צו דער צווייטער סטאנציע פון טראמוויי, טאמער קומט אן שלמה, זאל ער זיך ערגעץ אהינטון! דינה, רירעוודיקער, אויף דער ערשטער סטאנציע אפווארטן שלמהן. מנשה, פלינק! פארט צו צו יאנין, טאמער איז ער דארטן, זאל ער אהיים נישט קומען. מיטן וועג לויפט אראפ צו די פייגנבוימס, זאלן זיי די גאנצע חברה אויפהויבן אויף די פיס, אויב מען איז נאך אין חדר נישט געווען, זאלן די מלמדים פארשווינדן. דער בעל־הבית פון דער דירה זאל פארנעמען מיט זיך אלץ, וואס האט א גרויסן ווערט, און אפטרעטן פון דער שטאט. איך אליין לויף אויף דעם ראג קאראוואיעווסקע און מארינסקע; אזוי ווי דארט ווארט א מאל דער טראמוויי אויף א „באגעגעניש“, אפשר וועל איך אים דארט פאקן... נו, איך לויף, שטייט נישט, עס ברענט!

*

יענעם פארנאכט איז שלמה רואיק געגאנגען אויף קוזניעטשנע און געווען פארקלערט אין עפעס אן עפיזאד פון זיין ווערק. ער האט גערעדט מיט די העלדן פון דעם בוך אין געדאנק און נישט געזען גארנישט ארום זיך. מיט א מאל האט אים צווישן דער גרויער מאסע ארומיקע פנימער א שיין געטון א באקאנט פנים.

אין האלב־געראטנדל ביי דער צווייטער פאליקליניק איז געזעסן די מומע טייבל. איר פנים איז געווען אויסגעמוטשעט און שטארק אפגעצערט. שלמה האט זיך צוגעזעצט צו איר און מיט אפענער ליבע זיך איינגעקוקט אין איר פנים.

— דו ווייסט, שלמה, ווען איך זע דיך, איז ביי מיר פשוט א יום־טוב. אוי, אָט די גרויסע שטאָט... אַך, אַך, אַך! נישטאָ וואָס צו רעדן, זיך שיין דערלעבט, טאַטע אין הימל, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד...

— מומע, וואָס ווילט איר? מיר האָבן דען אויסגעשפּיגן די קליינע שטעטלעך? זיי האָבן דאָך אונדז אויסגעשפּיגן, וואָס קען מען העלפן? מען דאַרף גלייבן, אַז יעדע זאַך טוט זיך בהשגחה עליונה.

— גלייבן דאַרף מען אודאי, נאָר עס איז אָבער זייער שווער צו פועלן ביי זיך, אַז אַזוי וועט דאָס שוין בלייבן אויף שטענדיק. די קינדער זענען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע עקן שטאָט... און וואָס איז דאָס לעבן, אומשטיינס געזאָגט? די שול איז עטלעכע קילאָמעטער פון אונדז, גיין איז מיר שווער. פאָרן לאָזן זיי מיך נישט, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך מיר אין טראַמוויי. וואָס דען נאָך איז מיר געבליבן אין מיין לעבן? דאָס ביסל זופּ מיט טייגלעך? רחלע איז ערגעץ נעבכט נאַכט אוועקגעגאַנגען אפשר אויף פיר זייגער שעה... זי זאָגט, אַז זי איז געווען אויף סאָלאַמינקע, ווער ווייסט, צי דאָס איז אמת? דאָס הארץ איז מיר עפּעס שווער פאַר איר... דעם זיידן דיינעם קוקט מען נישט אָן. עס איז טאַקע ווייט אויך און ער טראָגט אויפן קאָפּ די גאַנצע שטאָט... ביי זיינע יאָרן, קיין עין הרע... א דאַנק כאָטש, וואָס דו קומסט אָפּט, דערקוויקסטו מיך, דער אייבער־שטער זאָל דיך טאַקע דערפאַר באַלוינען...

— איי, מומע, נאָך וואָס רעדט איר אַזוינע זאַכן? באַלוינען... איך אַליין בין זיך מחיה, אַז איך זע אייך נאָך א מאָל.

— שלמה, פאַר צוויי יאָרן אין דער צייט ביסטו שוין געווען ביי אונדז אין אַנאַניעוו?

— נאָך נישט. וואָס רעדט איר? איך בין געקומען פיל שפּעטער.

— דו געדענקסט, ווי איך פלעג מיך אין דיר נוקם זיין און וועקן צו סליחות?

— מומע, אָט יענע פאַלן, וואָס איר רופט אָן נוקם זיין זיך, זענען ביי מיר די הייליקסטע זכרונות...

— איך שפּאַס, אַז איך זאָג: נוקם זיין זיך. ווען איך זאָל געווען טראַכטן, אַז דו ביסט נישט שייך דערצו, וואָלט איך דען געווען דאָס געטון? אוי, איז דאַרט געווען א מלוכה, שלמה...

— אמת, מומע, אמת! זאָגט מיר, וואוהין זענען אהינגעקומען דער פאָטער מיט די קינדערלעך, וואָס האָבן געוווינט מיט מיר אין איין שטיבל? פון וואָלאָכאָנסק, דאַכט זיך?

— דו געדענקסט זיי נאָך? זיי איז היינט גוט. דער פאָטער מיטן עלטערן מיידעלע אַרבעטן אין א זאַוואָד פון איינגעמאַכטס, זיי האָבן א גוטע דירה און לעבן גוט...

— איר האָט זיי אמת פון טויט לעבעדיק געמאַכט, מומע.

— איי, איך קען נישט ליידן, אַז דו רעדסט ווי א קינד. וואָס האָב איך זיי געטון? וואָס איז, זיי האָבן נישט דעם זעלבן גאָט וואָס איך, צי

וואָס דו ? איך בענק באמת נאָך זיי און וואָס עפּעס נאָר נאָך זיי ? נאָך אַלץ בענק איך... אָפּגעלעבט אין אַנאַניעוו עטלעכע אין דרייסיק יאָר... דאָס גאַנצע לעבן... מיר דאַכט, ווען איך קען איצט אהין קומען, וואָלט איך די ערד געקושט...

— אוי, מומע, אויף צו קושן די ערד איז ארץ־ישראל בילעבער.

— איי, קינד איינער, אַזאַ שברי־כלי ווי איך קען טראַכטן פון ארץ־ישראל ? דאָס איז פאַר אַזאַ יונגן מענטשן ווי דו, אָבער איך וועל שוין דאָס נישט דערלעבן.

— מומע, נו פרעג איך אייך, מעג יאָ אַ יידיש קינד אַזוי רעדן ? ווער שמועסט נאָך — איר, וואָס פלעגט אריינבלאָזן גלויבן און דערמוטיקונג אין פאַרגליווערטע הערצער... נאָך וואָס דען זאָגט איר אַלע טאָג „אחכה לו בכל יום שיבוא" ?...

און נאָך אַ פּויזע:

— זאָגט מיר, מומע, איר וואַרט דאָ אויף אַן אויפנאַמע פון רענטגען ?

— אויף וואָס דען וואַרט איך ?

— איר פילט זיך אַ ביסל גרינגער פון די באַשטראַלונגען וואָס מען מאַכט אייך ?

— ווייס איך, עס זענען גאָרנישט ווערט די אַלע רפואות זייערע. דו געדענקסט, אַז מיר זענען געגאַנגען צו סטראַזשעסקין, האָב איך געשריגן, אַז עס איז גלאַט אַבי זיך אָפּצונאַרן. דאָס זעלבע אַצינד. נישט זיי ווייסן, וואָס מיר פעלט, נישט מען העלפט מיר עפּעס צו דעם. וויפל עס איז מיר נאָך באַשערט, וועל איך סיי ווי סיי דערציען און ווען עס וועט קומען דער סוף, וועלן זיי מיר קיין יאָרן נישט צוגעבן. איין זאַך וואָלט איך נאָך שטאַרק געוואָלט דערלעבן, ווייסט גאָט דעם אמת, דאָס איז זען רחלעס זיווג, אוי, ווי דערלעב איך דאָס שוין...

— מומע, איר רעדט עפּעס אַזעלכע זאַכן, וואָס עס איז שרעקלעך צו הערן. דערלעבן... דערלעבן... איר וועט נאָך דערלעבן רחלעס אַ קינד פירן צו דער חופּה...

— דו פּלאַפּלסט שוין גאָר ווי אַ ברעקל קינד. איך פיל גוט, ווי איך צאַנק פון טאָג צו טאָג, און דו רעדסט מיר איין... דעם חולה ווילסטו אָפּ־נאַרן ? נאַרעלע דו...

אין דער טיר אַקעגנאַיבער האָט זיך באַוויזן אַ קראַנקן־שוועסטער און אַ רוף געטון טייבלען צו דער רענטגען־אויפנאַמע.

— איך גיי, שלמה. אַ דאַנק, וואָס דו ביסט געזעסן אַ ביסל, איך בין דאָס אַזוי געוון.

— מומע, איך נאָך מערער. גייט געזונט און האָט אַ רפואה שלימה.

שלמה איז אַוועקגעגאַנגען פון דער מומע טייבלען שטאַרק צעשרויפט. איר האָט ער אויסגערעדט דאָס הארץ, אָבער אַליין האָט ער אויך געזען, אַז עס איז מיט איר זייער נישט פריילעך. דער זייגער איז געווען אַרום זיבן. וווהין גייט מען ? הרב ביאַליק איז שוין ממש ברוגז אויף אים, פאַר

וואָס ער גייט קיין מאָל נישט אַריין צו אים, און אַצינד וואָלט בפּירוש געווען זייער אַ פּאַסיקער מאָמענט. פֿאַר מנחה אָפּזיצן אַ שעה צי צוויי און יוצא זיין אויף זעקס חדשים, איז ער אָבער אַצינד נישט געשטימט, נישט אויף גיין צו גאַסט און נישט אויף זיך מתפּלפּל צו זיין. די מומע טייבל מיט איר בענקען נאָך דער אַנאַניעווער ערד גייט אים גאָר פֿון זינען נישט אַרויס.

צו די טולטשינסקים וואָלט ער אפֿילו יאָ צוגעגאַנגען, איז ער שוין אָבער היינטיקע וואָך צוויי מאָל געווען ביי זיי און פֿאָלין קיין איין מאָל אויך נישט געטראָפֿן. שטייט אים שוין פּשוט נישט אָן אַהין מער צו קריכן. איין מאָל האָט מען אים געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ קאָנסול־טאַציע צום לעקטאָר פֿון מאַטעמאַטיק. דאָס צווייטע מאָל — צו אַ מאָ־דיסטקע. אפֿשר נאַרט מען אים אָפּ? ער וויל גאָרנישט זיך דערגרונטעווען צום אמת. כאַפּט זי דער גוטער יאָר! זאָל זי טון, וואָס זי וויל! ער האָט שוין אויף אַלץ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ניין! פֿון אַלע ערטער, פֿאָרט ער ליבערשט אַהיים. ער וועט כאַפּן אַ דרימל ביז צען, עלף אַ זייגער און נאָך דעם אויפֿשטיין שרייבן...

ער גייט צו צו פֿוס צום נומער אַכט און שטופּט זיך אַריין. עס איז אַ שרעקלעכע ענגשאַפֿט. די כוואַליע אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן טראָגט אים גלייך אַריין אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון וואַגאָן. אויפֿן ראָג פֿון קאַראַוואַ־יעווסקע איז דער אַקעגנגייענדיקער וואַגאָן שוין געהאַט דורכגעגאַנגען און מען פֿאָרט גלייך אויף סאָלאָמינקע.

קאפיטל XXVII

דינה איז געשטאַנען הינטער אַ בוים און האָט דורכגענומען דעם אַנ־קומענדיקן וואַגאָן מיט די אויגן. מענטשן זענען געהאַנגען אויף אַלע זייטן, אָבער שלמהן האָט מען נישט געזען. דער וואַגאָן האָט געווירט און פּלוצלינג האָט זי אים דערזען. גיכער קען מען זאָגן, האָט זי דערפילט, אַז אָט דאָס הימל מיט אַ דעם אַקסל געהערן צו שלמהן. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט זי זיך אויפגעהאַנגען אויפן בופער. אין מח האָט געקלאַפּט אַ העמערל: — וואָס טוט מען ווייטער? דער וואַגאָן וועט זיך שוין נישט אָפּשטעלן ביז סאָלאַ־מינקע און דאָרטן קענען אים נאָך די ייִנגעלעך דערזען אָדער אפשר קען אים עמעצער פון די אַגענטן. ניין, זי מוז פאַר יעדן פּרייז אים אַרויסשלעפּן פונעם וואַגאָן. תיכף! דאָ! הונדערט מעטער פאַר דער לאָקערנדיקער געפאַר.

זי קלערט נישט לאַנג. בשעת קיינער זעט נישט, גיט זי מיט איר פּאָרט־פעל אַ טראַך אין פענצטער. עס פליט אַרויס אַ שויב און צעבראָזגעט זיך אויף פּיץ־פּיצלעך. די קאָנדוקטאָרשע קלינגט מיט אַלע כוחות צום וואַגאָנ־פירער און ער שטעלט אָפּ דעם וואַגאָן. אַלע פונעם בופער צעלויפן זיך, נאָר איין דינה „באַוויזט" נישט צו אַנטלויפן און מען כאַפּט זי ביי דער האַנט. די קאָנדוקטאָרשע שטייט צו צו איר:

— באַצאָל הונדערט רובל פאַר דער שויב. איך וועל פאַר דיר נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

דינה פּרוווט זיך כלומרשט צו פאַרענטפערן:

— נישט איך האָב אַליין צעבראָכן און נישט איך וועל אַליין צאָלן.

— איך קען קיינעם נישט, נאָר דיך.

— ניין, עס זענען געווען עטלעכע מענטשן אויפן בופער, ס'איז גע־ווען אַ געדראַנג...

— בירגערין, פּאַטער מיר נישט קיין צייט אומזיסט, דו באַצאָלסט, צי ניין?

זי גיט אַ פּייף, עס קומט אָן אַ מיליציאָנער. די קאָנדוקטאָרשע דער־ציילט אים פון דעם געשעענעם. ער ווענדעט זיך צו דינהן:

— חברטע, די שויב קאָסט הונדערט רובל. דו האָסט זי אויסגעשלאָגן. קיין אַנדערע שולדיקע זענען נישטאָ. דו וועסט דאָך נישט וועלן, אַז די קאָנדוקטאָרשע זאָל פון אירע גראָשנדיקע פאַרדינסטן צאָלן פאַר דיינע שאָדנס? באַצאָל בעסער די הונדערט רובל, ווייל אויב נישט, וועל איך מוזן דיך מיטנעמען מיט זיך אויף דער מיליץ, דאָרט וועט מען צונויפ־שטעלן אַ פּראָטאָקאָל און עס וועט דיך נאָך דעם קאָסטן צוויי הונדערט און פופציק רובל. ווי דו ווילסט.

דינה מינעט זיך, ציילט אין פּאָרטפעל איר געלט:

— אַז איך האָב אָבער אין פּאָרטפעל קוים צוואַנציק רובל...

— אויב אַזוי, טאָ קום מיט מיר אויף דער מיליץ.

— וואַרט, איך האָב אין וואַגאָן געזען אַ שכן מיינעם, וועל איך ביי אים פרעגן, אפשר האָט ער...

אַלע ווילן וואָס גיכער פאָרן, מען מאַכט איר אַ וועג אין וואַגאָן אַריין, נאָך איר גייט נאָך דער מיליציאָנער. דינה האָט אַזש אַ ציטער געטון פאַר פרייד. זי האָט קיין טעות נישט געהאַט. שלמה זיצט רואיק און לייענט אַ צייטונג. ער האָט מן הסתם אפילו נישט געהערט, צי דער וואַגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דינה גיט אים אַ שלעפּ פאַרן אַרבל און זאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע:

— שכן, איר האָט ביי זיך הונדערט רובל? אויב נישט, וויל מען מיך נעמען אויף דער מיליץ...

שלמה קוקט אויף דינהן, ווי ער זאָל זי זען צום ערשטן מאָל, נאָר איר שמייכל איז אַזאַ זיסינקער, אַז עס ווערט אים מיט אַמאָל עפּעס קאַלט. ער נעמט זיך אָן ווערטער פאַרן ביימעלע, אָבער דינה האַלט אים אָפּ:

— נאָך וואָס זאָלן מיר אויפהאַלטן אַזוי פיל מענטשן? קומט אַראָפּ. וועלן מיר דאָרט זיך צעצאָלן און נעמען אַ קוויט. איך וועל נאָך דאָס געלט אויסמאָנען אויף צוריק... כ׳וועל איר נאָך ווייזן... נישט איך האָב צעבראָכן...

קולות פון וואַגאָן:

— אודאי, אודאי, מען דאַרף פאָרן. מענטשן פאָרן פון דער אַרבעט און זיי פאַרפירן דאָ אַ געשיכטע אויף דריי זייגער שעה.

דינה, שלמה און דער מיליציאָנער גייען אַראָפּ און דער וואַגאָן רירט פון אָרט.

אַז זיי באַקומען דעם קוויט, נעמט אים דינה אונטערן אָרעם:

— קום, מיר גייען צו מיר אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע. פרעג נישט איצט קיין קשיות. אַזוי דאַרף מען און שווין!

זיי שטייגן איין אין אַ וואַגאָן, וואָס גייט אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע, און אין פופצן מינוט אַרום זענען זיי שוין ביי איר אין צימער. דינה פאַרשליסט די טיר און וואַרפט זיך שלמהן אויפן האַלדז...

ער וויל וויסן, וואָס טוט זיך דאָ? נאָך וואָס האָט זי אים געבראַכט אַהער? נאָר זי קען זיך נישט באַרואיקן. זי קושט אים, זי גלעט אים, זי וויינט, זי לאַכט. זי קען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן מיט אים.

ענדלעך גייט אָפּ איר קוראַזש און זי גיט אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— איצט פיל איך באמת, אַז דער זיידע, דער בעל־שם־טוב, האָט זיך פאַר אונדז געמיט. דיין לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.

ווען שלמה האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— נו, און מיינע העפטן ווו זענען?

— איך ווייס גאָרנישט מער פון דעם, וואָס דו האָסט דאָ געהערט. איך בין צופרידן, אַז איך האָב דיך, נישט נאָך די העפטן.

— וואָס רעדסטו? אין דעם בוך ליגט דאָס גאַנצע לעבן מיינס.

— זאָל איך אפשר רוקן מיין קאָפּ אין פייער און גיין נאָך זיי? וואָס ווילסטו? עס שטייט דאַכט זיך, „את הכל יתן האדם בעד נפשו“? ביסט אַ כפוי־טובה, שלמה... דו דאַרפסט דאַנקען דעם אייבערשטן און האָסט נאָך תרעומות...

— ביסט גערעכט, ווי אזוי גאָט וועט פירן. אפשר וועט ער אויף מיר רחמנות האָבן און פאַרשטעלן זיי די אויגן, אַז זיי זאָלן די העפטן גאַרנישט באַמערקן. איצט איז אַזוי: דאָ האָסטו געלט, גיי אַרויס אויף דער גאַס, שטעל אָפּ אַן אויטאָ פאַר יעדן פּרייז און פאָר אַראָפּ אויף פּאַדאָל, גלייך צו שמעון קלאַדניצקי. דער חדר איז ביי אים אַ שכנישע זאַך, ווייסט ער זיכער, וואָס דאָרטן טוט זיך. אויב די שלעק זענען דאָרט נאָך נישט געווען, זאָל מען רפאלן, וואָס ווינט דאָרטן, תיכף אַרויסרופן מיט דער משפחה און ער זאָל פאַרשווינדן פון שטאָט. אַלע מלמדים זאָלן נישט אַרויסגיין פון זייערע הייזער, זהיר וזהיר — פאַר קיין פאַל נישט! די יינגלעך זאָלן אַריבערגעפירט ווערן פון זייערע וווינונגען אין אַנדערע עקן שטאָט. ווייל עס קען געמאָלט זיין, אַז דער דוואָרניק ווייסט צופעליק, ווו אייניקע פון זיי וווינען. איך פאַרשטיי, אַז נאָך אין אַ שעה, צוויי אַרום, ווען די געפּואיסטן וועלן זען, אַז איך קום נישט, וועלן זיי זיך אַ וואָרף טון אויפן חדר... איז די לאַזאָוואיער יינגעלעך, זאָגסטו, האָבן מיך אויסגעגעבן?

— אַזוי קומט אויס.

— באַ! נישט געריכט זיך. אויפן אויסזען אַזוינע שטילינקע. נו, פאָר! און גאָט זאָל האַלטן אויף אונדז זיין רעכטע האַנט.

פּונקט ווי שלמה האָט פאַראויסגעזען, אַזוי איז געווען.

אַרום צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט איז מאָסקאַליענקאָ מיט נאָך צוויי באַגלייטערס, מיטנעמענדיק די יינגעלעך מיט זיך, אָפּגעפאָרן אויף פּאָדאָל פאַרנעמען דעם חדר און צוויי פון זיינע מענטשן האָט ער געלאָזט וואַרטן אויף שלמהן. ווען די יינגעלעך האָבן זיי צוגעפירט און אָנגעוויזן די טיר, האָבן זיי געטראָפן ליידיקע שאַפעס, טישן מיט בענק און מער גאַרנישט. מאָסקאַליענקאָ האָט אין ווילדן גרימצאָרן געטרייסלט מיטן שכורן דוואָרניק:

— וווהין האָט זיך אַהינגעטון דער שכן? ווו זענען די קינדער?

דער דוואָרניק האָט געגלאָצט מיט די אויגן אויף די פּוסטע צימערן און זיך אַליין נישט געגלייבט:

— פאַרנאַכט, ווען איך בין דאָ געווען, איז גאַרנישט געווען קענטיק, אַז מען גייט זיך אַרויסקלייבן. אפילו קיין סימן נישט. דאַכט זיך, מיט קיין דריקעס האָט מען זיי נישט געקענט אַרויסטרייבן און איצט... ווי אַזוי איז דאָס טאַקע געשען? איך שטעל מיר גאָר נישט פאָר...

דעם דוואָרניק האָט מען אָפּגעפירט אויף דער מיליץ און דאָרט איינגעשפּאַרט און מאָסקאַליענקאָ האָט זיך אַ צערייצטער ביז גאָר אוועקגעטראָגן אויף סאָלאָמינקע. שלמה איז נאָך אַלץ נישט געווען. מאָסקאַליענקאָ האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז שלמה איז שוין אַזוי באַוואָרנט, אַז קיין רוח וועט אים נישט געפינען. דאָך האָט ער — נאָך אַ באַראַטונג דורכן טעלעפאָן — באַשלאָסן צו וואַרטן ביז פינף אַ זייגער. ווען עס איז געוואָרן גוט ליכטיק און שלמה איז נאָך אַלץ נישט געווען, האָט ער אַריינגעזעצט אין אויטאָ אפרים־אהרונען מיט צפורהן און זיי אָפּגעפירט אויף יעליזאַוועטינסקע אַלס משכון.

און אַזוי האָט ער אָנגעזאָגט די קינדער:

— גיט איבער שלמהן, אַז די עלטערן וועט מען אַזוי לאַנג שלאָגן אין טורמע, ביז ער וועט זיך נישט יאָווען זיי צו פאַרבייטן.

זאַכאַר אָסיפּאָוויטש האָט מיט אַ שווער געמיט זיך אָוועקגעשלעפּט צו פוס אַהיים, קיין טראַמוויי איז נאָך נישט געווען. ער האָט געפילט, אַז ער איז צוריק אין דער ערד. אַראַנטשיק בלייבט קיסר... פאַרן שלאָף האָט ער אויפן ניכטערן האַרצן איינגעטיילט ליזען אַ פרישע פאַרציע קלעפּ... איצט איז שוין אַלץ איינס: שלאָג יאָ, שלאָג נישט, אַלץ איין שוואַרץ יאָר!...

*

ווען רבקה איז געקומען אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע מיט דער ידיעה, אַז מען האָט אָפּגעפירט טאַטע־מאַמע אין געפּעאו, האָט זיך שלמה אַ ריס געטון פון זיין אָרט, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, געכאַפּט דעם מאַנטל און איז צו צו דער טיר:

— איך גיי שוין!

ביי אים זענען אָבער געזעסן גאָרדאָן מיט פרידמאַנען. גאָרדאָן האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, פאַרשטעלט מיט זיך די טיר:

— וווהין ווילסטו גיין?

— לאָז, עס איז נישט דיין עסק.

— ניין, עס איז יאָ מיין עסק!...

— לאָז, זאָג איך דיר, — האָט שלמה אויסגעשריגן, נישט מיט זיין קול — לאָז מיך! מ ײ ן טאַטע־מאַמע זיצן און נישט ד ײ נ ע.

— זיי טוען מיר ווי, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען מיינע. באַרואיק זיך.

שלמה גיט מיט כח אַ וואַלגער אָפּ גאָרדאָנען פון דער טיר, יענער פאַרנעמט אָבער באַלד צוריק זיין פּלאַץ.

— שלמה, וואָס שלאָגסטו זיך? אַז עס וועט האַלטן ביי פּעטש, איז נאָך אַ גרויסער ספק, ווער עס קען בעסער...

משה פרידמאַן לייגט אַרויף שלמהן אַ האַנט אויפן אַקסל און זאָגט בנעימותדיק און געלאַסן:

— שלמה, זיי נישט היציק. יוסף איז דאָך גערעכט. דיינע עלטערן וועט מען סוף כל סוף גאָרנישט טון און דו וועסט פאַרפאַלן ווערן אויף אייביק. דו ווילסט דאָך די טובה פון דיינע עלטערן, דאַכט זיך. איאָ? — און זייער טובה איז, אַז דו זאָלסט נישט אַרויסגיין אויף יענער זייט שוועל...

שלמה פאַלט אום אויף דער סאָפע און ברעכט די הענט:

— גוואַלד, גוואַלד, אָבער ווי קען איך דאָס איבערטראָגן, אַז מיינע טייערע עלטערן זאָלן זיך פּלאָגן פאַר מיר אין יענעם פאַרשאָלטענעם גיהנום?

— עס איז אַ טעות, שלמה, — שטעלט אַריין גאָרדאָן — ווער זאָגט דיר עפּעס, אַז זיי פּלאָגן זיך פאַר דיר? זיי פּלאָגן זיך פאַר דער תורה־הקדושה, פאַרן יידישן גלויבן. ד ו מעגסט און ז ײ טאָרן נישט? ד ו ביסט מחויב און ז ײ נישט?

שלמה באהאלט דאס פנים אין קישן און די אקסלען ציטערן ביי אים און אויפהער. משה פרידמאן גיט א ווונק גארדאנען און זיי גייען ביידע ארויס אויפן קארידאר.

— יוסף, קורץ און שארף! ביז מען וועט נישט אפלאזן אפרים-אהרו־נען מיטן ווייב, טאר מען שלמהן נישט לאזן אן קיין שומר, ער וועט נישט אויסהאלטן און זיך אפגעבן צו זיי אין די הענט. מען דארף אויסשטעלן „דיזשורסטוועס", אז א קיילעכדיקן מעת-לעת זאלן דא זיין מיט אים צוויי פון אונדזער חברה און אפילו נישט שלאפן ביי נאכט, ווארעם דאס איז אזא פויגל... איך דארף עס דיר נישט דערציילן. איצט גיי איך צו צו די פייגנבוימס און מען וועט שוין באשטעלן פיר וואכטעס אויף היינטיקן מעת-לעת. מיט שלמהן שפילט מען זיך נישט.

— אפשר וועט ער נישט וועלן האבן ביי זיך קיין שומרים יומם ולילה?

— וואס הייסט עפעס, ער וועט נישט וועלן? כופין אותו עד שירצה! ווער פרעגט זיך עם אן אויף אזעלכע זאכן?

— און וואס קלערסטו, משה, קען ער זיי דארטן טון, מאסקאליענקא?

— גארנישט, וואס דארף ער זיי אזעלכעס טון? ער קען זיי בכבוד גדול אפזאגן דעם פסוק: „ישוי לון בנוקביהון" *...

— דו גלייבסט אויף זיי אזא זאך? עלטערע מענטשן?

— איך גלייב נישט, אז ס'קען ביי זיי זיין אנדערש... בקיצור, גיי איך, הייסט עס...

— אפשר וואלט איך ליבערשט צוגעגאנגען צו די פייגנבוימס? איך וועל דאס בעסער מאכן.

— חס-וחלילה! איך האב מורא צו בלייבן מיט אים, איך האב ביי אים א שיינע ווערט. דא דארף מען האבן יאטן מיט מוסקולן.

א גאנצן טאג האבן אלע געווארעמט א האפענונג, אז מען וועט פארט אפלאזן שלמהס עלטערן. וואס וועט מען זיי האלטן? פופציקיעריקע מענטשן און זענען גארנישט שולדיק. עס איז אבער נאכט געווארן און זיי זענען נישט געקומען. שלמה האט ממש די שטוב צעטומען. נחום אדלער האט אויף זיין דיזשורסטווע טאקע געכאפט א קלאפ איבער דער האנט, אז ער האט געמיינט, דער ביין האט זיך אים איבערגעבראכן. סעגאל, וועלכער האט פונקט מיט נחומען זאלבעצווייט געהאט די דיזשורסטווע, האט שלמהן צוגעזאגט, אז אויב ער וועט נאך איין מאל ווייזן אזא מופת, וועט מען אים פראסט-פשוט בינדן די הענט מיט די פיס, דאמאלסט וועט מען פארשפארן דיזשורסטוועס...

פאריבער די נאכט און נאך א טאג. פון שלמהס עלטערן האט מען גארנישט געהערט, אזוי ווי אין וואסער אריין. שלמה איז גאנצע טעג גע־לעגן אויף דער סאפע, נישט גערעדט צו קיין מענטשן. דינה האט אים גע־בראכט זיין פעקל העפטן בשלימות, ווייל, צום גליק, האט מען בשעת דער רעוויזיע קיין מיינדסטן אכט דערויף נישט געלייגט, אבער ער האט זיי א

* בדרך הלצה — ארויסשמייסן אין א געווים ארט.

שמיץ געטון אין אַ ווינקל, אפילו נישט געוואָלט קיין קוק טון, צי עס פעלט דאָרטן גאָרנישט. חוץ דעם, וואָס ער האָט בײדע טעג אויף עטלעכע מינוט אָנגעטון די תפילין, האָט ער מער קײן זאַך נישט געטון. די גאַנצע צײַט האָט ער אין מויל גאָרנישט גענומען. טאַני האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, האָט ער זי איר אַ שמיץ געטון צוריק, שיר נישט אָפּגעבריט.

גאָרדאָן, וועלכער איז גראָד געווען דערבײַ, האָט אויף אים אָנגעשריגן:

— וואָס שפּריצסטו זיך, דו, ווילדער? דו ווייסט נישט, אַז בשעת מען שפּריצט, דאַרף מען זאָגן מיטן ניגון פון דער „עבודה": „אחת ואחת, אחת ושתים"...

אויפן דריטן טאָג, אין דער פרי, איז דער זיידע שלום מיט רבקהן געגאַנגען אָפּטראָגן עפּעס עסן די אַרעסטירטע. ווען זיי האָבן אין פענצטערל געמאָלדן, אַז זיי ווילן עפּעס איבערגעבן צו די פּיאַטיגאָרסקים, האָט דער דיזשורנע ערגעץ אָנגעקלונגען און עס איז אַרויסגעקומען דער זעלבער מאַסקאַליענקאָ. ער האָט שפּאַטיש אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם אַלטיטשקן מיט דעם פּופּציניעריקן מיידעלע און מיט אַן איזדיוועקעלע זיך אָפּגערופן:

— וועמען ווילט איר דאָס איבערגעבן?

— די פּיאַטיגאָרסקים, אים און איר.

— כאַ־כאַ־כאַ! די פּיאַ—טי—גאָר—סקים... פון וואַנען ווייסט איר דען, צי זיי לעבן נאָך, די פּיאַטיגאָרסקים אייערע?

רבקה האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן קוויטש. דער זיידע האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן. דאָס פּנים איז געווען ווייסער פון זײַן באָרד, די ליפּן האָבן געציטערט, נאָר אַרויסברענגען אַ וואָרט האָט ער נישט געקענט. מאַסקאַליענקאָ האָט זיך העפלעך געווענדעט צו זיי:

— גייט, גייט אַהיים, מײַנע טײַערע, קיין עסן דאַרפן זיי שוין נישט. זיי ליגן אין שפּיטאָל ביי אונדז. זיי האָבן פיל דורכגעמאַכט, נאָר זיי האַלטן זיך נאָך ווי עס איז... אייער שפּייז וועט זיי שוין גאָרנישט העלפן, סיידן שלמה זאָל קומען זיי פאַרבייטן, וואָלטן זיי נאָך אפשר געבליבן לעבן...

ער האָט זיך ווויליונגעריש אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן און איז פאַרשווונדן אויף די טרעפּ.

שלמהן האָט מען געזאָגט, אַז מען האָט יאָ צוגענומען דאָס עסן. מען האָט זיך באַמיט, אַז דער אמתער ענטפער זאָל פאַר שלמהן בלײַבן אַ סוד. אַז נישט, האָט מען געוווסט, וועט ער עמעצן הרגענען און אַרויס, צו פאַרבײַטן זײַנע עלטערן.

אויפן צווייטן טאָג זענען דער זיידע מיטן אייניקל ווידער געגאַנגען אָפּטראָגן עסן, געמיינט: אפשר וועט מען בטעות צונעמען, נאָר ווי דער דיזשורנע האָט דערהערט דעם נאָמען, האָט ער אַ וווּנק געטון צו אַ וועכטער, יענער איז צוגעשפּרונגען און האָט אַרויסגעוואָרפן די ברענגער פאַרן קאַרק...

אויף מאָרגן, איז מען פון דעסט וועגן ווידער געגאַנגען, אָבער מען האָט געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג...

קאפיטל XXVIII

אויפן זעקסטן טאָג, נאָך האַלבער נאַכט האָבן אפרים־אהרון מיט צפור־רהן אַנגעקלאַפּט צו זיך אין שטוב אריין. גלייך פון דער שוועל האָבן זיי צו אַלעם ערשטן אַ פרעג געטון:

— ווו איז שלמה?

ערשט ווען זיי זענען געוואויר געוואָרן, אַז מיט שלמהן איז אַלץ אין אָרדענונג, האָבן זיי זיך צעוויינט פאַר פרייד.

דורך פאַרדרייטע וועגן און הינטערגעסלעך, אַנגעמענדיק דערביי אַלע פּאָרזיכטס־מיטלען, זענען זיי נאָך דעם זעלבן פאַרטאָג געקומען צו שלמהן. געעפנט האָט זיי ניסן פייגנבוים. ווי געטראָפן פון אַ דונער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו שלמהן:

— שלמה, געסט!...

אַנגעקושט זיך און אַנגעוויינט צו דער זעט האָבן זיי דערציילט, אַז מען האָט זיי דוקא נישט געשלאָגן. עס הייסט, כמעט נישט געשלאָגן. איין מאָל נאָר האָט דער אויספאָרשער געוואָרפן אפרים־אהרונען אַ שווערן טינטער אין אויער אריין. עס איז געגאַנגען אַ ביסל בלוט, נאָר עס האָט באַלד אויפגעהערט. עס טוט נאָך דוקא אַ ביסל ווי, אָבער — מען שטאַרבט נישט פון אַזעלכע זאַכן. ווייס איך, דאָס זענען אַלץ נאַריש־קייטן קעגן דעם, וואָס צווישן יענע פיר ווענט טוט זיך אָפּ. ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס נישט לאָזן שלאָפן גאַנצע נעכט. אַלע פערטל שעה: פּיאַטיגאָרסקי, צום אויספאָרשער! פּיאַטיגאָרסקי, צום אויספאָרשער! מיינט איר, עפּעס נייעס? גאָרנישט מיט נישט! נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע און ווידער אַ מאָל דאָס אייגענע:

— ווו באַהאַלט זיך אויס אייער זון?

— ווער זענען זיינע מיטהעלפער?

— ווי אַרום באַקומט ער די שטיצע פון אויסלאַנד?

— ווער שיקט מער געלט אויף דער ישיבה, אַמעריקע צי פּוילן?

— ווו וווינען די עלטערן פון די קינדער?

— צי האָט שלמה אַ כלה און ווו וווינט זי?

און נאָך און נאָך און נאָך — טויזנטער פראַגן.

שלמה אינטערעסירט זיך:

— און וואָס פלעגסטו ענטפערן?

— איך? — גאָרנישט. בפועל ממש גאָרנישט. איך ווייס נישט; איך הער וועגן דעם צום ערשטן מאָל פון אייך; באמת טאַקע, עס איז דאָ אַ ישיבה אין קיעוו?... אַט טאַקע פאַר דעם דאָזיקן ענטפער האָב איך באַקומען מיטן טינטער. נאָר ווייס איך, צו וואָס טויגן אונדז די שמועסן? אַבי דו ביסט מיט אונדז, לאָזן מיר פון זייער באָבען.

— דאָס וואָס איך בין מיט אייך, דאָס איז דינהם שטיקל אַרבעט.

— יאָ, מען האָט אונדז שוין דערציילט, עס זאָל איר נאָר — קיין ביין אויג נישט שאַטן. קיין עין־הרע, אַ בריה! אַ קאָמעדיאַנטקע, אויף מיין וואָרט! זי פּרעגט ביי מאָסקאַליענקען, וואָס איז אַ ישיבה — אַ צעך?

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. די אָפּגעשמועסטע צאָל קלעפּ. עס זענען אַריינגעקומען גאַרדאַן מיט קלאַדניצקין אויף דער דיזשורסטווע. שלמה וואַרפט זיך גאַרדאַנען אויפן האַלדז. די עלטערן דאַנקען אָפּ די דיזשורנעם פאַר זייער אָפּהיטן שלמהן פון אָפּטון אַזאַ נאַרישקייט, וואָס קיינער אין דער וועלט וואָלט שוין נישט געקענט פאַרריכטן.

שלמה זוכט אָפּ אין אַ ווינקל זיין פּעקל העפטן, קלאַפּט אויס דעם שטויב פון זיי. מיט מיידלשער צאַרטקייט מישט ער די בלעטלעך, דריקט זיי צום האַרצן און די אויגן ביי אים פינקלען מיט אומפאַר־גלייכלעכער פרייד. ער גלייכט זיך אויס די ביינער און זאָגט מיט אַ גליקלעך שמייכעלע:

— נו, רבונו־של־עולם, אַ דאַנק דיר פאַר אַלעמען, איצט לעב איך ווידער.

און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו די חברים:

— היינט עלף ביי נאַכט מאַכן מיר דאָ אַ זיצונג וועגן אויסאַר־בעטן נייע פאָרמען פון הרבצת תורה בישראל *:

Де ріка тікла, там вона и буде тікти ** ...

קינדער וועלן אויך ווייטער לערנען, עס וועט זיי גאַרנישט העלפן. די תורה איז אַ נצחית און נצח ישראל לא ישקר...

אויף דער זיצונג האָבן זיך איינציקווייז און מיט פאַרשיידענע וועגן פאַרזאַמלט אַלע חברים פונעם ועד און נישט פונעם ועד. די פאַרזאַמ־לונג האָט זיך געענדיקט צוגלייך מיטן ווייסן טאָג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל באַלד אויסזוכן נייע מלמדים. די אַלטע — טויג נישט, אַז זיי זאָלן זיך די ערשטע צייט צו פיל אַרומדרייען אין גאַס און מען דאַרף טאָקע מער מלמדים אויך, ווייל קיין סטאַבילער חדר וועט שוין מער נישט זיין. די מלמדים וועלן אַ גאַנצן טאָג אַרומפאָרן צו די קינדער איבער די היימען און דאַרטן ביחידות מיט זיי לערנען. עס איז אַוודאי נישט דאָס, וואָס בחבורותא, נאָר וואָס קען מען העלפן?

די חברים צעגייען זיך איינציקווייז, צעקריכן זיך אין פאַרשיי־דענע עקן שטאָט, יעדער מיט זיין פּעקל אויפגעבן אויפן קומענדיקן טאָג. דאָס צימער איז ליידיק. אַ מידער, אָן אָפּגעשוואַכטער בלייבט שלמה שטיין ביי דער טיר. ער שפּאַרט זיך לייכט אָן אין טירל פון

---

* לערנען יידישע קינדער תורה.

** דאָרט ווו דער טייך איז געפלאָסן, וועט ער אויך ווייטער פליסן. אַן אוקראַיניש פאָלקסווערטל.

דער שאַפע און טובלט אַפּ זיינע נישט אויסגעשלאָפענע אויגן אין דעם פּרעכטיקן זונען־אויפגאַנג. צום ערשטן מאָל, זינט דער גורל האָט אים צוגעבונדן צו דעם צימערל, פאַלט אים איין, אַז דורך זיין שמאָלן פענצטער זעט מען ווייט נישט קיין גרויסשטאָטיש בילד. די צעצווייגטע ליפּאָווע ביימער פונעם אַלטן סטאַדיאָן זענען איצט מלכותדיק באַקרוינט פון דער אויפגייענדיקער זון. די ווייטע, אומגעלומפּערטע רעשטאַוואַניעס אַרום דריטן פּראָכט־וואָקזאַל זענען פאַרנעפּלט און קענען אַנגיין פאַר ווינטמילן מיט צונויפגעבונדענע פליגלען. די זון האָט זיך אומבאַמערקט פאַרקליבן אויף די פעטשערסקער קלויסטער־קופּאָלן און טיכטיק געפּוצט און געשייערט דאָס גאָלד פון זיי.

ערגעץ פון אַ נאָענטן הויף האָט זיך דערטראָגן דער באַקאַנטער:

— У—голь!... деревянный у—голь!...
крупный у—го-л-л-ль * !...

דער קוויטשיקער אויסרוף האָט שלמהן אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט. ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע לאַסט פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. יעדעס גליד אין אים האָט געמאָנט אַ ביסעלע מנוחה.

שלמה פאַרוואַרפט דעם פאַרהאַנג, יאָגט אַרויס מיטן האַנטעך דעם ציגאַרן־רויך, ברענגט דאָס צימער אין אָרדענונג. פאַרן דאַווענען וויל ער זיך אָפּרוען אַ ביסל. ער עפנט דאָס לעצטע העפט — שוין אַ וואָך צייט נישט צוגערירט זיך צו דעם. מיט אַ מאָל: עמעצער קלאַפּט לייכט אין דער פאַראַדנע טיר. שלמה הערט זיך איין — די אָפּגערעדטע צאָל קלעפּ: פיר, נאָך דעם איינס, נאָך דעם דריי. ווער קען דאָס זיין אַזוי פרי?

ער עפנט אויף און עס רייסט זיך אַרויס ביי אים פונעם האַרצן:

— אַך, ווי אומגעריכט!

פּאָלי טראָגט דעם זעלבן זומער־מאַנטל וואָס דאַמאָלסט אין וואַלד, נאָר אַנשטאָט דעם פעכער האַלט זי אין דער האַנט אַ פאַרטפעל מיט ביכער — אַ קורסיסטקע! שלמה שטייט און קוקט אויף איר. ער קען זיך זאַט נישט אָנקוקן אויף איר שיינקייט. דאָס זען זי, פילט ער, איז פאַר אים פראָסט אַ רפואה און אַן אויסגעפּרוווטע סגולה צום שרייבן. דעם טאָג, וואָס ער זעט זי, שרייבט זיך גאָר אַנדערש. זי קוקט אויך אויף אים מיט פולע אויגן. די ליפּ פאַרביסן. אַ ברעם ציטערט עטוואָס.

עמעצער עפנט אַ טיר אין קאָרידאָר אַריין און כאַפּט אַ קוק אויף זיי. זי פרעגט נישט דרייסט:

— אין צימער אַריין — טאָר מען נישט?

— וואָס רעדט איר עפּעס? וואָס הייסט, מען טאָר נישט?

---

* קוילן!... הילצערנע קוילן!... גרויסע קוי-ל-ל-ן!...

זיי גייען אריין און מאַכן צו די טיר. פאַלי נעמט אָן שלמהן פאַר דעם עלנבויגן:

— נו, ווי אַזוי פילט איר זיך?

— בעסער קען נישט זיין.

זי זאָגט נאָך מעכאַניש:

— בעסער קען נישט זיין...

— פאַלי, ווער האָט אייך איבערגעגעבן מיינע מאָרזע־צייכנס?

— אייער רבקה איז נעכטן געווען ביי סאַנקען, האָב איך ביי איר געפרעגט. איך האָב נאָך געוואָלט נעכטן אויף דער נאַכט צוקומען צו אייך, האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז ביי אייך אַ פאַרזאַמלונג... אמת?

— מען איז זיך ערשט צעגאַנגען.

— הייסט עס, איינס מיטן דריטן איז גאָרנישט קיין מחותן?

— גאָרנישט קיין מחותן — לאַכט שלמה.

— אָבער ארויסגיין אין גאַס?

— צו וואָס דאַרף איך דען ארויסגיין? איך האָב דען דאָ נישט וואָס צו טון?

— וואָס?!

שלמה ווייזט אָן מיט די אויגן אויפן פעקל העפטן, וואָס ליגט אויפן טיש.

מיט אַ אינערלעכן ציטער נעמט פאַלי אַ פאַרשריבענעם העפט. קוקט, קוקט, קען נישט לייענען און לייגט אים מיט אַ זיפץ אַוועק צוריק.

שלמה שטייט מיט די הענט אין די קעשענעס און טרייסט זי:

— וואָס דען האָט איר געמיינט, פאַליטשקע? דער וואָס קען נישט לייענען מיט די אויגן, טאַפּט מיט די פינגער און איז צופרידן, דער וואָס קען נישט פריי ארומשפּאַצירן אויף גאָטס וועלט — שאַפט זיך אַ פּאַפּי־רענע וועלט און איז אויך גליקלעך... וואָס דען האָט איר געמיינט, מען הענגט זיך? מען שניידט זיך אויף די אָדערן? דאָס טוען נאָר פחדנים, וואָס האָבן ביי זיך געפועלט, אַז זיי מוז שטענדיק גיין גוט, עס קומט זיי... פאַר זייערע שיינע אויגן...

פאַלי, אַ ביסל אַנטוישט, גיט אַ שטילן קרעכץ:

— און איך האָב געמיינט, אַז אייך וועט זיין אומהיימלעך.

— פאַר וואָס האָט איר אַזוי געמיינט?

— איר זענט דאָך אַ קינד פון דער נאַטור, אויסגעוואַקסן ביי איר אויף די הענט...

— פאַלי, עס שניידט זיך פון אייך אַ פּושקין...

פאַלי, נישט הערנדיק זיין באַמערקונג:

— ...נישט ווי איך אין די קינדער־יאָרן, וואָס בין נישט אַרויסגע־קראָכן פון די איבערבעטן...

— טאָקע דערפאַר זענט איר היינט אַזוי אין די פעדערן...

פאַלי לאָזט דורך פאַרביי די אויערן זיין שפּאַטישן טאָן און זעצט פאָר מיט אַ באַדרויערנדיקן נוסח:

— איר האָט דאָך אַזוי ליב די שטאָט, די פּאַרקן, די גאַסן —

— וואָס קומט אַרויס, טייערע, וואָס איך האָב זיי ליב, אַז זיי האָבן מיך נישט ליב... איינזייטיקע ליבע האָט קיין שום ווערט נישט... נאָך ווייסט איר דאָס נישט?

פאַלי, אויסמיידנדיק זיין גאַליק שמייכעלע:

— איר זענט דאָך אַזאַ ליבהאָבער פון טעאַטער, קינאָ...

אויף שלמהס געזיכט פאַרקלייבט זיך אַ טונקל וואָלקנדל, ער ווערט מיט אַ מאָל אומעטיקער און ענטפערט שטיל:

— ע, איך בין שוין כמעט ווי אָפּגעוווינט. פאַרן צופאַל האָב איך שוין אויך אַ טאָג צען גאָרנישט געזען...

פאַלי לאָזט אַראָפּ די אויגן און שווייגט. זי פילט גוט, וווהין די פייל צילט, און האָט נישט וואָס צו ענטפערן.

— איר גייט אַלע טאָג אַזוי פרי אויף די לעקציעס?

— ניין, איך בין היינט ספּעציעל אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שעה פריער, ווייל איך האָב געוואָלט אָפּטרעטן ביי אייך.

— אַך, פאַלי, ווי איך בין אייך דאַנקבאַר... די גאַנצע וועלט וועט אייך אַ מאָל פאַר דעם דאַזיקן וויזיט זיין דאַנקבאַר...

— איך פאַרשטיי נישט...

— פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? דאָס איז דאָך אַזוי פּראָסט. דעם טאָג, וואָס איך זע אייך, רינט האָניק פון מיין פען... און מיין בוך וועט לייענען די גאַנצע וועלט, אויף אַלע שפּראַכן...

פאַלי כאַפּט אָן זיין האַנט און באַהאַלט אין איר אירע אויגן. שלמה גיט אַ ציטער, ווי אָנגערירט פון אַן עלעקטרישן שטראָם. זי לאָזט אָפּ זיין האַנט, אירע אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ פייכטן נעפּל.

— פאַלי, פאַר וואָס שטייען מיר די גאַנצע צייט, ווייסט איר נישט?

ער נעמט צו פון איר האַנט דעם פּאָרטפעל, טוט איר אויס דעם מאַנטל און זיי זעצן זיך אויף דער סאָפע, איינער לעבן אַנדערן. שלמה איז לוסטיק ווי אַ קליין יינגעלע:

— נו, מיינע נייעסן ווייסט איר שוין, אַצינד, וואָס הערט זיך ביי אייך?

— וואָס עס הערט זיך ביי אונדז? מיר האָבן די לעצטע זעקס טעג נישט געלעבט פאַר יסורים צוגלייך מיט אייך.

— צוגלייך?

— צוגלייך.

— איר זענט פאַר די טעג איין מאָל אין מוז־קאָמעדיע נישט געווען?

פאַלי הייבט זיך אויף פון דער סאָפע:

— אויב איר ווילט רעדן מיט שטעכווערטלעך, — איז גלייכער גאָרנישט.

שלמהַ זעצט זי אוועק צוריק.

— פּאַלי, פאַרגעסט נישט, אַז מיר דאַרף מען היינט פיל זאַכן מוחל זיין, פאַרט אַ פאַרשפּאַרטער...

פּאָלי פאַרטראַכט זיך אויף אַ מינוט און זייעט אַרויס דורך די ציין:

— יענער פאַרנאַכט, ווען איך האָב אייך איבערגעלאָזט שטיין אויפן גאַנעק און בין אוועק אין מוז־קאָמעדיע, איז מיר אויך נישט איינגע־גאַנגען...

— פאַר וואָס?

— איך האָב מיך צעווערטלט מיט די טולטשינסקיס און בין אַליין אוועקגעגאַנגען אין מיטן אַקט...

— איבער וואָס האָט איר זיך צעווערטלט?

— זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן... זיי מיינען... זיי קענען דאָך אייך נישט... איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן... און בין אוועק אָן אַ זײַ־ געזונט... און פון דאַמאָלסט אָן — אָמן!... איך האָב אַזוי פיל גע־ וויינט אין יענעם אויפדערנאַכט...

— פּאָלי, טייערע פּאָלי, כאָטש דאָס איז שוין פון אייער זייט כמעט אַ העלדנטאַט, נאָר דאָך איז אַ שאָד, וואָס איר האָט זיך צע־ ווערטלט מיט זיי...

— פאַר וואָס איז אַ שאָד? — פרעגט פּאָלי פאַרוואונדערט.

— ווייל, ווען איז אייך נאָך אַזוי באַקוועם געווען צו לעבן בשלום מיט זיי, ווי אַצינד, ווען דער קאָנקורענט איז אָפּגעפאַלן און זיי זענען געבליבן איינע אַליין אויפן יאַריד...

— שלמה, פון אייערע רייד ווייעט מיט אַזאַ פאַראַכטונג, מיט שנאה, וואָלט איך געזאָגט. איר אַליין פילט דאָס נישט. זאָגט מיר, איאָ, איר קענט מיר נישט מוחל זיין מיין אויפפירונג? מיין וואַקלען זיך נאָר דעם אמת געזאָגט!

— דעם אמת זאָגן?

— דעם אמת.

— דעם ריינעם אמת?

— דעם סאַמע ריינעם אמת!

— דער ריינער אמת איז, אַז איך האָב אייך אַזוי אומברחמנותדיק ליב, אַז נישט נאָר קיין שנאה, ווי איר האָט ערשט געזאָגט, נאָר אפילו קיין פאַראיבל האָב איך אויף אייך אויך נישט, אָט פונקט ווי אַ פאָטער צו אַ איין און איינציק קינד.

— אוי, שלמה, פאַר וואָס זענט איר אַזאַ גוטער, אַזאַ ווילער, און איך — אַזאַ... אַזאַ... אַזאַ אכזרטע אויף אייך?

— דער סעזאָן פון אכזריות איז שוין באַלד פאַריבער, פּאָלי, קוים

האָט איר געהאַט אין זיך גענוג מוט צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער אין מיטן אַקט.

— איך מיין אויך אַזוי... איך האָף... איך הער מיך צו צו יעדער נייער סטרונע ביי מיר אין האַרצן...

— פּאָלי, פון דעם נדן האָב איך גאָרנישט געוווּסט. ערנוואָרט, מיר זענען אַ פּאָר פון גאָט! איר — אַ פּאַטעטעסע, איך — אַ פּראָזאַאיקער.

— גייט אייך, באַלד עפּעס לאַכט איר פון מיר. יאָ, זאָגט מיר, איך מעג קומען אַהער, ווען איך וויל?

שלמה מאַכט אַ שטרענג פּנים:

— ניין, איר טאָרט נישט!...

און די אויגן ביי אים רעדן:

— נאַרעלע, וואָס פרעגסטו נאָך אַזוינע זאַכן?

— דער טאַטע האָט נאָר געוואָלט מיט מיר מיטגיין צו אייך. איך האָב אים קוים איינגערעדט, אַז איך וועל פריער זיך אָנפרעגן ביי אייך.

— גיט איבער אייער טאַטן אַ גרויסן דאַנק און אַ גרוס. נאָר גלייכער איז, אַז וואָס ווייניקער מענטשן זאָלן זיך דרייען אַהין און צוריק.

— און דאָס זעלבע — איך?

— איר זענט נישט אין חשבון. איך האָב דאָך געזאָגט: מענטשן.

— און איך וואָס, בין קיין מענטש נישט?

— אוודאי נישט, נאָר אַ האַלבער, ווייל די צווייטע העלפט זיצט ביי מיר אָט־אָ־דאָ־אָ...

פּאָלי קוקט אויף אים מיט פאַרשכורטע אויגן. זיי זענען איצט פול מיט ליבע צו אים. זי שעפּטשעט אַרויס קוים מיטן אויער צו כאַפּן:

— גוואַלד, איך מוז שוין גיין און עס ווילט זיך אַזוי נישט...

— נו, קוים מוזט איר — גייט! און פאַרגעסט נישט אַ מאָל זיך אַריינצוכאַפּן.

פּאָלי וואַרפט אויף אים אַ צאַרנדיקן בליק און געזעגנט זיך:

— פאַר וואָס האָב איך אייך נאָך קיין מאָל נישט אויסגעזאָגט, ווי ליב איך האָב אייך?

— מן־הסתם איז דאָס פאַר מיר אַ סוד. אפשר בין איך נאָך אַ קליינינקער...

זי גיט אים אַ קלאַפּ מיט דער הענטשקע איבער דער האַנט און לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ, אָן אַ זיי־געזונט.

ע נ ד ע פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל.

צווייטער טייל

קאפיטל XXIX

דער צופאל מיט שלמהן איז ביסלעכווייז אפגעווישט געווארן פון זכרון. אלץ איז צוריק אריינגעגאנגען אין סדר פון וואכעדיקן לעבן. נישט מער, גאנץ אפט, א מאל ביי טאג און א מאל ביי נאכט, פלעגט אנלויפן די געפעאו, א קוק טון, א שמעק טון און אוועקגיין מיט דעם, וואס זי איז געקומען. שלמה האט נישט געגעסן, נישט געשלאפן, נאר געשריבן און געשריבן. חברים פלעגן אים אפט באזוכן. אויב זייערע וויזיטן האבן געהאט א שייכות מיט א נייטיקן ענין, פלעגט ער זיי אויסהערן און נעמען א שטעלונג צו דער זאך, אבער טאמער מיט: „גלאט אזוי זיצן א ביסל" — האט ער זיי ארויסגעיאגט. אנדערע האבן שוין געוווסט זיין תהלוכות און זענען אליין נישט געגאנגען. פאלי פלעגט זיך א מאל, א מאל אריינכאפן. זי, איז ער בפירוש יא גערן געווען, נאר אירע וויזיטן זענען געווארן אלץ זעלטענער. דאס לעבן האט געפאדערט לעבעדיקע מענטשן, נישט קיין לעבעדיק באגראבענע...

אין יענעם אויפדערנאכט איז פון תחילת אן געגאנגען א רעגן. שווערע כמארעס האבן זיך געיאגט איינע אויף דער צווייטער, איינע איבער דער צווייטער. די גאסן זענען געווען האלב ליידיק. די לאמפן אויף די ראגן האבן פארוויינט געפינטלט מיט די אויגן. גארדאן האט טיפער אראפגערוקט דעם קאפטער פון זיין רעגנמאנטל איבער די אויגן און פארגיכערט די טריט. ער איז אריינגעגאנגען אין דער פאראדנע פון הויז נומער 67 אויף קאראוואיעווסקע־גאס, האט אפגעטרייסלט דאס וואסער פונעם מאנטל און אנגעקלאפט. אים האט געעפנט מלכה פייגנבוים.

— טאני איז אין שטוב?

— זי ווארט אויף דיר שוין פון לאנג.

— שיק זי ארויס, איך וועל דא אויסווארטן.

— קום אריין אין שטוב; וואס פאר א ווארטן אויפן רעגן?

— דא איז נישטא קיין רעגן, אזוי וועט זיין גיכער.

— אבער ביז זי וועט זיך אנטון, וועסטו כאטש אויסטרינקען א גלאז טיי.

— איך בעט דיך, לאז איבער דאס דינגען זיך אויף א צווייטן מאל. עס איז אזוי אויך שפעט און מיר האבן היינט א סך ארבעט.

די טיר האט זיך לייכט צוגעמאכט און גארדאן איז געבליבן שטיין אין דער פינצטער. אין עטלעכע מינוט ארום איז טאני ארויסגעגאנגען, מיט איר טעשל אין איין האנט און מיט א קליין קוישל אין דער צווייטער. גארדאן האט אן ווערטער צוגענומען ביי איר דאס קוישל. זי האט אריבערגעבויגן דעם שירעם אויך איבער זיין קאפ און נישט אויסרעדנדיק צווישן זיך קיין איינציק ווארט זענען זיי האסטיק אוועק.

דער רעגן האט געשמיסן אין פנים אריין. עמעצנס דארע פינגער

האָבן אויסגעקלאַפּט איבער דעם שטייפן שירם־צייג אַ נודנעם אומ־ענדלעכן ניגון. זיי האָבן אָפּגעקערעוועט פון דער באַלויכטענער גאַס און די פינצטערניש האָט זיי איינגעשלונגען. נאָר דער ווינט האָט זיי פאַרביסן נאָכגעיאָגט פון טריט מיט אַ פייפן און מיט אַ בייזן ברומען. דער רעגן האָט אפילו נישט געקלערט אויפצוהערן. פון די רינוועס האָט גע־ציבערט. אין די רינשטאָקן האָבן זיך קאַלויצעט צענדליקער ריטשקעלעך.

— טאַני, דו האָסט אַלץ מיטגענומען?

— אַלץ.

— מיינע בגדים האָסטו אויך נישט פאַרגעסן?

— כ'האָב גאָרנישט פאַרגעסן, אַלץ מיטגענומען.

— וואָרעם אין אַזאַ מבול, גיי קער זיך אום...

— יוסף, דו ביסט דאָרטן געווען פאַר נאַכט?

— ווי אַזוי דען?

— דאָס וואָסער איז שוין געווען גענוג וואַרעם?

— דאַמאָלסט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, אָבער עס איז שוין לאַנג... דו ווייסט, וואָס איך טראַכט, טאַני? ווי וועט זיין, אויב אין אַזאַ וועט־טער וועט די אַלטע שפּרינצע נישט קומען? וואָס וועט דאַמאָלסט זיין?

— זי וועט דאָס נישט טון, נישט אַזאַ יידענע איז זי. און ווידער, עס איז אַזאַ גרויסע תורה דערביי, אַז איך וואָלט מיר אַן עצה געבן אָן איר אויך, נאַרישקייטן!

— ווי געפעלט דיר די מעשה? מען איז דאָך אייערנעכטן ביי נאַכט ווידער געווען ביי אפרים־אהרונען... אַ גאַנצע שאַיקע... איבער־געקערט די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ... זיי קענען זיך גאָרנישט מיאש זיין...

— און שלמה האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. איך בין היינט פאַר נאַכט אריינגעגאַנגען צו אים אויף אַ רגעלע, האָט ער מיר אפילו נישט דערמאָנט דערפון.

— ער זאָל דיר זאָגן? דו פרעג ביי אים, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך, ווייסט ער אויך נישט. יענעם איז אַ נפקא מינה, צי מען זוכט אים יאָ, צי מען זוכט אים נישט, אבי ער האָט פּאַפּיר מיט טינט און מען שטערט אים נישט...

— כאַ־כאַ־כאַ... יוסף, דו רעדסט, דאַכט זיך, ווי מיט פאַרדרוס... האַ?

— אַוודאי מיט פאַרדרוס... און פאַר אים אַליין, מיינסטו, שעם איך זיך? איך זאָג אים דאָס נישט אין די אויגן, אַז ער איז געוואָרן שוין צו פיל מלאך? גאָרנישט גייט אים נישט אָן. עס מעג זיך איבערקערן די גאַנצע וועלט זיבן מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, איז אים קיין זאַך נישט נוגע, ער שוועבט אין די הימלען...

— אדרבה, יוסף, ווייז אַ קונץ, און גיב כאַטש איין שוועב אַזוינעם...

— אָבער אַז איך וויל גאָרנישט פּרוּוון. איך פאַרגין אים דאָס גליק

מיטן גאַנצן האַרצן. אַ מענטש זיצט אויף אַ פאַס דינאַמיט און פּרעגלט זיך אין האָניק... אויף מײַן לעבן האָב איך אַזוינס נישט געזען...

— וואָס דען וואָלסטו געוואָלט זאָל ער טון? כאַפּן פליגן און שפּײַען אויף דער סטעליע? אַ מענטש מוז דאָך מיט עפּעס זיך פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ. זיצן אַליין פאַרשפּאַרט און גאָרנישט טון — קען מען דאָך טאַקע משוגע ווערן...

— אַט אַזוי פאַרקלאַפּט מען זיך דעם קאָפּ? ער געדענקט דען אפילו אין דער געפאַר, וואָס דראָט אים? אים איז דאָך גוט ווי דער וועלט!... און ווען ער קען יאָ אַרויסגיין אין גאַס, וואָלט ער דען מפסיק געווען דאָס שרײַבן — בשום אופן נישט! מיט קיין שטעקנס וועסטו אים איצט נישט פאַרטרײַבן פון דאָרטן...

— איז וואָס זשע ווילסטו? עמעצער פּרעגט דען בײַ דיר דעות, שרײַבן צי נישט שרײַבן?

— גאָרנישט וויל איך נישט... אַז איך דאַרף גאָר זײַן גאַנץ שרײַבן אויף כפּרות... אַז איך קען מיך גאָר באַגיין אָן דעם... אַז איך בין אים מוחל אַט דעם גאַנצן מפטיר...

— נו, שאַ, שאַ, יוסף, האָסט זיך שוין צעלאָזט?

אַ קוואַרטאַל זענען זיי געגאַנגען, נישט אויסרעדנדיק קיין איין און איינציק וואָרט. איבערשרײַענדיק דעם רעגן האָט טאַני אַ פּרעג געטון:

— איז האָבן מיר הײַנט דרײַ הקפות אין גאַנצן?

— אין אַזאַ רעגן וואָלט נישט אויסגעמאַכט נאָך ווײַניקער.

— עפּעס ביסטו הײַנט ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט... ווער האָט עס דיר אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן? זאָג דעם אמת...

— ווער דאַרף מיר אָנזאָלצן? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? באַלד פּאַסטו דיר צו אַ פּאַראַגראַף... מען קען מיט דיר גאָר גלײַך נישט רעדן...

— האָסט צופעליק נישט פאַרביטן די יוצרות, יונגערמאַן?

דער ווינט האָט אויפגעהערט, נאָר דער רעגן האָט נאָך געגאָסן גאַנץ געשמאַק.

— זאָג נאָר, יוסף, ווער איז אָט די בתיה פלאַקסמאַן, וואָס מיר פאָרן באַלד נאָך איר?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס, ווער זי איז...

— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער? ווי אַזוי זשע נעמסטו אָן אַן אַדרעס נישט וויסנדיק, ווער דער מענטש איז?

— אויב איך קען זי נישט, איז זי שוין פּסול? איך מוז טאַקע קענען די גאַנצע שטאָט? בערל דער שמש האָט מיר געזאָגט, אַז נעכטן איז געווען אין שול אַ יונגערמאַן, זײַנער אַ בן־עיר, אַ קצבֿס אַ פּליי־מעניק, ער האָט געהאַט יאָרצײַט, בראָנפן געגעבן, משניות געהייסן לערנען און אין איין וועגס האָט ער אים דערציילט, אַז זײַנער אַ חבר

גייט היינט־מאָרגן א חופה שטעלן; צי ווייסט ער נישט, בערל דער שמש, ווו וואָלט די כלה געקענט גיין צו טבילה, ווייל דער חבר זיינער האָט נישט קיין פאַרבינדונגען מיט די קרייזן און ווייסט נישט ביי וועמען צו פרעגן. האָט אים בערל געהייסן זיך ברענגען איר אדרעס, אַזוי ווי ער טוט שטענדיק, און געהייסן איר וואַרטן היינט אויף דער נאַכט פון צען א זייגער.

— איז די בתיה פלאַקסמאַן א כלה, הייסט עס?

— אַזוי קומט אויס.

— אנו, זאָג נאָר, ווי אַזוי איז איר אדרעס? איך געדענק עפּעס נישט.

— די מינוט גיב איך א קוק.

ער נעמט אַרויס אַן עלעקטריש לעמפּעלע, צינדט אָן, גיט עס טאַ־ניען צו האַלטן, אליין שלעפּט ער אַרויס פון ערגעץ א שטיקל פּאַפּיר און קוקט זיך איין.

— זי וווינט אויף טווערסקאיא 23, ערשטער שטאָק, וווינונג 7.

— קענען מיר, אויב אַזוי, פאַרפאָרן צו איר די ערשטע?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין?

— עס קער שוין זיין שפּעטער פון צען, נישט אַזוי?

יוסף פאַררוקט דעם אַרבל:

— צוואַנציק מינוט צו צען. ס'איז איבער די כמאַרעס דאַכט זיך, אַז עס איז שוין שפּעט.

זיי קוקן זיך פאַרזיכטיק אַרום אויף אַלע זייטן, גייען אַריין אין א טירל פון א גרויסן טויער און פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט פון הויף.

— א גוטן אָוונט, ר' יודל, עסט געזונט.

— א גוטן אָוונט, א גוט יאָר. שיינע מענטשן, כ'לעבן, נישטאָ וואָס צו רעדן! שטייט דאָס פערד נעבעך איינגעשפּאַנט און וואַרט אויף אייך שוין א געשוואָלענע שעה און זיי שפּילן זיך ערגעץ...

יוסף גייט צו א ברוגזער מיט א פאַרקאַטשעטן אַרבל:

— וואָס פינעט איר, ר' יודל? וויפל איז דען דער זייגער?

— וואָס טויג מיר זייגער־שמייגער? אין אַזאַ רעגן קוקט מען אויפן זייגער?

— אָבער מיר קומען דאָך קיין מאָל נישט פאַר צען, וואָס היצט איר זיך?

— אין אַזאַ רעגן בין איך געקומען פריער אהיים, א צער־בעלי־חיים, און איר זענט אויך נישט קליין געווען צו קומען פריער א ביסל.

— דאָס איז לויט א י י ע ר מיינונג אַזוי... עסט בעסער, עס ווערט קאַלט דאָס עסיפּלייש, דאָס איז אויך א צער־בעלי־חיים...

— נאָך א חכם אויך צו די צרות, קומט מיטעסן.

— א דאַנק. מיר קענען אַריינגיין אין אונדזער בודואַר?

— פאר וואס זאלט איר נישט קענען? שוין האלבע נאכט — און ער פרעגט ערשט...

זיי גייען אריין אין א זייטיק צימער, מאכן ליכטיק און שליסן צו די טיר. פונעם קוישל באוויזט זיך א גרינער זיידענער מאנטל, א פאר־ריק פון קויל־שווארצע פרויענהאר, מיט פארפלאכטענע צוויי צעפ. א קאפ מענערהאר מיט שיינע, גרויע קוטשערן, א געל־גרויע, לאנגע באָרד מיט וואנסן פארדרייט ארויף. איין פאר פענסנע אין א ניקלנער איינ־פאסונג און א פאר ברילן מיט ביינערנע הערער. א קובאנקע פון שווארצן קאראקול מיט א רויט דעכל. די אלע זאכן ווערן אויף גיך אנגעטון און מען קוקט אויף זיך אין שפיגל, מען לאכט: אויף וויפל קליידער ענדערן א מענטשן... אט די ברונעטקע מיט די שווארצע צעפ אויפן גרינעם מאנטל, מיט די בליאסקנדיקע פענסנע דערמאנט אן ענגלישע לערערין פון מוזיק אדער עפעס א טוריסטין, וואס באזוכט אן עגיפטישן מוזיי, נאר בשום־אופן נישט: טאני פייגנבוים פון קאראוואיעוסקע־גאס. דער־פאר, יוסף מיטן געקרייזלטן קאפ גרויע האר, מיט דער שיינער ברייטער באָרד, אין דער קובאנקע מיט די ברילן זעט אויס ווי אן עכטער דאנסקאי קאזאק. ער גיט נאך א גלאנץ מיט די איבערגעקערטע אויגן, א קריץ מיט די ציין, א פאכע מיטן קולאק — א טיפישער רוצח! פון דער מאמעס בויך ארויס — א מענטשנפרעסער.

ער נעמט אן טאנין ביי די אקסלען און דרייט זי אויס מיטן פנים צו דער טיר:

— נו, גענוג זיך שפיגלען, די נאכט שטייט נישט.

דאס פארפאלק גייט ארויס אין זאל אריין. כאטש די בני־בית איז שוין גאנץ גוט באקאנט דער מאסקאראד, דאך גיבן זיי זיך אלע מאל א ווארף: אוי, ווער איז דאס?... יוסף הייסט גיין צושליסן דעם טויער און זיי גייען ארויס אויפן הויף. דער בעל־הבית גייט זיי נאך:

— א שטייגער, אז איר פארט היינט ארויס אזוי שפעט, ווען קענט איר שוין קומען צוריק?

— מיר האבן היינט ווייניק ארבעט, ר' יודל, און אדרעסן אויך נישט קיין ווייטע, אלע אין דער אייבערשטער שטאט... איך רעכן, אז אין א שעה צוויי ארום וועלן מיר שוין זיין אויף צוריק...

טאני פארנעמט איר ארט אין בויד, יוסף — אויף דער קעלניע און יודל מאכט צו נאך זיי דעם טויער.

דער רעגן האט אויפגעהערט. זעלטן ווו עס גיט שוין א פינקל א שטערנדל. די כמארעס, צעפליקטע אויף שטיקער, קענען זיך קיין עצה נישט געבן, פארלאזן דאס שלאכטפעלד, צי די קריג איז נאך נישט גע־ענדיקט? עס איז שטארק פינצטער. עס הייבט זיך אויף א געדיכטער נעפל, קיין דורכגייער אויף די טראטואַרן איז שוין נישט מעגלעך צו באמערקן. מען הערט נאר ווי דאס טרעפן אלע מאל מיט דער פוס אין א קאליוזשע און דאס זידלען זיך פון די דורכגייער. די טראמווייען קלינ־

גען פּאַריתומט, אומעטיק. דאָס פּערדל שפּאַנט לעבעדיק, מיט אַ זאַטן הירזשען, קלאַפּט אוים פונקען מיט די פּאַדקאָוועס.

זיי שטעלן זיך אָפּ פּאַר אַ פינף־שטאָקיק הויז. יוסף דרייט זיך אוים צו זיין פּאַסאַזשירקע:

— אָט דאָ איז עס.

טאַני שפּרינגט אַראָפּ פונעם פּאַעטאָן און טרעפט גלייך אין אַ קאַליוזשע. זי ווישט אַרום איר טעשל מיט אַ שטיקל ציימונג און גייט אַריין אין פּאַראַדנע. עס גייען אַוועק גוטע צען מינוט. ענדלעך דער־טראָגן זיך פּרויענטריט. עס קומט אַרויס טאַני און נאָך איר, באַמערקט ער ביים שוואַכן שיין פון לאַמטערן, גייט נאָך אַ מיטלוווקסיקע פּולבלע־כע פרוי. זיי שטייגן אַרויף אויף דער דראָזשקע און טאַני גיט אַ געשריי:

— זיידעשי, אַוועקגעפאָרן!

קאפיטל XXX

דער נעפּל ווערט אַלץ געדיכטער, נאָר טאַני זעט גוט איר שכנטע אויפן פּאַטעאָן. פון דער ערשטער מינוט אָן איז זי איר עפּעס נישט צום האַרצן. אין שטוב, ווען טאַני האָט נאָר אַריבערגעטריטן די שוועל, איז זי גלייך שטיין געבליבן אַן אַפּהענטיקע און אַן אומבאַשלאָסענע. עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט זי באַהערשט. אַלץ אין צימער איז בפירוש געווען ווי אין אַ געוויינלעכער יידישער שטוב, אדרבה, — נאָך עכטער ווי אין אַ געוויינלעכער! און דאָך האָט זי דערפילט ווי אַ צוואַנג וואָלט צונויפגעקלעמט איר האַרץ. אַן אומבאַקאַנט נאָגעניש האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איר נשמה.

קעגנאיבער דער טיר, ביי אַ ווינקל־טישל, איז אין אַ ווייסער געפלאָכטענער וויג־שטול געזעסן אַן עלטערע פרוי מיט אַ ריזיקן פאַריק און האָט געשטריקט אַ זאָק. אַ פּנים די מוטער — האָט זיך אָפּגעלייגט אַ מסקנא ביי טאַנין אין קאָפּ. זי האָט געטראָגן בלויע ברילן, אין לינקן אויער האָט ביי איר געשטעקט אַ שוואַרצער שטעפּסל מיט אַ שנור, — משמעות, טויב און בלינדלעך, האָט טאַנים געדאַנק פיקסירט. בשעת טאַנים אַריינקומען האָט זיך די זקנה אַפילו נישט אויסגעדרייט, ווייזט אויס נישט געהערט. אין פראָנט, סאַמע ביים וואַנט־שפּיגל איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש מיט אַ שיינעם פּליושענעם פרוכת און לעבן דעם — אַן עמודל. — „אַ פּנים, אַ שיינער ייד איר פאָטער — איז טאַנין דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַן אייגן ספר־תורה אין שטוב“... אויפן ווייסגעדעקטן טיש איז געליגן אַ שפּאָגל־נייער קרבן־מנחה מיט צוויי מעשענע שלעסער, נאָר — צו טאַנים גרויסן ווונדער — מיט אַ שרייענדיקן ביבליאָטעק־נומער אויפן רוקן. דאָס האָט זיך שלעכט איינגעפּאַסט אין דעם גאַנצן רעמל און ווילנדיק נישט געוועקט נישט קיין קלאָרע חשדים. אין דער שיינער זילבערנער מנורה, וואָס איז געשטאַנען אויפן עמודל, זענען געווען אַריינגעפּראַוועט זיבן סטעאַרינאָווע ליכט. „ס'איז ערשט דינסטיק — ווונדערט זיך טאַני אין זיך — און שוין אַפילו ליכט אַריינגעפּראַוועט! אָט דאָס הייסט טייער האַלטן דעם שבת! מיר זענען טאַקע בעלי־עגלות“... אָט די אינערלעכע חקירה ודרישה האָט געדויערט אַ רגע כמימרא און איז פאַרקראָכן אין אַ טעמפּן ווינקל. אין פלוג איז דאַכט זיך אַלץ געווען אין אָרדענונג און דאָך איז אָט די שטוב מיט איר עכסט פרומען אויסזען געווען פול מיט ווידערשפּרוכן און דאָס האָט לייכט באַאומרואיקט.

ביים טיש האָט זי געטראָפן אַ חוץ דער כלה נאָך אַ יונגנמאַן מיט אַ שלעכט אַרויפגעזעצטער קעפּי אויף זיין נישט געהאָרכזאַמער פלאַקסענער טשופּרינע. לויט זיין אויסזען איז שווער געווען צו טרעפן צי איז ער אַ ייד, צי ניין. אויפן טיש, ביים ראַנד, זענען געווען אויסגעשפּרייט

צייטונגען, אויף זיי איז געשטאַנען: קאָנסערוון פון פיש, האָלענדישער קעז און אַ פלאַש קאַווקאַזער וויין. ס׳איז געווען קענטיק, אַז דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק האָלט אַקוראַט אין מיטן איבערבייסן. דערזעענדיק טאַניען האָט זיך די כלה אַ וואָרף געטון איר אַנטקעגן:

— ביטע, קומט אַריין, חברטע. אפשר וועט איר מיט אונדז מיטעסן?

ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט יענע גענומען אויף גיך זיך אָנטון. אומבאַמערקט האָבן זיך פון ערגעץ באַוויזן צוויי יידישע בחורים־לעך. אַ פנים, שוואָגערלעך. זיי האָבן צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר פאַרבייגייענדיק געוואָרפן אַ בליק אויף טאַניען, געשאָנקען אַ קרומען שמייכל דער אָנגעטוענער כלה און זענען פאַרשוונדן געוואָרן אין אַ זייטיקער טיר הינטערן ארון־קודש. טאַני האָט אָבער דאָס אַלץ נישט געוואָלט באַמערקן. איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדעט בלויז אויף איר קליענטין. די ווידערשפרוכן האָבן אָנגענומען אַן אויסטערלישן אויסזען. זי האָט זייער גוט באַמערקט איר פּייערדיקן מאַניקיור אויף די הענט, ווי אויך דעם פלאַקאָן פּערפום, וואָס יענע האָט כמעט אויסגעליידיקט זיך אויפן קאָפּ. זי, טאַני, האָט ביי איר אין שטוב גאָרנישט געפרעגט, נאָר אַצינד פּיקן איר די פראַגן אין קאָפּ אַריין אומאויפהערלעך: וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי? אָט אַזוי פּראַוועט מען אַ חתן־מאָל? קעז מיט וויין, און צווייען ביים טיש מיט אַ יונגנמאַן, זאָל זיין אפילו מיטן חתן? און שוין זשע ווייסט זי נישט, אַז צו טבילה דאַרף מען די נעגל אָפּשניידן? און צו וואָס האָט זי אַזוי באַשמעקט אירע האָר, אַז זי דאַרף באַלד גיין אין וואַסער? און נישט נאָר דאָס... אָט זיצט זי און רייבערט אַ פּאַפּיראָסל... עפּעס צו קונציק האָלט זי דאָס פּאַפּיראָסל צווישן די פינגער... און ווו איז עפּעס וועש, צי אַ ליילעך? דאָס ערשטע מאָל פירט זי אַזאַ כלה... שוין צו היינט־וועלטיק... גוואַלד, ווער איז זי, ווער איז זי? ווער קען זי זיין?

— אַנטשולדיקט — ווענדעט זי זיך צו איר — עלטערן האָט איר?

— ניין.

— שוין פון לאַנג נישט?

— איך געדענק זיי כמעט נישט.

— אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין נייגעריקייט, וואָס דען האָט אייך געבראַכט דערצו? —

— אַז איך זאָל פאָרן אין מקוה, ווילט איר זאָגן?

— מהם...

— דאָס וויל מיין חתן נישט אַנדערש, טו איך אים צוליב.

— דאָס איז געווען אייער חתן?

— אַלעקסיי? — גאָט באַהיט!

— אָט די אַלטיטשקע מיטן שטעפּסל אין אויער איז זיין מוטער?

— ניין, זיין מומע, ער האט אויך נישט קיין עלטערן.

— איז דאס האט זי ביי אים אויסגעפירט?

— די מומע זיינע און דער פעטער... ער האט א פעטער אויך.

טאני האט דערפילט, אז עפעס נאגט איר אונטערן לעפעלע. אט די פרוי מיטן פאפיראסל האט אויף איר אנגעיאגט אן אומבאגרייפלעכן פחד. שוין עטלעכע מאל באמערקט זי, אז יענע דרייט זיך אוים מיט דער זייט כדי ארויסצולאזן דעם רויך. אזא איידלקייט איז עפעס נישט שכיח, אין דרויסן לאזן דעם רויך אין א צווייטער זייט?... אט ערשט האט זי כלומרשט פארריכט דעם פאלטא אונטער זיך און ווידער געכאפט א קוק ... ניט שוין זשע ווייזט זיך עס איר נאר אוים?

טאני בייגט זיך אן פארריכטן דעם זאק און כאפט בגנבה א קוק אויף צוריקוועגס. אויגנבליקלעך גלייכט זי זיך אוים, כדי איר שכנטע זאל גארנישט חושד זיין, אבער דאס גאנצע לייב אירס פלאטערט פאר שרעק: וואס איז דאס? זי מעג שווערן, אז אין נעפל האט זי באמערקט סילועטן פון מענטשן אן פים, די גאס ארום איז פוסט... וואס פאר א מענטשן קענען דאס זיין? ניט שוין זשע האט זי אנגענומען סלופעס פאר מענטשן? ניין, אזא זאך טאר מען אזוי נישט לאזן, זי מוז זיך גענויער דערקונדיקן.

זי שנייצט אוים די נאז, עפנט דאס טעשל אויף ארויסצונעמען דאס טיכעלע און — באץ! דאס טעשל האט זיך ארויסגעגליטשט ביי איר פון די הענט און איז אראפגעפאלן אויפן וועג. מיט א געשריי שטעלט זי אפ דעם פורמאן, לויפט אראפ נאכן טעשל און באמערקט שוין דאס מאל אויף זיכער: צוויי וועלאסיפעדיסטן פארן זיי נאך, פוס טריט. באמערקט, אז די דראזשקע שטעלט זיך אפ, האבן זיי פלינק א קערעווע געטון צום טראטואר־צו און זיך באהאלטן הינטער א בוים.

די דראזשקע רירט. טאני נעמט ארוים פון דער טארבע, וואס הענגט ביי דער זייט, א זשמעניע היי און ווישט דאס טעשל רואיק, געלאסן. איר מח ארבעט אנגעשטרענגט, פיבערדיק:

— ס'איז שלעכט! מיר האבן זיך אריינגעפאקט! וואס טוט מען? ווי קריכט מען ארוים פון אט דער בלאטע? פאטער אין הימל, דערבארעם זיך... אומבאמערקט לייגט זי אריין די האנט אין טעשל, זוכט אוים דאס נאטיצביכל און אנטאפנדיק דעם בליישטיפט שרייבט זי עפעס דארט אריין. איר פנים איז בעת־מעשה רואיק, זי קוקט גאר אין א צווייטער זייט, זי מאכט אויפמערקזאם איר שכנטע אויף דעם אויסערגעוויינלעכן טומאן. זי פרעגט ביי דער שכנטע, צי יענע האט נישט קיין זייגער. יא, איר זייגער האט גראד א פאספארישן ציפערבלאט, מען זעט אין דער פינצטער. זי שטרעקט ארוים די האנט פונעם ארבל, טראגט זי צו נעענטער צו די אויגן און זאגט די שעה.

טאנים האנט אין טעשל ארבעט פלינק, נערוועז. געענדיקט, רייסט

זי אָפּ לאַנגזאַם און שטיל דאָס ביינעלע פּאַפּיר, לייגט דאָס צונויף אין פיל טיילן, פאַרקוועטשט עס אין קולאַק.

— אפשר קען איך ביי אייך בעטן אַ פּאַפּיראָס?

— מיט גרויס פאַרגעניגן.

די כלה עפנט אַ ביינערנעם פּאָרט־סיגאַר און טראָגט אונטער טאַ־ניען. טאַניע דאַנקט, נעמט ארויס אַ פּאַפּיראָס, שטעקט אים אריין אין מויל אריין, דערמאָנט זיך כלומרשט אין עפּעס און זאָגט העפלעך דער באַגלייטערין:

— אפשר וועט איר נישט זשאַלעווען דעם פורמאַן אויך איינעם? אַזאַ לאַנגער וועג און אַזאַ דורכנעמענדיקער טומאַן...

— ביטע, ביטע, וואָס פאַר אַ פראַגע?

טאַני נעמט נאָך אַ פּאַפּיראָס, שטעלט זיך אויף, קלאַפּט דעם פור־מאַן אין פּלייצע:

— זיידעשי, נעם אַ פּאַפּיראָס, דערוואַרעם זיך אַ ביסל...

יענער נעמט, נישט אויסדרייענדיק זיך, דעם פּאַפּיראָס און בעט פייער. די כלה גיט אים איבער איר ברענענדיקן פּאַפּיראָס. גאָרדאָן פילט, אַז טאַני האָט אים נאָך עפּעס אריינגערוקט אין האַנט. ער כאַפּט אַ קוק: אַ צעטעלע! אַ פּנים, זייער אַ נויטיקס. נאָך אַ ווײַלע פאַרט מען שטיל, אָט פאָרט מען פאַרביי אַ לאַמטערן, פּלוצלינג גיט דער פור־מאַן אַ ריטשע:

— האַ, אין דער ערד זאָלסטו גיין, דו רויטער אשמדאי! אַ גאַנצן טאָג וויסט ער מער גאָרנישט, נאָר רייסן פּאַסטאַראַמקעס, אַ מיתה־משונה דיר אין דער פינצטערער צורה, אומגליק מיינער, וואָס האָסטו זיך געגומען אויף מיינע יאָרן?... פאָרן פאָרט עס ווי אַן עכטע פּגירה און, אַז עס קומט צו פּאַסטאַראַמקעס רייסן, איז עס גאָר איין בריה אין דער וועלט... פאַר־שרפהט זאָל עס ווערן אָן יידישן שאָדן, פאָטער זיסער!...

ער קריכט אראָפּ מיט אַ קרעכץ פון דער קעלניע, גייט צו אַ צע־רייצטער צום פערד און דערלאַנגט דעם אַ פּאָר מאָל מיט דער דישלע אין די באַקן. ער נעמט זיך פאָרן, אויף די שטיינער פאַלט אראָפּ אַ דישעל מיט אַ קלונג. דער פורמאַן שטייט מיטן רוקן צו די פאַרשיינען, פאַרריכט עפּעס און שילט דאָס פערד מיט דער תוכחה...

ער צעוויקלט פאַרזיכטיק דאָס פּאַפּירל:

„אונדז שפּירן נאָך צוויי אַגענטן... פאַרקערעווע גלייך אויף דיע־לאַוואַיאַ און פאָר צו אויף לינקס צום הויז נומער 69... דאָרט איז אַ דורכגאַנגס־הויף... איך וועל אראָפּגיין אליין, אַ קוק טון, צי מען קען אריינגיין אין מקוה און דורך יענער זייט מאַכן די פליטה... אין אַ פּאָר מינוט ארום זאָלסטו מאַכן אַן אָנשטעל ווי דו גייסט מיך זוכן... די דראָזשקע — כאַפּט זי דער רוח, מען דאַרף ראַטעווען דאָס לעבן!"

ענדלעך איז דער דישעל צוריק צוגעבונדן געוואָרן, דער פּאַסטאַראַ־מאַק אויך. דער פורמאַן האָט אפילו נישט געשענקט זיינע פּאַסאַזשירן

קיין איין קוק, נאָר אַ גלעט געטון זיך די קובאַנקע און קרעכצנדיק אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע. אין אַ מינוט צען אַרום איז ער אונטערגעפאָרן צו אַן אָפענעם טויער און האָט זיך אָפּגעשטעלט. טאַני האָט פויל אַ גענייץ געטון:

— ענדלעך! קוים אַ מאָל זיך דערשלעפּט.

זי איז לייכט אַראָפּגעשפּרונגען אויפן טראָטואַר און האָט זיך געווענדעט צו איר שכנטע:

— איך וועל כאַפּן אַ קוק, צי די מקוה איז פריי...

יענע איז שטיין געבליבן אויפן טרעפּל:

— נאָך וואָס זשע דאַרף איך דאָ וואַרטן? איך קען דאָך גיין מיט אייך...

— ניין, היינטיקע יאָרן איז גלייכער, אַז איינער קען נישט דעם צווייטן. אַזוי גוט ווי איר וואָלט זיכער נישט געוואָלט, אַז עס זאָל אייך עמעצער זען, פונקט אַזוי וויל נישט יענער, אַז איר זאָלט אים זען...

— אָבער עס איז נישט אויף לאַנג?

— צוויי מינוט, העכסטנס דריי.

— נו, גוט.

און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

דער פורמאַן איז ווידער אַראָפּגעקראָכן, צוגעפּייפט דעם פערד, טאָמער וויל עס עפּעס. דער נעפּל האָט באַקומען אַ מילכיקן אויסזען. עס האָט זיך געפילט, אַז העכער פון אים שיינט די לבנה, אָבער אויף דער ערד האָט מען קוים געזען אויף דריי, פיר מעטער פון זיך.

עס זענען פאַריבער פינף מינוט, נאָך דריי, נאָך צוויי...

דער פורמאַן האַלט נישט אויס:

— דער רוח ווייסט די נשמה אירע, וואָס האָט זי זיך דאָרט אַוועקגעזעצט? אַז קיין יושר האָט עס נישט אויף קיין האָר.

גאָרדאָנס נערוועז זענען אָנגעצויגן ביז גאָר, אָבער ער האַלט זיך שטאָל און אייזן. פאַריבער נאָך אַ לאַנגדויערנדיקע מינוט. אַ צערייצטער גיט ער אַ שפּיי אין דער לופט אַריין און כריפּעט אַרויס:

— אַט גיי איך און שלעפּ זי אַרויס פאַר די צעפּ, וועט זי וויסן, אַז יענער איז אויך אַ מענטש... אַזאַ פּאַסקוד —

ער גיט אַ וואָרף די בייטש אויף דער קעלניע, און גייט אַריין אין הויף. טאַנין האָט ער שוין דאָרט נישט געטראָפן. ער איז פלינק אַרויס אויף דער צווייטער זייט גאַס, אַריין אין אַ צווייטן הויף — געראַטעוועט!

ער לייגט אַריין די באָרד אין טאַש, קערט איבער די קובאַנקע און נעמט זי אין דער האַנט. ווי לאַנג קרענקען זיי, צי ער האָט שוין איצט פאַר זיי מורא. אים איז אַ שאָד די דראָזשקע מיטן פערד, עס איז אַ באַטרעף פון אַכט ביז צען טויזנט רובל. ביי שלמהן איז נישט קיין ברונעם... און אַ ברונעם וועט אויך אויסגעשעפּט...

ער פארקרעוועט אויף רעכטס, מאכט א גאנץ היפשן בויגן. אט איז ער שוין קעגן זיין דראזשקע. אך, דער ליבער גאט, א ברכה אויף זיין קאפ! ווי א געטרייע מאמע אזוי פארשטעלט ער אים פון א בייז אויג. אז ער קוקט זיך איין, זעט ער אלץ, אבער אז עמעצער זאל א י ם באמערקן — א פייג, נישט ביי יוספן! די כלה, זעט ער, איז אומגעדולדיק. זי קוקט אויף אלע זייטן, רייבט א האנט אין א האנט, און קען זיך קיין ארט נישט געפינען. זי גייט אראפ, שפאנט זיך דורך, זעצט זיך צוריק. יוסף פארשטייט גאנץ גוט, אז די דראזשקע איז פאר־פאלן, נאר אים איז אינטערעסאנט צו זען, וואס וועט זיין דער סוף פון איר ווארטן? שא! ווער איז דאס? א־הא! דאס זענען זיי, די מלאכי־חבלה. דא דארף מען זיך צוהערן, יעדעס ווארט איז וויכטיק.

צוויי יונגע מענטשן פירן וועלאסיפעדן אין די הענט, גייען הארט איינער לעבן צווייטן, קוקן אפילו נישט אין דער זייט פון דער דראזשקע. גארדאן גיט זיך אליין צו פארשטיין: א־הא! נמאס געווארן, הייסט עס, צו ווארטן... זיי גלייכן זיך אוים מיט דער דראזשקע און גיבן זיך ראש א קער צו איר:

— ווהין זענען זיי אהינגעקומען?

— אוועקגעגאנגען זען, צי עס איז פריי...

— פאר וואס זשע אזוי לאנג?

— גלייב מיר, אלעקסיי, איך וואלט אויך געוואלט וויסן. פארקערט, זיי א חכם און זאג דו מיר...

— פראסיא, דיר ווייזט נישט אוים, אז זיי האבן עפעס דערשמעקט?

— עס הייבט זיך גארנישט אן. דו ביסט שטענדיק א פאניק־מאכער. זיי קענען אנלויפן א ליאדע מינוט. דער פורמאן איז אוועק אזא בייזער... ער וועט זי ברענגען, האב קיין יסורים נישט!

— פראסיא, איך בין נישט אזוי אפטימיסטיש געשטימט ווי דו. מיר איז דאס הארץ שווער... איך שיק אפ וואלאדיאן מיט די וועלאסיפעדן דא צו א חבר נישט ווייט, א פופצן מינוט גאנג פון דאנען, און איך אליין לויף אנקלינגען סאקאלאוון, ער זאל מיר ארויסשיקן אהער אן אפטיילונג סאלדאטן. איך האב מורא, טאמער קומען זיי דערווייל נישט ארוים, וועט מיר אויסקומען ארומצורינגלען דאס גאנצע הויז און זיי אויפזוכן...

— און טאמער קומט זי דערווייל?

— איז וואס זשע איז? גיי מיט איר, וואש דיך אפ דארטן און ארויסגייענדיק פון דארט וועלן מיר דיך שוין אפווארטן. אויף יעדן פאל, געווער האסטו?

— כ'האב נישט מיטגענומען, אז איך האב אייך —

— נא דיר מיין רעוואלווער.

— ער איז אנגעלאדן?

— פול. האלט אים נישט אין דער האנט, לייג אריין אין טאש.

— וואָס לערנסטו מיך? גייט און קומט.

— גוט, מיר וועלן זיך נישט זאמען. באַרעכן נאָר, זיי קומען אַלע נישט...

יוסף הערט זיך איין אין זייערע טריט. זיי הילכן אָפּ אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער. שוין גאַנץ שטיל. קיין איין דורכגייער הערט מען נישט. אַן אמתער בית־עולם. און איין הרף עין בליצט אויף אַ פּלאַן אין זיין מח. אויף גיך ווערט די באָרד צוריק אָנגעטון, די קובאַנקע אויך, ער גנבעט זיך שטיל אין טומאַן צום טויער צו און אין קאָפּ קלאַפּט אַ העמערל:

— לינקס אַרויף אַ קלאָזעט... לינקס אַרויף, אַ געמויערטער קלאָזעט...

ער פליט מיט אימפּעט אַרויס פון דעם נעפּל:

— אָך, אַנטשולדיקט חברטע, קיינער איז נישט שולדיק. יענע פּריצטע האָט זיך אַזוי לאַנג געקליבן... פּונקט ווי אויף אַ חתונה... איצט איז פריי, קומט...

— און ווו איז דאָס פריילין?

— זי וואַרט דאָרט אויף אייך.

און אַ האָפּערדיקער ווענדעט ער זיך צום פערדל — אַ פּאַטש טוענדיק עם אין גראָבן הינטן:

— וואָס, ברודערקע? שוין פאַרגליווערט געוואָרן שטייענדיק? באַלד, באַלד פאָרן מיר. די חברטע איז נישט קיין רביצין, זי וועט דאָס מאַכן אויף גיך, איאָ אַזוי?

זי ענטפערט נישט, האַלט די הענט אין די טאַשן און גייט אים נאָך. ער גייט צו צו אַ קליין מויערל אין ווייטסטן ווינקל פונעם הויף און מאַכט איר אויף די טיר.

— דאָס איז דאָך ענלעך אויף אַ קלאָזעט?

— נאָר ענלעך. היינט, ווייסט איר דאָך, דאַרף מען זיך באַהאַלטן... דאָרט אַרויף, איז דאָ אַן אַראָפּגאַנג...

ער לאָזט זי דורך אויף צו פריער און מאַכט נישט צו דאָס מויל:

— פאָרזיכטיק, האַלט זיך צו, דאָ קען מען פאַלן...

זי טאַפּט מיט די הענט אין דער פינצטערניש. פלוצלינג דערפילט זי אַ האַנט ביי זיך אין דער רעכטער טאַש. ביים פורמאַן אין דער האַנט קוקט דער רעוואָלווער גלייך און איר פנים אַריין:

— שטילשווייגן! נאָך געווער איז דאָ? נאָך קוילן האָסטו? קיין פּיפּס נישט טון! גיך אַריין אַהער אין קאַבינע! קוק וואָס איך טו מיט דיינע קוילן...

ער שיט אויס אַלע קוילן אין זשמעניע, און — אַ וואָרף אין זיצלאָך.

— נאַ דיר דעם ליידיקן רעוואָלווער, מיר באַנוצן זיך נישט מיט קיין געווער. איך וועל וואַרטן אויף יענער זייט טיר. טאָמער גיסטו איין

קוויטש, אזוי דערוואַרג איך דיך, דו קוק נישט, וואָס איך בין אַן אַל־טער...

און נישט וואַרטנדיק אפילו קיין רגע פליט ער אַרום פון דער קאַבינע, פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך און וואַרפט אַרויס דעם שליסל אויף דער זייט. דורך דער טיר וואָרנט ער זי נאָך אַ מאָל:

— שווייגן — אָדער דער טויט...

אויף די שפּיץ נעגל גנבעט ער זיך אַרויס פון דעם קלאָזעט: זי שווייגט. פלינק ווערט אַראָפּגענומען די באָרד, די ברילן, די האָר, די קובאַנקע. עס באַווייזט זיך אויף זיין קאָפּ אַ געוועגלעכע קעפּי. ער גייט אַרויס אויף דער גאַס: שטיל. דאָס פערדל שטייט פאַנורע, אַראָפּגעלאָזט די אויערן. שלאָפט, דאַכט זיך. ער גיט זיך פלינק אַ קער אום צוריק אין הויף אַריין און קלאַפּט אָן אין אַ פענצטער. עס הייבט זיך אויף אַ פאָרהאַנג. אַ מיידעלע אין איין העמד פרעגט: וואָס דאַרף ער? יוסף בעט עפענען די פאָרטאָטשקע:

— מיידעלע, גיי זאָג דעם דוואָרניק, אַז עפּעס אַ פרוי פרעגט זיך נאָך אויף אים. זי שטייט אין יענעם ווינקל, וווּ דער קלאָזעט...

נישט הערנדיק מער וואָס דאָס מיידעלע דערפרעגט זיך, איז ער אַרויס פון הויף, אַרויף אויף דער קעלניע און דאָס פערדל האָט זיך נע־בעך געמוזט אויפכאַפּן...

קאפיטל XXXI

דורך גאסן און געסלעך, אויסקערעווענדיק אויף יעדן קווארטאל, פאַרנדיק אומיסטן דורך די גרעסטע בלאָטעס און קאַליוזשעס, איז יוסף אין צוואַנציק מינוט אַרום, געווען ביי ר׳ יודלס טויער. אויף זיין שטאַרקן קלאַפּ אין פענצטער האָט ר׳ יודל אַרויסגעשטעקט דעם פּליכעוואַטן קאָפּ פון דער פאַרטאַטשקע און ווילד אַ געשריי געטון:

— ווער זעצט עס אַזוי? וואָס ברענט דאָרטן?

— גייט, נעמט אַריין אייער שפּאַן, ער שטייט פאַרן טויער.

— וואַרט אַ מינוט, דו פּראָאָדם, דו ביסט נישט קליין אים אַליין אַריינצופירן...

ביים פענצטער איז שוין קיינער נישט געווען. ר׳ יודל האָט גע־כאַפּט אויף זיך אַ פּאַלטאָ, צעעפנט דעם טויער, אָבער פון גאַרדאַנגען איז שוין קיין סימן נישט געווען, אויסגעטריקנט.

— אַך, וואָס פאַר אַ גראָבער יונג! אפילו קיין גוטע נאַכט נישט געזאָגט... אַז מען שמועסט: ווילד, וואָס איז דאָ צו רעדן?...

דאָס פערדל האָט פריילעך געשפּאַנט אין שטאַל אַריין און ר׳ יודל האָט נישט אויפגעהערט נאָכצוזאָגן קיין שבחים:

— אַזאַ עשו הרשע! אַזאַ מיאוסער באַד־שגץ! דאָס פערד איז צע־פּריעט און מיט שוים באַדעקט ווי לילית אַליין וואָלט אויף אים רייטנדיק געפאָרן... עס זאָל אים נאָר נישט געשענקט ווערן, רבונו־של־עולם! אַזאַ עוכר־ישראל, ער קען שוין ביי מיר זען אַ פערד, ווען ער וועט זען זיינע אויערן... קום, וואַסינקאַ, קום, דו באַקומסט היינט ביי מיר מער מיט עטלעכע זשמעניעס האָבער און איצטער זאָג, אַז דו האָסט אַ שלעכטן בעל הבית... אַזאַ אויסוואורף, וואָס האָט ער דאָרט געטון מיטן פערד?...

יוסף האָט שוין אפשר צען פאַרביי‌פאָרנדיקע אויטאָס געפּרוווט אָפּשטעלן — איין מאָל ניין. אַזוי ווי אויף צו להכעיס!... ענדלעך האָט זיך אים פּאַרט איינגעגעבן איין שאָפער איינבעטן, אַז ער זאָל נעמען טייערער אַ ביסל, פאַר אַרומפאָרן מיט אים אַ שעה צייט. דער אויטאָ איז אַ גרוימער, אַ פאַרמאַכטער, מיט איין וואָרט: דאָס וואָס ער דאַרף.

קודם כל איז ער צוגעפאָרן צו בערל דעם שמשס הויז. דעם נומער פון דער וווינונג געדענקט ער נישט אויף זיכער, אין גאַנצן איין מאָל אין זיין לעבן געווען ביי אים. ער קלאַפּט אָן סתם אין אַ טיר:

— אַנטשולדיקט, נישט דאָ וווינט איינער בערל...

— איך קען נישט קיינע בערלס...

— מיט אַ רויט בערדל... קליינע קינדערלעך האָט ער...

— אַ־האַ, אַזוי זשע רעדט. אַקעגנאיבער, אויפן קאָרידאָר רעכטס, די פערטע טיר...

— אַ גרויסן דאַנק, האָט נישט קיין פאַראיבל.

בערל ליגט שוין אויסגעטון אין בעט און פאַרדרייט זיך אַ פּאַפּי־

דאָס... דאָס ווייב וואַשט דאָס געפעס און הוידעט מיט די פּיס אַ ווי־געלע.

— מכבד יוסף גאָרדאָן! אַ ביינאַכטיקער גאַסט, פאַר וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?

יוסף ענטפערט נישט אויף זיין באַגריסונג, נאָר ער טראָגט אים אונטער זיין פּאַלטאָ פונעם הענגער:

— נעמט אויף זיך, ר' בערל, און שטעקט אָן די שיך. אין דרויסן דאַרף אייך עמעצער זען אויף איין ווײַלע... איי, ר' בערל, נישקשה אויף די באָרוועסע פּיס, איך זאָג דאָך אייך, אויף איין מינוט...

און אויסדרייענדיק זיך צו דער שמשטע:

— און איר וואָס שטייט? דער מענטש אין דרויסן דאַרף אייך אויך האָבן... קומט, קומט אויף אַ מינוט, דאָס קינד שלאָפט שוין... מאַכט שנע־לער מיט די פּיס, מאַדאַם... מאַדאַם בערל...

דאָס עלטערע מיידעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון יוספס קול און קוקט צו מיט פאַרוואונדערטע אויגן. בערל מיטן ווייב הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל פון זיי, נאָר זיי גייען אים נאָך ווי אַ קו — אַ קאַלב... פאַרן הויף שטייט אַן אויטאָ, זשומעט און טרייסלט זיך.

יוסף עפנט דאָס טירל:

— זייט אַזוי פיל גוט...

— דו ביסט ביים זינען, צי וואָס? וואָס טוט זיך עס מיט דיר?

— אויף איין מינוט. דאָרט וועל איך אייך ענטפערן.

— ווו „דאָרט", לאָמיך וויסן?

ביי יוספן פּלאַצט דער געדולד, ער הייבט אים אונטער און וואַרפט אים אַריין אין קאַבינע. דאָס ווייב גייט שוין דערשראָקן אַליין אַריין. דער אויטאָ רירט פון אָרט. יוסף בויגט זיך אַריבער צום שאָפער:

— אויף ליוואַשאָווסקע־גאַס 37, שנעל!...

ער דרייט זיך אוים צום פּאַרפּאָלק וואָס קוקן אים אָן ווי אַ משו־געגעם:

— איר פאַרשטייט? די מעשה איז אַזוי דערפון...

*

ווען די לאַסטמאַשין מיט זעלנער איז אָנגעקומען אויף דיעלאָוואיאַ, איז פּראַסיאַ זיי געגאַנגען אַנטקעגן, וואַקלענדיק זיך אויף די פּיס. זי האָט דערלאַנגט אַלעקסייען זיין רעוואָלווער, ווייזנדיק אים דעם ליידיקן מאַגאַזין. אַלעקסיי האָט געפירט מיט די אויגן אויף אַלע זייטן, זוכנדיק די דראָזשקע און נישט פאַרשטייענדיק פאַר וואָס איז פּראַסיאַ אַזוי רואיק.

— וווהין האָסטו אויסגעשאָסן די קוילן?

— אין קלאָזעט אַריין.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? ווו איז דאָס מיידל מיטן פורמאַן?

— שלאָפן שוין... ביי זיך אין דער היים...

אַלעקסיי האָט דערנענטערט זיין פּנים צו איר:

— דו קענסט רעדן ווי אַ מענטש, צי ניין?

— אי־די־אָט! — האָט זי אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין, איך רעד ווי אַ מענטש, דאָס איז דער ריינער אמת...

אויסהערנדיק פּראַסיאַס דערציילונג האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ... ווי אַ משוגענער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צום אויטאָ:

— נאָכפאָרן! נאָך די שפּורן פון די רעדער...

אַלע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער מאַשין און מען האָט אָנגעהויבן טאַפּן אַ וועג... עס האָט אָבער קיין סך נישט געדויערט, ביז אַלעקסיי האָט דערזען, אַז עס איז פּוסטע חלומות. דער נעפּל האָט נישט דערלויבט צו זען פון דאַנען אַהין! די שפּורן האָבן זיך פאַרלוירן אין די בלאָטעס, אין די קאַליוזשעס. פּונקט אַזוינע רעדער זענען געגאַנגען צו הדריי פּאָר און אין אַלע זייטן...

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש האָט ער געהייסן פאָרן צוריק אין אָבל־געפּעאו. פּראַסיאַ מיטביידע וועלאָסיפּעדיסטן האָבן נישט דרייסט אָנגע־קלאַפּט אין דער טיר צו סאָקאָלאָוון. ארום טיש זענען געשטאַנען פיל באַ־אַמטע און הויכע קאָמאַנדירן. דערזעענדיק די אַריינגעקומענע איז סאָקאָ־לאָוו ווי אַ שפּרונגפעדער אַרויסגעפלויגן פון הינטערן טיש:

— אַ סך מענטשן גענומען, חוץ די צוויי?

אַראָפּגעלאָזטע קעפּ איז געווען דער ענטפער אויף זיין פראַגע.

— וואָס איז? איר האָט דאָס לשון פאַרלוירן? וווּ זענען די פאַר־האַלטענע?

— מיר האָבן קיינעם נישט געבראַכט, — האָט אַלעקסיי שטיל געזאָגט.

— וואָס הייסט? וואָס הייסט נישט געבראַכט?

— זיי האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון אונדזערע הענט.

אַ פלאַמענדיקער פּליאַסק אין באַק איז געווען דער ענטפער אויף אַלעק־סייס רייד. יענער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס טיכעלע און גענומען אָפּווישן דאָס בלוט, וואָס האָט זיך אים אַ לאָז געטון פון דער נאָז.

— דערציייל דייטלעכער, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

פּראַסיאַ איז אַרויסגעטראָטן אויף פאָרנט, אַ בלייכע, אַ שטאַמלענדיקע. זי האָט דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געוווסט, פון זינט איר זעצן זיך אין דראָזשקע ביזן אָנקלאַפּן אין פענצטער און הייסן זי באַפרייען פון קלאָזעט.

— נישט מער, איין זאַך קען איך די גאַנצע צייט נישט פאַרשטיין, — האָט פּראַסיאַ פאַרענדיקט איר דערציילונג — דאָס מיידעלע, וואָס מען האָט איר אָנגעקלאַפּט און געהייסן רופן דעם דוואָרניק באַפרייען מיך, באַשטע־טיקט הונדערט מאָל, אַז דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש, נישט קיין גראָער קאָזאַק... דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט....

סאָקאָלאָוו האָט מיט סאַרקאַזם זיך איר נאָכגעקרימט:

— אַ יונגער מענטש... נישט קיין גראָער קאָזאַק...

ער גיט אַ געשריי:

— איך זאָל וויסן, מיין טויט וועט זיין, מוז איך געפינען אָט דעם גראָען קאָזאַק... חבר וואָלפסאָן!

עס טרעט אַרויס אַ לייטענאַנט פון געפּעאו, לייגט צו צוויי פינגער צום דאַשעק.

— ווי אַרום האָסטו אַריבערגעגעבן פּראָסיאַס אַדרעס צו אָט דער שאַיקע?

— מיינער אַ חבר האָט אים איבערגעגעבן צו בערל דעם שמש פון קופּעטשעסקע־שול, בערל בלאָוושטיין. און יענער — צוי־זיי.

— נעם שוין מיין לימוזין, פאָר צו צו דעם חבר און זאָל ער דיר אָנווייזן, ווו עס וווינט אָט דער שמש. אָן אים זאָלסטו נישט וואַגן קומען. ברענג אים לעבעדיק אָדער טויט.

— חבר נאַטשאַלניק, דערלויבט זאָגן צוויי ווערטער.

— רעד!

— עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז מיין חבר ווייסט נישט, ווו ער וווינט, נאָר אין שול זעט ער אים און איצט איז באַלד האַלבע נאַכט...

— וואַרט!..

סאָקאָלאָוו האָט זיך געביסן די ליפּ ביז בלוט. מיט אַ מאָל איז ער צוגעלאָפן צום טעלעפאָן, אַראָפּגעכאַפּט דאָס טרייבל און אַריינגעכריפּעט:

— גיט מיר דעם קאָמוטאַטאָר פון דער אָבל־מיליץ? — אָבל־מיליץ?

— גיט מיר די אַדמיניסטראַטיווע אָפּטיילונג. — וואָס, וואָס? עס איז שפּעט? וואָס הייסט שפּעט? וואָס הייסט, קיינער איז נישטאָ? גיט זשע מיר, אויב אַזוי, דעם נאַטשאַלניק פון אָבל־מיליץ. פאַרנומען די ליניע? איבערהאַקן — און מיך פאַראייניקן! האַלאָ! ווער רעדט? לונין? זדראַראַוו, לונין! דאָס רעדט סאָקאָלאָוו. ברודערקע, איך האָב אַ גרויסן פאַרדרוס. וואָס, וואָס? פאַרדרוס, זאָג איך. אַ קאַטאַסטראָפע האָט זיך ביי מיר געטראָפן. איז אָט וואָס: גיי די מינוט אַריין אין דער אַדמיניסטראַטיווער אָפּטיילונג, זוך אָפּ די פּאַפּקע פון קופּעטשעסקע־שול... יאָ, יאָ: קופּעטשעסקע, אַזוי רופט מען זי. צווישן אַנדערע אַרבעט דאָרטן אויך אַ שמש: בערל בלאָוושטיין, דאַרף איך שוין נייטיק וויסן זיין שטוביקן אַדרעס. גיכער, לונין, איך בעט דיך, טו עס פאַר מיינעט וועגן... איך וואַרט ביים טעלעפאָן!...

סאָקאָלאָוו האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געוואַרט מיטן טרייבל אין דער האַנט. קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט קיין אָטעם נישט געטון. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָ זאָלן שטיין סטאַטועס, נישט קיין מענטשן. דער וואַנטזייגער האָט מאָנאָטאָן געפּיקט אין קאָפּ אַריין: דין, דין, דין. אַלעמענס אויגן זענען געהאַנגען אויפן טרייבל ווי אויף אַן אונטערגייענדיקער שיף — אויף דעם איינציקן רעטונגס־שיפל.

— יאָ, יאָ, לונין? איך הער, איך הער. ווי אַזוי זאָגסטו? קיראָוואַ 73, וווינונג 9. וואַרט, איך וועל פאַרשרייבן... זאָג נאָך אַ מאָל, ריכטיק! נו, ברודערקע, אַ גרויסן, גרויסן דאַנק! האָסט מיך פשוט מחיה געווען. אַ גוטע נאַכט, צום ווידערזען!

— גיכער אויף דעם אויטאָ, וואָלפסאָן! נעם מיט פינף מענטשן און פרווו אומיסטן קומען מיט תירוצים אַזוי ווי זיי...

ער האָט אָנגעוויזן אויף פּראָסיאַן מיט די וועלאָסיפּעדיסטן.

וואָלפסאָן איז אַרויס, אַראָפּגעפלויגן פון די טרעפּ, שיִר דעם קאָפּ נישט געבראָכן. סאָקאָלאָוו איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק, זיך געקאָכט, געריידט צו קיינעם נישט:

— פאַרשטייסט, צי ניין? דאָס איז נישט סתם אַזוי אַ באַנדע, דאָס איז אַן אָר־גאַ־ני־זאַ־ציע! צוריק מיט אַ טאָג צען איז אויסגערונען דער שלמה און יענער שוטה פון דער סטאָלאָווע, טאַרטשעט ביי זיין שטוב גאַנצע נעכט. ער מיינט, אַז שלמה וועט זיין אַזאַ נאַר און קומען גלייך צו אים אין די ציין אַריין... איצט זענען אויסגערונען צוויי מיטגלידער פון דער אָר־גאַניזאַציע. ווער ווייסט, אפשר איז אָט דער קאַזאַק גאָר שלמה אַליין. פון וואַנען ווייס איך דען, אַז ניין? און דאָס זענען נישט קיין פּראָסטע מענטשן... ווי אַזוי האָט ער געזאָגט? — „מיר באַנוצן זיך נישט מיט קיין געווער"... איאָ, אַזוי דאַכט זיך?

פּראָסיאַ שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איר פאַרשטייט דיבורים? דאָס הייסט, מיר לאַכן פון אייער געווער, מיר זענען דוקא וועגעטעריאַנער און פּרוווט טוט אונדז עפּעס... און וואָס פאַר אַ הומאַניטאַרע שטיקעלעך באַווייזן זיי? קוילן — וואַרפן זיי אין קלאָזעט אַריין!... רעוואָלווערן — קערן זיי אום!... נישט קיין קלאָפּ טון, נישט דאָס מויל פאַרשטופּן, נישט קיין הענט און פיס בינדן. פּונקט פאַרקערט, ער וועקט נאָך אויף מענטשן, מען זאָל גיין באַפרייען זיין שונא. וואָס איז דאָ צו שמועסן? ריטערס! דאָן־קיכאָטן — און שוין!...

סאָקאָלאָוו גייט אַרויס פון צימער זיך באַרואיקן אַ ביסל. אַלע שטייען און שווייגן. קיין שום דיבורים ליגן זיך נישט אויף דער צונג. יעדן באַזונדער טוט וויי די היינטיקע קאַטאַסטראָפע: האָבן אין די הענט אַזאַ פויגל און אַליין אים אָפּלאָזן...

סאָקאָלאָוו קערט זיך אום. ער רעדט נישט צו קיינעם, ברענגט די פּאַפּירן אויפן טיש אין אָרדענונג, פאַרצייכנט זיך עפּעס אויפן קאַלענדאַר. ער קלינגט אָן, הייסט זיך אַריינטראָגן אַ גלאָז טיי. ער גיט אַ ווונק דעם עולם, מען זאָל זיך צוזעצן. אייניקע באַנוצן זיך מיט דער דערלויבעניש, אַנדערע בלייבן שטיין. מען טראָגט אַריין טיי, ער גיט צוויי, דריי זופּ און רוקט אָפּ דאָס גלאָז. אַלע כאַפּן בגנבה אַ קוק אויפן זייגער: שוין פינף און דרייסיק מינוט, זינט וואָלפסאָן איז אַוועקגעפאָרן, ער וואָלט שוין געדאַרפט זיין צוריק... וואָס באַטייט דאָס זאַמען זיך?

ווי אַן ענטפער אויף זייערע געדאַנקען דערהערן זיך טריט אויף די טרעפּ. ביי אַלעמען פאַרכאַפּט זיך דער אָטעם. עס עפנט זיך די טיר, עס קומט שטיל אַריין וואָלפסאָן און בלייבט שטיין. אַלעמענס אויגן, ווי די שפּיזן, זענען געווענדעט אויף אים. סאָקאָלאָוו רעדט נישט אויס קיין וואָרט

נאָר ער קוקט אויף אים. וואָלפסאָן פאַרשטייט אָט דעם פרענגנדיקן בליק. ער צענעמט די הענט אומבאַהאָלפן:

— מען האָט אים אויסגעכאַפּט...

ווידער איז שטיל אין צימער. קיינער רירט זיך נישט. וואָלפסאָן פילט, אַז ער דאַרף זאָגן עפּעס מער, דערציילן אַלץ... און ער דערציילט:

— צוערשט האָב איך מיינע מענטשן געלאָזט אין קאָרידאָר. אַליין בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר, שוין געוואָלט אָנקלאַפּן — ערשט די טיר איז גאָר אָפן. איך גיי אין קיך אין דער פינצטער און אַ קינדעריש קולכל שרייט פון שטוב:

— טאַטע, פאַר וואָס אַזוי לאַנג? איך האָב מורא געהאַט...

דערזעענדיק מיך גיט עס אַ קוויטש, דאָס קינד אין וויגל כאַפּט זיך אויף און וויינט אויך, און נאָך אַ ייִנגעלע איז מיט איר געשלאָפן... איך האָב זיי קוים איינגעשטילט. איך פרעג ביים עלטערן מיידעלע:

— ווו איז דער טאַטע?

דערויף באַקום איך אַן ענטפער:

— וואָס הייסט, ווו? ער שטייט נישט אין דרויסן מיט דער מאַמען?

— קיינער שטייט נישט.

דאָס מיידעלע הייבט ערשט אָן רעכט צו וויינען:

— שוין אפשר אַ האַלבע שעה, אָדער נאָך מער, אַז עס איז געקומען צו אונדז עפּעס אַ ייִנגל, אים גיך אַרויסגערופן צוזאַמען מיט דער מאַמען, געזאָגט, אַז אויף איין מינוט...

זי וויינט און ווייזט מיר אויף דעם פאַטערס אַנצוג, וואָס ליגט אויפן בענקל, און אויף די שקאַרפּעטקעס, וואָס וואַלגערן זיך לעבן בעט.

— זיך אפילו נישט געלאָזט אים אָנטון, נאָר דעם פּאַלטאָ גענומען אויף זיך... נאַקעט אַרויסגעשלעפּט אויפן רעגן...

— וואָס האָב איך מער געהאַט צו טון דאָרט? פון דעסט וועגן האָב איך אַ קוק געטון אונטער די בעטן, אין שאַפע — קיינע נייעס נישט: דאָס מיידעלע האָט אמת געזאָגט.

סאָקאָלאָוו האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— וואָס דען? איר זענט אַרבעטער? אָט יענע זענען טיכטיקע אַר־בעטער: ריין, שיין, און שאַ־שטיל — אָן רעש... פאַר צוויי וואָכן האָט מען אויסגעכאַפּט אַ חדר ביי מאָסקאַליענקען פון אונטער דער נאָז, הייגט — דעם שמש מיט דער שמשטע... שלמה איז סתם נישטאָ און דעם קאָזאַק האָט אַלעקסיי אָפּגעלאָזט...

און מיט אַ מאָל האָט ער מיט אַ דונערנדיקער שטימע גענומען שרייען:

— אויב איר געפינט מיר נישט אין משך פון דריי טעג אָט די גאַנצע קאָמפּאַניע, וועל איך אייך אַלע אויפהענגען אויף די לאַמטערנס!... סוואַ־לאַטשעס! וואָן פון מיינע אויגן, הינט! חזירים! וואָן, צו אַלדי רוחות, אין אייער מאַמעס מאַמען אַריין! וואָן פון דאַנען! ווּ־ווּ־אָן!

קאפיטל XXXII

ווען טאני איז ארויס אויף דער צווייטער זייט גאס, זיך ארומגעקוקט און זיך איבערצייגט, אז קיינער לויפט איר נישט נאך, האט זי לכתחילה געקלערט אויסווארטן אויף יוספן, נאר באלד באשלאסן, אז דאס דארף מען נישט טון. יוסף ווייסט דעם וועג אויך אן איר און ס'איז גלייכער וואס וויניקער זיך דרייען אויף דער גאס. זי איז אוועק אהיים. אין שטוב האט זי זיך אויסגעטון, איבערגעבעטן דער מוטער דאס געלעגער, געזופט א פאר־קילטע גלאז טיי, בשעת מעשה מעכאניש איבערגעלאפן מיט די אויגן די פרישע צייטונג. יוסף איז נישטא. זי האט אנגעהויבן נערוועז מעסטן די שטוב אין דער לענג און אין דער ברייט...

— גוואלד, ווו איז ער? ער האט דען געמעגט לאנג בלייבן ביי דער דראזשקע נאך איר אוועקגיין? זיי האבן דאך געקענט באקומען א חשד און אים פארהאלטן. ווו זשע קען ער טאקע זיין? וואס איז מיט אים?

פלוצלינג לויפט איר דורך א געדאנק:

— ער איז געווים אריינגעגאנגען צו שלמהן. פאר וואס עפעס וועט ער גאר לויפן אהער? יא, יא, אזוי מוז עס זיין.

זי טוט זיך אן, זאגט אן דעם פאטער, אז זי גייט צו צו שלמהן. אויב זי וועט זיך זאמען, זאל מען נישט איבערטראכטן. און זי גייט אוועק.

גלייך אויף דער שוועל גיט זי ביי שלמהן א פרעג:

— יוסף איז ביי דיר?

— עס קומט אים שוין א שלום־עליכם, איך האב אים שוין דריי טעג נישט געזען פאר די אויגן.

— ווי איז מיר, ווו זשע קען ער זיין?

זי גייט אריין אין צימער, שלמה מאכט צו נאך איר די טיר. פונעם ראזע אבאזשור, וואס הענגט אראפ פון סופיט, גיסט זיך א ווייכע היימישע ליכט. אויפן טיש ברענט נאך א לאמפ. עס זענען אנגעווארפן העפטן, ביכער... שלמה ארבעט.

אקעגנאיבער אין שפיגל זעט זי זיין פארטרעט, וואס הענגט אויף דער וואנט... א הויכער שטערן, א שיינער קאפ האר און ברענענדיקע אויגן ווי ביי א ציגיינער. א גלייכע מיטעלע נאז, רויטע ליפן, אזוי ווי אנגעפארבט. פונעם שמייכל קארבט זיך איין אויף דער באק א חן־גריבעלע. דאס שמייכעלע דווערט ביי אים נאר פון די אויגן, ביז צו די מויל־ווינקלען. ווייטער איז שוין נישט קענטיק. א שיינער בחור, אט דער שלמה, און א גרויסער שרייבער, זאגט מען, וועט ער זיין. סעגאל זאגט וועגן אים, אז ער פאר־מאגט א קינסטלערישע פען, א רייכע, זאפטיקע שפראך, א שלל מיט פארבן און א ברייטן, דרייסטן פארנעם.

— יא, אבער ווו איז פארט יוסף?

פון דעם געדאנק גיט זי זיך א טרייסל מיט אלע אברים. זי קוקט זיך

אום אויף זייער אמאליקן קאמפאניאן: שלמה שטייט רואיק ביים טיש מיט א העפט אין דער האנט. אלע מאל פארריכט ער עפעס מיטן בליישטיפט און ווידער ארבעטן נאר זיינע אויגן. מיט א מאל גיט ער א פאל אנידער אויפן בענקל ווי פון א דונער געטראפן און די האנט הייבט אן צו מאכן זיגזאגן איבערן פאפיר: צו זיך און פון זיך, צו זיך און פון זיך... דער „שותף למעשה בראשית" * האט זיך אין אים געלאזט פילן פון יעדער תנועה, ער איז געהאנגען אויף די עקשנותדיק פארשלאסענע ליפן, ער האט זיך באהאלטן אין דעם מאנאטאנעם אונטערברומען זיך, געשאסן פון די נישט אויסגעשלאפענע, רויטלעכע אויגן, געזעצט פון די נאזלעכער... זיין גאנץ חיות האט געהאנגען אויפן שפיץ פון דער פעדער און די פעדער האט מיט קליינע הפסקות געקריצט, געקריצט... זי פילט, אז ער האט שוין גאר פארגעסן, אז נאך עמעצער איז מיט אים דא אין צימער. ער באמערקט זי גארנישט. זי גיט צאנדיק א טראכט: גארדאן איז א ביסל גערעכט, שוין צו פיל מלאך געווארן. זיך אין גאנצן אויסגעטון פון דער וועלט...

— נו, איך וועל גיין — זאגט טאניע מיט א פארבארגענעם פארדרוס — א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט, א גוט יאר.

נאר טאניע בלייבט נאך שטיין ביי דער טיר. אויף איר פנים איז קענטיק, אז זי קווענקלט זיך אין עפעס. ווען זי האלט שוין די קליאמקע פון דער טיר, געפינט זי שלמהס בלאנדזשענדיקער בליק. ער גיט זיך א וואָרף צו איר און נעמט זי אן פאר דער האנט:

— אוי, טאני, איך בין אזוי פארחושט... וועגן וואס זשע האבן מיר גערעדט? הא, וועגן יוספן? און ביי אייך אליין וואס הערט זיך? איר זענט שוין דא לאנג אין שטוב?

— איר האט דאך מיר אליין געעפנט.

— איר לאכט נישט? איך האב גאר פארגעסן... ערנוואָרט!

— א סך זאכן פארגעסט איר... נו, איך גיי...

— שטייט, וווהין לויפט איר אזוי? איר האט דאך א וואָרט נישט געזאגט, נאך וואס איר זענט געקומען?

— איך האב געמיינט, אז יוסף איז ביי אייך. ווי באלד ער איז נישטא, וועל איך לויפן אים זוכן ערגעץ אנדערש.

שלמה חזרט מעכאניש איבער:

— לויפן... זוכן... א מינוטקעלע! וואס דארפט איר אים עפעס אזוי נייטיק האבן?

טאני קווענקלט זיך: דערציילן אט דעם מענטשן, צי ניין? וועט צו אים אציינד דערגיין איר דערציילונג, צי ניין? שלמה האט אפגערוקט די העפטן, ער שטייט קעגן איר און וואָרט. טאני הייבט אן דערציילן דאס געשעעניש פון היינטיקן אויפדערנאכט. שלמהס פנים ווערט אלץ רואיקער און רואי-

---

* די כונה — דער שעפער.

קער. טאַני ווייסט, וואָס אַזאַ רואיקייט ביי שלמהן באַדייט. זי האָט געענ־דיקט. ער עפנט לאַנגזאַם דאָס טישקעסטל, שאַרט אַהין אַריין אַלץ פון דעם טיש, פאַרשליסט, גיט אַ פּרווו דעם שלאָס, באַטראַכט דעם שליסל פון אַלע זייטן און פרעגט שטיל ווי ביי זיך אַליין:

— ווו זשע טאַקע האָט ער זיך געקענט פאַרהאַלטן, יוסף?

נישט קוקנדיק אויף איר ווייזט ער איר אָן אויף דער סאָפע, זי זאָל זיך צוזעצן.

טאַני לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שפּיץ סאָפע און קלערט אויפן קול:

— בלייבן לאַנג נאָך מיר ביי דער דראָזשקע האָט ער נישט געטאָרט... נישט אַנדערש, נאָר זיי האָבן זיך ביי צייטנס געכאַפּט און... אוי, איך קען דאָס נישט אַרויסרעדן פון מיין מויל... עס ציטערן מיר אַזש הענט און פיס!...

— עס איז נישט נייטיק דאָס אויסצורעדן מיט אייער מויל, ווייל עס איז נישט אַזוי...

— וואָס איז נישט אַזוי?

— דאָס וואָס איר טראַכט. איר ווילט דאָך זאָגן, אַז יוסף איז פאַר־האַלטן געוואָרן, האַלט איך, אַז עס איז אַ טעות. יוסף איז נישט אַרעסטירט

— אויב אַזוי, ווו זשע איז ער?

— דאָס ווייס איך נישט. עס הייסט, אַ חשד האָב איך, נאָר דאָס איז אַזאַ געדאַנק, וואָס מען דערציילט אים נישט קיינעם. נאָר אַרעסטירן פיל איך מיט אַלע חושים, האָט מען אים נישט אַרעסטירט...

שלמה וואַרפט אָן עטלעכע ווערטער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, לייגט דאָס אַריין פון אויבן אין שופלאָד און פאַרשליסט צוריק.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, אויף וואָס קוקנדיק זענט איר אַזוי זיכער, אַז יוסף איז נישט ביי זיי אין די הענט?

— טאַניטשקע! ביי מיר אין האַרצן איז דאָ אַזאַ אַפּאַראַטל, וואָס זאָגט מערסטן טייל מיר אויס כמעט אַלץ, וואָס דאַרף געשען און וואָס עס געשעט. און מיין אַפּאַראַטל איז איצט גאַנץ רואיק, איז דאָס אַ סימן, אַז גאָרדאָן שפּאַצירט אַרום אויף דער פריי.

טאַני האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס און זיך שווער פאַרטראַכט נאָך די איבערלעבענישן פון דער נאַכט איז אומבאַמערקט געקומען די רעאַק־ציע. אירע אברים האָבן זיך ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. פאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרומפאָרן קאַרעטעס. דער לאָמפּ האָט זיך געשפּאָלטן אויף טוויזנ־טער און טויזנטער קליינע לעמפּעלעך.

— טאַני, פאָלגט מיך, ציט אויס די פיס אויפן דיוואַן און כאַפּט אַ דרימל. עס שלעפערט אייך, זע איך. דאָס טרעפט שטענדיק פון לאַנג זיין אין דרויסן אין אַ נעפלדיק וועטער. שלאָפט, שלאָפט. אַז יוסף וועט קומען, וועל איך אייך אויפוועקן...

פונעם אָפענעם פענצטער האָבן זיך געהנדלט אויסגעוואַשענע שטערנד־לעך, פרייליך צוגעוווּנקען און געשמייכלט. אָפט פלעגט זיך דורכטראָגן

אין פענצטער־קוואדראַט אַ זילבער־ווייס וואָלקנדל, ווי דאָס ווייסלעכל פון אַ שיטער פאַרקאַכט איי. דער פרישער טונקל־בלויער הימל קען דאָס נישט פאַרטראָגן און וואַרפט אַראָפּ פון זיך, די לעצטע רעשטלעך פון היינטיקן געוויטער. אַ קיל ווינטעלע האָט גערופן צו שלאָפן, דערמאָנט דער וועלט, אַז ס'איז האַלבע נאַכט, צוגעזאָגט אויף מאָרגן אַ שיינע זון, אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע:

— פאַרגעס, ברודערקע, וואָס היינט אויף דער נאַכט איז צווישן אונדז פאָרגעקומען. וואָס געווען, איז פאַרפאַלן. און איצט — ווידער חבר׳...

אַליין נישט באַמערקנדיק האָט טאַני אויפגעהויבן די פיס אויפן דיוואַן און איז געשמאַק איינגעשלאָפן. אַזוי־אַ, מיטן פּאַלטאָ און מיט דעם טעשל אין דער האַנט, האָט איר קליין פּנימל אויסגעזען אַזוי קינדעריש, אַזוי אומ־שולדיק־רואיק, אַז אַלץ, וואָס זי האָט דאָ דערציילט, האָט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע. איר נעזל האָט רעגלמעסיק אָנגענומען לופט אין די לונגען און צוריק אַרויסגעבלאָזן.

שלמה האָט אויף די שפּיץ פינגער זיך דערנענטערט צום פענצטער, געוואָלט עס צומאַכן, נאָר זיך באַטראַכט, אַרויסגענומען פון צופוסנס אין בעט אַ פוכאָווע קאָלדרע, אַ העל־בלויע מיט ראָזע פייגעלעך, און אָן אַ מינדסטן שאָרך זי איינגעדעקט. דאָס שמאָלע טעפּיכל האָט פאַרטויבט זיינע טריט און ער האָט נישט אויפגעהערט אַרומשפּאַצירן איבערן צימער אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

ער אַליין איז נישט געווען אַזוי זיכער אין דער פינקטלעכקייט פון זיין אַפּאַראַטל, ווי ער האָט איינגערעדט טאַניען... און וואָס קען דאָס טאָקע הייסן? וווהין איז ער פאַרפאַלן געוואָרן? ער וועט דאָך נישט אַוועק אַהיים זיך לייגן שלאָפן, איידער ער וועט זיך זען מיט טאַניען? און ביי טאַניען אין דער היים ווייסט מען, ווו זי איז. ער זאָל פרעגן, וואָלט מען אים גע־זאָגט. דער געדאַנק פאַרבלאָנדזשעט אין אַ זייט. ער דערמאָנט אים די טאָג־טעגלעכע שוועריקייטן און איצט חוץ אַלעמען, וועט דאָך יודל דער בעל־עגלה מאָרגן קומען קלאַפּן אין טיש: „מיין שפּאַן זאָל מיר ווערן!" — און ער וועט זיין גערעכט ווי משיח. וואָס האָט מען צו אים? אַ ייד אַן אָרעמאַן מאַטערט זיך פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אין די היצן און אין די קעלטן, ביז ער פאַרדינט זיך מיט זיין הויזגעזינד דאָס שטיקל ברויט, מוז מען דאָך באַלד אין דער פרי אים פאַרזאָרגן געלט, כדי ער זאָל זיך צוזוכן אַ פּאַטשאַן מיט אַן אַנדער פערדל. וואָס איז דאָ צו קלערן? עס איז אַ שאָדן פון גאַנצע פינף הונדערט דאָלאַר! באַגראָבן געוואָרן דער ריוח פון דער לעצטער טאַרגסין־קאָמבינאַציע. נאָר ווער רעדט שוין דערפון? ווי זעט מען שוין יוספן אַ לעבעדיקן?... אַזוי איז עס, פאַרדינען האָט ער אויפ־געהערט... די הוצאות אויפן חדר האָבן זיך פאַרדאָפּלט. אַ גרעסערן שטאַט געמוזט מאַכן. דירה־געלט פאַר די קינדער... און עסן. און מלבושים... נאָר דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד... ער פאַרמאָגט נאָך אויף עטלעכע יאָר צום לעבן... היינט, דאָס בוך... אָבער וואָס קריכט אים אין קאָפּ איצטער?

יוסף ווו איז? צי ליגט ער נישט אַצינד אויף דער זעלבער נאַרע, אויף וועל־כער זיין טאַטע איז ערשט נישט לאַנג געלעגן?

ער הייבט זיך שווער אויף, מעכאַניש גייט ער צו, שליסט אויף דעם שופלאַד, לייענט איבער עטלעכע מאָל די פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט פריער אָנגעוואָרפן און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט:

— שווער צו גלייבן... שווער צו גלייבן...

מען קלאַפּט אין טיר. ער גיט אַ ציטער, באַלד אָבער שעפּטשעט ער שטיל צו זיך:

— נישט יוספס קלאַפּ...

ער שליסט צו דעם שופלאַד און גייט עפענען.

ער מאַכט צו די טיר הינטער מנשהן מיט משה פרידמאַן און לייגט צו אַ פינגער צו די ליפּן:

— ש—ש—ש—שאַ!

אין קאָרידאָר, גייענדיק צום צימער, וואָרענט ער זיי נאָך אַ מאָל:

— רעדט שטילער, איר זאָלט נישט אויפוועקן.

אין צימער פרעגט ער ביי זיי שעפּטשענדיק:

— פון וואַנען קומט איר עס אַזוי שפּעט?

— עס איז גאָרנישט אַזוי שפּעט, מיר גייען פון אַ סיום המסכת.

— זיצט חברים, נאָר קלאַפּט נישט מיט די בענקלעך.

— ווער שלאָפט עס ביי דיר?

— טאַני.

זיי קוקן אויף אים פאַרוווּנדערט:

— וואָס טוט זי ביי דיר?

— שאַ, שרייט נישט אַזוי, איך וועל אייך דערציילן.

אין עטלעכע ווערטער גיט ער זיי איבער, וואָס זי האָט היינט איבער־געלעבט און זיין באַזאָרגטקייט וועגן גאָרדאָנען. יענע ווערן צערודערט נישט אויף קאַטאָוועס. ביי מנשהן איז קיין ספק נישט, אַז מ׳ען האָט שוין אודאי פאַרנומען יוספס עלטערן אויך און ווער ווייסט, נאָך וועמען נאָך מען קען היינט קומען?

— מנשה, איר הייבט שוין אָן טרייבן קעץ אין בויך אַריין? קודם ווייסט יוסף נישט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. חוץ דעם וועט ער גלאַט קיינע אַדרעסן נישט געבן און חוץ אַלעמען מוז איך זיך מודה זיין, אַז דאָס הארץ איז מיר עפּעס גרינג. מיין אספּקלריא המאירה* זעט אים אויף דער פריי, און זאָגט אייך, וואָס איר ווילט...

— אדרבה, זאָג אונדז, — רופט זיך אָן פרידמאַן — ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין, ער זאָל זיין פריי און זיך נישט ווייזן אין ערגעץ, נישט צו דיר, נישט צו די פייגנבוימס?

— דאָס וואָס איך קלער וועגן דעם, גיט זיך נישט איבער מיט קיין

---

* דאָס שטיקעלע נבואה, וואָס געפינט זיך ביי יעדן יידן.

רייד. קיין גרויסע יסורים האָב איך פון אים נישט, נאָר פון דעסט וועגן וואָלט איך אים שוין געוואָלט זען ביי דעם טיש...

א ווײַלע שווייגן אַלע. עס הערט זיך נאָר דאָס רעווען פון א לאָקאָמאָ־טיוו ערגעץ ווייט און טאָנים שטיל אָטעמען. פון צייט צו צייט גיט זי זיך א וואָרף אין שלאָף און ווידער הערט זיך איר רואיקער אָטעם.

— וואָס זשע שלאָפט זי עפּעס ביי דיר? זי האָט מורא צו זיין ביי זיך אין שטוב, טאָמער ווי א זאַך מאַכט זיך?...

— מנשה, איר מיינט טאַקע, אַז די גאַנצע וועלט קלערט נאָר וועגן זיך, פּונקט אַזוי ווי איר? זי האָט נישט מורא, אַז גאָרדאָן וועט געבן איר אָדרעס. זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען פאַר יסורים, וואָס ער קומט נישט. איך האָב זי קוים איינגעבעטן, אַז זי זאָל דאָ צוּוואַרטן. דערציילט, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אין שטאָט? איך בין דאָך דאָ אַן אסור בין החומות*... אינטערעסאַנט, וואָס פאַר א מסכת האָט מען מסיים געווען?

— חולין.

— חולין? אָ, שוין לאַנג, אַז איך האָב געלערנט חולין מיט אַלע מפרשים און מיטן יורה־דעה צוזאַמען. אַך, וויפל דער רבי שמעיה, זכרונו לברכה, פלעגט אויסשפייען די גאַל אין די לאַנגע ווינטערנעכט ביי דער גמרא חולין... עס קלינגט מיר נאָך איצט אויך אין די אויערן דער געשריי פון דער חברה: שחט את הושט, ופסק הגרגרת... אָדער: בהמה המקשה לילד... און שפּעטער שוין: כיסוי הדם נוהג בארץ ובחו"ל**... נאָר אַז מען האָט געהאַלטן ביים פּרק „כסוי־הדם", איז שוין געווען לייכטער אויף דער נשמה. אַך, ווי לאַנג עס איז, אַז דאָס איז געווען... שוין זייער לאַנג, אפשר אַכט יאָר. אוי, ווי עס בענקט זיך שוין נאָך דער גאַס, נאָך דער שול, נאָך דער ליכטיקער שיין...

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז צו דיין שרייבן איז דיר נאָך גלייכער אַזוי.

— נו, יאָ. בעת דעם שרייבן איז טאַקע גלייכער, א מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פלעדערמויז. ווער שמועסט, איך, וואָס כ'בין אַזוי צוגע־וווינט צו דער נאַטור.

— נו, און ווי קומט עס, וואָס מיר האָבן דיך איצט געטראָפן זיצן ליידיק, נישט שרייבן?

שלמה וואַרפט אויף מנשהן א ווילדן קוק:

— גאָרדאָן, קען זיין, כאַפּט אַצינד מיטן טינטער אין אויער אַריין, און איר פרעגט אַזעלכע קלאָץ־קשיות, אַז ממש —

עס דערהערן זיך קלעפּ אין דער טיר: פיר, איינס און דריי.

— צו מיר! נאָר, דאַכט זיך, נישט יוסף.

ער לאָזט אַריין זעליק און ניסן פייגנבוים. אויף דער שוועל באַמערקן

---

* געבונדן, פאַרשפּאַרט צווישן די מויערן.

** ציטאַטן פון דער גמרא חולין.

זיי באַלד טאַנין שלאָפן אויף דער סאָפע און פרעגן פאַרוואונדערט:
— וואָס באַדייט דאָס?
— איר גייט פון דער היים? איר האָט געוווסט, אַז זי איז דאָ?
— אודאי האָבן מיר געוווסט. זי האָט דאָך געזאָגט דעם טאַטן, אַז זי גייט צו דיר.
— וואָס נאָך האָט זי געזאָגט דעם טאַטן?
— מער גאָרנישט. בכלל איז זי אין שטוב געווען אפשר פופצן מינוט.
— גאָרנישט דערציילט? אָ, אַ מיידל אַ קאָזאַק! קענען איינהאַלטן אין זיך אַזאַ זאַך...
ער דערציילט זיי איבער אין אַלגעמיינע שטריכן, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. זיי שפּרינגען אַזש אונטער:
— און יוסף איז טאַקע נישטאָ?
— שאַ! וועקט זי נישט אויף! ער איז נאָך נישטאָ. אָט דאָ שמועסן מיר טאַקע דערפון, וואָס קען דאָס זיין?

קאפיטל XXXIII

ווידער קלאַפּט מען אין טיר. ניסן לויפט עפענען.

אין דער טיר בלייבן שטיין, איבערראַשט פון דעם גרויסן עולם: פאַלי און אווראַם. זיי גייען פון אַ לעצטן קינאָ־סעאַנס. זיי ווייסן דאָך, אַז שלמה שלאָפט נאָך נישט אַזוי פרי, דעריבער זענען זיי אַריינגעקומען. נאָר אפשר שטערן זיי? אפשר קומט דאָ פאָר אַ פאַרזאַמלונג, קענען זיי שוין אַוועקגיין.

שלמה ווערט אַ ביסעלע אויפגערוימטער, ער נעמט אַראָפּ פון זיי די מאַנטלען, זעצט זיי און די פייגנבוימס אַוועק אויפן בעט, נאָר ער הייסט רעדן שטילער, מען זאָל נישט אויפוועקן די שלאָפנדיקע. מנשה, זעליק, פרידמאַן און ניסן פירן צווישן זיך אַ שטילן ויכוח וועגן גאַרדאָנען. אווראַם זיצט מיט אַ זייט און הערט זיך צו. שלמה קוקט אַ צעטראָגענער אַרויס דורכן פענצטער, קנייטשט דעם פאָרהאַנג, רייסט אַרום טרוקענע צווייגעלעך פון די וואַזאָנעס. ער קען זיך נישט פרייען מיט די געסט. זיין נשמה קען נישט איינרוען. גוואַלד, וווּ איז יוסף? ער קוקט זיך אום אויף די שמועסנדיקע, באַגעגנט זיך מיט מנשהס בליק. דער בליק זאָגט צו אים: שלמה, נאָר זיך אַליין נישט אָפּ... ס'איז שלעכט, טרף טרף יוסף...

פאַלי באַטראַכט די שלאָפנדיקע. דאָס איז, דאַכט זיך, געוויס, אָט דאָס מיידל, מיט וועלכער רייזל איז געזעסן דאַמאָלסט ל״ג־בעומר. וואָס זשע שלאָפט זי גאָר ביי שלמהן אין צימער? און פאַר וואָס עפּעס אין פּאַלטאָ, אין די טופליעס, אפילו מיט דעם טעשל אין די הענט? זייער מאָדנע!...

און שלמה איז עפּעס אויך נישט אין קיין גוטער שטימונג, זינט זי איז אַריינגעקומען, האָט ער נאָך קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט צו איר. ער האָט גאָר, דאַכט זיך, פאַרגעסן אין איר אַנוועזנהייט. מען דאַרף אים אַ רוף טון און פרעגן, אפשר, אויף אַן אמת, זענען זיי אַריינגעקומען נישט אין קיין פּאַסיקער שעה?

זי הייבט זיך אויף, גייט צו צו אים, וויל עפּעס פרעגן, נאָר ער לייגט צו אַ פינגער צום מויל, אָנווייזנדיק אויף טאַניען. ער גיט איר אַ ווונק, זי זאָל אַרויסגיין אין קאָרידאָר, און אויף די שפּיץ פינגער גייט ער איר נאָך.

— פאַלי, עס איז מיר אַזוי נישט אָנגענעם פאַר אייך, וואָס איך גיב זיך מיט אייך דאָס מאָל נישט אָפּ, ווי עס דאַרף צו זיין... נאָר מיר האָבן איצינד אַ גרויסע זאָרג... ממש מיר גייען אַרום אָן קעפּ...

— וואָס איז? מען איז שוין ווידער געווען ביי אייך?

— ניין, יענץ איז שוין אַלט געוואָרן. ווער רעדט שוין פון מיר?

— וואָס דען נאָך פאַר אַ נייעס?

שלמה דערציילט איר די גאַנצע געשיכטע מיט אַלע פּרטים, לאָזט נישט דורך קיין איין וואָרט.

פאַלי ווערט שטאַרק אומרואיק:

— איז וואָס זשע, קלערט איר, איז מיט גאַרדאָנען?

— וואָס קומט אַרויס, וואָס איך קלער, דערווייל איז ער נישטאָ.
זי נעמט אים אָן פאַר דער האַנט:

— שלמה, גלייבט מיר, קוקנדיק אויף אַזוינע ווי די טאַני, וואָס שלאָפט דאָ אויף דער סאָפע, ווער שמועסט פון אַזעלכע ווי איר אָדער גאַרדאָן, איז מיר אַזאַ בזיון פאַר דער פוסטקייט, וואָס הערשט אין מיין לעבן, אַז איר קענט זיך דאָס גאָרנישט פאָרשטעלן... פאַר מיינע אויגן גייען דורך צענדליקער העלדן, אמת גרויסע אידעאַליסטן. און איך אַליין? — גאָרנישט! אַכט שעה אין טאָג מעלה־גרה איך פאָרמולעס מיט געזעצן, טעאָרעמעס מיט אַקסיאָמעס, אַז עס ווערט מיר נמאס ומאוס דאָס לעבן; און אַז איך קום שוין אַהיים? איז אָדער איך גיי אין קינאָ אָדער ווער אַנטשלאָפן מיט אַ ביכל אין דער האַנט. און ווו איז מ י י ן ענערגיע, מ י י ן טעטיקייט?

— און אַז מען ווייזט אייך יאָ אַן אַנדערן וועג, גייט איר דען אויף אים?

— עס איז נישט קיין שמועס אויף איצטער. קומט אין צימער אַריין. עס איז נישט שיין אַזוי לאַנג זיך פאַרזאַמען.

שלמה לאָזט דורך פריער פּאַלין, דערנאָך גיט ער אומגערן אַ שטאַרקן קלאַפּ־צו מיט דער טיר און עס פליט אַראָפּ אַ פּרעסל פון דער פּאָליצע אויפן פּאָל. עס דערהערט זיך אַ טרוקענער הילך, ווי אַ שאָס. אַלע גיבן זיך אַזש אַ וואָרף. אין דער אַבסאָלוטער שטילקייט האָט מען געקענט מיינען, אַז אַ האַרמאַט האָט אויסגעשאָסן.

טאַני עפנט אויף די אויגן, באַטראַכט אַלעמען, פאַרשטייט נישט, וואָס דאָס איז. וואָס טוט דאָ פּאָלי? און ווי אַזוי קומען אַהער אירע ברידער? און וואָס זעען זיי אויף איר, וואָס מען קוקט און מען שווייגט? דאָס איינגעוואָרימטע אָרט אויף דער סאָפע, ציט זי צו זיך ווי אַ מאַגנעט. זי פאַרשטעלט מיט דער דלאָניע אַ געניצל און ציט זיך אויס די איינגעשלאָפענע אברים. נאָך זייענדיק אויף האַלב אין דער ממשלה פונעם זיסן שלאָף, שפּאַרט זי זיך אונטער מיט אַן עלנבויגן, באַמערקט די פוכענע קאָלדרע און פאַרשטייט ווייטער נישט, פאַר וואָס איז זי גאָר געשלאָפן אין מיטן דערינען?

פּלוצלינג גיט איר אַ בליץ אויף אין קאָפּ די גאַנצע ווירקלעכקייט. זי שפּרינגט אַראָפּ פון דער סאָפע, פליט צו צו שלמהן, כאַפּט אים אָן ביי די לאַצן און טרייסלט אים מיט אַ געשריי:

— און ווו איז יוסף? גאַרדאָן ווו איז?

שלמה ענטפערט טרויעריק:

— יוסף איז נאָך נישטאָ, נאָר איך האָף, אַז ער מוז פאַרט קומען.

— איר האָפט — האָט זי געשריגן אויסער זיך, זי האָט מיט ציטערנדיקע פינגער פאַרשפּיליעט די קנעפּלעך פונעם פּאַלטאָ — איר האָפט? אייער אַפּאַראַטל האָפט... נאָט האָט אייך געגעבן אַ בוך מיט אַן אַפּאַראַטל און איר האָפט... לאָזט...

טאַני האָט מיט אירע קינדערשע כוחות געוואָלט אָפּשטופּן שלמהן פון דער טיר. נאָר שלמה איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט, נישט רירנדיק זיך פון אָרט. ער האָט געלאָזן און העפלעך געפרעגט:

— טאַני, וווהין רייסטו איר זיך?

— איך מוז אייך נישט דערציילן, וווהין איך דאַרף גיין.

— און איך מוז אייך נישט אַרויסלאָזן. זענען מיר קוויט.

ניסן מיט זעליקן זענען אויך צוגעגאַנגען:

— טאַני, וווהין ווילסטו גיין? אויב אַהיים, גייען מיר דאָך צוזאַמען.

— איך האָב נישט וואָס צו טון אין דער היים, בעת פון גאָרדאָנען דאַרפֿן ציט מען די אָדערן...

— מיט וואָס זשע קענסטו אים העלפֿן? אדרבה, זאָג אונדז אויך, מיר אַלע וואָלטן, דאַכט זיך —

— איך ווייס שוין מיט וואָס, איך וועל מיך באַגיין אָן אייער הילף.

ווידער כאַפּט זי אָן דאָס הענטל פֿון דער טיר:

— לאָזט, שלמה, לאָזט, זאָג איך אייך!...

— און אַז נישט, וואָס וועט איר מיר טון?

— איר וועט שוין זען, וואָס איך וועל אייך טון. איר לאָזט? לאָזט מיך אַרויס!

— טאַני, איר פּטרט אומזיסט אייערע כוחות. זאָגט בעסער, וווהין אירווילט גיין, דאַן לאָז איך אייך שוין...

— איך דאַרף עפּעס איבערשמועסן מיט דער בתיה פּלאַקסמאַן, ס'איז נישט אייער זאַך...

— ווער איז זי, די בתיה פּלאַקסמאַן? עפּעס געדענק איך נישט אַזאַ נאָמען...

— די כלה, די זעלבע, וואָס מיר האָבן היינט געפּירט... לאָזט, זאָג איך אייך. מאַמאַטשקאַ, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אומגליק אויף מיין קאָפּ!...

שלמה שטייט אַ ווײַלע אָן לשון. מיט אַ מאָל גיט ער אַ ריס אָפּ טאַניעס האַנט פֿון דער קליאַמקע, הייבט זי אויף אונטער די הענט ווי אַ קליין קינד, טראָגט זי צו צו דער סאָפֿע און זעצט זי אַוועק:

— זיצט רויִק און שווייגט. איר ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס איר רעדט, — צו איר וויל זי גיין, — יענע קוקט נאָר אַרויס דערויף...

אין צימער איז געוואָרן שטיל, טאַני האָט אין טיכעלע אַרייַנגעכליפּעט. משה פֿרידמאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט, עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זיך באַקלערט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. פֿון אַן אָפֿענער טיר אין קאָרידאָר אַריין האָט זיך דערטראָגן דאָס קול פֿונעם ראַדיאָ-אויפֿנעמער:

זיי זשע מיר געזונט, מיין טייערע נשמה,
ביטער איז מיר צו שיידן זיך מיט דיר,
אוי, בענקען וועל איך נאָך דיר נשמה'ניו,
מיין האַרץ וועט נאָר ציען צו דיר.
אוי, בענקען וועל איך נאָך דיר נשמה'נ־נ־ניו...

עמעצער האָט צוגעמאַכט די טיר און דאָס לידל האָט זיך אָפּגעהאַקט. טאַני האָט נאָך אַלץ געכליפּעט... ביי אַלעמען איז אַזוי ווי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. איינער קוקט אויפֿן אַנדערן און אַלע שווייגן. שלמה שטייט אָנ־

געשפּאַרט אין דער טיר. ערגעץ פון יענער זייט פענצטער, הערט ער, פאַר־גייט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו אין אַ לאַנגן קוויטש. עס פליט דורך אַ מחשבה:

— דאָס איז אַפּגעגאַנגען ערגעץ אַ צוג. עמעצער איז גליקלעך, עמעצער איז אומגליקלעך. אייניקע לאַכן, אייניקע וויינען, אַזוי איז שוין דאָס לעבן אוועקגעשטעלט געוואָרן.

עס דערהערן זיך קלעפּ אין דער טיר. יעדער ציילט פאַר זיך. גיין, נישט אַהער. עס הערן זיך טריט אויפן קאָרידאָר, די טיר מאַכט זיך אויף און מאַכט זיך צו, ווידער שטיל... זעליק פרעגט ביי מנשהן, וועלכע מסכת האָט מען היינט אָנגעהויבן? זיין קול קלינגט מאָדנע אין צימער. עס מאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט דורכגעפאָרן הינטער די פענצטער אַ סקריפּענ־דיקער וואָגן. מנשה ענטפערט עפּעס און דערמיט ענדיקט זיך דער שמועס. נאָך אַ מאָל קלעפּ אין טיר: פיר — ריכטיק, איינס — אויך ריכטיק, דריי — אַלע שפּרינגען אויף! שלמה שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— ניין, נישט גאָרדאָנס דלאָניע קלאַפּט עס.

אווראָם לויפט עפּענען. עס קומען אַריין שלמהס פאָטער און מוטער, זיין שוועסטער דינה און דאָס יינגערע ברודערל, יצחקל. זיי בלייבן שטיין פאַרוואונדערט און באַקוקן נייגעריק די פאַרזאַמלטע. באַזונדערס פאַרשטייען זיי נישט, וואָס עס טוען דאָ פאַלי מיט אווראָמען און וואָס וויינט עפּעס טאָני פייגנבוים. נאָר זיי דערשטיקן פאַרלויפיק זייער נייגער. זיי פרעגן גאָרנישט. מען רוקט זיך צונויף אויפן בעט, מען זעצט זיך צו אויף דער סאָפע, מען שמועסט פון דעם, פון יענעם, אָבער עס פילט זיך נישט קיין אַלגעמיינער אינטערעס צו די אויפגעהויבענע פראַגן. יעדע גרופּע פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט זיך אירע „הינטער די קוליסן" יעדן באַזונדער נאָגט אַן אַנדער ווערעמל.

שלמה רופט אַרויס זיין יצחקלען אין קאָרידאָר אַריין, גיט אים אַ 50־רובל־שטיק און רעכנט אים אויס אַ גאַנץ צעטל מיט עסנווארג, וואָס איינצוקויפן אין ביינאַכטיקן מאַגאַזין. יצחקל לאָזט זיך שוין גיין, ווי שלמה שטעלט אים אָפּ, נעמט אַראָפּ אַ קוישל פון דער וואַנט און דערלאַנגט אים:

— נעם און גיי, נאָר מאַך עס איינס און צוויי. קלאַפּן דאַרף מען לויט דעם סדר: פיר מאָל, דערנאָך איין מאָל און דערנאָך דריי מאָל. וועסט נישט פאַרגעסן?

— וואָס לערנסטו מיך עפּעס, פּונקט ווי איך זאָל זיין אַ ברעקל קינד?

די טיר האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט. שלמה איז צוריק אַריין אין צימער.

— און וווּ איז יצחקל? — האָט זיך די מוטער צו אים געווענדעט.

— ער קומט באַלד צוריק.

— האָסט אים ערגעץ אוועקגעשיקט?

— אויף אַ מינוטקעלע איז ער אַרויסגעגאַנגען.

— אַ קינד שיקט מען אַליין נאָך האַלבער נאַכט?

— וואָס זשע איז? אַ בחור פון פערצן יאָר דאַרף האָבן באַגלייטערס?

קאפיטל XXXIV

אין צימער איז געווען שטארק אומהיימלעך. דינה האָט זיך צוגעזעצט צו פּאַלין און זיי האָבן זיך וועגן עפּעס שטיל געשושקעט. אפרים־אהרון האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן שאַרף־נייגעריקע בליקן אויף פּאַלין. יענע האָט עס באַמערקט. טאַני האָט שוין נישט געוויינט. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע חושים, כדי צו פאַרשטיין, וואָס צפורה פרעגט ביי איר. אויף איר פּנים איז געווען אָנגעשריבן אַזוי פיל עגמת־נפש, אַזאַ גרויסער, נישט־אויסגעשריגענער ווייטיק, אַז קוקנדיק אויף איר האָט אַזש פאַרקלעמט ביי דער נשמה.

פּאַלי האָט מיטן ווונק געפרעגט ביי שלמהן, צי זאָל זי אַוועקגיין, אפשר איז דער פּאַטער זיינער נישט אַזוי גערן איר געזעלשאַפט. שלמה האָט איר צוריק געוווּנקען: זיץ און דריי נישט קיין קאָפּ! נאָ דיר גאָר: גערן, צי נישט גערן... די בחורים אין ווינקל צימער האָבן עפּעס אויך שטיל גערעדט. עס האָט אויסגעזען, ווי אין צימער וואָלט געלעגן אַ חולה־מסוכן און מען קען אים נאָך אויפוועקן. שלמה האָט גענומען ביי אוראַמען פון דער האַנט אַן אָוונט־צייטונג און האָט צעטראָגן געלייענט די קעפּלעך פון די אַרטיקלען. אין פענצטער אַריין האָט אַריינגעקוקט אַ שמאָל, בלייך פּאַסיקל לבנה. עס האָט זיך געפילט די דורכנעמענדיקע פייכטקייט פון דער נאַכט.

מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט קלעפּ אין דער קאָרידאָר־טיר. שלמה האָט זיך ווילד אַ ריס געטון פונעם אָרט, צעשטופּט דעם עולם און אַ געשריי געטון נישט מיט זיין קול:

— מאַמע, גוואַלד! דאָס קלאַפּט גאָרדאָן! איך דערקען זיינע פינגערלעך!

פונעם קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן קלינגענדיקע קושן און פרייעלעכע אויסגעשרייען. די טיר אין צימער אַריין האָט זיך פון אַ שטופּ מיטן פוס ברייט צעעפנט און שלמה האָט אַריינגעטראָגן יוספן, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. אַראָפּגעלאָזט אים, האָט ער אויסגעשריגן:

— אָט האָב איך אייך געבראַכט און אָט ליגט עס!

— יוסף, גאָט מיינער! — האָט זיך טאַני אַ וואָרף געטון צו אים, געכאַפּט זיינע הענט און זיי באַגאָסן מיט זודיקע טרערן. זי האָט אים צעשפּיליעט דעם מאַנטל, געדרייט אים אויף אַלע זייטן, נישט געגלייבט אירע אויגן, אַז דאָס איז ער, דער זעלבער יוסף, וועלכן זי האָט איבערגעלאָזט מיט יענער שרעקלעכער פרוי. אַלע אין צימער האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו אים, געדריקט אים די הענט, געזאָגט מזל־טוב, געפּאַטשט אין פּלייצע און ווידער געדריקט די הענט.

אפרים־אהרון האָט זיך געוואָרפן פון איינעם צום אַנדערן, געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך:

— וואָס איז? פון וואַנען קומט ער אָן? ער איז אַ חתן געוואָרן?
שלמה האָט אַרומגענומען גאָרדאָנען, אויסגעקערעוועט זיין פּנים צו זיך:
— איין פראַגע און איך לאָז דיך אָפּ: דו ביסט געווען ביי זיי אין די הענט?
— אפילו אין חלום אויך נישט.
— ווי זשע דען ביסטו פארפאַלן געוואָרן אַ גאַנצן אויפדערנאַכט?
— ווו איך האָב געדאַרפט, דאָרט בין איך געווען. לאָז מיך אָפּ, איך קען נישט אָטעמען. וואָס זענט איר אָנגעפאַלן אויף מיר אַזוי ווי די וועלף?
— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער „וווּ איך האָב געדאַרפט"? יענע — ער ווייזט אויף טאַנין — איז שיר פון זינען נישט אַראָפּ פאַר צרות...
טאַני דרייט זיך אָפּ צום פענצטער. זי קען זיך נישט בארויקן. אירע אַקסלען ציטערן פאַר געוויין. גאָרדאָן גייט נישט דרייסט צו צו איר, טאָר־קעט זי פאַרן אַרבל:
— נו, וואָס באַוויינסטו מיך, טאַני? איך לעב דאָך נאָך...
— אַוועק, דו גראָבער יונג! חכמעט זיך נאָך. עס איז אים לוסטיק. וואָס אַרט אים, אַז דאָ ווערן מענטשן משוגע פאַר יסורים, אָבער ער אַליין ווייסט דאָך, אַז ער איז פריי, מער גייט אים נישט אָן... עמעצער אַנדערש האָט אויך עפּעס אַ ווערט?
— גלייב מיר, טאַני, איך האָב זיך פאַר דער צייט נישט געשפּילט. איך גיי איצט צו פוס אַזש פון שוליאַווקע.
אין טיר האָט זיך דערהערט אַ שוואַך קלאַפּן.
שלמה האָט אַ זאָג געטון:
— דאָס גייט יצחקל מיטן „שלח־מנות". ניסן, גיי עפן אים, זיי מוחל.
אַלע האָבן פאַרוואונדערט געקוקט אויף שלמהן, נישט פאַרשטייענדיק וואָס פאַר אַ שלח־מנות אין מיטן זומער. ניסן האָט דורכגעלאָזט פאַר זיך יצחקלען מיט אַ געשוואָלן קוישל. שלמה האָט אָפּגענומען דאָס קוישל ביי אים און אויפן טיש האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן: בראָנפן, הערינג, פרוכטן, צוקערלעקעכלעך מיט אַ גאַנצן טאָרט, ניט, קאָנפעקטן מיט נאָך נאַשערייען. מיט אַ טריאומפירנדיקן בליק האָט ער איינציקווייז באַקוקט אַלע פאַר־זאַמלטע און אָנשטעלנדיק די אויגן אויף יוספן פייערלעך אויסגערופן:
— דאָס שיקט שלמה „מיט די געסט" יוספן מיט טאַנין פאַר זייער געלונגענעם קאָנצערט, וואָס זיי האָבן אונדז היינט אָפּגעשפּילט... איך בעט צורוקן דאָס בעט מיט דער סאָפע צום טיש און פאַרנעמען ערטער. דינהן מיט פאָלין טייל איך צו די ראָל פון באַלעבאָסטעס. גיסט אָן די כוסות און באַדינט די געסט.
גאָרדאָן גייט צו האַרט צו שלמהן:
— לאָמיך הערן, ווי אַזוי האָסטו דען געקענט ווּיסן, אַז איך —
שלמה שלאָגט אים איבער לאַכנדיק:
— איך האָב טאַקע נישט געוווּסט, נאָר איך האָב געפילט...
יוסף כאַפּט אים אַרום, דריקט אים שטאַרק צו זיך:

— איי, ר׳ אפרים־אהרון, איז דאָס ביי אייך אַ מזיק!

אין איין אויגנבליק איז דער טיש פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן זיידענעם טישטוך, וועלכער פאַרמאָגט אויף דער מיט אַ קינסטלערישן זונען־אויפגאַנג ווינטער אין דאָרף. עס ווערן אָנגעגאָסן כוסות און עס ווערן דערלאַנגט אויף שיינע טעלערלעך די אַלע פאַרבייסעכצן, וואָס יצחקל האָט געבראַכט. אַלע זעצן זיך אויס. פּאַלי דערלאַנגט יוספן דעם ערשטן כוס און גיט צו, מיט אַ שיינענדיק שמייכעלע:

— אַזוי ווי דער גאַנצער פּורים איז היינט צוליב אייך, קומט אייך דער ערשטער „לחיים".

שלמה נעמט צו ביי אים דעם כוס פון דער האַנט:

— כאַפּ נישט, עס איז נישט קיין הייסע לאָקשן. פריער דאַרפסטו אונדז פון דעסט וועגן זאָגן, ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן דעם גאַנצן אויפדערנאַכט?

— וואָס איז דאָ צו זאָגן? איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט פון מיר האָבן. ווי נאָר איך האָב אָפּגעפירט דעם פּאַעטאָן צו ר׳ יודלען —

— דעם — וואָס? — האָט טאַני, נישט מיט איר קול אַ געשריי געטון.

— דעם פּאַעטאָן, נו, די דראָזשקע. פאַרשטייסט קיין יידיש נישט?

שלמה פרעגט, אויסער זיך:

— וואָס הייסט? דו האָסט דעם פּאַעטאָן נישט איבערגעלאָזט זיי?

— אַ מכה קען איך זיי איבערלאָזן, נישט קיין פּאַעטאָן! אַזאַ רירעוודיק פערדל, אַז עס איז אַ מחיה. נאָ דיר גאָר איבערלאָזן!... ס׳איז דיר אַ פּנים גרינג אָנגעקומען...

— נו, נו, דערצייל שוין ווייטער. פּרטים אויף שפּעטער.

— נו, וואָס ווייטער, וואָס? זאָג איך דאָך דיר, דעם געשפּאַן אָפּפירן האָט מען געדאַרפט? בערל דעם שמש ערגעץ באַשטאַטן האָט מען אויך געדאַרפט? צי אפשר ניין?

— האָסטו, הייסט עס, בערלען אויך צוגענומען פון דער שטוב?

— ווי אַזוי דען פאַרשטייסטו? דו וועסט עס פאַר מיר טון? אַז איך מיט טאַנין האָבן זיך אָפּגעטראָגן, וועלן זיי נישט זוכן אַזוינעם, וואָס קען מיך און שטעלט מיר צו די אדרעסן?

— ריכטיק! פולשטענדיק ריכטיק! וווהין זשע האָסטו אים אהינגעטון?

— וואָס איז עפּעס נאָר אים? און זי איז קיין מענטש נישט?

— האָסטו, הייסט עס, אים מיטן ווייב אָפּגעפירט ערגעץ?

— ווי אַזוי דען? דערצייל איך דאָך דיר.

— וווהין זשע האָסטו זיי אָפּגעפירט?

גאָרדאָן רויטלט זיך, רעדט שוין שטילער און שעמעוודיק:

— אָט דאָ האָב איך שוין געמאַכט אַ שטיקל קאָמבינאַציע. קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. און שטעל דיר פאָר, אַז די בערעלעכע איז מיר טאַקע גוט צו נוץ געקומען... אָן איר ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געוועזן געטון...

— אויף וואָס זשע האָט זי דיר געקענט נוצן, בערלס ווייב?

— דו פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, וואָס איך מיין? איך האָב דאָך, חוץ יענער יפהפיה, געהאַט נאָך צוויי אַדרעסן, אויף ליוואַשאָווסקע און אויף שוליאַווקע...

— נו, נו?...

— נו, נו, איז מיט וואָס האָבן די צוויי ווייבער נעבעך געזינדיקט, אַז זיי זאָלן דערווייל נישט גיין, וווהין זיי דאַרפן? וואָס איז, זייער נשמה איז פון קלאָטשע? האָב איך פאַרפירט בערלען אויף ליוואַשאָווסקע, אים דאָרט געלאָזט נעכטיקן און יענע, וואָס האָט געדאַרפט גיין היינטיקע נאַכט, האָב איך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, צוזאַמען טאַקע מיט דער בערעלעבע, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע שפּרינצע איז שוין נישטאָ אַזוי שפּעט, און איך האָב זייער גוט געטון, ווייל די דאָזיקע שפּרינצע האָט זיך קראַנקערהייט אין רעגן דוקא יאָ דערשלעפּט. זי האָט געוואַרט, געוואַרט און איז אפשר אַ פערטל שעה פאַר מיין אָנקומען טאַקע אַוועקגעגאַנגען... דו פאַרשטייסט? האָט שוין די בערעלעבע דאָרטן איר געטון איר רעכט. נאָך דעם האָב איך זי איבערגעלאָזט דאָרטן אין מקוה־שטיבל, הייסט עס, און איך האָב אָפּגעפירט די ליוואַשאָווסקער אַהיים. דאָרט האָב איך איבערגעגעבן בערלען אַ האַרציקן גרוס פון זיין פרוי און בין צוגעפאָרן נאָך דער שוליאַווקער. יענע איז שוין גאָר געלעגן אין בעט... דו פאַרשטייסט? אַלץ נעמט צו צייט... צוריק פון דער מקוה, האָב איך זיי שוין אָפּגעפירט ביידן — די בערעלעבע וועט שוין ביי איר ערגעץ שלאָפן. צום סוף האָב איך געוואָלט פאָרן אַהיים מיטן אויטאָ, כאָטש גיב אים אַ קרענק, דעם שאָפער — מער פאָרט ער נישט! ער דאַרף זיין אין זאַוואָד „באָלשעוויק“, פון שוליאַווקע איז אים נאָענט און צוריק אין שטאָט אַריין — איין מאָל ניין! גיי איך דאָס איצט צוריק פון דאָרטן צו פוס.

שלמה האָט אַרומגעכאַפּט גאָרדאָנס קאָפּ מיטביידע הענט:

— יוסף, עס איז גאָר אויף דיר קיין מבין נישטאָ...

די שטימונג ביים טיש איז געוואָרן זייער אַ געהויבענע. אַלע האָבן פאַרביסן. אַלע האָבן געזאָגט וואַרעמע „לחיים׳ס“. מאַני האָט ווידער דער־ציילט כסדר פון אָנהייב, ווי אַזוי אַלץ איז געשען. יוסף האָט דערציילט באריכות, ווי אַזוי אים איז געראָטן אַרויסצוכאַפּן דעם פּאַטעפאָן ביי זיי פון די הענט.

שלמה האָט ערנסט אַריינגעשטעלט אַ באַמערקונג:

— דו האָסט נאָך אויף דיין לעבן אַזוי ריכטיק נישט געהאַנדלט, ווי היינט אויף דער נאַכט מיט דער פּראָסיאַן. ווייל ווען דו לאָזט ביי זיך איבער דעם רעוואָלווער וואָלט דאָס שוין געהייסן, נישט קיין גרופּע פון גלויביקע, נאָר אַ גרופּע דיווערסאַנטן. דאָס וואָלט געשאַדט אַלע יידן. ווידער, אומ־קערן איר דאָס געווער מיט קוילן האָט דיך געקענט קאָסטן דאָס לעבן... אפילו דאָס שיקן דעם דוואָרניק זי אַרויסלאָזן פון איר תפיסה... — אַלץ איז געמאַכט כפתור ופרח!... מאַלאַדיעץ! איך זאָג דאָך דיר, אַז אויף דיר

איז גאָר קיין מבין נישטאָ. נאָר טאָמער איז יאָ דאָ ערגעץ אויף דיר אַ ברעקעלע מבין, איז דאָס נאָר איך, מער קיינער נישט...

— פאַר וואָס קלערסטו עפּעס, אַז נאָר דו און מער קיינער נישט? — האָט זעליק לאַכנדיק געפרעגט — טאָמער איז נאָך עמעצער אויך אויף אים אַ מבין? מיט וועלכע רעכט זאָגסטו, אַז נאָר דו?

— אַ רגעלע! איך האָב דערויף אַ באַוויז.

שלמה נעמט אַרויס פון אויבערשטן טאַש אַ שליסל:

— פרידמאַן! אויף אייער זייט טיש איז דאָ אַ שופלאָד, נעמט, שליסט אים אויף, זייט מוחל.

— שוין אויפגעשלאָסן, וואָס נאָך?

— איצט ליגט דאָרטן פון אויבן אויף אַלצדינג אַ שטיקל פּאַפּיר. נעמט עס און לייענט אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן.

פרידמאַן נעמט אַרויס דאָס פּאַפּירל און ביי אַ פייערלעכער שטילקייט לייענט ער קלינגענדיק אַרויס:

„יוסף גאָרדאָן איז דערפאַר נאָך נישטאָ, ווייל ער קער פירן די איבע־ריקע ווייבער אין וואַסער אַריין. אָבער אויף דער פריי איז ער זיכער".

רווישיקע אַפּלאָדיסמענטן פאַרקלינגען דאָס צימער. יוסף איז ביז גאָר פאַראינטריגירט. ער פרעגט ביי שלמהן:

— ווען איז דאָס געשריבן געוואָרן?

שלמה ווייזט אָן אויף טאַנין:

— פרעג ביי איר.

— אמת — רופט זיך אָן טאַני — דאָס האָט ער אָנגעשריבן אפשר אַ האַלבע שעה נאָך מיין צעשיידן זיך מיט דיר.

זי גייט אַרויס פון איר אָרט, גייט צו צו שלמהן און נעמט זיין האַנט:

— אַנטשולדיקט מיך פאַר אייער אַפּאַראַטל, שלמה, איך האָב היינט אויף דער נאַכט אומזיסט געערדט אויף דעם לשון־הרע.

שלמה דראָט איר מיט אַ פינגער ביי דער נאָז:

— אַ צווייטן מאָל וועל איך נישט מוחל זיין. זייט פאָרזיכטיק, פריילין פייגנבוים.

קאפיטל XXXV

די פרייד אין צימער וואקסט. דער עולם ביים טיש איז שוין א ביסל בגילופינדיק. מען בעט שלמהן — „שהשמחה במעונו“ — ער זאָל עפּעס שפּילן לכבוד די געסט. אַנדערע זאָגן, ער זאָל בעסער איבערלייענען אַ פּאָר קאַפּיטלען פון זיין חבור: אַן עק, זאָל מען כאָטש וויסן אויף וואָס ער פּטרט זיינע יאָרן און טעג. שלמה זאָגט זיך אָפּ פוןביידע זאכן. איצט, זאָגט ער, איז אַ צייט צו זינגען. אַז מצריים לייזן אַ מפּלה און יידן גייען ארויס טרוקן פונעם ים, דאַרף מען מקיים זיין: „אָז ישיר“.

יוסף הייבט אָן „והיא שעמדה לאבותינו ולנו“, אַלע כאַפּן אונטער. מען פּילט ווידער אָן די כוסות, מען קנאַקט נים מיט פיסטאַשקעס. אַלע פּנימער לייכטן זיך פאַר פרייד. שלמהס פאָטער הייבט אויף צוויי פינגער און זאָגט מיט אַ שפּאַסנדיקן טאָן:

— איצט גיט מיר אַ וואָרט.

— דיר דאַרף מען ערשט געבן? — לאַכט שלמה — קענסט אַליין נישט נעמען?

— איך, די מאַמע, מיט די קינדער — רעדט אפרים־אהרון געלאַסן — זענען געקומען צו דיר אַזוי שפּעט, אויך נישט בלויז צו גאַסט, נאָר, ווי זאָגט מען דאָס, „פּאַ דיעלו“ *, וועגן אַ וויכטיקן ענין, הייסט עס...

פּאָלי ווערט בלייך. זי קוקט זיך אומבאַהאָלפן אום און אויף שלמהן. איר דערשראָקענער בליק זאָגט אים:

— אוי, דאָס איז אין מיין גאָרטן אריין. איך וועל דאָס נישט איבער־טראָגן...

שלמה באַרואיקט זי אויך מיט אַ בליק:

— גאָט באַהיט! מיין טאַטע איז נאָך אויף אַזוי פיל דעליקאַט, נישט אויפצוהייבן אַזאַ פראַגע פאַר פרעמדע מענטשן...

— נו, צפּורה — ווענדט זיך צו איר אפרים־אהרון — דערצייל!...

— פאַר וואָס גאָר איך? דינה איז דאָך דער עיקר, זאָל זי —

— מאַמע, וואָס דינגסטו זיך? עס איז עפּעס אַ נפקא מינה, צי איך וועל דערציילן צי דו? דער טאַטע האָט ד י ר געזאָגט, דערצייל ד ו...

— נו נו, זאָל זיין אַזוי... איז, הייסט עס, אַזוי די מעשה: שוין פון עטלעכע טעג, אַז איך באַמערק שפּעט פאַר נאַכט זיצן אויף אברהם שאַרפ־שטיינס גאַניק עפּעס אַ יונגנמאַן אין אַ קאַפּעליוש, אין ברילן און מיט אַ פידל. עס הייסט, אַ קעסטל פון אַ פידל, מיט אַ פּאַפּקע פּאַפּירן אונטערן אָרעם, אודאי נאָטן. לכתחילה האָב איך אויף אים קיין שום אַכט נישט געלייגט. איך האָב דערויף גרינג געפונען אַ פירוש: אַזוי ווי אברהם שאַרפשטיינס מיידל זינגט דאָך אין דער אָפּערע, איז ער זיכער פון איר חבריא. זינגערס,

---

* געשעפטלעך.

שפילערס, ס'איז איין קאמפאניע. און אפשר גאר א חתן, צי א ליובאוויניק? ס'איז מיין עסק? און אין דרויסן ווידער זיצט ער, ווייל דאס מיידל וויל אים נאך אין שטוב אריין נישט פירן. מן הסתם האט זי נאך נישט אויסגעגעבט ביי די עלטערן. בקיצור, עס איז מיר גאר נישט קשה געווען אפילו...

נעכטן אויף דער נאכט גיי איך צו פאררוקן די פארהענגלעך, דערזע איך אים שטיין אויפן שכנישן גאניק און אריינקוקן צו אונדז אין פענצטער אריין... ווי נאר ער האט מיך דערזען, האט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט, דעם פוטליאר אויף די קני, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. נו, האב איך מיר געטראכט, געוויס האבן די קינדער הויך א זינג געטון, האט ער געוואלט זען, ווער עס זינגט, פארט א מוזיקאלישער אויער. היינט אבער, אז עס האט געגאסן א מבול און ער איז אלץ געזעסן אנגעטון דעם קאפטער אויף דעם קאפעליוש און נישט גערירט זיך פון ארט האב איך שוין נישט אויסגעהאלטן. דורך דער הינטערטיר בין איך אריינגעגאנגען צו אברהם שארפשטיין, געקלערט טאקע געבן זיין טאכטער א פסק, אז עס איז נישט מענטשלעך לאזן יענעם ווארטן אויפן רעגן אזוי לאנג — און אז א קלעזמער, איז וואס? האט ער קיין נשמה נישט? צום סוף זאגט מען מיר דארט אין שטוב, אז זייער טאכטער איז שוין זייט פיר טעג אוועקגעפארן אויף גאסטראלן מיט א טרופע... איך קער מיך אום אין שטוב אריין, כאפ א קוק דורכן פארהענגל: ער זיצט! דער רעגן ציבערט, עס דונערט, עס בליצט, אויף דער גאס איז אזש פינצטער, מען זעט נישט קיין משוגענעם הונט — און ער זיצט זיך פארדוקט אונטער דער סטריכע. זיך איינגעגיורעט און זיצט. אט דאמאלסט איז דאס מיר ערשט אריין אין דער נאז, אז עס איז עפעס נישט גלאט, טאמער איז גאר דער פידל — נישט קיין פידל, דער קאפעליוש — נישט קיין קאפעליוש און דער קלעזמער — אזא קלעזמער פונקט ווי איך... ווי נאר דינה איז אריינגעקומען פון אינסטיטוט, האב איך איר אפילו גארנישט געגעבן אין מויל אריין, נאר זי גלייך צוגעפירט צום פארהענגל און אנגעוויזן:

— מען דארף אומבאדינגט געוויר ווערן, וואס איז דאס פאר א נפש, אט דער פידלער?

זי האט זיך א ביסל איינגעקוקט אין זיין פיגור, ווייל אין דרויסן איז שוין דאמאלסט געווען נעפלדיק, נאך דעם מאכט זי נישט קיין לאנגע שהיות, קריכט ארוים פון קיך־פענצטער גלייך צו מנשהן אין הויף אריין... און ווידער — זי איז דאך דא אליין פאראן, וואס דארף איך עפעס פאר איר דערציילן? זאל זי אליין...

דינה דערציילט ווייטער:

— איך בין אריין צו די כאדאראוווס, אנגעטון דינהס סעקעלע, גאלדעס פאנאמע־הוט, אויב איר האט א מאל באמערקט, א שווארצע, מיט א רויטן דאשעק. דאס טעשל האב איך ביי זיך געהאט מיינס, האב איך נאך גענומען ביי מנשהן אין טישקעסטל עטלעכע פאפיראסן און אריינגעלייגט אהין. נאך

דעם האָב איך גענומען די מגילה ביי אים פון דער שאפע... האָט נישט קיין יסורים, מנשה, זי איז גאַנץ.

מנשה האָט אַ שמייכל געטון:

— איך הייב אפילו נישט אָן צו האָבן קיין יסורים, איך ווייס נאָר נישט, צו וואָס דאַרף מען דאָ אַ מגילה?

— ... און איך האָב זי אַרומגעוויקלט מיט צייטונגען, זי זאָל אויסזען אַזוי ווי צייכענונגען, וואָס אַ סטודענטקע פון אַ מאַשינען־אינסטיטוט טראָגט געוויינלעך מיט זיך. אין דרויסן איז שוין געווען אַ פינצטער, אַ נעפלדיק. איך בין אַרויסגעגאַנגען צו דער ערשטער טראַמוויי־סטאַנציע, אויסגעוואַרט, ביז עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ וואַגאָן, זיך אויסגעמישט מיט אַלע פאַרשוינען, וואָס זענען אַראָפּגעגאַנגען און זיך געלאָזט צו אונדזער שטוב. ביי אַברהם שאַרפּשטיינס גאַניק שטעל איך זיך אָפּ, מאַך אומיסטן אָן אָנשטעל ווי איך זאָל זיך ישובן, נאָר באַשליסנדיק זיך גיב איך קאָקעטיש אַ פרעג ביי דעם קלעזמער:

— חבר, איר האָט נישט אַ שוועבעלע?

— אודאי האָב איך. ווו האָט איר געזען אַ קאַוואַליער אָן שוועבעלעך?

— איר זענט נאָך דען אַ קאַוואַליער?

זיין פנים זע איך נאָך נישט, ער זיצט אויפן גאַניק און איך שטיי אויפן טראָטואַר. איך נעם אַרויס אַ פּאַפּיראָס, הייב מיך אויף צו אים אויף די טרעפּ און צווישן אונדז קומט פאָר אַזאַ שמועס:

— איז אויב איר האָט יאָ שוועבעלעך, גיט זשע טאַקע פאַררויכערן...

ער הייבט זיך אויף, לייגט אַוועק דעם פידל מיט די נאָטן, פאַרשטעלט זיך פון דעם רעגן און רייבט אָן אַ שוועבעלע... מיר איז באַלד קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים: איך האָב גלייך דערקענט דאָס באַנדיטישע פּרצופל, יענע גראָבינקע פאַרשוינדל, מיט דער נאָכהענגענדיקער, אונטערשטער ליפּ, וועלכער איז געווען ביי אונדז אין שטוב בשעתן אַרעסט, נאָר דאַמאָלסט איז ער געווען אין אַ קעפּי און אָן ברילן. איך האַלט אין פאַררויכערן און די הענט ציטערן מיר.

— אייך איז שטאַרק קאַלט, זע איך — אַזוי זאָגט ער און צינדט אָן איין שוועבעלע נאָכן צווייטן. איך שטיי, ווי ווייט מעגלעך, צו אים מיטן רוקן, טאָמער דערקענט ער מיך אויך... ענדלעך האָב איך פאַררויכערט, אויס שוועבעלעך, צוריק טונקל. איך פאַרצי מיך כלומרשט און אָטעם אָפּ פרייער.

— פון וואַנען גייט איר דאָס, וואָס אייך איז אַזוי קאַלט?

— פון פּעטשערסק ביז מאַרינסקע צו פוס, קיין טראַמווייען גייען דאָרט עפּעס נישט.

— אַזש פון פּעטשערסק, פאָלג מיך אַ גאַנג...

— וואָס קען מען העלפן? דאָרט איז אונדזער קאָנסטרוקציע־ביוראָ...

— בלייבט מען שוין דאָרט נעכטיקן.

— וואָס הייסט? איך וווין דאָך דאָ.

— ווו? אויף סאַלאַמינקע טאַקע וווינט איר?
— אודאי, טאַקע דאָ אויף דער גאַס נומער 26.
— אַך, ווי אַצינד דאַרף זיין אַנגענעם זיצן אין קינאָ און זען עפּעס אַ שיינעם פילם... וואָס זאָגט איר, נישט אַזוי?
— אודאי אַזוי. נו שטייט איר דאָך דאָ, מן־הסתם זענט איר דאָך פאַר־נומען?
— נישט זייער פאַרנומען. איר וואָלט מיטגעגאַנגען אין קינאָ?
— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אַבי נישט אַליין פּטרן דעם אויפדער־נאַכט.
— איז הערט זשע, חברטע, איר קערט דאָך אודאי וועלן אַוועקלייגן אין דער היים די צייכענונגען, נישט אַזוי?
— אודאי אַזוי, נאָר ביי מיר איז איינס און צוויי...
— זייער גוט. איך וואַרט דאָ אויף אַ חבר, ער דאַרף אַ ליאַדע מינוט אָנקומען, ביז איר וועט זיך אומקערן, וועל איך שוין קענען גיין מיט אייך. מיר וועלן פאָרן אויף פּאַדאָל?
— זאָל זיין אויף פּאַדאָל, מיר איז אַלץ איינס.
— איז אָפּגערעדט. גייט און זאַמט זיך נישט. איך וועל וואַרטן ביי אייער פּאַראַדנע.

איך גיי אָפּ עטלעכע טריט און לויף אַריין אין אַ הויף אַריין, אַלץ איינס — אַ נעפּל, זען, קען ער מיך נישט. איך שטיי ביים טויער און הער מיך גוט צו. אַ פּאָר מינוט איז שטיל, מען הערט גאָרנישט. מיט אַ מאָל, דערהער איך: עמעצער גייט פון אברהם שאַרפשטיינס גאַניק. איך באַהאַלט מיך, נאָר יענער גייט — הער איך — סיי ווי סיי נישט אין מיין זייט. ער גייט צום סקווער, איך — נאָך אים. ער שפּאַנט מיט די שטיוול גלייך אין די קאַליוזשעס, דערוויל הערט מען נישט מיינע טריט. פון דער וויטנס באַמערק איך אַ פּוטליאַר פון אַ פידל שוועבט אין נעפּל, הייסט עס, קיין טעות האָב איך נישט געהאַט, מיין קאַוואַליער גייט עס ערגעץ... אפשר צו זיין חבר? מען דאַרף זיין אויפמערקזאַם און נישט אַראָפּלאָזן פון אים קיין אויג.

איך זע, ער גייט פאַרזיכטיק אַריין אין סקווער, קוקט זיך פאַרדעכטיק אַרום, מאַכט עטלעכע טריט אין אַלע זייטן. ערשט ווען ער איבערצייגט זיך, אַז קיינער חוץ אים איז דאָ נישטאָ, גיט ער צוויי לענגערע פייף, און איינעם אַ קורצן. איך שטיי ביים אַריינגאַנג אין סקווער פון לינקס און זע, ווי פון דער פּאַראַדנע טיר, פון דעם הויז, וווּ אויפן צווייטן שטאָק געפינט זיך די ביבליאָטעק, גייען אַרויס צוויי מענער אין רעגנמאַנטלען און לאָזן זיך גלייך צו אים. אויף וויפל איך פאַרשטיי, אַז דאָס קען מיך נישט אויסגעבן, האַלט איך זיך אין איין דערנענטערן. איך וויל אַלץ הערן.
— זאַכאַר, ווו ביסטו ערגעץ?
— אָט בין איך דאָך, איר זעט מיך דען נישט?
— ניין, מיר זעען גאָרנישט. אַ־האַ! איצט זעט מען שוין.
— און איך האָב אייך באַלד דערזען.

— נו, וואס? געקומען?

— דערווייל נישט.

— נאך וואס זשע ביסטו אוועקגעגאנגען?

— ווייל מען האט ביי זיי שוין אויסגעלאשן דאס ליכט. א פנים, זיך געלייגט שלאפן.

— איז וואס זשע ווילסטו דערמיט זאגן?

— אז היינט איז אומזיסט אונדזערווארטן. ווען זיי ווייסן, אז שלמה וועט זיי היינט באזוכן, וואלטן זיי זיך נישט געלייגט שלאפן, דאס איז אן שום ספק.

— און אפשר האבן זיי דאס אומיסטן געטון, כדי אונדז אפצונארן, און ווי נאר מיר וועלן אוועקגיין, אזוי וועט שלמה קומען?

— ביסט א נאר. יענע טראכטן אפילו נישט, אז מען האט זיי נאך אין זינען...

— נו, ווי דו פארשטייסט, דאס איז דיין זאך. איז וואס זשע הייסט עס, זאלן מיר גיין צוריק אין קאמענדאטור?

— אודאי, און איך וועל נאך כאפן א קוק צו דער שטוב.

— וואס זשע וועסטו טון, טאמער קומט ער אן נאך אונדזער אוועקגיין?

— זארגט אייך נישט. הלואי קומט ער נאר, ווי איך וואלט זיך מיט אים אליין אויך אן עצה געגעבן. מאסקאליענקא האט דאך מיר ארויסגעגעבן געווער... חוץ דעם האב איך א פאפיר ביי זיך, אז די מיליציע דארף מיר זיין בייהילפיק, און נישט ווייט פון דאנען איז דא אן אפטיילונג. ווי דערזע איך אים שוין נאר!...

— אה! שוין מיאוס געווארן דאס שטיין דא ביי נאכט. גייען מיר, הייסט עס. א גוטע נאכט. יא, און טאמער וועט מאסקאליענקא שרייען, פאר וואס מיר זענען אוועקגעגאנגען אזוי פרי, וואס זאלן מיר ענטפערן?

— אז איך האב אייך געהייסן גיין. איך האב געזאגט, אז איך מוז פאקן אט דעם שלמהן, מעג זיך איבערקערן די וועלט, וועל איך אים צו־שטעלן סאקאלאוון אין קאבינעט אריין. גייט, חברים, גייט, עס פאסט נישט צוזאמען ארויסגיין פון סקווער.

די צוויי זענען אוועק אין דער ריכטונג פון דער שטאט און מיין קאַ־וואליער האט זיך גענומען אויף רעכטס צום טראטואר. איך בין אים א ביסל נאכגעגאנגען, געזען, ווי ער פינטלט מיטן עלעקטרישן לעמפעלע אויף די נומערן פון די הייזער. נאך פיל מאטערנישן האט ער קוים געפונען דעם נומער 26, זיך ארומגעקוקט, צי איך בין שוין דא, און גענומען ווארטן.

א שאד, וואס עס איז נישט געווען ווער עס זאל לאכן. עס איז פונקט ארויסגעגאנגען פון הויף די אלטע דווארניטשקע לוקיערא. שלמה קען זי, זי קערט שטענדיק צו אויך דאס מערקל. וואלט איר געווען געדארפט זען, ווי אזוי דער דאזיקער נפש האט זיך צו איר אווארף געטון:

— פאר וואס אזוי לאנג? קום, מיין טייערע...

און די דוואָרניטשקע, מיט א קוויטש, — אריין צוריק אין הויף אריין:

Ой Боже мій... ря-туй-те, люди добри!... *

נאָר מילא, דאָס זענען שוין נארישקייטן. ווען דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון שטאָט, זענען מיר אַלע ארוים דורכן קיך־פענצטער און דורך מנשהס הויף אוועק צו פוס אהער. מיר דרייען זיך שוין אפשר א שעה צייט... אָט דאָס איז עס...

— זענען מיר טאקע צוליב דעם געקומען — פירט אוים אפרים־אהרון — מיר זאָלן דאָ צוזאמען מיט דיר עפעס א קלער טון, וואָס פאַר אַן עצה קען מען דאָ צוטראכטן? עס קען דאָך נישט אייביק אזוי בלייבן... אין סומכין על הנס... ווער שמועסט נאָך, אז צופעליק האָבן מיר דאָ געטראָפן, קיין עין־הרע, אזוי פיל חברים, איז דאָך טאקע: תשועה ברוב יועץ... אדרבה, זאָגט עמעצער, וואָס טוט מען דאָ?

* אוי, גאָט מיינער... ראַ-טע-וועט, גוטע מענטשן!...

קאפיטל XXXVI

אין צימער איז געשטאנען א געדיכטע שטילקייט. קיינער האט זיך נישט געכאפט געבן קיין עצות. פאלי האט בגנבה געכאפט א קוק אויף שלמהן, אויף זיין פנים האט זיך אנגערוקט א וואלקן. זיינע געדיכטע סמאלע־שווארצע ברעמען זענען טרויעריק געהאנגען איבער די אויגן. די אייבערשטע ליפ האט ער געהאלטן צווישן די ציין. א בלוילעך אדערל האט האסטיק פולסירט ביים רעכטן שלייף. עס איז געווען קלאר: שלמה איז אצינד ווייט פונעם טיש...

דער פאטער האט אים א ריר געטון ביים ארבל:

— מילא, אז קיינער וויל נישט זאגן, זאג דו אליין, וואס פאר אן עצה האסטו? ווי זאגט מען דאס, פרעג נישט ביים דאקטער, פרעג ביים חולה...

שלמה האט שווער אויפגעהויבן דעם קאפ, מיט מוטנע אויגן א פיר געטון איבער אלע געזיכטער און אפגעשטעלט זיין בליק אויפן פאטער:

— קיין עצה האב איך נישט. ביי מיר איז דא א באשלוס!...

זיינע ווערטער האבן אפגעקלונגען ביי יעדן אין הארצן מיט א מעטאַ־לענעם קלונג, ווי אן אורטייל. די קעלישקעס זענען אפגערוקט געווארן אויפן מיטן טיש. די שאלעכץ פון די ניס איז אפגעשארט געווארן וואס ווייטער. הענט האבן אונטערגעשפארט קעפ און אלעמענס בליקן זענען געווען צוגע־שמידט צו שלמהס ליפן.

שלמה האט געשוויגן. אים איז געווען שווער ארויסצוברענגען פון מויל דאס, וואס ער האט שוין לאנג באשלאסן ביי זיך אין הארצן. נאך א מאל האט ער באקוקט דעם עולם און מיט א שטילער, אנגעווייטיקטער שטימע זיך אנגערופן:

— די גמרא זאגט אין אן ארט, אז א מענטש זאל נישט שלאפן אליין אין א צימער, דאס איז נישט קיין גוטע זאך. עס פארשטייט זיך, דאס איז נאר גערעדט געווארן בעת מען האט א ברירה, אבער איך שלאף שוין באלד צוויי וואכן איינער אליין. ווי ווייניק איך שלאף נישט דורך די נעכט, אבער ליגן ליג איך דאך, קומען אלערליי מחשבות אויפן קאפ... זיי טרעטן נישט אפ, ביז מען באקלערט זיי נישט פון אלע זיבעצן זייטן... באלד ווי מען האט מיר דערציילט, אז אין דעם זעלבן פארנאכט, וואס מען האט פאר טאג די עלטערן פארנומען, איז מען נאך א מאל געווען בודק חמץ זיין, און שפע־טער נאך א מאל, האב איך פיל געקלערט וועגן דעם, וואס וועט זיין פון מיר?... נישט גרינג האב איך אנגענומען דעם דאזיקן באשלוס... נישט גרינג איז מיר אפילו אים איבערצוזאגן פאר אייך...

די זאך איז אזוי דערפון: לעת עתה איז פאר מיר פארבאטן דער ארויסגאנג נאר אין קיעוו. אין אלע אנדערע שטעט חוץ קיעוו וואלט איך געקענט זיך פריי באוועגן. דאס איז אבער נישט אויף לאנג. די דאזיקע פרייהייט האלט אן נאר ביזן זיבעטן אקטאבער, דאס איז דער טאג פון מיין

שטעלן זיך צום פּריזיוו. מן הסתם ווייסט איר, אַז דעם פּריזיוו קען מען נאָר דורכגיין דאָרטן, ווו מען איז צוגעשריבן פונעם ערשטן טאָג, אַנדערש — בשום־אופן נישט. דער מיליטערישער בילעט איז מיין איין און איינציקער דאָקומענט. אָן אים, האָט אַ ליאַדע מיליציאָנער דאָס רעכט מיך צו אַרעסטירן, ווו דאָס זאָל נישט זיין. גיין שטעלן זיך אין קיעוו — איז אַ גרויס געפאַר, ווייל אין געפּעאו זענען נישטאָ אַזוינע בטלנים, וואָס זאָלן נישט פאַרשטיין, אַז דער פּריזיוו איז אַ קייט אויף מיין האַלדז, אַז אין ערגעץ וועל איך נישט קענען שטיין און מוזן קומען קיין קיעוו — און דאָ איז דאָרט מיך צו פּאַקן. ווידער, נישט שטעלן זיך אין גאַנצן, וועט יעדער איינציקער זען: אַ מיליטער־בילעט פון יאָר 1910 און איז נישט געשטעמפּלט פון דער פּריזיוו־קאָמיסיע, אַ סימן, אַז דאָס איז אַ דעזערטיר, אַ טונקעלע פּערזענלעכקייט און מען דאַרף אים מיטן עטאַפּ צושטעלן אין קיעווער מיליטער־קאָמיסאַריאַט. די יורידישע זייט פון דער מטבע שפּילט דאָ קיין ראָל נישט, נאָר די פּאַקטישע. כאָטש איך בין זיכער, אַז מיט מיין פּיס וועל איך באַפּרייט ווערן, נאָר דאָס האָט נישט צו דעם: נישטאָ דער רויטער שטעמפּל? ביסטו אַ דעזערטער און גיי מיטן עטאַפּ!

אָט פון דאַנען הייבט זיך אָן די מגילת־איכה: וואָס טוט מען?

ביזן זיבעטן אָקטאָבער זענען שוין קיין גאַנצע צוויי חדשים נישט געבליבן... ס'איז שוין באַלד נישט געבליבן ווען זיך אַרומצוקוקן... האָב איך אָנגענומען אַזאַ באַשלוס: מיין בוך ענדיק איך איצט שוין אויף צען אמת אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום. עס פאַרשטייט זיך: בתנאי, אויב מען וועט מיר נישט שטערן. היינט איז דינסטיק, אויף שבת, אם ירצה השם, וועט מיט מיין ווערק שוין זיין שבת־שבתון. איך וועל צושיקן דינהן מיט אַ בריוול צו דעם באַוווסטן פּאָעט בירנבוים, וואָס וווינט אויף קאָראָלענקאַ־גאַס. זי וועט אים זאָגן, אַז איך בין עפּעס נישט געזונט און מיר נעמען פון אים אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום גרעסטן יידישן שרייבער אין מאָסקווע, מאַרגאָלים. דער דאָזיקער פּאָעט איז מיינער אַ גרויסער פריינט און קען מיך פון אַלע זייטן. אַז ער וועט מיך רעקאָמענדירן, וועט דער שרייבער מיך וואַרעם אויפנעמען און זיך אָפּגעבן מיט מיר. איך וויל, אַז מאַרגאָלים אַליין זאָל מיין בוך שיקן צום דרוק. דאָס וועט האָבן אַ גרויסן עפעקט, ווייל דאָס איז אַ פּערזענלעכקייט שכבר יצאו לו מוניטין בעולם. חוץ דעם וועל איך אָפּשמועסן מיט איינעם אַ יונגן שרייבער לייבל שמילסקי, — ער האָט ביז נישט לאַנג געוווינט אין קיעוו — אַז טאָמער קומט מיר אויס צו דרוקן מיין בוך אויף זיין נאָמען, זאָל ער זיך אַראָפּנעמען אַ געוויסן פּראָצענט פון מיין האָנאָראַר און דאָס איבעריקע אָפּשיקן מיין טאַטן. אייגנטלעך קומט אים גאָרנישט. ס'איז געגוג פאַר אים דער כבוד. עס קען זיך אים נאָר חלומען אַזאַ בוך אָנצושרייבן. נישט מער, ער וועט דאַרפט האָבן לויפעניש מיטן דרוקן, דעם טאַטן דאָס געלט אָפּשיקן. מילא, זאָל ער אויך אָפּלעקן אַ ביינדל. ווי זאָגט ער דאָרט: „וגם חרבונה זכור לטוב“... בלויז צוליב דעם נאָמען... אין דרוק קען איך דערווייל אָפּגעבן מיינע כתבים אָן אַ נאָמען.

סיי ווי דויערט דריי, פיר חדשים, ביז עס קומט אָן די ריי צו דרוקן, איז ביז דאַמאָלסט וועל איך נאָך באַוויזן צו טעלעגראַפירן אין רעדאַקציע אַריין, ווער עס זאָל זיין דער טאַטע פון דעם בוך: פיאַטיגאָרסקי, צי שמילסקי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויב מען וועט אַמאָל געוואויר ווערן, אַז דאָס ווערק אויף וועלכן עס פיגורירט שמילסקיס נאָמען, געהער גאָר צו אַן אַנטרונענעם קאָנטררעוואָלוציאָנער, וועט ער האָבן צו זינגען און צו זאָגן. אין אַזוינע ענינים האָט אונדזער מלוכה אַ טבע מכריע זיין לכף חובה. אָבער ערשטנס, וועל איך פאַר שמילסקין קיין זאַך נישט פאַרלייקענען, איך וועל אים דער־ציילן אַלץ, פון אלף ביז תיו, אַזוי אַז ער וועט וויסן אויף וואָס ער גייט. צווייטנס... איך האָב שוין נישט בכח צו באַוואָרענען די וועלט...

После меня — хоть потоп!* וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין!...

איצט ווייטער: אין מאָסקווע זיך שטעלן צום פּריזיוו איז דאָך אוממעגלעך, פונקט ווי אין אַלע איבעריקע שטעט. אדרבה, עס פאַלט נאָך אַ חשד: פאַר וואָס האָט דער מענטש מורא זיך צו שטעלן ביי זיך אין דער היים? מען קען נאָך אפשר צונעמען דעם בילעט אויך, דאַן בין איך שוין גאָר אויסגעשטעלט. דאַן בלייב איך ווי אויפן וואַסער. על כן, איז ווי נאָר איך וועל אָפּטראָגן מיין מאַנוסקריפּט אין טיפּאָגראַפיע, וועל איך באַלד פון דאָרט אָפּפאָרן קיין סאַמאַרקאַנד. דאָס איז מיטל־אַזיע.

דאָרטן, אין דעם דאָזיקן סאַמאַרקאַנד, וווינט אונדזערער אַ ייד, אַ גרויסער חסיד, און איז דאָרט ביי די בוכאַרער יידן אַ גאַנצער שטאָטבעל־הבית, אַ „חכם“. אַזוי ווי דאָרט איז אַ ביסל שוואַכער די דיסציפּלין אין אַלע מלוכה־ענינים, וועל איך מיך פּרווון באַנוצן מיט דעם „חכם“ס כוחות. אַ בריוו צו אים וועט מיר שוין באַזאָרגן משה פרידמאַן, ער קען זיין משפּחה דאָ אין קיעוו, וועל איך זען ער זאָל אָנווענדן אַלע כוחות, אַז איך זאָל דאָרטן קענען דורכגיין די קאָמיסיע. דאַן קום איך צוריק קיין מאָסקווע, דרוק אָפּ מיין בוך און בלייב טאַקע אפשר דאָרט וווינען, צי אין אַן אַנדער שטאָט...

שלמהס קול האַקט זיך איבער. ער זיצט אַ ווײַלע פאַרזונקען אין גע־דאַנקען. מיט אַ מאָל הייבט ער אַ באַגייסטערטער אויף דעם קאָפּ און זאָגט מיט האַרץ, מיט ברען:

— און אויב מיר וועט זיך פאָרט נישט איינגעבן דורכגיין אין מיטל־אַזיע די פּריזיוו־קאָמיסיע, הייסט די השגחה אַזוי! איז אַ סימן, אַז: כבר יצאה בת־קול ואמרה: שלמה בן צפורה, כלי גולה עשה לך**... דאַן וועל איך טעלעגראַפירן אין רעדאַקציע, אַז דאָס בוך ווערט געדרוקט פון שמילסקין, וועט כאָטש דער טאַטע האָבן אַ מנה־יפה האָנאָראַר און אַליין וועל איך דאָרט זוכן אופנים, ווי אַזוי זיך אַריבערצושמוגלען קיין פּערסיע. דאָרט איז נישט ווייט, דורך די בערג. און פון דאָרט — פאַר דעם געלט, וואָס איך וועל מיט זיך מיטנעמען — וועל איך שוין ווי עס איז זיך דערשלאָגן קיין

---

* נאָך מיר — אפילו אַ מבול!

** מאַך דיר גלות־קליידער. פון נביאים.

ארץ־ישׂראל. דאָרט איז פאַראַן אַ גלייכער אַספאַלטירטער וועג טעהעראַן— תל־אביב.

מיט אַ צען יאָר צוריק וואָלט איך פון דאַנען אַהין אפילו צו פוס אַוועק, אַבי קומען קיין ארץ־ישׂראל. מיט פינף יאָר צוריק וואָלט איך נאָך אויך מיט מער פלאַם געפאָרן אַהין, איצט אָבער בין איך זיך מודה ומתודה, אַז מיטן גוטן ווילן וואָלט איך זיך נישט געכאַפּט פונקט אַצינד דאָס צו טון. איך האָב דאָ מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. איך האָב דאָ פיל טייערע חברים, מיט וועלכע עס ווילט זיך מיר זייער נישט שיידן. איך האָב דאָ נאָך מענטשן, וואָס זענען מיר טייער ווי דאָס לעבן. ס'איז דען איצט די צייט און דאָ דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם, ווער עס איז מיר טייער? איבערהויפּט, ס'איז דען בגדר אנושי אונטערצוציען אַזעלכע סך־הכלן? ס'איז דען בכלל מעגלעך אויסצורעכענען די אומגעזעענע פאָדים, וואָס בינדן צו אַ מענטשן צו זיין נעסט, צו זיין געבורטס־אָרט? ניין! דאָס איז אין ערוך... לא יספר מרוב... עס איז שוין אַ ביסל צו שפּעט פאַר מיר, זיך ערשט פון דאָס ניי ערגעץ איינפלאַנצן און לאָזן וואָרצלען... זעלבסטפאַר־שטענדלעך, איך זאָג נישט חלילה, או חברותא, או... אָבער ווער ווייסט דאָס נישט, אַז ביי עסקי־נפשות איז נישט לייכט: להוציא ישן מפני חדש... ווי זאָגט דער נביא: „היימיר כושי עורו“? ס'איז פאַר מיר נישט בגדר היכולת ביי צוויי און צוואַנציק יאָר זיך שיידן מיט אָט דעם טייערן קאָלעקטיוו: צו שטאַרק איז ער מיר איינגעבאַקן אין מיין הארצן. און איך פיל אפילו, אַז אויך דאָרט, אין ארץ־ישׂראל גופא, אַז איך וועל שוין גאָר קומען אַהין, וועל איך שוין אויך נישט זיין אַזוי פולשטענדיק גליקלעך, ווי ווען איך זאָל געווען אַוועקפאָרן אַהין אַלס קינד. די בענקשאַפט נאָך אַלץ און נאָך אַלעמען וועט מיך אויפפרעסן לעבעדיקערהייט. דערצו נאָך ווייס איך פון דער פראַקטיק, אַז איך בין זייער אַ פאַרעקשנטער בענקער, אַזוי ווי זשאַווער עסט אייזן, אַזוי עסט מיך דער עלנט, די איינזאַמקייט. היינט איז דאָך עפּעס סתם אַן עולה פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און בענקען פון דאָרט צוריק אין גלות אריין. איידער אַזאַ פאָרן איז גלייכער זיצן אין דער היים. נאָר ווען זשע איז דאָס אַלץ געערדט געוואָרן? ווען די ברירה איז ביי מיר, אָבער ביי די אומשטענדן וואָס האָבן זיך איצט ביי מיר געשאַפן, איז דאָס מיין איינציקער אויסוועג. די מלוכה אונדזערע האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט נישט אויף קאַטאָוועס. און דערויף האָט זי שוין אַ חזקה: קוים פאַרלייגט זי זיך וועמען עס איז אומצוברענגען, מוז זי סוף־כל־סוף זיך דערשלאָגן אירס. דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי. שפּילן זיך מיט פייער איז געפערלעך און אויב עס וועט מיר טאַקע געלינגען קומען אַהין, וואוהין עס ציט מיך פון קליינערהייט אָן, איז אַ פנים אַזוי באַשערט, עס איז שוין טאַקע צייט אויך... ווען דען — אויף דער עלטער? פאָרן אַהין שטאַרבן?...

— שלמה, — האָט זיך צפורה אַ וואָרף געטון צו אים מיט אַ געוויין — קינד מיינס! דו ווילסט זיך צעשיידן מיט אונדז אויף לאַנגע יאָרן, צי גאָר אויף אייביק?

שלמה האָט זי אוועקגעזעצט לעבן זיך, געגלעט איבערן קאָפּ, איבערן פּנים:

— מאַמע, אַז דו רעדסט אַזוי, שניידסטו מיר מיין האַרץ מיט אַ טעמפּן מעסער... דו זאָגסט: „איך וויל"... באַרעכן נאָר גוט: איך וויל, צי איך מוז?

אפרים־אהרון האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער און דאָרטן זיך עפּעס שטאַרק איינגעקוקט...

שלמה האָט ווייטער פאָרגעזעצט:

— דו זאָגסט „צעשיידן זיך"... מען דאַרף דאָך אויך נישט זיין קיין כפוי־טובה... ביי מאָסקאַליענקאָן און די הענט וואָלט מיר געוואָען בעסער? עס איז דען אפילו אַ פאַרגלייך? און דאָ זיצן איינער אַליין, פאַרשפּאַרט, רעכנסטו, איז אַ מענטשלעכער כח? אַזוי לאַנג ווי איך שרייב נאָך, פיל איך נישט אַזוי די איינזאַמקייט, אָבער ווי נאָר איך פאַרמאַך דאָס העפט און קוק מיך אום אויף מיין אויסגעפּוצטער טורמע, אויף די שטומע שפּאַ־לירטע ווענט, אַזוי ווערט מיר נמאס דאָס לעבן. ווען נישט דאָס, וואָס דאָס בוך פאַרבייט מיר אַ לעבעדיקן חבר, וואָלט איך מיר, דאַכט זיך, צעקלאַפּט דעם קאָפּ אין דער וואַנט פאַר ווייטיק, וואָס איך קען נישט אַרויסגיין גלייך מיט אַלע מענטשן אויף דער גאַס, אונטער גאָטס הימל. אָבער אָט ענדיקט זיך שוין דאָס בוך אויך, קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט איז נישטאָ. געננוג, שוין באַלד צוויי יאָר, אַז איך שרייב אים, שוין צייט ענדיקן! נו, מיט וואָס וועל איך איצט פאַרטרייבן די איינזאַמקייט? דעם עלנט? ניין, ניין, מאַמע! דו ביסט נישט גערעכט, ווען דו זאָגסט, אַז איך וויל מיך שיידן. איך ווער געצוואונגען דערצו און נישט, איך וויל. און אפשר וועט מיר גאָט העלפן, אַז איך וועל קענען אין אַ פּאָר יאָר אַרום אייך ברענגען צו זיך, דו פאַרשטייסט אַליין מסתמא, אַז איך וועל דאָרט נישט רוען, ביז איך וועל אייך נישט האָבן לעבן זיך. ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך. אפשר איז דאָס גאָר לטובה און מיר איז באַשערט זיין דער פּיאָנער פון אונדזער משפּחה אין ארץ־ישראל.

— אָבער אַז איך האָב גאָר מורא, דו זאָלסט זיך אפילו ווייזן דאָ אויפן וואָקזאַל... טאַמער, אַל תפתח פה לשטן...

— הערסט אַ מעשה, עס איז נאָך אַ קלער דערביי? אודאי איז דאָ אויפן וואָקזאַל זיך געפּערלעך צו ווייזן... מיינע פאָטאָגראַפיעס זענען ביי זיי אין די הענט. אויף זיי איז צו גלייבן, אַז זיי האָבן אָפּגעקאָפּירט אפילו הונדערטער שטיק און פיל מיליציאָנערן טראָגן אַרום ביי זיך מיין פיזיאָגנאָמיע און באַזונדערס אויפן וואָקזאַל. דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט, וואָס פּשוטער קען גאָרנישט זיין. אַזוי, מאַמע, אַז איך וועל זיך אויפן וואָקזאַל נישט ווייזן. איינער פון מיינע חברים וועט נעמען אַ בילעט קיין מאָסקווע און מיט אַלע מיינע חפצים צופאָרן ביז ניעזשין. איך וועל אַהין צופאָרן אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ. אַז מען וויל גאָר, קען ער מיך אויפנעמען אפילו דאָ אין הויף, נישט אויף דער גאַס. און דאָרט וועט דער חבר אַרויסגיין פונעם וואַגאָן, איבער־

געבן מיר דעם בילעט און איך וועל אוועקפאָרן. נישט געזאָרגט, מאַמעניו, אַלץ וועט זיין גוט...

שלמה הייבט זיך אויף, גייט צו צום פענצטער, לייגט אַרויף דעם פּאַטער אַ האַנט אויפן אַקסל און זאָגט אים כלומרשט פרייליך:

— וואָס שטייסטו עפּעס אַזוי? ווי שעמסטו זיך נישט? דו ביסט דאָך עפּעס אַ מאַנסביל, אַנשטאַט יענעם צו מוטיקן און אויפהייבן די שטימונג, האָסטו אַליין אַראָפּגעלאָזט די נאָז און ווילסט זי גאַרנישט אויפהייבן... אפשר איז דאָס גאָר לטובה? און מיר וועלן איבערבייטן קיעוו אויף תל־אביב? אַלנפאַלס, טרויערן חלילה איז נישטאָ אויף וואָס. נישט אייביק קען מען דאָך זיין צוזאַמען... דו מיינסט, אַז מיר איז פיל גרינגער פאַר דיר?

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט, אַ ביס געטון דעם נאָגל און מיט אַ מאָל אויפגערוימט אַ זאָג געטון:

— וואָס שווייגט איר עפּעס אַלע? קוקט זיי נאָר אָן, אַקוראַט ווי די מומיעס. אין פלאַש איז נאָך דאָ בראָנפן, זאָל עמעצער זאָגן „לחיים"...

מנשה האָט דערגאַסן זיין כוס, זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— לחיים, רבותי! ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך שוין דאָ זען צוזאַמען, ווייל נאָך דער היינטיקער מעשה אויף סאַלאַמינקע דאַרף מען וואָס וויניקער גיין אַהער. לאָמיר וווּנטשן אונדזער שלמהן אַ גליקלעכע נסיעה: ערשטנס, אַז אַלץ זאָל זיין בשלום און אויב עס איז אים טאַקע באַשערט צו ווערן אַן ארץ־ישראל־ייד, האָט ער דאָס כשר פאַרדינט, דאָס ווייס איך אפשר בעסער פון אייך אַלע, ווייל פון זיין אָנקומען קיין כמעלניק ביז היינטיקן טאָג זענען מיר ביידע זייער נאָענט. עס איז מעגלעך, אַז איך ווייס ביי אים אַזעלכע זאַכן, וואָס חוץ מיר ווייסט זיי קיינער נישט. און אייך, אפרים־אהרון, ווייל איך זאָגן, אַז איר זאָלט אפילו נישט פּרוּוון אָפּרעדן אים פון זיין פּלאַן, ווייל — איר מעגט לאַכן פון מיר — נאָר איך גלייב שטאַרק אין שלמהס נבואה קטנה...

— איך אויך — האָט טאַני פון איר אָרט אַ געשריי געטון.

— און איך נאָך מער פון אייך ביידן — האָט גאָרדאָן אַריינגעשטעלט.

— אָט, איר הערט? — האָט מנשה פאַרגעזעצט — איך בין נישט איינער אַזאַ פאַנאַטיקער, אַ סך האַלטן מיט מיר. און גאָט וועט זיכער שלמהן פירן בדרך הישר, אפילו אין זכות פון זיין הייליקן זיידן. ער איז שוין אַ מלומד בניסים. פון קינדהווייז אָן. מיר וועלן נאָר בעטן ביי אים, אַז קומענדיק צום כותל־מערבי, זאָל ער דאָרט דערמאָנען אונדזערע נעמען... ער זאָל מיך וועלן מיטנעמען, וואָלט איך אויך מיטגעפאָרן... און דו, דינה, מעגסט זיך שעמען: שלמהן שטייט פאַר אַזאַ ערנסטער שריט, אַ ברודער געפינט זיך ערב אַ ז אַ נסיעה און דו האָסט זיך אוועקגעזעצט וויינען. דאַכט זיך, אַ קלוג מיידל, אַ קלוג מיידל און, אַז עס קומט צו עפּעס איז נישטאָ קיין שכל אויף כי־הוא־זה...

נאָך עמעצער האָט געטרונקען לחיים, געפּרוּווט זאָגן עפּעס גאָר אַ פרייליכס און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס גאָר אַ טרויעריקס. די אַלגעמיינע

שטימונג איז געווען אַ דערשלאָגענע. דער זייגער האָט געוויזן האַלב דריי. מען האָט זיך גענומען קלייבן אַהיים. אפרים־אהרון מיט דער משפחה מיט מנשהן זענען אַוועק אויף סאַלאָמינקע. יוסף מיט ניסנען זענען אַוועק אונ־טערפירן די טולטשינסקים און געדאַרפט זיך באַלד אומקערן צוריק צו שלמהן. שלמה האָט אַרויסגענומען פון זיין וואַליזע אַ גמרא און ער, פריד־מאַן און זעליק האָבן זיך געזעצט לערנען.

טאַני בלייבט שטיין אַ פאַרגעסענע אין מיטן שטוב. פאַר אירע אויגן שטייען נאָך צעפליקטע שטיקלעך בילדער פון דעם געזעגענעם און געהערטן פאַר היינטיקער נאַכט. אָט זעט זי דייטלעך דעם בלומרשטן פידלער אין קאַ־פעליוש מיט די ברילן. און אַז ניִשט, דאַכט זיך איר, אַז זי זעט שוין שלמהן, מיט אַ קלומעקל אויף די פּלייצעס, קלעטערן אויף די פּערסישע בערג. זי באַטראַכט מיט אַ נישט פאַרגינערישן בליק די פולשטענדיקע מנוחה, וואָס רוט אין יעדן ווינקעלע פון דעם זויבערן מיידלשן צימער, דעם שוואַרצן געשניצטן זייגער מיט זיין קאַלט־בלוטיקן טיק־טאַק, דעם פּירקאַנטיקן שפּיגל אין שאַפע־טירל, די פּוכאָווע קאָלדרע, באַצויגן מיט העל־בלויען זייד, וועלכער איז באַזעצט מיט רויטע פייגעלעך. אַליין נישט געדענקענדיק ווען, האָט זי זיך צוגעטוליעט צום ווינקל דיוואַן און זיך איינגעהערט אין דעם צוקער־זיסן, פון קינדוווייז אָן געליבטן גמרא־ניגון.

זי האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון שלמהן. זי האָט זיך דער־מאָנט, ווי אַזוי ערשט פאַר דריי יאָרן איז אָט דאָס בחורל געקומען צו זיי אין שטוב אַריין, געשטאַנען ביי דער טיר, נישט געוואַגט צוגיין ביזן טיש און געפרעגט, צי דאַרף מען נישט קיין פוטער, קיין געקוילעט עוף, קיין פּאַסאָליעס. און איצט פאָרט ער אַוועק אפשר אויף אייביק. אַלנפאַלס, דאָס איז זיכער: אויף זייער, זייער לאַנג און ער איז יעדן אַזוי איינגע־באַקן אין האַרצן, אָט דאָס שעמעוודיקע בחורל. עס בלייבט דאָ נישט נאָך אַזאַ חבר. נאָר וואָס קען מען העלפן? מען לעבט אין אַזאַ פינצטערער צייט... קיין זאַך איז נישט דיינס. קיין זאַך קענסטו נישט איינהאַלטן ביי זיך, אפילו זיך אַליין אויך נישט... וויפל האָט דען געפעלט, אַז זי אַליין זאָל אַציִנד ליגן ערגעץ אויף אַ נאַרע אָדער אין אַ נאַסן אונטערערדישן קעלער?...

פון דעם געדאַנק גיט זי אַ ציטער און דעקט זיך נאָך בעסער איין. דורכן פענצטער באַמערקט זי, ווי אַ בלייך שטיקל לבנה גליטשט זיך צום האָריי־זאָנט. דער הימל איז נאַקעט, אָן איין שטערן. אין אַ שעה אַנדערטהאַלבן אַרום וועט שאַריען אויף טאָג. אַ פרישער טאָג מיט פרישע זאָרגן. און שלמה פאָרט טאַקע אַוועק, ביים כותל־מערבי וועט ער דערמאָנען אונדזערע נעמען.

שלמה גיט אַ טאָרקע זעליקן, ווייזט אים אָן אויף טאַנין: שלאָפט... איר פאַרריסן נעזל פייפט שטיל אויס אַ פאָנפאַטע ניגונדל. די קאָלדרע אויף איר ברוסט באַוועגט זיך רואיק־רואיק, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. אָט גיט זי אַ שמייכל פון שלאָף, עס קער זיך איר עפּעס חלומען... דער שמייכל צעבליט זיך אויף אירע ליפּן, זי לאַכט שוין כמעט... אַלע דריי פאָר אויגן זענען צוגעשמידט צו איר קינדעריש מיילעכל... וואָס איז דאָ צו רעדן? — אַ קינד, אַ פּיצל קינד, אָבער וואָס פאַר אַ העלדיש קינד!...

קאפיטל XXXVII

אין דער פרי איז קיעוו געווען נישט צו דערקענען. די זון האט אין גאנצן אפגעליקנט, אי דעם נעכטיקן רעגן, אי די בלאטעס, אי די קאליוזשעס. אלץ איז איינגעזונקען געווארן אין דער ערד אריין, ס'איז אפילו קיין סימן נישט געבליבן. ווידער האט די אומברחמנותדיקע זון געהאלטן אין איין גליען און שמעלצן אלץ, וואס עס האט זיך איר נאר געטראפן אויפן וועג. די, וואס האבן נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו אנטלויפן פון אט דעם שטייערנעם קאלכאוויון, וועלכער טראגט דעם נאמען קיעוו, זענען אפגעגאנגען מיטן זיבעטן שוויים. פארשמאכטע האבן די איינוווינער געלעכצט נאך א קילן וועטער, נאך א דערפרישנדיק ווינטעלע.

די גאסן זענען ווי פריער געווען פארפלייצט מיט גרינוואַרג. די וואסערקלייטלעך האבן געארבעט פון באגינען ביז האלבער נאכט. א טייל מענטשן זענען שוין געקומען פון די דאטשעס, אנדערע זענען ערשט געפארן. אויף די דאטשנע צוגן איז געווען סעזאן־פיק, קיין נאדל נישט ארייננצוווארפן. יעדער האט געפירט מיט זיך פעק מיט פעקלעך. אויף די קליינע סטאנציעס זענען די זאכן געפלויגן דורך די פענצטער און נאך זיי, שוין אין גאנג פון צוג, אויך די אייגנטימערס. די שיפלעך און די מאטאר־קאטערן אויפן דניעפר האבן געארבעט פון אין דער פרי ביז שפעט, שפעט ביי נאכט. די פליאזשע איז געווען פארזייט מיט שאלעכץ פון עפל און מיט קערלעך פון ווייַנשל. קאלירטע לייוונטענע בודקעלעך זענען געווען צעווארפן איבער דער פליאזשע ווי קלייען אויף א ווייסן פנים. אין זיי האט מען פארקויפט, וואס דאס מויל קען נאר אויסרעדן. מיידלעך אין טוניקעס האבן, ליגנדיק צעווארפן אויף דעם גליענדיקן ווייסן זאמד פאזירט פאר יונגע מאלער, וואס זענען געשטאנען אויף די קני, מיטן מאלברעט אין די הענט, האבן געזוכט אין דער מאדעלקע דעם סוד פון איר כשופדיקן רייץ און שטילערהייט פאנטאזירט צו ווערן א מאל שטיקלעך ראפאעלס...

אויף די זאוואדן, אויף די פאבריקן האבן ארבעטער געיאגט פון זיך די נשמה, כדי צו געבן אין אזעלכע היצן די פולע נארמע. אנדערע — נאך איבערצופילן די נארמע. אפשר וועט פארט דער פראפקאם מכבד זיין מיט א חודש סאטשי, גאגרע, יאלטע, אדער קיסלאוואדסק *. די שטאט האט געלעבט מיט איר נארמאלן, שווייסיקן זומערדיקן לעבן.

פאר די לעצטע פאר טעג איז שלמה שטארק אראפ פון פנים. די אויגן — רויט פון נישט דערשלאפן, ארום זיי — געלבלעכע רייפלעך ווי פון ברילן. די באקן — אפגעצויגן, די ליפן — איבערגעטריקנט. דער מענטש עסט נישט און שלאפט נישט. ער לאזט נישט ארויס די פען פון דער האנט.

און דאך טרעפט אין א בין־השמשותדיקער שעה, די אויסגעמוטשעטע

---

* נעמען פון די בעסטע קוראָרטן אין רוסלאנד.

אויגן בעטן נאָך אַ קאַפּעטשקעלע טונקלקייט, דאַן שפּאַרט זיך שלמה אָן אין דער פענצטער־ראַם און אַ ווערעמל נאָגט אים שטיל:

— דו ביסט דאָ ווי לעבעדיק באַגראָבן... ערגעץ לעבן מענטשן, ערגעץ טומלט זיך און דאָ — ווי אויף אַ בית־הקברות, קיינער שטערט נישט די אייביקע רו, ווי זאָגט ער דאָרט אין תהילים: נשכחתי כמת מלב, הייתי ככלי אובד *...

אָבער שלמה פלעגט זיך נישט לאָזן באַהערשן פון דער מעלאַנכאָליע און מעטאָדיש קריצן מיט דער פען, וועז — גיך און וועז — קוים באַוועגנדיק.

דאָס איז געווען אין אַ פרימאָרגנדיקער שעה נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. ער האָט אַוועקגעלייגט די פעדער, עמעצער האָט געקלאַפּט.

— פאָליאַ — ביי טאָג? וואָס איז? דער אינסטיטוט איז פאַרבערנט געוואָרן?

— דערווייל נאָך נישט, נאָר איך האָב אַ שפּיי געטון אויף אַלץ און בין אַוועקגעגאַנגען.

שלמה האָט צוגעמאַכט די טיר פונעם צימער און דערלאַנגט פאָלין אַ בענקל:

— פאָלי, אַנטשולדיקט, איך דאַרף נאָך צוויי מינוט אויף עפּעס צו דערשרייבן, טאַקע נאָר צוויי מינוט, און דערנאָך — פריי!...

— ביטע, איך וועל נישט שטערן...

— אַט אַ דאַנק, טאַקע נאָר פינף מינוט, העכסטנס — צען... מער — אודאי נישט!

פאָלי גיט אַ שמייכל צו זיך אַליין און זעצט זיך איבער אויף דער סאָפע.

פאַריבער עטלעכע מינוט אין אַ טויטן שטילשווייגן. שלמה בייסט פאַר־דראָסיק דעם שפּיץ פעדער, די פינגער זיינע טאַנצן נערוועז איבערן טיש, ער קען בשום אופן נישט כאַפּן דעם איבערגעריסענעם געדאַנק. מיט אַ מאָל באַמערקט ער עפּעס אויפן טיש, קאָנוולסיוו גיט ער עס אַ כאַפּ אַראָפּ, אַ וואַרף אַריין אין שופלאַד און דרייט איבער דעם שליסל. ער כאַפּט פון דער זייט אַ קוק אין פאָליס ווינקל: זי האָט גאָרנישט באַמערקט, זי קוקט גאָר ווי פייגעלעך פליען. יאָ — געפּאַקט! ער האָט אים, דעם געדאַנק! אַט דאָס האָט ער געוואָלט שרייבן. ער פאַרגעסט אַלץ, וואָס אַרום אים טוט זיך. דאָס אייגענע באַשאַפענע וועלטל פאַרפולט ווידער זיין גאַנצע מציאות. דער גאַנ־צער וועזן זיינער וואַקסט צוריק אַריין אין געפלאָנטער פון געשעענישן און ווערט מיטגעכאַפּט פון דער סיטואַציע. ער ווייסט נישט, וויפל עס איז פאַריבער, נאָר פלוצלינג פאַרטשעפּעט זיך זיין בלאָנדזשענדיקער בליק אין אַ גלאַנצנדיק נעזל פון אַ טופל... ווי קומט אהער אַ טופל? ווי אַזוי זענען דינהם טופלים מגולגל געוואָרן צו זיין געלעגער? ער קוקט זיך אום און באַ־געגנט זיך מיט פאָליס אויגן. עס נעמט דורך אַ שוידער: פאָלי איז

* איך בין פאַרגעסן געוואָרן פונעם האַרצן ווי אַ געשטאָרבענער, איך בין געגליכן צו אַ כלי וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען. פון תהילים.

דאָ און איך שרייב גאָר? ער פּרוווט איבערגוואַלד אָנשרייבן נאָך עטלעכע ווערטער — ניין, עס גייט נישט! פאַרפאַלן געוואָרן דער עק פון קנוילעכל. ער גיט אַ וואָרף די פעדער, זי פאַלט מיט אַ ליאַרעם אַראָפּ אויפן פּאָל. אַל פּנים מיט פאַלין.

שלמה לייגט אויף איר נישט קיין אַכט. ער זעצט זיך צו אויפן דיוואַן, פּנים

— איר דאַרפט מיר אַנטשולדיקן, פאַלי, ערנוואָרט: איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר וואַרט... שוין לאַנג, אַז איר זענט דאָ?

— ניין, ערשט פינף און צוואַנציק מינוט.

ער גיט אַזש אַ שפּרונג אונטער. זי זעצט אים אַוועק צוריק:

— עס מאַכט נישט, איך איל מיך נישט שטאַרק.

— גוט, אָבער מיר וואָלטן דאָך פאַר דער צייט געוווען געקענט עפּעס שמועסן, וויפל פאַנטאַזיר איך וועגן אַזעלכע מינוטן...

— אָבער איר זענט דאָך נישט שולדיק. איך האָב געקוקט אויף אייך די גאַנצע צייט, איר זענט גאַרנישט געווען אויף דער וועלט...

— דאָס איז אַזאַ חולאת ביי מיר, בעת איך באַקום די ספּאַזמע פון שרייבן. איר וואָלט געווען געדאַרפט מיר דערמאָנען...

— אָן דעם חולאת וואָלט איר קיין שרייבער נישט געווען. און אייך אויפוועקן? אפילו אין צוויי שעה אַרום וואָלט איך דאָס אויך נישט געטון.

— אַך, פאַלי, אייער מיטגעפיל — דאָס איז מיין שאַמפּאַניער.

— שלמה, וואָס האָט איר עס אַראָפּגעכאַפּט פונעם טיש, באַלד נאָך מיין אַריינקומען?

שלמה האָט טאַמעוואַטע אויף איר אַ קוק געטון:

— עס האָט זיך אייך געדאַכט, איך הייב נישט אָן צו געדענקען.

— שלמה... איך האָב אויף די אויגן קיין מאָל נישט געקרענקט.

— יאָ, אָבער עס הייבט זיך גאַרנישט אָן.

מיט אַ מאָל פאַרשעמט זיך שלמה פאַר זיין אַפּנאַרן און לאָזט אַראָפּ די אויגן:

— אייגנטלעך וואָס האָב איך דאָ צו לייקענען? איר קענט נאָך מיינען גאָט ווייסט וואָס...

נישט אויפהייבנדיק זיך פון דער סאָפע שליסט ער אויף דעם שופלאָד. אין זיין האַנט יאָוועט זיך אַ בילד אין דער גרייס פון אַ פּאָסטקאַרטל. ער האַלט דאָס אונטער מיט אַלע פינף פינגער, ווי אַ צערטלעכע מוטער איר ציטעריק קינד.

— מיין פאָטאָגראַפיע ביי אייך? — פאַלי קוקט פאַרוווּנדערט, גלייבט נישט אירע אויגן, — אַנו, ווייזט זי מיר...

— איר זעט זי דען נישט ביי מיר אין די הענט?

— איר האָט מורא, איך זאָל זי נישט צונעמען?

— איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך האָב טאַקע מורא.

— איך וועל דאָס נישט טון! כאָטש זי איז ביי אייך נישט קיין גע־

זעצלעכע, נאָר זעענדיק, ווי איר ציטערט איבער איר, וועל איך זי אייך אומקערן. נו, וואָס טראַכט איר? איר גלייבט מיר נישט אויפֿן וואָרט?

זי נעמט די פאָטאָגראַפֿיע, באַטראַכט זי נייגעריק, מיט אַ שמייכל.

— פֿון וואַנען זשע, פֿון דעסט וועגן, האָט זיך צו אייך גענומען אָט דאָס בילד, מעג מען וויסן?

— אַז איר האָט מיך שוין געפּאַקט ביי דער האַנט, מוז איך דאָך דער־ציילן. פֿאַראַיאָרן, חודש מאַי, האָט איר געבראַכט פֿון דעם פֿאָטאָגראַף פֿינף אַזוינע פֿאָטאָגראַפֿיעס. ווי נאָר איך האָב זיי דערזען... און דעם אמת גע־רעדט, זענט איר אויף דעם בילד... ווי אַזוי זאָגט מען דאָס? אַך, איך קען נישט צוזוכן קיין פּאַסיקע ווערטער... מיט איין וואָרט, דאָס איז אַ פֿאַנטאַס־טיש בילד, אַ הייליק בילד!... אוי, וואָס רעד איך פֿאַר אַ נאַרישקייטן? איר קענט אַצינד לאַכן פֿון מיר... הכלל, איך האָב געפֿילט, אַז אָן דעם בילד קען איך נישט לעבן, כ'האָב געפֿילט, אַז אויב איך וועל נישט האָבן ביי זיך איין עקזעמפּליאַר פֿון אָט די פֿינף, וועל איך פֿון קיין מנוחה נישט וויסן... נאָך וואָס, פֿרעגט מיך, דערצייל איך אייך אַזוי פֿיל נאַרישקייטן? אייך אינטערעסירט דאָך נאָר דער פֿאַקט, ווי אַרום איז דאָס בילד געקומען צו מיר, איאָ, אַזוי?

— רעדט, רעדט, מיר איז גאָרנישט צום לאַכן אַצינד...

— איז אָט, ווען איך האָב דערפֿילט, אַז אַלע טאָג, פּונקט ווי איך טו אָן תפֿילין, אַזוי מוז איך זען פֿאַר זיך אָט די זוניקע אויגן, אָט די קאַפּריזנע ליפּן, אָט די קליינע אויערלעך, אָט די גאָלדענע האָר מיט די בליענדיקע בעקעלעך. דאַן האָב איך געבעטן ביי אַוורהמען, אַז ער זאָל מיר צוגנבֿענען איינע פֿון די פֿאָטאָס. צו אייך זיך ווענדן מיט אַזאַ בקשה איז ביי מיר נישט געווען קיין ספֿק, אַז איר וועט מיר אָפּזאָגן און אין אַזאַ פֿאַל, וואָלט דאָס בילד פֿאַר מיר פֿאַרלוירן דעם כשוף. דאַמאָלסט, נאָך אייער אָפּזאָג, וואָלט מיר געווען אומדערטרעגלעך אפֿילו נאָר אַ בליק טון אויף דעם. האָב איך בעסער נישט געוואָלט ריזיקירן און באַשלאָסן עס באַקומען „מיטן גלייכן וועג". אַוורהם האָט לכתחילה אפֿילו נישט געוואָלט הערן פֿון באַגנבֿענען אייך, נאָר ווען ער האָט אַ פּנים אין מיינע אויגן איבערגעלייענט, ווי מיר גייט עס אין לעבן, האָט ער זיך באַשלאָסן אויף דעם פֿאַרברעכן, נעמענדיק ביי מיר דאָס וואָרט, אַז דערפֿון וועט פֿאָלי קיין מאָל נישט געוווּיר ווערן. איצט, טאָמער וואָלט איך נאָך געווען אַוועקגעפֿאָרן אַן ערלעכער מענטש, האָט איר מיר שוין דאָס אויך קאַליע געמאַכט און איך האָב עובֿר געווען אויף מיין ערנוואָרט קעגן אַ געטרייען חבֿר.

— איך וועל אים דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרוואַרפֿן... אָבער אַ פֿאָטאָ אָן אַ אונטערשריפֿט, וואָס פֿאַר אַ טעם האָט זי?

— דאָ האַנדלט זיך נישט אין אונטערשריפֿט. עס איז דען פֿאַר עמעצן? איך גיי זיך דען פֿאַר עמעצן באַרימען מיט איר? דאָ האַנדלט זיך אין דעם פּנים. פֿאַר מיר איז געווען אַ טרייסט אין די ערגסטע מאָמענטן אַ קוק טון אויף אָט דער יומטובֿדיקער צורה, אויף אָט דעם ליכטיקן פּנים. אָט האָב

איך אָנגעשריבן אַ גרויס בוך. אפשר וועט גאָט העלפֿן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט שוין זיין פֿון דעם בוך אַ מיליאָן עקזעמפּליאַרן, אין פֿאַרשידענע שפּראַכן? אפשר וועט דאָס ווערק אָנקומען אויף דער סצענע? אפשר אפילו אויפֿן עקראַן? נו, האָב איך דען צו דער שאַפֿונג קיין שותּף נישט? — איך האָב! און ווער מיינט איר? — אָט דאָס בילד! אָט די אויגן, וואָס זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט אַקעגן מיר, האָבן מיר ליכטיק געמאַכט דעם וועג. טאָמער האָב איך אַ מאָל נישט געקענט צוקלייבן דאָס פּאַסיקע וואָרט, האָב איך נאָר געדאַרפֿט אַ קוק טון אויף זיי, האָבן זיי מיר באַלד אונטערגעזאָגט. יאָ, קענגן וואָס זשע איז דאָס אַלץ געקומען צו רייד? אַהאַ! קעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אונטערשריפֿט... דאָס איז אַ פּראָזאַישע טערמינאָלאָגיע. און דאָס, וואָס געפֿינט זיך אויף דער רעכטער זייט פֿון דעם בילד, איז ריינע פּאָעזיע... אַזוי איז דאָס...

פֿאָלי האָט די גאַנצע צייט פֿון זיין רעדן נישט אַראָפּגענומען פֿון אים די אויגן. זי האָט געשלונגען זיינע רייד, געכאַפּט זיי פֿון דער לופֿט. שלמה איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַ צערודערטער געקנייטשט דאָס נאָזטיכעלע. פֿאָלי האָט זיך געביסן די ליפּן פֿון אומבאַשלאָסנקייט. ענדלעך האָט זי איבער זיך געמאַכט אַן אָנשטרענגונג און איראָניש אַ פֿרעג געטון:

— מען קען נאָך מיינען, אַז איר וואָלט אַצינד אויך נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אייך אונטערשרייבן מיין בילד...

— בפֿירוש נישט! — האָט שלמה געענטפֿערט, צוגענומען ביי איר דאָס בילד פֿון דער האַנט, אַריינגעלייגט אין שופֿלאָד און פֿאַרשלאָסן — בפֿירוש נישט! וואָס וועט דאָס מיר געבן? ס'איז דאָך איינס פֿון די ביידע: וועל איך זוכה זיין ביי גאָט, אַז די אייגנטימערין פֿון אָט דעם פּנים זאָל ווערן מיין באַגלייטערין אויפֿן גאַנצן לעבן, דאַן דאַרף איך נישט די אונטערשריפֿט, דאַן האָב איך דאָך דעם אָריגינאַל. אלא, וואָס דען, טאָמער נישט? — דאַן וועט מיר נאָר שטערן די אונטערשריפֿט. זאָל אָט דאָס פּנים בעסער פֿאַרבלייבן אַ לעגענדע, אַ זיסער חלום, איידער טראָגן אַ נאָמען פֿון אַ לעבעדיקער פּרוי, פֿון פֿלייש און בלוט...

— שלמה, טייערער, רעדט פֿון עפּעס אַנדערש, דאָס האַרץ מיינס וועט באַלד פּלאַצן...

— פֿאָלי, לעבן מיינס, אין די דאָזיקע געדאַנקען בין איך אַריינגעטון אין חלום און אויף דער וואָר. איך קען דען רעדן פֿון עפּעס אַנדערש? איך קען דען פֿאַרשטעלן דאָס מויל פֿון מיין האַרץ? עס איז מיר איצט זייער שווער... דאָס פֿאַרשפּאַרטקייט... דאָס אוועקפּאַרן...

פֿאָלי קוקט אויף אים מיט אַזאַ געבעט אין די אויגן, אַז ער' מאַרכאַפּט זיך:

— נו, שאַ, שאַ, מער רעד איך נישט פֿון דעם ענין. בכלל, וויפֿל איז אייך דען נאָך געבליבן צו ליידן פֿון מיר?

פֿאָליס דלאָניע ליגט אים אויפֿן מויל. דער גאַנצער קאָפּ זיינער איז צוגעצויגן צו איר. זי גלעט אים נערוועז, אומרואיק, ליידנשאַפֿטלעך. מיט

א מאָל הייבט זי זיך אויף, גייט צו צום פענצטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט און בלייבט אַזוי פאַרגליווערט...

שלמה פילט אין איר שוויַיגן, וואָס פאַר אַ שטורעם עס קומט פאָר ביי איר אין האַרצן. ער שטייט הינטער איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט. איס איז ווייטיקלעך זי צו זען, אַזאַ אויפגערודערטע. ער וויל זי אויפמונטערן, מיט עפּעס פאַרטרייבן איר עצבות, נאָר ער וואַגט איר נישט צו שטערן. ער פילט, ער טאָר איר נישט שטערן! אפשר קומט אַצינד פאָר דער קריזיס אין איר האַרצן? ער זעט, איר לינקער אויער איז רויט ווי פייער, דאָס, ווייסט ער, איז פון אינערלעכער אָנשטרענגונג. אָט זעט ער, ווי איבער איר פלייצע גייט דורך אַ לייכטער שוידער, דאָס איז אויך פון פאַרשטיקטע געפילן...

פאָלי דרייט זיך אויס צו אים מיטן פּנים, דערזעט זיין פּאָזע און נעמט אים אָן ביי דער האַנט.

— שלמה, קומט לאָמיר אַ ביסל זיצן ווי קלוגע מענטשן, אָן שטורעם־סצענעס... וואָס איז מיט אייער ווערק? איר האָט אייערנעכטן געזאָגט, אַז אויף שבת וועט דאָס שוין זיין פאַרענדיקט.

— עס קען זייער זיין, אַז דאָס מאָל וועל איך שוין קיין ליגנער נישט בלייבן.

— און ווי אַזוי שרייבט זיך אייך?

— פאָלי, טייערע, בעסער איז זיך שווער פאָרצושטעלן. איר האָט נאָך אויף אייער לעבן נישט געפילט, וואָס הייסט שאַפן... אָט לאָמיר פאַרלויפן די געשעענישן אויף פאָרנט... עס וועט פאַריבער אַ שטיקל צייט. פאָלי טולטשינסקי וועט זיך צונויפגיין מיט אַ מענטשן, וועמען זי וועט פאַרטרויען די גליקלעכע ראָל צו זיין איר באַשיצער און פאַרזאָרגער אויפן גאַנצן לעבן. מיר זעען זי ליגן אויף אַ ווונדער שיינעם ניקעלנעם בעט, אונטער אַ זיידענער קאָלדרע און זיך אין עפּעס איינהערן. עס איז איר אי אָנגענעם, אי שרעקלעך. זי פילט, אַז די געטלעכקייט שאַפט עפּעס אין איר. אָט האָט זיך דאָרט עפּעס אַ וואָרף געטון, אַלץ אין איר גיט אַ ציטער... וואָס איז דאָס? זי דערפילט אַ שווערן שטויס אונטערן האַרצן. אַן אומבאַגרענעצט־צערט־לעך געפיל באַהערשט זי און פאַרשכורט זי — וואָס איז דאָס? וואָס קען דאָס זיין? אַזוינס האָט זי נאָך נישט געפילט אויף איר גאַנצן לעבן און איצט ענדערט זיך אַלץ, אַ נייע שאַפונג קומט אָן אויף דער וועלט און זי, זי איז די שולדיקע אין דעם, וואָס אַ פרישׂ לעבן גייט אָנקומען אויף דער וועלט... דאָס באַשעפעניש וועט זיך האָבן זיינע אייגענע פאַרגעניגנס, זיינע אייגענע אָנגסטן... אָבער זי, די שולדיקע אין זיין געבוירן, וועט פון אָט דעם באַשעפעניש שטענדיק געליבט זיין, אומאָפּהענגיק דערפון, צי זי וועט דאָס די ווערט זיין צי ניין. די גאַנצע וועלט מעג זי פאַראורטיילן, פאַרהאַסן, אָבער איר קומענדיק קינדעלע וועט זי שטענדיק, קעגן יעדן פאַרטיידיקן, קיין מאָל נישט גלייבן קיין שלעכטס אויף איר. זי איז זיכער, אַז אָט דאָס נפשל, וואָס צאַפּלט איצט אונטער איר האַרצן וועט שטענדיק זיין גרייט

באצאָלן מיט זיין לעבן פאַר איר לעבן... און פאַר יענער צוקונפטיקער ליבע האָט זי עס שוין ליב... איר איז שוין אפילו באַקענט זיין אויסזען, זיין קולכל. זי האָט שוין אפילו אַ נאָמען פאַר דעם... ביי נאַכט אין חלום רעדט זי מיט דעם. אַ, זי האָט דאָס שטאַרק ליב, ווייל זי איז זיין באַשעפערין... דאָס דאָזיקע געפיל איז איצט נאָך פרעמד פאַר אייך, אפשר אפילו לעכערלעך. אָבער דאַמאָלסט, ווען דאָס וועט ווערן אייער ווירקלעכקייט, וועט איר ערשט דערפילן מיין טעם בעת דעם שרייבן... שטעלט זיך פאָר, אַז עס קומען אויף פון אונטער דער פען גאַנצע וועלטן. מענטשן וויינען און לאַכן, ווייל איך הייס זיי דאָס! מענטשן שענקען אַוועק זייער לעבן פאַר הויכע אידעאַלן, ווייל אַזוי איז מיין רצון, ווייל איך בין זייער באַשעפער, און קיינער קען נישט ענדערן זייער גורל, חוץ מיר... מעגן שפּעטער מבינים קראַצן יעדער שורה און זוכן חסרונות, מעגן קריטיקער, ווי די מאָדע איז, זיך טשעפּען ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט, מעגן אפילו אַלע פען־פראָפעסיאָנאַלן, — כאָטש איך בין כמעט ווי זיכער אין פאַרקערטן — פסלענען מיין ווערק, אַרויסלאָזן דערויף אַ שם־רע, אָבער דעם פאַקט, אַז איך האָב אויף פליגלען אַריבערגעטראָגן אַ היפּשע מאַסע מענטשן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, וועלכע מען באַגעגנט נישט אין גאַס, דעם דאָזיקן פאַקט קען קיינער נישט אָפּווענדן, קיי—נער... די שעה׳ן, וואָס די לייענער וועלן זיין פאַרנומען מיט מיין בוך, וועלן זיי לעבן מיט מיין אייגן לעבן, מיטן תמצית פון מיין מח, מיט די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה. די דאָזיקע צייט, וואָס זיי לעבן אין מיין וועלטל, ווערט ערגעץ גלייכצייטיק צוגערעכנט אויך צו מיין לעבן, אויף אַזאַ אופן ווערט פון מיינע זיבעציק יאָר — זיבן הונדערט, זיבן טויזנט! אָט אַזוי, טייערע, ווערט אַ שרייבער אומשטערבלעך... אַ נצחי... ווייס איך, וואָס זאָג איך — אַ מוטער? מיין געפיל איז פיל טיפער פון אַ מוטערגעפיל! אַ מוטער האָט צו איר קינד אַ שותף, אָבער איך? ווער האָט נאָך אַ חלק אין מיין בוך? קיינער נישט! פון דער לופט האָב איך אַלץ באַשאַפן. אַליין הייוון צוגעמישט, אַליין פאַרקנעטן, אַליין אָפּגעבאַקן. אַלץ אַליין, אַלץ אַליין. חוץ, פאַרשטייט זיך, די הילף פון אייער פערזאָן, פון אייער נאָמען, וואָס איז פאַר מיר אַן אידעאַל... אַ טייל פון מיין לעבן...

שלמה פאַרשנורעוועט די ליפּן און לאָזט אַ פאַרשעמטער אַראָפּ דעם קאָפּ. אויף זיינע בלאַסע באַקן טאַנצן אַרום פרעמדע פלאַמעלעך. נאָך אַ קורצער פּויזע ברענגט ער שטיל אַרויס:

— נו־נו, אַ דרשה אַוועקגעלייגט... פרעגט מיך בחרם, וואָס האָב איך זיך עפּעס איצט צעלאָזט? וואָס איז איצט פאַר אַ צייט אויף ודוי זאָגן? און פאַר וועמען? ס׳איז דען פאַר אייך אַ נייעס? דאָס איז אודאי לעכערלעך, נאָר וואָס קען איך טון, אַז איך בין אַזאַ משוגענער... גלייבט מיר, ווען נישט דאָס, וואָס איך שטיי שוין מיט איין פוס אין וואַגאָן, וואָלט איך אַצינד נישט איבערגעחזרט דאָס, וואָס איר האָט שוין געהערט פון מיר אַזוי פיל מאָל...

— שלמה, גאַנצע יאָרן וואָלט איך געקענט זיצן און הערן אייך רעדן, הערן און הערן און אַלץ נישט זאַט ווערן...

— וואָס זשע קומט אַרויס פון דעם „וואָלט איך", אַז דאָס טרעפט אַזוי זעלטן? אַז מיר באַגעגענען זיך איין מאָל אין ווייס איך וויפל...

— עס איז אַ ביסל נישט אַזוי, מיר זעען זיך אָפטער, ווי איר מיינט, מיר זעען זיך דווקא אַלע טאָג און נישט נאָר אַלע טאָג, נאָר עטלעכע מאָל אין טאָג.

— ווי אַזוי זשע קומט דאָס פאָר? עפּעס מיין קאָפּ באַנעמט עס נישט.

— וואָס דען? איר מיינט, אַז נאָר איר מעגט אַלץ? עס האָט נאָך עמעצער שכל.

זי מאַכט אויף איר פּאָרטפעל, דערקלייבט זיך צו אַ געהיימען הינטער־בייטעלע און ביי איר אין די הענט באַווייזט זיך שלמהס אַ פאָטאָגראַפיע. שלמה פינקלט איבערראַשט מיט די אויגן, ער איז פאַרחידושט ביז גאָר:

— מיין פאָטאָ — ביי אייך? דאָס איז אומגלויבלעך! צו וואָס נוצט זי אייך?

— צו דעם זעלבן, וואָס אייך — מיינע.

— איר ווייסט אַליין, אַז עס איז נישט אַזוי. אַז עס איז אפילו שווער צו פאַרגלייכן.

— דאָס האָט א י ר זיך אַזוי איינגערעדט, אָבער אין דער אמתן איז דאָס נישט אַזוי. איר זענט טאַקע אַ גרויסער מענטשנקענער, נאָר אין מיר האָט איר פון דעסט וועגן זיך גענאַרט. איר האָט געקלערט וועגן מיר פיל ערגער, ווי איך בין באמת.

— פאַלי, מיין קלערן איז געווען נישט אָן אַ יסוד. די פאַקטן האָבן מיך געמאַכט קלערנדיק. די גרויע האָר, וועלכע איך האָב פאַר דער צייט באַקומען, האָבן מיך דערמאָנט אַלע מאָל וועגן אייער באַציאונג צו מיר. נאָר צו וואָס איז דאָס דערמאָנען? עס גייט גאָרנישט און עס איז שוין איצט גאָרנישט אַזוי וויכטיק, כמעט אַלץ איינס... זאָגט בעסער, פאַלי, ווי אַזוי האָט זיך אייך פון דעסט וועגן איינגעגעבן צו באַקומען דאָס בילד?

פאַלי הערט נישט זיין פראַגע, זי איז עפּעס פאַרטראַכט. אַ פּאָר מינוט איז שטיל אין צימער. נאָך דעם גייט זי אַ טרייסל מיטן קאָפּ, הייבט אויף די אויגן:

— איר זאָגט עפּעס?

— איך האָב געפרעגט, צי אייך האָט אויך אוראַס צוגעהאָלפן צו דער גנבה?

— ניין, נישט אוראַס, נישט קיינער. דאָס איז אַ קוסטאַרנע שטיקל אַרבעט, אַליין מיט מיינע אייגענע צען פינגער.

— ווי אַזוי זשע פאַרט? דאָס דאַרף זיין זייער אינטערעסאַנט.

— איר געדענקט אפשר, פאַראַיאָרן, אַז איר האָט געבראַכט ווייזן אייער פאָטאָ — איר האָט דאַמאָלסט געהאַט עטלעכע — איז זי מיר באַלד שטאַרק געפעלן געוואָרן. איר זעט אויס אויף איר ווי... נו, ווי... ווי אַזוי

זאָגט מען אייך דאָס? מיט איין וואָרט: ווי אין לעבן. קיין שענערן פאַר־גלייך האָב איך נישט צוגעטראַכט...

שלמה דריקט איר די האַנט שווייגנדיק און פאָדערט מיט די אויגן, זי זאָל ווייטער דערציילן.

— איז טאָקע דאַמאָלסט אויפן אָרט, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט האָבן ביי זיך אַזאַ ריכטיקע קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל, ווי איר רופט דאָס אָן. פון זאָגן אייך האָט קיין רייד נישט געקענט זיין, איך וואָלט דאָס פאַר קיין פאַל נישט געטון, דאָס וואָלט געווען ארויסגערופן ביי אייך כ׳ווייס וועלכע אילוזיעס... כ׳בין אַ נאַר געווען, מורא געהאַט פאַר אַזעלכע זאַכן...

— הייסט עס, אַז הייַנט זענט איר שוין אויף דעם געביט קליגער?

פּאָלי, רויט ווערנדיק, ווי מען זאָל זי כאַפּן ביי אַ גנבה, גיט אים אַ פּאַטש איבער דער האַנט:

— שלאָגט נישט איבער. איך האָב אייך, דאַכט זיך, נישט איבערגע־שלאָגן ווען איר האָט גערעדט. בקיצור, וואָס האָב איך געזאָלט טון? אַי עס ווילט זיך, אַי עס בייסט זיך... האָב איך באַשלאָסן אייך פּשוט צו באַגנבענען. אַ מעגלעכקייט דערצו איז מיר באַלד אונטערגעקומען. אין יענעם פּאַרנאַכט זענען מיר געווען אין דרייען אין שטוב: איר, אַווראַם און איך. איך האָב געפּרעסט וועש און איר האָט געשפּילט אין שאַך. האָב איך געגעבן אַ דרייערל אַווראַמען, ער זאָל אַריינלויפן אין מאַגאַזין מיר קויפן אַ קלעצעלע פּאָדעם. ער האָט זיך, געדענק איך, אַפּילו געבייזערט, אַז איך לאָז אים נישט לעבן אויף דער וועלט... נאָר ער איז געגאַנגען. אין צוויי מינוט אַרום האָב איך זיך אַ כאַפּ געטון: „אוי, וואָס זאָגט איר צו מיין קאָפּ? איך האָב דאָך קיין נאָדל אויך נישט. שלמה, זייט אַזוי פיל גוט, איך בין נישט ווי געהעריק אָנגעטון, יאָגט אים אָן"... איר זענט דאָן אַזוי פיל גוט געווען און אַזוי, אין אויבערהעמד ארויסגעלאָפן. איך בין צוגעגאַנ־גען צו אייער פּידזשאַק, וואָס איז געהאָנגען אויפן בענקל־אָנלען, אַ זוך געטון אין אייער טייסטער און געפונען דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט... עס איז טאָקע דאָרט מער נישט געווען ווי די איינציקע... פון דאַמאָלסט אָן האָב איך זי...

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, פּאָלי, אַז איר זענט אַ גאַנצער דע־טעקטיוו!... שערלאָק־האָלמס אין אַ קליידל... איך האָב דאַמאָלסט, געדענק איך, אַריינגעפּאַטשט מיין יונהלען, פאַר וואָס ער קריכט צו מיר אין די קעשענעס. עס איז מיר שטאַרק אַ שאָד געווען, נאָך קיין קאָפּיע פון דעם בילד איז מיר נישט געבליבן...

— איי, איר זענט אַ שלעכטער מענטש, אומזיסט פּאַטשן אַ קינד. די פּעטש זענען נאָר מיר געקומען...

— איך? די פּעטש? די גאַנצע מעשה מיט אייער גנבה, מיט אייער אַרומטראָגן מיט זיך מיין בילד איז פאַר מיר אַזאַ סיורפּריז, אַזאַ סיורפּריז...

— דערלויבט איר מיר זי האַלטן אויך ווייטער?

— אפילו מיטן אָריגינאַל צוזאַמען...

— ביי אייך, באַלד עפּעס, איז געחכמעט זיך...

— גאָט באַהיט! איך זאָג דאָס גראָד זייער ערנסט.

— אויב איר זאָגט דאָס ערנסט, זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז וועגן דעם בין איך אַצינד געקומען צו אייך. דעם שעף פון די צוגרייטונגס־קורסן האָב איך געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט מיר וויי און בין אַוועקגעפאָרן גלייך צו אייך...

— זענט איר דאָך טאַקע, אויב אַזוי, הונגעריק. פאַר וואָס זשע שווייגט איר?

פּאָלי קוקט באַליידיקט אויף שלמהן. זי הייבט זיך אויף ברוגז:

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט פאַרשטאַנען פון מיינע רייד?

— דאָס אויך, פּאָליטשקע. זעצט זיך אַנידער און בייזערט זיך נישט אויף מיר. מיר וועלן פריער עפּעס איבערקייען און נאָך דעם פּסקענען די שאלה פונעם אָריגינאַל מיט דער קאָפּיע — צי זיי זענען כשר, צי טריף.

אין אַ רגע ווערט צוגערוקט אַ בענקל צו דער סאָפע, אויף אַ שניי־ווייס טישטעכל באַווייזט זיך שאָקאָלאַד, טאָרט און זאַפטיקע באַרן...

פּאָלי ווייסט נישט, צי זאָל זי זיך בייזערן, צי דאַרף מען דאָ לאַכן. שלמה שיילט איר אָפּ אַ באַר, ברעכט אָפּ עטלעכע קוואַדראַטן שאָקאָלאַד און דערלאַנגט פּאָלין. יענע נעמט לאַכנדיק:

— איר ווייסט, שלמה? מיט אייך איז אוממעגלעך צו שמועסן ערנסט.

— מיט וואָס קענט איר דאָס באַווייזן?

— אָט מיט דעם פאַל אפילו. איך האָב אָנגערירט אַ פראַגע, וואָס איז מיר נוגע אין לעבן, וואָס לאָזט מיך נישט איינשלאָפן פון יענעם אויפדער־נאַכט אָן, וואָס איר האָט דערציילט וועגן אייער באַשלוס. די פראַגע אינטע־רעסירט אייך, דאַכט זיך, אויך אַ ביסל. קומט איר פּלוצלינג אַריין מיט אַ סעודה גאָר...

שלמה קייעט געשמאַק און ענטפערט גאַנץ געלאַסן:

— פּאָלי, איך בין עלטער פאַר אייך מיט גאַנצע צוויי יאָר. איך האָב פיל מער דורכגעמאַכט פאַר אייך, בין איך פּראַקטישער אויך. לערנט זיך ביי מיר, ווען איר זען, ווי גוט עס קומט צו נוץ. בעת איר זענט פריילעך, זאָלט איר נישט זיין אין גאַנצן פריילעך, בעת איר זענט טרויעריק, זאָלט איר נישט זיין אין גאַנצן טרויעריק... אַ מענטש טאָר קיין מאָל נישט פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, נישט דערלאָזן, ער זאָל באַהערשט ווערן פון איין געפיל. ווען איך זאָל נישט געוווען זיך אַזוי נוהג זיין, וואָלט איך צייטנ־ווייז, און אפילו אויך היינטיקן זומער, זיך געוווען דעם קאָפּ אין דער וואַנט צעקלאַפּט... עס זענען געוווען אַזוינע ווּיסע מאָמענטן... איר מוזט זיי גע־דענקען... נאָר איך האָב פונקט אין יענער מינוט זיך דערמאָנט אין עפּעס פריילעכערס און עס איז דורכגעגאַנגען... אַזוי איז שוין דער מענטש באַ־שאַפן... קיין אַבסאָלוטעס אויף דער ערד איז נישטאָ. אַבסאָלוט איז נאָר — גאָט! איר מיינט, איך האָב נישט געהערט, וועגן וואָס איר האָט אָנגעהויבן רעדן צו מיר? אפשר האָב איך גאָר דאַמאָלסט אַ ציטער געטון מיט אַלע

אברים, נישט קענענדיק וויסן וווהין עס וועט קערעווען אייער שמועס ? אַלץ, רעכנט איר — ווייסט איר ? און טאַקע דערפאַר האָב איך אייך איבער־געשלאָגן מיט שאָקאָלאַד און מיט באַרן און זאָגט אפשר, אַז דער טאָרט איז נישט געשמאַק, צי נישט פריש...

— ניין, דאָס קען איך נישט זאָגן. איך וויל נאָר זאָגן אַן אַנדער זאַך, אַז איך האָב אייך זייער ווייניק געקענט, זייער, זייער ווייניק. די גאַס, דאָס קינאָ, דער טעאַטער פלעגן מאַכן צעשווימען און אָפּווישן אייער גייַ־סטיקע פיזיאָנאָמיע. ערשט אָט דאָ, אין אָט דער „אויסגעפּוצטער טורמע", ווי איר האָט דאָס אָנגערופן, האָב איך אָנגעהויבן דערקענען דעם... דעם אמתן שלמה... דעם זעלבן, צו וועלכן מיין נשמה ציט מיך אומאויפהערלעך נאָך פון דאַמאָלסט... פון כמעלניק... פון יענע גוטע קינדער־יאָרן... די אָוונטן, בשעת איר האָט ביי אונדז אין שטוב געלייענט „יאָסעלע סאָלאָוויי", געדענקט איר נאָך ?

— צי איך געדענק, דאַרפט איר נישט פרעגן...

— איז אָט דאַמאָלסט, אין דער צווייטער טייל נאַכט נאָך אייער לייע־נען, האָב איך נאָר געקלערט וועגן אייך... וואָס וועט איר זיין, אַז איר וועט אויסוואַקסן ? אויף קיין שרייבער האָב איך מיך נישט גערעכט, נאָר אַ פּאָעטישע נאַטור האָט מען שוין דאַמאָלסט אין אייך דייטלעך אַרויסגעזען זאָגט מיר, שלמה, איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן: איר זענט מיר אַ גוטער פריינט, יאָ ?

— דאַכט זיך, אַז יאָ.

— איר זאָגט „דאַכט זיך" און איך בין זיכער אין דעם. נאָר ענטפערט מיר נאָך אויף איין פראַגע: דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל איר זענט נישט גלייכגילטיק צו מיר, צי נישט אָפּהענגיק דערפון ?

— אין דער ערשטער ריי האָט מיין נשמה ליב אייער נשמה. דאָס, האַלט איך, ווערט שוין אָנגערופן אומאָפּהענגיק פון געוועלעכער ליידנשאַפט.

— איז וואָלט איר מיר געקענט געבן אַ קלוגע עצה און אַזוי... ווי אַזוי זאָגט מען דאָס אייך ? כ'מיין אַן אויפריכטיקע, אויסמיידנדיק אייגענע אינ־טערעסן, ווי אַן אייגענער שוועסטער...

— איך מיין, אַז יאָ. און אייער זאַך איז, גלייבן מיר אָדער נישט.

— וואָס רעדט איר ? אודאי גלייב איך. וועמען דען, קען מען שוין גלייבן, אויב נישט אייך ?

זי רוקט זיך צו נעענטער צו אים, נעמט זיין האַנט אין אירער, פאַר־קוקט אים אין די אויגן און שעפּטשעט קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן, קוים וואָס זיין אויער כאַפּט אויף:

— שלמה, האַרצפריינט מיינער, חוץ אייך האָב איך נישט ביי וועמען צו פרעגן אַזאַ זאַך, נישט ביים טאַטן, נישט ביי דער מאַמען. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס זאָל איך טון אַצינד ? עס איז מיר דאָך אַזוי שלעכט, אַזוי ביטער... אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט איר אַוועק און וואָס וועט מיט מיר זיין ?

אומגעריכט דערפילט שלמה בריענדיקע טראָפּן אויף זיין האַנט. ביי איר ציטערט אַ ליפּ. קיין אויגן זעט מען נישט. זי האָט זיי ביי צייטנס באַהאַלטן. אירע פינגער קלאַמערן זיך נערוועז איין אין זיינע, שניידן זיך איין אין דער הויט מיט אירע נעגל. אירע ליפּן פליסטערן:

— מיט אייער אָפּפאָרן ווערט מיר טונקל די וועלט...

שלמה, מיט אַ געשעפּטלעכן טאָן:

— אויב מיט מיין אָפּפאָרן ווערט דיר טונקל די וועלט, טאָ מעגסטו מיר זאָגן „דו"...

— נישט אין דערינען איז די זאַך, „דו" צי „איר". דאָ האַנדלט זיך אין דעם, אַז איך קען מיר קיין עצה נישט געבן. איך גיי אַראָפּ פונעם זינען...

איר שיין פּנים איז נאַס פון טרערן, זיי רינען אָן אַן אויפהער... שלמה גיט זי מיט דער פרייער האַנט פּאַטערלעך אַ גלעט איבער די האָר:

— נו, פּאָלי, איך פרעג דיך נישט מער, צו וואָס זענען די טרערן? די צייט איז דער בעסטער דאָקטער. איבעראַכטאָג אין דער צייט וועט שוין פאַר דיר דער וועג אין דעם צימער אַריין זיין פאַרוואַקסן... דער יושר וועט דיך שוין מער נישט דאַרפן מאָנען און וועקן: גיי צו צו שלמהן; מען דאַרף צוגיין צו שלמהן; נעבעך אַליין פאַרשפּאַרט; זעט נישט די ליכטיקע שיין... איך אַליין, וועל אויך זיך שוין דאַמאָלסט געפינען צווישן נייע מענטשן, פרישע איינדרוקן. אין דער ערשטער צייט, פאַרשטייט זיך, וועט מיר זיין זייער שווער, אומגעהויער שווער... די שיידונג מיט... דיר... אָבער מען זאָגט: קיין אייביקע זאַך איז אויף דער וועלט נישטאָ... מן־הסתם, מיט דער צייט וועט דאָס אויך איבערגיין. און אויב אפילו נישט, האָב איך דען אַן אַנדער בריה? דיר, פאַרשטייט זיך, וועט נאָר גרינגער ווערן, דו וועסט פאַרשפּאָרן אַלע טאָג אויסקלייבן צווישן מיר און מאַרוסיאַן. איצט עפנט זיך פאַר דיר אַ פרייע וועלט...

פּאָלי ברעכט אוים מיט אַ יאָמערלעכן געוויין. איר קאָפּ פאַלט אום אויף זיין קני, דער קערפּער ציטערט ווי אין אַ פיבער... שלמה גלעט זי ליכט איבערן אַקסל און רעדט קאַלט און רואיק:

— אויב דאָס גאַנצע געוויין איז בלויז אוים רחמנות צו מיר, אוים מיטגעפיל צו מיין עלנטער נשמה, איז דאָס שוין צו פיל, כ'לעבן. פּאָלי, וואָס קענסטו טאַקע מיך באַוואָרענען מער פון דער גאַנצער וועלט? דו ביסט עפּעס מחויב מער פון יעדן איינציקן צו טראַכטן, וואָס מיט מיר וועט ווערן, ווען איך וועל זיך דערזען איינער אַליין פאַרוואָרפן פון אַלע די, וואָס זענען מיר טייער? מיט וועלכע רעכט דאַרפסטו דאָס פאַרזאָרגן יעדן איינציקן מיט אַ פריילעך לעבן?...

שלמה שווייגט אַ ווײַלע, באַרואיקט זיך אַ ביסל און רעדט ווייטער:

— אַלאַ וואָס דען? טאָמער איז דיר אַליין אַ שאָד דער מענטש. ער האָט דאָך דיך פאָרט אַזוי משוגענערווייז ליב געהאַט און אפשר גאָר דו אים אויך אַ ביסל? ווער ווייסט? און ווער ווייסט דען, צי ניין? נאָר אויב כ'האָב געטראָפן און דאָס איז טאַקע די סבה פונעם איצטיקן געוויין, איז

דאָס שוין זיכער אַ נאַרישקייט! וואָלט נאָך דער שלמה געבליבן אַ קיעווער, געהאַלטן טאַקע אין איין פּאַרדינען געלט ביים טאָרגסין, כאָטש צו פּערצן טויזנט רובל אין יעדער אָפּעראַציע און זיך נישט לאָזן אויסבייטלען אויף יעדער מצוהלע, ווו ערגעץ אַ תּלמוד־תּורה, אַ מקוהלע, אַ ביקור־חולים, און טרעפט דיר דוקא אומעטום: ווילסטו לאַזאָוואַיאַ — איז לאַזאָוואַיאַ. ווילסטו פּאָלטאַוועו — איז פּאָלטאַוועו! מען רעדט, ווען ער זאָל זיין גלייך מיט דער גאַנצער וועלט, שכל האָבן קויפן אַ וווינונג כאָטש פון דריי צימערן אין צענטער שטאָט, אויסמעבלירען עם מיט דעם נייסטן מעבל, מיט אַ האַלב צענדליק הויכע שפּיגלען, מיט אַ פּיאַנינע, מיט אַ פּאָר פּערסישע טעפּיכער איבער דער גאַנצער וואַנט און איבערן פּאָל אַ חוץ, און איבער דער סאָפע אַ חוץ און ביי די בעטן אַ בערנפּעל מיט געלע פלעקן און מיט אַ שוואַרצן עק. די וואָל — אַזאַ הויכע, אַזאַ צאַרטע, אַז ווען מען שטעלט אַריין אַ באָרוועסן פוס, ווייזט זיך אויס: אין אַ וואַרעם ביטל... ווייטער: דיך אַליין אויסקליידן, ווי צו דיין בריליאַנטן פּנים פּאַסט: אַ פּאַלטאָ פון קאַטיק־פעלעכלעך וואָלט דיר זייער געפּאַסט — אין שאַפע אַריין! אַ פּאַלטאָ פון קאַראַקול וואָלט דיר אויך נישט שלעכט געגאַנגען צום פּנים — אין שאַפע אַריין! אַ פּאַלטאָ פון דעליקאַטן לעדער, קאַקאַאָ־קאָליר, וואָלט דיר גאָר גוט געפּאַסט — אין שאַפע אַריין! שטיוועלעך אַזעלכע, שטיוועלעך אַזעלכע — כאָטש אַ האַלב טוץ! קליידער — פּאָר יעדן טאָג אַן אַנדער קלייד! די שענסטע, די בעסטע, אַז עס זאָל אויפרייסן ביי דער וועלט די אויגן. היינט — צירונג! היינט — אַ דיק טשעקן־ביכעלע „אויף קליינ־קייטן“! און צו דעם אַלעמען זאָל ער טאַקע אויך ווערן אַ וועלטבאַרימטער שרייבער, פּאַר וואָס נישט? עס קומט דיר אפשר נישט? צי עס פּאַסט דיר אפשר נישט צום פּנים? שרייבערס, אַז זיי פאָרן ערגעץ, נעמען זיי אויך מיט די ווייבער. פאָטאָגראַפן כאַפּן אַראָפּ. דערנאָך ווייזט מען דאָס אין דער קינאָ־כראָניק. מען נעמט אַן אינטערוויו ביים ווייב וועגן דעם מאַנס שרייבן, מען וויל ביי איר אויסנאַרן לאַבאָראַטאָרישע סודות: אויף וואָס אַרבעט דער מאַן? ווי אַזוי אַרבעט דער מאַן? זי, פאַרשטייט זיך, וויל נישט אויסזאָגן פון חדר, דערוויל מאַכט זיך נישט צו די טיר און עס קערט זיך די וועלט... ווייטער: אַ לאָזשע אין אָפּערע, אַן אייגענע! נאָך דאָס נישט? עס האָט אַ שיין פּנים! אַ דאַטשע אויך אַן אייגענע, ווי דען אַנ־דערש? און ווער גייט דאָס צו פוס ביי שרייבער? מען קויפט אַן אויטאָ און פּטור אַן עסק... און פאַר וואָס טאַקע נישט אויספּועלן ביי דער מלוכה פאַר זיך מיטן ווייב אַ קאָמאַנדיראָווקע אויף אַ האַלבן זומער קיין פּאַריז אָדער קיין נעאַפּאָל, קיין אַלזשיר אָדער באַזוכן דעם שוואַרצוואַלד? וואָס איז? פאַר וואָס נישט? ווער איז עפּעס בילעכער, צי אפשר שענער, וועסטו זאָגן? מיר זענען בילעכער פון אַלע! מיר זענען שענער פון אַלע!

אָט אויף אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט מען שוין געקענט מסכים זיין אפילו אויף אָט דעם שלמהן. אמת טאַקע, ער איז נישט אַזאַ איי־איי־איי, אָבער פאַרט נישקשה. היינט דער קאָמפאָרט איז אַ קלייניקייט?... אָבער גיי

רעד, אַז עס איז שוין ביי אים באַלד נאָכן עשרות. אין גאַס אַרומגיין, עפּעס פריש פאַרדינען — קען ער נישט. פון קיעוו מוז ער אַנטלויפן און נאָך אַ שטיקל וועג מיט אַן אויטאָ, ווי אַן עכטער פאַרברעכער. אויב אפילו ער האָט יאָ אָנגעשריבן עפּעס אַ רעכטס, איז ווער ווייסט, צי ער וועט דאָס נאָך קענען דרוקן אויף זיין נאָמען, גיכער, מן הסתם, וועט אים אויסקומען באַנוצן זיך מיט אַזוינע שמילסקיס... עמעצן וועט מען טראָגן אויף די הענט און ער וועט נאָר קענען צוקוקן... דערנאָך שוין, אויב אפילו מען וועט אים נישט כאַפּן, וועט ער ערשט זיך איינשטעלן דאָס לעבן, אָפּגעבן וואָס ער האָט, אַבי מען זאָל אים דורכפירן צו די פּערסן. דאָרטן קענען אים נאָך כאַפּן די באַסמאַטשן* און מאַכן פון אים אַ שאַשליק**... נאָר לאָמיר שוין גאָר זאָגן אַז אַלץ וועט זיין גוט, ער וועט זיך בשלום דערקלייבן גלייך קיין ארץ־ישראל, וואָס וועט דאָרטן פון אים ווערן? ער וועט ווערן פרום ווי זיין זיידע. טאָמער אפילו וועט ער דאָרט אויך עפּעס שרייבן, וועט דאָס זיין געשריבן אויף דער סידור־שפּראַך. ווער וועט דאָס לייענען? און וואָס וועט ער דערפון האָבן? און דאָס איז שוין אין בעסטן פאַל!... היינט, אין ערגסטן... דאַרף מען דאָך טאַקע זיין פריש און געזונט און משוגע, אַז אַ מיידל ווי דו, אַ יונגע, אַ שיינע... עפּעס סתם אַזוי געזאָגט אַ שיינע?... די שענסטע פון קיעוו! פון אוקראַינע! פון גאַנץ רוסלאַנד! אַלע דייניקע, סיי אויף אוריצקע, סיי אין „קאָנטינענטאַל“, האָבן דיך ליב ווי דאָס לעבן, שפּיגלען זיך אין דיר, פאַרגינען נישט, אַז עמעצער נעמט דיך אַוועק אויף איין אויפדערנאַכט... דו האָסט אָנגעהויבן לערנען, אין פינף אָדער זיבן יאָר אַרום וועסטו קענען זיין אַ גאַנצע באַלעבאָסטע ערגעץ אויף אַ זאַוואָד אָדער אין אַ שפּיטאָל. די גרעסטע געלערנטע וועלן נאָר טראַכטן: ווי אַזוי פאַרבייט מען אָט דעם מיידלס פאַמיליע־נאָמען אויף מיינעם? היינט, פרעג איך דיך, האָסטו געהאַט פון וואָס צו וויינען? עס איז דען נאָך דאָ אַ קלערדערביי, וועלכער וועג עס איז פאַר דיר בעסער? וועלכער אַרט לעבן — פריילעכער?

די זון האָט זיך מילד געזעגנט מיט דעם סופיט, געוויזן אַ חנדעלע די ווענט, עפּעס איינגערוימט דעם זייגער, אָנגעצונדן דעם שפּיגל און זיך פאַרשמועסט מיט דעם גראַפין אויפן טיש. די שטאָלצע ליליע אויפן פענצטער האָט סודותדיק עפּעס מגלה געווען פאַר די ליכטיקע שטראַלן. פאַלי, ליגנדיק אויף שלמהס קני, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון קיין לעבן. שלמה האָט לייכט פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעהערט אין דעם ווידערקול פון זיינע אייגענע רייד, וואָס האָט נאָך געשוועבט אַרום זיי און אָנגעפילט מיט זיך דעם חלל פונעם צימער.

פלוצלינג האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אויף ווי אַ פּרוזשינע. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין דער גאַנצער לענג. די האָר פון קאָפּ זענען זיך צעפאַלן, די אויגן אירע האָבן געפינקלט מיט פאַרדרוס און מיט באַליידיקונג, די

* באַנדעס אין מיטל־אַזיע.

** שטיקלעך פלייש, געבראָטענע אויף אייזערנע שטעקעלעך.

שמאָלע ברעמען האָבן זיך געבייזערט. די זון, אַן אויסגעצוואָגענע פאַרן שלאָף, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר כוואַליע האָר און זי איבערגעגאָסן אויף גינגאָלד. זי האָט אין דער מינוט אויסגעזען ווי אַ דערצאָרנטער שטראָפנדיקער מלאך:

— פאַר וועמען האַלט איר מיך, שלמה? פאַר אַ קינד, צי פאַר אַ קליין מיידעלע? פאַר וואָס זאָגט איר נישט דאָס, וואָס איר טראַכט? פאַר וואָס רעדט איר צו מיר מיט פאַרעמדע רייד? מיט געקינצלטע? איך האָב ביי אייך געבעטן קיין ליטעראַטור נישט, נאָר אַ חברישע עצה, אַ וואַרעם וואָרט פון אַ ברודער און איר דערציילט מיר מעשות פון טויזנט און איין נאַכט: דאַטשעס און לאָזשעס, בערנפעלן און לעדער־מאַנטלען, נעאַפּאָל צי ווענעציע, קינאָ־כראָניק און אינטערוויוען... פע, איר מעגט זיך שעמען! איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט קיין לוקסוס קויפט מען מיך נישט. קיין מאָל נישט און אַצינד אויך נישט! איך האָב שוין אויף מיין לעבן געזען לוקסוס און איך שפּיי אויף דעם. מען קען אין אַ ביידל זיין גליקלעך און אין אַ פּאַלאַץ זיין אומגליקלעך. און וואָס איר האָט געמיינט מיך אָפּצושרעקן מיטן פערסישן פּלאָוו *, צי שאַשליק — איך ווייס ווי איר האָט דאָרט געזאָגט? — איז דאָס פשוט געווען נאַריש פון אייער זייט, נאַריש און שלעכט, שלעכט און נאַריש און מער גאָרנישט...

שלמה האָט די גאַנצע צייט פון איר רעדן צופרידן אונטערגעשמייכלט. אַנגעמענדיק זי פאַר ביידע הענט האָט ער זי קוים אָוועקגעזעצט לעבן זיך:

— פּאָלי, וואָס ערגערט איר זיך אַזוי? טאָמער ווילט איר מיר דער־וויזן, אַז מיינע רייד געפעלן אייך נישט, איז דאָס מיר זייער אָנגענעם צו הערן, ווייל מיר אַליין געפעלן זיי נאָך ווייניקער...

— אַזוי זשע רעדט! און איצט זאָגט מיר, וואָס עצהט איר מיך צו טון אויף אַן אמת? וואָס וואָלט איר אויף מיין אָרט געטון אַצינד?

— געפאָרן מיט שלמהן! אָט וואָס איך וואָלט געטון!...

זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, אָן אַ שמייכל און אָן אַ שום אויס־דרוק. קאַלט ווי אַ חלף איז געווען שלמהס בליק, שאַרף, ווי אַ פייל — פּאַלים.

— פאָרט מיט מיר, פּאָלי, נשמה מיינע, פאַראייניקט אונדזער גורל, זאָלן אונדזערע שטערן שפּאַצירן באַנאַנד. מיין מזל וועט אויך זיין אייער מזל. מיר וועלן זיך מיט גאַנס הילף אַריבערכאַפּן די גרענעץ. טאָמער אפילו איז דאָס פאַרבונדן מיט אַ ביסל מאַטערנישן, דערויף זענען מיר יונגע גע־זונטע מענטשן. מיר וועלן אַלץ אַריבערטראָגן. מיר וועלן קומען קיין אֶרץ־ישׂראל... פּאָלי, דו ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז, נאָר מיט דער צייט וועסטו דאָס ווויסן... דאָס דאָזיקע גליק לאָזט זיך נישט שילדערן מיט פּראָסטע מענטשלעכע ווערטער... איך וועל דאָרט אויך שרייבן און דו וועסט זיך לערנען... לשון קודש... אַך, ווי שיין די שפּראַך וועט זיך באַ־

---

* קאַשע פון רייז מיט שעפּסנפלייש.

קומען פון דיין קיילעכדיק מיילעכל!... דו וועסט זי גיך באהערשן, מיטן כח פון דיין ליבע צו מיר... מיטן כח פון היפנאָז וועל איך זי דיר איבער־געבן, מיטן כח פון אונדזער פּאַראייניקונג וועל איך זי דיר אַריינבלאָזן דורך די נאָזלעכער. אין מיין קאַבינעט וועסטו זיין סעקרעטאַר... אַז איך וועל מיך פאַרגעסן בשעתן שרייבן, אַט אַזוי ווי היינט נאָך דיין אַריינקומען, וועסטו מיך דערמאָנען, ווו איך האַלט. מיין שרייבן וועט דאָרט אין קוואַליטעט אויסוואַקסן אָן אַ שיעור! שטעל זיך פאָר, אַז איצט שרייבנדיק מאַטער איך זיך געפערלעך, אַז מען זאָל אין מיר נישט דערקענען קיין רעליגיעזן מענטשן. מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס באַמי איך זיך צו קאָמפּענסירן דעם טאָן פון אַנטירעליגיע, וואָס פעלט אויס אין מיין ווערק. דאָס איז זייער אַ שווערע אויפגאַבע, דאָס זענען אוממענטשלעכע ליידן, וועלכע עס איז אפילו שווער אָנצורופן מיט אַ נאָמען... אָבער קומענדיק קיין ארץ־ישראל, דאָרט איז נישטאָ קיין קאָנטראָל אויף דער פען. שרייב, וואָס דו ווילסט און ווי אַזוי דו ווילסט, אַבי שרייב. מיר וועלן מיט בשותפותדיקע כוחות אַרויסרופן אונדזערע עלטערן אַהין. מיר אַליין וועלן זיך באַזעצן אין אַ קליין דערפל ביים ברעג ירדן, צווישן פּאַלמען און וויינגערטנער... אַך, פאַלי, ווען איך זאָל קענען אַרויסנעמען מיין האַרץ און וויזן דיר, אַז אָט די סצענע, געגנוי אָט די סצענע האָב איך געוואָרעמט אין מיין האַרצן פון קינדוווייז אָן. איך האָב זיך קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט ציון נישט צוזאַמען מיט דיר... און איצט האַלט די אילוזיע אין ווערן פאַרווירקלעכט... האָב אויף מיר — זאָל זיין — פשוט רחמנות און צעברעך נישט מיין לעבן...

פאַלי כאַפּט זיך ביים האַרצן, וויל זיך אויפהייבן, נאָר שלמה לאָזט זי נישט, ער זעצט זי אַנטשלאָסן אַוועק צוריק און לאָזט זי נישט אויסרעדן קיין וואָרט.

— וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן פאַר מיין לעבן פון דיר, עס הייסט פון מיין ליבע צו דיר, ווייסט נאָר גאָט. ער איינער געדענקט אַלע מיינע טרערן און מיינע אַנגסטן... לעצטנס האָב איך שוין געמיינט, אַז די גאַנצע טראַגעדיע „פאַלי" איז געווען פון מיין זייט אַ טעות... אַ שרעקלעכער, אַ בלוטיקער צעניעריקער טעות. אָבער איצט האָט מיר דיין געגנבעטע פאָטאָ־גראַפיע דערציילט, אַז עס איז נישט אַזוי די מעשה, דער טעות איז קיין טעות נישט, טאַ מאַך שוין, פאַלי, דעם העלדישן טריט ביזן סוף. פאַר מיט מיר נאָך שבת קיין מאָסקווע. איך ווייס, אַז דער טאַטע וועט זיין שרעקלעך בייז אויף מיר, וואָס איך לאָז זיך מיט אַ מיידל אַליין אין אַ וועג פאַר אַ חופה, נאָר איך מאַך מיר ווייניק וואָס דערפון, וואָס מיין טאַטע וועט זאָגן... אונדזער חופה וועט ערשט זיין אין ירושלים... אויפן הר־המוריה... פאַלי, ביי יעדן מענטשן זענען דאָ אין לעבן איינטאָניקע יאָרן און היסטאָרישע שעהן, איצט האָט פאַר אונדז געשלאָגן די היסטאָרישע מינוט. מיר דאַרפן איצט מאַכן דעם סאַמע אַנטשיידנסטן איינשריפט אין אונדזער לאַנג־יעריקער בשותפותדיקער לעבנסגעשיכטע. יעדעס וואָרט איז איצט וואָגיק, יעדע מינוט פאַרשפּעטיקונג — אַן אכזריות... דו האָסט שוין געהערט, אַז

איך זאָל אַ מאָל ביי עמעצן עפּעס בעטן? דאָס האָט נאָך קיינער נישט גע־הערט! און איצט בעט איך דיך, אויף די קני בעט איך דיך... אזעלכע מאָ־מענטן קערן זיך נישט אום, באַדענק זיך, פּאָלי! מאַך נישט קיין טעות!

פּאָלי גיט זיך אַ ריס פון איר אָרט, נאָר שלמה האַלט זי ווי מיט אײַ־זערנע צוואַנגען. זיין פּנים איז צעפלאַמט און ער קען זיך נישט אָפּשטעלן:

— איך האָב ערשט נישט לאַנג געפירט מיט רייזל ליבערמאַן אַן אָפּע־נעם שמועס. זי פרעגט מיך: „אויב נאָך אזוי פיל יאָרן קענען זיך און שפּאַ־צירן צוזאַמען ווערט ביי אייך גאָרנישט, אויף וואָס זשע וואַרט איר נאָך און וואָס בינדט אייך נאָך מיט איר?“ — האָב איך איר געענטפערט: — „איך קען פּאָלין בעסער ווי זי קען זיך אַליין און ווייס בעסער ווי זי, אַז זי האָט מיך אויך ליב, און דערפאַר קען איך מיך נישט אָפּזאָגן פון איר“...
— דאָס זענען נישט געווען בלויז קיין רייד, איך האַלט עס פאַר אַן אמת. זיי זיכער פּאָלי, אַז אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָפּפאָרן וועסטו דערפילן אזא פּוסטקייט —

— נישט אין צווייטן, נאָר אין ערשטן...

— איז נאָך בעסער!... דו וועסט זיך קיין אָרט נישט געפינען. עס וועט דיר נישט העלפן קיין אינסטיטוט און קיין „קאָנטינענטאַל“. איך פאַרזיכער דיך הייליק: אזוי לאַנג, ווי איך וועל ערגעץ נאָך דיר בענקען, וועסטו דאָ פון קיין מנוחה נישט וויסן. ווער עס וועט זיך צו דיר נישט שדכנען, וועסטו אים באַלד מעסטן צו שלמהן און געפינען, אַז עס איז אַלץ נישט דאָס... דאַכט זיך, שיין און פיין, מיט אַלע מעלות, נאָר אַלץ נישט שלמה, נישט שלמה... אויף איין זאַך קען איך דיר שווערן ביי וואָס דו ווילסט, אַז אזוי ליב האָבן, ווי איך האָב דיך, וועט דיך קיינער אויף דער וועלט נישט ליב האָבן. און דאָס האָט פיל צו זאָגן. איך ווייס פון אַלע דיינע מעלות און פון אַלע דיינע חסרונות און האָב דיך ליב מיט אַלץ צוזאַמען. דאָס וועט מיט קיין פרעמדן מענטשן נישט געשען... פּאָלי! איך חזר דיר איבער צו וויפלטן מאָל: אזא שמועס פאַרפירט מען נישט אַלע מאָל, עס איז דיר הייבטיקס מאָל אויך נישט גרינג אָנגעקומען מיך ארויפצופירן אויף אַזוינע אָפענע רייד און מער צו דער פראַגע וועל איך זיך נישט אומקערן. איך זאָג דיר צום לעצטן מאָל: באַקלער זיך גוט, זאָלסט חלילה שפּעטער נישט באַוויינען דיין לייכטזיניקייט. אָט ליגט אונטער דער צעראַטע אַ בריוו, וואָס פרידמאַן האָט מיר געבראַכט צו אַ סאַמאַרקאַנדער יידן, אַז ער זאָל מיר באַהילפיק זיין אין אַלץ. האָב מיטלייד אויף זיך, נישט אויף מיר און שטיי צו פאַר אַ שותפטע צו דער דאָזיקער רעקאָמענדאַציע, ווייל אין אַ וואָך אַרום וועט שוין זיין נאָך אַלעמען...

נישט אומקוקנדיק זיך אויף פּאָלין איז שלמה צוגעגאַנגען צום פענצ־טער, צוגעטוליעט דעם הייסן שטערן צו די קילע פינגער פון דער ליליע. פּאָלי איז געזעסן ווי אין אַ לעטאַרגיע. אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט דאָס צימער.

עס זענען פאַריבער עטלעכע שווערע מינוטן. די זון איז נאָך אַלץ גע־

שטאָנען אין דער שקיעה, ווי זי זאָל זיך האָבן בכיון פאַרהאַלטן, כדי צו הערן דעם סוף פון דעם אָפּגעהאַרציקן שמועס. פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ צעשאָטענער קלונג פון אַ טראַמוויי. פאָלי האָט אויפגעוואַכט און זיך פאַרריכט די האָר אויפן קאָפּ. זי איז אַנטשלאָפן צוגעגאַנגען צו שלמהן הינטן אַרומער, האָט צאַרט אַרומגענומען זיין האַלדז און זיך איינגעזויגן מיט די ליפּן אין זיין פלאַמענדיקער באַק. אין שלמהן האָט נאָך אַלץ געקאָכט. אַלע געבליטן האָבן אין אים געזאָטן, צוגעפלאָסן צום פּנים מיט אַ מעכטיקער קראַפט. פאָלי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, צוגעלייגט דעם אויער צו זיין ברוסט און זיך איינגעהערט אין דעם שטורמישן וואַרפן זיך פון זיין האַרץ. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אַנגענומען אים מיט ביידע הענט ביי די שלייפן, דערנעענטערט זיינע אויגן צו אירע און אַז זייערע געזיכטער האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, געזאָגט:

— ליבער שלמהלע! איך זאָל אפילו וויסן, אַז מיין טויט וועט זיין, וואָלט איך נישט געוואָלט דיר מער פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש... אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ ערשט געזאָגט, האָט זיך מיט אַ ווידער־קול אָפּגערופן אין מיין האַרצן. דיך פאַרלירן איז ביי מיר דאָס זעלבע וואָס ווערן בלינד אָדער שטום, אָבער דאָך... ווי אַזוי זאָגט מען עס דיר? איך האָב מורא, טאָמער ביסטו נאָך אַזוי צערודערט, אַז דו וועסט מיך נישט קענען פאַרשטיין... נישט וועלן פאַרשטיין מיטן קאַלטן שכל...

— איך בין שוין נישט צערודערט. דאָס איז געווען ביי מיר אַ שוואַכע מינוט. זי איז שוין פאַראיבער. איר קענט אַלץ זאָגן. קומט לאָמיר זיך זעצן...

— וואָס זשע עפּעס ווידער: „קומט“? צוריק אויף „איר“?

— אַ נפקא מינה? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין אונטערשיד...

פאָלי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, שלמה אַנטקעגן אויף אַ בענקל.

— שלמה, וואָס באַטייט דאָס? פאַר וואָס ווילט איר נישט זיצן לעבן מיר?

שלמה האָט גאָרנישט ענטפערנדיק זיך איבערגעזעצט אויף זיין פרייערדיק אָרט. ער האָט פאַרפלאָכטן די פינגער אויף די קני און געדולדיק געוואַרט.

— איר זעט, שלמה, איר זענט אַזוי ווי אַ קליין קינד, אויף מיין וואָרט! פונקט ווי אַ קליין קינד, וואָס באַלד עפּעס בלאָזט עס אָן די ליפּן און ווערט ברוגז. איר אויך אַזוי. עס קען אפשר זיין, אַז דער שטריך איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ שרייבער, אָבער אין לעבן איז אַ ביסל אַנדערש. אָט פיל איך, אַז איר האָט זיך באַליידיקט אויף מיר, פאַר מיינע קאַלטע אויסרעכענונגען. ניין! איבערשלאָגן מיר, דערלויב איך אייך נישט. אויב איר וועט אפילו זאָגן, אַז איר זענט נישט באַליידיקט, וועל איך אייך אַלץ איינס נישט גלייבן. איך זאָג נישט דאָס, וואָס איך ווייס נישט אויף זיכער. יאָ, יאָ, איז הייסט עס, זענט איר באַליידיקט אויף מיר און איר זענט לויט

אייער מיינונג זייער גערעכט, ווארעם אויף אזוינע פייערדיקע רייד, אויף אזא הארציקן געבעט, ווי איך האב דא געהערט פון אייך —

— פאלי, איך בעט אייך, דערמאנט מיר דאס נישט, מיר איז שטארק א בזיון, וואס מיט מיר האט אזוינס געקענט טרעפן...

— מיר איז אויך געווען נישט גרינג צו הערן... אלזא, וואלט איך, פארשטייט זיך, געדארפט אייך געבן ביידע הענט, אז אזוי טו איך, ווי איר לייגט מיר פאר... און ווען איך גיב דערויף די האנט, איז דאס שוין פונקט אזוי גוט, ווי איך זאל דערלאנגען דעם פינגער צום „הרי־את"... נישט ווייניקער קיין האר... פאר וואס זשע טו איך נישט אזוי? איך האב דאך שוין געזאגט, אז יעדעס ווארט אייערס האט זיך מיט בלוט אפגעשטעמפלט אין מיין הארצן, פאר וואס זשע? פאר וואס זשע זיץ איך און רעד מיט אזא קאלטן לונג־און־לעבער, איא א חידוש? — אבער איר דארפט זיך כאטש עטוואס אריינטראכטן אין מיין לאגע, דאן וועט איר דערזען די לינקע זייט פון דער מטבע.

א י ר זענט געצווונגען צו אנטלויפן פון אייער היים. איר האט געקעמפט פאר אייער אידעאל און מוזט אפטרעטן, ווייל דער שונא איז שטארקער. פארט איר אוועק מיט א רואיק געוויסן, אז איר האט אויסגעפילט אייער פליכט, און איצט מוזט איר פארלאזן אלע אייערע נאענטע און פראווען גלות... אבער איך? איך האב מיט קיינעם נישט געקעמפט, פאר קיין אידעאל זיך נישט מקריב געווען — און סתם, מיט א געזונטן קאפ, ווי זאגט מען דאס, נעמען דאס פעקל מיטן שטעקל און זיך לאזן וואנדערן — וואס איז? — שלמה! א י ר זענט גרייט אפילו א יאר, אפילו דריי זיך וואלגערן אין מאנגאליע, צי אין פערסיע, אין אפגאניסטאן, צי אין איראק, אבי ענדלעך קומען אין אייער געליבט לאנד, צופאלן מיט די פארשמאכטע ליפן צו יענער אויסגעבענקטער ערד. איך בין אייך באמת מקנא אויף דעם פייער, וואס ברענט אין אייך אייביק צו דעם לאנד. מיר אבער, מוזט איר פארשטיין, איז דערווייל פרעמד דאס דאזיקע געפיל. מיך ציט נישט אין ערגעץ פון קיעוו. אדרבה, מיר איז דא ליב יעדעס הויז, יעדער בוים, יעדעס פיצעלע בלעטעלע אפילו... יעדער טראפן פון דניעפר, יעדער טראמוויי־וואגאן. יעדער שפיץ פון די פעטשערסקע־לאורעס איז מיר טייער און איינגעבאקן אין הארצן... פאר קיין פאל וואלט איך זיך נישט אפגעזאגט פון מיין טייערן, טייערן קיעוו... און פלוצלינג פארלאזן דאס אלץ אויף אייביק, איר פארשטייט, וואס דאס הייסט? אויף איי—ביק!... וואס איז? — שלמה!

הייגט דער עיקר: איר זענט שוין א זעלבסטשטענדיקער מענטש, איר זאגט אליין, אז איר האט פיל דורכגעמאכט אין אייער לעבן, איר פארלאזט אייערע עלטערן, וועט איר דאס גרינגער אריבערטראגן. איר ווייסט אויף זיכער, אז אייערע עלטערן וועלן נאר ארויסקוקן דערויף, איר זאלט זיי ארויסרופן צו זיך. איר פארלירט א געזעלשאפט? איר וועט זיך גרינג שאפן א נייע, זי וועט אייך גיין אנטקעגן, זי וועט אייך זוכן. אבער איך? איך בין נאך דער מאמעס קינד און דעם טאטנס טאכטער. צעשיידנדיק זיך

מיט זיי, מיט אווראמען, מיט ניומאַן, מיט סאַנקען, לאָז איך דאָ איבער אַ האַלבע נשמה... וואָס זאָג איך אַ האַלבע? אַנדערטהאַלבן! און אַז גאָט וועט מיר שוין גאָר העלפן און איך וועל זיי קענען רופן צו זיך, ווער ווייסט, צי זיי וועלן גאָר פאָרן? אַיין ניומאַ אפילו זאָל נישט קענען מיטפאָרן, בלייבן זיי דאָ אַלע צוליב אים. איך רעד שוין נישט דערפון, וואָס אונדזער מלוכה לאָזט נאָך נישט אַזוי גרינג אַרויס קיין יונגע מענטשן... אויף זיך אַליין נישט אָפּנאַרן, דאַרף איך לכתחילה ביי זיך פועלן, אַז איך צעשייד מיך מיט זיי אויף אייביק אָדער אַמווייניקסטנס אויף אַ סך צענדליקער יאָרן. וואָס דאָס באַטייט, פאַרשטייט איר נישט ערגער פון מיר. וואָס איז? — שלמה!

בכלל, אַז מען רעדט פון אַ וואַנדער־לעבן, איז אַ פרוי נישט קיין מאַנס־ביל... איר קענט שלאָפן אויף אַ סקירדע שטרוי אויך, דאָס שפּילט נישט קיין ראָל ביי אייך, אָבער ביי מיר איז שוין נישט אַזוי... איך בין לעצטנס געווווינט געוואָרן צוויי מאָל אין וואָך זיך מאַכן אַ וואַנע, דערנאָך אויס־מאַסירן דאָס לייב מיט וואַזאַלין און אויסרייבן עס מיט אָדעקאָלאָן... עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קען לעבן אָן דעם אויך, עס איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן פון נישט נעמען קיין וואַנע... נאָר פון דעסט וועגן זאָלט איר נישט מיינען, אַז עס איז אַזוי גרינג זיך אָפּצוגעוווינען אפילו פון לוקסוס... און אַלץ דאָס זעלבע, וואָס איז? — שלמה!

איר פאַרשטייט? קענט דער גאַנצער קאָנסטיטוציע פון מיין ביז־איצ־טיקן לעבן שטייט איר איינער: שלמה, שלמה און שלמה!

— איר האָט פאַרגעסן צו רעכענען דעם אינסטיטוט...

— ווייס איך... אַ סך האָב איך שוין געגאַשט פון אים...

— איר האָט נאָך פאַרגעסן רעכענען דעם „קאָנטינענטאַל“...

— אַ געשעפט האָב איך מיט זיי... איר מיינט אויף אַן אמת, אַז זיי פאַרנעמען ביי מיר אַן אָרט?

— אָך, פאָלי, מיך האָבן זיי פיל בלוט געקאָסט.

— איך שווער אייך, אַז עס טוט מיר האַרציק באַנג...

— פאָלי, געטרייע שוועסטער מיינע, קיין בעסערע רפואה צו מיינע ווונדן ווי די שבועה דיינע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ...

— נו, שלמה, האָב איך מיר אָפּגערעדט פונעם האַרצן, ווי זאָגט מען דאָס... איז וואָס זשע טוט מען טאַקע? דער קאָפּ צעשפּאַלט זיך מיר אויף שטיק־שטיקלעך... און דאָ זענען געבליבן בלויז געציילטע טעג...

— האָב איך דאָך אייך נאָך פון אָנהייב געזאָגט, אַז עס איז אַן אומזין גאָר טראַכטן מיר נאָכצופאָרן: ווער ווייסט ווהין? ווער ווייסט ביז ווען?

פאָלי איז בלייך געוואָרן. די אויגן טונקעלער, די ליפּן פאַרביסן. שלמה איז געזעסן קאַלט ווי אייז, מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויף די ליפּן. אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנג דויערנדיקע מינוט. מיט אַ מאָל האָט שלמה גענומען איר האַנט:

— פּאָלינאַ יאַקאָוולנאַ! איך פיל, אַז עס האַלט ביי אויסברעכן צווישן

אונדז א שטורעם. איר טאָרט דאָס נישט טון, איר דאַרפט מיך דאָס מאָל שוינען, איך האָב גענוג אויסצושטיין אַן דעם אויך... און בכלל, גלייבט מיר, איך גיב אייך דערויף מיין ערנוואָרט, אַז איך וויל אייך נישט רעדן אויף צו להכעיס. ווער קען אייך אין אַזאַ פראַגע ענטפערן אַנטשלאָסן? עס זענען דאָ מאָטיוון פאַר — און מאָטיוון קעגן. סיי פאַר דעם פאָרן, סיי פאַר דעם בלייבן. עס איז ווי מען זאָגט: ביטער אויפעסן און א שאָד אוועקצוואַרפן. דאָס מוזט איר נאָר אַליין באַשליסן. קיינער קאָן דאָס פאַר אייך נישט טון...

שלמהן איז געלונגען אויסצומיידן דעם שטורעם. פאָלים אויגן האָבן צוריק געלויכטן פריינטלעך. זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון אירער.

— שלמה, — האָט זי זיך אָנגערופן מיט א קינדעריש-שולדיק שמייכעלע — אָבער דאָס זענט איר אויך מודה, אַז אַט דער גאַנצער ענין איז פאַר מיר זייער א שווערער פּראָבלעם...

— זייער, זייער א שווערער...

קאפיטל XXXVIII

עמעצער האָט געקלאַפּט אין טיר. פּאָלי האָט זיך איבערגעזעצט אויפן בענקל. שלמה האָט דורכגעלאָזט פאַר זיך אין צימער אַריין דעם זיידן שלומען. דער אַלטער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף שלמהס גאַסט, באַמערקט אויף איר פּנים, אַז זי האָט געוויינט, און זיך געווענדעט צו שלמהן:

— אפשר שטער איך?

— זיידע, וואָס רעדט איר? איר זענט מיין באַליבטסטער גאַסט.

— אייגנטלעך, אפשר מיינסטו, אַז איך האָב עפּעס גערדאַרפט איצטער? איך בין דאָך ערשט אין דער פרי געווען ביי דיר, נאָר פּשוט — פון נעכטן אָן זינט איך בין געוויר געוואָרן, אַז דו פאָרסט אוועק, קען איך זיך גאָר־נישט באַרואיקן... אַלע שעה טו איך אַ קלער: אפשר וואָלט איך נאָך אַ מאָל אַריינגעגאַנגען אַ קוק טון אויף דיר, איבעראַכטאָג אין דער צייט וועל איך שוין דאָס נישט קענען טון... האָב איך אָבער מורא דיר שטערן צום שרייבן...

— ווען איר זאָלט דאָ זיצן פון אין דער פרי ביז נאַכט, וואָלט זיך מיר נאָך בעסער געשריבן.

— מאָל דיר, דאָס זאָגסטו נאָר אַזוי, וואָרעם אַז מען זיצט, רעדט מען, און אַז מען רעדט, שרייבט מען נישט. נאָר איצט, בין מנחה למעריב, האָב איך גערעכנט, אַז עס איז שוין נישקשה דיר אַ ביסל צו שטערן, אַז נישט פאַרגעסטו אפילו אָפּצועסן. וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך אין דער היים, פּאָלי?

— אַ דאַנק, נישטאָ קיין נייעס.

— נו, איך וועל טאַקע גיין, איך זע, אַז איך שטער אייך.

שלמה האָט נישט געלאָזט זיך אויפהייבן:

— זיידע, וואָס טראַכט איר אוים? קיינעם שטערט איר נישט. זיצט און דערציילט עפּעס נייעס, וואָס הערט זיך אויף דער ליכטיקער וועלט?

— וואָס זאָל זיך הערן? עס האָבן היינט אפשר צען מענטשן זיך גע־קליבן גיין צו דיר. אַ קלייניקייט, זיך געזעגענען פאַר אַזאַ נסיעה — און נאָך מיט וועמען! האָט פאַר זיי שוין דער טאַטע געמוזט אויסטראַכטן, אַז דו געפינסט זיך שוין נישט אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקע.

אין שלמהס אויגן האָט זיך פון די ווערטער: „געזעגענען“, „נסיעה“, באַוויזן אַ פאַרדעכטיק וואַסערל. די וויעס האָבן קאָנוולסיוו אָנגעהויבן אונטערצושפּרונגען. ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און שוין אַ ביסל צו טרוקן געענטפערט:

— זייער גלייך האָט ער געטון, גיט אים איבער אין מיין נאָמען אַ דאַנק.

— איז דאָך דאָס זעלבע מיט מיר אויך, — האָט דער זיידע אַ שמייכל געטון.

— חס־וחלילה, אַזוינע געסט ווי איר, ווי פֿאַלי, העלפֿן מיר נאָר צום שרייבן.

— מילא, אַז דו זאָגסט אַזוי, גלייב איך דיר. פֿון דעסט וועגן, איין גאַסט וועסטו מאָרגן, אַז מיר וועלן לעבן, מוזן אַריינלאָזן, עס וועט דיר גאָרנישט העלפֿן. יענע האָט דערהערט, אַז דו פֿאָרסט אַוועק מיט אַ געדאַנק וועגן ארץ־ישראל, האָט זי געוויינט, ווי מען באַוויינט חלילה אַ קינד...

— ווער איז דאָס, זיידע?

— די מומע טייבל. זי האָט באַלד, ווי זי האָט דערהערט, געוואָלט לויפֿן, האָב איך איר קוים איינגערעדט אויסצוואַרטן אויף מאָרגן.

— אוי, די מומע טייבל... גאָט מיינער!...

שלמה האָט זיך האַסטיק אַ קער געטון צום פֿענצטער, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביי די שפּינגאַליעטן, און נישט געקענט איינהאַלטן דאָס געוויין. די ספּאַזמע האָט אים געוואָרגן, עקשנותדיק געקעמפּט מיט זיין כח־המעצר. זיין פֿאַרשטיקט כליפּען האָט געריסן ביים האַרצן, נישט גע־לאָזט איינזיצן אויף די ערטער.

דער זיידע איז מיט שלאַבעריקע, נישט דרייסטע טריט צוגעגאַנגען און אים אָנגעהויבן איינצושטילן:

— נו, ווי שעמסטו זיך נישט פֿאַר פֿאַלין צו וויינען ווי אַ קליין קינד? אָט דאָס ביסטו אַזאַ מאַנסביל? פֿע, נישט שיין! הער שוין אויף! נו, מען ווייסט, מען ווייסט, אַז דו האָסט זי ליב, זי האָט דיך אויך ליב... נו, וואָס זשע האָט עס דערצו? דאַרף מען דערפֿאַר וויינען? נאַרעלע, גאָט וועט העלפֿן, זי וועט האָבן אַ רפֿואה שלימה און מען וועט זיך נאָך אפשר אַ מאָל זען... און ווידער, די וועלט איז אַ קאָרידאָר... איז אויב מען באַגעגנט זיך נאָר איין מאָל אין קאָרידאָר, וואָס איז דער אומגליק? דער עיקר איז דער זאַל!...

שלמה האָט זיך אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ אין קישן. דאָס געוויין האָט אים געטרייסלט ווי אין פֿיבער. ער האָט פֿאַרקריצט מיט די ציין, נאָר דאָס קלאַפּן פֿון זיי האָט נישט אויפֿגעהערט. עטלעכע מינוט איז דער זיידע גע־שטאַנען איבער אים, געגלעט די פּלייצע, אים אַלץ איינגערעדט אויפֿצו־הערן:

— מען טאָר גאָרנישט אויך על־פּי־דין...

פֿאַלי האָט בגנבה אָפּגעווישט אַן אָנגעלאָפֿענע טרער, נאָך איינע, און פּלוצלינג, אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, זיך אָפּגערופֿן:

— ר' שלום, מען מעג אייך עפּעס פֿרעגן?

— וואָס פֿאַר אַ קשיות פֿרעגסטו עפּעס? פֿאַר וואָס זאָל מען נישט מעגן? פֿרעג, וואָס דו דאַרפֿסט.

— זאָגט מיר, ר' שלום, איר געדענקט דאָך מיך נאָך פֿאַר אַ קליינינקער, גאָר־גאָר אַ פּיצעלע, אַיאָ, אַזוי?

— אַ שאלה, צי איך געדענק? איך געדענק דעם דאָנערשטיק, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן. פֿאַר וואָס, וועסטו פֿרעגן, ליגט דאָס מיר עד

היום אין קאָפּ? ווייל חוץ דיר געדענק איך נאָך נישט אויף מיין לעבן, אַז אַ קינד זאָל זיך פאַרגינען געבוירן ווערן אום תשעה־באב... עס איז דאַמאָלסט געווען זייער הייס, האָב איך מיט נאָך עטלעכע יידן זיך פאַרקליבן אין קעלער אויף די טרעפּ — לעבן בית־מדרש, געדענקסטו, איז געווען אַ קעלער, מיט אַ גאַנצן וואַלד פון אויבן — דו געדענקסט אים נישט?

— איך געדענק אים גוט.

— איז אָט אין דעם קעלער האָבן מיר דערזאָגט קינות. נאָך מיטאָג איז דאָס געווען. איך גיב אַ קוק, דיין זיידע מאיר עליו־השלום מיטן פעטער שליאָמקען — ער איז נאָך דאַן אַ קליין יינגל געווען — איך זע, זיי לויפן אַרויף אין גאַס אַריין, אָבער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זיי ווערן שיר נישט צעשיט אויף שטיקלעך. האָב איך געמיינט: איך וויים וואָס עס האָט אַזוינס געטראָפן... איך שריי צו אים: „ר' מאיר, ר' מאיר!“ נישט נאָר איך, אַלע פונעם קעלער האָבן מיר געשריגן. ער גיט זיך אַ קוק אום, אַ מאַך מיט דער האַנט און לויפט ווייטער... האָב איך מיך ערשט דאַמאָלסט רעכט דערשראָקן... מאיר לאַמאַוואַצקי איז נישט קיין יינגעלע, אַז ער זאָל אַזוי לויפן, מוז דאָך עפּעס זיין. בין איך אַזוי אין די זאָקן און אין טלית־קטן אַוועק צום זיידנס שטוב הערן, וואָס איז דאָרט. לאָזט מען מיך אין שטוב נישט אַריין, נאָר די באָבע דיינע דערציילט מיר אין איינע טרערן, אַז אסתר גייט צו קינד.

געוווינט האָט דאַמאָלסט דער טאַטע דיינער אין זוועניגאָראָדקע. געהאַלטן אַ מיל מיטן פעטער זיינעם צוזאַמען. נאָר אויף קימפּעט האָט ער אָפּגעפירט אסתרן צו דער מוטער. אַזוי פירט זיך ביי דער וועלט צו אַן ערשטלינג, האָט ער אויך אַזוי געטון. צוויי וואָכן איז ער אָפּגעזעסן מיט איר ביי שווער און שוויגער, פאַרוואָרפן אַלע געשעפטן און עס הייבט זיך גאַרנישט אָן: אסתר גייט אַרום אַ פרישע, אַ געזונטע, גלייך ווי נישט זי מיינט מען. האָט ער זיך מיישב געווען, אויב עס איז יאָ אַזוי די מעשה, וועט ער צופאָרן קיין זוועניגאָראָדקע אויף איין טאָג, נאָר אַ קוק טון אין מיל און באַלד קומען צוריק. נו, נו, און פונקט האָט אסתרן אָנגעכאַפּט אַ כאַפּ געטון: גוואַלד, און גוואַלד, און גוואַלד!...

— וווהין זשע איז דאָס אייער מאיר אַזוי געלאָפן? — פרעג איך ביי איר

— וואָס פרעגט איר צו אונדזערע צרות? יאָני האָט דאָ אָפּגעשמועסט מיט דער אַקושאָרקע און איצט, אַז מען דאַרף זי ווי אַן אויג אין קאָפּ, איז זי אַקוראַט אַוועקגעגאַנגען צו אַ חברטע אויפן דאָרף, כאַטש צערייס זיך. און אסתר — איר הערט דאָס קוויטשען? נו, וואָס טוט מען? גוואַלד!

— מילא, יאָ אַקושאָרקע, נישט אַקושאָרקע, אָבער פאַר וואָס זאָלט איר נישט אָראָפּשיקן נאָך דער באָבען?

— וואָס רעדט איר אַזוינע זאַכן? יאָני וואָלט מיך, דאַכט זיך, דערהרגעט. זיי האָבן גאָר אפילו נישט געוואָלט הערן פון קיין באָבען... אַז יענער ציטערט אַזוי איבער אסתרן, גלייך ווי גאָר זי איינע דאַרף געבוירן...

דערווייל האָט די מאַמע דיינע יענעם קוויטש געטון און די באָבע איז אריין אין שטוב ווי אַן אָפּגעבריטע...

— משוגע מיינע שונאים — טראַכט איך מיר — אַ מענטש מוטשעט זיך און זיי האָבן גאָר מורא פאַר יאָנין. אַ גאַנצע וועלט האָט זיך אַלע יאָרן באַנוצט מיט באָבעס און עס איז געווען גוט און דוקא ביי אסתרן טויג דאָס שוין נישט... אַזוי טראַכט איך מיר און לויף גלייך אין די זאַקן מיט דער קינה אין די הענט צו פּראַדל דער באָבע, זי האָט דאַן געוווינט אויף דער באַד־גאַס. איך פּלי אריין צו איר:

— פּראַדל, לויף גיך, צו מאיר לאָמאָוואַצקי, עס האָט זיך שוין אָנגע־הויבן!...

— אהין גיי איך נישט — מאַכט זי צו מיר — ווען איך בין אַליין אַרויסגעגאַנגען צו מאיר דעם באַנדער זיך צונויפרעדן מיט די יונגעלייט: ווי אַזוי, וואָס און ווען, האָט מיר דאָס איידימל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היינט זענען שוין באָבעס אַרויס פון דער מאָדע...

— וואָס דערציילסטו מיר פּזמונות? דאָרטן גייט אַ מענטש צו קינד און זי הערט זיך גאָר צו צו נאַרישקייטן...

איך האָב זי ממש מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט פון דער שטוב, אַליין פאַרשלאָסן די טיר און מיטגענומען דעם שליסל מיט זיך...

און וואָס מיינסטו, ווער איז געווען גערעכט? דיין טאַטע, צי איך? אודאי איך! ווען די אַקושאָרקע האָט זיך געיאָוועט פונעם שפּאַציר, ביסטו שוין געווען אויסגעבאָדן און אויסגעפּוצט... די באָבע האָט טאַקע גענומען דאָס קינד ביי אסתרן, אַזוי ווי ביי איר מוטער און ביי איר מוטערס מוטער. און דאַכט זיך, גאָר נישקשה. אַ קוק טון אויף דיר, זעט מען עפּעס קיין חסרונות נישט... יאָ, און אויף מאָרגן איז געקומען דיין טאַטע, ער איז געווען אויסער זיך, וואָס די מאַמע האָט נישט אויסגעוואַרט אויף אים... דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט אַ פריילעכן שבת־נחמו, גאָר אַ פריי־לעכן!... אַזוי ווי עס איז ערשט נעכטן געווען... שוין פּאַוואָלינקע צוואַנ־ציק יאָר... מיין זעלדע, לשלום, אַ גאַנצע גבאיטע געווען דעם שבת. אַזש דריי קוגלען געשיקט מיט די געסט!... עך־עך־עך!... יאָ, איך האָב מיך פאַררעדט, קענן וואָס זשע האָסטו געפרעגט, צי איך גערענק דיך נאָך פאַר אַ קלייניטשקער?

פּאָלי האָט די גאַנצע צייט נישט פאַרלוירן דאָס מילדע שמייכעלע פון די ליפּן. שלמה איז געזעסן אויף דער סאָפע, פונעם שטורעם איז קיין סימן נישט געבליבן, ער האָט מיט הנאה זיך איינגעהערט אין זיין זיידנס זכרונות. ווען יענער האָט געענדיקט, האָט ער אַ קוק געטון אויף פּאָלין, זיך באַ־געגנט מיט אירע בליקן און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— וואָס האָט איר געפרעגט, ר' שלום? אַ־האַ, איך גערענק שוין! איז אָט וואָס: אין כמעלניק, איך ווייס אפילו נישט צי איר ווייסט, זענט איר ביי אונדז אין שטוב געווען פאַררעכנט ווי אַן אייגענער פאָטער. הינ־טער די אויגן פלעגן מיר אייך טאַקע אַזוי רופן „דער זיידע שלום“, אפשר

דערפֿאַר, וואָס שלמה, דינה, רבקה פֿלעגן אייך ביי אונדז אין שטוב אַזוי רופֿן... אַלנפֿאַלס אַלע אונדזערע קינדער פֿילן צו אייך אַזאַ צוטרוי פּונקט ווי צו אַ טאַטן. היינט האַלט איך דאָך עפּעס די וועלט פֿאַר אַ קלוגן יידן, נישט קיין בטלן. איר פֿאַרשטייט די נייע וועלט, די נייע מענטשן... מיט איין וואָרט, איך וויל מיך מיט אייך אַן עצה האַלטן, וועגן זייער אַ וויכטיקער פֿראַגע, וועגן אַ לעבנספֿראַגע... מעג איך פֿרעגן? איר וועט מיר געבן אַן עצה, פּונקט ווי ווען דינה אפֿרים־אהרונס זאָל ביי אייך פֿרעגן?...

— וואָס פֿרעגסטו עפּעס אַזוינע זאַכן? פֿאַר וואָס זאָל איך דיר נישט זאָגן, וואָס איך טראַכט? עס איז מיר עפּעס שווער, צי וואָס?

— אָט וועגן וואָס איך וויל זיך מיט אייך באַראָטן: איר ווייסט גאַנץ גוט, פֿון ווען אָן שלמה קומט אַריין צו אונדז אין שטוב אַריין... פֿון ווען אָן מיר שפּאַצירן צוזאַמען... איצט פֿאָרט ער אַוועק... אונדזערע וועגן צעשיידן זיך... דער קריזיס קען קומען יעדע מינוט... נישט פֿאָרן מיט אים הייסט פֿאַרלירן אים אויף אייביק... אָפּנאַרן זיך אַליין איז נישטאָ וואָס... פֿאָרן מיט אים — דאַרף איך אַוועקוואַרפֿן די עלטערן, ברידער און שוועסטער, אַלץ און אַלעמען... קיין סך רעדן קען איך נישט... עס איז מיר זייער שווער... איר פֿאַרשטייט שוין אַליין, וואָס איך פֿרעג ביי אייך... זאָגט, ר' שלום... זאָגט, ווי אַן אייגענער טאַטע...

דאָס פּנים פֿון דעם אַלטן שלום האָט זיך עפּעס מאָדנע אַ רונצל געטון, ווי אַ בין וואָלט אים אַ ביס געטון. די לאַנגע ברעמען האָבן זיך צונויפֿגעצויגן ווי צוויי פֿאַרהענגלעך. די אייבערשטע ליפּ האָט זיך מאָדנע געטרייסלט. מען האָט געזען, אַז ער וויל נישט אַרויסווייזן זיין אויפֿרעגונג. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון:

— אַרוואַ! איך האָב מיך מיט אייך פֿאַרשמועסט און אודאי אָנגעווירן צו מעריב. איך וועל שוין מוזן איבערוואַרטן דעם „שיעור" און דאַווענען מיטן צווייטן מנין... גיי איך טאַקע... און דיר קען איך נאָר זאָגן —

ער האָט זיך אויף אַ טריט דערנעענטערט צו פֿאַלין, געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט פֿאַר אויפֿרעגונג. זיינע אַריינגעשטעלטע ציינער האָבן געטאַנצט ווי אין פֿיבער. אַ פּאָר מינוט איז געהאַנגען אין צימער אַן אָנגעצויגענע שטילקייט. קיעוו האָט אַריינגעשמייכלט אין פֿענצטער אַריין מיט טויזנטער לעמפּעלעך, וואָס האָבן געוווּנקען, עפּעס צוגעזאָגט און ערגעץ גערופֿן. ביסלעכווייז האָט זיך דער אַלטער שלום באַהערשט, ער האָט זיך נאָך אויף אַ טריט דערנעענטערט צו פֿאַלין און געציילט ווערטער:

— און דיר קען איך נאָר זאָגן אָט וואָס: נישט אין דיין זכות, נישט אין זכות פֿון דיינע עלטערן און נישט אין זכות פֿון דיינע זיידעס — איך האָב זיי ביידע גוט געקענט, מעג איך זאָגן — נישט אין אייער אַלעמענס זכות האָט זיך דיר געטראָפֿן אַ שלמה אויפֿן לעבנסוועג, דאָס איז פּשוט אַזוי באַשערט... אַ השגחה פּרטית און מער גאָרנישט... דו האַלטסט אין די הענט אַ טייערן בריליאַנט. קוים לאָזסטו אים אַרויס פֿון די הענט, וועסטו

שוין געפינען בלויז גלאָז... בלויז גלאָז... קיין בריליאַנטן טרעפן זיך נישט אָפּט... און אַזאַ שלמה, נישט ווייל ער איז מיין קינד... איך קען נישט רעדן, ווייל ער אַליין זיצט דאָ, נאָר אַזאַ שלמה איז נישטאָ, נישט אין קיעוו, נישט אין גאַנץ רוסלאַנד... דאָס מין טרעפט איין מאָל אין טויזנט יאָר. טאָ באַקלער זיך גוט, גוט און נאָך אַ מאָל גוט, איידער דו באַשליסט זיך נישט צו פאָרן... אָט דאָס איז דיר מיין עצה, ווי אַן אייגענער פאָטער! קום, שלמה, פאַרשליס די טיר...

דער זקן איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט. די לעצטע ווערטער זענען שוין געווען אַזוי מטושטש, אַז עס איז געווען שווער זיי צו פאַרשטיין. ער איז געווען אויפגערעגט ביז גאָר, מורא געהאַט זיך אַליין נישט צעוויינען...

ווען שלמה איז אַרויס נאָך אים, האָט ער אים אין קאָרידאָר שוין נישט געפונען. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און זיך אומגעקערט אין צימער אַריין. פּאָלים קאָפּ איז געלעגן אין קישן און זי האָט האַרציק געכליפּעט... שלמה איז געשטאַנען עטלעכע מינוטן אין פאַרלעגנהייט. נישט געוווסט, וואָס דאַרף ער טון, כדי זי איינצושטילן. אין צימער איז געווען גאַנץ טונקל. אויפצומאַכן דאָס ליכט האָט זיך עפּעס נישט געגלוסט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו איר אויף דער סאָפע, ווייך געגלעט זי איבער די האָר:

— נו, פרעג איך דיך, האָסטו געדאַרפט אויף דאָס ניי אויפמישן דעם שמועס און זיך ערשט אויף דאָס ניי אויפרעגן? און אַליין האָסטו דען נישט געוווסט, וואָס מיין זיידע קען דיר זאָגן? האָסט דען נישט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זיין טייער אייניקל? געפונען מיט וועמען זיך צו עצהן...

— נישט אמת, ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער טראַכט, ער איז נישט קיין פאַלשער מענטש... נו, איך גיי אויך, מען וועט שוין אין דער היים נישט וויסן, וווהין איך בין אַהינגעקומען...

זי האָט אין דער פינצטער זיך לאַנגזאַם אַרומגעווישט דאָס פּנים, פויל און נישט רירעוודיק געבראַכט די האָר אין אָרדענונג. שלמה איז געשטאַנען הינטער איר אין אַ פינצטער ווינקל, עלנט און פאַריתומט. פון די פיר ווענט האָט געיאָגט מיט אַזאַ אומעט ווי פון אַ קבר. ער האָט מיט בליצנדיקע אויגן צוגעקוקט, ווי פּאָלי טוט אָן דאָס היטעלע, פאַרשפּיליעט לאַנגזאַם די קנעפּלעך פון פּאַלטאָ.

פּאָלי האָט אַרויסגעקרעכצט אין שטומען חלל אַריין:

— אוי, עס איז מיר אַזוי שווער... אַזוי שווער... איך קען מיר גאָר קיין עצה נישט געבן, וואָס טוט מען? וואָס דאַרף איך טון?

— גיי איצט אַהיים, רו אויס די נערוון, זיי זענען פאַרן היינטיקן טאָג פיל אויסגעשטאַנען און מאָרגן, איבערמאָרגן, מיט אַן אויסגערוטן קאָפּ, מיט פרישע געדאַנקען וועסטו אַליץ גרינג באַשליסן... היינט איז ערשט דאָנערשטיק, פריער פון דעם קומענדיקן דינסטיק וועל איך זיכער נישט פאָרן און אפשר נאָך שפּעטער מיט צוויי טעג. זעסט דאָך, ווי דאָס שרייבן

גייט ביי מיר. היינט האָב איך געהאַט דעם זיידן צו גאַסט, מאָרגן וועט זיין די מומע, איבערמאָרגן איז גלאַט שבת. עס איז נאָך געבליבן גענוג צייט אויף צו באַטראַכטן זיך. דערווייל קלער אפילו נישט פון דעם...

— עס איז דיר לייכט צו זאָגן: קלער נישט...

פאָלי האָט אַ צערודערטע געשפּאַנט איבערן קאָרידאָר און שלמה נאָך איר.

— גלייב מיר, פאָלי, איך וואָלט אָפּגעגעבן אפשר אַ יאָר פון מיין לעבן, אבי איך זאָל קענען אצינד דיך באַגלייטן אהיים, אָנקוקן די פרייע גאַס. ווען דו זאָלסט וויסן ווי אומדערטרעגלעך שווער עס איז מיר דאָ אליין און באַזונדערס נאָך דעם, ווי אַ גאַנצן טאָג כמעט זענען מיר געווען צוזאַמען...

פאָלי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן, אירע אויגן האָבן געברענט מיט אַ פאַרדעכטיקן פלאַם. זי האָט אין דער פינצטער אָנגעטאַפּט זיין האַנט און היים ארויסגעשעפּטשעט:

— אפשר וואָלט איך פאַרבליבן ביי דיר נעכטיקן? האַ? זיי וועלן מיינען, אַז איך נעכטיק ביי אַ חברטע... האַ, יאָ?

דאָס פינצטערניש האָט אויסבאַהאַלטן שלמהס בלאַסקייט. אַ שוידער איז דורכגעלאָפן דורך זיינע אברים, די פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט, און די אויגן האָט געטונקלט. ער האָט זיך מיט ציטערנדיקע פינגער אָנגע־כאַפּט אין די פאַלדן פון דער טיר און נישט געענטפערט. פאָליס סאַמעטן הענטל האָט אין דער פינצטער פאַרבלאָנדזשעט אויף זיין האַלדז, די הייסע פינגער האָבן צערטלעך געקנעטן דאָס לייב. איר שטילער פליסטער האָט געשרפהט די אויערן:

— שלמהלע... מיר זענען דאָך שוין דערוואַקסענע מענטשן... מיר וועלן ווי עס איז קענען אינטערעסאַנט פאַרברענגען אַ נאַכט צוזאַמען... צי דו מיינסט, אַז ניין? עלעהיי מיר האָבן זיך געטראָפן אונטערוועגס... דו וועסט רעדן, דערציילן עפּעס... איך האָב דאָך אַזוי ליב דיך צו הערן... און אַז דו וועסט מיד ווערן, וועלן מיר צוזאַמען שווייגן... און בכלל... שוין נישט קיין פיצעלעך... פאַר וואָס זשע שווייגסטו? ענטפער!

שלמה האָט קוים־באַוועגנדיק מיט די ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט:

— ניין, פאָלי, מען דאַרף נישט, דאָס איז איבער מיינע כוחות... גיי באַטראַכט זיך גוט, דו דאַרפסט אַרויסטראָגן אַן אורטייל אונדז ביידן. דו וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך, זיי פאָרזיכטיק.

ער האָט זי לייכט אַרויסגעשטופּט פון דער טיר און פאַרוואָרפן דאָס קייטל.

אומקערנדיק זיך אין צימער האָט ער נישט אויפגעמאַכט די עלעקטריע. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער און לאַנג אַזוי געשטאַנען נישט רירנדיק זיך פון אָרט... מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געוואָלט דורכ־דרינגען דורך דעם פאַרהאַנג פון זיין צוקונפט... וואָס ברענגט מיט זיך דער מאָרגן? וווהין פירט אים זיין גורל? וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

קאפיטל XXXIX

אויף צומארגנס האט שלמה געהאלטן אין מיטן איינשמעלצן די שבת־ליכט, וועלכע ער פלעגט אליין בענטשן, ווען אווראם האט אים געבראכט פון פאלין א פארחתמעטן קאנווערט.

— נעם, אווראם, גרייט מיר צו די ליכט, מען טאר שוין באלד נישט...

מיט ציטערנדיקע פינגער האט ער אויפגעריסן דעם קאנווערט:

„שלמה, לעבן מיינס! עס איז באשלאסן! איך פאר מיט. מזל טוב אונדז ביידן און זאל זיין אין א גוטער שעה. איך בין אזוי אויפגערעגט, אז איך קען אליין נישט קומען דיר דאס צו זאגן. צום ווידערזען. איך דריק דיך שטארק־שטארק צום הארצן און קוש דיך אן א שיעור מאל.

אויף אייביק דיינע — פאליא".

שלמה האט פארמאכט די אויגן און אריינגעשטעקט די אייבערשטע ציין אין דער אונטערשטער ליפ, כדי זיי זאלן נישט ציטערן. ער האט קוים איינגעהאלטן די אנגעלאפענע טרערן.

דער זונען־אפשיין אויף דער אנטקעגנאיבערדיקער מויער האט נאך קוים־קוים געפלאטערט, דער בין־השמשות האט זיך אנגערוקט. שלמה האט זיך מיט אלע כוחות באמיט נישט צו פארלירן דאס גלייכגעוויכט. ער האט זיך אומגעקוקט. ביים טיש האט אווראם רואיק ארומגעשניצט דאס ליכט. שלמה איז צוגעגאנגען צו אים:

— דו ווייסט, וואס זי שרייבט אין בריוו?

— פון וואנען זאל איך וויסן? איך בין א נביא?

שלמה האט אים דערלאנגט איר צעטעלע. אווראם האט עס גענומען מיט דער פרייער האנט, דערלאנגט צו די אויגן. דאס ליכט איז ביי אים ארויסגעפאלן פון דער האנט. ער האט זיך א ווארף געטון שלמהן אויפן האלדז:

— שלמה, ברודער מיינער, ענדלעך! ענדלעך!... אך, וואס שטיי איך? איך לויף שוין זאגן דעם טאטן.

— שטיי, לויף נישט! זאג פאלין אין מיין נאמען, אז דעם טאטן מיט דער מאמען זאל זי אליין זאגן, אן מעקלערס. איך וועל אויך אזוי טון. אט דער פארגעניגן קומט זיי אליבא דכולי עלמא. ווארט, שטיי איין! וואס פליסטו? איך האב נאך נישט געענדיקט. פאר שוין ארויף אויף סאלאמינקע, עס איז נאך נישט זייער שפעט און זאג מיין טאטן, אז איך האב זייער געבעטן, אז ער מיט דער מאמען, דינה מיט רבקהן און מנשה זאלן צוקומען צו מיר תיכף נאכן עסן. שטיי איין אויף אן ארט, אז מען רעדט צו דיר. דו ביסט פון קוועקזילבער, צי וואס? פון סאלאמינקע וועסטו שוין צו פוס דורכגיין דורך דער שול און זאגן דאס זעלבע דעם זיידן, מיכאלן און יחיאלן. טאמער וועט מען דיך פרעגן, צו וואס איך דארף זיי, זאלסטו זאגן, אז דו ווייסט פון גארנישט. ערשט נאך דעם זאלסטו גיין אהיים, זאגן פאלין, אז

איך בעט, זי זאָל מיטנעמען דעם טאַטן מיט דער מאַמען, איר עלטערן ברו־דער ר׳ אווראַמען, יאָ, יאָ, איך מיין טאַקע אָט דעם תכשיט, וואָס שטייט איצט אויף איין פוס גרייט צו אַנטלויפן... שאַ, איך האָב גאָר פאַרגעסן, איר קענט דאָך פאַרשליסן די שטוב אויפן שליסל, קומט זשע טאַקע, אויב אַזוי, אַלע... אַצינד: מאַרש! נאָר גערענק, קיינעם נישט אַ וואָרט!

אומקערנדיק זיך אין צימער אַריין האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, מיט די דלאַניעס צונויפגעדריקט די שלייפן, שטאַרק פאַר־קוועטשט די אויגן און זיינע ליפן האָבן אָפּגעשיקט צום אַלמעכטיקן אַ הייסע תפילה:

— רבונו דעלמא כולא, גאָט פון אַלע וועלטן! קרעפטיק מיינע גע־פילן, אַז זיי זאָלן זיין כמעין המתגבר; טו צעציען מיין הארץ כעור הצבי; צעברייטער עס כפתחו של אולם; פאַרטיפער עס ווי די אָפּגרונטן פון אוקינוס; העלף מיר, איך זאָל זיין אַ כלי מוכשר, מקבל צו זיין אָט די גרויסע שפע פון גליק, וואָס דו האָסט מיט אַ מאָל אויף מיר אַראָפּגעלאָזט. איך זאָל זיין מסוגל דאָס גליק אויפצונעמען, גענוג שטאַרק עס סובל צו זיין און ביז מיין לעצטן אָטעם פילן אין דעם דעם זעלבן טעם וואָס איצט, גלייך נאָך דער בשורה...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן איז שוין אין חלל פונעם פענצטער קיין שפור פון דער זון נישט געווען. ער האָט געמאַכט אַ ברכה אויף די ליכט, זיך אַליין געזאָגט אַ גוט־שבת און אויפהייבנדיק ביידע הענט צום הימל אויסגעשריגן:

— מה אשיב לד׳ כל תגמולוהי עלי... מה אשיב?... מה אשיב?...

אומענדלעך לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען אין אַ דבקותדיקן חלשות. זיין קערפּער איז דאָ געשטאַנען אָן אַ נשמה, זיין נשמה האָט זיך געפונען אין דער מחיצה פונעם כסא־הכבוד, ווו דער עתיק־יומין האָט מקבל שבת געווען און זי האָט דאָרט געפּליסטערט בגילה וברעדה:

— אודך כי עניתני... מה אשיב? מה אשיב?

— קטונתי מכל החסדים... מה אשיב? מה אשיב?

ווען שלמה האָט געעפנט די אויגן, איז שוין אויף יענער זייט פענצטער געווען שטאָק־פינצטער. די שבת־ליכט האָבן עניוותדיק געוואַרט, מען זאָל זאָגן ביי זיי אַ יידיש וואָרט. פון די ציטערנדיקע פלעמעלעך האָט געוויעט מיט קדושה־עילאה, מיט רזין דרזין. שלמה איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, נאָך אַ מאָל באַמערקט דאָס גורלדיקע צעטעלע אויפן טיש און האָט ליידנשאַפטלעך אַרויסגעקרעכצט:

— איצט, טאַטע זיסער, לכו נרננה!...

*

אויף מאָרגן האָט די גאַנצע שטאָט געוווּסט פון דעם נייעס. ס׳איז שווער געווען צו טרעפן, ווער האָט דאָס פאַר טאָג צעטראָגן די ידיעה, אַז שלמה איז אַ חתן געוואָרן. צי אויף פאַראָל, צי אויף דימייעווקע, אויף

שוליאווקע און אויף פעטשערסק. פון סאָלאָמינקע שמועסט מען נישט. עס איז גאָר אַ סברא, אַז פון דאָרט האָט זיך דאָס פייער צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט...

ווי מען האָט זיך נישט איינגעהיט פון איבעריקע געסט, דאָך איז שבת־צו־נאַכטס געווען פול דאָס צימער, אַ נאָדל נישט אַדורכצוּוואַרפן. די חברים זענען צוגעשטאַנען צו שלמהן, אַז איצט, שוין, זאָל מען שרייבן תנאים און מאַכן אַ קנס־מאָל.

— וואָס הייסט? שלמה זאָל אַ חתן ווערן און מיר זאָלן נישט זיין אויף לעקעך און בראָנפן? קאַרג זיך אָנגעליטן פון אים? שאַ, זאָל פאָלי אַליין זאָגן...

פאָלי האָט געזאָגט, אַז איר איז אַלץ איינס: יאָ אַ קנס־מאָל, צי נישט אַ קנס־מאָל. ווי אַזוי שלמה וויל, איז זי מסכים. אָבער שלמה האָט נישט געוואָלט. וויפל מען האָט זיך מיט אים נישט געשפּאַרט; דער זיידע, מנשה, ר׳ אברהם פייגנבוים, פון די עלטערן שמועסט מען נישט, אָבער שלמה איז געבליבן ביי זיינעם:

— מיין לאַגע איז איצט אַ גליטשיקע. גאָט וועט זיכער אויף מיר רחמנות האָבן. אַ סימן איז, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן מיר העלפן. נאָר פון דעסט וועגן, בינדן פאָלין מיט אַ קבלת־קנין — וויל איך נישט. אַז גאָט וועט אונדז העלפן, מיר וועלן אַריבערגיין די גרענעץ, וועלן מיר שוין פאַר איין וועגס אי שרייבן תנאים, אי שטעלן אַ חופּה. וואָס אָמבאַלאַנגט דעם לעקעך און בראָנפן, באַקומט איר אים שוין סיי ווי סיי...

סעגאַל איז געקומען שלמהן צו הילף. ער איז אַרויף אויף אַ בענקל:

— איך פאַרשטיי, אַז שלמה איז נישט קיין קינד און פאַרשטייט זיכער זיינע ענינים פיל בעסער פון מיר מיט אייך צוזאַמען. אַלזאָ האַלט איך, אַז די פראַגע איז דערליידיקט: ניין איז ניין!...

מיטן טאָג צוגלייך איז זיך דער עולם צעקראָכן, יעדער דורך אַן אַנדער גאַס און שלמה האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, כאַפּן אַ דרימל פאַרן גאַנצן מעת־לעת.

*

דאָס בוך איז געגאַנגען פאַרויס זייער פאַמעלעך. דער יידישער עולם האָט דערשנאַפּט אין וואָס עס האַנדלט זיך און מען האָט אָנגעהויבן מאַסנ־ווייז עולה־רגל זיין אויף מאַלאַ־וואַסילקאָווסקאַיאַ. די טיר פון שלמהס צימער האָט זיך נישט צוגעמאַכט, טאָ דער, טאָ יענער. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען דערמיט, צי האָט שלמה צייט, צי האָט ער נישט. שלמה איז אַ חתן, שלמה פאָרט קיין ארץ־ישראל, וועט מען זיך גאָר גיין רעכענען מיט זיין שרייבן... און אַז ער וועט נישט שרייבן, איז זיי שלעכט... אַזוי האָט זיך יעדער באַזונדער געמאַכט אַן אַנדער היתר און דאָס העפט איז אַפילו אויפן טיש נישט אַרויפגעקומען. ביז שלמה האָט געמאַלדן: אויס! דריי טעג צייט לאָזט ער נישט אַריין קיינעם, אַ חוץ די עלטערן און פאָלין.

אָבער ווייטער: נישט דעם זיידן, נישט מנשהן, נישט די חברים, נישט קיינעם. אפילו דעם קייסער אליין — אויך נישט. אז נישט, וועט ער קיין מאָל נישט ענדיקן.

ארום מיטוואָך איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער וואָך פאָרט ער שוין נישט. דער בריוו צום שרייבער מאַרגאָלים איז שוין דוקא געלעגן צוזאַמען מיט דעם בריוו קיין סאַמאַרקאַנד, אָבער שלמה האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין ענדיקן. ביי אפרים־אהרונען אין שטוב האָט מען די קינדער געגרייט אין וועג אַריין. מען האָט געבאַקן לעקעכער, פּוטער־בולקעס, געמאַכט ווורשט פון געגנדזענעם ביילעק. אסתר איז גאַנצע טעג איבערגעלעגן אויף סאָלאָמינקע. צוגעהאַלפן באַקן, פּרעגלען. זי האָט גוט געוווּסט, אַז שלמה וועט פון איר קיך גאָרנישט פאַרזוכן און אפילו נישט געפּרוּווט פּראָ־טעסטירן.

אפרים־אהרון איז אַרומגעגאַנגען אַ ביסל אָנגעבלאָזן. שלמהן אַליין האָט ער דוקא גאָרנישט געזאָגט. ערשטנס, ווייל עס וועט במילא גאָרנישט העלפן. צווייטנס, ער לאָזט דען אַריין צו זיך? נאָר דעם פאָטער זיינעם האָט ער יאָ מגלה־סוד געווען, אַז עס לאָזט אים נישט רוען: וואָס הייסט, שלמה פאָרט מיט אַ מיידל צוזאַמען אָן חופּה־וקידושין? עס איז אַ בזיון פאַר דער וועלט און אַ ווייטיק פאַר זיך. — אָט דאָס הייסט אַ יידישער יונגערמאַן? נאָך אַ בעל־שמסקע אייניקל?... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אפילו אין סאַמע פּראָסטן גראַד?

— משוגע מיינע שונאים, צי וואָס טוט זיך עס מיט דיר, אפרים־אהרון? דאָס קינד, זעט מען, באָדט זיך אין בלוט, דער גאַנצער ענין איז אַזוי שוואַך, ווי פון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און ער איז דיר דאָ מיט זיינע נאַ־רישקייטן. צי דו האָסט אפשר מורא, אַז שלמה קען נכשל ווערן? נישקשה, שלמהן מעג מען פאַרגלייבן...

— איך ווייס נישט, פאַר וואָס איך האָב מורא און פאַר וואָס איך האָב נישט קיין מורא, איין זאַך ווייס איך: איך גלייב נישט אין קיין שנוי מעשה בראשית... אַ יונגל מיט אַ מיידל... און דערצו אַ שיין מיידל...

— אָבער שלמה איז עפּעס גלייך מיט אַלע יונגלעך? „אטו כולהו בחדא מחיתא מחתינהו" *?

— וואָס דערציילסטו מיר מעשות, נאָך אַ מאָל שלמה און ווידער אַ מאָל שלמה... אין המקרא יוצא מידי פשוטו!... אַז די חכמים האָבן גע־זאָגט: אין אפּטרופּוס לעריות, האָבן זיי געמיינט שלמהן אויך... און אויב ס'איז טאַקע ווי דו מיינסט, אַז שלמה איז אַ שטיקל גדול, איז אדרבה: כל הגדול מחבירו, יצרו גדול הימנו... שלמה'ט מיר, אַז עס קען פּלאַצן די גאַל...

— אפרים־אהרון, קאָך זיך נישט אַזוי שטאַרק, איך האַלט מיך ביי מיינעם, אַז שלמה איז אַ נאַמן —

— נו, אודאי אַזוי, אַז דו גיסט אים נאָך דאָס שטריקל, וואָס ער זאָל

---

* „דו וועבסט איין אַלעמען אין איין געוועב"? אַ גמרא־מליצה.

נישט פארטראַכטן גיסטו אים אַרויס דעם געדעכט, היינט: מה יעשה הבן שלא יחטא? וואָס דאַרף ער שוין הערן דעם טאַטן, אַז דער זיידע האַלט זיין צד... אפילו נאָר משום מראית־עין... ס'איז דאָך אַ חילול השם ברבים!

— ווער רבים? ווען רבים? וואָס רבימט דיר אין קאָפּ? אין פוצה פה ומצפצף! ווער וועט אפילו וואָגן איין מינוט אַ טראַכט טון שלעכטס אויף שלמהן?

— ווען עס זאָל שוין גאָר אפילו זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, אָבער ווו איז דער: „הרחק מן הכעור ומן הדומה לו"? אָט דאָס האָט מען מיט אים גע־לערנט: „סחור, סחור, אמרינן לנזירא"... כדי ער זאָל דערנאָך קענען אוועק־פאָרן אין עק וועלט אַריין מיט אַ בתולה... מיט וועלכער מען איז כלל נישט זיכער, אַז... מיט וועלכער מען קען אַריינפאַלן?...

— ער וועט נישט אַריינפאַלן... איך בין דיר ערוב, אַז ער וועט נישט אַריינפאַלן... דער סקווירער רבי זכרונו לברכה, האָט אַמאָל געזאָגט: „אַז מען איז גוט צוגעבונדן „אויבן", פאַלט מען נישט אונטן"...

— איז אָט דאָס איז שלמה דער פאַרשוין, וואָס איז אַזוי גוט צוגע־בונדן?

— כ'האָב מורא אפרים־אהרון, אויב נישט בעסער פון מיר מיט דיר... יאָ, יאָ מיין זון, שעם זיך נישט... האמת נתנה להאמר...

*

זונטיק, צוויי נאָך מיטאָג, איז דינה פיאַטיגאָרסקי, מיט אווראַם טול־טשינסקי, אין אַ באַזונדער קופּע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן, אָפּגע־פאָרן פון קיעווער וואָקזאַל אין דער ריכטונג אויף מאָסקווע. זיי האָבן מיט זיך געהאַט צוויי שיינע, לעדערנע וואַליזן, חוץ פעקלעך עסן און אַ פּאָרט־פעל ביכער.

אין הויף אויף מאַלאָ וואַסילקאָווסקע 27 ביי דעם אויטאָ זענען גע־שטאַנען בלויז אייגענע מענטשן: אַלע פיאַטיגאָרסקיס, אַלע טולטשינסקיס, דער זיידע, די מומע טייבל, מנשה מיט די שוועסטער, מיכאל, יחיאל, די פייגנבוימס, פרידמאַן, גאָרדאָן און הרב ביאַליק.

שלמה איז געווען שטאַרק בלייך און שוין אַ ביסל צו פיל דוּאיק. פּאָלי איז געווען שטאַרק פאַרוויינט, זי האָט זיך מיט יעדן האַרציק געזעגנט, לאַנג געוויינט ביי איר מוטער אין די אָרעמס, נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון איר פאָטערס האַלדז. עס זענען צוגעגאַנגען די שוועסטער כאַדראַוו, דינה און גאָלדע:

— שלמה, פאָלי, זייט אונדז מוחל, מיר זענען געגאַנגען קעגן דער השגחה...

דער זיידע האָט שלמהן אָפּגערופן אויף אַ זייט:

— פון דעסט וועגן, קינד מיינס, פאָלג מיך און שטעל אין מאָסקווע אַ חופה...

— זיידע, פאַרגעדענקט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך זוך נישט

פאַלין אריינצוכאַפּן. איך וויל זי נעמען פאַוואַליע, ערנסט און אויף שטענ־דיק. ביז איך וועל נישט פילן קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס, וועל איך ביי איר די פרייהייט נישט צורויבן...

— נו, טו ווי דו פאַרשטייסט און ס'זאָל אויף דיר חל זיין די ברכה: וברכתיך בכל אשר תעשה.

דער ישיש האָט גובר געווען דעם געוויין, וואָס האָט אים פּלוצלינג אָנ־געכאַפּט, מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער צוגעצויגן שלמהס פּנים צו זיינעם און מיט אַ קול דממה דקה ווי ער וואָלט געזאָגט תפילה זכה, האָט ער צו אים שטיל און הייליק געפּליסטערט:

— קינד מיינס טייערס, מיין צירונג, מיין קרוין, מיין חיות, טאָמער איז דעם אייבערשטנס רצון, אַז דו זאָלסט אין ערגעץ נישט פועלן מכח דעם פּריזיוו און דו וועסט מוזן גולה זיין לארץ נבריה, פערסיע צי ווי אַזוי דאָרטן, בעט איך ביי דיר, דו זאָלסט דיין בטחון נישט פאַרלירן, השלך על ד' יהבך*!... דו ביסט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ גרויסער ייד... איך זע דאָס שוין נישט פון ערשט... מנשה זאָגט מיר אויך דאָס זעלבע... און וואָס עפּעס נאָר ער? — יעדער איינער!... דו ביסט ביי אונדז דער תכשיט אין דער משפחה און גראָד דיך האָט עס געדאַרפט טרעפן... ס'איז אַן אַלטער כלל: „כי את אשר יאהב ד' — יוכיח"! אָבער פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ, נישט אַ מענטש גייט מאַליו, נישט אַ מענטש פאָרט מאַליו, ס'איז נאָר אַן אחיזת־עינים, וואָס אים דאַכט זיך, אַז ער טוט דאָס, וואָס ער וויל... ביי דער השגחה איז הכל צפוי... גאָט איז דאָ אומעטום... לית אתר פנוי מניה**...

— טייערער זיידע מיינער, אַ גרויסן יישר־כח אייך פאַר אייערע דברי־נחומים, אָבער איך בין גאַנץ ווייט פון אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה. איך ווייס, אַז: „סדנא דארעה חד הוא"***, איך ווייס, אַז: „הגלוהי דבר־אינישׁ אינון ערבין ביה, לאתר דמיתבעי, תמן מובילין יתיה"****... אויב עצבות האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל אָרט אין מיין הארצן, איז דאָס געווען איבער פאַלין, אָבער איצט, אַז פאַלי פאָרט מיט מיר... מי ידמה לי ומי ישוה לי?...

— פאָר, מיין קינד, פאָר! וד' ישלח לכם את אליהו הנביא... והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם...

— זיידע, איך האָב אייך ערשט אָפּגענאַרט, ווען איך האָב אייך גע־זאָגט, אַז איך פאָר אַוועק בשמחה ובצהלה... ס'איז נישט אַזוי... ווייט, ווייט נישט אַזוי... אוי! קשה עלי פרידתכם... איין שטיקל טרייסט איז: די האָ־

---

* וואַרף אַרויף אויף גאָט דיין לאַסט, דיין בינטל צרות. פון תהילים.

** נישטאָ קיין אָרט, וווּ גאָט איז נישטאָ. פון זוהר.

*** דער ליילעך פון דעם ערד־קיילעך איז איינער. אַ גמרא מליצה.

**** די פיס פון אַ מענטשן, זיי זענען ערוב פאַר אים. וווהין ער ווערט גע־פאָדערט, אַהין פירן זיי אים. מסכת סוכה.

פענונג, אז ס׳איז נישט אויף זייער לאַנג... אַנדערש, וואָלט פּאַלי אויך נישט איבערגעלאָזט אירע עלטערן...

— גיב גאָט... גיב גאָט... פון דיין מויל אין גאָטס אויערן...

דער זיידע האָט זיך אַ ווײַנענדיקער צוגעפּרעסט צו אים, אָן ווערטער געגלעט, געקושט און אויסקערעווענדיק זיין פּנים זיך געווענדעט צו פּאַלין:

— פאָר געזונט, קינד מיינס... זע, שאַנעווע אים, שלמהן. די השגחה האָט דיך געבענטשט מיט אַן אוצר, — היט אים אָפּ!... זיי צערטלעך צו אים, ווייל ער אַליין איז אויך זייער אַן איידעלער מענטש...

שלמה איז געשטאַנען פאַר דער מומע טייבל. מיט פייכטע אויגן האָט ער באַטראַכט איר קרענקלעך, שמייכלענדיק פּנים און אומגעריכט פאַר זיך אַליין, זיך צוגעטוליעט מיט זיינע ליפּן צו איר שטערן.

אָן ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע עלטערן, זיך שטאַרק צו־געדריקט צו מנשהן און אַ ווונק געטון פּאַלין, אַז עס איז שפּעט, זי זאָל פאַרנעמען איר פּלאַץ אין אויטאָ. יענע האָט נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט.

— רבקה, — האָט שלמה אַ פרעג געטון — וווּ איז מיין פּאָרטפּעל מיט די העפטן?

— אָט איז ער, נאַ!

— נו, בלייבט אַלע געזונט און זאָל אַלץ זיין גוט.

יאַני האָט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, אים נאָכגעשריגן אין אויטאָ אריין:

— שלמה, דו נעמסט ביי מיר צו דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, זיי פאַר איר אי אַ פאָטער, אי אַ מאַן! גאָט זאָל אייך באַשיצן אין אַלע אייערע וועגן! פאַרגעסט נישט אין אונדז!

קיינער איז דעם אויטאָ פון הויף נישט נאָכגעגאַנגען. אין פופצן מינוט אַרום, זענען זיי שוין אַקעגנגעלאָפן פעלדער מיט געלע סטערניעס, איבער־געטריקנטע קוקורוזע און וואַלד, וואַלד און וואַלד.

אין ניעזשין האָבן זיי נאָך געוואַרט אַ פערטל שעה אויפן צוג. עס זע־נען אַרויסגעגאַנגען דינה מיט אַווראַמען פון דער קופּע. ווידער האָט מען זיך געקושט, ווידער געוויינט. דאָס לעצטע מאָל זיך צוגעפּרעסט מיט די ליפּן צו די ליבע פּנימער, צו ליבנדיקע הערצער און זיך געביטן מיט די ערטער: שלמה מיט פּאַלין זענען אַריין אין וואַגאָן און דינה מיט אַווראַמען אין אויטאָ. נאָך אַ פּאַכע מיטן טיכעלע, נאָך אַ לופטיקער קוש און דער וואָקזאַל איז געבליבן ליידיק. נאָר קנוילן רויך האָבן זיך נאָך געקייקלט איבער די דעכער, איבער די ליניעס...

קאַפּיטל XL

שלמה מיט פֿאַלין האָבן פֿאַרהאַקט הינטער זיך די טיר פֿון דער קופּע, נאָר אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די מאַנטלען און זענען ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום פֿענצטער. די וואַליזן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין באַקוועמע שטולן און זיי ביידע, אַקסל צו אַקסל, האָבן גיריק נאָכגעשפּירט דעם שנעלצוג אין זיין שנעלן טעמפּאָ. זיי האָבן זיך גאָר קיין מאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז אוקראַינער סטעפּעס זענען אַזוי מלא־חן, די וועלדער און די טייכן — אַזוי כשופֿדיק, די דערפֿלעך מיט די כוטאָרן — אמתע גן־עדנס. די זון, אַן עלטערע, שוין נישט אַזאַ היציקע, שלעפּט זיך אויף מערב. די גאַנצע וועלט איז איר מוחל די הייסע שמיץ, וואָס מען האָט פֿון איר געכאַפּט היינטיקן זומער און ווידער איז זי דאָס ליבלינג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, ווידער די מילדע קעניגין, וואָס באַשיינט און באַקרוינט אַלץ, וואָס אונטער איר, מיט ליכט, מיט גליק און מיט לעבן...

פֿון יענער זייט ווינטמילן און גיגאַנטישע סקירדעס שטרוי שפּרינגט אַרויס אַ גרויס דאָרף. צום אַלעם ערשטן וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער קאָלכאָזנער הויף. ער איז גרויס, מיטן אויג נישט אַרומצונעמען. אַרויף צו אין עק הויף שטייט אַ דרעשמאַשין. יעדע מינוט טרייסלט זיך אַרויס פֿונעם זיפּל אַ זאַק גאָלדענע ווייץ. פֿון אויבן ביים קויש איז אַ געפּילדער, אַ גוואַלד, קיין ווערטער הערט מען דאָרט אין גאַנצן נישט, נאָר מיטן ווונק ווערט אָנגעפֿירט די גאַנצע שמחה. שקצים אין ווייסע לייוונטענע הויזן, אָן היטלען און אָן העמדער, דערלאַנגען, אָנגעשטאָכן אויף לאַנגע גראַבליעס, גאַנצע הויפֿנס מיט זאַנגען. מיידלעך מיט פֿאַרשוויצטע פּנימער און צעבראַסטעטע העלדזער, אין געקווייטלטע העמדער, מיט באָרוועסע פֿיס, כאַפּן אונטער מיט אַן אַלאַרם די זאַנגען און — גלייך אין קויש אַריין. די וועגענער ווערן ליידיק, איידער מען באַוויזט נאָך צו דערלאַנגען די פֿערד עפּעס איבערצוקייען. מעכאַניש פֿאָרן אונטער אַנדערע, ווידער גיט אַ פֿינקל אַ גאַנצע מחנה שטאָלענע גאָפּלען, ווידער אַ זשומען מיט אַ קוויטשען פֿון די קאָלכאָזניצעס — און אויף דאָס ניי פֿירט מען אונטער אַ פֿולן וואָגן. די שמחה אויפֿן טויק* מיט דער שווער דעראַבערטער גערעטעניש איז זייער גרויס.

דער צוג דערנענטערט זיך. די אַרבעט שטעלט זיך אָפּ אויף איין אויגנבליק. די שיקסעס שרייען נאָך די מענטשן אין די פֿענצטער אויף קולי־קולות, פֿאָכען מיט די הענט, מיט די אויפֿגעבונדענע פֿאַרטעכער און מיט די קרענץ פֿון די סנאָפּעס. די שקצים, נישט האָבנדיק עפּעס אַנדערש צו דער האַנט, פֿאָכען נאָך מיט די פֿינקלענדיקע גראַבליעס. עס זעט אויס ווי ריזיקע כהנים־הענט וואָלטן זיי נאָכגעדוכנט: יברכך! יברכך! די פֿערד מיט די צעפּאַטלטע גריוועס און מיט פֿאַרשוימטע רוקנס שאָקלען נאָך מיט די

* דער פּלאַץ, וווּ מען דרעשט די תבואה.

מידע קעפּ, זיי זענען אויך מסכּים: פּאָרט געזונט, פּאָרט געזונט, לאָזט גריסן דער גרויסער וועלט... שלמה מיט פאַלין ווייסן גאַנץ גוט, אַז די גאַנצע גדולה איז נאָר צוליב זיי... יעדע מינוט דערווייטערט זיי אויף אַ קילאָמעטער. אַלץ ווייטער, אַלץ קלענער ווערט אָט די גאַנצע פריילעכע קאָמפּאַניע. נאָך אַ מינוט — און קיין סימן פון דעם דאָרף איז שוין נישטאָ. ווידער ארומגעשוירענע פעלדער מיט הימל־אונטערשפּאַרנדיקע סטויגן מיט סנאָפּעס און פון אויסגעדראָשענער שטרוי, שוין אָן סנאָפּעס. צייטנווייז גיט גאָר אַ שניט דאָס אויג אַ צעאַקערט פעלד. ד ע ר קאָלכאָז איז שוין גאָר אַן „איינרייסער“, עס איז אים קאַרג די ווייץ, וואָס ער האָט היי־יאָר אַראָפּגענומען, וויל ער נאָך אַריינכאַפּן אַ גערעטעניש היי, און באמת טאַקע, ביי ד י היצן און ביי ד י רעגנס, — פאַר וואָס עפּעס נישט?

אָט פירט אַ פויער אַ וואָגן מיט קוקורוזע, אָנגעלייגט ביזן הימל אַריין. די אָקסן מעלה־גרהן בנעימותדיק און ציילן יעדן שפּאַן. אויפן דראָנג, מיט וועלכן עס זענען איינגעפּרעסט און איינגעבונדן די קוקורוזע־שטעקנס, זיצט אַ ייִנגעלע אין אַ שוואַרץ העמדעלע און שניצט עפּעס. דערזען דעם צוג מיט די דאָרשטיקע אויגן אין די פענצטער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט ריזיקירנדיק אַראָפּצוגליטשן זיך און נאָכגעפּאָכעט מיט ביידע הענטעלעך, ווי ער זאָל זיך לאָזן שווימען. זיין פאָטער ביי די אָקסן ווינקט צום פאַרבייפאָרנדיקן עולם, אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפן אַ פּאַפּיראָס. נאָך אַ מינוט און דער וואָגן מיט די פאַרשלאָפענע אָקסן זעט שוין אויס ווי אַ קינדעריש שפּילעכל, אויף וועלכן עס שטייט עפּעס אַ שוואַרץ שוועלבעלע און פּאָכעט מיט די פליגעלעך. שלמה מיט פאַלין קענען שווערן, אַז דאָס ייִנגעלע האָט קיינעם נישט געמיינט מיט זיין האַרציקן ברוך־הבא נאָר זיי. פאַלי האָט אַליין באַמערקט, ווען דער וואָגאָן האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן וואָגן, ווי דאָס ייִנגעלע האָט זיי אַ גנבישן ווונק געטון מיטן אייגל. איז דאָך דאָס שוין זיכער אַ סימן, אַז ער האָט געמיינט נאָר זיי.

אָט איז אַ צעמענטענע בריק. אונטן פליסט אַ רואיקער טייך, ער זעט אויס ווי דעם דניעפּרס אַן אור־אור־איייניקל, נאָר דאָך איז ער שטאָלץ דערמיט, וואָס מענטשן האָבן אים נישט אַזוי באַזעצט ווי זיין „זיידן“. אמת, ער האָט טאַקע נישט קיין פליאַזשע, אָבער צו וואָס, צו ווען דאַרף ער זי? צו וואָס נוצט אים דער גרויסער יאַריד מיט די מאָטאָר־קאַטערן, מיט די בודקעס ווי אויף יעור־באַז, מיט די מאָדעלקעס אין אויסגעלאַסענע פאַרזעם? ביי אים זענען די ברעגן, וואָס אמת, בלאָטיקע, אָבער מיט וואָס פאַר אַ גראָז באַוואַקסן? מיט וויפל גאָלדענע קווייטלעך באַשפּרענקלט? זיין וואַסער איז לויטער ווי קרישטאָל, קיינער פליוסקעט זיך נישט אין דעם. זיין גראָז טאָפּטשעט קיינער נישט. זיינע קווייטלעך וואַקסן אומבאַרירט. ניין, ניין, איר מעגט אייך לאַכן, וויפל איר ווילט — עס איז בכלל נישט פאַר קיין גרויסשטאָטיקן צו פאַרשטיין דאָס און דאָס צו פילן — נאָר ער, דער טייך אַליין, אָט דאָס פאַריתומטע, פעלדישע וואַסערל, וואָלט זיך בשום אופן נישט געביטן מיט דעם באַרימטן, מעכטיקן, קראַסאַוויעץ־דניעפּר. שלמה

מיט פאַלין קוקן זיך איבער און פילן דעם האַרציק מיט: געדעכט איז דאָס טייכל, בפירוש געדעכט, עס דאַרף זיך טאַקע נישט בייטן...

ווי פון אונטער דער ערד גיט אַ טאַנץ אַרויס אַ לאַנקע מיט פרישן היי, עס איז אַ מחיה! עס פאַרשמעקט אַזש אין וואַגאָן אַריין, עס קיצלט אין דער נאָז, עס גלוסט זיך אַזש ווײנען פאַר גוטסקייט. אָט דאָס הייסט הנאה האָבן פון גאָטס וועלטל: קומען אַלע טאָג אַהער אין צווייען, ער — מיט העפטן, זי — מיט אַ בוך און מיט אַ קוישל גוטע שפּייז. נאָר זיי אין צווייען אונטער גאָטס הימל. אַך, וואָס פאַר אַ בוך עס וואָלט געבוירן געוואָרן אין אָט דעם שמעקנדיקן היי! ער וויל הערן פאַלים מיינונג וועגן דעם, נאָר זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט זיין געדאַנק און שאָקלט אים צו מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, זי איז אויך מסכים, אַז אויף אַזאַ וווּנדערלעכער לאַנדשאַפט וואָלט ער געשאַפן אַ וווּנדערלעכן בוך. יאָ, יאָ...

די זון נייגט זיך שוין ערנסט צו מערב. גאָר נאָענט צו דער באַן־ליניע קערן זיך אום טשערעדעס צוריק אין דאָרף אַריין. אָ! אַ גאַנצער ערב־רב: פערד, בהמות, שאָף. דערהערט דאָס פייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו גיט זיך די גאַנצע מחנה אַ טראָג איבערן פעלד, וואָס ווייטער פון אָט דער שוואַרצער חיה, וואָס שלינגט די ערד און שפּייט מיט פייער. פאַסטעכער כאַפּן זיך אַרויף — ווער אויף אַ פערד, ווער אויף אַ קו, מיידלעך באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי קריכן אַרויף אויף לאָשעקלעך, אויף קעלבלעך און די גאַנצע כאַליאַסטרע באַגלייט דעם צוג מיט קולי־קולות, עס פליען אין דער לופט היטלען, סאָניעטשניקעס און ליידיקע טאָרבעס. אויסגלייכנדיק זיך מיט זייער וואַגאָן ווערט דער טומל גאָר־גאָר שטאַרק. נו, איז דאָס נישט קיין באַווייז, אַז דער קבלת־פּנים איז באַזונדערס נאָר פאַר זיי? די קולות דער־ווייטערן זיך אַזוי שנעל, אַז עס איז נישט מעגלעך צו כאַפּן אפילו קיין איין וואָרט פון זייער געשריי... אָט יאָגט זיך אַקעגן זיי אַ גאַנצער מאַסיוו גע־אַקערט פעלד, דער האָריזאָנט ווערט ווידער שוואַרץ פון וועלדער... שווער צו טרעפן, וואָס איז אין רוסלאַנד דאָ מער, וועלדער צי פרייע ערד?

די נאַכט פאַלט צו. די זון צעקושט זיך מיט די שפּיצןביימער, מיטן מערבדיקן הימל־פּלאַך, זי זאָגט אָן, אַז קיינער זאָל דאָ גאָרנישט טשעפּען ביז אין דער פרי און טוקט זיך אונטער. דער דאָזיקער הימלווינקל, פון וואַנען די זון איז אַוועקגעגאַנגען אויף נאַכטלעגער, איז רויט פאַרווײנט פון דער געזעגענונג. ביסלעכוויז ווערט דער הימל בלייכער, גראָער, ווי מיט אַש באַשאָטן. אין קופּע צינדט זיך אָן די עלעקטרישע ליכט, דערפון ווערט דער דרויסן נאָך טונקעלער. דער האָריזאָנט — לחלוטין פאַרלאָשן, איבערן קאָפּ גיט שוין ווו נישט ווו אַ פינקל אַ גאָלדן שטערנדל, נישט מער ווי אַ פינקל און — גיי זוך עס...

שלמה מיט פאַלין הייבן זיך אויף פון זייערע ערטער, גלייכן זיך אויס די ביינער, קוקן איינער אויפן צווייטן, ווי מען זאָל זיך ערשט באַגעגנען פאַר אַ גאַנצן טאָג און צעלאַכן זיך אויפן קול. שלמה שליסט איין פאַלין אין זיינע אָרעמס און באַהאַלט איר פּנים ביי זיך אויפן האַרצן, אירע הענט

קאפיטל XLI

פארן פענצטער האט זיך געכוואליעט א שווארצער אקעאן... זעלטן ווען, אז ווייטע לעמפעלעך האבן זיי דערמאנט אין דעם, אז חוץ דער קופע עקזיסטירן נאך אויף דער וועלט שטעטלעך מיט דערפלעך, מענטשן און באשעפענישן... שלמה מיט פאלין האבן, אליין נישט באמערקנדיק, זיך באגעגנט מיט די הענט. ארום זיי האט געהערשט א הייליקע שטילקייט ווי צו כל־נדרי. אט איז אנגעלאפן עפעס א וואלד אין פענצטער אריין, עס האט זיך אנגעפילט די קופע מיט א פייכטקייט פון בעריאזע, מיט א גערויש פון בלעטער, אויפגעוועקטע פונעם שלאף און צעהוידעטע פון דעם צוג־אימפעט... פלוצלינג איז אפגעשפרונגען דער וואלד־מאסיוו און פאר זייערע אויגן האט זיך צעפינטלט א ים מיט ליכט. דער גאנצער האריזאנט איז געווען באגאסן מיט עלעקטריע. עס האט דורכגעשניטן די נאכטיקע לופט א יאמערלעכער קוויטש פון א סירענע. עס האבן זיך דורכגעשיפט פארן פענצטער גיגאנטישע קארפוסן פון דעפא־ווארשטאטן, פינף שטאקן באלויכטענע פענצטערלעך פון עפעס א פאבריק. פריילעך האבן זיך געגריסט קאלירטע לעמפעלעך, סעמאפאר־סיגנאלן. דער צוג האט אנגעהויבן פאלדעווען די ערד אונטער זיך, נאך איינגעהאלטענער, נאך איינגעהאלטענער, א ציטער, און — סטאפ!

שלמה מיט פאלין האבן גליקלעכע געקוקט איינער אויפן צווייטן.

— זאג נאר, מיר זענען צופעליק נישט איינגעשלאפן?

שלמה גיט האסטיק א שפרונג אויף, גייט צו צום פענצטער און פרעגט ביי עמעצן:

— ווי רופט מען די דאזיקע סטאנציע?

— טיערעשטשענסקאיא.

— און איך האב געמיינט: בריאנסק.

— א־א! ביז בריאנסק קענסטו זיך נאך גוט אויסשלאפן. איר וועט זי ערשט האבן אין דריטהאלבן שעה ארום.

שלמה דרייט זיך אויס, הינטער אים שטייט פאלי.

— עס איז דיר נישט קיל, פאליא?

— ניין, ס'איז מיר נאך הייס...

— נישט דאס מיין איך... מיר וועלן אפשר א ביסל אראפגיין?

— און די קופע לאזן אליין?

— וואס זשע איז? זי וועט זיך איבערשרעקן? דערויף איז געמאכט געווארן א שליסל אין טיר.

שלמה הייבט אויף דאס פענצטער, ווארפט ארויף פאלין אויף די אקסלען איר מאנטל, נעמט אויף זיך זיינעם, עס גיט א קלונג דער בלאטשלאס און זיי גייען ארויס אויף דער פלאטפארמע.

דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט... און אַז מען דריקט זיך אויס אַ מאָל נישט אַזוי פּינקטלעך, איז אויך אַ קליינע געפאַר. פּושקין האָט געזאָגט:

Я не люблю русской речи, без грамматической ошибки...*

— בקיצור, דאָס האַרץ פּליט מיר אַרויס פאַר שרעק. לאָמיך שוין ווּיסן, אין וואָס באַשטייט מיין רשעות?

— מיר זענען שוין באַלד אַ האַלבן טאָג ביידע אַליין אָן אַן עדות און דו האָסט מיר נאָך אַפילו קיין איין קוש נישט געטון. אַ פרעמדער וואָלט שוין געמיינט, אַז דו האָסט מיך נישט ליב.

— אָבער דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז עס איז נישט אַזוי.

— יאָ, אָבער דאָס, וואָס איך ווייס דעם אמת, בייט דען די פאַקטישע לאַגע?

— פאָלי, האַרץ מיינס, דאָס איז פּונקט ווי אַ קינד שפּילט זיך מיט דער ערשטער פערעשקע, פאַרגינט זיך אַליין נישט זי צו פאַרזוכן...

— ווען? אַפילו איצט, ווען איך האָב אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט טייערס און ליבס אַוועקגעוואָרפן אויף אייביק צוליב דיר, צוליב אונדזער ביידנס גליק?

— יאָ, דו ביסט טאַקע גערעכט...

דעם ערשטן קוש אין זיין לעבן האָט שלמה איר געגעבן אין באַק.

— פאַר וואָס עפּעס אין באַק? דאָס מויל איז דען ביי מיר פאַרנומען?

שלמה האָט דעם צווייטן איר געגעבן אין די ליפּן.

— גיי, ביסט אַ שלימזל, נישט אַזוי קושט מען אַ כלה...

זי האָט פאַרפלאָכטן די הענט אַרום זיין האַלדז און זיך גיריק איינגעזויגן אין זיינע ליפּן. אירע פינגער האָבן ליידנשאַפטלעך געקנייפּט זיין האַלדז, געפּליקט די האָר פון קאָפּ. אַזוי צונויפגעפּרעסט אין איין קערפּער האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע און אין אָנמאַכט לאַנג אַזוי געבליבן פאַרגליווערט.

די רעדער האָבן ריטמיש אונטערגעזונגען: אַזוי קושט מען אַ כלה... אַזוי קושט מען אַ כלה...

ביי זיי ביידן איז געווען דאָס געפיל, אַז יעדער פון זיי האָט אויסגעזויגן ביז צו ענדע דעם צווייטנס נשמה.

פאָלי האָט זיך אַ בלייכע אָפּגעוואָרפן צום רוקן פונעם דיוואַן, שלמה האָט זיך אָנגעשפּאַרט ווייטער אַ ביסל. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי זאָל וועלן עפּעס זאָגן, נאָר שלמה, אַן אויסגעשעפּטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ גליקלעכן שמייכל אין די מויל־ווינקלען, האָט זי אָנגערירט ביי דער האַנט:

— אַצינד — שווייגן...

---

* איך האָב נישט ליב קיין רוסישע רייד, אָן אַ גראַמאַטישן פעלער.

קאפיטל XLI

פארן פענצטער האט זיך געבוואליעט א שווארצער אקעאן... זעלטן וועז, אז ווייטע לעמפעלעך האבן זיי דערמאנט אין דעם, אז חוץ דער קופע עקזיסטירן נאך אויף דער וועלט שטעטלעך מיט דערפלעך, מענטשן און באַ־שעפעניש... שלמה מיט פאלין האבן, אליין נישט באמערקנדיק, זיך באַ־געגנט מיט די הענט. ארום זיי האט געהערשט א היליקע שטילקייט ווי צו כל־נדרי. אט איז אנגעלאפן עפעס א וואלד אין פענצטער אריין, עס האט זיך אנגעפילט די קופע מיט א פייכטקייט פון בעריאזע, מיט א גע־רויש פון בלעטער, אויפגעוועקטע פונעם שלאף און צעהוידעטע פון דעם צוג־אימפעט... פלוצלינג איז אפגעשפרונגען דער וואלד־מאסיוו און פאר זייערע אויגן האט זיך צעפינטלט א ים מיט ליכט. דער גאנצער האריזאנט איז געווען באגאסן מיט עלעקטריע. עס האט דורכגעשניטן די נאכטיקע לופט א יאמערלעכער קוויטש פון א סירענע. עס האבן זיך דורכגעשיפט פארן פענצטער גיגאנטישע קארפוסן פון דעפא־ווארשטאטן, פינף שטאקן באלויכטענע פענצטערלעך פון עפעס א פאבריק. פריילעך האבן זיך גע־גריסט קאלירטע לעמפעלעך, סעמאפאר־סיגנאלן. דער צוג האט אנגעהויבן פאלדעווען די ערד אונטער זיך, נאך איינגעהאלטענער, נאך איינגעהאל־טענער, א ציטער, און — סטאפ!

שלמה מיט פאלין האבן גליקלעכע געקוקט איינער אויפן צווייטן.

— זאג נאר, מיר זענען צופעליק נישט איינגעשלאפן?

שלמה גיט האסטיק א שפרונג אויף, גייט צו צום פענצטער און פרעגט ביי עמעצן:

— ווי רופט מען די דאזיקע סטאנציע?

— טיערעשטשענסקאיא.

— און איך האב געמיינט: בריאנסק.

— א־א! ביז בריאנסק קענסטו זיך נאך גוט אויסשלאפן. איר וועט זי ערשט האבן אין דריטהאלבן שעה ארום.

שלמה דרייט זיך אויס, הינטער אים שטייט פאלי.

— עס איז דיר נישט קיל, פאליא?

— ניין, ס'איז מיר נאך הייס...

— נישט דאס מיין איך... מיר וועלן אפשר א ביסל אראפגיין?

— און די קופע לאזן אליין?

— וואס זשע איז? זי וועט זיך איבערשרעקן? דערויף איז געמאכט געווארן א שליסל אין טיר.

שלמה הייבט אויף דאס פענצטער, ווארפט ארויף פאלין אויף די אקסלען איר מאנטל, נעמט אויף זיך זיינעם, עס גיט א קלונג דער בלאט־שלאס און זיי גייען ארויס אויף דער פלאטפארמע.

אַ רויטע עלעקטרישע אויפשריפט דערציילט אַנצינדנדיק זיך און אויס־לעשנדיק, אַז דער צוג וועט זיך דאָ פאַרהאַלטן צוואַנציק מינוט. זיי גייען אַריין אין רעסטאָראַן, דאָרט איז פול געפּאַקט מיט מענטשן. אַלע טישלעך זענען פאַרנומען. די קעלנערקעס יאָגן אַרום צווישן די טישלעך ווי די פאַר־סמטע מייז. פון אַלע ווינקלען הערט זיך אַ שיסן פון קאָרקעס, דאָס עפנט מען וויין, ביר און אַלערליי בראָנפנס. שלמה מיט פאַלין מאַכן זיך מיט די עלנבויגנס אַ וועג צום בופעט. ביי אַ טישל אין אַ זייט זיצט אַ קאַפּי־טאַן מיט אַ ציווילן יונגנמאַן. זיי באַמערקן פאַלין און גיבן זיך אַזש אַ הייב אויף פונעם בענקל. פון פאָרנט איז אַ געפּערלעכער געדראַנג, שטייט זי אויף איין אָרט און זיי קענען נישט אָפּרייסן די אויגן פון איר. פאַלי פילט זיך נישט גוט און נעמט שלמהן אונטערן אָרעם. דער קאַפּיטאַן וואַרפט אַ קנאַה־בליק אויף אים און פרעגט מיטן ווונק זיין חבר: וואָס זאָגסטו עפּעס אויף דער פרי? יענער ווייזט אַ גראָבן פינגער פון דער האַנט* אַנשטאָט אַן ענטפער. פאַלי קערעוועט אָפּ דאָס פנים, שלמה גיט אויף איר אַ פאַרליבטן קוק.

— וואָס איז דאָס וווּנדער — טראַכט ער ביי זיך — וואָס מאַנסבלין קענען אויף איר גלייכגילטיק נישט קוקן, קיינער איז דאָך נישט פון אייזן. אַ פאַררויטלטע, מיט די צעלאָזענע לאָקן, מיטן מאַנטל אויף די אַקסלען, זעט זי אויס עפּעס אַזוי היימיש, אַזוי פּראָסט און גלייכצייטיק אַזוי ווייט און וווּנדערלעך ווי אַ לעגענדע — נו, געלויבט דער אייבערשטער, זיך קוים דערקליבן צום בופעט.

— נו, פאַליאַ, וואָס נעמען מיר?

— וואָס דו ווילסט.

— ניין, זאָג דו, דו ביסט די באַלעבאָסטע.

— שלמה, עס וועט אונדז סטאַיען פּראָוויאַנט, דאַכט זיך, אויף אַ חודש, אַזוי פיל האָט אונדז דיין מאַמע מיטגעגעבן.

— וואָס זשע זאָלן מיר פון דעסט וועגן קויפן?

— שלמה, ערנוואָרט, איך ווייס אַליין נישט, קויף, וואָס דו ווילסט און קום.

— איך וועל נעמען עטלעכע מאַראַנצן. אין דער פרי וועלן מיר קריגן פרישע. נים זענען דאָ זייער שיינע, זעסט? וועל איך נעמען אַ קילאָ און שאָקאָלאַד עטלעכע פּליטקעס**. חוץ דעם האָבן מיר אַלץ.

— זאָל זיין אַזוי.

— און איצט, אַזוי ווי מיר דאַרפן אין וואַגאָן באַלד נעמען עסן, וועלן מיר אויסטרינקען צו כוסות ליקער; דאָס וועט אויפוועקן דעם אַפּעטיט.

— שלמה, איך וועל נישט קענען אַזוי פיל.

— וועסט קענען, ליקער טרינקט זיך זייער גרינג.

---

* אַזאַ סימן ביי אויסגעלאַסענע יונגען, אַז די זאַך איז זייער אַ גוטע.

** טעוועלעך.

די פאַרקויפערין ביים בופעט, אַן אָפּגעפּאָרענע אַריסטאָקראַטקע מיט שמאָלע, פאַרוועלקטע בעקעלעך, האָט פאָלין ממש געגעסן מיט די אויגן. דערלאַנגענדיק איר דעם בעכער האָט זי איר שטיל מיט קנאה געזאָגט:

— נעם, גליקלעכע... פאַרשלאָף נישט דיין וועסנע... איך בין אַ מאָל אויך אַזוי געווען... כמעט אַזוי... אָבער קיין שכל נישט געהאַט... און קיין מזל אויך נישט...

פון דער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך דערטראָגן צוויי קלונג. צעצאָלט זיך אין בופעט האָבן זיי גענומען די שקאַרמוצלעך מיט די נאַשערייען און גע־לאָפן צום צוג. ווידער האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף די שטעכיקע בליקן פון דעם קאַפּיטאַן מיט זיין באַגלייטער. זיי האָבן, אַ פנים, געוואַרט אויף אַ צווייטן צוג און האָבן באַגלייט דאָס שיינענדיקע פּאָרל ביז אויפן פּעראָן מיט דורשטיקע, נישט פאַרגינערישע בליקן. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך ווידער געמאָלדן אין דעם אויף דאָס ניי געעפנטן פענצטער דעפּאָען און סקלאַדן, סעמאַפאָרן און גאַנצע גאַסן מיט ליידיקע, פינצטערע וואַגאָנעס. נאָך אַ מינוט פינף האָבן זיי ביידע נאָכגעשפּירט נאָך די איינציקע לעמ־פעלעך אויפן האָריזאָנט, נאָך דעם איז אַלץ פאַרשוואונדן. עס זענען גע־ווען די לעצטע טעג פון חודש. די פינצטערניש איז געווען געדיכט אַזוי ווי סמאָלע און עס האָט פון איר געטראָגן אַ מיט קעלט אַ מיט פייכט־קייט. שלמה האָט צוריק אויפגעהויבן דאָס פענצטער, פאַררוקט דאָס פאָר־הענגל און דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן טאָג גענומען באַקוקן די קופּע.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז געווען זיין אייגן פנים. דאָס ווייסע היטל האָט געשאַפן אַ קאָנטראַסט צו זיינע שוואַרצע אויגן. די שוואַרצע לאָקן זענען הנעוודיק געלעגן פאַרלייגט איבער זיינע אויערן. די ליפּן האָבן אויסגעזען ווי צוויי ברענענדיקע שנירלעך. בכלל האָט ער אויס־געזען אַזוי אויפגערוימט, אַזוי יום־טובדיק, ווי ער געדענקט זיך נאָך קיין מאָל נישט אין זיין לעבן. ער האָט צוגענומען די אויגן פונעם שפּיגל און באַטראַכט דאָס איבעריקע מעבל: צוויי דיוואַנעס איבערגעצויגן מיט גרי־נעם פּליוש. צווישן זיי, אַ שמאָל געשניצט טישל, אויף וועלכן עס האָט געברענט אַ שיינער טישלאָמפּ אונטער אַ ראָזע אַבאַזשור. דער פּאָל איז געווען באַדעקט מיט אַ פּרעכטיק טעפּיכל. דער קרישטאָלענער שפּיגל — אויף אַ דעמבענעם פּאָסטאַמענט אין אַ ניקעלנער ראַם. אין ווינקל, הינטער אַ געקווייטלטן פאָרהאַנג, — אַ קראַן מיט אַ שיינעם בעקן. אויף דער טיר און אויפן פענצטער — שוואַרצע, קאָרטענע פאָרהאַנגען. די מאַט־ראָזע שיין, אין וועלכער די קופּע — אַן איינגעטונקענע אין פּליוש און אין קרישטאָל, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שלאָפצימער ביים ברעג פון ים באַלד נאָכן זונען־אויפגאַנג — האָט צערטלעך געגלעט די אויגן און געמאָנט ביי די מענטשן פרייד און גליק. שלמה איז געבליבן צופרידן מיט דער מעבלירונג. ער האָט נאָך אַ מאָל געוואָרפן אויף זיך אַ בליק אין שפּיגל, אָפּגעווישט אַ פּינטעלע פון דער נאָז, פאַרריכט דעם שניפּס און זיך אומגע־קוקט.

פאָלי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער טיר און געלאַכט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געשפּיגלט? האָסט זיך נאָך נישט געזען?

— אודאי נישט. פון זינט איך האָב דיך, האָב איך זיך אַליין נאָך נישט געזען.

— הייסט עס, אַז פון פאַראַכטאָגן פריִיטיק אָן האָסטו אויף זיך קיין קוק נישט געטון אין קיין שפּיגל?

— פרייטיק איז פרייטיק און היינט איז היינט. היינט איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— וואָס זשע פאַר אַ נייעס זעסטו היינט אויף דיין פּנים?

— זייער פיל נייעס. אַ נייע הויט איז אויף דעם אַרויפגעצויגן געוואָרן.

— אַ נייע קען אַ מאָל זיין אַן ערגערע...

שלמה נעמט אַרום פאָלין:

— די נייע הויט געהערט צו דיר, קען זי דען זיין אַן ערגערע?

— נאָר די נייע — און די אַלטע געהערט נישט צו מיר?

— געהערן געהער איך אין גאַנצן צו דיר, נאָר אין דער נייער וויל איך זאָגן, ביסטו די שולדיקע.

פאָלים אויגן זענען טונקל־ברוין, דאָס פּנים פלאַמט — אַ העליש פייער.

— דו היט זיך היינט פאַר מיר, שלמה. איך בין היינט אַ ביסל שיכור...

— פון וואָס זשע דאַרף איך מיך היטן? קענסט שלאָגן?

— נאָך ערגער...

— גוט, איך וועל מיך היטן.

פאָלי צעלאַכט זיך. איר געלעכטער פילט מיט זיך אָן די גאַנצע קופּע.

— איך האָב געשפּאַסט און דו מיינסט אויף אַן אמת. שאַ! מיר האָבן דאָך גאָר היינט אויף דער נאַכט אַן ערנסט שטיקל אַרבעט.

— אודאי! און גוט, וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט. אָבי, הייסט עס, מיר האָבן געמאַכט אַ „לחיים" און פאַרבייסן דאַרף מען נישט?

— נישט דאָס האָב איך געמיינט...

— פאַר וואָס נישט דאָס? וואָס פאַר אַן אַרבעט קען נאָך זיין בילעבער?

— איז וואָס זשע, ווילסטו, זאָל איך אַצינד געבן צום טיש?

— דאָס איז נישט מיין עסק, דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין „שלחן־ערוך" און איך וויל דיר נישט משיג־גבול זיין. וואָס דיין יושר פאַרטראָגט, דאָס דערלאַנג.

פאָלי האָט זיך גענומען צו די קוישלעך און שלמה האָט עפּעס ענדיק דאָס פענצטער זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

ביים טיש פרעגט ער זי:

— הייבן מיר אָן, הייסט עס, פון די לעבערלעך מיט די גריוון?

— וואָס זשע? האָסט געוואָלט עפּעס אנדערש?
— וואָס פעלט דיר איין? איך קען דען וועלן נישט דאָס, וואָס דו?
— פאַר וואָס זשע נעמסטו נישט קיין זויערע אוגערקע?
— עס איז מיר אַ שאָד זויער מאַכן די זיסקייט, וואָס איך שפּיר אין מויל.
— איי, מאַך זיך נישט נאַריש און עס ווי אַ מענטש.
— יאָ, און וואָס זשע דערמאָנט דיך די קופּע, פּאָליאַ?
— וואָס, די קופּע? — אַ־האַ! האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה! נו, אדרבה, טרעף!
— איך ווייס? אפשר האָסטו געהאַט אַזאַ בודואַר אין קאַליגינדאָרף?
— גיי, ביי דיר הייבט זיך נישט אָן קיין לצנות.
— נו, ווי אַזוי זשע דען זאָל איך טרעפן? שאַ, באַלד וועל איך מיך דערמאָנען, אין וועלכן פילם עמעצער פאַרט אין אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן, באַלד... באַלד...
— איי, שוויינג שוין בעסער, דו קענסט זיך שוין דערמאָנען שיינע זאַכן... דאָס צימער דערמאָנט מיר אַ ביסל די וווינונג, וואָס דו האָסט מיר אָפּגעמאָלט דאָנערשטיק ביי נאַכט אויף מאַלאָ־וואַסילקאָווסקע. עס פעלט נאָר די בערנפעל מיט דעם שוואַרצן עק, כאַ־כאַ־כאַ...
— אָט דאָס גאָר מיינסטו? ווער האָט אַזאַ אייזערנעם זכרון צו געדענקען אַלע נאַרישקייטן, וואָס אַ מענטש רעדט אַ מאָל?...
און נאָך אַ קורצער פּויזע, ארומנעמענדיק פּאָלין ביי די אַקסלען:
— אָך ,פּאָלי, מען דאַרף דאָך זיין אַ בלינדער, אַז מען זאָל נישט זען די השגחה פּרטית, וואָס פירט אָן מיט יעדן איינציקן פון אונדז, אויף יעדן שריט. אַ שטייגער, נאָר אַ טראַכט טון, וואָס וואָלט געווען, ווען פּאַראַכטאָגן דינסטיק גייסטו נישט אין קינאָ? צי אפילו ווען דו גייסט יאָ, נאָר נישט אויף דער רויט־אַרמייאישער גאַס, מען זאָל מוזן דורכגיין נאָענט לעבן מיין וווינונג? וואָס וואָלט דאַמאָלסט געווען? דו וואָלסט נישט געוווסט, אַז איך האָב באַשלאָסן אָפּצופּאָרן, און וואָלסט דערפון ערשט געווויר געוואָרן, ווען איך וואָלט שוין געווען אוועקגעפאָרן...
— איך וואָלט דאָס נישט געווען איבערגעטראָגן, — שעפּטשעט פּאָלי און דריקט זיך צו מיטן שטערן צו שלמהס באַק.
שלמה נעמט אַראָפּ די שאָלעכץ פון אַ מאַראַנץ און פרעגט פּאָלין:
— וואָס זשע פאַר אַן ארבעט, האָסטו געזאָגט, האָבן מיר נאָך היינט, נאָך אַן ערנסטע, דאַכט זיך, אויך?
— זייער אַן ערנסטע, ערנסטער קען גאָר נישט זיין...
— אַה! עס איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן פאַר פּחד...
— לאַך, לאַך, עס וועט דיר ערשט קאַלט ווערן, וואַרט אויס...
— זאָג שוין, האָב רחמנות, צי נישט דעם מאַרך פון די ביינער...
— אודאי וועל איך זאָגן, מיינסט ניין? דו האָסט טאַקע ביי זיך געפועלט, אַז נאָר מאַרגאָלים האָט די זכיה צו זיין אַ מבין אויף דיין ווערק,

אָבער איך פון דעסט וועגן געפין, אַז עס מעג דיר אָנשטיין פריער מיר דאָס איבערצוליייענען. איך בין טאַקע נישט קיין שרייבערין, נאָר אויף מיין חתנם א ווערק וועל איך נאָך קענען זאָגן מבינות אַזוי גוט ווי א גרויסע ספּעציאַליסטקע.

שטורמיש ווי א וויכער, האָט שלמה א כאַפּ געטון פאַלין אויף די הענט און זיך אַזוי געדרייט מיט איר אויף איין פוס, ביז ער איז ווי א סנאָפּ אומגעפאַלן אויף דער סאָפע. קיין פּנימער האָט מען נישט געזען, עס האָט זיך נאָר דערהערט א ווייטיקלעכער קוש ווי א קרעכץ און נאָך דעם איז אַלץ שטיל געוואָרן. מען האָט נישט געהערט קיין אָטעמען פון קיינעם, ווי די קופּע וואָלט געווען ליידיק.

א פאַרזיכטיקער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן די שטילקייט. שלמה איז אויפגעשפּרונגען, א הייב געטון דאָס היטל פון פאַל און אָפּגעוואָרפן דאָס קייטל פון דער טיר. דער קאָנדוקטאָר פון וואַגאָן האָט זיך אַנטשולדיקט און געפרעגט, צי ווילן זיי נישט קיין טיי. שלמה האָט געהייסן אַריינברענגען. פאַלי איז געלעגן אויף דער סאָפע, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט א צייטונג, די אויגן פאַרמאַכט, דאָס האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט, זי האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר, ווי אין חלשות.

שלמה האָט זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזט ביי איר קאָפּ:

— פאַלי, טייערע, איך וועל מער נישט... ווען איך זאָל געוואוסט וויסן, אַז דיך צעקאָכט דאָס אויף אַזא שרעקלעכן אופן, וואָלט איך נישט געווען —

— רעדסט נאַרישקייטן, שלמה... היינט אויף דער נאַכט איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך דערלויב א מאַנסביל מיך א קוש טון, און דאָס מאָל נישט סתם א מאַנסביל, נאָר דעם ליבסטן מענטשן, וואָס איך האָב אויף דער וועלט. איך בין דאָך שוין אַלט צוואַנציק יאָר, וואָס זשע איז דער חידוש, אַז דאָס ווירקט אויף מיר... פאַרשיכורנדיק?... שאַ! ער גייט, דאַכט זיך, מיט דער טיי... איך בעט דיך, טרייב אים דורך, וועד דאַרף אים? ער פעלט מיר אויס מיט זיין טיי... לאָז, וועל איך מיך אויפהייבן, ער קען נאָך מיינען כ׳וויים וואָס...

דער קאָנדוקטאָר האָט אוועקגעשטעלט טיי אויפן טיש, געפרעגט צי ווילן זיי נישט קיין פרישע מאָסקווער צייטונגען, אפשר שאַך, שאַשקעס, דאָמינאָ?

שלמה האָט בעטנדיק א קוק געטון אויף פאַלין, יענע האָט שוין אָבער קאַלט געענטפערט, אַז קיין פרעסע מיט קיין „שפּילן" דאַרף מען נישט, טאָמער האָט ער עפּעס קאַלטע געטראַנקען, דאָס יאָ.

— וואָס ווילט איר טרינקען? — האָט העפלעך געפרעגט דער קאָנדוקטאָר.

— וואָס האָט איר?

— קרעם-סאָדע, לימאָנאַד.

— אויסגעצייכנט! גיט אונדז צו עטלעכע פלעשלעך פון ביידע מינים און מער דאַרפן מיר היינט אויף דער נאַכט גאָרנישט.

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך פאַרנויגט, פאַרשטייענדיק אַ בורטשע גע־טון און צוגעמאַכט די טיר.

פאַלי איז אָנגעפאַלן אויף שלמהן:

— וואָס האָסטו אַזוי געקוקט אויף מיר? ווילסט נישט לייענען? ווילסט בעסער שפּילן? לייענען מיר איז דיר נישט אינטערעסאַנט?

— פאַלי, וואָס בייזערסטו זיך? דו ווייסט יאָ, וואָס דו רעדסט? דיר וויל איך נישט לייענען? דאָס איז דאָך מיין בעסטער האָנאָראַר, דאָס אָנגענעמסטע, וואָס דו קענסט זיך נאָר פאָרשטעלן. נישט מער, איך האָב גערעכנט, אפשר וועט דיר זיין אָנגענעמער צו הערן מיך לייענען שוין פון בוך אײדער פון מאַנוסקריפּט.

— אַזוי פאַרשטייסטו? אַז איך זאָל דאָס ערשט לייענען גלייך מיט דער גאַנצער וועלט? נישטאָ וואָס צו רעדן! אַ געטרייער מאַן! אַלזאָ, עס איז באַשטימט, איידער דו לייענסט עס מיר נישט איבער, טראָגסטו דאָס נישט אָפּ צו מאַרגאַליסן.

— איך גיב זיך אונטער און דריק אויס אַ דאַנק דיינע ליפּן, פאַר דעם אורטייל, וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעטראָגן.

שלמה האָט זיך צעצאָלט מיטן קאָנדוקטאָר און פאַרוואָרפן דאָס קייטל. מען האָט אָנגעגאָסן די בעכערס. שלמה האָט הויך אויסגערופן:

— איך הייב אויף מיין בעכער פאַר דער ערשטער הייליקער סעודה אין אונדזער לעבן, וואָס מיר האָבן געפּראַוועט אין אונדזער אייגענעם רשות! זאָל דאָס זיין אַ גליקלעכער אָנהייב פון אַ לאַנגער ריי יאָרן, פון אַ פיל־פאַרביק לעבן, פון אַ טעטיק לעבן, אַ נוצלעכן פאַר דער מענטשהייט און קודם־כל פאַר אונדזער אייגן פאָלק. זאָלן אונדזערע געפילן איינער צום צווייטן נישט קילער ווערן אויף קיין איין רגע, ביז צום לעצטן הויך פון אונדזער לעבן...

פאַלי האָט אויפשטייענדיק מיטן בעכער אין דער האַנט געזאָגט:

— איך טרינק דערפאַר, אַז גאָט, אַזוי ווי ער האָט דיך אַרויסגעראַטע־וועט פון גוייאישע הענט, אַזוי זאָל ער אונדז ברענגען קיין ירושלים אין אַ גוטער און אין אַ מזלדיקער שעה... מיר זאָלן דאָרט אויף אַ גליקלעכן אופן ווערן געזעצלעכע מאַן און ווייב, זיך קיין מאָל נישט פאַרבייטן דאָס וואָרט, איינער מיטן אַנדערן, ווי דאָס טרעפט אַ מאָל ביי אונדזערע עלטערן... אונדזער בונד איז געגנוג שווער אָנגעקומען, דערפאַר מוז ער באַזונדערס אָפּגעהיט ווערן... מיר זאָלן זיין ווירדיקע קינדער פון דעם הייליקן לאַנד... עס זאָלן מקוים ווערן אַלע ווונטשן, וואָס מען האָט אונדז נאָכגעשיקט... און מיר זאָלן זוכה זיין ביי גאָט זיך גאָר גיך צונויפקומען מיט אונדזערע טייערע, טייערע עלטערן.

שלמה האָט קוים באַוויזן אַריינצושטעקן די ציין אין דער ליפּ. אַנ־דערש וואָלט ער זיך געוועזן צעוויינט אַזוי ווי פאַלי. ער האָט זי צאַרט אַרומ־

געגומען. קושנדיק איר פּנים, אויסגעזופּט אַלע אירע פּערלדיקע טרערן. פאַר דאַנקבאַרקייט האָט ער נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט. ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט, האָט שלמה איר געזאָגט:

— אויף דיין „לחיים“ וואָלט איך דיר עפּעס געדאַרפט ענטפערן, נאָר איך האָב מורא, אַז ווערטער וועלן נאָר קאַליע מאַכן דאָס, וואָס מיר גלוסט זיך דיר זאָגן.

— מען דאַרף גאָרנישט ענטפערן, נאָר לייענען. איך בין אַזוי נייגע־ריק...

— געפועלט, אָבער דו וועסט מיר מוזן מוחל זיין אייניקע קאַפּריזן, פּאַרפאַלן, אַזוי בין איך שוין. בשעת דעם לייענען דאַרף איך דיין פּנים נישט זען, דאָס קען מיך אַרויספירן פון גלייכגעוויכט. אַלזאָ וועל איך אויסדרייען דעם לאָמפּ אַזוי, אַז דו וועסט אין גאַנצן פאַרשווינדן אין שאָטן. דער צווייטער באַדינג: אויף קיין שום סטאַנציע לייגן מיר נישט קיין אכט. דאָס פענצטער פאַרהענגען מיר — געגוג דער זייגער אויף דער וואַנט. דער דריטער באַדינג איז: דו דאַרפסט מיר געבן דאָס וואָרט, אַז ווי נאָר עס וועט דיך אָנהייבן צו שלעפערן, אַזוי זאָגסטו מיר באַלד, וועל איך אויפהערן צו לייענען.

— איך בין מער ווי זיכער, אַז עס וועט מיך נישט שלעפערן.

שלמה טרינקט אויס אַ גאַנץ פלעשל קרעם־סאָדע און הייבט אָן...

קאפיטל XLII

ווי דורך א כישוף פארשווינדט די גאנצע ווירקלעכקייט. נישטאָ מער קיין קופע. נישט קיין קיעוו הינטער זיי, נישט קיין מאָסקווע פאַר זיי. דאָס אַלץ איז ערגעץ ארויסגעלייענט פון א ביכל און די ווירקלעכקייט פליסט פון שלמהס ליפּן גלייך אין דער פינצטער אריין, ווו פּאָלי כאַפּט זי אויף מיט דורשטיקע אויגן און אַן אויסגעשטרעקטן האלדז. דער צוג שטעלט זיך, דער צוג רירט זיך... לאָקאָמאָטיוון רעווען אויף קולי־קולות... גלעקער זאָגן אָן דעם אָפּגאַנג. מענטשן לויפן פאַרביי דעם פענצטער אויף און אָפּ, שרייען, פּילדערן... נאָר דאָס אַלץ איז פאַר דער איבעריקער וועלט. שלמה מיט פּאָלין זענען טויב צו דעם אַלעמען, זיי לעבן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, וואָס איז זייער ווייט פון דעם אַלעמען, וואָס קומט פאַר פון יענער זייט פענצטער.

שלמה ענדיקט אַ קאַפּיטל און גיט אומגערן אַ קוק אויפן זייגער: פינף און צוואַנציק מינוט נאָך זעקס! ער גיט אַ דריי אויס דעם לאָמפּ ווי ער איז פריער געשטאַנען, דער ראָזע פרימאָרגן פאַרפלייצט ווידער די קופּע און ער באַטראַכט פּאָלים ברענענדיקע אויגן.

— וואָס טוסטו, שלמה? פאַר וואָס לייענסטו נישט?

— אין פערציק מינוט אַרום איז מאָסקווע. פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ, צעדרעבעט זיך!

שלמה רוקט אָפּ דעם פאָרהאַנג, לאָזט אַראָפּ דאָס פענצטער, שליסט אויס דאָס ליכט און אין קופּע ווערט מיט אַ מאָל טאָג. די זון, אַ פרייַלעכע, אַ שטראַלנדיקע, שטייגט אַרויף. דער גאַנצער אַרום איז וואָך. אַלע וועגן זענען פול מיט אויטאָס און מיט וועלאָסיפּעדיסטן. דער צוג טראָגט זיך ווי אַ רוח פאַרביי סטאַנדאַרטנע אַרבעטער־שטעטלעך. לאַנגע איינאַרטיקע מויערן אַזוי ווי קאַזאַרמעס, מאָגערע גערטנדלעך, אַרומגעשווירענע אַזוי ווי אַ דיאַק*... אויף אַ צווייטער ליניע באַמערקן זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַן עלעקטרישן צוג. עס שמעקט שוין מיט מאָסקווע. עס פילט זיך שוין די אָדערן און די נעגל פון דער גרויסער, אַלמעכטיקער בריאה, וואָס מען רופט: מאָסקווע. עס טראָגט זיך שוין אין דער לופטן דער ריח פון דעם פינפמיליאָניקן מענטשן־קנויל. און עס כאַפּט זיי מיט אַ מאָל אָן אַזאַ בענקעניש נאָך די פאַרנאַכטיקע ווינטמילן מיט דער פרייַלעכער קאָמפּאַניע ביים טויק, נאָך דעם שטילן טייכל מיט דער שמעקנדיקער לאָנקע.

שלמה כאַפּט אַ קוק אויף פּאָלין און לייענט איבער אין אירע אויגן דאָס זעלבע, וואָס אין זיינע געפילן. ער נעמט איר האַנט אין זיינער און זאָגט שטיל:

— פּאָליטשקע, מיר פילן אַצינד איינס און דאָס זעלבע. מיר זענען

---

* געהילף ביי אַ גלח.

במעלניקער מיט לייב און לעבן, דאָס דאַרף רעדט צו אונדזער נשמה, דאַקעגן די גרויסע שטאָט שרעקט אונדז, יאָגט אָן אויף אונדז אַן אומעט... מילא, לאָמיר דערפון נישט רעדן. זאָג מיר, פּאָלי, עס טוט דיר באַנג, וואָס דו ביסט היינטיקע נאַכט איבער מיר נישט געשלאָפן?

פּאָלי הייבט אויף אירע אויגן אויף אים. זיי זענען פול מיט ליבע און פאַרגעטערונג. זי שפּאַרט זיך אָן אין זיין אָרעם און פליסטערט פאַרשטיקט:

— שלמהלע, ליבער, טייערער! איך האָב נישט קיין ווערטער פאַר דיין ווערק, איך זע נאָך איצט מיט מיינע אויגן אַלץ, וואָס דו האָסט געלייענט, איך האָב נאָך נישט אויפגעוואַכט, ביי מיר איז נאָך נאַכט...

זי שווייגט אַ ווײַלע און גיט צו מיט אַ זיס שמייכעלע:

— איך געדענק נאָך דיין שפּילן אין פּושטשע־וואָדיצע, איך געדענק עס גוט — גוט און וועל אייביק געדענקען דיין זיסן Спой мне דיין Вернись בכלל אַלץ, וואָס דו האָסט געשפּילט. ס'איז געווען וווּנדערלעך

— וואָס איז דאָ צו שמועסן? נאָר פון דעסט וועגן איז דאָס פּאָרט נישט דאָס, וואָס דיין בוך. דאָ ליגט באמת דיין גאַנצער טאַלאַנט אָדער, ווי דו האָסט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: דיין גאַנצע נשמה. אַך! איך קען גאָר נישט צוזוכן קיין פּאַסיקע ווערטער. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז ווי נאָר מיר קומען אונטער אַ דאַך, אַזוי שפּאַרן מיר זיך אָפּ פון דער גאַנצער וועלט און דו ענדיקסט מיר לייענען דיין בוך, איך וויל פון גאָרנישט וויסן. ביי מיר איז נאָך נישט מאָסקווע... אַזוי לאַנג ווי איך האָב נישט אויסגעהערט דעם בוך דיינעם ביזן סוף, וויל איך אויף מאָסקווע אפילו קיין קוק נישט טון...

און פּונקט ווי אויף צו להכעיס איז אין פענצטער שוין דווקא יאָ געווען אויף וואָס צו קוקן. די שטאָט האָט זיך אָנגערוקט אויפן צוג מיט אַלע אירע באַרימטע טורעמס און קופּאָלן. גיגאַנטישע זאַוואָדן אויף גאַנצע קילאָמעטערס האָבן אַרומגענומען די שטאָט ווי אַן אייזערנע רייף. מיליטער־לאַגערן מיט טויזנטער ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. טראַמווייען האָבן זיך משוגענערווייז געטראָגן אין צענדליקער ריכטונגען. אָט איז אַ טראָליי־בוס, דאָס האָט מען נאָך אין קיעוו נישט געזען. די שטאָט וויקלט זיך פונאַנדער אַלץ ברייטער און טיפער. עס פליען פאַרביי דעם פענצטער סקווערן און פּלעצער, מויערן און בריקן.

— וווּהין זשע פאָרן מיר צו, שלמה?

— צו מיינע פעטערס, זיי וווינען אין „ציגימאַש“.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ פעטערס?

— דו געדענקסט נישט, ווען איך האָב זיך ביי זיי אויפגעהאַלטן, באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין קיעוו? זיי האָבן געוווינט אין מירקינס־הויז. דאָס זענען מיין מוטערס צוויי ברידער, אינזשעניערן־אַקאַדעמיקער. קאָמוניסטן פון יאָר 1917 אָן. זיי האָבן מיך שטאַרק ליב, נאָר זיי קענען מיר נישט מוחל זיין, וואָס איך גיי נישט אויף זייער וועג. זיי באַטראַכטן מיך פאַר אַ

בלינדן, א בלאנדזשענדיקן. מען האט זיי פריער מודיע געווען וועגן אונדזער אנקומען. שא, וואס איז דאס?

זיי זענען ארונטערגעפארן אונטער א גוואלדיק גרויסן, אייזערנעם, געפלאכטענעם דאך. דער צוג האט פארלאנגזאמט דעם גאנג. אלץ שטילער, אלץ שטילער, זיך א ווארף געטון און — מען שטייט שוין.

אויף הונדערטער ערטער איז געווען אנגעשריבן:

מאסקווע, בריאנסקער וואקזאל.

אין וואגאן זענען אריין טרעגער מיט ווייסע פארטעכער מיט נומערן. שלמה האט געהייסן זיך צוטראגן די זאכן צו א טאקסי. דעם שאפער האט ער א זאג געטון: „ציגימאש". יענער האט נאר א שאקל געטון מיטן קאפ און דער אויטא האט זיך איינגעשלאסן אין דעם זודיקן שטראם פון מאשינען. זיי האבן זיך באוועגט זייער לאנגזאם, אויף מאסקווער גאסן איז געגנונג ענג. ענדלעך האט דער שאפער זיך אויסגעדרייט צו שלמהן און העפלעך געפרעגט:

— צו וועלכער פאראדנע דארפט איר?

שלמה האט אים געזאגט דעם נומער פון דער וווינונג און דער שאפער, פירנדיק לאנגזאם דעם אויטא לענג־אויס די פאראדנעס, האט געזוכט דעם נומער. באלד האט ער אפגעשטעלט דעם אויטא:

— אט דא איז דאס, ביטע.

די וווינונג איז געווען אין פארטער, באלד אויפן קארידאר. אויפן קלונג האט מען נישט געעפנט. עס איז ארויסגעגאנגען א שכנטע, נייגעריק באקוקט די געסט און געזאגט:

— אויב איר דארפט לאזאר אסיפאוויטשן און וולאדימיר אסיפאוויטשן, מוזט איר זיך מטריח זיין אין זיבעטן קארפוס, זיך אויפהייבן אויפן ניינטן שטאק, דארט אין קאנסטרוקטארן־ביורא קענט איר זיי טרעפן.

שלמה האט איר באדאנקט און איבערלאזנדיק פאלין ביי די זאכן זיך געלאזט זוכן זיינע פעטערס. אויפן הויף האט שלמה פלוצלינג דערזען זיין עלטערן פעטער לייזער. ער איז געלאפן מיט אן אימפעט פון איין קארפוס אין צווייטן. שלמה האט זיך צו אים א יאג געטון:

— לייזער, לאזאר, חבר גאלדין!

לייזער האט אים גלייך דערקענט, נאר אפילו קיין שלום־עליכם נישט געגעבן:

— שלמה, איך האב איצט א שמועס מיטן נארקאם... נא דיר דעם שליסל... פיל זיך ביי מיר ווי אין דער היים... איך מיט וואלאדיען וועלן שפעטער אריינקומען... איך לויף צום טעלעפאן... זיי נישט ברוגז...

שלמה מיט פאלין האבן אין דער וווינונג געטראפן א שרעקלעכן כאאס. קיין זאך איז נישט געלעגן אויפן ארט.

די וווינונג איז באשטאנען פון צוויי שלאפצימערן, איין גרויס עסצימער, א קיך און א באדצימער. אין יעדן שלאפצימער זענען געשטאנען צו צוויי בעטן. עס ווייזט אויס, אז אין איין צימער האט געוווינט לייזער און

אין צווייטן — וואָלאָדיאַ. נאָר ווו עס זענען זייערע בני־בית, פאַר וואָס עס איז אין שטוב אַזאַ איבערקערעניש, — דאָס האָט שלמה נישט געקענט פאַרשטיין. זיי האָבן אין עסצימער, נאָך פיל האָרעוואַניע, אָפּגערוימט אַ ווינקל אויף קענען אַוועקשטעלן און צעפּאַקן זייערע חפצים. שלמה האָט זיך אין אַ שלאָפצימער געשטעלט דאַווענען און פאָלי איז אַוועק אין באָד־צימער זיך אַרומוואַשן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי זיך באַגעגנט ביים טיש, פרישע, פריילעכע, מונטערע און גליקלעכע. דער ראַדיאָ האָט פּונקט טראַנסלירט אוקראַאינישע נאַציאָנאַלע לידער. דאָס האָט דערקוויקנדיק געווירקט אויף זיי. אויפן שיינעם סערוועטל, וואָס פאָלי האָט אַרויסבאַקומען פון איר וואַליזע, איז געלעגן אַ געפּרעגלטע גאַנדז, אונטערגעבעט מיט אַ גאַנצן הויפן שעמערירנדיקע מיט זייער ווייסקייט, האַנטעכלעך און טיכלעך און מיט היפּשע עטלעכע בויגן נישט־דורכנעצנדיקן פּאַפּיר. אין אַ מאָמענט, ווען שלמה האָט גראָד נישט געקוקט אין איר זייט, האָט פאָלי בפירוש געוואָרפן אַן אומעטיקן בליק אויף דעם אָנגעגלאָזטן בופעט, פון וואַנען עס האָבן געריצט דאָס אויג פּרעכטיקע סערוויזן געשיר. אין איר בליק האָט דורכגעשוועבט אַ ווייטער אָפּשיין פון באַהאַלטענעם צער, ער איז בשעת־מעשה געווען ענלעך אויף דעם בליק פון קרילאָווס פוקס, ווען ער האָט אַ פאַרשמאַכטער באַטראַכט די אַרומגערויזטע צייטיקע ווייַנטרויבן. אָבער אויסרעדן וועגן דעם אַ וואָרט צו שלמהן, דאָס האָט זי נישט געוואָגט. וועגן אַזעלכע שטותים גאָר אויפמישן אַ שמועס? גאָט באַהיט! אַ דאגה איר, צי מען וועט עסן פון אַ שמאַטקעלע, צי פון אַ טעלער, אַבי מיט שלמהן! מיט איר טייערן, געליבטן, געגאַרטן שלמהן... יאָ, די ליבע צו איר חתן איז געווען צו גרויס, דאָס גליק — צו באַרוישנדיק, אַז אַזעלכע נאַריש־קייטן זאָלן ערנסט ווענדן אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט.

מיט שטראַלנדיקע פּנימער און הערצער, איבערפולטע מיט גליק איבער אַלע ברעגן, האָבן זיי צעעפנט דאָס פענצטער, העכער געמאַכט דאָס קול פון דעם ראַדיאָ און איבערגעביסן מיט אַפּעטיט.

קאפיטל XLIII

דאָס גלעקל ביי דער טיר האָט אַ ציטער געטון און שלמה האָט אַריינ־געלאָזט זיינע ביידע פעטערס. זיי האָבן זיך מיט אים צעקושט. שלמה האָט זיי צוגעפירט צום טיש און זיי פאָרגעשטעלט פאַר פאָלין:

— זייט באַקאַנט, טולטשינסקאַיאַ פּאָלינאַ יאַקאָוונאַ.

לייזער האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים:

— ווייטער?

— קיין ווייטער איז נישטאָ.

— הייסט עס, זיי זענען נישט דיין? —

— זי איז יאָ מיינע... אַ גוטע באַקאַנטע.

— און מער גאָרנישט?

— מער? נו, גאָר אַ גוטע באַקאַנטע...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. די פעטערס האָבן זיך גענומען אויספרעגן ביי שלמהן:

— וואָס טוט עפּעס דער טאַטע, די מאַמע?

— נישקשה, אַ דאַנק.

— די מאַמע איז דאָך, דאַכט זיך, ווינטער געווען נישט געזונט?

— ע, זי האָט שוין אין דעם פאַרגעסן.

— און ווי אַזוי גייט עס דעם טאַטן אין דער פּרנסה?

— אַזוי זיך, אַלנפאַלס בעסער ווי אין כמעלניק.

— וואָס איז זיין אַרבעט? אַלץ מסחרימלעך?

— ווי אַ מאָל. עס טרעפט זיך, אַז נאָר קליינע מסחרימלעך און אַ מאָל טרעפן זיך אויך גרויסע מסחרים.

— דו ביסט אַלץ דער זעלבער. יעדע זאַך איז ביי דיר אַ שפּאַס.

— וואָס דען וואָלט איר געוואָלט, איך זאָל מיך זעצן קלאָגן, וואָס מיין טאַטע איז נישט קיין וועכטער אין ציגימאַש?

— נו, מילא, יעדער האָט זיך זיין דרך אין לעבן. און דו אַליין וואָס טוסט עפּעס?

— איך? איר זעט דען נישט, וואָס איך טו? איך האָב מיך גענומען צו אַ גאַנצער גאַנדז און מאַך פון איר אַ הויפן ביינער...

— און וואָס נאָך טוסטו? חוץ דעם קאַליע מאַכן אַ גאַנדז?

— חוץ דעם קאַליע מאַכן אַ גאַנדז, אַז עס טרעפט זיך, מאַך איך אַ מאָל קאַליע אַ גלאָז וויין אויך.

— מיטן גרעסטן כבוד, האָסט פונקט געטראָפן, ס'איז צופעליק דאָ.

לייזער הייבט זיך אויף, גייט צו צום בופעט און ברענגט צו טראָגן אַ ווייסע פלאַש וויין מיט גלעזלעך.

— איך האָב געזאָגט אין אַ ווערטל און דו האָסט געמיינט אויף אַן אמת.

— וואָס פאַר אַ ווערטלעך גאָר? נאָך פלייש איז גוט זיך דורכשווענ־קען דעם האַלדז.

— יאָ, נאָר מיר ווילט זיך אצינד נישט. אפשר ווילט איר, פּאַליאַ?
זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. וואָלאָדיאַ גיט אַ בורטשע:
— דיין „נאָר גוטע באַקאַנטע" וויל נישט, ווייל דו ווילסט נישט.
— וואָס פעלט דיר איין? זי איז אַן אומאָפּהענגיקער מענטש.
— מילא, ווילסט נישט, דאַרף מען נישט, דאָס איז דיין זאַך. ביסט אויף לאַנג געקומען קיין מאָסקווע?
— דאָס קען איך נאָך נישט וויסן. עס איז געווענדט אין דעם, ווי גיך איך וועל פאַרטיק ווערן.
— האָסט עפּעס וויכטיקע געשעפטן דאָ צו דערליידיקן?
— ווו האָט איר געזען, אַז אַ ייד זאָל קומען קיין מאָסקווע נישט צו־ליב וויכטיקע געשעפטן?
— מען מעג זיי וויסן? צי דאָס איז אַ סוד?
— פאַר מיין מאַמעס ברידער אַ סוד? איך האָב נישט אַזעלכע הייליקע סודות.
— איז וואָס זשע קלייבסטו זיך טון אין מאָסקווע?
— ערשטנס דאַרף איך אַ קלייניקייט דערליידיקן אין פאַרלאַג.
— וואַרט נאָר אויס, עפּעס האָט דאָך מיר גאָר דיין מאַמע אַ פּאָר מאָל געשריבן, אַז דו שרייבסט אַ גרויסן בוך. איז דאָס אמת?
— פון נישט האָבן וואָס צו טון...
— איך בעט דיך, וואַרף שוין אַוועק דיין חסידישן עניוות, דאָס איז גאָרנישט צום פּנים פאַר קיין שרייבער.
— נאַראָנים וואָס איר זענט! ווען איך פאַרמאָג אין עניוות, וואָס מיר פעלט צו עניוות, וואָלט איך דאָך טאַקע געווען אַן ערלעכער ייד.
— מילא, אַז עס געפעלט דיר אַזוי שטאַרק, האַלט זיך מיט דעם. איז, הייסט עס, האָסטו געבראַכט אין פאַרלאַג אריין אַ ווערק צו דרוקן?
— אַזוי דאַרף עס הייסן.
— אָט אַזוי זשע רעד און מאַך זיך נישט טאַמעוואַטע.
לייזער לויפט צו צום בופעט, ברענגט פון דאָרטן נאָך צוויי בעכערס און אַ הויפן גאָפּלען. ער גיסט אָן אַלעמען וויין, הייבט אויף דעם כוס און זאָגט פייערלעך:
— איך טרינק פאַרן דערפאָלג פונעם יונגן שרייבער פּיאַטיגאָרסקי, דער ערשטער שרייבער אין אונדזער משפּחה. איך ווינטש אים מיט דער צייט צו ווערן איינער פון די אָנגעזעענסטע, פון די באַליבטסטע שרייבער אין ס.ס.ס.ר. לויט זיינע פעאיקייטן איז דאָס זייער מעגלעך. לאָמיר זיין געזונט!
ער קערט איבער דעם בעכער אין מויל אריין. אַלע, חוץ שלמהן, טרינקען אויס.
אַלע באַטראַכטן פאַרוואונדערט, ווי שלמה שטודירט דאָס עטיקעטל אויף דער פלאַש. ערשט ווען ער איבערצייגט זיך, אַז דער וויין איז נישט פון טרויבן, גיט ער אַ שולדיקן שמייכל און טרינקט אויך אויס. לייזער נעמט

א גאפּל, וויל אָנשטעכן א שטיקל גאָנדז, נאָר שלמה נעמט איבער אין דער לופטן זיין האַנט און גיט צו אים א שמייכל:

— מיט דער האַנט, ביטע, קענסטו נעמען, אָבער מיטן גאָפּל — נישט.

לייזער ווערט רויט, לייגט אוועק דעם גאָפּל און נעמט א שטיקל פליש מיט די פינגער. וואָלאָדיאַ מיינעט זיך, קען נישט אויסהאַלטן:

— ביסט נאָך עד־היום אַזאַ חסיד ווי געווען?

— נישט פונקט אַזאַ, א ביסל א גרעסערער.

ביידע פעטערס קוקן אויף אים פאַרוואונדערט:

— און האַלטנדיק פון יידישקייט ווילסטו ווערן א סאָוויעטישער שרייבער?

— נישט איך וויל ווערן, נאָר איך בין שוין געוואָרן.

— האָסט שוין דען אָפּגעגעבן דיין ווערק צום דרוקן?

— דאָס לעצטע ווערק — נאָך נישט, אָבער איך האָב שוין פיל זאַכן געדרוקט פאַר דעם.

— אָבער ווי איז דאָס מעגלעך, אַז א יונגער מענטש, אַן אַנטוויקלטער, א טאַלאַנטירטער און דערצו נישט קיין נאַר, זאָל פּופּצן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע זיך האַלטן ביי אַזוינע —

— איך בין דיר מבטיח, וואָלאָדיאַ, ווען דו זאָגסט עפּעס א גראָב וואָרט, וואָלט איך זיך באַלד אריבערגעצויגן אין א האָטעל...

לייזער שטעלט זיך אויף שלמהס צד, ער לאָזט וועלוועלען נישט ענטפערן:

— וואָס איז דיין עסק, ווי אַזוי ער פירט זיך? שלמה איז אַזוי קלוג ווי דו. אויב ער פאַרשטייט, אַז אַזוי איז גוט, זאָל אים וויל באַקומען! געפונען וועמען צו אַגיטירן.

וואָלאָדיאַ באַרואיקט זיך א ביסל און פרעגט שוין געלאַסענער:

— אָבער זאָג אַליין, אָט ביסטו איצט אין וועג, ווסטו דען אַלץ קענען אָפּהיטן?

— פאַר וואָס נישט? אַלנפאַלס וועל איך זיך באַמיען.

— למשל, דאַווענען... אָט עסטו פאַרן דאַווענען, דאָס האָט מען א מאָל, געדענק איך, אויך נישט געטאָרט...

— דאָס טאָר מען איצט אויך נישט, נאָר איך האָב שוין הייַנט געדאַוונט.

— יאָ, אָבער תפילין?

— טאַקע אין תפילין.

— דו פירסט זיי מיט זיך?

— ווי דען אַנדערש?

— וווּ האָסטו געדאַוונט, אין צוג?

— פאַר וואָס נאָר אין צוג? ביי דיר אין שלאָפצימער.

— פון וואַנען ווייסטו דען, וועלכעס שלאָפצימער עס איז מיינס און וועלכעס לייזערס?

— דאָס איז נישט שווער געווען צו טרעפן. דאָרט האָט דיין ווייב פאַרגעסן אַרויסצונעמען די האָר פונעם קעמל, ליגט עס טאַקע אַזוי מיט אַ גאַנצן פּלאָנטער בלאָנדע האָר, אָט האָסטו דיר אַ סימן מובהק, אַז דאָס איז דיין צימער, ווייל לייזערס ווייב איז דאָך אַ שוואַרצינקע.

— שלמה, דו ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מסוכנער...

ביידע ברידער קוקן זיך איבער. פּאָלי לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— און מיטן עסן רעכנסטו צו זיין אַזוי געהיט די גאַנצע צייט?

— נישט מער ווי ביז אין טויט אַריין...

— מאָדנע צו הערן, שרעקלעך מאָדנע צו הערן. איך בין שוין אַזוי ווייט פון די מעשות. עס שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן דער טאַטע עליו השלום, אין דער לאַנגער, סאַמעטענער קאַפּאָטע, מיט דעם זיידענעם גאַרטל מיט די באָמבעלעך. די בעל־שמסקע סעודה. אין קיעוו פּראַוועט מען נאָך אַ מאָל די בעל־שמסקע סעודה?

— נאָך אַ מין פּראַוועז, פיל שענער ווי אין פּיאַטער.

— אַה! איך זאָג דיר לאַזאַר, דאָרט ביי זיי איז גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ פאַרבאַלזאַמירטע. עפּעס בעטן זיך אויף דער צונג אַזוינע ווערטער ווי: מומיעס... פּיראַמידעס... עגיפּטן...

שלמה קאַטשעט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ:

— איי, וועלוועל, וועלוועל, אַ מאָלער בין איך אַ שענערער פון דיר. ווען איך זאָל דיר וועלן ווייזן, מיט וואָס עס שמעקט דיין אַרט לעבן... אייער אַרט לעבן, האָב איך מורא, אַז עס וואָלט דיר שטאַרק־שטאַרק פאַרגאַנגען אין דער נאָז...

לייזער האָט ווידער איבערגעשלאָגן:

— עס הייבט זיך שוין ווידער אָן? הערט זיך שוין אויף צו קריגן, אָן עק! סיי ווי וועט יעדער פון אייך בלייבן ביי זיינעם. נאַ דיר גאָר אַגיטאַציע אין מיטן דערינען...

וועלוול גיט זיך נישט אונטער:

— נאָך איין פראַגע און מיט דעם ענדיק איך. זאָג מיר, שלמה, אַזאַ מין זאַך: שטעל דיר פאָר, דו ביסט אַ סאָוויעטישער שרייבער, עס טרעפט זיך אַ צוזאַמענפאָר, דו ביסט אויך איינגעלאַדן. און פּונקט מאַכט מאַקסים גאָרקי אָדער דער נאַרקאָם אָדער גאָר דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי אַ באַנקעט פאַר די שרייבער. דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס עס הייסט אַ באַנקעט אין קרעמל אָדער ביים נאַרקאָם?

שלמה לאַכט און ענטפערט נישט. וועלוול קומט אַריין אין עקסטאַז:

— פרעג איך דיך נישט מער, וועסטו דאָרט אויך זאָגן, אַז דו עסט מיט די פינגער?

— וואָס רעדסטו, וועלוול? דאָרט — אפילו מיט די פינגער אויך נישט! אַזאַ איינפאַל גאָר... מיט די פינגער...

— וועלן אַלע עסן און דו וועסט נאָר צוקוקן?

— אויב איך וועל אַזאַ לאַגע געפינען פאַר נישט באַקוועם, וועל איך

אין גאַנצן נישט גיין. צי דו מיינסט, אַז אָן באַנקעטן קען מען נישט לעבן ?
לייזער האָט אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן :

— עפּעס נאָך, דאַכט זיך, האָסטו געזאָגט, דאַרפסטו דאָ דערליידיקן ?

— יאָ, נאָך עפּעס. איך האָב צוגעזאָגט איינעם אַ גוטן ברודער מיינעם געוויר צו ווערן אין מאָסקווע, צי קען ער דאָ נישט דורכגיין די מיליטערישע קאָמיסיע אין אַ פּאָר חדשים אַרום ?

— איך פאַרשטיי נישט. פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט שטעלן דאָרט, וווּ ער איז איינגעמאָלדן ? דאָס איז דאָך דאָס סאַמע גרינגסטע ?

— יענער מענטש האָט געוויסע סיבות, וואָס איבער זיי איז אים נישט באַקוועם צו שטיין דאָרט, וווּ מען קען אים. איר אַליין האָט עפּעס נישט קיין באַקאַנטשאַפט אין אַ וועלכן עס איז ראַיאָננעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט ?

— מיר האָבן דערצו קיין מינדסטע שייכות נישט. דאָס דאַרפסטו פרעגן אויף מאַראָסיעיקע אין שול, דאָרטן קען זיין זענען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן, נאָר דאַכט זיך, אַז עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

— פאַר וואָס קלערסטו אַזוי ? יענער וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ היפּשע סומע.

— אפילו צען טויזנט רובל ווען ער זאָל וועלן געבן, וועט ער דאָס אין מאָסקווע נישט דורכפירן, ווייל אַ מיליטערישער קאָמיסאַריאַט איז דיר נישט קיין אַרטעל, אים קויפט מען נישט. און דערצו נאָך איז דאָס אַ גראָב שטיקל אַרבעט. יעדער איינציקער וועט דאָך זען, אַז דער מיליטערישער בילעט איז אַ קיעווער און דער שטעמפּל פון דער קאָמיסיע — אַ מאָסקווער, דאָס וועט אַרויסרופן אַ חשד שטענדיק און ביי יעדן.

— און אויב יענער זאָל זיין גרייט צו געבן אַ דאָפּלטע סומע, ווי די, וואָס דו האָסט אָנגערופן ?

— צוואַנציק טויזנט, הייסט עס ? אַזוי פיל געלט ? אַ ! איך שטעל זיך שוין פאָר, וואָס פאַר אַ פעקל יענער גוטער ברודער דיינער האָט אויף זיך... אַזאַ קאַפּיטאַל אוועקגעבן...

— מילאַ, זאָל אונדז דער קאָפּ נישט וויי טון פאַר אים... וואָס זשע זאָגסטו ? דו האָסט יאָ עפּעס אַן אופן דורכצופירן דעם עסק ?

— עפּעס פיל איך נישט...

— דו ווייסט דאָך, אַז כסף וזהב מטהר ממזרים...

— איך האָב דאָך דיר אָבער געזאָגט, אַז איך ווייס נישט. אפשר ווייסן אַנדערע יאָ, וועסט פרעגן. איז ווי דו וועסט נאָר אָפּגעבן דיין ווערק צו דרוקן, אַזוי פאָרסטו גלייך אַהיים, צי דו וועסט נאָך דאָ אַ ביסל פאַרבלייבן אָנקוקן מאָסקווער באַרימטע ערטער ?

— די מאָסקווער באַרימטע ערטער וועל איך אומבאַדינגט אָנקוקן, דערויף וועל איך האָבן גענוג צייט, נאָר צי איך פאָר פון דאַנען צוריק אַהיים, איז אַ גרויסער ספק. גיכער וועל איך פאָרן פון דאַנען קיין סאַמאַרקאַנד.

וועלוול שפּרינגט אַזש אויף פאַר איבערראַשונג:

— קיין סאַמאַרקאַנד גאָר? אַזש קיין אַזיע? וואָס דאַרפסטו דען דאָרט?

— אַ שרייבער שטעלט מען נישט אַזעלכע פראַגן. פאַרטראַכט — און געפאָרן!

— אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע און אויך פיל שפּעטער איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו זיין אין יענע פאַר־היסטאָרישע מקומות... פאַר אַ שרייבער איז יענע געגנט אַ נישט־אויסשעפּנדיקער קוואַל. כאָטש איך בין נישט קיין פּאָעט, דאָך, האָב איך איין מאָל דאָרט פאַרבראַכט גאַנצע פיר חדשים... נישט געקענט זיך באַפרייען פונעם צויבער פון יענע שוואַרץ־אויגיקע רוסאַלקעס*.

פאָלי, רויט־ווערנדיק איבער די אויערן:

— אַנטשולדיקט, חבר וואָלאָדיאַ, איר זענט געווען דאָרטן צוזאַמען מיט אייער פרוי?

וועלוולס אויגן גיבן פאַרשייט אַ פינקל:

— איר ווייסט חברטע, איך האָב אַלע רעכט זיך אויף אייך צו באַליידיקן. פאַר אַזאַ שוטה האַלט איר מיך? ווער נעמט עס מיט מיט זיך קיין טולע — אַ סאַמאָוואַר**?

אין צימער איז מיט אַ מאָל געוואָרן דושנע פון דעם גראָבן וויץ. וועלוול האָט גלייך באַמערקט אויף די פּנימער פון זיינע געסט, די פאַרלעגנהייט, און וועלכער זיין ענטפער האָט זיי אַריינגעבראַכט און האָט זיך געוואָלט פאַרריכטן:

— חברטע פאָלי, איך האָב פאַרגעסן צוגיבן, אַז חוץ טולע זענען געווען נאָך טעמים, איבער וועלכע כ'האָב מיין ווייב נישט מיטגענומען אהינצו: ערשטנס, האָט זי מיין שלמהס גאָט נישט באַשאַנקען מיט אַזאַ שיינקייט ווי אייך... אַזאַ ווי איר, קען מען שוין מיט זיך מיטנעמען אפילו אהינצו. צווייטנס, און דאָס איז אפשר די ריכטיקסטע סיבה, ווייל... כ'האָב נאָך דאַמאָלסט מיין סאַרען אפילו נישט געקענט...

אַלע ביים טיש צעלאַכן זיך פון דער לעצטער סיבה און דער שווערער איינדרוק פון זיין אומפאַרשעמטן וויץ ווערט ביסלעכווייז צערונען. וואָלאָדיאַ, אַ צופרידענער וואָס די שטימונג ביים עולם האָט זיך פאַרבעסערט, גיט זיך ראַש אַ דריי אויס צו שלמהן:

— נו, און די חברטע, פאָרט אויך מיט דיר?

— טולטשינסקאַיאַ? זי דאַרף טאַקע אהין, וועלן מיר פאָרן צוזאַמען.

וועלוול צעלאַכט זיך:

---

* לעגענדאַרע וואַסער־שעדכעס, וואָס פאַרפירן מענער מיט זייער אויסער־געוויינלעכער שיינהייט.

** אין די צאַרישע יאָרן, איז די שטאָט טולע (צווישן מאָסקווע און כאַר־קאָוו) געווען באַרימט מיט איר סאַמאָוואַרן־פאַבריק.

— אוי, שלמה, איך האָב מורא, אַז אין אַזאַ לאַנגן וועג וועט די חברטע טולטשינסקאַיאַ דיך מאַכן אַ ביסל ווייניקער פאַנאַטיש. איי־איי־איי, נעבעך, נעבעך, עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף דיר...

שלמה פרעגט לאַכנדיק:

— פון וואַנען ווייסטו דען, אַז די חברטע טולטשינסקאַיאַ איז נישט קליגער פון דיר?

וועלוול ווענדעט זיך צו איר דירעקט:

— אַנטשולדיקט, אפשר האָב איך אַ טעות אין אייך, איר געהערט אויך צו די פרומאַקעס?

פאַלי, רויט ווערנדיק איבער די אויערן, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

וועלוול באַקוקט אַלעמען מיט אַ טריאומפירנדיקן בליק:

— בין איך שוין יאָ אַ מבין אויף אַ מענטשן? שלמה וויל מ י ך כאַפּן ביי אַ טעות... זאָלט איר טאַקע זען, חברטע, אויפן וועג אים אויסצולערנען אַ ביסל זיין גלייך מיט אַלע מענטשן, נישט ציען צוריק אין דעם מיטל־אַלטער.

און זיך ווענדנדיק צו שלמהן, מיט צער:

— ווען דו זאָלסט אָבער נישט זיין געבונדן מיט דיינע מעשות: שבת, יום־טוב, כשר־עסן, תפילין... וואָלסטו דאָך געקענט ענדיקן אַ ליטעראַרישן פאַקולטעט אין אוניווערסיטעט און גיין אין אַקאַדעמיע אַריין...

— איי, וועלוול, גלייב מיר, אַז אַט די אַלע אַנשטאַלטן, וואָס דו האָסט ערשט אָנגערופן, מאַכן נישט דעם שרייבער. ווער עס איז פון גאָט נישט באַשאָנקען מיט דער מתנה, וועט זי אין זיי אויך נישט באַקומען. נאָר מילאַ, זאָל שוין זיין געגנוג דערפון. זאָג מיר בעסער, לייזער, וואָס באַטייט אָט דער פּאַגראַם ביי אייך אין שטוב?

— דו רופסט עס אָן: פּאַגראַם? דאָס איז פשוט אַ מאַנסבילישע בערן־נאַרע. אונדזערע משפחות זענען אויף דאַטשע, צוויי הונדערט קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, אויף קאַזאַניער וועג. מיך מיט וואָלאָדיען שיקט מען אויף אוראַל אין אַ וואָרשטאַטן־זאַוואָד קאָנסטרואירן אַ מאַשין, האָבן מיר נאָך נעכטן געזאָלט אַרויספאָרן, נאָר באַקומענדיק דיין דינהם טעלעגראַמע האָבן מיר אויסגעוואַרט. היינט, איינס נאָך מיטאָג פאָרן מיר אַוועק. איר בלייבט די גאַנצע בעלי־בתים אין אונדזער דירה. מילאַ, מיט אונדזערע סערוויזן ווילסטו זיך נישט נוצן, אָבער אונדזערע בעטן זענען דאָך נישט טריפה, איר קענט זיך נוצן מיט איין שלאָפצימער, צי מיט ביידע, דאָס איז אייער זאַך. אָט האָט איר אויף צוויי וואָכן טאַלאָנען אויף מיטאָגן־איטעער*, מען שפּייזט ווייער גוט... אָה, איך האָב גאָר פאַרגעסן, דו עסט דאָך נישט... מילאַ, טאָמער וועט די חברטע וועלן, די סטאָלאָווע איז דאָ אין הויף. אפשר וועסטו זיך נאָך אויך באַקלערן: די געגנדן וועלן דאָך אויף אייביק נישט קלעקן און דאָ וועסטו זיך אַזאַ פּראָוויזיע נישט איינשאַפן...

---

* איטעער — אינזשעניער־טעכנישער אַרבעטער.

— גוט, גוט, איך וועל דאָ אַ קלער טון... וואָס קווענקלסטו, ווענדוועלע? דו זאָלסט שוין אַזוי זיין מיט אַ נאַז —

— טאָמער וועט איר דאַרפֿן אוועקפֿאָרן, וועט איר לאָזן דעם שליסל ביים קאָמענדאַנט פֿון „ציגימאַש". נו, איצט האָבן מיר באַלד עלף אַ זייגער, איך לויף נאָך אַרויף אין ביוראָ און דערנאָך גיך צום וואָקזאַל. וואַלאַדיאַ! ווייז זיי דאָ אַלץ, איך קום באַלד!

וועלוול איז אַרויס פֿון הינטערן טיש, צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים אַרומגענומען:

— נו, שרייבער מיינער, לאַכסטו גאָר פֿון אונדז אַלע, הייסט עס, האַ?

— איך לאַך פֿון קיינעם נישט, סיידן פֿון דעם, וואָס לאַכט אַליין פֿון זיך.

— שאַרף, ווי אַן אמתער שרייבער. זאָג נאָר, דו ביסט איצט דאָס ערשטע מאָל אויף דיין לעבן אין מאָסקווע?

— דאָס ערשטע מאָל.

וועלוול ווענדעט זיך צו פֿאַלין:

— און איר זענט נאָך אויך אין מאָסקווע קיין מאָל נישט געווען?

— קיין מאָל נישט.

— אויב אַזוי, חברים, בין איך אייך מקנא, באמת מקנא. מיר איז שוין דאָ אַלץ נמאס, אפשר טויזנט מאָל געזען יעדע קלייניקייט, אָבער איר, פֿרישע מענטשן, וועט האָבן אויף וואָס אַ קוק צו טון. מאָסקווע! אַ קלייניקייט!

— זאָג טאַקע, וועלוול, וווהין איז כדאי צו גיין און וואָס דאַרף מען זען?

— אוי, איך האָב נישט אַזוי פֿיל האָר אין קאָפּ, וויפֿל זאַכן מען דאַרף זען אין מאָסקווע. ערשטנס, דעם רויטן פּלאַץ, לענינס מאַווזאָליי...

— נו, דאָס פֿאַרשטייט מען אַליין.

— דערנאָך דעם מוזיי פֿון דער רעוואָלוציע. דעם מוזעאום פֿון די מיזרחדיקע פֿעלקער, די פּלאַנעטאַרי, דעם פּאַרק פֿון קולטור אויפֿן נאָמען פֿון גאָרקי. יאָ, היינט עפּעס טרעטיאַקאָווער בילדער־גאַלעריע!... דאָס איז דאָך איינע פֿון די שענסטע בילדער־קאָלעקציעס אין דער וועלט, נאָר די גאַלעריע איז פֿאַרמאַכט אויף רעמאָנט ביזן דרייצנטן. היינט האָבן מיר דעם אַכטן, הייסט עס, שבת עפּנט זי זיך, יאָ, פּונקט שבת, אַ פֿרייער טאָג ביי אייך, זאָלט איר טאַקע גיין, אָן שום תירוץ. היינט זענען דאָך דאָ אין מאָסקווע: אַ „גרויסער טעאַטער", אַ „קליינער טעאַטער", אַ „קינסטלערישער טעאַטער", „רעוואָלוציע־טעאַטער", „מוז־קאָמעדיע", אָפּערעטקעס, קינאָ. איך בין דיר ערוב, אַז דו מיט דיין „גאָר־גוט־באַקאַנטער" וועט שטאַרק הנאה האָבן פֿון מאָסקווע. נו, און סתּם זיך זעצן אין אַ וועלכן עס איז אויטאָבוס און פֿאָרן פֿון איין עק שטאָט ביזן צווייטן, איז דען נישט אינטערעסאַנט? אַ שלעכטע בילדער־גאַלעריע? און די פֿאַרשטעט? די דאַטשעס?

קאפיטל XLIV

אין א שעה ארום האבן שלמה מיט פאלין צוגעפירט די פעטערס ביזן טראמוויי און זיך געזעגנט. וועלוול האט נישט פארגעסן נאך א מאל צו ווארענען פאלין, אז זי זאל אכטונג געבן אויף שלמהן אין מיטל־אזיע, ער זאל זיך דארט נישט פארקוקן אויף די שיינע בוכארישע מיידלעך, וואס זייער גלייכן איז אויף דער וועלט נישטא, מחמת דארט טרעפן זיך אזעלכע זאכן. פאלי האט שמייכלענדיק א קוועטש געטון מיט די אקסלען, ווי איי־נער רעדט:

— א דאגה מיר... און אז ער וועט זיך יא פארקוקן, איז מיר געזאלצן...

די גאלדינס זענען אפגעפארן און שלמה האט גענומען פאלין ביי דער האנט:

— נו, „גאר־גוט־באקאנטע" מיינע, ווי פילסטו זיך אין דער „גאלד־קופאלדיקער" מאסקווע? ס'איז דיר נאך אלץ שרעקלעך?

— יא, איצט זענען מיר פארבליבן אין דרייען אויג אויף אויג: איך, דו און מאסקווע...

— און ווו איז — גאט?

— גאט — איז דאך זעלבסטפארשטענדלעך... ער איז דאך, זאגט מען, פול אומעטום...

— יא, מיין לעבן. גאט דארף מען נישט זוכן. ער זיצט אין אונ־ז. מען דארף אים נאר קענען דערפילן.

אריינגעקומען אין שטוב איז פאלי צוגעגאנגען צו שלמהן און מיט ארפגעלאזטע אויגן שטיל געפרעגט:

— שלמה, דו ביסט אויף מיר שטארק ברוגז?

— איך? אויף דיר? ברוגז גאר? פאר וואס?

— דו ווייסט אליין פאר וואס.

— פאלי, איך הייב אפילו נישט אן צו וויסן.

— דו ווילסט דוקא, אז איך זאל אליין זאגן? ביטע, איך קען זאגן: דערפאר, וואס איך האב געזאגט, אז איך בין נישט פון די פרומע יידן.

— כא־כא־כא... דערפאר זיין אויף דיר ברוגז? הלמאי זאל איך זאגן, איך האלט נישט דערביי און עס איז נישטא פאר וואס אויך. ערשטנס, איז דאס דאך נישט קיין ליגן, צווייטנס, ווען דו פרעגסט ביי מיר, וואס דו זאלסט זיי ענטפערן, וואלט איך דיר אויך געהייסן אזוי ענטפערן, אבי וואס ווייניקער פאלעמיזירן מיט די דאזיקע פאנאטיקער...

— זיי — פאנאטיקער?

— און דו מיינסט, אז ניין? פונקט ווי אלע גלויבנס האט אויך דער קאמוניזם זיינע פאנאטיקער, מענטשן, וואס גלייבן בלינד און ווילד אין דער אויפריכטיקייט פון זייער לערע. וואס מיינסטו איז דער חילוק פון א היציקן אינדיאנער מיט פעדערן אין קאפ, טאטואירט איבערן גאנצ

לײב, וואָס קען לאַכנדיק דערוואַרגן אַ מענטשן, אויפפרעסן אים אָדער מקריב זײַן אים צו זײַן אַפּגאָט, ביז אָט דעם אַקאַדעמיקער וולאַדימיר אָסיר־פּאָוויטש גאָלדין? גלײב מיר, אין תוך אַרײַן איז קײן שום חילוק נישטאָ. די זעלבע מעטאָדן, דער עקסטאַז אויף פּונקט דער זעלבער, וואָס בײַ אײנעם, אַזוי בײַם צווײטן. דער חילוק איז נאָר אינעם חומש, בײַ דעם איז אַן אַנדער חומש, בײַ דעם ווידער אַן אַנדערס. אָט זעסטו, לײזער איז שוין אַ ביסל סטאַטעטשנער... פּאַרט עלטער און טאַקע עטלעכע יאָר געלערנט אין לידער ישיבה... דאָס בלײַבט אויף אײביק...

— יאָ, לאַזאַר איז מיר אויך בעסער געפעלן... סאָלידער... נאָר לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש.

פּאָלי האָט גענומען זײַנע בײדע הענט:

— שלמהלע, דו ביסט בײַ מיר אַזאַ קלוגער, דײַנע רײד זענען אַזעלכע טיפע, מרעפלעכע. ביסטו אויף מיר זאָגסטו, נישט ברוגז?

— טאָמער גלײבסטו מיר אַזוי נישט, שווער איך דיר.

— גיב זשע מיר, אויב אַזוי, אַ קוש, דאַן וועל איך מיך אין גאַנצן באַרואיקן.

— דאָס איז גאָר?... פּײגעלע מײַנס...

— שלמה, טײַערער...

און אויף אַ גאַנצער אײביקײט האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט: די טראַמ־ווײען אויף יענער זײַט פענצטער, דאָס זינגען פון דעם וואַסער אין רער, דער דיקטאָר אין ראַדיאָ, דער זײגער אויף דער וואַנט, די הערצער אונטער זײערע ברוסטן, אַלץ איז פאַרשטאַרבן געוואָרן, אַלץ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, עס זענען נאָר געבליבן צווײ קערפּערס פאַרפלאָכטענע אין אײנעם, פאַרוואָרפענע קעפּ און פאַרמאַכטע אויגן. פּאָלים גאָלד־זײַדענע האָר זענען אויף אַ משונהדיקן אופן געווען צעשאָטן אויף פעך־שוואַרצע לאָקן. פון דעם פאַרשידן־פאַרביקן וואַלד האָר איז נאָר געווען צו באַמערקן מאַטע פלעקן פון בלײַך־געוואָרענע באַקן און דורשטיק אויסגעצויגענע העלדזער.

ווען זײ האָבן זיך בלײַבע צעטײלט, אַזוי ווי אַ צעבראָכענע צווײַג, האָט פּאָלי קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— דײַן פעטער לײזער איז טאַקע געווען גערעכט...

— מיט וואָס? — האָט שלמה פאַרחלומט אַרויסגעשעפּטשעט.

— ער האָט געזאָגט, אַז דו האָסט אַ גרויסן טאַלאַנט, אַזוי איז עס...

שלמה האָט אויף איר געקוקט מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק, נישט פאַר־שטײענדיק וואָס זי מײנט.

פּאָלי האָט אים שעמעוודיק אָנגענומען בײַ אַ קנעפּל פון עם רעקל:

— ערשט נעכטן אויף דער נאַכט, אַז דו האָסט מיר דעם ערשטן קוש געגעבן, איז בײַ מיר געווען אַ געפיל ווי אַ פעדער וואָלט מיך אַ קיצל געטון, און איצט נאָך דײַנעם אַ קוש שטײ איך קוים אײַן אויף די פיס... אַזוי ווי אַ שיכורע...

— אנטשולדיק, עס איז טאַקע אַן עוולה פון מיר. נאָר אַז מען רעדט שוין אַזוי לאַנג פון סאַמאַרקאַנד, בין איך ש ו י ן געוואָרן אַ שטיקל אַזיאַט...

— שווייג, דו נאַר, זאָלסט נישט וואַגן קושן אַנדערש, אַז נישט וועל איך דיך צעבייסן ווי אַ טיגערין... און אַצינד, נאָך צוויי גאָר לייכטע קושע־לעך און מער טאָר מען נישט.

זיי האָבן זיך ווידער געשמאַק צעקושט און פאַלי האָט אַ פּליעסקע געטון מיט די הענט :

— זאָל לעבן אונזער פרייע גליקלעכע צוקונפט, הוררא ! וואָס טוען מיר אַצינד ?

— דו וועסט פאָלגן ?

— וואָס דו וועסט נאָר זאָגן, אַבי מיט דיר צוזאַמען.

שלמה האָט זי פאַטערלעך צוגעצויגן צו זיך.

— איך האָב קיין מאָל אפילו זיך נישט פאָרגעשטעלט צו טרעפן אין דיר אַזאַ שלאָגנדיקן פאַנטאַן מיט זודיקע געפילן.

— מיין פאַנטאַן שלאָגט נאָר פאַר דיר און מיינע געפילן זידן נאָר פאַר דיר, מיין ליבער, מיין ליכטיקער, מיין שטאַרקער !...

— וואָס פאַר אַ שטאַרקער בין איך ?

— אָ, זייער אַ שטאַרקער ! נאָך ביז איצט ציען מיר אַלע אברים פון דיין קוש, הייסט דאָס נישט קיין שטאַרקער ? וואַרט ! דאָס איז דאָך ערשט נאָר פיזיש, הייגט גייסטיק ? דו האָסט זיך אויף קיין איין רגע נישט פאַר־לוירן פאַר דיינע געלערנטע פעטערס...

— דו ביסט אַ נאַר, אָט די באַנקעטן, וואָס זיי האָבן דאָ דערמאָנט, האָב איך זיבן מאָל מער שאַנסן צו זיין פאַרבעטן אויף זיי איידער זיי, די אקאַדעמיקער...

— איז וואָס זשע זאָגסטו, שלמה, טוען מיר איצט ?

— מיין פּלאַן איז אַזעלכער : דו מאַכסט צורעכט צוויי בעטן און איך גיי אויסוואַשן די וואַנע און אָנגיסן זי מיט לעבלעך וואַסער צום באָדן זיך. די ערשטע באָדסטו זיך אויס. דערנאָך, ביז דו ברענגסט אין אָרדענונג דיין טואַלעט, גיב איך מיך אַ באָד אויס. אויפן טיש זע איך נאָך אַ גוטע האַלבע פלאַש וויין, טרינקען מיר אויס צו צוויי בעכערס, אָן חשבון, וואָס עס וועט זיין וועט זיין, שיכור איז שיכור — און אין די בעטן אריין ! שלאָפן און שלאָפן ! פאַר יענער נאַכט און צוג און פאַר דער מאָרגנדיקער נאַכט אין דער אַפּערע. ווען מיר וועלן זיך אויפכאַפּן, וועל איך דיר אַזוי אין בעט ליגנדיק ענדיקן לייענען מיין ווערק. ביז דאַמאָלסט וועט שוין זיכער ליכ־טיק זיין, וועלן מיר איבערבייסן, צופאָרן צום שרייבער מאַרגאָלים, אָפּגעבן אים די העפטן און היידאַ ! איבער מאָסקווע אין דער לענג און אין דער ברייט !

— אוי גוט ! בעסער וואָלט קיינער נישט געקענט צוטראַכטן.

— נו, צו דער אַרבעט גענומען זיך !

אַז שלמה איז אַריינגעקומען מיט דער בשורה, אַז די וואַנע חלשט שוין

צו זען די קראַסאַוויצע, וואָס דאַרף זיך אין איר באָדן, איז דעם שלאָפצי־מער נישט געווען צו דערקענען: די שטאָרן אראָפּגעלאָזט, ווי אום האַלבער נאַכט. דאַקעגן, ביי דעם שיין פון דעם גרעסערן לאָמפּ, האָט יעדע מינדסטע זאַך געשעמערירט און געפינקלט. אויף די קישנס — אויסגענייטע ציכן, אויף די בעטן — זילבער־ווייסע ליילעכער, דער שפּיגל האָט דאַנקבאַר געשמייכלט:

— וואָס דען? אַ פּרויענהאַנט איז גאָר פון אַן אַנדער מאַטעריאַל...

— שלמה, גיב אַ קוק אין מיין וואַליזע, דאָרט איז דאָ אַ ליבערטינע־נער * שלאָפראָק, גיב מיר אים, און נאָך איינער אַ כאַלאַט מיט זיידענע קווייטן, נעם אים זיך. אַז מען דאַרף זיך נישט צוריק אָנטון, ווערט דאָס אָנגערופן: פון דער וואַנע — גלייך אין בעט אריין!... און שאָקאָלאַד נעם אויך אַ פּליטקע צום וויין...

— דאָס טאָרן מיר נאָך נישט, מיר זענען פליישיק.

— אַ־האַ! וועט זיין אַזוי אויך גוט. קענסט נעמען פיסטאַשקעס־וואַ־רעניע איז דאָרט דאָ אַ סלאָאיק און בארן מיט מאַראַנצן האָבן מיר נאָך...

שלמה האָט גענישטערט אין איר וואַליזע. עפּעס אַ ביכל האָט זיך אַליין אָן עפן געטון און ער האָט דאָרט דערזען אַ פּאָטאָ, וועלכע ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען: יאַני האָט געהאַלטן אַרומגענומען פּאַלין. אסתר מיט סאָנקען זענען געזעסן, אַווראָם מיט ניומאַן זענען געשטאַנען פוןביידע זייטן. אַ וועלטענע פּאָטאָגראַפיע, אַזוי ווי אין לעבן. ווייזט אויס, זיך ספּע־ציעל פאָטאָגראַפירט צו פּאַלים אָפּפאָרן. ער קוקט זיך איין אין די ווייבע שטריכן פון יאַנים פּנים, אַ ים מיט ליבע ברויזט אין זיי צו זיין עלטסטער טאָכטער, וועלכע ער, שלמה, האָט ביי אים אַוועקגענומען און וועלכע באַ־מיט זיך אצינד זייער צו מאַכן וואָס באַקוועמער דאָס צימער און שטאַרקער אים צו געפעלן. און סאָנקע, וואָס פאַר אַ שיין קינד! זי, אין פּאַלים יאָרן וועט דער גאַנצער וועלט דעם קאָפּ פאַרדרייען... און אסתר... וואָס פאַר אַ גליקלעך רואיק פּנים! און אַווראָם... אַך, ווי דער אַווראָם האָט אים ליב!... און אָט איז ניומאַ — שטאַלטנע ווי אַ שיינער טאָפּאָל און אַזאַ איבערגע־געבענער, אַז ס'איז גאָר נישט שכיח...

ער לייגט אריין די פּאָטאָגראַפיע צוריק אין ביכל, געפינט די כאַלאַטן און דערלאַנגט פּאַלין אירן.

— פאַר וואָס אַזוי לאַנג? האָסט שוין אַלץ אין מיין וואַליזע דורכ־קאָנטראָלירט, חבר נאַטשאַלניק?

— איך האָב מיך פאַרטיפט אין דיין ביכל... פּאַלי, די וואַנע האָב איך אַזוי אויך געמאַכט קוים לעבלעך, גענוג באַלעבאַטעווען, גיי שוין...

— אויב אַזוי, נעם דו און קער צו דאָס צימער, די עטאַזשערקע ברענג אין אָרדענונג.

---

* ליבערטין — אַזאַ מין דינער סאָרט זיידנס.

קאפיטל XLV

שלמה בלייבט אליין, טוט אָפּ די ארבעטן און דאַוונט מנחה. ביי שמונה־עשרה פאַרקוועטשט ער שטאַרק די אויגן, אַז טרערן שפּריצן אַזש אַרויס פון זיי: „כי אתה שומע תפלת כל פה... רבונו־של־עולם — וואַרפט זיך אין שלמהן דאָס האַרץ — מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו אַזאַ גליק? צו אַזאַ גליק?... ותהי לרצון תמיד עבודת ישראל עמך... וואָס זאָל איך זיך אָנהייבן פאַר דיר צו פאַרענטפערן? — הן ד׳ ידעת כלה!... ווער קען מיך נאָך אַזוי גרונטלעך ווי דו — גלמי ראו עיניך... ווער געדענקט נאָך אַזוי מיין צעבראָכנקייט, מיין „במסתרים תבכה נפשי“, ווי דו? אני מאמין... שהבורא... יודע כל מעשה בני־אדם וכל מחשבותם... דו אַליין האָסט אונדז אָנגעזאָגט דורך די חז״ל: „גדולה עבירה לשמה“!... עס זענען פאַר מיר געווען צוויי וועגן: אָדער איך זאָל נעמען דאָס מיידל, וואָס דער טאַטע האָט מיר געוואָלט געבן און דו זאָלסט לצמיתות בלייבן מיין בעל־חוב, אָדער כ׳זאָל נעמען די דאָזיקע, צו וועלכער ס׳האָט מיך געצויגן און כ׳זאָל כל ימי דאַרפן אויסצאָלן אָט דעם גרויסן אַוואַנס... טאַטע זיסער, איך האָב אויסגעקליבן דעם צווייטן דרך... באַשיץ מיך פון אַלדאָס בייז, ווייל אָט דער צווייטער דרך — איז אויך דיינער... בכל דרכיך דעהו, מאָנסטו ביי אונדז... רבש״ע! גלוי וידוע לפניך, ווען איך זאָל געווען נעמען אַזאַ מיידל ווי ציפּקע דעם וועגעראָדער רבס, אָדער ווי רחלע דער מומע טייבלס, אָדער אפילו אַזאַ מושלמת ווי דינה דער מומע זלאַטעס, וואָלט איך דיך אַלע יאָרן געווען געהאַלטן פאַר מיין בעל־חוב, דערפאַר ווייל צוליב פרומקייט, האָב איך געמוזט נעמען דאָס, וואָס דו ווילסט און נישט דאָס, וואָס איך וויל. איצט אָבער, אַז דו האָסט מיר געהאָלפן צו דערגרייכן די, וואָס איך האָב געוואָלט, בין איך אויף אייביק דיין בעל־חוב... הנשמה לך והגוף שלך! נעם, וואָס דו ווילסט... מיין חלק אלה ממעל האָט מיך נישט דערלאָזט מאַכן אַזאַ שריט, וועלכער וואָלט מיר גורם געווען אַ בכיה לדורות; וועלכער וואָלט מיט איין קלאַפּ געווען אַוועקגעהרגעט מיין התרוממות־הנפש אויף שטענדיק; פאַרקערט! ער האָט מיך געשטויסן און דו האָסט מיר צוגעהאָלפן ממש צוציען דעם הימל צו דער ערד און זיך באַהעפטן מיט דער פרוי, וואָס איין קוק אויף איר איז פאַר מיר גענוג, אַז איך זאָל דערפילן אין זיך אַלע כוחות העליונים, איין הגה־קל פון איר זיס מיילעכל איז פאַר מיר גענוג, אַז אין מיין נשמה אריין זאָלן נעמען שטראָמען קרני־הוד און קרני־אורה, שטראָמען און ברויזן כמעין המתגבר... איך בין זיך מתחיב צוזאַמען מיט מיין געליבטער כלה, וועלכער איז נאָך לעת־עתה אַזוי ווייט פון דיר, אַלע אונדזערע יאָרן דינען דיר שלא על מנת לקבל פרס, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס דו האָסט אונדז געוויזן אַזאַ נס... אַזאַ אויסערגעוויינלעכן נס“...

אים דערמאָנט זיך: ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, זיין מנחה־דאַוונען

אויפן זווענינגאַראַדקער וואָקזאַל, צווישן די שפּאַלן מיט די ציגל. עס פאַר־קלעמט אים ביים האַרצן, פאַר זיינע דאַמאָלסטדיקע צרות. טרערן, זודיקע, ברענענדיקע, שווענקען אַראָפּ פון זיין האַרצן דעם שטענדיקן פאַרדרוס, די אַנגסטן, דאָס קלעמעניש. ער וויל פאַרהאַלטן די טרערן, באַהאַלטן זיי פון פאַלין, נאָר ער קען נישט. דאָס האַרץ איז גענוג נאָך אָנגעווייטיקט. די סימנים פון די נעגל זענען נאָך נישט פאַרגאַנגען...

וויפל עס האָט אַזוי געדויערט, ווייסט ער נישט, נאָר געקומען צו זיך איז ער פון אַ צערטלעכן גלעט איבערן שטערן. ער עפנט נישט די אויגן, ער ווייסט וועמענס פינגער דאָס זענען. און ווערטער ציט ער זי צו צו זיך, ער שפּאַרט אָן די באַק אין איר קונציק צונויפגעדרייטן, נאַסן קובליק, וואָס שמעקט ווי אַ וואַזאָן נאָך אַ רעגן, און ענדיקט די שמונה־עשרה. אַ פּאָר מינוט שטייען זיי אַזוי פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטן, נאָך דעם נעמט אים פאַלי אָן פאַר דער האַנט, פירט אים צו צו דער סאָפע און זעצט אים אַוועק ביי זיך אויף דער קני.

— פאַלי, וואָס טוסטו? ס'איז דיר דאָך שווער...

— טאָקע דערפאַר טו איך דאָס, ווייל עס איז מיר שווער.

— נאָך וואָס זשע?

— איך וועל דיך נישט אַראָפּלאָזן פון מיינע קני, ביז דו וועסט מיר נישט זאָגן דעם אמת, פאַר וואָס האָסטו ערשט געוויינט?

— פון פרייד, פאַליא, בלויז פון פרייד און פון גליק.

— ניין, דו האָסט זיך אין עפּעס אַזוינס געמוזט דערמאָנען, דערציייל!

שלמה גיט אַ דורכדרינגענדיקן קוק אויף איר, באַטראַכט זי אין כאַ־לאַט אַ שיינענדיקע, אַ צוויבערנדיקע און עס פאַרשניידט אים אינעווייניק: פּונקט אַזעלכע פלעגט זי באַגעגענען דאַוויד סאָלאָמאָנאָוויטש ביי זיך אין שטוב... איך בין נישט דער ערשטער, פרעמדער מאַנסביל, וואָס זעט זי אין אַזאַ היימישער פּאָזע...

פאַלי לייענט פון זיין געזיכט ווי פון אַ סידור:

— וואָס האָסטו שוין ווידער עפּעס געמאַכט אַזאַ זויערע מינע?

— איך פאַרגין נישט די וועגט פון „קאָנטינענטאַל" און יענע מענטשן אודאי נישט, פאַר וואָס זיי פלעגן דיך אָפּט זען אין אָט דער היימישער פּאָזע. דאָס איז אַזאַ פאַרביסן ווערעמל, פאַלי...

פאַלי בלאָזט אָן די אונטערשטע ליפּ ווי אַ קליין קינד:

— האָב איך דען דאָס אַלץ נישט אויסגעקויפט דערמיט, וואָס איך האָב זיי אַוועקגעוואָרפן נאָך אַזאַ לאַנגער באַקאַנטשאַפט, אָן אַ זייַ־געזונט?

שלמה פאַרשטיקט אירע לעצטע רייד מיט אַ זאַפטיקן קוש:

— גערעכט, גערעכט, גערעכט,

Кто старое вспоминает, тому глаз вон! *

איך בין אַ שוטה, אַ נאַר, אָן איך ווייס אַליין נישט וואָס...

---

* ווער עס דערמאָנט אַלטע זינד, דעם זאָל אַרויס אַן אויג.

פֿאַלי, אין איר איצטיקן טואַלעט איז נאָך חנעוודיקער ווי אין אַ באַל־קלייד. איר געדולד האָט געפּלאַצט, אָבער דער כעס גיט איר צו נאָך מער רייץ. זי שפּרינגט אויף און בייזערט זיך אויף אַ קול:

— נו, שלמה, דו דערציילסט, וועגן וואָס דו האָסט געטראַכט, בעת איך האָב מיך געבאָדן?

שלמה זעצט זי פּאַרזיכטיק אַוועק אויף דער סאָפע, איר רייצנדיק־שיין קעפּל איז שטייף צוגעפּרעסט צו זיין צעשטורעמטער ברוסט,ביידע אָטעמען שווער, זייערע בליקן גיסן זיך צונויף, פּנים אל פּנים. ער קוקט אויף איר, מיט אויגן פול מיט אומבאַגרענעצטער ליבע:

— איך בין נישט זיכער, צו דו געדענקסט אַזאַ נאַרישקייט, נאָר ביי מיר איז דער פּאַל אויסגעקריצט אויפן האַרצן מיט פייערדיקע אותיות... דאָס איז געווען פאַר דריי יאָרן זומער, אַרום נאָך שבועות. מיין מסחר איז געווען אַרומפאָרן נאָך ספרים. פאַלי איז געווען מיין חלום, מיין פאַנטאַסטישער טרוים... איך האָב ממש פאַרהייליקט איר נאָמען. קיין שום מענטש אויף דער וועלט האָט נאָך פון דעם דאַמאָלסט נישט געוווּסט און דערפון איז דאָס פייער נאָך געפערלעכער געווען. איך בין טאָג און נאַכט אַרומגעפאָרן איבער שטעטלעך און דערפלעך, זיך שטענדיק געפונען אונטערן בלויזן הימל, אויג אויף אויג מיט דער שיינער נאַטור און דערפון איז דער פלאַם נאָך העלישער געוואָרן... קיין זייטיקע זאָרגן האָב איך דאַן נישט געהאַט, אַז זיי זאָלן כאָטש טיילוויז מיין אומעט פאַרטרייבן. די מנוחה אויף די סטעפּעס און אין די אומענדלעכע וועלדער איז געווען אַן אידיאַלע, קיין פּרעמדע געריישן האָבן מיר דעם קאָפּ נישט פאַרטומלט. מיין צער איז געווען גאַנץ... געוואַקסן... געפרעסן מיין האַרץ, ווי זשאַווער פרעסט אייזן.

בין איך איין מאָל אַריינגעקומען צו אייך אין שטוב אַריין און קענען דיין געוווינהייט ביסטו דאַן געווען גוט צו מיר, געשפּילט מיט מיר אין שאָך. פיר פּאַרטיעס נאָך אַנאַנד האָב איך דאַמאָלסט צו דיר פאַרשפּילט. ביים געזעגענען זיך, האָסטו מיר דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן די האַנט דערלאַנגט. ביי מיר איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן צו האַלטן אַ מיידלשע האַנט אין מיינער און וועמענס? די האַנט פון דער, איבער וועלכער איך שלאָף נישט קיין נעכט, וועלכע פאַרשטעלט מיר ממש די זון. איך בין אין יענעם פאַרנאַכט געווען דער גליקלעכסטער מענטש. מלאכים, אַ כאָר פון מלאכים האָבן פאַר מיר שירה געזונגען אין מיין האַרצן! און מיט אַ מאָל... אין דעם זעלבן פאַרנאַכט, פאַרנדיק צום וואָקזאַל, ווער איך געוווירפון מיין טאַטן, אַז דאָס האָסטו זיך מיט מיר געזעגנט אויף אייביק פאַר דיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. דיין טאַטע האָט געשריבן, אַז איר זאָלט זיך געזעגענען מיט די פּאַטיגאָרסקיס און דו האָסט פּינקטלעך אויסגעפילט דיין טאַטנס פאַרלאַנג.

אַזוי לאַנג ווי איך האָב זיך געפונען אין דער קעגנוואַרט פון מיין טאַטן, האָב איך זיך געהאַלטן שטאַל און אייזן, נאָר נאָך דעם, בין איך מיט אַן אויסרייד אַוועק אַליין אין פעלד. דאָרט זענען געשטאַנען גאַנצע גאַסן פון

ציגל מיט שפּאָלן. איך בין צוגעפאַלן צו די קאַלטע ווענט... איך האָב דאָן מנחה געדאַוונט... איך געדענק ביז היינט, אַז איך האָב אַזוי געוויינט, אַזוי געוויינט... ליגנדיק מיטן פּנים צו דער ערד האָב איך געבעטן ביי גאָט:

— אוי, גאָט! צעברעך נישט מיין האַרץ, צעברעך נישט מיין האַרץ!...

שלמה באַמערקט אַליין נישט, ווי פון זיינע אויגן הייבן אָן קאַפּען טרערן גלייך אויף פאָלים קאָפּ. ער פילט דאָס נישט, ער רעדט ווייטער:

— איך האָב דאָן געוויינט לאַנג, זייער לאַנג... און דעם טרויער פונעם האַרצן דאָך נישט אַראָפּגעוויינט... דער טאַטע האָט דאָס באַמערקט און נישט געקענט פאַרליידן מיין צער... אויך געלאָזט אַ טרער... דאָס האָט מיר נאָך שווערער געמאַכט דאָס האַרץ... מיין טאַטן וויינען האָב איך נאָך ביז דאַמאָלסט נישט געזען, דערפאַר האָט דאָס מיר אַזוי שרעקלעך וויי געטון... און אָט האָב איך איצט אויך, ווי דו ביסט אַרויסגעגאַנגען זיך באָדן, זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין יענער מנחה און געפרעגט ביי זיך אַליין: מיט וואָס האָב איך דאָס זוכה געווען צו אַזאַ ים פון גליק? פאַר וועלכע מעשים־טובים? פאַר וואָס קומט דאָס מיר? —

מיט אַ מאָל כאַפּט ער אַרויס די האַנט פון אונטער איר קאָפּ, גיט אַ פיר איבער אירע באַקן און אַ געשריי נישט מיט זיין קול:

— פאָלי, וואָס איז דאָס? דו וויינסט? גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו?

פאָלי, וויינענדיק נאָך שטאַרקער:

— און דו מעגסט? דו מיינסט, אַז איך פיל נישט דיינע טרערן? איך מעג טאַקע יאָ וויינען אויף די צרות, וואָס דו האָסט געליטן איבער מיר...

שלמה באַגראָבט זיין פּנים אין איר פייכטן שמעקנדיקן קובליק. לאַנגע מינוטן ציען זיך ווי אַן אייביקייט. קיינער פון זיי רירט זיך נישט, קיינער וויל נישט צושווימען צו קיין ברעג פון דעם ים זכרונות, וואָס האָט זיי אונטערגעכאַפּט און טראָגט זיי אויף זיינע כוואַליעס...

דער זייגער האָט רציחהדיק אָפּגעשניטן: איינס, צוויי, דריי, פיר!

זיי האָבן פאַרוואונדערט אַ קוק געטון איינער אויפן צווייטן:

— וווהין איז אַהינגעקומען דער היינטיקער טאָג?

פאָלי האָט גענומען שלמהס כאַלאַט פונעם בענקל און אים דערלאַנגט:

— נעם און גיי, נאָר איך בעט דיך, מאַך עס דאָרט אויף גיך. מיר איז איצט אַ שאָד דיך צו פאַרלירן אפילו אויף איין מינוט. דו הערסט, צי ניין?

— נשמה מיינע! וואָס קען איך העלפן? דו ביסט טאַקע מיין לעבנס־באַגלייטערין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָבער אַהין מיטנעמען דיך, קען איך נישט. דאָרט איז לעת־עתה אַ פאַרבאָטענע זאָנע.

פאָלי גיט זיך אַ ריס פון דער סאָפע און פאַרלויפט אים דעם וועג. זי האַלט אים ביי ביידע עלנבויגנס. איר קוק איז טונקל, כמעט שוואַרץ. די הענט ציטערן, די ברעמען זענען שאַרף, דאָס קול פאַרשטיקט, קוים וואָס ער כאַפּט מיטן אויער:

— פאַר וואָס האָסטו נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן אין קיעוו, פאַרן פּאָרן?

שלמה קען נישט איבערטראָגן איר שיכורן דורכבויערנדיקן קוק. אַ פאַר־לווירענער לאָזט ער אַראָפּ די אויגן, נעמט לייכט אַראָפּ אירע הענט פון זיינע, קושט איר אויס אַלע פינגער און גייט אַרויס.

אַריינקומענדיק פון דער וואַנע טרעפט ער אויפן טיש אַ גאַנצע סעודה: אָנגעפּילטע העלדזלעך, פּופּקעס, גריוון, מאַראַנצן, עפּל, באַרן און פינקלענ־דיקן ווײַן אין די בעכערס. שלמה, מיט די פריש־פּאַרקעמטע לאָקן, אין אויז־בעקישן כאַלאַט און אין רויט־געקווייטלטע סאַפיאַנענע שטעקשיך, האָט גע־שײַנט מיט פרישקייט און מיט גליק. פּאָלי האָט זיך געשפּיגלט אין אים:

— דו ווייסט גאַרנישט, ווי דיר פּאַסט אָט דער אָנצוג. נאָך אַ פּליר־שענע פּעסקע געשטיקט מיט גאָלד — און דו ביסט אין גאַנצן ענלעך אויף אַן אַמאָליקן לעגענדאַרן מזרחדיקן פּרינץ. אָבער אַ קאַפּיע, זאָג איך דיר. דער בליק, די האָר, דער עקשנותדיקער פאַלד אונטערן בערדל, דאָס פאַר־לייגן ביידע הענט אויף דער ברוסט... אַ טיפּישער שייך...

— אַז גאָט האָט מיר געשענקט אַ פּרינצעסין, מוז איך דאָך שוין זײַן ענלעך אויף אַ פּרינץ... אַז נישט, ווי אַזוי ווייזט מען זיך עס פאַר לײַטן?

שלמה לאַכט. מיט אַ מאָל קערט ער איבער די אויגן, שטשירעט אויס די ציין, פּאָלי גיט אַ הילכיקן קוויטש פאַר דערשרעק און ביידע צעלאַכן זיך. שלמה גיט אַ געשריי:

— נו, רבותי, וואָשן מיר זיך צו שלש־סעודות?

— פאַר וואָס עפּעס: שלש־סעודות? אפשר גאָר: פּורים־סעודה?

— דוקא נאָר שלש־סעודות, נישט אַנדערש. דו ווייסט דעם באַדייט פון דעם וואָרט?

— עס איז אַ נאָמען אַזאַ, האָב איך געמיינט.

— אַ נאָמען, אוודאי אַ נאָמען, נאָר מיט אַ באַדייט. שלש הייסט דריי.

— דאָס ווייס איך, אחת, שתים, שלש...

— נו, אָט רעדן מיר שוין אויף העברעאיש אויך. און סעודה, וואָס הייסט?

— איך ווייס? אַ סעודה, אַן אָנבייסן.

— פולשטענדיק ריכטיק. צוזאַמען הייסט עס: די דריטע סעודה.

— וואָס זשע איז דער משל אָהער?

— דאָס וועט זײַן די דריטע סעודה פון אונדזער זעלבסטשטענדיקן לעבן.

— דו ציילסט אונדזערע סעודות, אַזוי ווי טייערע פּערל.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָבן פּערל קעגן זעצן זיך מיט דיר ביי איין טיש?

ווען אַלץ פון טיש איז פאַרבראַכט געוואָרן, די פלאַש אויסגעליידיקט, איז פּאָלי אַוועק אין שלאָפצימער און שלמה האָט גענומען צוגרייטן די העפטן אויף נאָכן שלאָף. ווען ער איז אַריינגעקומען זיך לייגן, האָט נאָך

פֿאַלי נישט באַוויזן זיך אײַנצודעקן, ווי עס געהער צו זײַן. אויף אַ רגע האָט ער ביים שוואַכן שײַן פֿון מילכיקן נאַכטלעמפּעלע באַמערקט איר האַלב נאַקעטן קערפּער. אין זכרון האָט זיך שוואַך אַ מיש אויף געטון אַן אַלט בילד: פֿאַלי מיט אַנטבלויזטע ברוסטן ביי זיך אין בעט נאָך האַלבן טאָג... דעם אַלטן שאַיעס שטוב...

אין עלעכע מינוט אַרום האָט אַ טויטע שטילקייט פֿאַרשלונגען דאָס צימער. אײַנגעוויקלט אין לייכטע קאָלדרעס זענען געשמאַק געשלאָפֿן צוויי פּרישע, יונגע, געזונטע און גליקלעכע מענטשן.

קאפיטל XLVI

נאך אין שלאף האט שלמה געפילט עפעס א קיצלענדיקע מאסע אויפן פנים, א זיס־רייצנדיקן ריח אין דער נאז און א היים אטעמען. ער האט דער־שראקן געעפנט די אויגן, אפגעשארט די שמעקנדיקע האר פון פנים און געווארפן א קוק אויפן עטוואס געעפנטן פענצטער: פון דארט האט ארייג־געקוקט א שווארצע נאכט. עס האט שוין געמוזט זיין זייער שפעט. פונעם הויף האט זיך נישט דערטראגן קיין מינדסטער שארך. אן עלנט פאר־שטויבט לעמפעלע האט ערגעץ אין דער ווייט זיך געהוידעט פון ווינט. דער זייגער אין עסצימער האט רירעוודיק געציילט די מינוטן: דין, דין, דין... גלייך אויף אים האבן געקוקט צוויי ברענענדיקע פאקלען. סאמעטענע, הייסע, צוויי פוקע העגטלעך האבן אומרואיק געגלעט אים דעם שטערן, די אויגן, דעם האלדז. איבערגעבויגן איבער אים, איז געזעסן פאלי אין דעם נאכטהעמד און האט געפיבערט מיט אלע אברים.

שלמה האט ווי אן אפגעבריטער זיך א הייב אויף געטון, זיצנדיק זי איינגעשלאסן אין זיינע אָרעמס און באשאטן איר פנים מיט א האגל קושן. אירע נאקעטע הענט, ווי צוגעצויגן פון א מאגנעט, האבן זיך פארקייטלט ארום זיין האלדז. אירע אויגן זענען געווען צו, אירע ליפן האבן געזוכט זיינע און געפינענדיק זיי — פארשטארבן געווארן אויף א גאנצער אייבי־קייט. ווען די ליפן האבן זיך אפגעריסן, איז איר קאפ ארונטערגעפאלן ווי אן אונטערגעשניטענער און אירע פינגער האבן זיך קאנוולסיוו איינגע־קלאמערט אין זיין קישן.

דאס צימער איז געווען איינגעהילט אין שאטנס. פאלים קערפער אין ראזע קרעפ־דע־שין איז געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין בעט. פון אים האט געטראגן מיט שיכרות, מיט אומברחמנותדיקן פרויען־צויבער. שלמה איז נאך אלץ געזעסן אין זיין פריערדיקער פאזע. זיין קאלטער פארשטאנד האט שוין ווידער רעאגירט אויף אלץ, וואס קומט דא פאר. פאלים הענט האבן ליידנשאפטלעך אים געצויגן אראפ, צום קישן, אהין וווּ איר קאפ... זי האט מיט א פארשטיקט קול היים געמורמלט:

— איך שלאף שוין פון לאנג נישט... דאס פענצטער געעפנט, עס העלפט נישט... איך קען נישט... דו ביסט אזוי זיס געשלאפן... איך האב דיר אזש נישט פארגונען... אזש דיר א שונא געווען... און אויפגעוועקט... שלמהלע... ליבער... נו, שפאר זיך צו... וואס זיצסטו, וואס?... שוין ושע איז טאקע דער עיקר דאס צעבראכענע גלעזל מיטן רינגל?... שלמה, איך חלש... רחמנות האסטו אין זיך?...

ביים ווארט רחמנות האט שלמה א ציטער געטון מיטן גאנצן קערפער. ער האט גענומען אירע ביידע הענט און זי אויפגעהויבן צו זיך.

— פאלי, איך וויל דיר זאגן עטלעכע געציילטע ווערטער. דו הערסט מיך?

— איך הער — האָט זי ליידנשאַפטלעך אַרויסגעשעפּטשעט. איר קול האָט זיך דערטראָגן ווי פון יענער וועלט.

— ניין, פאָלי, אַזוי הערן טויג נישט. איך בעט דיך, איך וויין פאַר דיר, קום צו זיך און הער אויס עטלעכע קלוגע ווערטער, נישט מער ווי עטלעכע...

פאָלי האָט געעפנט די אויגן, זיך צוגעפּרעסט צו אים, אַ גלעט געטון זיין פנים און שוין רואיקער געזאָגט:

— איך הער, שלמהלע... אַלץ, וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך הערן...

— אַך, דו ביסט דאָך אין גאַנצן נאַקעט און ציטערסט ווי אַ בלאַט.

— דאָס איז נישט פון קעלט, האָב קיין מורא נישט, דאָס איז פון היץ...

— אָט וועגן דעם טאַקע וויל איך דיר זאָגן...

שלמה דערלאַנגט מיט דער האַנט זיין כאַלאַט פון דעם בענקל, וויקלט מיט אים אַרום פאָלין ווי אַ קליין קינד, דריקט זי צו צום האַרצן און דערשטיקט זי שיר נישט מיט אַ לאַנג דויערנדיקן קוש. ער אָטעמט אָפּ און זאָגט:

— פאָלי, אָבער דו הערסט מיך גוט?

— איך הער.

— זאָג מיר, וואָס האָסטו פריער פון מיר געוואָלט?

— דו ביסט נישט קיין קליינינקער, ווייסט אַליין...

— פאָלי, קוק מיר נאָר אין די אויגן אַריין. וויפל האָט דען דאָ געפעלט, אַז איך זאָל זיך פאַרלירן און מיר זאָלן זיך פאַראייניקן ווי געזעצלעכע מאַן און ווייב?

— גלייב מיר, עס וואָלט גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען, ווי דו מיינסט...

— נאָר וואָס דען, דו קלערסט, אַז איך בין צו דעם געפיל גלייכגילטיק?

— איך ווייס נישט, וואָס צו קלערן, נאָר איך בין נישט פון אייזן.

— און איך, מיינסטו, בין אַ קאַלטער מלאך? און דער עיקר: צו וועמען? צו דיר? וואָס אָנרירן אַ מינדסט פינגערל דיינס איז ביי מיר געווען דער ווייטסטער טרוים? פאָליאַ! דו האָסט דאָ ערשט דערמאָנט דאָס וואָרט „רחמנות“. מיר דאַכט, אַז דו האָסט אויף מיר נישט קיין רחמנות, אויב דו שטעלסט מיך אויף אַזעלכע הייסע קוילן... פאַר וואָס בין איך דען נישט איינגעגאַנגען אין קיעוו אויף אַ חופּה, אַזוי ווי דער טאַטע און דער זיידע האָבן געוואָלט? וואָס האָט געקענט זיין גרינגער, פּראָסטער און נאַטירלעכער דערפון? נאָר, פּאָליטשקע, בלויז פון געטריישאַפט צו דיר, נאָר דערפאַר, ווייל דו ביסט פאַר מיר הייליק, טייערער פון מיין לעבן און פון אַלץ, וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט. נאָר דערפאַר האָב איך אויף זיך גענומען אוממענטשלעכע ליידן. אַזעלכע נסיונות זענען געפערלעכער פון שלענג, פון טשומאַ, דאָס קען דערפירן צו משוגעת... איך האָב געדאַרפט וואַרטן, אַז דו זאָלסט מיר אין וואַגאָן ערשט דערמאָנען, אַז איך האָב שוין דאָס רעכט דיר אַ קוש צו טון, האַ? נאָר איך האָב מורא מיך

צורירן צו דיר, אזא ציטער כאפט מיך אן, ווען איך דערפיל דיין נאענט־קייט. אט ליגסטו איצט אין מיינע אָרעמס, גלייב מיר, יעדעס גליד פון מיר איז עלעקטריזירט, איך פלאקער אין גאנצן ווי א שטרויענער דאך פון דער שריפה, וואס דערגייט צו מיר דורך אט דעם געקווייטלטן כאלאט... נאר ווען דו קענסט אריינקוקן צו מיר אין הארצן, זען וואס מיך האלט אפ פון אין גאנצן זיך אפגעבן דעם שטראם פון די געפילן, וואלסטו דאן זיך באנאנגען מיט מיר מיט מער מיטלייד, מיט מער געטריישאפט.

— וואס זשע אזוינס שטערט דיר? זאג אלץ! אפשר פון די צרות פון די לעצטע חדשים ביסטו אפגעשוואכט? זאג, שעם זיך נישט... פאר מיר טארסטו דאך נישט האבן קיין סודות!...

— פאלי, גאט איז מיט דיר! וואס פאלט דיר איין? מיין יושר און מיין ליבע שטערן מיר, נישט מיין שוואכקייט — האט שלמה מיט ברען געענטפערט — וואס טו איך, אויב חלילה די געפעאו שפירט מיך אויס אין מאסקווע און צעשיידט אונדז אויף זייער לאנג, הא?... איך האב דיך אפילו נישט געוואלט פארבינדן מיט קיין תנאים, וואס זענען דאך פארט נישט מער פון פאפיר, וועל איך דיך גיין פארבינדן קערפערלעך, אז דו זאלסט חלילה אן מיר בלייבן פארבונדן אויף אייביק? מיר זענען דאך ביידע דערוואקסענע מענטשן און דארפן אנרופן זאכן מיט זייערע ריכ־טיקע נעמען.

— ווער רעדט עס גאר פון אזעלכע זאכן? אבער מענטשן גיבן זיך דאך אן עצה ווי עס איז... מען לעבט דאך...

— וואַ־אַ־אַס? דו ווייסט יא וואס אזוינס דו האסט ערשט געזאגט? איך זאל איינשטעלן דיין לעבן, דיין טייער לעבן, צוליב דעם פארגעניגן פון א רגע? און ד ו ליגסט עס מיר פאר? איך, וואס בין פאראנטווארטלעך פאר דיין לעבן פאר גאט און פאר לייט, פאר דיין טאטע־מאמע און פאר אלע מיינע קיעווער פריינט און חברים, וואלט ליבערשט געגאנגען צו דער תליה, איידער זען מיט מיינע אויגן ווי דו גייסט אויף אזא בלוטיקער אפע־ראציע. דאס איז דאך א קרימינעלער פארברעכן קעגן גאט און קעגן לייט. פאליטשקע! מיר איז נישט גרינג אזוי קאלט צו שמועסן וועגן דער פראגע, נאר דאך וועל איך מיט גאטס הילף נישט שטערן דיין אומאפהענגיקייט, ביז איך וועל נישט פילן, אז איך שטיי מיט ביידע פיס אויף א זיכערן באדן און קוק יעדן אן מורא אין די אויגן אריין... און ווען אפילו איך זאל שוין גאר וויסן אויף זיכער, אז מיר וועלן גאנץ בשלום קומען קיין אויס־לאנד, וויל איך אויך, מיר זאלן גיין צו דער חופה אומבאפלעקטע... נאר מיין נישט, טייערע מיינע, אז מיר איז גרינגער פון דיר... אדרבה... מ י ך האלט קיינער נישט צו פאר די הענט...

— אך, שלמה, שלמהלע, טייערער, ליבער, געטרייער, איך האב נישט די ווערטער זיך צו געפינען אין דיינע ד׳ אמות. איך בין אזא נידערטרעכ־טיקע, אזא שמוציקע, מיט אזוינע מיאוסע געדאנקען...

זי בייט זיך א ריס אויס פון זיינע הענט ווי א וויכער. אין איין אויגנ־

בליק וועחט ער אויפגעוויקלט פון דער קאָלדרע. זי פאַלט צו צו זיינע פיס און באַשיט זיי מיט הייסע קושן. שלמה וויל זי אָפּרייסן, נאָר זי לאָזט זיך נישט. אירע פינגער קלאַמערן זיך אין זיינע פיס. דראַפּען זיך אַלץ העכער און העכער. זי שעפּטשעט דאָרט עפּעס. איר אָטעם בריט זיין הויט. זי ציטערט ווידער... שלמה פילט, אַז עס טונקלט אים אין די אויגן, דאָס זענען נישט קיין דאַנקבאַרע קושן, דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז דער פריערדיקער ווולקאַן, נאָר נאָך פיל געפערלעכער... מיט פרישע כוחות... אָט־אָט, פילט ער, פאַרלירט ער דעם גלייכגעוויכט און ווערט פון איר מיטגעריסן... ער פילט שוין דאָס וויברירן פון פאָלים קערפּער איבער אים... ער זינקט אין אַן אָפּגרונט... נאָר פּלוצלינג לויפט אים דורך אַ געדאַנק:

— און די מומע טייבל האָט נאָך געוויינט ביי דיין אוועקפאָרן...

אין אים האָט אַ דריי געטון אַ וויכער און אים אַ טראָג געטון אין דער לופטן. ער האָט אַ שפּרונג געטון פון בעט, געכאַפּט פון פאָלים בעט די קאָלדרע, אַ פראַל אויף דאָס פענצטער און — ער שטייט שוין אויף יענער זייט...

אין הויף איז אַלץ ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע לאָדנס צוגעמאַכט. קיין לבנה איז נישטאָ. אַזוי שפּעט, ס'איז אָנהייב חודש, נאָר דער הימל איז לויטער ווי קרישטאָל. געציילטע שטערן דרימלען מיט אָפענע אויגן. אַ לייכט ווינטעלע דערמאָנט אים, אַז ער איז נאַקעט. ער וויקלט זיך גוט איין אין דער קאָלדרע. זעצט זיך צו אויף דער פריזבע און די צעבושעוועטע נערוון הייבן זיך אָן איינצושטילן. דער געדאַנק קערט אים אום צו דער ערשט איבערגעלעבטער סצענע. ער פילט, אַז די קאָלדרע איז נאָך וואַרעם פון פאָלים קערפּער און אים איז דערפון אָנגענעם... אין האַרצן האָט ער נישט קיין מינדסטן פאַרדרוס אויף פאָלין. זי איז זיכער אַן ערלעך מיידל, זייער אַן ערלעכע, דאָס ווייסט ער גוט, נאָר אים באַטראַכט זי שוין אַלס איר מאַן, אַזוי טאַקע האָט זי אים שוין אַ מאָל אָנגערופן. עס איז ביי איר קיין שום נפקא מינה נישט — נאָך דער חופּה צי פאַר דער חופּה... ווען נישט זיין אומגליק, וואָס ער איז נישט זיכער, נישט מיט דער געפּעאו, נישט מיט דער קאָמיסיע, נישט מיטן איבערגיין די גרענעץ, ווער לאָזט אים נישט אפילו מאָרגן שטעלן אַ חופּה און פאַרשפּאָרן אָט די אַלע אוממענטשלעכעליידן. זי וואָלט טאַנצנדיק געגאַנגען חתונה האָבן... און דער זיידע האָט אויך אָנגעזאָגט... נאָר ער וועט דאָס נישט טון, ער וועט נישט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אַ מאָל קענען אויף אים אַ מיאוס וואָרט זאָגן, אָפּלאַכן פון אים הינטער די פּלייצעס... אָדער אויף פאָלין אַ „נעבעך" זאָגן... איי, דערווייל? עס וועט איר איבערגיין... אפשר איז דער ווין שולדיק?... מען דאַרף טאַקע מער קיין ווין פאַרן שלאָף נישט טרינקען... אינטערעסאַנט, וואָס טוט זי דאָרט?

ער באַמערקט, אַז פון זייער פענצטער־קוואַדראַט פאַלט אַ העלע שיין אויף דער ערד. עפּעס רוקט זי דאָרט אַ בענקל... אָט שוועבט איר שאָטן איבערן צימער... וואָס איז דאָס? דאָס צימער האָט זיך אַ וואַקל געטון,

די עלעקטרישע לאָמפּ איז אָפּגעטראָגן געוואָרן ערגעץ ווייטער פונעם פענצטער... שאַ, זי דערנענטערט זיך צום פענצטער... איר פיגור, זעט ער, בייגט זיך אַריבער און זוכט אים מיט די אויגן...

— שלמה, איר מעגט שוין אַריינגיין.

ער שפּרינגט אַריין דורכן פענצטער. זיין בעט איז גלאַטיק פאַרבעט, אירס — אויך. אויף אַ בענקל לעבן זיין צוקאָפּנס שטייט דער טישלאָמפּ און עס ליגן זיינע העפטן. אין אַ ווינקל פון צימער, פאַרשפּיליעט ביז אַרויף, אין איר שלאָפראָק, שטייט פּאָלי מיט אַ בלאַסן געזיכט און מיט אַראָפּגע־לאָזטע אויגן. עס נעמט אים אָן ביים האַרצן. ער גייט צו, קוקט אויף איר אומבאַהאָלפנקייט, הייבט אונטער מיט צוויי פינגער איר פּנים, קוקט איר גלייך אין די אויגן און מאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק:

— אַט דאָס האָב איך זיך היינט דערדינט, אַז דו האָסט מיר ווידער אָנגעהויבן זאָגן „איר"?

— אַנטשולדיק, עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, איך וועל מער נישט.

— וואָס שטייסטו עפּעס אַזוי פאַרזאָרגט, פּאָלי?

— גאָרנישט. נאָר דו וועסט שוין אודאי פון היינט אָן נישט קענען קוקן אויף מיר...

— פאַר וואָס עפּעס, פון היינט אָן?

— נאָך דעם, וואָס עס האָט געטראָפן...

— וואָס האָט דען געטראָפן? איך געדענק גאָרנישט...

פּאָלי האָט אויפגעהויבן אירע הימלשע אויגן אויף שלמהן, און זיי האָבן געבלישטשעט טרערן פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט נישט דרייסט גע־מאַכט אַ טריט צו אים. ער איז איר אַנטקעגן געלאָפן, געכאַפּט זי אויף די הענט און צוגעטראָגן צו איר בעט.

— דאָס האָסטו מיר צוגעגרייט? — האָט ער זי געפרעגט, אָנווייזנ־דיק אויפן בענקל.

— יאָ, אויב עס איז דיר נישט שווער, וויל איך זייער, אַז דו זאָלסט מיר ענדיקן דיין בוך.

— וואָס הייסט עפּעס — נישט שווער? עס איז מיר בפירוש זייער שווער נ י ש ט צו ענדיקן דיר מיין בוך.

פּאָלי האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטון:

— פאַר וואָס זשע הייבסטו נישט אָן? אַהאַ, וואַרט אויס, איך וועל מיך אָפּקערעוועז, ועסטו געמען אויף זיך דעם כאַלאַט, דו ביסט דאָך נאָך אין דער קאָלדרע...

— דו דאַרפסט זיך נישט אָפּקערעוועז, נאַרעלע. גיי, וואַש די הענט און ברענג מיט זיך וויפל שאָקאָלאַד מיר האָבן נאָך, מיך הונגערט שוין...

— און דו גייסט זיך נישט וואַשן?

— איך גיי אויך באַלד.

פּאָלי איז אַרויס אין פאָדערצימער. שלמה האָט אָנגעטון דעם כאַלאַט, אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, פאַרמאַכט די לאָדן פון שלאָפצימער, זיך אַרומ־

געוואַשן, פאַרקעמט און איז אַרײַנגעגאַנגען צו פּאַלין. יענע האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרשולדיקט קינד, נישט געקענט אים קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. שלמה האָט זיך צוגעזעצט אויף איר בעט:

— פונקט ווי איך וויל, אַז דו זאָלסט הנאה האָבן פון מײַן לײַענען, אַזוי ווילסטו דאָך מסתמא, אַז איך זאָל הנאה האָבן פון דײַן שאָקאָלאַד?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? געוויס אַזוי!

— אויב אַזוי, מוזסטו מיר פריער אַ קוש טון, אַנדערש קריכט מיר גאָרנישט און האַלדז אַרײַן.

פּאָלי האָט רויט ווערנדיק אַ בורטשע געטון:

— איי, וואָס טראַכסטו אויס?

— בין איך שוין געוואָרן אַ ליגנער אויך, פאַר היינטיקער נאַכט?

פּאָלי האָט נישט דרייסט גענומען זײַן האַנט, פאַרקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן:

— מײַן טאַטע האָט דיר נאָכגעשריגן, אַז דו זאָלסט מיר זײַן אַ פאָטער אויך... איך פיל דײַן פאָטערלעכע באַציאונג צו מיר און קען דיר גאָרנישט אויסמאָלן, ווי דאַנקבאַר —

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן...

— שווער מיר, אַז דו האָסט מיר אַלץ מוחל געווען...

— איך שווער דיר, אַז איך קען דיר נישט מוחל זײַן, ווייל... איך בין גאָר ברוגז נישט געווען...

— שלמהלע... לעבן מײַנס... אײנציקער מײַנער...

ווען שלמה האָט מיט שיכורע אויגן קוים אָפּגעריסן זײַנע ליפּן פון אירע, האָט זי שטיל אַ פרעג געטון:

— מעג איך, הייסט עס, צוריק פריילעך זײַן?

— נישט דו מעגסט, נאָר דו דאַרפסט.

ווען דער שאָקאָלאַד מיט די ניס, מיט דער וואַרעניע זענען געווען אויפגעגעסן, האָט שלמה צוגערוקט דאָס בענקל מיטן לאָמפּ צו פּאָלים בעט און זיך גענומען צו די העפטן...

— פאַר וואָס זשע גאָר דאָ? דו קענסט דאָך נישט ליידן, אַז דו זעסט עמעצן פאַר די אויגן בשעתן לײַענען...

— איצט איז עפּעס אַנדערש. ביי דײַן איצטיקער שטימונג האָב איך מורא, אַז דו קענסט זיך נאָך פאַרטראַכטן אין זייטיקע מחשבות און דער־ווייל נישט הערן, וואָס איך לייען... און טאָמער גלוסט זיך מיר נישט פון דיר אוועקצוגיין, פאַרגינסטו מיר נישט?...

קאפיטל XLVII

ווען זיי האָבן צעעפנט די לאָדן, איז שוין געווען באַלד האַלבער טאָג. אויפן הויף פון „ציגימאַש" האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. אַ גאַנצע כאַליאַסטרע קינדערלעך האָט זיך געשפּילט עטלעכע טריט פונעם פענצטער.

— ווי אַזוי האָבן זיי דאָס אַפילו גאָרנישט געהערט?

די זון האָט מילד געשאָטן אויף דער וועלט גאַנצע הויפנס ליכטיקע גלעטנדיקע שטראַלן.

— ווי אַזוי האָבן זיי דאָס אַפילו נישט געפילט?

ביידע אין די כאַלאַטן זענען געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער, איינ־געאָטעמט אין זיך די לופט פון דעם ניי געבוירענעם טאָג. פון אַ גאַניקל אַקעגן האָט עמעצער אָנגעוויזן אויף דעם אויסגעפּוצטן פּאַרפּאַלק. זיי האָבן אויך גיך אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג און ערשט אַצינד אַ קוק געטון איינער אויפן אַנדערן.

פּאָלי האָט אים אָפיציעל געדריקט די האַנט:

— חבר פּיאַטיגאָרסקי! איך באַגריס אייך מיט אייער גרויסן נצחון אויף דעם ליטעראַרישן פראָנט. איך בין אייך מבטיח, אַז אייער ווערק וועט איבערזעצט ווערן אויף אַלע שפּראַכן און פּאָפּולער ווערן אויף דער גאַנ—צער וועלט...

— אומבאַדינגט אויף דער גאַנ—צער? אפשר וועט גענוג זיין אויף אַ האַלבער? ווי קען מען דאָס זיין אַזוי אַכזריותדיק און נישט איבערלאָזן פאַר קיינעם אַפילו קיין ד' על ד'?

— איר קענט זיך מיר נאָכקרימען וויפל איר ווילט און איך בין נישט מסכים אויף ווייניקער, נאָר אויף דער גאַנצער!

Или Цезар, или ничего! *

— אוי־וואַ! דו האָסט נישט קיין קליינע השגה, טייבעלע מיינס... מען קען אויף אַן אמת מיינען, אַז ס'איז עפּעס —

פּאָליס האַנט איז צוגעפּאַלן צו זיין מויל:

— שווייג, דו! זאָלסט נישט וואַגן מיך צו אַנטוישן... איך געפין גאָרנישט קיין ווערטער אויסצודריקן דיר מיין אַנטציקונג...

— דיין אַנטציקונג מוזסטו נישט אויסדריקן מיט קיין ווערטער, דו באַזיצסט דערצו אַנדערע מיטלען...

פּאָלי האָט אים ליבלעך אַ פּאַטש געטון איבערן מויל:

— גיי, ביסט שוין, דאַכט זיך, געוואָרן ערגער פון מיר...

— וואָס דען מיינסטו? די געמאַכטע זענען ערגער פון די געבוירענע. נו, לעבעדיקער! דאַווענען, עסן און אין שטאָט אַריין! שוין צייט אַ קוק טון אויף מאַסקווע.

---

* אָדער צעזאַר, אָדער גאָרנישט!

ביים עסן פרעגט ער זי:

— פאלי, דו ווייסט, אז פרישטיקן איז פיל בעסער מיט פוטער, קעז, געזאלצנס, איידער מיט גענהזענע ביילעקס און נאך קאלטע דערצו?...

— יא, אבער מען מוז דאס אלץ אויפעסן, עס איז זומער, מען קען דאס לאנג נישט האלטן, כאטש עס איז גוט איינגעפרעגלט. און צופרעגלען עס אויף די גאלדינס בעקעלעך טאר מען דאך נישט, הא? איא אזוי?

— זעלבסטפארשטענדלעך, טייערע... עס איז נאך דא א סך אט דאס פליישווארג?

— נאך אויף עטלעכע מאל אפצועסן.

— דיר בענקט זיך נאך נישט נאך קיין היימן געקעכץ?

— און אז עס בענקט זיך יא, וואס קען מען העלפן?

— יא, ביסט געדעכט, מען קען גארנישט העלפן. סיידן צופארן אין שטאט אריין, קויפן געשיר און פארפירן אן אייגענע באלעבאטישקייט...

— וויים איך, ווער וועט זיך דערמיט אנהייבן פארנעמען? עס וועט שוין מוזן אזוי אויך גוט זיין.

— נו, פאלי, ברענג אין ארדענונג דיין טואלעט און איך וועל געוויר ווערן, וואס עס טוט זיך אין דער הייגטיקער מאסקווע...

שלמה האט אין דער קאמענדאטור געבעטן א נייע צייטונג, אויף גיך זי איבערגעלאפן מיט די בליקן און איז מיט א גדולה אריינגעלאפן אין שטוב אריין:

— פאלי, אין מלוכהשן דראמאטישן קאמער־טעאטער שפילט מען היינט „אננא קארעגינא".

— אוי, מאמע, ווי גוט.

פאלי איז געהאנגען אויף זיין ברוסט, דעם קאפ איינגעניורעט אין זיין האלדז. זי האט געהאלטן אין איין חזרן זיך:

— אך, ווי גוט! אך, ווי גוט!

שלמה האט זי ארומגעטראגן אויף די הענט איבער דער שטוב ווי א פיצל קינד. מיט א מאל האט ער זי געגעבן א שטעל אראפ:

— עפעס טראגסטו א ניי קלייד און בארימסט זיך גארנישט.

זי האט געטראגן א קלייד פון גלאטן גראנאטענעם קרעפ־זשארזשעט, נאר די קאפטעטשקע איז געווען ארומגעזוימט מיט א שמאל רויט סטענגעלע. דאס קלייד איז זייער שיין געלעגן אויף איר, די טאליע איז געווען רעליעף ארומגעכאפט. צום האלדז צו האט זי געטראגן א ווייס זיידן קעלנערל. דאס האט אונטערגעשטראכן די פארב פון אירע באקן און דאס גאלד פון אירע האר. אויפן קאפ האט זי געטראגן א שיין היטעלע, לויט דער לעצטער מאדע, וועלכעס איז ווי א פאווע געזעסן אויף איר הויכער פריזור. שלמה האט נישט געקענט אפרייסן די אויגן פון איר געשטאלט:

— פאלי, ערנווארט, דו ביסט די שענסטע פרוי, וואס איך האב וועז עס איז געזען אין מיין לעבן און מיר גלייבט זיך נאך אלץ נישט, אז אט די בילד־שיינע פרוי איזווירקלעך מיינע אויף אייביק.

פאַלי האָט צוגעטראָגן איר פּנים צו זיינעם און שעמעוודיק אַרויסגע־שעפּטשעט:

— איך רעכן, אַז דו מעגסט היינט אין דעם מער גלייבן ווי נעכטן אין דער צייט...

שלמה האָט אין אירע אויגן איבערגעלייענט איר מיין, זיך אַ שפּיגל געטון אין דאָרטיקן דערשראָקענעם פייערל, וואָס האָט זיך צעפלאַמט ביים דערמאָנען יענעם פאַל. ער האָט זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע:

— האָסטו מיך יאָ ליב, לעבן מיינס?

— ווי אַזוי וואַגסטו נאָך צו פרעגן אַזאַ זאַך?

— זאָג איך דיר צו צום הונדערטסטן מאָל, אַז דו וועסט זיין די גליקלעכ־סטע פרוי אין דער וועלט... פאַר מיר וואָלט געווען זייער לייכט גיין צום עשאַפאָט צוליב דיר... און ווען דו וואַרפסט מיך אוועק, וואָלט איך זיכער דאָס נישט איבערגעטראָגן.

— ביים דיר אָפּ די צונג... איך וואָלט זיכער געשטאָרבן נאָך פאַר דיר!...

— אויב אַזוי, איז אַלץ אין אָרדענונג. קודם כּל פאָרן מיר צו אין טעאַטער נעמען בילעטן. דאַן פאָרן מיר צו צו מאַרגאַליסן אין האָטעל „מאָסקווע“ און פון דאָרט, ביז דעם אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג, גיבן מיר אַ קוק אויף דעם אַזוי באַרימטן „פּאַרק פון קולטור און אָפּרו“ אויף גאָר־קים נאָמען. גייען מיר?

— ניין, מיר לויפן.

זיי האָבן זיך נאָך אַ מאָל באַקוקט אין שפּיגל, פאַרריכט יעדע קליינינ־קייט, נאָך אַ דריק צום האַרצן, נאָך אַ קוש און דער שליסל האָט זיך איבער־געדרייט אין שלאָס.

געקראָגן גוטע ערטער אין טעאַטער זענען זיי דריי נאָך מיטאָג אַריינ־געגאַנגען אין האָטעל. דער ליפט האָט זיי אויפגעהויבן אויף דעם זיבעטן שטאָק און זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער וווינונג, וואָס זיי האָבן געדאַרפט.

מאַרגאַליס איז געלעגן אויף דער סאָפע און האָט געלייענט אַן אויסלענ־דישע ציימונג. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק, מיטעלע וווקס, אַ פולבלעכער, און וואָס ס'האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון פונעם באַזוכער: גוטע, קלוגע אויגן, וואָס קוקן טרויעריק און ערנסט גלייך יענעם אין דער נשמה אַריין. אויף דער לינקער זייט ברוסט איז געהאַנגען אַ מלוכהשער אָרדן.

דערזען די געסט האָט ער פּאַמעלעך אָפּגעלייגט די ציימונג אויף אַ זייט און איז אויפגעשטאַנען זיי אַנטקעגן.

— איר דאַרפט צו מיר, חברים?

— אויב איר זענט דער חבר מאַרגאַליס, דאַרף איך צו אייך.

— יאָ, דאָס בין איך, ביטע קומט אַריין אין מיין קאַבינעט.

ער האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטימע, אַ באַסאָווע, נאָר זייער אַ ווייכע. ער איז געגאַנגען פאָרויס און זיי נאָך אים.

מיט א מאָל דרייט ער אוים דעם קאָפּ, גיט א שולדיקן שמייכל:
— אויף איין רגעלע, חברים, איך וועל נאָר פאַרשליסן די טיר, דאַן גיי איך מיט אייך.
פאַרשלאָסן, קערט ער זיך אום און גיט זיי צו פאַרשטיין:
— אַלע בני־בית זענען אַוועק אין שטאָט, מיר פאָרן מאָרגן אַרויס אין אַ דאָרף, זענען זיי אַוועק מאַכן די לעצטע פאַרבערייטונגען. איך איינער בין אין שטוב.
אין קאַבינעט ווענדעט ער זיך צו שלמהן:
— מיט וועמען האָב איך דעם כבוד?
— נאָר אַ קליינעם כבוד, חבר מאַרגאָלים, אַן אומבאַוווסטער שלמה פּיאַטיגאָרסקי.
— קיין מאָל נישט געהערט. און דאָס מיידל איז אייער — ?
— כלה.
— זייער אָנגענעם. זיצט, יונגעלייט און זאָגט, מיט וואָס קען איך אייך נוצלעך זיין?
שלמה נעמט אַרויס דעם בריוו פון דעם פּאָעט בירנבוים און דערלאַנגט אים.
מאַרגאָלים לייענט אים איבער, גיט אַ שאַרפן קוק אויף שלמהן און לייענט ווידער איבער.
— קומט דאָך אייך נאָך אַ מאָל שלום עליכם, קאָלעגע...
— עס איז נאָך אַ ביסל צו פרי צו זאָגן מיר קאָלעגע, מר מאַרגאָלים.
— „מר"? עפּעס נישט קיין סאָוויעטישער אויסדרוק, דאַכט זיך?
— און אַז נישט קיין סאָוויעטישער, איז מה רעש? און צייטונגען לייענען מיר דען נאָר סאָוויעטישע?
מאַרגאָלים האָט אַ שמייכל געטון:
— איר האָט אַ טביעת־עין פון אַ תלמיד־חכם... האָט איר, הייסט עס, געבראַכט אייערס אַ ווערק, אַז איך זאָל עס איבערלייענען און זאָגן אייך אויף דעם מבינות?
— יאָ.
— עפּעס אַ גרויסע זאַך?
— אַ גאַנץ היפּשע.
— אַן ערך פון צוויי הונדערט זייטלעך זאָל האָבן דאָס ביכל?
— פאַר וואָס צוויי הונדערט? איך רעכן, אַז עס זאָל האָבן אין מיטעלן פאָרמאַט פינף הונדערט.
— צום ערשטן אַרויסטריט אַזאַ גרויס בוך? אַ נישט־געוויינלעכער דעביוט...
— קלענערע זאַכן האָב איך שוין פיל מאָל געדרוקט, נאָר אַזאַ גרויס ווערק איז ביי מיר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.
— אייערע געדרוקטע זאַכן האָט איר צופעליק נישט ביי זיך?

— נישט צופעליק, נאָר איך האָב זיי ספּעציעל מיטגענומען, כּדי איר זאָלט האָבן אַ גאַנץ בילד פון מיין שעפערישער אַרבעט.

— זייער גוט האָט איר געטון. און ווו האָט איר זיך געדרוקט, אין זשורנאַלן, צי אין צייטונגען?

— אין זשורנאַלן, צייטונגען און אַלמאַנאַכן. איך האָב אַלץ אויסגעשניטן און געבראַכט מיט זיך.

— אַזוי, אַזוי... ליטעראַטור האָט איר אוודאי עפּעס געלייענט?

— פיל מער ווי איר שטעלט זיך פאָר, חבר מאַרגאָלים.

— פון מיינע זאַכן האָט איר עפּעס געלייענט?

— נישט נאָר אין יידיש, נאָר אפילו אין העברעאיש, פון פאַר דער רעוואָלוציע.

— וואָס הייסט, איר לייענט פריי העברעאיש?

— און שרייב אויך אַזוי...

— אומגלויבלעך אומגלויבלעך... וויפל יאָר זענט איר אַלט?

— זייער פיל. גאַנצע צוויי און צוואַנציק.

— צוויי און צוואַנציק? וויפל זשע זענט איר אַלט געווען צו דער רעוואָלוציע? זיבן, דאַכט זיך? ווי זשע קען דאָס געמאָלט זיין? איך קען בשום אופן נישט פאַרשטיין...

— מילא, וואָס קען איך העלפן. ס'איז דאָך אָבער פּונקט אַזוי.

— אפשר, אויב דאָס באַליידיקט אייך נישט, וואָלט איר איצט אָנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער אין העברעאיש, אַזוי אויף איין פוס?

— דאָס זאָל מיך באַליידיקן? אדרבה, דאָס איז מיר זייער צום האַרצן.

— אויב אַזוי, נאַט זשע אייך טינט און פעדער, אָט ליגט פּאַפּיר, און איר ווייזט מיר אייערע העפטן מיט די געדרוקטע זאַכן, אַלץ וואָס איר האָט געבראַכט.

שלמה נעמט דעם טינטער מיט פּאַפּיר און ווענדעט זיך צו פּאָלין:

— פּאָליטשקע, אָט ליגט די היינטיקע פּרעסע, לייען דערווייל, איך קום באַלד אַריין.

מאַרגאָלים הייבט אַ פאַרוואונדערטער אויף די אויגן אויף אים:

— און איר וווהין גייט דען?

— איך וועל אַרויסגיין אין צווייטן צימער, אויב איר האָט נישט דאַקעגן, פאַרשטייט זיך.

— מיטן גרעסטן כּבוד, נאָר וואָס איז אייך דאָ שלעכט? אָט האָט איר אַ שטול.

— מיין רוח־הקודש איז אַזאַ קאַפּריזנער, אַז פּאַר פרעמדע אויגן קומט ער צו מיר נישט. וויפל צייט גיט איר מיר?

— וויפל איר ווילט, כאָטש אַ מעת־לעת.

קאפיטל XLVIII

שלמה גייט ארויס אין פאדערצימער און מארגאלים בלעטערט זיין ווערק. אויף עטלעכע מינוט פארטיפט ער זיך, בלעטערט ווייטער און פארטיפט זיך ווידער... מיט א מאל רייסט ער איבער די שטילקייט:

— אנטשולדיקט, חברטע, ווי רופט מען אייך לויטן פאטערס נאמען?

— רופט מיך פשוט פאליע.

— זאל זיין אזוי. זאגט זשע מיר, אייער חתן נארט נישט אפ, אז ער איז אן אנפאנגער? עפעס איז די שפראך ביי אים גאר, גאר א געפערלטע.

— אפנארן נארט ער אודאי נישט אפ, נאר בכלל איז ער א גרויסער למדן...

— איר לאכט נישט? פון וואנען זאל זיך נעמען צו אים למדנות? אך, זעט נאר וואס פאר א שפראך!... וואס פאר א רחבות! זאגט מיר, פאליא... אנטשולדיקט... מער זאגט איר נישט אויס... איר האט זיך באקענט מיט זיין ווערק?

— ער האט עס מיר געלייענט.

— איז וואס זאגט א י ר? אפשר נישט גערעדט?

— ווען מען זאל שטעלן אויף מיין מבינות, ווייזט זיך מיר אויס, אז זיין ווערק איז אן אויסגעצייכנטס... א שעדעווער... אבער איך בין דאך פסול לעדות...

זי ווייסט נישט, צי מארגאלים האט געהערט, וואס זי האט געזאגט, צי ניין. ער איז פארטיפט אין איינעם פון די העפטן... אויף זיינע ליפן בלאנדזשעט ארום א זיס שמייכעלע, ער שעפטשעט עפעס פאר זיך. פלוצלינג צעלאכט ער זיך גוטמוטיק, ער גיט ערנסט א קוק אויף פאלין:

— איז וואס האט איר געזאגט? א־הא! איך רעכן, אז מען וועט קענען דאס מאל שטעלן אויף אייער מבינות... בפירוש גוט! בפירוש געלונגען!

שלמה קומט אריין און דערלאנגט שעמעוודיק מארגאלים א בייגעלע פאפיר:

— אין עטלעכע מינוט קען מען זיך דען קאנצענטרירן?

מארגאלים לייענט ערנסט, זיינע ברעמען זענען שטרענג צונויפגעצויגן, די ליפן פארשנורעוועט. געענדיקט, הייבט ער ווידער אן פון אנהייב...

— איז דאס, זאגט איר, איז נישט קענענדיק זיך קאנצענטרירן?

— נו, אודאי, אויף איין פוס, ווי איז דען מעגלעך?

— שלמה, דאכט זיך, רופט מען אייך? איר ווייסט באטש, שלמה, אז ווען איר שרייבט אין יידיש אזוי גוט ווי אין העברעאיש, וואלט איך מיט פארמאכטע אויגן געשיקט אייער ווערק צום דרוק?

— וואס קען איך העלפן, אז דאס דארף מען היינט נישט... גלייבט מיר, טייערער חבר מארגאלים, אז אין העברעאיש וואלט מיר פיל לייכטער געווען אנצושרייבן מיין ווערק... ס'איז גאר קיין דמיון נישט... עס זענען

געוועז פאלן, ווען דאס נייטיקע ווארט האט זיך פון מיר אויסבאהאלטן, איך האב זיך שעהנווייז געיאָגט נאָך דעם, די גאַנצע צעראַטע באשריבן מיט פייגעלעך און מיט פישעלעך און — ווי פונעם שטיין, איין מאָל ניין! און אָפט מאָל, גאַנצע טעג אַזוי... כ׳בין זיך מודה... אָבער אין העברעאיש וואָלט זיך דאָס מיט מיר נישט געטראָפן... אין יענער שפּראַך בין איך ווי ביי זיך אין דער היים. ווי זאָגט ער דאָרט, דער תנא: „נהירין לי שבילין דרקיע, כשבילי דנהרדעא *...

— איר ווייסט וואָס, שלמה? איך האָב צו אייך אַ ביטע.

— אויב זי איז נאָר אין מיינע כוחות, פאַרשפּאָרט איר צו פרעגן.

— דאָס האָט איר אָנגעשריבן אײן זייטל ווען אייער באַזוך ביי מיר. איצט שרייבט מיר נאָך אָן צוויי זייטלעך, אָדער, אויב מעגלעך, דריי, פיר, ווען אייער וועג פון קיעוו אהער. מיט אַ כלה, אַז מען פאָרט, מוז זיין אַ אינטערעסאַנטער וועג. איך בין פשוט הונגעריק נאָך אַ פרישן העברעאיש וואָרט. טוט מיר דאָס צו ליב! פאַלי, פועלט איר ביי אים...

פאַלי לאָזט פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן. שלמה ענטפערט נישט אפילו קיין האַלב וואָרט, ער נעמט פּאַפּיר מיט טינט און גייט אַרויס. מאַרגאַליס לייענט אַ געדרוקטע זאַך, ענדיקט נישט און נעמט זיך ווידער פאַר דער געשריבענער... ער הייבט נישט אויף דעם קאָפּ...

פלוצלינג גיט ער אויף פאַלין אַ דורכדרינגענדיקן קוק:

— איר זענט שוין לאַנג זיין כלה?

— נישט זייער לאַנג.

— אָ, איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ חתן איר האָט.

— אַזוי צו זאָגן, אפשר ווייס איך יאָ?

— איר קענט דאָס נישט באַגרייפן. אויף זיין שרייבן מוז מען זיין אַ גרויסער מבין, דאָס דערמאָנט די אַלטע קלאַסיקער. עס אָטעמט פון זיינע כתבים מיט דער יוגנט פון דער יידישער ליטעראַטור...

פאַלי ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן און מאַרגאַליס פאַרטיפט זיך ווידער אין לייענען. אין שטוב איז אין גאַנצן שטיל. די גאַס ליגט ערגעץ אין דער נידער, אהער דערגרייכט נישט קיין מינדסטער קלאַנג פון דעם גאַנצן מאָסקווער גערודער. דורך דער אָפענער טיר דערטראָגט זיך דאָס סקריפּען פון שלמהס פען. אויף אַ רגע ווערט דאָרט שטיל — און ווידער דאָס זעלבע. ענדלעך דערהערט זיך אַ רוק פון אַ בענקל. שלמה קומט אַריין, ער איז בייז אויף זיך, דערלאַנגט מאַרגאַליסן דאָס אָנגעשריבענע:

— כאַטש צערייס זיך, בעסער שרייבט זיך איצט נישט...

אויפן טיש באַמערקט ער אַ דעקאַדניק ** פון מאָסקווער טעאַטערס און ער מיט פאַלין, רעדנדיק מיט די אויגן, ווייזן איינער דעם צווייטן, וואָס מען וועט דאַרפן גיין זען. מאַרגאַליס לייענט שוין דאָס דריטע מאָל שלמהס

---

* עס זענען מיר באַוווּסט די שטעגן פון נהרדעא (אַ שטאָט אין בבל).

** דאָ געמיינט — אַ פּראָגראַם אויף די נאָענטסטע צען טעג.

עסקיז און קען זיך פון אים נישט אָפּרייסן. מיט אַ מאָל גיט ער זיך אַ בייזער:

— איר ווייסט, חבר שלמה, איר האָט היינט געזאָגט אַ גרויסן ליגן.

— גאָר אַ גרויסן? — ווילט זיך שלמהן.

— גאָר־גאָר אַ גרויסן. איר האָט געזאָגט, אַז עס איז נאָך צו פרי אָנצורופן אייך קאָלעגע; דאָס איז אַ ליגן. איר זענט אַ גרויסער מייסטער אויך, נישט בלויז אַ קאָלעגע. גיט מיר אייער האַנט, איך האָב זיך ממש דערקוויקט מיט אייערע צוויי עפּיזאָדן אין העברעאיש. איר זענט באמת אַ נותן אמרי שפר. יאָ, זאָגט מיר נאָר, חבר שלמה: איך זע, אַז חוץ דעם, וואָס איר קענט אויסגעצייכנט תנ"ך, האָט איר נאָך אַ ידיעה אויך אין תלמוד, אמת?

— גמרא מיט מפרשים, יורה־דעה מיט „פרי־מגדים" האָב איך געלערנט זייער ערנסט און גרונטלעך.

— איר האָט געלערנט מיט אַ ציל?

— פון אָנהייב — יאָ, נאָר שפּעטער האָב איך דאָס אָפּגעוואָרפן.

מאַרגאָלים וווּנדערט זיך:

— ווען הייסט ביי אייך „שפּעטער"?

— ביי פופצן יאָר, ווען איך האָב אויפגעהערט צו לערנען.

מאַרגאָלים קוועטשט פאַרווונדערט מיט די אַקסלען:

— און ווער האָט אייך אָנגעשטעקט מיט דער אידייע צו ווערן אַ שרייבער?

— די פעדער. מיין טרוים איז געווען צו שרייבן אויף העברעאיש, אויף נאַציאָנאַלע טעמעס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייִנגל, וואָס איז דערצויגן אויף ר' יהודה הלוי מיט ביאַליקן, סמאָלענסקין און פרידבערג... אָבער אַז די יאָרן לויפן אַוועק און די מוזע לאָזט נישט שלאָפן, בין איך איבערגעגאַנגען אויף יידיש... ביז היינט איז אַלץ געפעלן געוואָרן. איצט וועט א י ר זיין דער ריכטער.

— געפעלן געפעלט מיר שוין אייער שרייבן. פאַרשטייט זיך, אויב נישט רעכענען אייניקע פעלערן, שפּראַכלעכע און סטיליסטישע, אויף וועלכע איך וועל אייך נאָך אויפמערקזאַם מאַכן. אָבער דאָס זענען קלייניקייטן, אָן דעם קען נישט זיין. אָבער אין אַלגעמיין, דער ערשטער איינדרוק, איז זייער אַן איבעראַשנדיקער. איך האָב אַ פּאָר ערטער איבערגעקוקט. די שפּראַך, די קאָנצעפּציע, די שפּאַנונג. אַלץ גוט. פריש, אינטערעסאַנט. אָבער זייענדיק אַ נאַציאָנאַליסט, אַ חובב־ציון, אַ פאַרבענקטער ייִד — ווי אַזוי רעכנט איר זיך משדך זיין מיט דער סאָוויעטישער ליטעראַטור? וואָס וועט איר שרייבן אין דער כתובה?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויפן מאַראַנישן שטייגער... אחד בפה ואחד בלב... און ווי אַזוי מאַכט איר עס דען?

מאַרגאָלים באַקומט אַ טרויעריק פנים. מען זעט: שלמה האָט ביי

אים אָנגערירט אַן אָנגעווייטיקט אָרט. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, זיין קול ווערט שטיל, ווייט, פאַרדומפּן:

— איך בין עפּעס אַנדערש... איך בין שוין אַן אַלטער, אַ באַוווסטער. אויף מיר קוקן „זיי“ שוין צווישן די פינגער. אַ ביסל חנפענען זיי מיך. איך בין איין אַלטער שרייבער צווישן בלויז יונגע צוציקעס... פּאַסט זיי נישט מיך צו טעראָריזירן. איך היים ביי זיי אַן אויטאָריטעט... און פון דעסט וועגן איז אויך מיין לעבן געגליכן צו דעם לעבן פון די מאַראַנען אין שפּאַניע. איך וואָלט שוין לאַנג אַ שפּיי געטון אויף זייערע אַלע גליקן. שוין נמאס צו וואַרגן זיך מיט אַ וואָרט, צו האַלטן דעם אויער שטענדיק אָנגעשפּיצט, עס שטיקן אַ מאָל טרערן פאַר שאַנדע, אַז אַ לאָבוז פון דער „באַזונדערער אָפּטיילונג“ ביי דער רעדאַקציע גיט אַ קנייטש מיט זיין עמהאַרצישער נאָז און — אַ מאַך מיט דער האַנט: „חבר מאַרגאָלים, זייט אונדז נישט געטריי, טוט דאָס, וואָס מען זאָגט אייך, ווילט נישט מאַכן בעסער ווי מען הייסט אייך“... — ער הייסט מיר! קיין דריי ווערטער קען ער נישט צונויפקלעפּן און דיקטירט מיר אַ טעמע, פּערסאָנאַזשן... אַ גאַנצער אינסטרוקטאָר... און דערצו נאָך, זאָג איך דאָך אייך, אַז פאַר מיר האָט מען נאָך אַ ביסל מורא. פאַר אַ נויט וואָלט איך זיך געווענדעט צו גאָרקין. אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש איז מיינער אַ גרויסער פריינט און קען אים וועט שוין קיינער נישט גיין. אָבער די יונגע שרייבערלעך טרעט מען פּשוט מיט די פיס: מאַנעקינען — און שוין... איך וואָלט שוין לאַנג אָפּגעזוכט אַן אופן צו קומען קיין ארץ־ישראל, איז מיר אָבער אַ ווייטיק, אַ בזיון פאַר מיינע אַלטע חברים. אין יאָר 1920 האָבן זיי מיך געבעטן: „פאָר מיט, פאָר מיט! מיט וועמען בלייבסטו דאָ איבער?“ און איך בין דאַן געווען פאַרבלענדעט, פאַרכאַפּט, פאַרליבט אין דער רעוואָלוציע, ווי אַ מיידעלע... געמיינט: דאָ ווערט געבוירן דאָס קינד וועגן וועלכן דורות האָבן געטרוימט, געגאַנגען מיט דעם נאָמען אויף די ליפּן צו דער תליה... צום סוף... ווייס איך... איר זענט נישט קיין קינד און פאַרשטייט אַליין, אַז אַנשטאָט דעם קינד איז געבוירן געוואָרן אַ קריפּל... און איצט האָב איך שוין גרויסע קינדער, דווקא וווילע קינדער, גאָר וווילע, נאָר שוין פּאַטריאָטן, פלאַמענדיקע באָלשעוויקעס. נישט סתם פאַנאַטיקער, נאָר באַוווסטזיניקע... וואָס דער טאַטע זייערער האָט געשריבן פאַר יוצא זיין, האָבן זיי אויפגענומען מיט אַן ערנסט... ארץ־ישראל וואָלט זיי נאָך אפילו איבערגעקאָכט, אָבער זיי וועלן נישט פאָרן אַהין. פאַר קיין פאַל וואָלט איך שוין ביי זיי נישט געפועלט, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן רוסלאַנד. קעמפער זענען זיי, קעמפער... אַך, טייערער חבר שלמה! פאַר וואָס זענט איר נישט געבוירן געוואָרן פריער מיט אַ דרייסיק יאָר? וואָלט איר דאָך געווען אין איין קאָמפּאַניע מיט ביאַליק, פרישמאַן, בן־עמי, קבק און אַנדערע. נאָך וואָס האָט איר אַזוי פאַרשפּעטיקט?

— דאָס איז מיין מאַמע שולדיק.

— איך בין אייך מקנא אויף אייער אָפּטימיזם.

— דאָס איז ביי מיר אַצינד אַזאַ גליקלעכע תקופה...

מאַרגאָלים האָט אַ קוק געטון אין פּאָלים ווינקל, פאַרשטייענדיק צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ:

—פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, איר האָט אַלע רעכט צו פרייען זיך... ווי זאָגט מען דאָרט אונטער דער חופה: מצהלות חתנים?...

— מהם...

— זאָגט מיר, אייער כלה האָט אויך אַ שייכות צו ליטעראַטור?

— צו לייענען — זייער אַ גרויסן.

— איך האָב געמיינט: צו שרייבן.

— חס־ושלום! נאָך וואָס דאַרף זי דען שרייבן? אַזעלכע ווי זי גיבן אונדז שטאָף צו אונדזערע ביכער, זענען זיי דערמיט יוצא.

פּאָלי ווערט רויט איבער די אויערן:

— שלמה, וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר היינט?

— וואָס איז דען, פּאָלי? ווידער מיך געפּאַקט ביי אַ ליגן?

מאַרגאָלים ווענדעט זיך צו איר:

— אַנדערע מיידלעך וואָלטן זיך געווונטשן, אַז זייערע חתנים זאָלן זיין אין זיי אַזוי פאַרליבט ווי אייער חתן אין אייך. איר ווייסט, חברטע, כאָטש עס איז מיר נישט באַקוועם צו זאָגן דאָס אין שלמהס קעגנוואַרט, אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז אייער חתן איז היינט צו טאָג אַ גרויסע זעלטנ־הייט. אָט האָב איך אַ מיידל אין אייער עלטער... רעוועקאַ רופט מען זי. זי לערנט אין אוניווערסיטעט אויפן ליטעראַרישן פאַקולטעט. זי ענדיקט שוין... נאָך איין יאָר אין גאַנצן... זייער אַ ווויל מיידל, אַ האַרציקע נשמה און האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער... נו, גייען אַריין, פאַרשטייט זיך, צו איר יינגלעך... אָבער הלמאי זאָל איך זאָגן? אַלע צוזאַמען דערגרייכן זיי נישט אין טאַלאַנט צו אייער שלמהס קנעכל... וואָס קען מען העלפן? מען דאַרף נעמען דאָס, וואָס עס איז דאָ, נישט וואָס עס ווילט זיך. אַזאַ לאַנד איז דאָס...

מאַרגאָלים פאַרהאַקט זיך, מינעט זיך אין פּנים און זאָגט מיט אַ שול־דיקן שמייכל:

— איך זע אייך, חברים, צום ערשטן מאָל און רעד מיט אייך פריי וועגן אַזעלכע ענינים, וואָס אַמאָל פאַרטרויט מען דאָס נישט אפילו קיין אייגן קינד...

— חבר מאַרגאָלים, איר דאַרפט דערויף קיין תשובה נישט טון...

— ווער רעדט דען פון תשובה? איך זאָג נאָר, אַז איר, שלמה, פאַר־מאָגט אַזאַ כח אין זיך, אַז נישט ווילנדיק פאַרטרויט מען זיך אייך... שאַ! מען קלינגט, דאָס גייען שוין מיינע בני־בית. חברים, איר מיטאָגט היינט מיט אונדז, דאָס איז באַשלאָסן...

— חבר מאַרגאָלים, עס הייבט זיך אפילו נישט אָן...

— איך וויל גאָרנישט הערן, עס וועט אייך גאָרנישט העלפן...

ער לויפט ארוים עפנען, פאלי נעמט שלמהן פאר א האנט, פארקוקט אים בעטנדיק אין די אויגן:

— שלמה, אפשר דארף מען אים נישט אפזאגן? אזא פיינער מענטש און ער וועט זיך זיכער באליידיקן.

— פאלינא יאקאוונא, רעדט נישט קיין נארישקייטן, א שיין מיידעלע דארף זיין קלוג אויך!

מארגאלים קערט זיך אום אויפגערוימט.

— אין פופצן מינוט ארום וועט זיין געגרייט דער טיש, אזעלכע אנגע־נעמע געסט האב איך שוין לאנג נישט געהאט.

שלמה גייט צו הארט צו מארגאליסן, לייגט אים ארויף א האנט אויפן אקסל און זאגט געלאסן און ערנסט:

— חשובער חבר מארגאלים! איך בין נישט קיין יידענע, איך וועל אייך נישט גיין דערציילן קיין מעשות, אז איך האב ביי אייער טיר פארן אריינגיין אפגעגעסן. דא איז פאראן אן אנדער סבה: איך בין א נזהר פון מאכלות אסורות... איר זענט א קלוגער און וועט מער דערפון נישט רעדן...

מארגאלים עפנט גרויסע אויגן, קען, פאר וואונדער, קיין ווארט נישט אויסרעדן. עס עפנט זיך די טיר פון קאבינעט און עס קומט אריין אן עלע־גאנט מיידל: טונקעלע, אונטערגעשווירענע האר, א סימפאטיש לויטער פנים מיט ענערגישע שטריכן. גרויסע, ערלעכע אויגן, שארפע ברעמען און א קליין געטאקט מיילעכל. דעם פאטערס וווקס, דעם פאטערס פולבלעכקייט. זי טראגט א ברוין געקעסטלט וואלן קלייד און אזא קאליר היטעלע, זעט אויס ווי אן ענגלענדערין. זי פליט אריין אין צימער און כאפט זיך באלד צוריק:

— אך, פאפא, דו האסט גאר געסט? פאר וואס האסטו נישט געזאגט?

זי אנטשולדיקט זיך און וויל ארויסגיין, נאר מארגאלים רופט זי צוריק:

— רעוועקא, קום אהער, אנטלויף נישט, איך וויל דיך באקענען: אט דער חבר שלמה פיאטיגארסקי איז א פריש אויפגייענדיקער שטערן אין דער יידישער ליטעראטור. א נייער מענדעלע, א סאלטיקאוו־שטשעדרין...

— א, טאטע, אז דו זאלסט אזוי רעקאמענדירן, איז נישט פראסט...

זי שענקט שלמהן א זיסן שמייכל מיטן גאנצן פנים און דריקט אים שטארק די האנט.

— און די חברטע איז זיין כלה.

— זייער אנגענעם.

זי דריקט פאלין די האנט, שוין פיל איינגעהאלטענער.

— איר זענט שוין פון לאנג א שרייבער, חבר פיאטיגארסקי?

— פונקט אזוי לאנג, פון זינט אייער פאטער האט מיך אזוי אנגערופן.

מארגאלים דרייט אוים רעוועקאס פנימל צו זיך:

— איי, וואס הערסטו אים? ער האט זיך שוין פיל מאל געדרוקט און איצט האט ער געבראכט א גרויס ווערק צום דרוקן.

— זענט איר נאָך גאָר אַ שעמעוודיקער? — זאָגט רעוועקאַ שמייכ־לענדיק — דאָס איז זייער אַ זעלטענער שטריך ביי אַ שרייבער.

— אַז איך שעם מיך, מן־הסתם איז דאָ מיט וואָס.

אַלע צעלאַכן זיך, שלמה אויך. רעוועקאַ רופט אויס באַגייסטערט:

— איך ווייס נישט ווי אַזוי עמעצער, נאָר איך פאַרגעטער טאַלאַנ־טירטע שרייבערס.

שלמה מאַכט אַ פאַרחידושטע מינע:

— איז דאָך טאַלאַנטירטע...

— דער טאַטע האָט דאָך געזאָגט, אַז ביי אייך איז אַ טאַלאַנט?

— דאָס האָט ער פשוט געוואָלט אַ מצוה האָבן אין אַ יידן.

— ניין, ניין, רעוועקאַ, זאָל ער דיר נישט איינרעדן, ער האָט אויף אַן אמת אַ גרויסן טאַלאַנט.

— אַלץ איינס, חברטע, זאָלט איר קיין שרייבערס נישט פאַרגעטערן, דאָס איז צו פיל פאַר זיי.

— פאַר וואָס, צו פיל? איז דען אַ שרייבער נישט דער איינציקער און אַלזייטיקער באַשעפער פון זיין ווערק?

— אי יאָ, אי ניין, נאָר אַלנפאַלס דאַרף מען פאַר זיי אָפּזוכן אַ ביסל אַ קלענערן ראַנג.

— נו, זאָל זיין אַ קליין באַשעפערל.

— דאָס יאָ, נאָר דעם דאָזיקן ראַנג האָט שוין יעדער מענטש.

— ווי אַזוי?

— אין די הייליקע שריפטן איז דאָ אַזאַ זאַץ: „ותחסרהו מעט מאלהים“, דאָס הייסט: אַז יעדער מענטש איז עטוואָס ווייניקער פון גאָט.

— אויב אַזוי, בין איך דאָך טאַקע געוועזן גערעכט, איז טאַקע אַ שריי־בער, אויב נאָר אַ גוטער, — אַ גאַנצער גאָט.

— וואָס זאָל איך טון? זיך ערשט באַקאַנט און שוין זיך קריגן מיט אייך? זאָל זיין אַזוי. אַלזאָ, חבר מאַרגאַליס, מיר האָבן שוין ביי אייך זייער פיל צייט פאַרנומען.

— וואָס רעדט איר? ביטע, עס איז מיר זייער אָנגענעם...

— מיינע העפטן און די געדרוקטע זאַכן האָב איך אייך געגעבן?

— יאָ, איך האָב זיי אַריינגעלייגט צו זיך אין פּאָרטפעל.

— ווען זשע דאַרף איך קומען נאָך ענטפער?

— היינט האָבן מיר, דאַכט זיך, דינסטיק?

— יאָ, היינט איז דינסטיק.

— נו, ביז זונטיק וועל איך זיכער באַוויזן אַלץ איבערצולייענען, — רעוועקאַ, מיר וועלן לייענען צוזאַמען דעם חבר שלמהס ווערק, גוט?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ בעלנטע אויף אַזוינע זאַכן, סיידן אפשר איז דער אויטאָר נישט מסכים?

שלמה רופט זיך אָן לאַכנדיק:

— וואָס רעדט איר עפּעס? דער אויטאָר וועט נישט וועלן, אַז איר זאָלט אים אָנהייבן פאַרגעטערן?

— אויב אַזוי, איז גוט. מיין רעוועקאַ איז אַ מיידל אַ ברען, זי וועט מיך שוין נישט לאָזן רוען, ביז מיר וועלן נישט ענדיקן. איז אַט וואָס: זונטיקדיקן טאָג וועלן מיר זיין דאָ, דער צוג קומט האַלב צען אין דער פרי. קומט צו גיין עלף. פון עלף אפילו ביז זעקס. איך וועל זיין דעם גאַנצן טאָג אין דער היים.

רעוועקאַ רופט אָפּ דעם פאָטער אין אַ ווייטן ווינקל פון דעם צימער, זאָגט אים עפּעס. דער פאָטער ענטפערט, צענעמט די הענט, ווי איינער רעדט: וואָס קען איך העלפן? זי פרעגט עפּעס ווידער און ווערט דער־שטוינט ביז גאָר, פון דעם פאָטערס ענטפער.

שלמה מיט פאַלין, גרייט צום גיין, גייען צו זיך געזעגענען. געזע־גענענדיק זיך מיט רעוועקאַן, דאַנקט איר שלמה. יענע הייבט אויף אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

— פאַר וואָס קומט דאָס מיר אַ דאַנק?

— איר זענט זייער גערעכט. אייך קומט טאַקע צוויי. איינעם, פאַר דער צייט, וואָס איר וועט פטרן אויף מיין ווערק.

— דאָס איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן.

— דער צווייטער דאַנק, דערפאַר, ווייל איר האָט אונדז געוואָלט איינלאַדן אויף מיטאָג.

— פון וואַנען נעמט איר דאָס? ווער האָט אייך געזאָגט?

— אייער פנים און אייער פאָטערס הענט.

— אַך, גאָט מיינער, אייך פּאַסט צו אַרבעטן אין געפּעאו, נישט אַ שרייבער צו זיין.

— ווען אונדזערע שרייבערס וועלן אַרבעטן אַזוי פּראָדוקטיוו ווי די געפּעאו, וועלן מיר האָבן אַ רייכע ליטעראַטור.

גייענדיק איבערן קאָרידאָר האָט שלמה נייגעריק באַטראַכט די פּרעכ־טיק־מעבלירטע צימערן, די גרויסע פענצטער און דעם הויכן, געשניצטן סופיט.

מאַרגאַליס האָט אים פריינטלעך אָנגענומען פאַר דער האַנט:

— וואָס באַטראַכט איר אַזוי אויפמערקזאַם, מיין יונגער פריינט? צו וואָס מען דאַרף אַזאַ הויכע דירה?

— ניין, פאַר וואָס? דער ריזשענער רבי זכרונו לברכה האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ הויכע דירה, איז אויך אַ דרך לעבודת הבורא, מען דאַרף זיך נאָר אָפּגעבן חשבון.

— דהיינו, וואָס פאַר אַ דרך קען שטעקן אין אַ הויכן סופיט?

— וואָס די סטעליע איז העכער, זעט אוים דער מענטש אונטער איר — קלענער.

אין מאַרגאַליסעס קלוגע אויגן בליצט אויף אַן עקשנותדיק פלעמעלע:

— יאָ־אָ... אָבער דער ריזשענער צדיק וואָלט נאָך געדאַרפט געווען

צוגעבן די דאָזיקע פּאָר ווערטער: „ווען איז דאָס אַלץ געדערט געוואָרן, אויב דער מענטש כאַפּט פון צייט צו צייט אַ קוק אַרויף, אָבער טאָמער חלילה, איז ער גאָר נאָר אַ „משפילי לראות“, קוקט שטענדיק נאָר אַראָפּ —

— אַזעלכע וועט שוין קיין טאַטער אויך נישט העלפן.

— דאָס רוב מענטשן אָבער, זענען דווקא נאָר אַזעלכע. מאַכט אייך נישט קיין אילוזיעס, קאַלעגאַ...

מאַרגאַלים מיט דער טאַכטער האָבן זיי אַרויסגעפירט ביזן ליפט און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל אויף דער ערד.

קאפיטל XLIX

די פאַרנאַכטיקע מאָסקווע האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. נישט קיין צו־געוווינטע אויערן האָבן געקענט טויב ווערן פון דעם קלינגערײַ מיט דעם פּייפערײַ, וואָס איז געשטאַנען אין דער לופט. ס'איז געווען זייגער פינף. צום אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל איז נאָך געבליבן פיר שעה.

— פּאָלי, וואָס כאַפּן מיר איבער?

— אין דער היים בין איך באַלעבאָסטע, און אין גאַס — דו.

— מסכים.

שלמה האָט געקויפט רויע אייער, פּוטער, שפּראָטן, פּרוכטן. און קאַ־פע האָט ער זיך געהייסן געבן זודיק וואַסער אויף אָפּצוקאָכן די אייער און פיר גלעזער קאַקאַאָ מיט מילך.

דער קעלנער זאָגט אים:

— גיט מיר די אייער, וועל איך זיי אייך ברענגען אָפּגעקאָכטע.

— ניין, דאָס קען איך נישט. איך דאַרף זיי אָפּקאָכן נאָר אַליין און נאָר אין גלעזער. זייט אַזוי פיל גוט און גיט, וואָס מען בעט אייך.

יענער האָט פאַרוווּנדערט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און איז אַוועקגעגאַנגען אויספילן די באַשטעלונג. שלמה האָט געבעטן פּאָלין זי זאָל אויפקאָכן די אייער און אַליין איז ער אַוועק אין בופעט. דאָרט האָט ער געקויפט עטלעכע זעמל, מאַנדאַרינקעס און געבעטן זיך געבן אַ קוואָרט צום וואַשן. נישט פאַרשטייענדיק פאַר וואָס געפעלט אים נישט זיך וואַשן גלייך פון קראַן, האָט מען אים פון דעסט וועגן דערלאַנגט אַ קוואָרט. די קוואָרט איז אָבער געווען מיט אַ שפּאַלט פון אויבן און שלמה האָט ווי־דער געבעטן אים געבן אַ קופּל פון ביר. דער קעלנער איז בייז געוואָרן און האָט נישט געוואָלט געבן.

— איך מוז אייך נישט באַדינען מיט אַלע אייערע קאַפּריזן.

שלמה האָט אַרויסגענומען אַ פינף־רובל־שטיק און אַוועקגעלייגט אויפן טיש:

— דאָ האָט איר אויף צו קויפן זיך דריי קופּלען. ווייזט אַהער דעם קופּל, אָדער גיט מיר דעם בוך פאַר אָנקלאַגעס *.

דאָס פּובליקום האָט גענומען רעאַגירן אויף דעם צופאַל ביים בופעט. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מען מוז געבן דעם איינקויפער אַלץ, וואָס ער פאָדערט נאָר, וואָס הייסט גאָר באַצאָלן פאַרן קופּל? אַנדערע זענען גע־ווען אויף דעם קעלנערס צד: עס קען נישט זיין אַזאַ לאַגע, אַז איטלעכער באַזונדער זאָל זיך קומען מיט זיינע קאַפּריזן: גיב אים זודיק וואַסער, גיב אים אַ קוואָרט, גיב אים אַ קופּל, גיב אים דאָס טעלערל פונעם הימל...

שלמה איז שוין לאַנג געזעסן ביים טיש אַ געוואַשענער און האָט גע־געסן, אָבער ביי די טישלעך האָט מען נאָך אַלץ דיסקוטירט די פראַגע, צי דער קעלנער איז גערעכט, צי דער חבר, וואָס ביים טישל. פריש אָנגעקומענע

---

* אַ ספּעציעלער בוך, וואָס געפינט זיך אין יעדער אונטערנעמונג אויף אַריינצושרייבן אָנקלאַגעס פאַר שלעכטער באַדינונג.

האָבן זיך נאָכגעפרעגט, פון וואָס מען שמועסט דאָ, האָט מען זיי אָנגעוויזן אויף יענעם פּאָרל וואָס ביים טישל און איבערדערציילט די גאַנצע מעשה אויף דאָס ניי.

פּאָלי האָט כמעט נישט געגעסן. זי איז געווען בלייך און אויסגעלאָשן. אויף דער גאַס, גייענדיק צום אויטאָבוס, זאָגט זי צו אים:

— דו וואָלסט, שלמה, נישט געווען גענדאַרפט אריינגיין אין קיין קאַפע. געווען גענדאַרפט אין אַ פּאַרק אויף דער באַנק איבערכאַפּן עפּעס, געבעקס צי פרוכטן.

— ביסט טאַקע גערעכט. עס איז געווען זייער נישט אָנגענעם דער אַלגעמיינער שמועס ביי די טישלעך... עס האָט מיך געקאָסט פיל געזונט דיין ערגערניש... אַזוי, אַזוי, ליבע מיינע, אַ ייד איז נישט גרינג צו זיין...

אין „פּאַרק פּאַר קולטור", שפּאַנדיק זיך אין צווייען אין אַ לאָדקע אויפן טייך, איז ביי דעם פאַרפאָלק צעשוווּמען געוואָרן דאָס ביטערע געפיל, וואָס האָט זיי באַגלייט פון דער קאַפע נאָכן אינצידענט מיט דער שאַלהדיקער קוואַרט, ביסלעכווייז האָט זיך אומגעקערט צו פּאָלין איר גוטע שטימונג. זי איז אַריבערגעגאַנגען צו שלמהן, גענומען פון זיין האַנט איין רודער, מיט דער צווייטער, פרייער האַנט האָט זי אַרומגענומען זיין טאַליע און מיט איינגעליבטע אויגן געפרעגט ביי אים:

— שלמהלע, טייערער, דו וועסט אויך אַ מאָל זיין אַזוי גרויס ווי מאַרגאָלים?

— שרייבערײַ איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מען קען אָפּמעסטן: אַזוי גרויס, צי ווייניקער אַ ביסל. מאַרגאָלים איז זיכער אַ גרויסער שרייבער און אַ פיינער מענטש, נאָר קיין מאָסקע פון אַ מאַראַן איז נישט גרינג צו טראָגן. דאָס איז אַ שטילער גיהנם. דו האָסט אפשר נישט באַמערקט, אָבער איך האָב גוט באַמערקט, ווי עלנט ער איז... זיין אָרט איז אין ירושלים, נישט אין מאָסקווע. ווי אַזוי האָסטו מיר געזאָגט יענעם דאַנערשטיק? מען קען זיין גליקלעך אין אַ ביידל און אומגליקלעך אין אַ פּאַלאַץ, — אָט דאָס איז אויף אים גאַנץ גוט אָנגעמאָסטן.

— דערפאַר וואָס דו געדענקסט אַזוי גוט מיינע ווערטער, קומט דיר אַ קוש. מען מעג אים דיר געבן דאָ אויף דער לאָדקע?

— נאָך אַ מין מעגן...

די רודערס פאַלן אָנמעכטיק אַראָפּ אין וואַסער און בלייבן הייגנען ווי דערוואָרגענע אויף די ניקעלנע קייטעלעך. דאָס שיפל גיט זיך אַ וואַקל אויף רעכטס און אויף לינקס און בלייבט שטיין. אויף עטלעכע מינוט זענען די פּאַסאַזשירן טויב און שטום...

שווייגנדיקע, גליקלעכע הייבן זיי אויף די רודערס און קוקן זיך אַרום, צי קיינער האָט נישט געזען. יאָ, אַזוי ווי געטראָפן: פּונקט אַקעגן זיי, אויפן צווייטן ברעג, זיצט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יינגלעך מיט מיידלעך און נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיי. זיי גיבן פאַרלוירן אַ קוק איינער אויפן צווייטן, ווערן רויט ביז איבער די אויערן און טרייבן מיט אַן אימפּעט די לאָדקע צום ברעג.

זייערע ערטער האָבן זיי פאַרנומען א האַלבע שעה פאַרן אָנהייב. די אויגן זענען ביי זיי גרויס געוואָרן, צוקוקנדיק די פּראַכט און דעם קאָמ־פאַרט פון מאָסקווער מלוכהשן דראַמאַטישן טעאַטער.

— שלמה, ווי געפעלט דיר עפּעס אַט די רעוועקאַ?

— המ—מ—מ— א מיידל...

— ניין, פאַר וואָס? זי איז זייער א סימפּאַטישע און אַן אָנגענעמע.

— און איך האָב דען עפּעס געזאָגט אויף איר שלעכטס? כ'האָב גע־זאָגט: א מיידל.

— אַך, וואָס פאַר א שלעכטער מענטש דו ביסט! עס איז אים א שאָד זאָגן: א שיין מיידל, צי א קלוג מיידל! ער האָט קוים אויסגערעדט: א מיידל... נאָך דאַנקען גאָט, וואָס נישט קיין יינגל, כאַ־כאַ־כאַ...

— צו וואָס טויגן אונדז פּרעמדע געשעפטן? לאָמיר בעסער שמועסן פון אונדזערע אייגענע ענינים, דאָס איז מיר נעענטער צום האַרצן.

— אדרבה, דערצייל עפּעס!

— מאָרגן האָבן מיר מיטוואָך. צו מאַרגאַליסן דאַרף איך ערשט גיין זונטיק, וועל איך אַרום פּרייטיק צופאַרן אויפזוכן דורך דעם אַדרעסן־ביר־ראָ רייזלס ברודער און אים בעטן געוויר ווערן, צי קען איך אין מאָסקווע דורכגיין דעם פּריזיוו. קיין שום סומע וועט מיך נישט אָפּשטעלן, אפילו פּופציק טויזנט רובל, אבי קענען דרוקן דאָס ווערק אויף מיין אייגענעם נאָמען און וווינען צוזאַמען מיט אונדזערע טייערע עלטערן, כאָטש אין איין רעפּובליק. שפּעטער אפשר וועלן זיי אריבערפאָרן צו אונדז. איין קליין באַשעפעניש׳ל קען זיי אַלע ברענגען צו טראָגן צו אונדז קיין מאָסקווע...

— אַך, וואָס פאַר א שעמעוודיקער דו ביסט געוואָרן פאַר די פּאָר טעג!

— דו דערקענסט כאָטש דיין ארבעט?

פּאַלי גיט אים א קניפּ אין באַק:

— נישטאָ וואָס צו רעדן, א ווילער זון. א דאַנק פאַר א קאָמפּלי־מענט!

— צו געזונט, נישטאָ פאַר וואָס... יאָ, און מיר וואָלטן געוווינט אין מאָסקווע, נישט אויף די זיבעטע שטאָק, פאַרשטייט זיך. איך האָב ליב קוקן אויפן הימל, שטייענדיק אויף דער ערד. אין די זומערס וואָלטן מיר אַרומגעפאָרן אבער קאַווקאַז, געגעכטיקט אין די בערג.

— גאָט מיינער, ווי דו ביסט מיר טייער! ווי אַזוי וואָלט איך גאָר געלעבט אָן דיר?

— איין זומער אויף קאַווקאַז, דעם צווייטן — אין קרים, דעם דריטן — אין מיטל אַזיע, דעם פערטן — אויפן ווייטן מזרח... אויסמעסטן די טאַיגע... היינט, ווו איז אַלטאַיער געגנט? די בין־השמשותן אויף דער וואָלגע? דאָס איז גערעדט געוואָרן אין פּאַל, אויב איך וועל דאָ האָבן דערפאָלג, דו פאַרשטייסט? אויב אָבער עס וועט זיך מיר נישט איינגעבן אין מאָסקווע דורכגיין די קאָמיסיע און טאָמער, חס־וחלילה, אין סאַמאַר־

קאַנד אויך נישט, דאָן, פּאָליטשקאַ, לעבן מיינס, טייערס, הייסט אונדז דער הימל פאָרן אהין אין יענעם גאָלדענעם ווינקעלע... פּאָלי, דו ווייסט דען, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו פאָרן אַהין? דורות־לאַנג שמאַכטן יידישע הערצער פון בענקעניש אהין, אין יענעם לאַנד. אַ גאַנצער ים פון טרערן איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן, צוליב יענע הייליקע בערג, צוליב דעם אַלטן לבנון, צוליב דעם ליבן ירדן און צוליב די ארץ־ישראלדיקע הימלען. דאָרט איז די גאָטהייט צוטריטלעכער. די לבנה איז דאָרט אַ גרעסערע, די זון — אַ העלערע. די שטערן — מער פינקלענדיקע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ וועלט־רעזידענץ. פון דעם גאַנצן ערדקיילעך האָט גאָט אויסגעקליבן פאַר די יידן אָט דאָס צויבער־ווינקעלע... און אַהין וועלן מיר פאָרן. אויף יענע פעלדער, אויף יענע בערג וועסטו נאָך הונדערט מאָל שענער ווערן ווי דו ביסט, אַזאַ לאַנד איז דאָס. אפשר וועסטו גאָר דאָרט זיין די שענסטע פרוי פון אַלע פרויען?... דו וועסט גרינג און גיך באַהערשן די שפּראַך, אָנהייבן לייענען די העברעאישע ליטעראַטור, איינזאַפּן אין זיך דעם גייסט, דעם סם... יאָ, יאָ, פאַרריכט מיך נישט, איך ווייס, וואָס איך רעד. אַ ייד מוז האָבן אין זיך גיפט. אַ ייד אָן גיפט איז אַ געמיינער ייד, אַ פּרעמדער... דער וואָס האָט נישט קיין ירושה פון זיין עבר, קען אויך נישט דערוואַרטן קיין ליכטיקן עתיד. און אונדזער עבר, פּאָליטשקאַ, איז דורכגעווייקט מיט גיפט, דערפאַר מוזן מיר אים אַרומטראָגן אין זיך און האָבן נישט קיין רעכט זיך באַפרייען פון אים... איך שטעל מיר פאָר, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום, אין אונדזער קליין שטיבעלע, צווישן ווייִנגערטנער אָדער ביים ברעג פון כנרת, וועט שטיין אַ שאַנק מיט די בעסטע ביכער און דו וועסט זיי שוין האָבן איבערגעלייענט... דו אַליין וועסט זיין תמר און איך — דיין אמנון...

— ווער זענען זיי?

— דאָס איז די יידישע אידיליע פון ראָמעאָ און דזשוליעטאַ, אָדער טריסטאַן און איזאָלדע...

די „יופּיטערס" האָבן זיך אויסגעלאָשן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. שלמה מיט פּאָלין האָבן דעם גאַנצן אָוונט געשוועבט אין דעם זיבעטן הימל. אויף זייער לעבן האָבן זיי נאָך נישט געזען אַזוינע אַרטיסטן, אַזאַ שפּילן, אַזעלכע דעקאָראַציעס און אַזאַ נאַטירלעכקייט. אַרויסגייענדיק נאָך האַלבער נאַכט פון טעאַטער זענען זיי געווען דערשיטערט. די בינע איז נישט אָפּגעטראָטן פון זייערע אויגן. זיי האָבן געשוויגן, נישט וואָגנדיק צו פאַרטרייבן דאָס געזעענע און געהערטע. שלמה האָט גענומען אַן אויטאָ און אין אַ האַלבער שעה זענען זיי שוין געווען ביים טויער פון „ציגנימאָש".

אויפמאַכנדיק די עלעקטריע רופט זיך אָן שלמה:

— פּאָלי, מיר האָבן אַצינד אַן ערנסט שטיקל אַרבעט...

— למשל?...

— דאָס וואָס מען האָט אונדז אין פּאַרק איבערגעשלאָגן, דאַרפן מיר דאָ פאַרענדיקן... היינט: פּראָצענט פאַר אַזוי פיל שעהן...

ווען פּאָלי איז אַן איבערגעטונענע אין כאַלאַט אַרויסגעגאַנגען זיך אַרומוואַשן פאַרן שלאָף, האָט שלמה אויף גיך זיך אויסגעבעט אין צווייטן שלאָפצימער, איבערנעמענדיק אַהינצו די פריש איבערגעצויגענע קישנס מיטן ליילעך. ווען פּאָלי איז אַריינגעקומען אַן אויסגעוואַשענע, אַ באַשמעקטע אין שלאָפצימער אַריין, האָט זי באַלד באַמערקט דאָס באַרויבטע געלעגער. אַ דערשטוינטע ביז גאָר, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו שלמהן:

— וואָס באַדייט דאָס?

— זעסט דען אַליין נישט, דערצו דאַרף מען נאָך ווערטער?

— הייסט עס, דו געטרויסט מיר נישט?

— איך געטרוי זיך נישט, איך בין אויך נישט פון אייזן...

זי האָט גלייכגילטיק אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען:

— ווי דו פאַרשטייסט...

און זי האָט לאַנגזאַם גענומען אויף דאָס ניי איבערבעטן איר געלעגער. שלמה האָט באַמערקט, אַז אירע פינגער האָבן נערוועז געציטערט. ער איז צוגעגאַנגען און האָט זי שטאַרק אַרומגענומען:

— פּאָליטשקאַ, ביסט אויף מיר ברוגז?

— פאַר וואָס? דו מיינסט דאָך נאָר מיין טובה.

— פּאָליאַ, איך קען דאָך דיך גוט. מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן. דו רעדסט מיט פאַרדרוס!... נו, זאָג אַליין, מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט?

— שלמה, עס דאַכט זיך דיר. וואָס טראַכסטו אוּם אויף מיר?

— אודאי דאַכט זיך מיר. איך זע דען נישט? שאַ, ווייסטו וואָס? איך וועל זיך אויסבעטן צוריק דאָ. מיר וועלן היינטיקע נאַכט זיך אויפפירן קליגער... גוט?

— ניין, מען דאַרף נישט, אַזוי איז גלייכער.

— דו וועסט מיר דערלויבן, דיך איינצודעקן?

— נאָך וואָס דאַרף מען עס? איך בין עפּעס אַ קליינינקע?

— זיך צעקושן פאַרן שלאָף דאַרף מען אויך נישט?

זיי האָבן זיך צעקושט. אירע ליפּן זענען געווען קאַלט ווי אייז.

— אויסלעשען דאָס ליכט?

— אַ דאַנק, כ'וועל אַליין.

— שלאָף געזונט, אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוט יאָר.

אויסטועענדיק זיך האָט שלמה צו זיך געזאָגט:

— זי האָט זיך טאַקע באַליידיקט. כ'וויים? ואפשר האָב איך אַזוי נישט געדאַרפט טון. אָבער ווער ווייסט, צי איך וואָלט היינטיקע נאַכט אויך ביינעשטאַנען דעם נסיון?

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געשלאָפן.

אָבער אין איר צימער האָט זיך נאָך לאַנג געלויכטן...

קאפיטל L

פאריבער מיטוואך. פאריבער דאנערשטיק.

אויסערלעך האט זיך ביי די יונגעלייט גארנישט געביטן. ביז האלבער נאכט פלעגט זייער פוס די שטוב נישט באטרעטן. מען איז אלץ ארומגע־גאנגען, ארומגעפארן, אנגעקוקט און אויסגעקוקט. ווו ערגעץ א מייזנ־לאך האבן זיי אהין געטראפן. אלץ גוט, שיין, פיין. אבער שלמה האט מיט ווייטיק געפילט, אז עפעס א סטרונע האט צווישן זיי געפלאצט. זייער ליבע האט געצאנקט פון טאג צו טאג. פאלים פריילעכקייט — ווי מיט דער האנט צוגענומען. קיינע שמועסן וועגן זייער צוקונפט זענען נישט גע־ווען בכח אויפצוועקן איר נייגער, איר אינטערעס. צי ער האט געשמועסט וועגן זיין בוך, צי וועגן מיטל־אזיע, וועגן ארץ־ישראל. ער האט שוין אפילו געפרווט פארפירן א שמועס וועגן כמעלניק, זוועניגאראדקע, וועגן זייער קינדהייט און וועגן „יאסעלע סאלאוויי". וואס האט ער שוין נישט איבערגעפרווט, אבי זי ארויסצופירן פון איר פארגליווערונג — אלץ אומזיסט! עס איז געווען א ווולקאן. ווי לאנג ער האט געברענט, האט ער געברענט, נאר קוים איז ער אויסגעלאשן געווארן, קענסטו נעמען מיט די הענט בלויז אויסגעלאשענע לאווע, פארשטיינערטע ערד און איבערגעגא־סענעם שטיין. אבער פון דערוועקן דאס פייער, פון אויפרודערן דעם שטור־רעם — דאס פארגעס! נ א ר ביים נאמען „קיעוו" פלעגט זי א ציטער טון מיטן גאנצן קערפער. אירע ברעמען פלעגן זיך פארוונדערט אויפ־הייבן, זי פלעגט עפענען אירע גרויסע, שיינע אויגן און בענקענדיק קוקן אין דער ווייט. שלמה פלעגט פארשטיין זייער שפראך:

— און דו גלייבסט אין דער לעגענדע, אז ערגעץ איז נאך דא א שטאט קיעוו? א גאס אוריצקע? א משפחה טולטשינסקי? איך האלט דאס פאר א קינדער־מעשהלע...

שלמה האט מיט דער גאנצער נשמה געפילט דעם טרויער פון אט די גוטע קינדעראויגן. זיין הארץ האט זיך געטרונקען אין א ים פון צער. אבער וואס דארף ער טון דערצו? מיט וואס קען ער אומקערן איר פרייד? איר לוסט?

א ביטערער ווארעם האט זיך פארקליבן צו אים אין מח:

— און אפשר האסטו איר געדארפט צו ליב טון יענע נאכט? און אפשר האסטו נישט געטארט אנטלויפן פון איר די צווייטע נאכט? אזוי גרינג האסטו געפועלט ביים אייבערשטן, אז פאלי זאל זיך אפגעבן אין דיין רשות? עס איז עפעס געווען א דרך־הטבע דערביי? האסטו גענומען אצינד און צעשטערט אזא געטלעכע סימפאניע, אליין מיט דיינע אייגענע הענט אומגעבראכט אזא בנין מפואר? ביסט דאך א נבוכדנצר, א טיטוס, א המן...

זיי זיצן איינער לעבן צווייטן אין אויטאבוס, צי אין טעאטער, אין

פּלאַנעטאַריע, צי אין קינאָ, אין מוזעאום, צי אין קאַפע. מען קוקט צוזאַמען, מען עסט צוזאַמען, נאָר קיין דיבורים זענען נישטאָ, — אויסגערונען. אַזוי ווי זיי האָבן זיך פריער נישט געקענט אָנרעדן צו דער זעט, אַזוי איז איצט אַלץ אויסגעטריקנט געוואָרן... מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַלץ אָפּגעשמועסט, שוין אַלט, אָן אַ קאָליר און נישט אינטערעסאַנט.

שלמהן פּיקט אַלץ אין קאָפּ:

— גוואַלד! וואָס טוט מען? ווי אַזוי באַקום איך צוריק מיין גליק? מיין שטאַרבנדיק גליק?..

מיט אַ מאָל גיט אים אַ ברי אָפּ אַ געדאַנק:

— און אפשר זאָל איך צוריק אַריבערגיין אין איר שלאָפצימער?

נאָר באַלד גיט ער אומגליקלעך אַ שמייכל און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— ביסט אַ שוטה. וועסט שוין דערמיט גאָרנישט פאַרריכטן. גיכער פון אַלץ וועט זי דיר נאָך ווייזן דעם וועג...

שלמה געדענקט שוין נישט דעם טאָג, ווען ער האָט געהאַלטן פאָלים האַנט אין זיינער. נישט חלילה, ווייל זי פאַרווערט אים... און זיך אַרומנעמען לאָזט זי אים דען נישט? און צוהדריקן צו זיך, אַז אירע ביינער זאָלן טרעשטשען, ווי זי פלעגט ליב האָבן, לאָזט זי אים דען נישט? און אַ קוש טון זי גלייך אין די ליפּן, אַז די פיס זאָלן זיך אַ וואַקל טון, אַז די הערצער זאָלן זיך אָפּשטעלן און אַלץ אַרום זאָל פאַרשווינדן, — לאָזט זי אים דען נישט? ווער זאָגט עס, אַז זי לאָזט נישט? עס איז אַ ליגן! אַ גראָבער ליגן! זי האָט אים דערוויל נאָך גאָרנישט פאַרבאָטן, זי איז זיינע! מיט אים איז זי געפאָרן, מיט אים פאָרט זי ווייטער, זי איז אין גאַנצן אין זיין רשות, אונטער זיינע פליגל. נאָר וואָס דען? — ער ווייסט אַליין נישט, וואָס דען. ער פילט ווי אַ וואַנט איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי. דאַכט זיך, אַ וואַנט פון גאָלע לופט, אָבער דאָך אַ וואַנט. ער פילט, אַז מיט יעדער מינוט פאַרברייטערט זיך דער אָפּגרונט צווישן זיי אַלץ מער און מער. ער זעט דאָס, ער פילט דאָס, זיין האַרץ בלוטיקט. ער רייסט אויף זיך די האָר:

— גוואַלד, וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען די לאַגע?

אָבער ער קען גאָרנישט העלפן. אַ מאַגישער כח צעטיילט זיי, צערייסט זיי, פאַרפרעמדעט זיי, מאַכט זיי בלויז פאַר שכנים. צוויי שכנים אין איין שטוב — און מער גאָרנישט. ער רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט, וויל כאַפּן דעם נישט־גוטן, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צווישן זיי, דעם צעשטערער. ער שטרעקט אויס די הענט צום הימל און ברענגט זיי צוריק מיט פולע הויפנס לופט... פאַרשפאַרט דער הימל... סגור ומסוגר...

דאָנערשטיק ביי נאַכט האָבן זיי זיך אומגעקערט פון שטאָט נישט זייער שפּעט. אָפּגעגעסן, ווי געוויינלעך, פוטער, הערינג, כאַלוואַ, פרוכטן, נעמט שלמה שרייבן אַ בריוו אַהיים און פאָלי נעמט אַ ביכל און גייט זיך לייגן אין בעט אַריין אַ ביסל לייענען.

— פאָלי, איך שרייב אַהיים אַ בריוו. ווערסט אויך עפּעס אָנשרייבן?

זי פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווײַלע, גיט אַ טראַכט און נישט אויסדריי־ענדיק דעם קאָפּ ענטפערט זי:

— ניין, איך האָב גאָרנישט אַזוינס וואָס צו שרייבן. שרייב אַליין. אַ געדאַנק לויפט אים דורך:

— באמת טאַקע, וואָס זאָל זי שרייבן? גוטס — האָט זי נישט; שלעכטס — וויל זי נישט.

געענדיקט מיטן שרייבן גייט ער אַרויס אין הויף צומאַכן די לאָדן. ער האָט זיך שוין גענומען מיט דער האַנט פאַרן לאָדן פון פאַלים צי־מער, נאָר זיין האַנט פאַלט אַראָפּ ווי אַן אָפּגעהאַקטע. זיין בליק איז צוגעשמידט צום פענצטער. דורכן טיולענעם פאַרהאַנג זעט ער, ווי פאַלי ליגט אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויפן קישן. פאַר איר ליגט אָפן אַ ביכל. זי קוקט אין דעם און באַוואַשט זיך מיט טרערן. ער זעט אויף איר פּנים, אַז זי טוט זיך אָן אַ כח, אַז דאָס געוויין זאָל נישט איבערגיין אין קיין היסטעריקע. זי פאַרשטיקט עס אין האַלדז און עס גייט אַרויס דורך די אויגן.

— וואָס פאַר אַ ביכל קען דאָס זיין, וואָס זי באַוויינט דאָס אַזוי?

ער שטעלט זיך אויף אויף די שפּיץ פינגער, קוקט, קוקט און דער־קענט:

— אָ! אַצינד פאַרשטיי איך די סיבה פון אירע טרערן. דאָס קוקט זי אַזוי אויפן בילד... דאָס וויינט זי זיך אויס אַזוי פאַר טאַטע־מאַמע...

שלמה גיט צו זיך אַ ביטערן שמייכל:

— זי בענקט שטאַרק, זי איז נאָך מחובר לקרקע, דאָס איז נישט קיין גוטער סימן...

אין דער פרי, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען צו איר אין צימער, האָט ער זי נאָך געטראָפן אין בעט.

— פאַלי, עס איז דאָך שוין אַכט אַ זייגער, פאַר וואָס שטייסטו נישט אויף? מיר וועלן צופאָרן אין שול אַריין צו ליבערמאַנען און דערנאָך וועלן מיר ערגעץ אַריינגיין עפּעס אַ קוק טון.

— איך וועל היינט אין ערגעץ נישט פאָרן. איך פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען...

— נישט געזונט? וואָס טוט דיר וויי?

— דער מאָגן.

— פון וואָס זשע קען דאָס זיין?

— אַ פּנים דערפון, וואָס איך עס אַ גאַנצע וואָך בלויז טרוקענע שפּייז.

— גוואַלד, פאַלי, דאַרפסטו דאָך עפּעס רפואות?

— מען דאַרף גאָרנישט. עס וועט אַזוי אויך איבערגיין.

— פאַלי, אָט פאַר איך איצט אין שטאָט אַריין. אפשר וואָלט איך פאָרט געקויפט אַ פאָר טעפּ און דו זאָלסט זיך עפּעס אָפּקאָכן? מילא, איך בין שוין געוווינט, אָבער דיך מאַכט דאָך דאָס קראַנק.

— ע, ווער וועט זיך גיין דערמיט פאַרנעמען?...

— פּאָלי, אָבער וויפל מיר דאַרפן דאָ נאָך זיין, איז דאָך דאָס אַן אָפּקומעניש. די אויסגאַבן אויף געשיר זעען זיך דען ביי אונדז עפּעס אָן?

— ניין, מען דאַרף נישט. איך וועל מיך היינט צוהיטן מיטן עסן און עס וועט איבערגיין.

— וואָס זשע זאָל איך קויפן אויף שבת? וואָס מעגסטו עסן?

— וואָס דו וועסט קויפן, וועט זיין גוט. דו ווייסט אליין נישט, וואָס מען דאַרף?

— איז, הייסט עס, בלייבסטו דאָ אליין אויף אַ גאַנצן טאָג?

אויף איר פּנים באַווייזט זיך אַ בלייכער שמייכל:

— וואָס זשע האָסטו מורא, עס זאָל מיך עמעצער נישט אויסכאַפּן?

— האָסטו כאָטש אַ אינטערעסאַנט ביכל צום לייענען?

— דווקא נישט. איך האָב טאַקע געוואָלט פרעגן ביי דיר, וואָס האָסטו דאָרט פאַר אַ ביכער אין דיין פּעקל?

— בלויז יידישע, דווקא זייער אינטערעסאַנטע, נאָר בלויז יידישע. זיי לייענסטו דאָך נישט?

— ניין, יידיש קען איך נישט. אויף וואָס האָסטו געדאַרפט מיטנע־מען אַזוי פיל?

— וואָס רעדסטו? קיין סאַמאַרקאַנד איז אַ וועג פון אַ וואָך צייט, האָב איך מיטגענומען, כדי דיר פאַרצולייענען. דאָרט איז דאָ כמעט גאַנץ שלום־עליכם, מענדעלע און אַנדערע.

פּאָלי האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיטן פינגער עפּעס גע־שריבן אויפן קישן און געשוויגן. שלמה האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון איר שיינער נאַקעטער האַנט, פון איר געשטריקטן נאַכטשלייער.

— האָסטו טאַקע גאָרנישט וואָס צו לייענען אַ גאַנצן טאָג?

— כמעט גאָרנישט.

— וואַרט, איך האָב, דאַכט זיך, זיכער אין יענעם שלאָפצימער באַ־מערקט עטלעכע רוסישע ביכער. די מינוט כאַפּ איך אַ קוק.

אין אַ מינוט אַרום איז שלמה מיט אַ פרייד אַריינגעלאָפן, מיט צוויי ביכער אין די הענט.

— אַנו, כאַפּ נאָר אַ קוק, עפּעס רעכטס?

— יאָ, זיי ווייזן אויס גאַנץ נישקשהדיקע, כ׳האָב זיי נאָך נישט גע־לייענט. אַ גרויסן דאַנק!

— ווי שעמסטו זיך נישט, צו דאַנקען מיר? איך קען עפּעס גאָרנישט אוועקגיין און איבערלאָזן דיך איינע אַליין אויף אַזוי לאַנג.

— וואָס טראַכסטו אויס? אַ שיינע מעשה! דו דאַרפסט דאָך עפּעס גיין וועגן אַ נייטיקן ענין? גיי, גיי, און זאַם זיך וויפל דו דאַרפסט.

שלמה לאָזט שעמעוודיק אַראָפּ די אויגן:

— און איך האָב אַזוי פאַנטאַזירט, אַז מיר וועלן מאָרגן זען טרעטיאַ־קאָווער גאַלעריע. איך האָב באַשלאָסן אויפצושטיין פאַר טאָג און אָפּ־

דאַוונען, כדי מיר זאָלן האָבן דאָרטן דעם גאַנצן טאָג. דאָרט איז נאָך קאַרג אַ טאָג, כדי אַלץ צו באַטראַכטן.

— אודאי וועלן מיר גיין. איך וויל אומבאַדינגט זען טרעטיאַקאָווער גאַלעריע.

— דו ביסט דאָך אָבער נישט געזונט?

— דאָס זענען נאַרישקייטן, איך פֿיל מיך שוין אַ ביסל בעסער און ביז אין דער פֿרי וועט שוין אין גאַנצן זיין גוט.

שלמה גיט פֿריילעך אַ פֿינקל מיט די אויגן:

— נו, גיי איך. אַ גוטן טאָג! און ווער אין גאַנצן געזונט.

— אַ דאַנק. גיי געזונט.

אין בית־מדרש האָט שלמה גערעדט מיט די גבאים, מיט די רבנים, נאָך דעם איז ער צוגעפֿאָרן צו ליבערמאַנען אויף דער אַרבעט, צוזאַמען מיט אים, איבערגעקלערט טויזנטער אופֿנים און זענען געקומען צום אויספֿיר, אַז אין מאָסקווע דורכגיין די מיליטערישע קאָמיסיע איז אויסגעשלאָסן. אויב עס איז נאָר ערגעץ אין ס.ס.ס.ר. דאָ אַן אָרט וווּ עס איז מעגלעך דאָס אויסצופֿירן, איז דאָס נאָר אין אוזבעקיסטאַן, ביי די בוכאַרער יידן. דאָרטן, פֿאַר געלט, קען מען אַלץ מאַכן.

פֿון ליבערמאַנען איז שלמה, איבערזעצנדיק זיך אויף עטלעכע טראַמ־ווייען, אַוועקגעפֿאָרן צו דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריע זיך דערקונדיקן, צי וועט זי שוין מאָרגן טאָקע זיין אָפֿן. ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז מאָרגן פֿון גיין אין דער פֿרי קען מען קומען באַזוכן די זאַלן, איז ער אַרויס־געגאַנגען, זיך דערפֿרעגט צו אַ נאָענטער קאַפֿע, געפֿועלט ביים קאַסיר, אַז ער זאָל גלייך אויפֿן אָרט נעמען ביי אים אַ סומע געלט, און מאָרגן זאָל ער מיט נאָך איינער קענען נעמען אין בופֿעט, וואָס ער וועט וועלן. דערפֿאַר האָט ער אים צוגעזאָגט לאָזן דעם רעשט פֿון דער סומע אַלס באַ־לוינונג.

קאפיטל LI

ווען שלמה איז געקומען אהיים מיט א פּאַרטפעל עסנוואַרג, איז שוין באַלד געווען די שקיעה. פּאַלי איז געווען פאַרטיפט אין לייענען און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אין זיין זייט. זיין געמאַכטער קוראַזש איז גלייך פאַרשוווּנדן און ער איז א פאַרשעמטער שטיין געבליבן אין מיטן צימער. דער טיפער בין־השמשות, וואָס האָט אריינגעקוקט אין פענצטער, האָט אים דערמאָנט, אַז ס׳איז באַלד צייט ליכט בענטשן. ער האָט געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, אָוועקגעשטופּט די טרויעריקע מחשבות פון זיך און גענומען צוגעבן דעם צימער א שבתדיקן אויסזען. ער האָט פון זיין וואַליזע ארויסגענומען א ליילעך, פאַרשפּרייט אויפן טיש אָנשטאָט א טישטעך, געלייגט חלות אויפן טיש, צוגעקערט די שטוב און גענומען אריינפּראַווען די ליכט און צוויי ליידיקע טינטערס.

כאָטש עס איז נאָך געווען געגנוג ליכטיק, האָט ער אין זאַל אויפגעדרייט די עלעקטריע, זיך געלאָזט גיין אין פּאָלים צימער אויך טון דאָס זעלבע, נאָר ער האָט זיך באַקלערט און איז נישט דערגאַנגען. ווען ער האָט זיך ארומגעוואַשן און איבערגעטון, איז ער צוגעגאַנגען צו פּאָלין און מיט א פריילעכער מינע זי א ריר געטון ביי דער האַנט:

— פּאָליטשקע, אין עטלעכע מינוט ארום פאַרגייט דער שבת קודש... עס זענען איצט פונקט צוויי וואָכן, אַז איך האָב באַקומען דורך אַוואַרמען... טאָמער האָב איך עפּעס דאָ אין מאָסקווע דיר שמערצן פאַרשאַפט, זיי מיר מוחל! דו ווייסט דאָך, אַז דו ביסט ביי מיר מיין גאַנץ לעבן...

פּאָלי האָט, אפילו זיך נישט אויסדרייענדיק, קאַלט ווי אייז א זאָג געטון:

— איך לעב נאָך, דאַכט זיך, וואָס בעטסטו מיך שוין מחילה?

שלמה איז געבליבן געפּלעפט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. ער האָט אריינגעשטעקט די נעגל זיך אין לייב, נאָר געמאַכט זיך הארץ און מיט דעם זעלבן ליבלעכן שמייכעלע געזאָגט:

— פּאָלי, אפשר וועסטו אָנצינדן די ליכט? אַזוי איז מען זיך ביי יידן נוהג...

פּאָלי גלייכט זיך אויס אין דער גאַנצער הייך, גיט צאָרנדיק א בליץ מיט די אויגן:

— אויף וויפל איך ווייס, בין איך נאָך, דאַכט זיך, נישט קיין ווייבל, איך זאָל שוין דאַרפן בענטשן ליכט...

— ווי דו פאַרשטייסט, קיינער צווינגט דיך נישט.

שלמה מאַכט די ברכה אויף די ליכט, זאָגט דער שטוב א גוט־שבת און שטעלט זיך מקבל־שבת זיין.

פאַר קידוש־מאַכן פרעגט ער, נישט צוגייענדיק צו איר:

— ביי אייך איז נישט איינגעפירט, אַז אַלע בני־בית זאָלן אויפשטיין צו קידוש?

פאָלי שטעלט זיך שווייגנדיק אויף, נאָר זי הייבט נישט אויף די אויגן.

געגעסן האָט מען שווייגנדיק. קיינער האָט נישט אויסגערעדט קיין איבע־ריק וואָרט. די „וואַנט" איז געוואַקסן... דער אָפּגרונט האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרברייטערן... דער נייער „בנין" האָט זיך צעוואַלגערט און די רעשטלעך האָבן זיך מיט אַ קאָפּ־שווינדלערישער שנעלקייט געקויקלט באַרג־אַראָפּ...

נאָכן עסן האָט זיך פאָלי אויפגעהויבן פון טיש, גענומען דאָס ביכל און זיך געלאָזט גיין צו זיך אין צימער. שלמה האָט זיך שנעל אויפגע־שטעלט:

— פאָליאַ...

פאָלי האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט און שווייגנדיק געוואַרט.

— פאָלי, עס איז דאָך נאַריש, נאָר ווען אַ פרעמדער זיצט ביים טיש און הערט אונדזער שווייגעניש, וואָלט ער געקענט מיינען, אַז מיר זענען חלילה ברוגז... אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אַצינד עפּעס לייענען שלום־עליכמס. כ'האָב ביי זיך זייער גוטע זאַכן: „די בלאָנדזשענדע שטערן"... „שווער צו זיין אַ ייד"... „סטעמפּעניו". ווילסט? קום זעץ זיך אַנידער, פאָלג מיך...

— ניין, איך בין עפּעס פּונקט נישט אויפגעלייגט אַצינד צו הערן עמעצן לייענען. איך האַלט אין מיטן לייענען אַ בוך, וויל איך עס ענדיקן. הייגט, וועל איך סתם קיין סך נישט לייענען. מען דאַרף דאָך אויפשטיין מאָרגן זייער פרי, זאָגסטו...

— אויב אַזוי, האָב איך צו דיר נאָך אַ ביטע: נישט אויפמאַכן אין שלאָפצימער די עלעקטריע, עס איז שבת. לייענען קענסטו דאָ אויך און שלאָפן איז נאָך בעסער אין דער פינצטער.

פאָלי האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון פאַר אומגעריכטקייט. אירע אויגן האָבן זיך אויף אַ רגע אַ צינד אָן געטון מיט כעס, מיט עקשנות, נאָר באַלד זענען זיי צוריק פאַרלאָשן געוואָרן. זי האָט זיך שטיל צוריקגעקערט צום טיש, צעעפנט דאָס ביכל און ווי גאָרנישט געווען, גענומען לייענען.

שלמה איז צוגעגאַנגען צו זיין פּעקל, אַרויסגענומען אַ סידור, אַ תהי־לים. ער האָט אָפּגעזאָגט שיר־השירים מיט גרויס התלהבות און דערנאָך — ווייל אין דער פרי דאַרף מען אוועקגיין — גענומען זאָגן תהילים. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ קוק אויף פאָלין. זי איז געזעסן אַ שיי־נע, אַ רואיקע, נאָר אַ פרעמדע. לחלוטין אַ פרעמדע. אים האָט געחידושט: אָט דאָס איז פאָלי? פאַר אָט דער פרוי האָט ער זיך מקריב געווען אַלע יאָרן? ער האָט געזען, אַז זי פילט זיין בליק, אַ באַק האָט זיך ביי איר צע־פלאַמט, אַ ברעם האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, נאָר מיט קיין בליק האָט זי אים נישט באַערט.

ער האָט געזאָגט תהילים מיט זיין זיידנס נוסח: לאַנגזאַם, מיט גע־פיל, מיט געשמאַק. יעדעס וואָרט זיינס, האָט ער געפילט, איז אַ נייער

קלין, אַ פרישע מחיצה צווישן אים און אַט דער רייצנדיקער, נאָר אכזריות־דיקער פרוי. אַט מאַכט זי צו דאָס ביכל, וואַרפט אויף אים אַ קוק, פול מיט פאַראַכטונג, מיט שנאה און שפּאַנט אַוועק צו זיך אין שלאָפצי־מער אַ שלאַנקע, אַ שטאָלצע, אַן אומצוטריטלעכע. פון איר בליק צעקריכן זיך ביי אים מוראַשקעס איבערן גאַנצן לייב. זיין תהילים־זאָגן ווערט נאָך זאַפטיקער, וויינענדיקער. ער זאָגט און פאַר זיינע אויגן שווימען אַרויס זיינע עלטערן, זיין טייערער־טייערער מנשה, זיין זיידע, די מומע טייבל. אַלע זענען געקומען הערן זיין תהילים, אַלע פאַרשטייען זיי, וואָס ביי אים אין האַרצן קומט אַצינד פאָר. אַלע וויטיקן צוליב אים. און שלמהן ווערט אומבאַקוועם, וואָס ער האָט צוליב זיינע נאַרישקייטן מטריח געווען אַזאַ גרויסן עולם. צוזעענדיק זייער צער ווערט אים אַ רחמנות אויף זיי, אויף זיך. ער וויינט, ער בעט זיך עפּעס ביי עמעצן... כאַפּט זיך אָן מיט די הענט פאַר יענעמס מלבושים...

מיט אַ מאָל דערפילט ער, אַז עס ווערט אים קיל אין קאָפּ און וואַ־רעמע פינגער, באַקאַנטע פינגער שפּאַצירן אַרום ביי אים אין די האָר, צע־שויבערן זיי. ער עפנט ברייט אויף די אויגן און פאַרשטייט נישט:

אין פענצטער שמייכלט אַריין אַן אויסגעוואַשענע זון. אויפן הויף איז שוין אַ גאַנצער גערודער. פאַר אים ליגט אַן אָפענער תהילים, די איי־בערשטע בלעטלעך פאַרקנייטשט, זיינע פינגער האַלטן זיך פעסט אין ליי־לעך, וואָס דינט פאַר אַ טישטעך. הינטער אים שטייט פאָלי אָן אָנגעטור־נענע. אין איין האַנט האַלט זי זיין היטל און די צווייטע — ביי אים אין די האָר. אויף איר פנים בליט אַ לאַנג פאַרגעסן זיס שמייכעלע. קיין סימן פון איר נעכטיקן רוגז איז אויף איר געזיכט נישט צו געפינען.

דערזען, אַז ער האָט געעפנט די אויגן, כאַפּט זי צו די האַנט פון קאָפּ, טוט אים אָן צוריק דאָס היטל און מיט אַ ווייכער האַרציקער שטימע זאָגט זי צו אים:

— נו, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? זיך ברעכן אַ גאַנצע נאַכט אויפן בענקל, נישט אויסטאָן זיך, נישט שלאָפן?

שלמה איז נאָך נישט אין גאַנצן וואַך. פאַר זיינע אויגן שעמערירן נאָך שטיקלעך חלומות, פסוקים פון תהילים. פּלוצלינג דערפילט ער די גאַנ־צע ווירקלעכקייט. ער גיט זיך אַ כאַפּ פונעם בענקל, אַ שטעל אויף קעגן פאָלין, קוקט אויף איר לאַנג, טיף, דורכדרינגנדיק. אים דערמאַנט זיך זיין נעכטיקער תהילים... ער דערפילט אַ הייסע פליסיקייט אין די אויגן, וויל נישט, אַז פאָלי זאָל זען זיינע טרערן און גיט נאָר אַ געשריי:

— אוי, פאָלי, פאַר וואָס קומט דאָס מיר?

און לויפט אַרויס.

נאָכן אָפּדאַווענען פרעגט ער זי:

— מיר עסן עפּעס?

— מיר ווילט זיך נאָך נישט אַזוי פרי.

— וועלן מיר נאָר לייכט עפּעס איבערכאַפּן און עסן וועלן מיר דאָרטן. איך האָב שוין דאָרט אין אַ קאַפע באַצאָלט.

פּאָלי הייבט אויף אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

— ווו — דאָרטן?

— נישט ווייט פון טרעטיאַקאָווער גאַלעריע.

— פון ווען זשע איז דאָרט באַצאָלט?

— פון נעכטן.

אויף איין אויגנבליק גיבן זיך אירע אויגן אַ צינד אָן מיט אַנטציקונג און ווערן גלייך פאַרלאָשן.

— קום, מיר גייען?

— קום.

אין דרויסן איז נאָך נישט היים. דאָס ליכטיקייט און די וואַרעמ־קייט קוויקן אַלע אבֿרים. פּאָלי שפּאַנט מונטער, פריש. זי גייט אַ ביסל פאָרויס, קומט צו צו דער טראַמוויי־סטאַנציע און שטעלט זיך אָפּ. שלמה גיט איר אַ זאָג:

— קום, וואָס שטייסטו?

— וווהין — קום? דאָ איז דאָך די טראַמוויי־סטאַנציע.

— וואָס־זשע האָט דאָס צו אונדז? הייַנט איז דאָך שבת...

— איז וואָס, אַז שבת? וועלן מיר גיין אַזאַ מהלך צו פוס?

— ווי דען אַנדערש? און עס איז גאָרנישט אַזאַ מהלך ווי דו מיינסט...

— אָבער ווי איז דאָס מעגלעך צו גיין צו פוס? ביסט ביים קלאָרן זינען? —

— „צי משוגע“, האָט זי געוואָלט זאָגן — לויפט דורך ביי שלמהן אַ געדאַנק. ער ענטפערט גאָרנישט, נאָר ער שטייט און וואַרט. זי גיט אַ קוק אויף זיין קאַלטער רואיקייט און פאַרשטייט, אַז רעדן מיט אים איז נישטאָ וואָס, איר שטייט פאָר אויסצוקלייבן: אָדער זיך נודיען אַ גאַנצן טאָג אין שטוב מיט אַ מענטשן, וועלכער איז איר איצט אומדערטרעגלעך אָדער זיך דורכגיין צו פוס אַן ערך פון צוויי צענדליק קילאָמעטער. זי באַ־שליסט זיך, און זיי לאָזן זיך גיין.

דער טראָטואַר איז אַספּאַלטירט, ביימער ביי די זייטן. אין גוטן מוט, וואָלט דאָ געווען גאַנץ נישקשה זיך דורכצושפּאַצירן, נאָר פון דעם פּאָר־פאָלק איז דער גוטער מוט שוין לאַנג אַוועק. דאָס ביסל וואַרעמקייט צו אים, וואָס האָט יאָ דערוואַכט אין פּאָלין אין דער פרי, האָט זי פאַרלוירן ביי דער טראַמוויי־סטאַנציע. אירע געפילן האָבן זיך געוואַקלט צווישן שנאה און פאַראַכטונג. דאַקעגן זיין ביטערניש קעגן איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט.

דער וועג איז געווען אַ באַקוועמער, נאָר שוין צו אַ לאַנגער. די זון איז שוין געשטאַנען הויך, די היץ האָט אָנגעהייבן צו טשמעליען אין קאָפּ. פאַרן גאַנצן וועג האָבן זיי נאָך קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט איינער מיט דעם צווייטן. מיט אַ מאָל האָט שלמה פאַרלוירן די אָריענטאַציע. ער

האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, צי דאַרף ער אויף רעכטס צי אויף לינקס. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ יונגן אַרבעטער און ביי אים געפרעגט דעם וועג. יענער האָט העפלעך געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַט אויף יענעם ראָג וועט איר זיך זעצן אויף דעם טראַמוויי נומער 27, נאָך דעם וועט אייך דער קאָנדוקטאָר זאָגן, ווו איר דאַרפט זיך איבערזעצן אויף דעם נומער 13, נאָך דעם אויף דעם 54־סטן — און שוין... אין יענעם געגנט געפינט די גאַלעריי.

— צו פוס איז נישטאָ קיין נעענטערער וועג?

— צו פוס גאָר? ווער גייט עס אַהין צו פוס?

— איך דאַרף אָבער נאָר צו פוס.

— אוי, עס איז זייער ווייט, דער צווייטער עק שטאָט...

— וואָס קען איך העלפן?

— דאַן מוזט איר גיין גלייך ביז ענדע גאַס, נאָך דעם אויף לינקס, ביז איר וועט זען אַ פּאַזשאַרנע, דאַן פאַרנעמט איר זיך אויף רעכטס ביזן טייך „מאָסקווע", דאָרט גייט איר אַריבער די קוזניעצקע־בריק, איז דאָרט באַלד דאָ אַ סקווער, וועט איר שוין דאָרט ביי עמעצן פרעגן...

שלמה באַדאַנקט דעם אַרבעטער און זיי גייען ווייטער. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן ווייט אָפּצוגיין, דערהערן זיי, ווי עמעצער שרייט זיי נאָך:

— יונגעלייט, יונגעלייט, וואַרט איין רגעלע!..

עס יאָגט זיי אָן דער זעלבער אַרבעטער. ער סאָפּעט אָפּ, האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און זאָגט שטאַמלענדיק:

— אַנטשולדיקט מיר, חברים, איך פאַרשטיי אייער לאַגע... כ'בין אַליין וויפל מאָל געווען אין אַן ענגשאַפט... נעמט ביי מיר דריי רובל... מער האָב איך נישט... נעמט, נעמט, וועט איר קענען פאָרן. מיר וועלן זיך אַ מאָל באַגעגענען, וועט איר אָפּגעבן... שעמט זיך נישט...

פאַלי דערוואַרט זיך נישט, ביז ער ענדיקט און גייט אַוועק פאַרויס. שלמה באַדאַנקט זייער דעם אַרבעטער פאַר זיין גוט האַרץ, באַרואיקט אים, אַז נישט פון אָרעמקייט גייען זיי צו פוס, נאָר זיי ווילן עמעצן באַגעגענען. יענער ווערט נאָך רויטער, אַנטשולדיקט זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און גייט אַוועק. שלמה יאָגט אָן פאַלין, גלייכט זיך אויס מיט איר, נאָר זי וויל אפילו נישט קוקן אין זיין זייט.

דריי פערטל אויף צוועלף שטעלט זיך שלמה אָפּ לעבן אַ טיר און מעלדעט פאַלין שווער אָפּאָטעמענדיק:

— אָט דאָ איז דאָס.

— וואָס, די גאַלעריי?

— ניין, די קאַפע.

— איך בין שוין זאַט, איך וויל נישט עסן.

שלמה זאָגט שטיל, נאָר שטרענג:

— פאַלי, מאַך נישט קיין אָנשטעלן. עס איז מיר מיט דיר נישט פיל גרינגער.

זיי גייען אריין, זעצן זיך ביי א טישל. עס קומט צו זיי צו א קעלנער.

— פאלי, וואס ווילסטו אויף פרישטיק?

— וואס דו ווילסט — נעם!

— פאר זיך נעם איך א הערינג, עטלעכע הארטע אייער, פוטער און קאקאא. פאר דיר אויך דאס זעלבע?

— קיין הארטע אייער וויל איך נישט, זאל ער בעסער רויע אייער פארקאכן מיר איין מאל.

— פאליטשקע, דאס איז אוממעגלעך. הייסן אים פארקאכן צוליב אונדז — טאר מען נישט, עס איז שבת! אדער גאנץ לויזע אדער הארטע...

פאלי ציטערט אזש פאר אויפרעגונג, זי ווארפט אויף אים א פיינט־לעכן בליק:

— איך האב דאך אייך געבעטן, פרעגט נישט ביי מיר, קויפט וואס איר ווילט און לאזט מיך צו רו מיט אייער שבת!...

שלמה הערט, אז זי איז איבערגעגאנגען אויף „איר“, געפינט עס פאר גאנץ נאטירלעך ביי איר איצטיקער שטימונג און מאכט דערפון קיין פירוש נישט... ער הייסט דערלאנגען פאר פאלין מאנדלבייגל, סמעטענע, האלענ־דישן קעז און שאקאלאד מיט מילך. זיי עסן אפ. שלמה זאגט דעם קאסיר, אז פאר נאכט וועלן זיי דא ווידער זיין און גייען ארוים.

קאפיטל LII

אין צען מינוט ארום הייבן זיי זיך אויף אויף די טרעפּ פון דער גאַלעריע. שלמה און פּאָלי, בײדע פּראָווינציאַלן, זענען שטאַרק נתפּעל געוואָרן, קוקנדיק אויף די אויסערגעוויינלעכע בילדער. זיי זענען ביידע באַגלייך אַריבערגעגאַנגען פון איין בילד צום צווייטן, בײדע אַנטציקט פון דער שיינקייט, פון דער צויבערנדיקער נאַטירלעכקייט, נאָר איינער דעם צווייטן אַ וואָרט נישט געזאָגט. עטלעכע מאָל האָט שלמה געפּרוּווט טיילן מיט איר זיינע איינדרוקן, וועגן דעם אָדער יענעם בילד, נאָר זי האָט אים חוצפּהדיק שאַרף אָפּגעהאַקט:

— איך שטער אייך, דאַכט זיך, נישט צו קוקן, שטערט מיר אויך נישט...

נאָך אַזאַ נישט צווייִדייטיקן ענטפער האָט איר שוין שלמה מער נישט פאַרגעלייגט זיין געזעלשאַפט. אַזוי ווי די יתומים האָבן זיי ביידע אַרומגעבלאָנקעט איבער די זאַלן, אָפּגעשטעלט זיך לעבן איינע און די זעלבע געשניצטע פיגורן, באַטראַכט איינע און די זעלבע בילדער, נאָר נישט צוזאַמען. מיט פאַרשידענע אויגן, מיט פאַרשידענע הערצער.

אויפן דריטן שטאָק האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַן עקסקורסיע פון אַ זאַוואָד. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען אַ לעקטאָר, וועלכער האָט זייער טרוקן און זייער באַגרענעצט געגעבן צו פאַרשטיין די געשיכטע און דעם אינהאַלט פון די בילדער. פּאָלי איז באַלד צוגעשטאַנען צו דער עקסקורסיע. שלמה האָט זיך געהאַלטן באַזונדער און אויפמערקזאַם באַטראַכט די בילדער, וואָס זענען אים געווען צום האַרצן. אויסערלעך איז נישט געווען צו באַמערקן, אַז עס אַרט אים, וואָס פּאָלי שלעפּט זיך אַרום מיט דער עקסקורסיע, נאָר ווען ער האָט באַמערקט, אַז די גרופּע עקסקורסאַנטן פאַרלאָזט דעם זאַל, גייט זיך אויפהייבן מיט אַ שטאָק העכער און פּאָלי גייט מיט זיי, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי ווייך געפרעגט:

— נאָך וואָס גייסטו זיי נאָך, פּאָלי?

— ווייל מיר איז אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס ער דערציילט.

— פּאָלי, וואָס האָסטו געפונען אינטערעסאַנטס אין זיין דערציילן? דאָס איז דאָך בלויז פּלוידעריי, אולטראַ-פּאָליטישע לעקציעס, שאַבלאָן. פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעכאַפּט אין אים?

— וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? איך בין דאָך נישט קיין שרייבערין און במילא, אַ קנאָפּע מבינטע אויף בילדער, איך פאַרשטיי נאָר דאָס, וואָס מען דערציילט מיר.

— האָב איך דאָך אייך געבעטן, קומט, לאָמיר גיין צוזאַמען און באַטראַכטן אַלץ צוזאַמען...

— אייערע פּירושים וועל איך נישט אָנווערן הערן אין דער היים אויך... ד אָ ס גליק וועט פון מיר קיין מאָל נישט אַנטלויפן...

זי האָט אַ קוק געטון אויף שלמהן, צי ער פילט זיך כּאָטש גוט גע־טראָפן און האָט זיך געלאָזט לויפן אויף די טרעפּ אַניאָגן די עקסקורסיע.

שלמה איז אַ בלייבער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. דאָס איז שוין געווען אַ באַליידיקונג, אַ פּאַטש אין פּנים — און פאַר וואָס ? פאַר וועלכע חטאים ?

אין אַפּיסת־הכּוחות האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. די פיס האָבן אים קוים געהאַלטן אויף זיך. פאַר די אויגן איז געווען טונקל. אין די שלייפן האָבן האַסטיק געקלאַפּט העמערלעך. אַן אינערלעך קול האָט עקשנותדיק איינגעחזרט מיט עמעצן די באַקאַנטע ווערטער מיט דעם באַ־קאַנטן חדר־ניגון פון די ווייטע, ווייטע, פאַרשנייטע ווינטערנעכט:

...אבל — אָבער, אשמים — שולדיקע, אנחנו — מיר, על אחינו — איבער אונדזער ברודער, אשר — וואָס, ראינו — מיר האָבן געזען, צרת — די צרה, נפשו — פון זיין נשמה, בהתחננו — ווען ער האָט זיך געבעטן, אלינו — צו אונדז, ולא שמענו — און מיר האָבן נישט געוואָלט הערן. על־כן — דערפאַר, באה — איז געקומען, אלינו — צו אונדז, הצרה — די צרה, הזאת — די דאָזיקע...

שלמה פילט, ווי אָנגעגליטע צוואַנגלעך צופּן שטיקער פון זיין לייב, ער וויל זיך באַפרייען פון דעם באַטאָגיקן קאָשמאַר און קען נישט. דער באַהאַלטענער חדר־ניגון קלעמט אים ביי דער נשמה און וואָרגט אים אין האַלדז:

... הלא — צי דען נישט, אמרתי — איך האָב געזאָגט, אליכם — צו אייך, לאמר — אַזוי צו זאָגן, אל — נישט, תחטאו — איר זאָלט זינ־דיקן, בילד — מיט דעם קינד, ולא — און נישט, שמעתם — איר האָט געוואָלט הערן, וגם — און אויך, דמו — זיין בלוט, הנה — אָט, נדרש — ווערט געפאָדערט...

שלמה האָט אַ צאַפּל געטון מיטן גאַנצן קערפּער:

— אוי, רייזל, רייזל... איך בין געווען אַן אכזר אויף דיר... דיין בלוט האָט זיך געגאָסן פאַר מיינע אויגן און איך האָב נישט געוואָלט, נישט הערן, נישט זען. איצט צאָלט מען מיר אָפּ, אחת ואחת... גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט... חטאתי, עויתי, ופשעתי...

אייניקע אין זאַל, וועלכע האָבן געזען די סצענע מיט פאַלין, האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען וועגן אים. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיקט און גענומען ווייטער באַטראַכטן די בילדער.

זייגער פינף האָט ער באַמערקט, אַז די עקסקורסיע גייט שוין אַהיים, און פאַלי איז אַלץ נישט געווען. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף איין שטאָק, נאָך אויף איינעם — ער האָט זי נישט געטראָפן אין ערגעץ. ערשט אויפן סאַמע העכסטן שטאָק האָט ער זי דערזען אַ מידע זיצן אויף אַ בענקל און באַקוקן פון דער ווייטנס אַ גרויס בילד. דערזעענדיק אים האָט שלמה אויף איר דערקענט, אַז עס טוט איר הנאה, וואָס ער האָט זי געזוכט. דאַקעגן, שלמה, ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז זי איז דאָ, נישט פאַרפאַלן

געוואָרן, איז ער צו איר אפילו נישט צוגעגאַנגען, נאָר געגומען באַטראַכטן די בילדער. פּאָלי איז אַלץ געזעסן, נישט ער איז צוגעגאַנגען צו איר, נישט זי צו אים.

זעקס אַ זייגער האָט זיך דערהערט אַ קלינגעריי איבער אַלע צימערן. דאָס האָט באַטייט, אַז די באַזוכער זאָלן באַפרייען די זאַלן, דער אַרבעטס־טאָג איז געענדיקט. שלמה איז צוגעגאַנגען צו פּאָלין:

— נו, גייען מיר?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכ־געגאַנגען.

ביידע זענען אַרויס אויף דער גאַס. שלמה פּאַרשטיקט אין זיך דעם ביטערן פּאַרדרוס וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן פאַר דעם גאַנצן טאָג אויף פּאָלין און מאַכט אַ פריינטלעך פּנים:

— נו, און איצט וואָס?

— איך האָף, אַז צוריק וועט איר מיך נישט צווינגען צו מאַכן צו פון דעם זעלבן מאַרשרוט וואָס אין דער פרי?

— אודאי און אודאי נישט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אייך אין דער פרי אויך נישט זייער געצוווּנגען. איר האָט געהאַט אַ ברירה צו בלייבן אין דער היים און איך וואָלט דערפון אויך ווייניק וואָס געווען פּאַרלוירן, דאָס פּאַרשטייט איר דאָך מסתּמא אַליין...

פּאָלי האָט פּאַרביסן אַ ליפּ און אַ וואָרט נישט געענטפערט. זי האָט פּאַרשטאַנען, אַז זי האָט כשר פּאַרדינט ביי אים אַזאַ קאָמפּלימענט.

מיט דעם זעלבן פריינטלעכן שמייכל אויפן פּנים האָט שלמה פאַר־געזעצט:

— איצט גייען מיר ווידער צו אין קאַפע, ווייל זיבן אַ זייגער מאַכט מען זי צו. מיר עסן אָפּ און גייען זיך אַ ביסל דורך אין פּאַרק וואָס אַקעגן דער קאַפע, דאָרט געפינט זיך אַזעלכער, אויב איר האָט באַמערקט. און ווי נאָר עס באַווייזן זיך דריי שטערן, האָבן מיר דעם טראַמוויי עטלעכע טריט פון דאָרטן. אפשר ווילט איר עפּעס ענדערן אין דעם פּלאַן, צוגעבן, אַראָפּנעמען? ניין?

אַרום האַלבער נאַכט, מידע און צעבראָכענע פון זיצן אין טראַמוויי און וואַרטן, אַז עס זאָל זיך יאָווען עלעקטרישער שטראָם, האָבן זיי זיך קוים פּאַרשלעפּט אַהיים. עסן האָט זיך זייביידן נישט געגלוסט און זיי זענען זיך מיט אַ טרוקענער „גוטע וואָך" צעגאַנגען אין די שלאָפצימערן.

שלמה האָט נאָך געהאַלטן אין צעשנורעווען די שיך, ווי מען האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

— פּאָלי, קום אַריין.

זי איז שוין געווען אין כאַלאַט און אין די שטעקשיך. זי האָט שולדיק אַ שמייכל געטון:

— באַרעכן נאָר, מיר האָבן אפילו קיין איין מאָל פאַרן היינטיקן אויפ־דערנאַכט נישט דערמאָנט, אַז מאָרגן איז ביי דיר אַזאַ היסטאָרישער טאָג.

שלמה האָט געשוויגן. וואָס האָט ער איר געקענט ענטפערן דערויף?

פּאָלי האָט איבערגעטראָטן פון איין פוס אויף דעם צווייטן און נישט געפינענדיק מער וואָס צו זאָגן פארלוירן ארויסגעשטאַמלט:

— נו, שלאָף! א גוטע נאַכט.

— א גוט יאָר.

אויף מאָרגן זענען זיי אויפגעשטאַנען צען א זייגער. פאָלי האָט געמאָלדן, אז דער מאָגן טוט איר שוין נישט וויי און זי וויל פאָרן מיט אים צו מאַרגאָליסן. איר איז זייער אינטערעסאַנט צו הערן די מיינונג פון אזא גרויסן שרייבער וועגן זיין בוך. א גאַנצן וועג האָט זיך איר דאָס מויל נישט צוגעמאַכט. זי האָט גערעדט וועגן זיין צוקונפט, וועגן זיין דערפאָלג אויפן ליטעראַרישן געביט. שלמה האָט געשוויגן. זיין הארץ איז נאָך געווען פאַרזאָטן מיט בלוט פון דעם נעכטיקן שפּאַציר. קיין זאַך האָט נישט געפריידט, דער אומעט האָט זיך טיף באַזעצט אין זיין נשמה. פון יעדער זאַך האָט אויף אים געאָטעמט מיט טיפן יאוש, פון יעדן ווינקעלע האָט אויף אים גע־ווייעט מיט בית־הקברות. סימולירן פאַר פאָלין א גוטע שטימונג האָט ער נישט געוואָלט. זי האָט זיין שווייגן ריכטיק פארשטאַנען און איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיין אויפריכטיקייט בנוגע צו איר.

האַלב איינס האָבן זיי אָנגעקלונגען צו מאַרגאָליסן. געעפנט האָט זיי רעוועקאַ.

— האַ, חבר שלמה און חברטע... אַנטשולדיקט, איך האָב פארגעסן —

— פּאָליאַ.

— קומט אריין, ביי אונדז זענען דאָ געסט, נאָר עס מאַכט נישט אויס. דער טאַטע האָט זיך שוין געחידושט, וואָס איר זענט נאָך נישטאָ.

מאַרגאָליס האָט זיי זייער פריינטלעך באַגעגנט, געבעטן זיצן. ביי אים זענען געזעסן עטלעכע יונגע מענטשן, אַן עלטערע דאַמע און א פּאָר דעלעגאַטקעס פון א פּראָווינציאַלער סטודיע פאַר יונגע שרייבערס. מאַר־גאָליס האָט ביסלעכוויז צעלאָזט דעם עולם, איבערלאָזנדיק שלמהן אויפן סוף. עס איז פאַריבער א גוטע שעה, ביז אַלע זענען זיך ענדלעך צעגאַנ־גען. רעוועקאַ, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם שליסל פון דער טיר, כדי זי זאָל נישט דאַרפן באַאומרואיקן דעם פאָטער, איז געגאַנגען באַגלייטן די עלטערע דאַמע. מאַרגאָליס האָט די געסט פארבעטן צו זיך אין קאַבינעט אריין.

מיט א קלאַפּנדיק הארץ איז שלמה געגאַנגען פאַרויס, מאַרגאָליס האָט נאָך אים צוגעמאַכט די טיר. אויפן טיש האָט שלמה באַמערקט זיינע העפטן און די געדרוקטע זאַכן. זיין הארץ האָט זיך נישט וויסנדיק פאַר וואָס א וואָרף געטון אין אים. מאַרגאָליס האָט זיי גאַסטפריינטלעך אָנגעוויזן אויף שטולן און גוטמוטיק געזאָגט:

— ערשטנס, חבר שלמה, גיט מיר אייער האַנט און דערלויבט מיר זי אייך שטאַרק א דריק טון פאַר אייער געלונגענעם בוך.

שלמה איז בלאַס און גלייך רויט געוואָרן:

— טאַמער לאַכט איר פון מיר, חבר מאַרגאַלים, איז דאָס אומ־ברחמנותדיק פון אייער זייט.

— פון אייך, לאַכן? אָ, דאָס וואָלט איך מיר קיין מאָל נישט דער־לויבט...

— הייסט עס, קען איך האָפן...

— נישט האָפן, נאָר עס איז פשוט אומגלויבלעך, אַז אַזאַ יונגער מענטש ווי איר, נישט האָבנדיק געענדיקט קיין הויכשול, זאָל אַזוי קוואַ־ליפיצירט און אַזוי באַטעמט אָנשרייבן אַזאַ פּראַכטפול ווערק.

שלמה, מיט טרערן אין קול:

— חבר מאַרגאַלים, לויבט מיך נישט אַזוי שטאַרק, איך קען נאָך פאַלן אין חלשות פאַר פרייד...

— נישקשה, איר וועט אין חלשות נישט פאַלן. מען זעט אין אייער בוך, אַז איר זענט אַ שטאַרקער מענטש, איר וועט אַ ל ץ העלדיש אי־בערטראָגן.

— עס איז זייער אָנגענעם צו הערן פון אייך אַזאַ געהויבענע מיי־נונג וועגן מיר...

— איצט וויל איך אייך פאַרגעבן איין פראַגע.

— ביטע, פרעגט.

— איר גיט מיר דאָס רעכט זיך באַציען צו אייך ווי צו אַן אייגענעם זון? זאָגן אַלץ אָפנהאַרציק און אויפריכטיק?

— וואָס פרעגט איר, טייערער חבר מאַרגאַלים? דאָס איז מיין בעס־טער האָנאָראַר.

— הערט זשע, מיין פריינט, פון אונדזער שמועס אָן איז מיין געפיל צו אייך ווי צו אַ זון, ווייל אין פיל זאַכן איז אונדזער גורל זייער ענלעך איינער אויפן צווייטן.

— זאָגט וואָס איר ווילט, איך וועל אייך הערן מיט פאַרגעניגן.

— חבר שלמה, איר זאָלט וויסן, אַז אייך דראָט אַ גרויסע, גרויסע געפאַר.

שלמה איז בלייך געוואָרן. ער האָט אַ קוק געטון אויף פאַלין, זי אויף אים. ווי אַ בליץ איז אים דורכגעפלויגן אין קאָפּ: „מאַסקאַליענקאָ האָט געמוזט געוווּיר ווערן, אַז איך האָב אַ מאָל מיטגעאַרבעט אין דער יידי־שער פרעסע און האָט טעלעגראַפירט אין אַלע רעדאַקציעס, טאָמער ווייזט זיך אַזאַ און אַזאַ מענטש, זאָל מען אים באַלד פאַרהאַלטן“.

פאַלים אויגן האָבן אים אויסגעזאָגט, אַז זי טראַכט אויך דאָס זעלבע.

— חבר מאַרגאַלים, איך בין גרייט צו הערן דאָס ערגסטע. ביטע, רעדט אָפן.

— אייגנטלעך, זאָגן דאָס אייך גייט נישט אַריין אין מיין פונקציע. אַזאַ בשורה־טובה זאָגט מען אָן דורך אַ גוי. נאָר איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך האָב אין אייך אַ קאָלעגע און האָב אייך ליב באַקומען. דערפאַר גיי איך אייך זאָגן דאָס, וואָס איך וועל אייך באַלד זאָגן.

מאַרגאָליס האָט זיך איבערגעזעצט אויף דער סאָפע וואָס ביי דער טיר. שלמה האָט זיך איינגעגעסן מיט זיינע אויגן אין זיין פּנים.

— איז אָט וואָס, חבר שלמה: אייער בוך רעקאָמענדירן אין פאַרלאַג אַריין קען איך אפילו שוין, אָט דאָ פאַר אייך אין די אויגן. מיט מיין רעקאָמענדאַציע וועט דער פאַרלאַג שיקן דאָס בוך גלייך אין דער דרוקעריי, קיינער וועט זיך אפילו קיין קנייטש נישט טון... אַזוי, אַז אַלץ קען זיין גוט ווי געוווּנטשן, נאָר איך וואָרן אייך ווי אַ געטרייער פּאַטער: איר טאָרט אייער בוך נישט דרוקן! עס איז זייער אַ גוטס, זייער אַ געלונגענס, לייענענדיק דאָס בוך האָב איך פיל פאַרגעניגן געהאַט, אָבער קום גייט עס אַרויס פון דרוק, איז אייער לעבן קיין פּרוטה נישט ווערט. וועט איר דאָך פרעגן: פאַר וואָס? וועל איך אייך זאָגן: אין אייער בוך שפּיגלט זיך אָפּ דאָס שטעטלשע לעבן פאַר די לעצטע זעקס־זיבן יאָר. פון דעם נעפּמאַן ווערט אַ קאָלכאָזניק. דאָס גאַנצע שטעטל גייט אַוועק מיט האַק און פּאַק אין קאָלכאָז אַריין. אַלץ איז, לכאורה, גוט. אָבער די „באַזונדערע אָפּטיילונג" אין „צענטראַל־פאַרלאַג" האָט א י ר ע דירעקטיוון אויף דער טעמע. אין די „הויכע פענצטער" איז מען קעגן אַזאַ שיטה, מען וויל דאָרט נישט ליידן, אַז אַלץ זאָל אַזוי „גלאַט אָפּלויפן" ווי ביי אייך קומט דאָרט פאָר. זיי האָבן דערויף זייער אייגענעם נוסח־התפילה. און צו דעם צוועק האָט מען דאָרט אַוועקגעזעצט די „באַזונדערע אָפּטיילונג". לויט איר שולחן־ערוך דאַרף דער גרעסערער נעפּמאַן מיט זיינע גראָבע געלטער פינאַנסירן דעם פאַרבאַנד פון קולאַצקע זינדלעך, מיט דעם ציל, אַז זיי זאָלן אויפרייסן זאַוואָדן, אָנצינדן קאָלכאָזנע הויפן, טראַקטאָר־סטאַנציעס. מיט איין וואָרט, אָנווענדן אַלע מיטלען, אַז דער מלוכה זאָל אַזוינס פאַרגיין, אַז זי זאָל אין נעפּ און אין דאַרף פאַרגעסן. אָט דאָס איז די גענעראַלע ליניע פון קלאַסנקאַמף אין דער איצטיקער ליטעראַטור. טאָמער וועט איר זיי וועלן זאָגן, אַז אַ יידישער נעפּמאַן איז מיטן קולאַק און נאָך דערצו מיטן קולאַק־דיווערסאַנט קיין מאָל נישט געוועזן חבר און קיין איין גראָשן וואָלט ער אים אויך נישט געגעבן, ווערט איר באַלד באַטראַכט פאַר אַ שונא פון פאָלק. מען זאָגט אייך, אַז אַ נעפּמאַן און אַ קולאַק איז איין קלאַס. זייער נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג שפּילט קיין שום ראָל נישט און אין איין טרויעריקער נאַכט נעמט מען אייך אַרויס פון דער היים און מער זעט אייך שוין קיינער נישט אויף דער ווייסער וועלט... בכלל האָט איר פאַרגעסן, אַז דער נעפּמאַן און דער פאַרמעגלעכער בעל־הבית זענען אומבאַדינגט פאַרדאָרבענע מענטשן, אויסנוצערס, פאַרגוואַלדיקערס און דער עיקר — בלוטיקע שונאים פון דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים. ביי אייך איז פאַרקערט מן הקצה אל הקצה. ביי אייך זענען זייער סימפּאַטישע מאַנופאַקטוריסטן, גאַנץ פיינע מעלהענדלער, לעדערהענדלער און אייגנטימערס פון מילן, דאָס וועט שטאַרק נישט שמעקן אונדזער דיקטאַטאָרישער צענזור. דאָס אידעאַליזירן די דאָזיקע שעדלעכע עלעמענטן ווערט גלייך קוואַליפיצירט ווי רכילות און לשון־הרע אויפן אַרבעטער־קלאַס און דאָס איז במילא קאָנטררעוואָלוציע.

ווייטער האָט איר גאָר פאַרגעסן, אַז אין שטעטל זענען דאָ רבנים, שוחטים און גלאַט גלויביקע, וואָס „דאַרפן" בסוד־סודות זיך האַלטן איינס מיטן גלח, שיקן נאָך הילף קיין אויסלאַנד, צוהעלפן דאָ צו אַלע אַקטן פון שעדיקונג קעגן דער מלוכה... און ביי אייך איז גאָר דאָס וואָרט „רעליגיע" אויסגעשטראָכן, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין רעליגיע אויף דער וועלט נישט געווען. אַנו, פּרוווט זאָגן דער „באַזונדערער אַפּטיילונג", אַז יידישע רבנים זענען קיין מאָל נישט געגאַנגען אין בונד מיט קיין גלחים, נישט געשיקט קיין אויסלאַנד קיין ידיעות וועגן די לעצטע רדיפות, וואָס קומען דאָ פאָר, נישט באַמבאַרדירט אויסלאַנד מיט קיין אויפרופן, מען זאָל גיין אויף רוסלאַנד מיט אַ הייליקער מלחמה. אַנו, אדרבה, פּרוווט זיי דאָס דערמאָנען, וועלן זיי אייך אַזאַ שליידער טון, אַז איר וועט באַקומען רסוק אברים.

ווייטער זענען אייערע קאַלווירטניקעס שוין צו פיל נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. צו שטאָלץ קלינגט ביי זיי דאָס וואָרט „יידן"; „יידישער קאָלווירט"; מען קען נאָך מיינען, אַז דאָס זענען אַרבעטער פון פּתח־תקוהער ווייַן־קעלערס אָדער פון די ווייַן־זאַוואָדן פון ראשון־לציון.

ווייטער האָט אייער העלד ליב זיין מיידל, ווי אַ פּראָסטער בשר ודם, פאַר אירע שיינע אויגן, פאַר איר חנעוודיק פּנימל און פאַר איר זיס שטימעלע. אַזאַ פּשוטע ליבע איז היינט פּסול. היינט עקזיסטירט נישט אין דער ליטעראַטור קיין פּרויעקציעמער אַלס אַזעלכע. היינט דאַרף מען אין איר ליב האָבן נאָר די קעמפּעריין: די קעמפּעריין פאַר אויספּילן דעם פּלאַן; די קעמפּעריין קעגן די שעדיקערס; די קעמפּעריין קעגן די אָפּנויגערס פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע. אַזוי, אַזוי, גוטער ברודער, היינט איז דאָס דער עיקר, היינט איז די ראַטנמאַכט סאָלידאַרנע מיט שלמה המלך, אַז: שקר החן והבל היופי. איר האָט געהערט די נייע מעלות, וואָס אַ היינטיקע העלדין מוז האָבן? איר זענט תופס, וועלכער נדן עס שטייט היינט ברומו של עולם?

— אָט צו וואָס די ליידנשאַפט דאַרף היינט ברענען! נישטאָ היינט מער קיין ראָזע באַקן מיט קיין ווייַנשל־ליפּן, ס'איז נישט וויכטיק מער, צי זי איז שלאַנק, גראַציעז, צי ניין; היינט איז וויכטיק די סאָציאַלע לאַגע פון דער העלדין. זי מוז זיין אַ טראַקטאָריסטין — אַ שלאָגלערין אָדער אַ קאָלטור־טוערין, וואָס איר וואָנטצייטונג אויף דער פאַבריק ווערט פּרעמירט פון דעם געגנט־קאָנקורס. אַז נישט, מוז זי זיין אַ סטודענטין, וואָס הערט אונטער אַ פּאַרדעכטיקן שמועס צווישן די פּראָפעסאָרן און דערציילט וועגן דעם איר געליבטן — אַ לייטענאַנט פון געפּעאו... אָט וואָס פאַר אַ מיידעלע עס זענען היינט אין דער מאָדע — און אייער העלדין איז נעבעך אַ בת ישראל כשרה, וואָס פאַרמאָגט נישט מער ווי איר שיינע פיזיאָנאָמיע און איר סאָלידע האַלטונג. דאָס טויג נישט! דאָס איז טריף־פּסול!

אָט האָב איך אייך אָנגערופן פיר גרויסע פעלערן אין אייער אמת זעלטענעם בוך: ערשטנס, דאָס וואָס דער נעפּמאַן איז ביי אייך נישט באַאיינפלוסט פון קולאַק און שטיצט נישט זיינע אָנפאַלן אויף אַלע מלוכה־

שע דערגרייכונגען. צווייטנס, דאָס וואָס די כלי־קודש זענען ביי אייך נישט דערמאָנט אין גאַנצן, אָנשטאָט דעם, וואָס דער רב דאַרף זיין דעם גלחס מיטהעלפער. דריטנס, דאָס נאַציאָנאַלע האַרצקלאַפּן פון דעם יידישן אַרבעטער און קאָלווירטניק. פערטנס, אייער געבן ריין מענטשלעכע ליבע, וואָס קוים האָט זי נישט קיין פּאַטריאָטישן אונטערשלאַק, אַזוי ווערט זי אָפּגעשאַצט ווי אַ פאַרקריפּלונג, ווי אַ מוציא שם רע אויף דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט. אַזוי איז דאָס, גוטער ברודער, קוקט נישט אויף מיר מיט אַזוינע וואָלפישע אויגן, היינט טאָר מען נישט אַרויסקומען מיט קיין סענטימענטן. קיין אמונות ותמרס זענען היינט נישטאָ. אַזוי ווי מען האָט נאַציאָנאַליזירט אַלע רייכטימער פונעם לאַנד, אַזוי אויך האָט מען נאַציאָנאַליזירט דאָס פאָלק, די ליטעראַטור און... די ליבע. יעדע מינדסטע באַוועגונג מוז שטימען מיט דער פּאָליטיק און טאָמער נישט, ביסטו אַ שונא פונעם פאָלק, אַן אונטעררייסער, אַ קאָנטערעוואָלוציאָנער... אָט אַזוי זעט אויס די לאַגע היינט צו טאָג. איבעראַרבעטן דאָס בוך און דאָס אַלץ פריש אַריינגעבן און אויסשטרייכן — הייסט אָנשרייבן אַ נייעם בוך. חוץ דעם דאַרף מען נאָך וויסן, צי זענט איר פעאיק צו מאַכן אַזוינע בלבולים אויפן גלויביקן שיכט יידן. און אויב אייער בוך וועט דערשיינען אָט אַזוי ווי ער איז, זענט איר אַן אייביקער קאַטאָרזשניק... אפילו מיך, אויב איך זאָל רעקאָמענדירן אייער בוך צום דרוק, קען מען אויך צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך גלייב, אַז איר וועט דאָס אַליין נישט וועלן. נאָך מער, די „באַזונדערע אָפּטיילונג" וועט אויפזוכן אַלע אייערע קלענערע זאַכן און טאַקע דערזען, אַז אין ערגעץ דערמאָנט איר נישט דעם רעליגיעזן יידן אַלס שונא, און דאָס וועט נאָך מאַכן געפערלעכער אייער לאַגע...

מאַרגאָלים איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין צימער איז געבליבן הענגען אַ דריקנדיקע שטילקייט.

— עלטערן האָט איר? — האָט מאַרגאָלים אומגעריכט אַ פרעג געטון.

— יאָ.

— איז צוליב אייערע עלטערן, צוליב אייער כלה טאָרט איר נישט לאָזן דרוקן אייער בוך. אַנדערש, וועט איר ווערן אויף לאַנגע יאָרן אוים זון און אוים חתן...

— איך האָב געקלערט דרוקן מיין זאַך אונטער אַ פרעמדן נאָמען.

— וואָס פאַרריכט איר דערמיט? וועט מיט יענעם טרעפן דאָס אומגליק! און אַז מען וועט יענעם רעכט נעמען אין דער אַרבעט אַריין, וועט ער אָנרופן דעם אמתן מחבר. און טאָמער וועט מען אייך נישט פאַקן, וועט מען אָנשטאָט אייך, נעמען אייערע עלטערן. דאָרט ווו עס האַנדלט זיך אין אַ שרייבער אַן „אפיקורוס", ווייסן זיי נישט פון קיין רחמנות...

און נאָך אַ קורצער פויזע, נאָכדענקענדיק:

— ווי לאַנג האָט איר געשריבן אייער ווערק?

— זינט איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן, זענען שוין פאַריבער צוויי יאָר.

— גאַנצע צוויי יאָר? אַ גרויסער עגמת־נפש. וואָס קען מען דאָ זאָגן?

שלמה נעמט דאָס פּעקל העפטן פון טיש, בלעטערט זיי מיט ליבשאַפט. זיין פנים זעט אויס שטאַרק אומגליקלעך, די אויגן זענען טרוקן און ברענען פיבערדיק:

— איז וואָס זשע דאַרף איך מיט דעם אַלעמען טון?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיין ליבער? לאָזט דאָס ליגן אַלס אָנ־דענק פון אייערער זייער אַ געלונגענער זאַך... אפשר די קומענדיקע דורות... וועלן האָבן מער זכיה פון אונדז... דערווייל איז דאָס טען גניזה און וואָס טיפער — איז אַלץ גלייכער, ווייל מען דאַרף חושש זיין פאַר אַ רוח שאינה מצויה...

— גוואַלד, עס איז דאָך אַזוי רעוואָלוציאָנעריש אָנגעשריבן?

— אַלע אמתע שונאים, נישט ווי איך מיט אייך, נאָר די פּאַרביסענע, די ריכטיקע שעדיקערס, יענע שרייבן נאָך מער רעוואָלוציאָנעריש, נאָך מער פּאַטריאָטיש, און טאַקע מיט דער כונה, כדי דורכצוזוכן זייערע אידעאַלן אומבאַמערקט.

שלמה מישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, שפּיגלט זיך אין דעם אָנגע־שריבענעם. די הענט ציטערן, די ליפּן זענען בלאָ, די באַקן טויט.

— ווי אַזוי זשע באַגראָבט מען עס אַזאַ טייערע זאַך? עס איז דאָך ממש אַ צער־בעלי־חיים...

— אמת, אַ טייערע זאַך, איך זאָג אייך אַליין. יעדע שורה, יעדעס וואָרט איז דימענטן מיט בריליאַנטן. כ'האָב דאָך אייך געזאָגט: אפשר פּרוווט דאָס באַהאַלטן, טאָמער וועט אונדזער מלוכה אָנהייבן שוואַכער צו רעאַגירן אויף אַזוינע שאלות, באַטש עס ווייזט עפּעס נישט, אַז עס זאָל גיין דערצו. גלייבט מיר, איך מיט מיין רעוועקאָן האָבן אַלע פיר טעג נאָר געלייענט אייער ווערק און געהאַלטן אין איין באַדויערן, וואָס מען קען דאָ גאָרנישט העלפן און מען טאָר עס צום דרוק נישט צולאָזן.

שלמה האָט שלעכט געהערט, וואָס מען האָט גערעדט צו אים. אויף זיין פאַרוויסטן פנים האָבן זיך דורכגעטראָגן אומבאַקאַנטע שאָטנס ווי אַכזריותדיקע חילות. מיט אַ פינצטערן בליק האָט ער באַטראַכט זיינע כתבים און זיי מערדעריש פאַרקוועטשט מיט די פינגער:

— כאַפּט עס דער רוח מיט מיר צוזאַמען!...

די ווערטער האָט שלמה אַ געשריי געטון נישט מיט זיין קול. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ פנים פון אַ צעמישטן. אין די הענט האָט ער גע־האַלטן אַלע העפטן צוזאַמען מיט די געדרוקטע אויסשניטן. מיט דער פלינ־קייט פון אַ קאַץ האָט ער אַ שפּרונג געטון צום טיש. אויף אַ טשערעפּאַכע פאַר שטיקלעך פון אָפּגעוויכערטע פּאַפּיראָסן האָט געשטעקט אַ פּעקל שוועבעלעך. ער האָט דאָס געגעבן אַ כאַפּ אַראָפּ. עס איז געווען מיטן אויג נישט צו כאַפּן, ווען דאָס איז געשען, נאָר ווען מאַרגאַלים מיט פּאַלין זע־נען צוגעלאָפן, האָט שוין אויפן פּאָל געפּלאַקערט דאָס פּעקל העפטן, און אַרויסגעשטעקט צונגען אויף אַלע זייטן.

— וואָס טוט איר, גזלן? — האָט מאַרגאַלים זיך אַ וואָרף געטון צו אים מיט אַ גוואַלד.

שלמה מיט זיינע צעשויבערטע האָר און מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָט אויסגעזען שרעקלעך. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלינקייט האָט ער אַ שלעפ געטון דעם שרייבטיש צו זיך, געשאַפן אַ באַריקאַדע, צונויפגעשלעפט בענקלעך און נישט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם.

דער שייטער האָט דערווייל לעבעדיק געקנאַקט, אַרויסשטעקנדיק צווייגלעך רויך אויף אַלע זייטן. בלעטלעך האָבן זיך געקאָרטשעט פון היץ, רויט געוואָרן און שוואַרץ געוואָרן, געדרייט זיך אַרויף צו שלמהן, ווי אַ קליין קינד שטרעקט אויס די ראָזע הענטעלעך און בעט זיך ביי דער מוטער:

— נעם מיך, נעם מיך, איך בין דאָך דיר אָנגעקומען אַזוי שווער... האָסט דאָך מיך אַזוי ליב... האָסט דאָך מיך שטענדיק אַזוי געצערטלט, אַזוי געגלעט, אַזוי געקושט...

פון שלמהס אויגן האָבן געגאָסן טרערן. פאַר דעם שיין פון דעם פייער האָבן זיי אויסגעזען ווי בלוט. טראָפנס פאַרגיפטעט בלוט האָבן גערונען פון זיינע אויגן אויף זיין קרבן.

ביסלעכווייז האָט דאָס פייער זיך אָנגעהויבן צו לעשן. ברענענדיק אַש האָט נאָך געזיפצט, געקרעכצט.

קיינער האָט נישט געהערט, ווי אין צימער איז אַריינגעקומען רעוועקאַ. אַ מינוט האָט זי געקוקט דערשטוינט:

— וואָס טוט זיך דאָ?

און מיט אַ מאָל האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען. שלמהס ווילדער אויסזען איבער דעם נאָך גוסס־דיקן שייטער האָבן איר אַלץ אַנטדעקט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עס האָט זי אָנגענומען ביים האַרצן דער פאַרברענטער בוך, שלמהס אויסזען, די טראָפנס בלוט, וואָס האָבן געטריפט פון זיינע אויגן גלייך אין פייער אַריין. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן, אין צימער האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעכער געשריי:

— אַ — אַ — איי!...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

איר געשריי איז געווען אַזאַ הילפסלאָזער, אַזאַ שוידערלעכער, אַז ער האָט נאָך בולטער געמאַכט די גאַנצע טראַגעדיע, וואָס דאָ האָט זיך מיט עטלעכע מינוט צוריק אָפּגעשפּילט. שלמה האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער פריערדיקער פּאָזע און האָט מיט פאַרגליווערטע אויגן געקוקט אויפן ביסל צונויפגעשרומפּענעם אַש. ער האָט שוין נישט געוויינט, נאָר געבליבן פאַרשטיינערט.

מאַרגאַלים האָט אַ ציִ געטון פאַלין ביים אַרבל, ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן און פאַלי נאָך אים.

— הערט, חברטע פאַליאַ, מיט אייער חתן האָט זיך געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. קיינער קען אים אַזוי נישט מיטפילן ווי איך. ער איז אַ גרויסער שרייבער. אין דער גרויסער וועלט וואָלט מען אַזעלכן ווי ער אויף די

הענט אַרומגעטראָגן — און דאַ זעט איר דאָך... עס איז אַ גרויסער ווייַטיק... איך קען איצט קיין סך נישט רעדן... זיין אומגליק איז אויך מיין אומגליק... איר זענט נאָענט צו אים, זעט, מאַכט אַזוי, אַז ער זאָל בּיסלעכווייז פאַרגעסן זיין שאָדן. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבּע דאָס איז, בּאַזונדערס בּיי זיין טעמפּעראַמענט... אָבער וואָס זשע קען מען העלפן? מען דאַרף די ערשטע צייט זיין מיט אים צאַרט, פאַרזיכטיק ווי מיט אַ קליין קינד... פאַרגעסט נישט, וואָס איך האָב אייך יענע וואָך געזאָגט: אַזוינע יונגעלייט ווי אייער שלמה זענען היינט אַ גרויסע זעלטנהייט. שאַנעוועט אים!

זי האָט זיך אומגעקערט אין קאַבּינעט און איז שטיין געבּליבּן פאַרוווּנדערט: רעוועקאַ איז געשטאַנען לעבּן שלמהן און האָט בּאַשאָטן זיין געזיכט מיט קושן און מיט טרערן... דערזען פאַליאַן, האָט זי אַ צאַפּל געטון און איז אַרויס פון צימער.

טרויעריק האָט זיך שלמה געזעגנט מיט מאַרגאָליסן. שלמה האָט אים געדאַנקט פאַר זיין טירחה און יענער האָט זיך אָפּגעקערט, נישט געוואָלט פאַר פרעמדע ווייַזן אַ טרער. רעוועקאַ האָט זיך אין גאַנצן נישט געוויזן.

אין גאַס האָט פאַלי צוגערופן אַ טאַקסי און זיי זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים. אַריינגייענדיק אין שטוב איז שלמה גלייך אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ אין קישן און זיך בּיטער צעוויינט. פאַלי האָט זיך עטלעכע מינוט אַ צעטראָגענע אַרומגעדרייט לעבּן זיין טיר און אָננעמענדיק אַ בּאַשלוס איז זי אַוועק צו זיך און האָט גענומען לייענען אַ בּיכל.

צו פאַר נאַכט צו האָט זיך שלמה בּארויקט. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין בּאָדצימער. דאָרט האָט ער זיך לאַנג געוואַשן, זיך אַקוראַט פאַררעכטעט, אַרומגעבּערשטלט און אָנגעקלאַפּט צו פאַלין. פון צימער האָט זיך דערהערט אַ דערשראָקן קול:

— בּיטע, קומט אַריין!

שלמה איז אַריינגעקומען כמעט ווי אַ רואיקער, נאָר די אויגן זענען געווען אָנגעשוואָלן און אַ פרישער, טיפער קנייטש האָט זיך געצויגן אין דער בּרייט פון דעם שטערן. פאַלי איז אין אָנטון געלעגן אויפן בּעט מיט אַ בּיכל אין די הענט און האָט דערשראָקן געקוקט אויף אים.

— פאַלי, איר קוקט אויף מיר, פונקט ווי איך זאָל זיין עפּעס אַ פעלדגזלן אָדער אַ הורג־נפשות...

— שלמה, וואָס רעדט איר, איך פיל דען נישט —

— איי, פאַלי, דערמאָנט מיר נישט דאָס, וואָס איר האָט מיר ערשט געוואָלט דערמאָנען... איך האָב מיך היינט אויפגעפירט ווי אַן עכטע יאַכנע און שוין...

— שלמה, וואָס פעלט אייך איין? ווער וואָלט דען —

— אויף מיין אָרט זיך אויפגעפירט בּעסער, ווילט איר זאָגן? איי, לאָמיר דערפון מער נישט רעדן. דערווייל איז דאָך אַ שאָד דער אוונט... עס איז

איצט אַקוראַט אַ וואָך, אַז מיר זענען פון קיעוו... אַך, פּאַטער אין הימל, עס איז שוין עפּעס אַזוי לאַנג!.. אַ גאַנצע אייביקייט... מען זאָגט, אַז גוטע יאָרן לויפן גיך און שלעכטע — פּאַמעלעך... אַ פּנים, עס איז טאַקע אַזוי. פּאָלי, איר ווילט? אויף צו להכעיס דער גאַנצער וועלט און זיך אַליין אויך לאָמיר צופאָרן ערגעץ עפּעס זען!...

— שלמה, דאָס לעבן איז נישט קיין סצענע און איר שפּילט אַקטיאָריש אין אייער אייגן לעבן. עס איז אייך אַצינד נישט צום גיין אין טעאַטער אַריין, הלמאי זאָלט איר זאָגן? און אפילו... מיר... אויך נישט זייער...

שלמה איז תיכף־ומיד אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. ביי זיך, כאָטש אין דרויסן איז נאָך געווען גרויסער טאָג, האָט ער זיך באַלד אויסגעטון און איז אַריין אין בעט אַריין. דער שלאָף איז באַלד געקומען. פריער איז אים נאָר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

— אַ שטיינערנע פרוי, ווייסט נישט פון קיין מיטגעפיל צו אַ מענטשנס אומגליק...

קאַפּיטל LIII

עס האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען שלמה האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף. גאַנץ פרי האָט ער זיך אָנגעטון, געכאַפּט אַ קוק דורכן שליסל־לאָך צו פאַלין אין צימער. זי איז געשלאָפן איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. אויף די שפּיץ פינגער איז ער אָפּגעטראָטן פון איר טיר און איז אַרויס אין הויף. די זון איז נאָך געווען גאַנץ נידעריק, אין הויף האָט זיך נאָך דער טאָג נישט אָנגעהויבן. דאָס רוב שכנים זענען נאָך געשלאָפן. שלמה איז זיך דורכגעגאַנגען אַ ביסל. דער נעכטיקער טאָג האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ בייזער חלום. ער האָט נאָך אַלץ נישט באַגריפן זיין גרויסן אומגליק, מיט דער גאַנצער באַוווסטזיניקייט פון געדאַנק. ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי פאַלים לאָדן, מעכאַניש זיך אויפגעהויבן אויף די אָפּצאַסן און אַ קוק געטון אין פענצטער. דאָרט איז גראָד געווען וואָס צו זען:

פאַלי, נאָך אין איין העמד, איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט, געהאַלטן עפּעס אַ שוואַרץ בייטעלע און ביי דער עלעקטרישער שיין געציילט קליינע אַסיגנאַציעס. איבערגעציילט, האָט זי דאָס געלט צוריק אַריינגעלייגט אין בייטעלע און עס באַהאַלטן אין טאַש פון איר פּאַלטאָ, וועלכער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. שלמה איז אָפּגעגאַנגען פון פענצטער, אַ בייסיקער פאַרדרוס האָט אויפגעברויזט אין אים און געפרעסן זיין לייב:

— זיך מיטגענומען פון דער היים אַ קניפּל... עס פעלט איר עפּעס ביי מיר? און אויף וואָס דאַרף זי איצט גראָד געלט?

ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, אָפּגעדאַוונט, זיך געדרייט אַהין, אַהער. פאַלי איז אַלץ נישט אַרויסגעגאַנגען.

— וואָס טוט זי דאָרט?

שלמה האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. פון דאָרט האָט זיך דערהערט:

— איר מעגט אַריינקומען.

פאַלי איז געלעגן איינגעדעקט, די הענט פאַרוואָרפן אונטער דעם קאָפּ און האָט טרויעריק געקוקט אויף דער סטעליע.

— וואָס ליגסטו נאָך אַזוי שפּעט?

— איך בין קראַנק.

— וואָס הייסט קראַנק? וואָס איז דיר?

— איר האָט גאָרנישט געהערט, געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און איך האָב דאָ שטאַרק געבראָכן עטלעכע מאָל...

— איך האָב טאַקע נישט געהערט... אַ גרויסע עוולה פון מיר... פאַר וואָס האָט איר מיך נישט אויפגעוועקט?

— צוליב וואָס? וואָס קענט איר דען העלפן?

— פון וואָס זשע איז דאָס ברעכעניש ביי אייך פּלוצלינג?

— אודאי פון בייטן דעם קלימאַט. איך רעכן, אַז איך וועל מיך מוזן אומקערן אַהיים.

שלמה האָט דערפילט, ווי אַ פראָסט גייט דורך איבער זיין לייב, נעמט

דורך יעדעס גליד און בלייבט שטיין אין קאָפּ. ער האָט איבערגעלייענט אויף פּאָלים געזיכט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן ברעכן איז אַן אויסגע־טראַכטע. פּאָלי האָט געפּילט, אַז עס איז איר נישט געלונגען שלמהן אָפּ־צונאַרן און איז רויט געוואָרן פאַרן ליגן. די אויגן האָט זי געהאַלטן אויף די פינגער, קאַלט, ערנסט. שלמהן האָט פאַרפעלט אָטעם. ער האָט זיך באַ־מיט מאַכן אַ ווערטל דערפון:

— טאָמער האָט איר דאָס צוגעקלערט פאַר אַ שפּאַס, זענט איר שוין יוצא.

— ניין, איך שפּאַס נישט. איך האָב מיך אַ גאַנצע נאַכט געמאַטערט, ביז איך האָב אָנגענומען דעם באַשלוס, נאָר קוים האָב איך באַשלאָסן, איז דאָס שוין אויף פעסט. אויב פון קיעוו ביז מאָסקווע ווירקט אַזוי אויף מיר דער קלימאַט, וועט זיין ווייטער נאָך ערגער...

שלמה הערט די ווערטער: קלימאַט... ערגער... און טראַכט זיך: פאַר וואָס זאָגט זי נישט גלייך, אַז זי האָט חרטה אויפן שידוך און שוין! נאָך וואָס טויג איר דאָס ליגן?

פּאָלי הייבט אויף די אויגן, אָבער זי קען נישט אויסהאַלטן שלמהס בליק. זי נעמט אויף זיך דעם כאַלאַט, אַ האַנטעך מיט זייף און גייט אַרויס זיך וואַשן. שלמה קוקט איר שטום נאָך. די טיר מאַכט זיך צו. ער קוקט זיך אַרום, אויפן טיש באַמערקט ער אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נעמט ער אים אין האַנט. אויפן קאָנווערט — אַן אויפשריפט: לייע־נען נאָך מיין אוועקפאָרן.

אין אים ברויזט אויף אַ שרעקלעכער גרימצאָרן:

— זי וואַגט נאָך מיר צו דיקטירן, ווען צו לייענען און ווען נישט, שפּילט זיך גאָר מיט מיר אין באַהעלטערלעך. זי מיינט, אַז אַלץ דאַרף זיין ווי אין אַ ראָמאַן.

ער גיט אַ פליק אויף דעם קאָנווערט. דאָס צעטעלע איז קורץ און שאַרף:

„איר זענט געווען גערעכט, אונדזער שותפותדיק לעבן איז געווען אַ טעות. דאָס וואָלט געווען אַן אייביקע פּלאָג, סיי פאַר מיר, סיי פאַר אייך. איר פאַרשטייט דאָס נישט ערגער פון מיר. מיך האָט באַצויבערט אייער פּאָעטישע נאַטור, דער אַרעאָל פון אַ שרייבער, אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן זענען מיר גאַנץ פאַרשידענע מענטשן, פון גאַנץ פאַרשידענע וועלטן. אָט די פּראַקטישע דערפאַרונג האָט מיך זייער טייער געקאָסט. עס איז מיר זייער שווער. איך פאָר אַוועק, איר קענט וועגן מיר טראַכטן, וואָס איר ווילט, מיך אָנרופן: דעזערטירין, פאַררעטערין אָבער מיך גייט דאָס נישט אָן, איך קען נישט אַנדערש... איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אַלץ..."

שלמהן האָט אין קאָפּ געפּיקט אַ געדאַנק: אַן אַ „צו ווּעמען", אַן אַ „פון וועמען"...

עס האָבן זיך דערהערט טריט. שלמה האָט באַהאַלטן דעם בריוו. דאָס ערשטע, וואָס פּאָלי האָט באַמערקט איז געווען, אַז אויפן טיש

אין לײדיק. זי איז געװאָרן װײס װי אַ לײלעך. שלמה האָט גוט געזען, װי דאָס קעמל טאַנצט איבערן קאָפּ און זי קען נישט אײנשטילן דעם פּי־בער. אים האָט אויף דער שטעל אָנגענומען אַ רחמנות־געפיל אויף אָט דעם שװאַכן באַשעפעניש, װאָס שטײט דאָ אַנטקעגן אין אײן ציטערניש און אין אײן פלאַטערניש.

— פּאָלי, אײך װעט שױן אויסקומען צו מײן לאַנגן צעטל חטאים צו־שטעלן נאָך אײן פאַרברעכן: איך האָב אײך נישט געפאָלגט און איבער־געלײענט אײער צװאה...

— מיר איז דאָס אַלץ אײנס...

— פאַר װאָס עפּעס אַלץ אײנס? אדרבה, אַזױ איז דאָך לײטישער, זאָל אַ מענטש װיסן, װו ער איז אין דער װעלט... יאָ, יאָ...

אין צימער איז געװען שטיל אַזױ װי אויף אַ בית־עולם. פּאָלי איז גע־שטאַנען צו אים מיט דער פּלײצע, געהאַלטן דאָס קעמל, נאָר זיך נישט געקעמט. געקוקט אין שפּיגל, נאָר גאָרנישט געזען. זי האָט געװאָרט.

— איז, הײסט עס, צעגײען מיר זיך, װי די שיפן אויפן ים?

פּאָלי האָט גאָרנישט געענטפערט. שלמה האָט פאַרגעזעצט:

— אפשר פאַרט, פּאָלי, װאָלט איר נאָך איבערגעקלערט אַ ביסל? פאָלגט מיך, איבערלײגט אײך, דאָס איז דאָך אַזאַ שרעקלעכער טריט: אומקערן זיך...

— דאָס אַלץ האָב איך באַקלערט, אײדער איך האָב מיך דערװיף באַ־שלאָסן.

— װײ, װײ... װער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ פּלוצלעכן קראַך, האָ? װי זאָגט מען דאָס Шаг вперед, два назад... * אַזױ קומט אויס...

— איך װײס נישט, װי אַזױ עס קומט אויס... כ׳האָב נישט געטראַכט דערפון...

שלמה חזרט מעכאַניש איבער:

— נישט געטראַכט... נישט געטראַכט...

און אויפװאַכנדיק, מיט אַ בליאַסק פון האָפענונג אין די אויגן:

— אָך, נישט געטראַכט? — הערסט אַ מעשה, איז דאָך גוט! איז אפשר װעט איר נאָך אַצינד אַ טראַכט טון?

— װעגן דעם איז שױן אײן מאָל געװאָרן אָפּגעטראַכט... איך בין נישט קײן מײדעלע... געזאָגט — איז געזאָגט...

— הײסט עס, קײן אַפּעלאַציע איז שױן אויך נישט גילטיק? — האָט שלמה איראָניש געפרעגט.

— אויב אײך איז אַזױ צום לאַכן, טוט דאָס מיר שטאַרק הנאה.

— נו, װאָס דען זאָל איך — װײנען? רײסן אויף זיך די האָר? פאַלן צו די פיס? קושן די ערד? פּאַסט דאָס פאַר אַ מאַנסביל? און װידער, אײך װעט דאָס דען רירן? אײערע אויערן דערלאַנגען דען צום האַרץ,

* אײן שריט פאָרויס, צװײ אויף צוריק.

וואָס זיי הערן? ניין, דאַנקען שיין! גענוג געוויינט! עס טוט מיר באַנג די נעכטיקע היסטעריע אויך... איך טראַכט נאָר: מאַמע מיינע, ווי מען האָט דאָס מיך אין הימל אין זינען טאָג טעגלעך... נעכטן איז מיין בוך אוועק מיטן רויך, היינט — וואַרפט איר מיך אוועק... פאָטער אין הימל, מען קען דאָך טאַקע אויף אַן אמת משוגע ווערן...

פאַלי איז אַלץ געשטאַנען צו אים מיטן רוקן, זיך מורא געהאַט אויס־צודרייען, טאָמער וויינט ער...

אין צימער איז לאַנג שטיל געווען...

מיט א מאָל האָט שלמה איבערגעטראַכט פון איין פוס אויפן אַנדערן. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון עפּעס אַן איינגעגעסענער משא. ער האָט זיך כמעט פריילעך פלוצלינג אָנגערופן:

— וואָס שטייען מיר עפּעס ווי די אינדיקעס, אָנגעבלאָזן איינער אויפן צווייטן? מילא, וואָס טרעפט נישט אין לעבן? וואָס קען מען העלפן? הקיצור, פאָרן, איז פאָרן!.. ווען זשע קלייבט איר זיך אין וועג אריין?

— אפילו היינט, אויב איך וועל נאָר קריגן א בילעט.

— פולשטענדיק גערעכט, געזאָגט און געטון. צו וואָס איז דאָס אָפּ־לייגן?

— איר רעכנט, אַז אויב איך וועל באַלד צופאָרן צום וואָקזאַל, וועל איך קריגן א בילעט?

— פאַר וואָס עפּעס גאָר — איר? און איך ווו בין?

— ניין, אויף צוריק וועל איך מיר אַליין קויפן א בילעט.

— דווקא נישט! באַליידיקן מיך וועל איך נישט דערלויבן. פאַר קיין חתן טויג איך נישט, אָבער א קאַוואַליער בין איך נישט פון די לעצטע...

פאַלי האָט זיך געפילט שטאַרק נישט פריילעך פון שלמהס טאָן. זי האָט אַלץ דערוואַרט פון אים, נאָר נישט אַזאַ רואיקייט.

שלמה האָט זיך פלוצלינג צעלאַכט.

— פון וואָס לאַכט איר? — האָט פאַלי בייז א פרעג געטון.

— איך לאַך, וואָס מיר לעבן אין א וועלט מיט וועלטעלעך... ביי ווע־מען דער שידוך האַלט זיך זיבעציק יאָר — און אונדזער עפּאָפּייע האָט געדויערט גאַנצע זיבן טעג. פונקט אין דער זעלבער צייט, פאַראַכטאָגן מאָנטיק, זענען מיר צוגעפאָרן פונעם צוג צו „ציניטמאַש"... מאָנטיק — פון קיעוו, מאָנטיק — קיין קיעוו... נו, איך גיי אָנקלינגען אויפן וואָקזאַל גע־וויר ווערן, ווען גייט אָפּ א צוג...

אין צען מינוט אַרום איז שלמה אַריינגעקומען מיט א ידיעה, אַז א שנעלצוג גייט אָפּ 6.35 פאַר נאַכט; בילעטן פאַרקויפט מען פון אין דער פרי אָן.

— איך פאָר שוין צו אין שטאָט אַריין נאָך א בילעט און איר עסט דאָ אָפּ און זייט גרייט.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר... איר זענט ווירקלעך —

— ע, נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען...

קאפיטל LIV

ווען שלמה איז צוריקגעקומען פון שטאָט איז שוין געווען באַלד צוויי אַ זייגער. ער איז געווען פאַרפלאָמט, פאַרהאַוועט. דער שוויים האָט געגאָסן פון אים. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שיינע וואַליזע פון מיטעלער גרייס. אָפּגעסאַפּעט, האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעמטאַש אַ בילעט אין אַ „וויי‍כן" וואַגאָן אַריין און דערלאַנגט פּאַלין:

— קוים געקראָגן. דעם לעצטן...

פּאָלי האָט מיט פולע אויגן מיט טרערן באַטראַכט דעם בילעט מיט די אותיות: קיעוו...

— שלמה, איר זענט אַזוי דערשוויצט...

— ווייס איך, נאַרישקייטן. עס האָט געפעלט אַ האָר, אַז איך זאָל קיין בילעט נישט קריגן... אָט די וואַליזע האָב איך פאַר אייך געקויפט, זי וועט אייך צו נוץ קומען אויף ביכער... איך זע, אַז איר האָט זיך שוין פאַר־פּאַקט, מאַלאַדיעץ! אָט, אין דער נייער וואַליזע, האָט איר אויפן וועג אַ ביסל... צידה לדרך... נאַרישקייטן: שאָקאָלאַד, פּיסטאַשקעס, טאָרט...

— וואָס האָט איר געטון?

— פּאָלי, וואָס לערנט איר מיך? איר מיינט, אַז שטענדיק דאַרף זיין ביי אייך די דעה? היינט קאָמאַנדעווע איך מיטן פּאַראַד!.. אָט דאָ אין פּעקעלע האָט איר אַ זעלטענעם שניט ענגלישן באַסטאָן אויף אַ האַרב־סטיק קלייד...

— שלמה, איך וועל נישט דערלויבן —

— איי, רעדט נישט קיין נאַרישקייטן. איר ווייסט גאָרנישט, ווי דער גראַנאַט־קאָליר פּאַסט אייך צום פּנים... אויף זיך זעט איר דאָך נישט און די סחורה איז די בעסטע אין דער וועלט. איך בין אַ מבין, איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן...

— מיט וועלכע רעכט זאָל איך נאָך נעמען ביי אייך מתנות? דער־פאַר אפשר, וואָס איך האַלט נישט מיין וואָרט און לאָז אייך איבער ווי אויפן וואַסער אין אַזאַ עת־צרה?

שלמה איז לוסטיק ווי שטענדיק. אויב נישט רעכענען די געלבלעכע רעדלעך אַרום די אויגן און די בלאַקייט פון די ליפּן, איז אויף אים גאָר נישט צו דערקענען קיין ענדערונג. ער גיט אַ שמייכל:

— איר פרעגט, מיט וועלכע רעכט? נאַריש קינד, וואָס איר זענט! מיט אַלע רעכט! איר געדענקט, איך האָב אייך אַ מאָל געזאָגט, אַז מיין נשמה האָט ליב אייער נשמה? דאָס איז דאָך נישט געווען אויסגעטראַכט. אַזעלכע געפילן ווערן נישט אויסגעוועפט אַזוי גרינג... און איר פרעגט גאָר, מיט וועלכע רעכט? איר זענט אַ קאָמישע, אויף מיין וואָרט...

פּאָלי שטייט אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. אירע הענט ציען זיך אַרומ־צוכאַפּן אַרום דעם האַלדז אָט דעם מענטשן, אָט די געטרייע נשמה. זי האַלט זיך איין מיט די לעצטע כוחות. שלמה רעדט דערווייל ווייטער:

— און וואָס איר זאָגט, אַז איר וואַרפט מיך אַוועק, איז דאָך אויך נישט אײַער שולד, נאָר מײַנע... דערין איז דאָך שולדיק מײַן רעליגיע, מײַן אַרט לעבן. און נאָך אַ זאַך: ווען נישט מײַנע אײַזערנע נערוון, וואָלט איך נישט אַזוי גרינג געווען מיך אַוועקצוּוואַרפן...

פאָלי גיט אַ שפּרונג אָפּ ווי פון אַ ביס. זי פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און וואַקלט זיך אויף די פיס...

עטלעכע מינוט איז שטיל און שלמה זעצט פאָר מיט זײַן רעגלמעסיקן, גוטמוטיקן קול:

— פאָלי, איר זעט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט אײַך צו קויפן? קוקט אומיסטן.

פאָלי, אַ דערשלאָגענע, מיט פאַרלאָשענע אויגן, פאַרשטייט נישט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ביכל?

— כאַ־כאַ־כאַ! דאָס איז נישט קיין ביכל. דאָס איז אַן אַלבאָם פון אַלע בילדער פון טרעטיאַקאָווער גאַלעריע, אַלע, אַלע... דאָס איז אַן אָנדענק! אַז נישט, ווי אַזוי דען וועט איר באַווײַזן אײַערע קומענדיקע דורות, אַז איר זענט אַ מאָל געווען אין מאָסקווע?...

ער פאַרעט זיך אין דער וואַליזע און רעדט ווײַטער:

— און אָט דאָס שקאַרמיצל קאָנפעקטן, וואָס ליגט דאָ, איז נישט פאַר אײַך, פאָלי, איר הערט? נישט פאַר אײַך!

פאָלי קוקט אויף אים מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק. שלמהס שטים גייט איבער אין אַ סענטימענטאַלן טאָן. ער רעדט סודותדיק, מיט אַן ערנסטן צוטרוי:

— דאָס האָב איך ספּעציעל געקויפט, פאָלי, טאָמער טרעפט זיך אײַך ווידער צו באַגעגענען אָט דאָס ייִנגעלע מיטן שוואַרצן בלוזקעלע, וואָס אויף דער קוקורוזע. וואַרפט דאָס אים אַראָפּ און גיט אים נאָך אַ פאָכע מיט דער האַנט פאַר מיר אויך...

פאָלי קען מער נישט אויסהאַלטן. זי פאַלט אום אויף דער סאָפע מיט אַ היסטערישן געוויין. איר גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך ווי אין פיבער. שלמה שטייט לעבן איר און טרייסט זי:

— נו, וואָס וויינט איר? נאַרעלע! איר מיינט טאַקע, אַז מיר זענען די גאַנצע באַלעבאַטים אויף אונדזער לעבן? און ווו איז עפּעס דער הימל? גאָט האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? עס איז זיכער אַזוי באַשערט, אַ פּנים, עס איז נאָך צו פרי צו שליסן די קייט פון מײַנע יסורים, אַז נישט, וואָלט אַלץ אַנדערש אויסגעזען... און איר מיינט, אַז אויב איר פאָרט שוין אַוועק, דאָס איז גאָר? און אַז איך וועל פאַרפאָרן אַזש קיין ארץ־ישראל, דאָס איז גאָר? ווי אַזוי האָט געזאָגט מײַן זיידע דאַמאָלסט פאַרנאַכט? — „די וועלט איז נאָר אַ קאָרידאָר. און אַז מען באַגעגנט זיך אין קאָרידאָר נאָר איין מאָל, וואָס איז דער אומגליק? דער עיקר איז אין זאַל“... נו, פאָלי, דער טאָג שטייט נישט. עס קומען הײַנט פאַר דעמאָנסטראַציעס אין גאַס, דער טראַמוויי קען זיך שלעפּן אַן אַ שיעור און קיין

אויטאָ קריגט מען אַצינד נישט. גיט צום טיש, וואָס עס איז דאָ און מיר וועלן נאָך אַפּעסן צוזאַמען איין סעודה... די סעודה המפסקת...

פּאָלי האָט געגרייט צום טיש און הייסע טרערן האָבן געקאַפּעט פון אירע אויגן גלייך אויף די מאכלים. שלמה האָט אַלץ חוזק געמאַכט פון איר ווייכהאַרציקייט.

שטיל און באַטריבט, ווי נאָך אַ לויה, האָט אויסגעזען זייער געזעגע־נונגס־מיטאָג.

שלמה האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן פונעם טיש:

— נו, וואָס דאַרף מען טון? אייער וואַליזע איז שוין גוט פאַרפּאַקט?

פּאָלי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— וואָס צו לייענען אויפן וועג האָט איר?

— ניין.

— יענע צוויי ביכלעך האָט איר שוין איבערגעלייענט?

— ניין, נאָר איינס.

שלמה גיט אַ שפּרונג אין איר צימער, ברענגט דאָס נישט געלייענטע ביכל און פּאַקט דאָס איין אין דער פריש געקויפטער וואַליזע.

— וואָס טוט איר, שלמה? עס איז דאָך אַ פרעמדס?

— אַ פּעטערס איז נישט קיין פרעמדס, זאָל אייך נישט אַרן, נו, גע־גאַנגען זאָל ווערן...

פּאָלי נעמט אָנטון איר היטעלע און שלמה גיט אַ געשריי:

— אוי, האָב איך אַ קאָפּ! שיר נישט פאַרגעסן...

ער לויפט אַוועק צו זיך אין צימער און ברענגט צו טראָגן פון דאָרט דעם פּערסישן כאַלאַט אויף צוויי פינגער.

— באַרעכנט נאָר, שיר נישט פאַרגעסן אומקערן אייך דעם לעגענדאַרן, מזרחדיקן פרינץ... נאָך אַ ביסל, וואָלט אייער צוקונפטיקן באַשערטן גע־ווען אויסגעקומען צו זיין ענלעך נאָר אויף אַן אייראָפּעאישן מאַנארך, נישט אויף קיין שייך... שיין וואָלט ער אויסגעזען...

ביי פּאָלין ציטערט די אונטערשטע ליפּ:

— איר האָט אַ טעות, שלמה, מיט מיין פאַרשאָלטענעם כאַראַקטער וועל איך שוין מן־הסתם קיין מאָל פאַר קיינעם נישט חתונה האָבן... אויב איך קען אַנטלויפן פון אַזאַ מענטשן ווי איר, איז שוין אָפּגערעדט...

— גראָד האָט איר דאָס מאָל אַ טעות, פּאָלי. קיין יידישער מאָ־נאַסטיר איז נישטאָ. שלמה וועט אייך גרינג פון קאָפּ אַרויספליען, אויב ער איז שוין נישט אַרויסגעפלויגן... און איר וועט נאָך גליקלעך זיין... מיט אַן אַנדער מענטשן וועט אַלץ אָנקומען גרינג און גיך, אָן גרימעניש...

— שלמה, האָט אויף מיר רחמנות, הערט אויף אַזוי צו רעדן...

שלמה גיט פּלוצלינג אַ בינד אויף איר וואַליזע, צענעמט דאָס ביכל, וואָס דאָרט ליגט, קוקט זיך שטאַרק איין אין די טייערע פּנימער פון די טאָלטשינסקיס, גיט אַ וואַרף צוריק דאָס ביכל און דרייט זיך אוים צום פענצטער. פּאָלין טרייסלט אַ פרישער געוויין. זי צעבייסט זיך די ליפּ,

כדי זיך נישט צו צעוויינען אויפן קול. נאָר אָט איז שלמה שוין באַלד באַ־רואיקט. ער דרייט זיך אויס פונעם פענצטער, נעמט ביידע וואַליזעס אין די הענט און זאָגט נאָר איין וואָרט:

— קומט!

פאַלי וואַרפט צום לעצטן מאָל אַ קוק אויף דעם שלאָפצימער, אויף דעם זאַל. איר האַרץ צעררייסט זיך אין איר אויף שטיקער. זי פילט, ווען שלמה גיט איר נאָר אַ פּיפס, איין וווּנק — בלייבט זי. נאָר ער זאָגט גאָר־נישט, ער שטעקט אַריין דעם שליסל אין שליסל־לאָך, דער בלאַטשלאָס גיט אַ האַרצרייסנדיקן קלונג און זיי גייען אַרויס אין הויף אַריין. אויף אַ טראַמוויי איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן און זיי זענען אַוועק־געפאָרן.

ווען שלמה האָט אַרויפגעלייגט אירע וואַליזעס אויף דער פּאָליצע און איר אָנגעוויזן איר אָרט, איז נאָך געבליבן פופצן מינוט צום אָפּגיין פון צוג. פאַלי איז מיט שלמהן אַרויסגעגאַנגען אויפן טאַמבור. שלמה האָט זיך געווענדעט צו איר מיט אַ געלאַסענעם טאָן:

— פאַלי, אַלץ איז געענדיקט! איר זענט שוין מיט איין פוס צוריק אין קיעוו. הערט מיך אויס מיט קאָפּ. איר האָט, דאַכט זיך, היינט עטלע־כע מאָל איבערגעחזרט, אַז איר זענט מיר דאַנקבאַר, איאָ אַזוי?

— שלמה, איך האָב נישט קיין ווערטער —

— איז אויב איר ווילט מיר טון אַ טובה, האָב איך צו אייך אַ ביטע. שווייגט... שלאָגט מיר נישט איבער. איך האָב אין קיעוו פיל מענטשן, וועלכע עס וועט שטאַרק פרייען דער וויסטער סוף פון אונדזער שידוך. ווער פון שנאה, ווער פון קנאה, און ווער — גלאַט אַזוי... נאָר פיל מענטשן וועלן זיך זיכער דערקוויקן. וויל איך, אַז איר זאָלט ביי זיי דאָס פאַר־געניגן צורויבן. מאַכט אויף דער ערשטער צייט אַן אָנשטעל, אַז עס איז טאַקע אמת די מעשה מיטן קלימאַט, מענטשן וועלן אפשר גלייבן... ווי נאָר איר קומט קיין קיעוו, פאָרט אומבאַדינגט באַלד צו צו מיינע עלטערן מיט אַ וויזיט. ביי זיי זענט איר דאָך פאַררעכנט פאַר אַ טאָכטער... דערשלאָגט זיי נישט מיט איין קלאַפּ: מיין גלות... אייער אַוועקוואַרפן מיך... דער אומגליק מיטן בוך... צו פיל פאַר עלטערע מענטשן מיט איין מאָל... סי־מולירט אַ שטיקל צייט, גלייך ווי צווישן אונדז זאָל נישט געווען פאַרקור־מען קיין רים. און מיט דער צייט וועט ממילא אַלץ צערונען ווערן. איר וועט ווידער אָנקומען אין אינסטיטוט... דאַן וועלן זיי זיך שוין אַליין אָנ־שטויסן... נאָר פרעמדע מיילער וועלן דערווייל נישט האָבן וואָס צו רעדן... זאָגט איר מיר צו דאָס אויסצופילן?

— שלמה, טייערער שלמה, אַלץ וועל איך טון, כדי עס זאָל זיין פאַר אייך בעסער...

— אויב אַזוי, איז גוט. גיט מיר אייער האַנט, מען האָט שוין געגעבן צוויי קלונג. פאָרט געזונט, איך טראָג אויף אייך קיין פאַרדרוס נישט. איך ווינטש אייך פיל גליק אין אייער לעבן.

פאָלי האָט אַ היסטערישן קוויטש געטון, געוואָלט שלמהן אַ קוש טון, נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט און איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער צוג האָט אַ ריר געטון, פאָלי איז געשטאַנען אויף דער טיר און האָט אַ ווייַנענדיקע געפאָכעט מיטן טיכעלע, לאַנג נאָכגעשאָקלט מיט דער האַנט.

שלמה איז געשטאַנען אַזאַ נעבעכדיקער, אַזאַ אויסגעשעפּטער... דער צוג האָט זיך אַלץ דערווייטערט, איר פיגור — קלענער און קלענער.

פאָלי האָט זיך אומגעקערט אין וואַגאָן אַרײַן, אײַנזאַם באַקוקט די קופּע, די אויסגעבעטע סאָפע, און אַ כליפּענדיקע אַרײַנגעשטעקט אַלע צײַן אין דעם צוקאָפּנס־קישעלע...

דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן אויף מערב...
אויף צומאָרגנס האָט שלמה פאַרלאָזט מאָסקווע.
דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן אויף מזרח...

ע נ ד ע פ ו ן פ ע ר ט ן ב א נ ד.